STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01079

HURBN UN OYFSHTAND FUN DI YIDN IN VARSHE

Melech Noy

Permanent preservation of this book was made possible
by David & Sylvia Steiner
in memory of
Deborah Sachs

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

חורבן און אויפשטאַנד
פון די אידן אין וואַרשע

ערשטער טייל: **עדות־בלעטער**

צווייטער טייל: **די געפאַלענע אויף דער וואַך**

איבערגעזעצט פון העברעאיש

ד. ב. מאַלקין

מלך ניישטאַדט

חורבן און אויפשטאנד פון די אידן אין ווארשע

עדות־בלעטער און אזכרות

ערשטער טייל: עדות־בלעטער

אַרויסגעבער: ועדת הגולה פון דער אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע
(ההסתדרות הכללית) אין ארץ־ישראל
און אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד אין אַמעריקע

1948 תל־אביב תש״ח

All Rights Reserved
געדרוקט אין ארץ־ישראל
Printed in Palestine 1948

Meilech Neustadt

DESTRUCTION AND RISING

The Epic of the Jews in Warsaw

A COLLECTION OF REPORTS AND BIOGRAPHICAL SKETCHES OF THE FALLEN.

Vol. I. As told by them

This edition in Yiddish follows two previous editions published in Hebrew (1946 and 1947) and contains certain additions and revisions.

Published by the Executive Committee of the General Federation of Jewish Labour in Palestine and the Jewish National Workers' Alliance in U.S.A.

Tel-Aviv (Palestine), P.O.B. 303.

געדרוקט אין דער קאָאָפּעראַטיווער דרוקעריי „אחדות״, תל־אביב, ת. ד. 159

אינהאַלט:

זייט

צו דער אויסגאַבע אין אידיש 15

דער געטאָ אין געראנגל (ארײנפיר־קאַפּיטלען) 17

צו דער צווייטער (העברעאישער) אויפלאַגע 66

ערשטער טייל: עדות־בלעטער

I. דער גירוש פון די וואַרשעווער אידן (יולי—סעפּטעמבער 1942)

א—ד. דער גירוש באַפעל 69

ה. די צאָל געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ אין די חדשים פון גירוש . 75

ו. די צאָל אַרויסגעשיקטע 76

ז. שילדערונג פונם מאַסן־גירוש (יולי—סעפּטעמבער 1942) . . . 78

ח. דער ווײ־געשריי פון די וואַרשעווער אידן 96

II. עדות־בלעטער פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן

א. אין וואַרשעווער געטאָ און אינם טויט־לאַגער אין בעלזשעץ . . 99

ב. די ליקווידירונג פונם לאַגער אין פּאָניאַטאָווע 105

III. דער אויפשטאַנד פון די וואַרשעווער אידן

א. די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע (אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג) . 128

אויפרוף פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע צו דער פּוילישער באַפעלקערונג 168

ב. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אין פּוילן:

1. באַריכט פונם 15־טן נאָוועמבער 1943 169

2. פינאַנץ־באַריכט (1־טער יאַנואַר—1־טער אָקטאָבער 1943) . . . 182

3. באַריכט פונם 24־טן מאַי 1944 186

4. באַריכט פון דער פאַרשטייערשאַפט אויף דער „אַרישער" זייט . . 207

ג. בריוו פון אָרגאַניזאַציעס:

1. בריוו פון החלוץ אין פּוילן צו דער הסתדרות אין ארץ־ישראל . . 215

2. בריוו צום איחוד־עולמי פּועלי־ציון (צ.ס.)—התאחדות פון דער פּאַרטיי אין פּוילן 223

3. בריוו פון דער פּאַרטיי לינקע פּועלי־ציון צו אירע חברים אין ארץ־ישראל 228

4. בריוו פון אַדוו. שמעון גאַטעסמאַן צום פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן 236

5. באַריכטן פונם אונטערערד פון „בונד" אין פּוילן 240

6. דער לעצטער בריוו (געשריבן אין בענדין דעם 17־טן יולי 1943) . . 259

7. גרוס פון די לעצטפאַרבליבענע 263

ד. טאָגביכער פון קעמפער:

1. באַריכט פון שלום גראַיעק, וועגן די קאַמפן אינם געביט פון די טעבענס־שולץ וואַרשטאַטן 264

2. באַריכט פונם קעמפער שמחה ראַטהייזער (קאַזשיק), וועגן דער פאַר־טיידיקונג פונם וואַרשעווער געטאָ 272

3. באַריכט פונם קעמפער טוביה באַזשיקאָווסקי, וועגן די שלאַכטן אין צענטראַלן געטאָ 286
4. סילועטן פון קעמפער, פון הערש וואַסער 293
5. זעלנער אָן געווער, " " " 298
6. טאָגבוך פון אַ אינגל 301

IV. די קולטור טעטיקייט אין וואַרשעווער געטאָ

בריוו פון ד"ר עמנואל רינגעלבלום און ד"ר א. בערמאַן צו „ייוואָ" אין ניו־יאָרק 307

V. לידער פון געטאָ

. . . . 316

צווייטער טייל: די געפאַלענע אויף דער וואַך

VI. דעם אָנדענק פון די געפאַלענע אויף דער וואַך

1. אַריינפיר־באַמערקונגען 323
2. צוגאָב־באַמערקונג צו דער צווייטער (העברעאישער) אויפלאַגע 329

3. אזכרה־פאַרצייכעניש:

אַניעליעוויטש מרדכי, זייט 331; אַבערשטין יוסף, ז. 335; אָזשעך מאוריצי, ז. 336; אייגער אברהם, ז. 337; איגלאָ זיגמונט, ז. 338; איזביצקאָ מיראָ, ז. 339; אייזנבערג דוד, ז. 340; אייזנשטאַט מרים, ז. 341; איצוש, ז. 342; אַכראַן וואַנדאַ, ז. 343; אַלטמאַן טאָסיאַ, ז. 343; אַלטענבערג אסתר, ז. 346; אַלטערמאַן מלכה, ז. 346; אַלטערמאַן שלמה, ז. 348; אַלעקסאַנדראָוויטש יעקב חיים מאיר, ז. 349; אַפּאַטשינסקי פרץ, ז. 350; אַרבוז חיים, ז. 351; אַרוואַטש אברהם, ז. 352; אַרטשטיין זכריהו, ז. 352; אַש אליעזר, ז. 354; אַשעראָווסקי מיכאל, ז. 354.

באַטשינסקי שלמה, ז. 354; באַראַן דבורה, ז. 355; באַראַש אפרים, ז. 356; באַרטאָוויטש העניעק, ז. 358; באַרטמעסער נטע, ז. 358; באַרנשטיין אַלפרעד ד"ר, ז. 358; בוים ישראל משה, ז. 360; בוקסבוים נתן, ז. 361; בוראַקס עדעק (אליהו), ז. 364; בזשע־זשינסקאַ זאָכאַ, 366; ביגעלמאַן מנחם, ז. 366; בלאָך אליעזר ליפּאַ, ז. 367; בלאָנעס אליעזר (ליושעק), ז. 369; בלאָנעס גוטע, ז. 370; בלאָנעס יורעק, ז. 371; בלאָנעס יצחק, ז. 371; בלאָנעס מלך, ז. 371; בלאַנק מאַרעק, ז. 372; בלווישטיין יצחק, ז. 372; בלום אברהם (אַבראַשאַ), ז. 373; בלומשטיין אברהם, ז. 375; בעאַטוס, ז. 375; בעאַטוס פראַניע, ז. 375; בער געניע, ז. 376; בערלינסקי הירש, ז. 377; בערמאַן פראַנקאַ, ז. 379; בראַז חנה, ז. 379; בראַנדעס צבי, ז. 380; בראַנדשטעטער מיכאל, ז. 381; בראַסלאַוו שמואל, ז. 383; ברוידע בערל, ז. 385; ברוסקין אהרן, זע פּאַוועל; ברילאַנטשטיין סטאַשעק, ז. 386.

גאָלד וואָלף, ז. 387; גאָלדשטיין יצחק ז. 387; גאָלאָוונער יצחק (עדעק), ז. 388; גאָפּטעק ברוך, ז. 390; גוטמאַן חנוך (הענעך), ז. 392; גוטערמאַן יעקב, ז. 393; גוטקאָווסקי אליהו, ז. 394; גוטריימאַן קובאָ, ז. 396; גוטשטאַט צפורה, ז. 396; גורני יחיאל, ז. 397; גיטערמאַן אסתר, ז. 397; גיטערמאַן יצחק, ז. 398; גיפש יצחק, ז. 399; גלאַטשטיין יעקב, ז. 400; גלאַנץ רבקה, ז. 401; גליקשטיין יהודה, ז. 403; געלער אליעזר, ז. 403; געפנער אברהם, ז. 408; גערטנער ישראל, ז. 410; גערטנער אבא, ז. 411; גראָוואַס מרדכי (מערדעק), ז. 411; גראָומאַן חנה (הגר), ז. 412; גראַנאַטשטיין שרה, ז. 413; גרוזאַלץ לייב (לוי), ז. 413; גרילאַק ישראל, ז. 414; גרינבוים יצחק, ז. 414; גרינשטיין אברהם, ז. 415; גרשוני גדליהו, ז. 415; גרינשפּאַן יורעק, ז. 416.

דאָבוּכנאָ שאול, ז. 417 ; דאָברין בערטאָלד, ד״ר, ז. 418 ; דאַווידאָוויטש טובה, ז. 418 ; דוּנסקי סעווער, ז. 419 ; דיאַמאַנט אברהם, ז. 420 ; דעמבינסקאַ דאָרקאַ, ז. 421 ; דעמבינסקי יצחק, ז. 421 ; דרעזנער אברהם, ז. 421 ; דרייער אברהם, ז. 422 ; דרענגער שמשון (שימעק), ז. 423.

האָכבערג אַדאָלף, ז. 425 ; האָכבערג דוד, ז. 426 ; האָלאַנד זלמן, ז. 427 ; האַלזבאַנד אהרן, ז. 428 ; האָלצמאַן לוּדוויג, ז. 428 ; האָפמאַן ישראל, ז. 429 ; הוּבערבאַנד הרב ר׳ שמעון, ז. 430 ; היימאַן איטקע, ז. 430 ; היימאַן רות, ז. 430 ; היינסדאָרף מרים, ז. 431 ; הימעלפאַרב אַדעק, ז. 432 ; העכטקאָפּ שיינדל, ז. 433 ; העלער שמעון, ז. 434 ; הערצליך־בליט פייגע, ז. 435.

וואַגמייסטער לאָטע, ד״ר, ז. 436 ; וואַכענהויזער צמרת (צמרת חדוה), ז. 437 ; וואַלד בנימין, ז. 438 ; וואַקספעלד משה, ז. 439 ; וואַרטאָוויטש אָלעק, ז. 439 ; וואָרטמאַן זאב, ז. 439 ; וואַרמאַן אברהם (וואַרמאַנסקי בראָניסלאַוו), ז. 440, וויטעלסאָן אברהם, ז. 441 ; וויידע משה, ז. 442 ; וויכטער יצחק, ז. 442 ; ווילנער ישראל חיים (אריה, יורעק), ז. 443 ; וויניצקי מאָניעק, ז. 445 ; ווינאָגראָן יוסף יהושע (שלמה), ז. 446 ; ווינטער שמואל, ז. 447 ; ווענגראָווער יהודה, ז. 448 ; ווראָנסקי הירש־יצחק, ז. 449.

זאַגאַן שכנא, ז. 450 ; זאַיאָנץ הערמאַן, ז. 453 ; זאָלאָטאָוו (יורעק), ז. 453 ; זאַקס, ז. 454 ; זיגעלבוים שמואל מרדכי (אַרטור), ז. 454 ; זייפמאַן משה אהרן, ז. 456 ; זילבערבערג זרח, ז. 457 ; זילבערבערג העניעק, ז. 458 ; זילבערבערג רחל (סאַרענקאַ), ז. 459 ; זילבערמאַן ישראל, ז. 460 ; זעלצער ישראל, ז. 460 ; זילבערשטיין משה, ז. 462 ; זשאַגעל שרה, ז. 462 ; זשימאַק לילקאַ, ז. 462 ; זשימאַק נפתלי, ז. 464 ; זשעלעאַזנאַגוראַ חנוך, ז. 465.

חדש יצחק, ז. 466.

טייכלער גוטע, ז. 466 ; טענענבוים מרדכי, ז. 467 ; טענענבוים שלאָמעק, ז. 472 ; טענצער יחיאל, ז. 472 ; טראָקס לייב, ז. 473 ; טשערניאַקאָוו אדם, ז. 474.

יאַנקעלעוויטש אַדעק, ז. 477 ; יאַקובאָוויטש שושנה, ז. 477 ; יאַשינסקי לייב, ז. 478 ; יוכטמאַן יחיאל, ז. 478 ; יושקעוויטש אפרים, ז. 479.

כּהן מנחם, ז. 479 ; כּץ יעקב, ז. 479 ; כּץ לייב, ז. 480.

כאָלאָדענקאָ דוד, ז. 481 ; כמיעלניצקי נחום, ז. 481 ; כשאַנאָוויטש יצחק, ז. 482.

לאַווענדער יפה, ז. 482 ; לאופער שלמה, ז. 483 ; לאופער שמאי, ז. 483 ; לאַנדוי וולאַדיסלאַוו, ז. 484 ; לאַנדוי מרגלית, ז. 484 ; ליבעסקינד אהרן (דאָלעק), ז. 485 ; ליבערט חיים, ז. 487 ; ליבערמאַן הירש ד״ר, ז. 488 ; ליטמאַן יוסף, ז. 489 ; ליטעווסקי יוסף, ז. 490 ; לייבאָוויטש אברהם לייב (לאַבאַן), ז. 491 ; ליכטענשטיין ישראל, ז. 494 ; ליכטשיין משה, ז. 496 ; לילית, זע פּודען רעגינע ; לינדער מנחם, ז. 497 ; לעוואַרטאָווסקי־פינקעלשטיין יוסף, ז. 499 ; לעווין אברהם, ז. 501 ; לעווין דינה, ז. 503 ; לעווענטאַל שמעון, ז. 504 ; לענט הירש, ז. 505 ; לענט שאנן, ז. 506 ; לעווסקי איזשאַ, ז. 506 ; לערנער שלמה, ז. 507 ; לערער צפּורה, ז. 508.

מאָטיוויעצקי מנשה (נאַסטעק), ז. 509 ; מאַיופּעס, ז. 510 ; מאיראָוויטש מאיר, ז. 510 ; מאַלינאָווסקי שמעון, ז. 512 ; מאַנעלאַק בראָנקע, ז. 513 ; מאַנפרעד, ז. 513 ; מאָרגענשטערן

יוחנן, ז. 514 ; מאַרגענלענדער יצחק, ז. 517 ; מאַרדקאָוויטש בתיה, ז. 517 ; מאַרקאָוויטש באַלעק, ז. 518 ; מאַשקאָוויטש רבקה, ז. 518 ; מאָסעלמאַן רישעק, ז. 520 ; מורזשאַן, ז. 520 ; מיטלמאַן ישראל, ז. 520 ; מערסיק צבי, ז. 521.

נאָוואָגרודזקי סאָניע, ז. 523 ; נאָוואָדוואָרסקי דוד, ז. 524 ; נאָזשיצע יצחק, ז. 525 ; נויטייך מאַריאַן, ז. 526 ; נולמאַן סעוועק, ז. 527 ; נוסנבלאַט נפתלי (טולאָ), ד״ר, ז. 527 ; ניעמיעצקאָ רעניע, ז. 529.

סאָבאָל שמואל, ז. 530 ; סאָוויצקי סטעפאַן, ז. 530 ; סאָמבערג אייזיק, ז. 531 ; סאַרנאַק יעזשיק, ז. 532 ; סאַרענקאָ, זע זילבערבערג רחל ; סוקניק יצחק (קאָזאָ), ז. 533 ; סופיט שלום, ז. 534 ; סטאָלאַק אברהם, ז. 535 ; סטאָלער לאָזער, זע ריכטער הירש ; סיטנער יעקב דוד, ז. 535 ; סטערלינג וו., ז. 537 ; סילמאַן בתיה, ז. 537, סילמאַן שרה (סויאָ), ז. 537 ; סימכאָוויטש ראָזע, ז. 538 ; סימסאָן זיגפרידאָ, ז. 539 ; סימפּלאַק יצחק, ז. 540 ; סקולסקאָ חנה, ז. 540 ; סלאָמניצקי נטע, ז. 541 ; סמאָלאַר נתן, ז. 542 ; סערייסקי פסח, ז. 543.

עדעלשטיין צבי, ז. 544 ; עטקין מאיר, ז. 545 ; עלסטער פּאָלע, ז. 546 ; ענטין שלמה, ז. 548 ; ערליך אליהו, ז. 550.

פּאָו שלמה, ז. 551 ; פּאָוועל (אהרן ברוסקין), ז. 551 ; פּאָזשענטשעווסקי אברהם, ז. 553 ; פּאָכאָל חוה, ז. 553 ; פּאָסאָמאַניק רבקה, ז. 554 ; פּאָפּיער זישע, ז. 555 ; פּאָקראָפּעק סטעפאַן, ז. 555 ; פּולמאַן שמעון, ז. 556 ; פּיזשיץ רעניע, ז. 557 ; פּלאָטניצקאָ פרומקע, ז. 558 ; פּלאָטניצקאָ חנה׳טשע, ז. 561 ; פּלאָטניצקי הירש, ז. 563 ; פּעלץ ברוך, ז. 565 ; פּערלמאַן מלך, ז. 565 ; פּערלע יהושע, ז. 566 ; פּערלשטיין לאה, ז. 568 ; פּראַשקער יעקב, ז. 569 ; פּשעדעטש מאיר, ז. 571 ; פּשעפּיורקאָ אברהם, ז. 572.

פאָגעלמאַן רחל, ז. 573 ; פאָס יוסף, ז. 573 ; פאָלמאַן פאָלע, ד״ר, ז. 574 ; פאָלמאַן וואָלף, ז. 574 ; פאָלמאַן מאָטל (מאַרק), ז. 576 ; פאַרבמאַן (קאָזשוך) העלע, ז. 578 ; פאַרבער יוסף, 579 ; פודען רעגינע (לילית), ז. 580 ; פורמאַנאָוויטש פעסיע, ז. 581 ; פוטערמאַן איגנאַץ, ז. 582 ; פוכרער מיראָ, ז. 583 ; פידעלזייט פאָלע, ז. 584 ; פידעלזייט שמחה, ז. 584 ; פייגענבוים לעאָן, ז. 585 ; פייגענבלאַט יעקב, ז. 586 ; פייווישיס ישראל, ז. 587 ; פיינער לעאָן, ד״ר, ז. 589 ; פיינער אברהם ז. 591 ; פיינקינד מלך, ז. 592 ; פינקעלשטיין אברהם, ז. 593 ; פינקעלשטיין מאָטעק, ז. 593 ; פינקעלשטיין מאַיאַרעק, ז. 594 ; פינקעלשטיין ציליע, ז. 594 ; פיש לאה, ז. 595 ; פישלזאָן אברהם מרדכי, ז. 596 ; פרוינד עמוס, ז. 597 ; פרידמאַן אַלעקסאַנדער זישע, ז. 598 ; פרידמאַן פישל, ז. 600 ; פרידריך זלמן, ז. 601 ; פרענקעל טובה, ז. 603.

צוקער נחה (נאַשקע), ז. 604 ; צוקער משה, ז. 605 ; ציגלער משה, ז. 606 ; צימערמאַן יהודה, ז. 606 ; צעבולאַזש טאָסיאָ, ז. 607 ; צענטנערשווער מ., ז. 607.

קאָווע הערשל, ז. 607 ; קאָוועןנאָקי (קר־ונקי) גוטע, ז. 608 ; קאָזיעבראָדזקאָ לאה, ז. 609 ; קאָזשוך העלע, זע פאַרבמאַן ; קאָזשוך ישראל, ז. 612 ; קאָמיען סאָלקאָ, ז. 615 ; קאַנאַל ישראל, ז. 615 ; קאַפּלאַנסקי, ז. 616 ; קאַנסקי יהודה, ז. 617 ; קאַפּלאַן יוסף, ז. 618 ; קאַפּלאַן שמואל, ז. 622 ; קאַצענעלסאָן בן־ציון, ז. 624 ; קאַצענעלסאָן יצחק, ז. 625 ; קאַצענעלסאָן צבי, ז. 630 ; קאַרלינער אריה, ז. 631 ; קאַרן לאה, ז. 631 ; קאַרנבלום עלמה, ז. 632 ; קורץ אברהם, ז. 632 ; קירמאַן יוסף, ז. 633 ; קירשענבוים מנחם, ז. 634 ; קירשענבוים ראָזע, ז. 636 ; קירשענבוים רחל, ז. 636 ; קירשנער זיגי,

ז. 636 ; קלאָג אליעזר (לאָזער), ז. 637 ; קלאָג רוזשע, ז. 638 ; קליינוויס חנוך, ז. 639 ; קליינמאַן זיוטאַ, ז. 640 ; קליינמאַן שרה, ז. 640 ; קלמנאָוויטש זעליג הירש, ז. 641 ; קלעפפיש יצחק, ז. 645 ; קלעפפיש מיכאל, ז. 645 ; קערש לייב, ז. 647 ; קראַמאַזש מאיר, ז. 648 ; קשאַטשעק (קאָסטעק), ז. 649.

ראַבאָוו פייטשע, ז. 649 ; ראַדונסקי דוד, ז. 650 ; ראָזאָווסקי וואָלף, ז. 652 ; ראָזאָווסקי ישראל, ז. 653 ; ראָזאָווסקי לייב, ז. 653 ; ראָזען סטעפע, ז. 653 ; ראָזענבערג ירדנה, ז. 654 ; ראָזענבערג ראובן (ראובטשיק), ז. 654 ; ראָזענטאַל צבי, ז. 655 ; ראָזענפעלד מיכאל, ז. 656 ; ראָזענפעלד רוזשקע, ז. 657 ; ראָזענצווייג רחל, ז. 658 ; ראָט יעקב (קובאַ), ז. 658 ; ראָטבלאַט לייב, ז. 659 ; ראָטבליט יחיאל, ז. 661 ; ראָטמאַן גדליה, ז. 661 ; ראָטמאַן צבי, ז. 662 ; ראָמאַנאָוויטש ישראל, ז. 662 ; ראַפּאַפּאָרט לייב, ז. 662 ; רובין משה, ז. 663 ; רובענטשיק משה, ז. 664 ; רודניצקי לב, ז. 665 ; רוזשאַנסקי אליהו (עלעק), ז. 665 ; רייגנעווירץ מאָניעק, ז. 666 ; ריכטער הירש (לאָזער סטאָלער), ז. 668 ; רינגעלבלום עמנואל, ד״ר, ז. 670 ; רינגעלבלום יהודית, ז. 673 ; רעמבאַ נחום, ז. 674 ; רישיא, ז. 674.

שאַפּיראָ ברוך, ז. 675 ; שאַפּירשטיין רבקה, ז. 676 ; שאַרפשטיין משה, ז. 677 ; שוואַרץ מאיר, ז. 678 ; שוואַרץ שלמה, ז. 678 ; שוואַרץ שיינדל, ז. 679 ; שוואַרצבאַרט מרדכי, ז. 683 ; שוואַרצפוס יאַנעק, ז. 682 ; שוואַרצשטיין פייוול, ז. 683 ; שולמאַן געניע, ז. 684 ; שולמאַן דוד, אַדוו., ז. 685 ; שולמאַן דוד, ז. 685 ; שוסטער שלמה, ז. 686 ; שושקאָווסקאַ שולמית, ז. 687 ; שטאָקהאַמער הרב ר׳ שמשון, ז. 688 ; שטיין אריה, ז. 690 ; שטיין רחל, ז. 690 ; שטיין מנחם (עדמונד), ד״ר, ז. 692 ; שטענגעל ישעיהו, ז. 693 ; שטענגעל מאָניעק, ז. 694 ; שיינגוט טוביה (טאַדעק), ז. 694 ; שיפּמאַן לאה, ז. 695 ; שיפּמאַן מרים, ז. 696 ; שיפער יצחק, ד״ר, ז. 697 ; שיפּריס זאב, ד״ר, ז. 700 ; שמידט אברהם, ז. 700 ; שניידמיל אברהם שמואל (בערעק), ז. 701 ; שניידערמאַן טעמע, ז. 702 ; שענקער שמואל, ד״ר, ז. 704 ; שערמאַן מאַיאָרעק, ז. 705 ; שפּאַנצער ישעיה, ז. 705 ; שפּיגעל משה, ז. 706 ; שפּירא הרב קלונימוס־קעלמיש, ז. 706 ; שפּרינגער הערשל, ז. 708 ; שקלאַר רות, ז. 710.

VII. ביילאַגן

א. זוכצעטל פון נעמען . . . . זייט 711

דרוקפעלער 721

ב. מ אַ פּ ע ס : 1) מאַפּע פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן אין פּוילן : צווישן די זייטן 68—69 ; 2) מאַפּע פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד :ביים סוף פון ערשטן טייל, נאָך זייט 320.

ג. ב י ל ד ע ר : די פּוילישע באַפעלקערונג אויף דער צווייטער זייט מויער, זייט 10 ; אין די טעג פונם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד (דייטשע אַרטילעריע און טאַנקען קעגן די געטאָ־קעמפער, 2 בילדער), ז. 11 ; דער חרובער שטח פון דער אידישער וואַרשע, ז. 12־13 ; די דייטשן ברענגען אַרטילעריע קעגן די געטאָ־קעמפער, ז. 14 ; וואַרשעווער געטאָ־קעמפער אין דיווישקאָווער־וועלדער, ז. 14 ; פּלאַקאַט פונם נאַצי־גענעראַל סטראָאָפּ אין די טעג פון די געטאָ־קאַמפן, ז. 68 ; צייטווייליקער אָנדענק־שטיין פאַר די געפאַלענע געטאָ־קעמפער, ז. 98 ; אַ וואַך־פּאָסטן פון די דייטשן אינם געטאָ־געביט, ז. 126 ; דער „אומשלאַגפּלאַץ״, ז. 181 ; דער הויף פון דער אידישער טורמע אין וואַרשעווער געטאָ, ז. 185 ; אידן, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין דייטשע הענט, ז. 206 ; דער אָרט, וואו עס איז געווען דער בונקער אויף מילע 18, ז. 222 ; אַן אָפּשניט פון דער חרובער גענשע־גאַס, ז. 227 ; אַ בריק, וואָס פאַרבינדט איין טייל געטאָ מיטן צווייטן, ז. 258 ; אַ טייל פונם לעצטן בריוו פון די חברים אין

בענדיק, ז. 262 ; אַן אָפשניט פון דער חרובער נאָוואָליפקי־גאַס, ז. 271 ; וואַרשעווער געטאָ גייט אונטער אין פלאַמען, ז. 285 ; דער מויערן־גאַרטל, וואָס האָט אָפגעצוימט די אידן פון דער אַרומיקער וועלט, ז. 315 ; די חרובע צענטראַלע סינאַגאָגע אין וואַרשע, ז. 318 ; אויפן וועג אינם פאַרניכטונגס־לאַגער, ז. 319 ; די פוילישע באַפעלקערונג קוקט זיך צו ווי דער געטאָ גייט אונטער, ז. 319 ; לעצט־פאַרבליבענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער, וועלכע זיינען אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל : ביים סוף פונם ערשטן טייל, נאָך זייט 320 ; מען הייבט אָן פונאַנדערצונעמען די געטאָ־מויער, ז. 330 ; אַ פּאָסט־קאַרטל פון וואַרשע פון י. מאָרגענשטערן פון יוני 1942, ז. 516 ; אַ פּאָסט־קאַרטל פון יצחק קאַצענעלסאָן פון וויטעל, פון נאָוועמבער 1943, ז. 629.

די בילדער פון די טעג פונם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און פונם חרובן וואַרשעווער געטאָ זיינען גענומען צום טייל פונם פאָטאָגראַפישן אַלבום „דער חורבן פון פוילישן אידנטום“, וואָס די צענטראַלע אידישע היסטאָרישע קאָמיסיע אין פוילן, האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1945, און צום טייל זיינען עס פאָטאָגראַפיעס, וואָס עס האָבן געמאַכט ביי זייער באַזוך אין פוילן די ארץ־ישראל־שליחים איסר בן־ציון און רחל שוואַרץ. אַ טייל קלישעס זיינען אויסגעבאָרגט פונם אַלבום „מראות החורבן“ (בילדער פון חורבן), וואָס דער צ.ק. פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל האָט אַרויסגעגעבן און דריי קלישעס זיינען פונם זאַמלבוך „דרור“, וואָס איז אַרויס אין 1947 אינם פאַרלאַג פון „הקיבוץ המאוחד“. די איבריקע קלישעס און אַלע 200 קלישעס פון די געפאַלענע זיינען ספעציעל צוגעגרייט געוואָרן פאַר דעם בוך.

די פוילישע באַפעלקערונג אויף דער צווייטער זייט מויער קוקט זיך צו ווי דאָס אידישע וואַרשע גייט אונטער.



אין די טעג פונם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.
פון דער באָניפראַטן־גאַס, וואָס מחוץ דעם געטאָ, באַשיסן די דייטשן מיט אַרטילעריע די געטאָ־קעמפער (אויפגענומען אין אַפּריל 1943).

אין די טעג פונם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.
דייטשע טאַנקען פאָרן אַריין אינם געטאָ־געביט (אויפגענומען אין אַפּריל 1943).



די חורבות פון דער אידישער וואַרשע, די גרעסטע אידישע קהילה אין אייראָ
רעכטס, דער בנין פון דער קאַטוילישער קיו



ער שטח וואו עס האָבן געוואוינט אין 1941 אַ האַלבער מיליאָן אידן.
ויף דזיעלנע־גאַס, וועלכער איז געבליבן שטיין.



אין די טעג פונם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.
די דייטשן ברענגען אַרטילעריע צו באַשיסן די געטאָ־קעמפער (אויפגענומען אין אפריל 1943).

וואַרשעווער געטאָ־קעמפער אין די ווישקאָווער וועלדער (האַרבסט 1943). לינקס, יאַנעק ביאַלאַק, געפאַלן אין וואַרשע, האַרבסט 1944 (זע זייט 282, באַמערקונג 16); רעכטס, יעקב פּוטערמילך, געראַטעוועט, געפינט זיך אין ארץ־ישראל (זע זייט 327).

צו דער אויסגאַבע אין אידיש

דער פאַרלאַנג אַרויסצוגעבן דאָס בוך אין אידיש, וואָס איז אויך לכתחילה געווען דער באַגער פונם מחבר, איז געקומען פון חברים און פריינט אין פאַרשידענע לענדער און איז אויך אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַ ריי צייטונגען, באַלד נאָכן דערשיינען פון דער ערשטער העברעאישער אויפלאַגע. מיר האָבן אָפּגעלעגט די אַרויסגאַבע פון דער אידישער אויפלאַגע, — גלייך ווי עס איז אָפּגעלעגט געוואָרן דאָס דערשיינען פון דער צווייטער העברעאישער אויפלאַגע, — כדי, לויט מעגלעכקייט, מער צו פאַר־פולשטענדיקן דעם מאַטעריאַל. די איצטיקע אויסגאַבע איז אַ באַדייטענד פאַרפול־שטענדיקטע, אינם טייל פון די צוגאָב־באַמערקונגען צו די דאָקומענטן, און בעיקר אין דעם טייל פון די אזכרה־פאַרצייכענישן וועגן די געפאַלענע. די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן פון דער צווייטער, פאַרברייטערטער, העברעאישער אויפלאַגע. אין די חדשים צווישן דעם דערשיינען פון דער צווייטער העברעאישער אויפלאַגע און דער איצטיקער אויסגאַבע אין אידיש, האָבן מיר באַקומען נאָך ווייטערע צוגאָב־ידיעות און אויפקלערונגען און אויך נייע בילדער פון געפאַלענע, וועלכע מיר האָבן פריער נישט געהאַט. די איצטיקע אויסגאַבע אין אידיש, איז אַזוי אַרום די פולסטע פון די דריי ביז איצט דערשינענע אויסגאַבעס פון דעם בוך.

דער גאַנצער דאָקומענטן מאַטעריאַל איז ניי איבערגעזעצט געוואָרן פונם פוילישן אָריגינאַל, הגם דאָס רוב פון זיי איז שוין פריער איבערגעזעצט געוואָרן אין אידיש, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. דערביי איז נאָכאַמאָל נאָכקאָנטראָלירט געוואָרן די פּינקטלעכקייט פון דער איבערזעצונג, לויט די בשעתו באַקומענע דאָקומענטן־אָריגינאַלן.

ביים באַשטימען די כללים פונם אויסלייג, האָבן מיר געמוזט נעמען אין אַכט, אַז דאָס בוך איז באַשטימט פאַר אַלע לענדער וואו אידן וואוינען. מיר האָבן דעריבער באַנוצט אַן אויסלייג, וואָס בילדעט אַ מין פשרה צווישן די פאַרשידענע אויסלייגן, וועלכע ווערן באַנוצט אין פאַרשידענע לענדער.

*

אין די טעג ווען מיר האָבן געמאַכט די לעצטע אויסבעסערונגען און רעוויזיע פונם מאַטעריאַל, האָט העל אויפגעבליצט די ליכטיקע שיין פון דער גרויסער בשורה, אַז דער חלום פון דער אידישער מדינה אין ארץ־ישראל, וואָס איז אויך געווען דער לעבנס־ציל און לעצטער וועג־באַגלייטער פון פילע, וועלכע מיר זיינען מספיד אין דעם בוך — ווערט אַ ווירקלעכקייט. אָן אַ ספק האָט אויך זייער קרבן בייגעטראָגן צו אָט דער היסטאָרישער דערגרייכונג. די טעג און די נעכט אין וועלכע מיר פאַרענדיקן די אַרבעט ווערן פון־צייט צו־צייט באַגלייט פונם געקנאַל פון שיסערייען און אויפ־רייסן, וואָס דערמאָנען, אַז אויך נאָכדעם ווי כמעט די גאַנצע קולטורעלע וועלט האָט באַשטעטיקט אונזער רעכט צו לעבן ווי אַלע אַנדערע פעלקער, מוזן אונזערע באַענטסטע

שטיין אויף דער געפערלעכער וואַך פון ערשט פאַרזיכערן אַט דאָס רעכט. מיט אַ ציטער עפנט מען די ציישונג און דאָס ראַדיאָ־קעסטל און דאָס צעווייטאָקטע האַרץ קאַרטשעט זיך איין פאַר צער הערנדיק דעם בלוט־פרייז, וואָס מיר צאָלן טאָג־איין טאָג־אויס פאַר אונזער ווילן פריי צו לעבן. עס ציט זיך אַ באַנד פון גבורה און גרעניצלאָזער קרבנות־גרייטקייט פון יענע יונגע ברידער און שוועסטער, וועלכע האָבן מיט פינף יאָר צוריק אויפגענומען זייער אויסזיכטלאָזן קאַמף אין וואַרשעווער־געטאָ, צו אונזער יוגנט אין ארץ־ישראל, וואָס פירט איצט דעם שווערן, געפאַר־און קרבנות־פולן, אָבער אויך אויסזיכט־רייכן קאַמף פאַר אונזער לעבן און אויפלעבונג אין ארץ־ישראל. אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף האָבן אונזערע בעסטע געגעבן זייער לעבן ווייל זיי האָבן קיין אויסוועג נישט געזען. אין ארץ־ישראל קעמפן זייערע ברידער און שוועסטער ווייל זיי זעען דעם איינציקן וועג און די איינציקע לייזונג און ווילן זיי זיכערן. די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ דינען זיי אַלסביישפיל פון מוט און גרויסער ליבע צום פאָלק; דאָס וואָס עס איז אונז געשען אין פוילן דינט זיי אַלס אַ פאַר־שטאַרקונג פונם אייזערנעם באַשלוס, אַז דאָס וואָס עס איז פאַר אונז דער איינציקער וועג מוז געזיכערט ווערן — כדי עס זאָל שוין מער קיין טרעבלינקע פאַר אידן נישט זיין.

*

ביים אַרויסגעבן אַ בוך פון אַזאַ פאַרנעם — מער ווי 45 דרוק־בויגן, אַרום 225 בילדער און פאָטאָגראַפיעס, מאַפּעס וכו׳, איז די פראַגע פון פינאַנסירונג נישט קיין לייכטע. לכן האָבן מיר געמאַכט באַמיאונגען צו באַקומען אין פאָרויס געוויסע צוזאָגן, וועגן פאַרשפּרייטן דאָס בוך. די חברים און אינסטיטוציעס צו וועלכע מיר האָבן זיך געווענדעט, האָבן גערן געגעבן זייער צוזיכערונג. פונצווישן די פילע חברים, וועלכע האָבן עס געטון, ווילן מיר אויסדריקן אַ באַזונדערן דאַנק די חברים ל. ס י ג אַ ל (אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד) און ז. ב א ו מ ג אָ ל ד (ציוניסטישער אַר־בעטער־קאָמיטעט), וואָס זייער אינטערעס און מיטהילף איז אונז געווען אַ וויכטיקע דערמוטיקונג.

אַ גאָר באַזונדערן דאַנק דעם חבר און פריינט ד. ב. מ אַ ל ק י ן פאַר זיין זאָרגפולער איבערזעצונג. אַ דאַנק די חברים מלך ב אַ ק אַ ל ט ש ו ק, ש. פ ר י ש און א. ש. ש ט י י ן, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן ביי דער לעצטער רעוויזיע פון די קאָרעקט־טורן, און אַ דאַנק די חברים פון דער קאָאָפּעראַטיווער דרוקעריי „אחדות", וועלכע האָבן זיך שטאַרק באַמיט אויסצופירן די אַרבעט אויפן בעסטן אופן.

מ. נ.

תל־אביב, סוף יאַנואַר 1948 (שבט תש״ח)

דער געטאָ אין געראַנגל*

(אריינפיר־קאפיטלען)

א

די דאָקומענטן אינם דאָזיקן בוך שילדערן הויפּטזאַכלעך נאָר איין קאַפּיטל פון דער מגילה ליידן, גבורה און קאַטאַסטראָפע פון די אידן אין פוילן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה; עס איז דאָס קאַפּיטל וואַרשע, — די מוטער פון די אידישע קהילות אין פוילן, מיט איר האַלבן מיליאָן אידן, אינם מאָמענט ווען איר מאַרטיראָלאָגיע און העראָיק האָבן דערגרייכט זייער הויכפּונקט. אָבער אויך דאָס קאַפּיטל אַליין גיט אונז אַ געוויסן באַגריף דערפון וואָס עס איז אונז געשען אין פוילן בכלל און וויאַזוי אונזערע ברידער דאָרט האָבן איבערגעלעבט די לעצטע טעג פון זייער געראַנגל.

איצטער זיינען שוין נישטאָ מער קיין שום פאַלשע אילוזיעס, וועלכע האָבן אַ געוויסע צייט געגלימערט און איינגערעדט, — אפשר איז דאָס אומגליק וואָס האָט אונז געטראָפן דאָך נישט אַזוי שרעקלעך גרויס. איצטער איז שוין אַלץ קלאָר, און פונדעסט־וועגן זיינען מיר נאָך נישט מסוגל צו באַגרייפן די גאַנצע גרויס פון דער קאַטאַסטראָפע אונזערער אין אייראָפּע בכלל און באַזונדערס אין פוילן. מיר פאַרמאָגן אויך נישט די קראַפט און דעם מוט פאַרצושטעלן זיך וויאַזוי וועלן מיר לעבן ווייטער אָן דעם פוילישן אידנטום, פונוואַנען דאָס גאַנצע פאָלק האָט געשעפּט כוחות במשך לאַנגע דורות און פונוואַנען עס זיינען אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות געקומען קיין ארץ־ישראל אַרום פערציק פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל עולים.

דאָס בוך „חורבן און אויפשטאַנד פון די אידן אין וואַרשע" איז נישט אויסן, ווי מען קען זען פונם נאָמען, צו שילדערן אַ ל ץ וואָס עס האָט אַדורכגעמאַכט דאָס פוילישע אידנטום אין די לעצטע יאָרן און שאַפן דעם דענקמאָל פאַר די העלדן־קרבנות; די צונויפזאַמלונג פונם מאַטעריאַל וועגן דעם שרעקלעכן אומגליק, וואָס האָט זיך אויס־געגאָסן אויף אַ סך הונדערטער קהילות און אויף מיליאָנען אידן, איז מחייב אַ גרויסע און לאַנגדויערנדיקע אַרבעט אין זייער אַ ברייטן מאַסשטאַב. דער געדאַנק אַרויס־

* די באַמערקונגען אונטערן שטריך אין דעם קאַפּיטל, זיינען די צוגאָבן צו דער צווייטער העברעאישער אויפלאַגע פונם בוך. אין די אַנדערע קאַפּיטלען, סיי אינם טעקסט און סיי אין די באַגלייט־באַמערקונגען, זיינען די אויסבעסערונגען און צוגאָבן צו דער צווייטער אויפלאַגע נישט אויסגעטיילט באַזונדער.

צוגעבן דאָסדאָזיקע בוך איז רייף געוואָרן נאָך אין הערבסט 1944, אין סאַמע מלחמה־צייט, ווען עס איז אונז אָנגעקומען דורך די אונטערערד־פאַרבינדונגען אַ גרויסער טראַנספּאָרט דאָקומענטן און קאָמפּעטענטע שילדערונגען, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן אין וואַרשעווער אידישן אונטערערד און האָבן געהאַט אַ שייכות הויפּטזאַכלעך צום ענין גירוש און אויפשטאַנד פון די אידן אין וואַרשע. אָבער דער אָפּקלייב און די באַאַרבעטונג פונם מאַטעריאַל און באַזונדערס דאָס צונויפשטעלן דעם אזכרות־טייל פאַר די געפאַלענע ברידער, וועלכע ווערן דאָ דערמאָנט — דאָס האָט פאַרלאַנגט מער צייט און מי ווי מיר האָבן אויסגערעכנט לכתחילה. אין דער אַרבעט איז אויך קלאָר געוואָרן דעם שרייבער פון די שורות, אַז עס וועט אים נישט זיין מעגלעך אַרומצונעמען און אויסצושעפּן אפילו נאָר דאָס אַ ל ץ וואָס עס איז געשען אין דעם איינעם קאַפּיטל חורבן און אויפשטאַנד פון די אידן אין וואַרשע און ער וועט נישט קענען דערמאָנען אַלע קעמפער און פּערזענלעכקייטן פון דער אידישער וואַרשע. ער איז דעריבער געווען געצוואונגען צו באַגרעניצן זיך און אַריינפּאַסן זיין אַרבעט אין אַ פון־פאָרויס־באַשטימטער ראַם.

דער אָפּגעקליבענער מאַטעריאַל אין בוך איז טאַקי צונויפגענומען געוואָרן לויט דעם פּרינציפּ פון לכתחילהדיקער זעלבסטבאַגרעניצונג. ער נעמט אַרום נ אָ ר די דאָקומענטן געשריבענע אין וואַרשע אין דער תקופה פונם אונטערערד, דורך מענטשן פונם אידישן אונטערערד גופא (אויסער צוויי פראַגמענטן, ביי וועלכע עס זיינען אָנגעצייכנט די איבערגעבער און „דער לעצטער בריוו" געשריבן אין בענדין). די דאָקומענטן שילדערן הויפּטזאַכלעך דעם גירוש און דעם אידישן אויפשטאַנד אין וואַרשע. די באַזע פאַרן בוך איז באַשטאַנען פון די צוויי מאַטעריאַל־טראַנספּאָרטן, וואָס דער ערשטער פון זיי איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע דעם 15־טן נאָוועמבער 1943 און דער צווייטער, דעם 24־טן מאַי 1944, — פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין פּוילן קיין לאָנדאָן ; און פון דער שילדערונג פונם גירוש אין די חדשים יולי־סעפּטעמבער 1942, אַרויסגעשיקט פון וואַרשע דעם 15־טן נאָוועמבער 1942. די מאַטעריאַלן פון 15־טן נאָוועמבער 1943 און פון 24־טן מאַי 1944 ווערן דאָ איבערגעגעבן פולשטענדיק, אין דער שילדערונג פונם גירוש אין די חדשים יולי־סעפּטעמבער 1942 זיינען געמאַכט געוואָרן געוויסע קירצונגען.

דעם פּרינציפּ פון לכתחילהדיקער באַגרעניצונג האָבן מיר אָנגעווענדעט אויך ביים צונויפשטעלן די אזכרות. זיי אַנטהאַלטן : א) נ אָ ר נעמען פון מענטשן וועלכע ווערן דערמאָנט אין די דאָ־פאַרעפנטלעכטע דאָקומענטן און וועגן וועלכע ס׳איז פאַראַן אַ קאָמפּעטענטע ידיעה, אַז זיי לעבן נישט ; ב) 217 נעמען פון דער ליסטע פון געפאַלענע אין די געטאָ־שלאַכטן, וועלכע איז סוף 1943 אַריבערגעשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין וואַרשע.

צוליב דער נויטווענדיקייט איינצוהיטן די פעסטע און באַשטימטע ראַם, האָבן מיר אַריינגענומען אין דער אזכרות־אָפּטיילונג, אויסער די דערמאָנטע 217 געפאַלענע

פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, נאָר די נעמען פון די אומגעקומענע וועלכע ווערן דערמאָנט אין די דאָ־געבראַכטע, אין־וואַרשע־געשריבענע דאָקומענטן און וועגן וועלכע מיר ווייסן זיכער, אַז זיי לעבן נישט. מיר שטרייכן דאָס אונטער נאָכאַמאָל, ווייל צוליב דעם טעם האָבן מיר נישט געקענט אַריינעמען אין דער אזכרות־אָפּטיילונג עטלעכע נעמען פון קעמפער, וואָס מיר ווייסן, אַז זיי האָבן זייער לעבן אָפּגעגעבן אינם לעצטן געראַנגל פון וואַרשעווער אידנטום און אויך די נעמען פון אַ ריי אידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוער און באַקאַנטע פערזענלעכקייטן, וועלכע זיינען אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע אידן אין דער געטאָ־מלחמה. דאַגעגן זיינען צוליבן זעלבן טעם אַריינגענומען געוואָרן אויך נעמען פון מענטשן, וועלכע ווערן דערמאָנט אין די דאָקומענטן, אָבער זיי האָבן נישט דערפילט קיין דירעקטע און אַקטיווע פונקציע אינם געטאָ־אויפשטאַנד. אויב אַ נאָמען איז נישט דערמאָנט צווישן די אזכרות אינם בוך, איז עס נישט קיין סימן, אַז ער האָט זיך נישט באַטייליקט אינם אויפשטאַנד אָדער אין דער אונטערערדישער טעטיקייט; די סיבה פון נישט דערמאָנט ווערן אין אָט דעם בוך איז אויסשליסלעך איינע: דער נאָמען איז נישט דערמאָנט געוואָרן אין די אין־אים פאַרעפנטלעכטע דאָקומענטן[1].

דער באַדייט פון דידאָזיקע דאָקומענטן איז קודם כל אינדעם, וואָס זיי זיינען געשריבן געוואָרן אין וואַרשע, אין דער סאַמע צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, דורך די טוער פונם אידישן אונטערערד גופא, וועלכע האָבן שרייבנדיק זיי געהאַט זייער קנאַפּע האָפנונגען, אַז זיי וועלן בלייבן לעבן. די באַשרייבער פון די געשעענישן בשעת־מעשה זיינען אויך געווען די איניציאַטאָרן, אָרגאַניזאַטאָרן און אָנפירער פון דידאָזיקע געשעענישן. אינדעם איז דער היסטאָרישער באַדייט פון זייערע באַשריי־בונגען. מיר האָבן דעריבער נישט דערלאָזט קיין שום ענדערונגען, אויסבעסערונגען און צוגאָבן צום דאָקומענטן־אָריגינאַל, אפילו ווען דאָס זיינען גרייט געווען צו טון די מחברים זעלבסט. מיר האָבן עס נישט געטון, כאָטש אַ טייל פון די דאָקומענטן איז בשעתו געקירצט געוואָרן ביים אַרויסשיקן פון פוילן קיין אויסלאַנד אָדער עס איז באַנוצט געוואָרן צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים אַ פאַרמאַסקירטע שפּראַך. אין אַלע

---

[1] און הגם במשך פון דער צייט איז אונז נאָך מער קלאָר געוואָרן, אַז צוליב דידאָזיקע טעמים פעלן אין אונזער רשימה נעמען פון עטלעכע מוטיקע קעמפער; מען האָט זיך אויך געווענדעט צו אונז מיט פאָדערונגען אויסצובעסערן דעם פעלער, האָבן מיר אָבער נישט געקענט נאָכקומען די פאָדערונגען, ווייל אויב מיר זאָלן אָפּנויגן פונם. פּרינציפּ פון אַ פאָרויס־באַשטימטע און פעסטגעשטעלטע ראַם — ווי די וועלכע מיר האָבן אָנגענומען: דער מאַטעריאַל וואָס איז אַריבערגעשיקט געוואָרן אין דער אונטערערדישער תקופה — וועט דאָס בוך פאַרלירן יעדע גרעניץ פון מאַסשטאַב. ווי ווייט מיר האָבן געקענט האָבן מיר דידאָזיקע נעמען דערמאָנט אין די באַגלייט־באַמערקונגען צו די דאָקומענטן (זע אויך אַריינפיר־באַמערקונגען צו די אַזכרה־פאַר־צייכנונגען זייטן 321 און ווייטער). אגב, אויך דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אין וואַרשע, שיקנדיק סוף 1943 קיין לאָנדאָן די ליסטע פון די געפאַלענע, האָט צוגעגעבן, אַז זי איז נישט קיין פולע, ווייל עס פעלן ידיעות וועגן די איבריקע חברים פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

אַזעלכע פאַלן האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט באַצייכנען דאָס אין אונזערע באַגלייט־באַמערקונגען.

אונזער בוך דערציילט וועגן וואַרשע אָבער עס גיט, ווי געזאָגט, אַ געוויסן באַגריף אויך וועגן די געשעענישן אין אַנדערע שטעט אין פּוילן: ווילנע, ביאַליסטאָק, לעמבערג, קראָקע, טשענסטאָכאָוו, בענדין, א.אַ.וו. א.אַ.וו. אין אַ טייל דאָקומענטן ווערט אויך דערמאָנט אומדירעקט וועגן דעם וואָס עס איז געשען אין אַנדערע ערטער. יעדנפאַלס ווערט אין זיי בפירוש אונטערגעשטראָכן, אַז דער געטאָ־קאַמף אין וואַרשע איז נישט געווען קיין איינצל־עפּיזאָד. די זיכערקייט דערפון פאַרשטאַרקט זיך כסדר מיטן באַקומען באַגלויבטע און קאָמפּעטענטע ידיעות וועגן די אַנדערע ערטער. אָט איז איצטער, למשל, קלאָר געוואָרן, אַז די צאָל באַוואָפנטע מיטגלידער פון דער אידי־שער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָק איז בעתן אויפשטאַנד נישט געווען קלענער פון דער צאָל געטאָ־קעמפער אין וואַרשע.

עס איז געווען אַ פּאַסיווער און אַקטיווער ווידערשטאַנד און אויך שלאַכט־קאַמפן זיינען פאָרגעקומען אין אַסך ערטער. צום אומגליק אונזערן האָבן זיך די מערסטע שלאַכטן פאַרענדיקט מיטן פאַלן פון כמעט אַלע קעמפער און אין געוויסע ערטער איז נישט געבליבן אפילו איין עדות, וועלכער זאָל קענען אַריינשרייבן זיין עדות־זאָגן אינם בלוט־פּנקס פון אונזער פאָלק. עס זיינען אויך פאַראַן פאַלן, וואו דער מאַטעריאַל איז נאָך נישט צונויפגעזאַמלט ווי געהעריק. וואָס ווייטער באַקומען זיך אָבער אַלץ מער ידיעות וועגן אַקטיווע אַרויסטרעטונגען אין פאַרשידענע ערטער (מיר דערמאָנען זיי ווי־ווייט־מעגלעך אין די באַגלייט־באַמערקונגען צו די דאָקומענטן). עס איז אַ פליכט צונויפצוזאַמלען רעכטצייטיק אָט־די אַלע ידיעות, נאָכצוקאָנטראָלירן זיי און באַקומען זיכערע און באַגלויבטע עדות־דערקלערונגען, כדי אויפצודעקן אַלע פּרטים אין דעם העראָישן קאַפּיטל פונם פּוילישן אידנטום. דידאָזיקע אויפגאַבע איז מחייב גרויס פאַרזיכטיקייט ביים פעסטשטעלן די קאָמפּעטענטע זיכערקייט פון די עדות־דערקלע־רונגען; נישט יעדערער, וואָס איצטער דערציילט ער אַסך — אין וואָרט אָדער אין שריפט — וועגן זיך ווי וועגן אַ לעבעדיקן עדות אָדער אפילו ווי וועגן אַן אָנטייל־נעמער אין די געטאָ־קאַמפן און אין פּאַרטיזאַנישע גרופּעס, — קען תמיד באַטראַכט ווערן אַלס קאָמפּעטענטער עדות.[2]

ב

דער געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע (דעם 19־טן אַפּריל 1943) איז דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון דער גבורה־און קידוש השם־דערהויבונג פונם פּוילישן אידנטום, אָבער אויך די דריי־און־אַ האַלב־יאָר פאַרן אויפשטאַנד זיינען אייגנטלעך

[2] זינט די שורות זיינען געשריבן געוואָרן (סוף 1945) האָט די צענטראַלע אידישע היסטאָרישע קאָמיסיע ביים צ. ק. פון פּוילישע אידן פאַרעפנטלעכט אַ ריי ווירטיקע דאָקומענטן־זאַמלונגען און אויספאָרשונגען אויף דעם געביט.

געווען איין קייט פון טאָגטעגלעכער גבורה און קידוש־השם. מיר האָבן נאָר נישט פאַרשטאַנען זיי אָפּצושאַצן ווי געהעריק, ביז זיי זיינען נישט געקומען צו זייער אָפּן־גרויסן אויסדרוק אין דעם געטאָ־אויפשטאַנד.

יעדע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט איז באַלד מיטן אָנהויב פון דער דייטשער אָקופּאַציע געווען פאַרבונדן ממש מיט סכנת־נפשות, און פונדעסטוועגן איז די געזעל־שאַפטלעכע טעטיקייט נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט. אין די געטאָס איז געווען אָרגאַניזירט אַ ברייטע און פאַרצווייגטע סאָציאַלע הילף. דאָס געפיל פון גורל־שותפות און פון פליכט צו געגנזייטיקער הילף איז אינם אומגליקלעכן פוילישן אידנטום דערגאַנגען אין יענע ביטערע צייטן צו אומפאַרשטעל־באַרע מאָסשטאַבן. דער רוב אידן האָט דאַן פשוט געהונגערט און פונדעסטוועגן האָבן זיי מיט אייגענע כוחות אויפגעהויבן די שווערע לאַסט פון סאָציאַלער הילף, ווערנדיק אָנגעפירט דורך די אָרגאַניזירטע טיילן פון פאָלק. די בעסטע געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן זיך באַשעפטיקט — פון אָנהויב אָקופּאַציע — מיט גרינדן פאָלקס־קיכן, וואָס זייער צאָל איז געוואַקסן מיט יעדן חודש. אין אָנהויב 1942, אין דער לעצטער תקופה פונם געטאָ, האָבן פונקציאָנירט אין וואַרשע 145 פאָלקסקיכן, און אויסערדעם — 45 קינדער־קיכן. יעדן טאָג זיינען אין די געטאָ־קיכן אַרויסגעגעבן געוואָרן 135 טויזנט שפייז־פּאָרציעס און נאָך 60 טויזנט ספּעציעלע שפייז־פּאָרציעס פאַר קראַנקע, קינדער און זקנים. אין אַלגעמיין האָבן די מערסטע קיכן־באַזוכער באַקומען צו איין שפייז־פּאָרציע אַ טאָג (אַ זופּ און אַ דין שטיקל ברויט), דאָס הייסט — כמעט אַ העלפט פון דער וואַרשעווער אידישער באַפעלקערונג האָט זיך געשפייזט אין די פאָלקס־קיכן. די קיכן האָבן אָבער געהאַט נאָך אַ וויכטיקע באַדייטונג: זיי האָבן געדינט אַלס ערטער פאַר אַ דירעקטן צוזאַמענטרעף צווישן די אָנפירער פון די פאַרשידענע באַוועגונגען מיט זייערע חברים, דאָרט זיינען פאָרגעקומען זיצונגען, באַראַטונגען א.א.וו. אַסך ענערגיע איז אָפּגעגעבן געוואָרן דער שאַפונג פון אויפנעם־היימען פאַר פּליטים פון דער פּראָווינץ און פאַר יתומים און פאַרלאָזטע קינדער, וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אין גרויסע צאָלן אין וואַרשעווער געטאָ. עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אויך אַנדערע, ענלעכע הילפס־ווערק. דערשיטערנדיק איז די שילדערונג, למשל, מיט וואָס פאַר אַ מסירות־נפש עס האָבן זיך באַמיט די מיטאַרבעטער פון אידישן שפּיטאָל אויפצוהאַלטן זייער אַזוי נויטיקן אַנשטאַלט, טראָץ אַלע ווילדע און סאַדיסטישע שיקאַנעס פון די נאַצישע אָקופּאַנטן. דער אידישער שפּיטאָל אויף טשיסטע־גאַס, וועלכער האָט געהאַט אין נאָרמאַלע צייטן 1490 בעטן, האָט אין דעצעמבער 1939, ווען עס זיינען געווען אין אים 1900 קראַנקע, באַקומען אַ באַפעל צו פאַרלאָזן זיין פּלאַץ און איבער־צוקלייבן זיך אויף סטאַווקי־גאַס נומער 6—8. איבער צוויי יאָר איז דער שפּיטאָל פאַרבליבן אויף זיין נייעם פּלאַץ. אין אָנהויב גירוש, סוף יולי 1942, האָט דער שפּיטאָל ווידער באַקומען אַ באַפעל אַריבערצוקלייבן זיך אויף אַן אַנדער אָרט אין פאַרלויף

פון 24 שעה. דער אָרט אויף סטאַווקי־גאַס איז געוואָרן דער קאָנצענטריר־פּלאַץ פאַר די, וועלכע זיינען געווען באַשטימט אַרויסגעשיקט צו ווערן אויף פאַרניכטונג. אָנהויב סעפּטעמבער 1942 האָט דער שפּיטאָל נאָכאַמאָל באַקומען אַ באַפעל אומצוקערן זיך אויף סטאַווקי־גאַס, און דאָס האָט אויסגעזען ביי געוויסע מענטשן ווי אַ סימן, אַז דער גירוש איז שוין אָפּגעשטעלט. אָבער נאָר עטלעכע טעג זיינען פאַרביי און אַלע קראַנקע צוזאַמען מיטן פּערסאָנאַל (ביי 900 קראַנקע און 50 מיטאַרבעטער) זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע — — —

און ווי גוואַלדיק זיינען געווען די באַמיאונגען אויפצוהאַלטן ביי אַלע באַדינגונגען די געשאַפענע דערציאונגס־און קולטור־אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן געפירט זייער אַרבעט אויך אין דער געטאָ־חשכות! אַ רירנדיקער און זיכערער באַוויז דערצו דינט אונז דער אין דעם בוך געבראַכטער בריוו פון ד״ר עמנואל רינגעלבלום, וועלכן ער האָט געשריבן אַ וואָך פאַר זיין דערמאָרדונג. עס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן פּראָפעסיאָנעלע קורסן, אין וועלכע עס האָבן געלערנט טויזנטער תלמידים; עס זיינען אויך געווען קורסן פאַר גערטנעריי און לאַנדווירטשאַפט. אין אָנהויב 1942 זיינען טעטיק געווען אין געטאָ 85 קורסן מיט 3400 תלמידים. די דייטשן האָבן פאַרבאָטן שולן פאַר אידישע קינדער, איז באַלד אויסגעוואַקסן אַ גאַנצע נעץ פון אונטערערד־שולן; עס זיינען געשאַפן געוואָרן אַסך טויזנטער הויף־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו זאָרגן פאַר דער קינדער־דערציאונג א.א.וו. אפילו גימנאַזיעס און אויך אַ ליצעאום האָבן פונקציאָנירט אין אידישן אונטערערד[3].

די דייטשן האָבן געטון אַלץ כדי צו פּאַראַליזירן דאָס אידישע קולטור־לעבן, זיי האָבן באַרויבט אַלע ביבליאָטעקן א.אַ.וו. און טראָץ דעם האָט זיך געפירט אַ ברייטע קולטור־טעטיקייט — עס זיינען דערשינען צייטונגען, עס זיינען געשאַפן געוואָרן טעאַטערס און איינגעאָרדנט געוואָרן קאָנצערטן און קונסט־אויסשטעלונגען. אַזוי זיינען, למשל, אין געבורטסטאָג פון מענדעלי מוכר־ספרים פאַרגעקומען אין געטאָ 127 פאַרזאַמלונגען און פאָרטראַגן. אין י. ל. פּרץ־יאָרצייט זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן 16 פאַרזאַמלונגען, צווישן זיי עטלעכע ספּעציעלע פאַר קינדער און יוגנטלעכע. „די אַלע פאַראַנשטאַלטונגען זיינען אַדורך מיט דערפאָלג און זיי זיינען געשטאַנען אויף אַ הויכער קולטור מדרגה״, שרייבט די „גאַזעטא זשידאָווסקאַ״ פון 30־טן מאַי 1941, — די איינציקע אידישע צייטונג אויף פּויליש, וואָס די דייטשן האָבן דערלויבט אַרויסצוגעבן. מען האָט געפייערט דעם 80־טן געבורטסטאָג פון שמעון דובנאָוו און מען האָט איינגעאָרדנט אָוונטן פאַר דער שאַפונג פון ג. שאַפמאַן און שלום אַש, עס זיינען

[3] איבער צוויי יאָר שפּעטער, נאָך זייער פאַרנעמען וואַרשע, האָבן די דייטשן דערלויבט צו עפענען שולן אין געטאָ. עס זיינען באַלד געמאַכט געוואָרן גרויסע פאַרבאַרייטונגען און אַ סך דערציאונגס־אַנשטאַלטן האָבן אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן. אָבער דאָס האָט געדויערט נישט מער ווי אַ קורצע צייט, — דעם 22־טן יולי 1942 האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער פאַרניכטונגס־גירוש, און אַלץ האָט אויפגעהערט.

פאַרגעקומען אַזכרה־אָוונטן פאַר ח. נ. ביאַליק, אַ. גאָלדפאַדן און ש. אַנ־סקי. מען האָט אויך ניט פאַרגעסן פייערן דעם 800־טן יאָרטאָג פון ר׳ יהודה הלוי; לכבוד דער פייערונג איז דערשינען אַ ספּעציעלער נומער „גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ“. און אויך דאָס אַלץ איז כאַראַקטעריסטיש ניט נאָר פאַרן וואַרשעווער געטאָ.

ווער עס באַטראַכט וואָס עס איז פאָרגעקומען אין ווילנער געטאָ, למשל, דערזעט אויך דאָרט דיזעלבע אָנשטרענגונג פון אַלע כוחות פון אידישן אונטערערד כדי ווייטער־צו־פירן דאָס קולטור־לעבן. אויך דאָרט זיינען פאָרגעקומען צענדליקער ליטעראַרישע פרייטאָג־צו־נאַכטן; מען האָט דאָרט געפייערט דעם אָנדענק פון שלום־עליכם, ביאַליק, יהואש און אַנדערע שרייבער; עס איז דערשינען אַ ספּעציעלע צייטונג „געטאָ־ידיעות“; מען האָט געשאַפן אַ סימפאָנישן אָרקעסטער; עס זיינען געווען טעטיק צוויי כאָרן; עס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן ליטעראַרישע קאָנקורסן; ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּאָרט־פּלאַץ; עס זיינען געווען קינדער־גערטנער און פאָלקס־קיכן — און אַלץ איז געטון געוואָרן אומלעגאַל. אויך אין די לאַגערן האָט מען ניט אויפגעגעבן די קולטור־אַרבעט. אַ כאַראַקטעריסטישער מוסטער דערפאַר געפינען מיר אין דער אויספירלעכער שילדערונג פון אונזער חבר מ. באַרוויטש (באַרו־כאָוויטש), וועלכער איז געווען אינם גרויזאַמען לאַגער אין לעמבערג, אויף יאַנאָווסקע־גאַס; זיין שילדערונג, וועלכע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פּוילישער ליטעראַרישער צייטשריפט „אָדראָדזעניע“ — ווידעראויפלעבונג — פון 22־טן אַפּריל 1945[4], דערציילט וועגן אַ ליטעראַרישער טעטיקייט אינם לאַגער און אויך וועגן אַקטיווער זאָרג פאַר דעם וואוקס פון יונגע טאַלאַנטן. דער אידישער אונטערערד האָט זיך באַמיט, אַז די אַלע טעטיקייטן זאָלן געפירט ווערן, האָבנדיק דערביי אַ קלאָרן ציל: צו שטאַרקן ביי די פאָלקסמאַסן דעם לעבנס־ווילן. אונזערע מענטשן אין געטאָ האָבן געוואוסט, אַז די דייטשן זיינען אויסן איין זאַך: אונז גייסטיק צו צעברעכן כדי לייכטער צו פאַרניכטן אונז בכלל. די טויער אין געטאָ האָבן דעריבער געהאַלטן, אַז אונזער רעאַגירן דערויף דאַרף באַשטיין אין מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו בלייבן לעבן ביי אַלע באַדינגונגען און פאַר יעדן פּרייז, ווי לאַנג עס איז נאָר מעגלעך; זיי האָבן באַטראַכט אַלס זייער הויפּט־אויפגאַבע איינצוהיטן אונזער נאַציאָנאַלן הויפּט־פאַרמעג, וואָס איז נאָך פאַרבליבן — אידיש לעבן.

ג

די דעספּאָטישקייט און אכזריות פון די דייטשן איז אין פּוילן געווען אָן אַ שיעור גרעסער ווי אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער. יעדע אומלעגאַלע טעטיקייט איז דעריבער געווען אַסך שווערער און געפערלעכער אין פּוילן ווי ערגעץ אַנדערש. מען

---

[4] אויספירלעכער וועגן דער טעמע אין זיין ביכל „ליטעראַטור אין לאַגער“ אַרויסגעגעבן פון דער וואָיעוואָדישער אידישער היסטאָרישער קאָמיסיע (פּויליש, קראָקע 1946, 76 זייטן).

רעכנט, אַז אין פּוילן זיינען געווען טעטיק אַרום 60 טויזנט געסטאַפּאָ־לייט. עס איז לייכט זיך פאַרצושטעלן, אויב אַזוי, ווי געפערלעך און שווער עס איז געווען די אַרבעט פון אידישן אונטערערד. ווער עס לייענט די שילדערונגען פון דער דרייסט־געוואַגטער און ריזיקאַלישער אַנטינאַציסטישער טעטיקייט אין אייראָפּע בכלל ווערט אַדורכגעגדרונגען מיט באַגייסטערונג פאַר יענע פרייהייטס־קעמפער, וועלכע האָבן געמוזט גובר זיין אַזויפיל שרעקלעכע שוועריקייטן און שטערונגען אין זייער אַרבעט. עס איז אָבער נישט צו פאַרגלייכן זייערע ליידן און מאַטערנישן מיט די צרות און לייד, וועלכע עס האָט געמוזט אויסשטיין דער אידישער אונטערערד אין פּוילן. אַ פראַנצויזישער, האָלענדישער אָדער פּוילישער אונטערערד־אַקטיוויסט האָט אין יעדער סכנה געקענט געפינען שוץ ביי די אָרטיקע איינוואוינער פון לאַנד, אַנדערש איז אָבער געווען די לאַגע פון דעם אידישן אונטערערד־טוער אין פּוילן, ווען ער האָט זיך געפונען פון יענער זייט געטאָ־מויער. אויף טריט און שריט האָט דאָרט געלויערט אויף אים די סכנה. יעדע רייזע איז פאַר אַ איד געווען פאַרבונדן מיט געפאַר; יעדעס איבערגיין פון איין קוואַרטאַל אין אַ צווייטן איז פאַר אים געווען לעבנסגעפערלעך, שוין צוליב דעם אַליין וואָס ער איז אַ איד. באַזונדערס אין פּוילן האָבן מיטגעהאָלפן דער געסטאַפּאָ נישט נאָר די דייטשן און די אָרטיקע פּאָליציי, נאָר אויך מענטשן־אָפּפאַל פון אַנדערע פעלקער.

אין דער צייטונג „ראַבאָטניק פּאָלסקי" („דער פּוילישער אַרבעטער"), וועלכע דערשיינט אין די פאַרייניקטע שטאַטן, האָט וויטאַ מאַרטשינאָווסקאַ פאַרעפנטלעכט נאָך בעת דער מלחמה אַ סעריע שטייגער־בילדלעך פון וואַרשע בשעת דער אָקופּאַציע. מיר לייענען דאָרט דערשיטערנדיקע שילדערונגען פון שאַקאַלן־אין־מענטשנגעשטאַלט, וועלכע לויערן אויף קרבנות און טשאַטשעווען אין פאַרבאַרגעניש אויף פּוילישע אונטערערד־טוער און אויף אידן וואָס ראַטעווען זיך אַרויס אויף דער אַרישער זייט: דיזאַזיקע מענטשן־חיות האָבן אַרומגעשלייכט איבער די אַרישע גאַסן פון וואַרשע און געזוכט עמיצן, וואָס האָט אַ אידיש־ענלעך פּנים; און ווי איז געווען צום קרבן, ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַזאַ ווילדן מענטשן־וואָלף! אים האָט שוין גאָרנישט געהאָלפן. אפילו ווען עס איז אים געלונגען אויסצוקויפן זיך פאַר געלט — האָבן זיי אים ווייטער פאַרפאָלגט און צורו נישט געלאָזט ביז זיי האָבן אים פשוט דערמאָרדעט.[5]

[5] אין אַ געוויסן צייט־אָפּשניט האָבן די דייטשן באַשטימט, אַז אַ דריטל פונם געלט, וואָס מען וועט געפינען ביי אַ געכאַפּטן איד אויף דער אַרישער זייט געהערט דעם פּוילישן פּאָליציאַנט, וואָס וועט אים כאַפּן. דאָס האָט אַ סך פון זיי געטריבן צו באַזונדערער פלייסיקייט ביים איבערגעבן אידן אין די הענט פון זייערע דייטשע מערדער. פייגעלע פעלטעל (וולאַדקע, אַ יונגע בונדישע אונטערערד־קעמפערין, וועלכע איז ניצל געוואָרן) דערציילט אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" דערשיטערנדיקע פּרטים, וועגן דער יאַגד אויף אידן אינם אַרישן טייל פון וואַרשע סיי מצד דער פּאָליציי און סיי מצד שאַנטאַזשיסטן. קראָקע איז געווען דער ערגסטער, און ווייזט אויס דער איינציקער אָרט, וואו דער פּוילישער אונטערערד האָט געשאַפן אַ באַזונדערן געריכט קעגן פּאָליאַקן, וואָס האָבן אויסגעגעבן אידן צו די דייטשן אָדער האָבן געמסרט פּאָליאַקן, וועלכע

אויף די וועגן, וואו עס זיינען פֿאַרבייגעפֿאָרן די פֿאַרניכטונגס־באַנען האָבן געלויערט יונגע פּויערן אויף יעדן איד, וועלכער האָט זיך געפּרוּווט ראַטעווען דורך אַרויס־שפּרינגען פֿון דער שנעל־לויפֿנדיקער באַן אונטערן קויל־האָגל פֿון די דייטשן. אויב עמיצן איז אַזוי־אַרום געלונגען אַרויסצושפּרינגען פֿון וואַגאָן פֿון דער יאָגנדיקער פֿאַרניכטונגס־באַן און ער איז געבליבן אַ פֿאַרוואונדעטער אין די וועלדער־געדיכטעניש אויפֿן וועג קיין טרעבלינקע, האָבן זיי אויסגעזוכט זיין באַהעלטניש און אים דער־מאָרדעט און באַרויבט.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָבן די פֿאַרבינדונגען צווישן די געטאָס נישט אויפֿגעהערט, און די שליחים פֿון אידישן אונטערערד זיינען אַרומגעפֿאָרן אין דער לענג און ברייט פֿון לאַנד; און עס זיינען פֿאַרשפּרייט געוואָרן צייטונגען און צירקולאַרן סיי אין דער הויפּט־שטאָט און סיי אין דער פּראָווינץ; און עס זיינען פֿאָר־געקומען צוזאַמענטרעפֿן און סעמינאַרן. אויך דער קאָנטאַקט מיט אויסלאַנד איז אָפּגעע־היט געוואָרן. אפֿילו גרעניצן האָט מען געשמוגלט. פֿאַר דעם אַלעם האָט מען טאָג־טעגלעך געצאָלט מיט בלוטיקע קרבנות. אַסך און די בעסטע טוער פֿונם אונטערערד זיינען געפֿאַלן אָבער די טעטיקייט איז נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן און נישט פֿאַר־קלענערט געוואָרן.

די וועלט־פּרעסע האָט באַצייכנט ווי אַ מוסטער־העלדישקייט די שילדערונג פֿון י אַ ן ק אַ ר ס ק י, דעם שליח פֿון דער פּוילישער רעגירונג, וויאַזוי ער איז (אין מלחמה־צייט) אַריבער פֿון פּוילן דורך די בעסקידן־בערג קיין סלאָוואַקיע כדי אַנצוקומען אין אויסלאַנד און ער איז אַרעסטירט געוואָרן. אָבער דעם זעלבן וועג האָבן דאָך פֿון 1941־טן יאָר דורכגעמאַכט צענדליקער און הונדערטער פֿון אונזערע יונגע חברים און חברטעס, טאָג־איין־טאָג־אויס. די געציילטע פֿון זיי, וועלכע מיר האָבן זוכה געווען אויפֿצונעמען אין ארץ־ישראל, און די וועלכע זיינען אָנגעקומען קיין אונגאַרן, זיינען דאָך געגאַנגען דעם זעלבן וועג. דעם וועג האָט דורכגעלייגט דער אידישער אונטערערד מיט קרבנות און ליידן, וועלכע אידן האָבן דאָך געהאַט אויסצושטיין אַסך מער ווי נישט־אידן. איינער פֿון די פּיאָנערן־דורכלייגער פֿון דעמדאָזיקן וועג, אַן אַקטיווער החלוץ־טוער אין פּוילן, דער געוועזענער סעקרעטאַר פֿון קיבוץ אין ביאַליסטאָק, ש ל מ ה צ י ג ע ל נ י ק, איז שוין דעם 15־טן נאָוועמבער 1940 געשיקט געוואָרן פֿון וואַרשע אויסצופֿאָרשן דעם וועג. אָנהויב פֿעברואַר 1941 זיינען שוין אָנגעקומען פֿון אים קיין וואַרשע די ערשטע ידיעות מיט אַ פֿאָדערונג, אַז חברים זאָלן קומען. ער

פֿאַרבאַהאַלטן אידן. דער קראָקעווער פּוילישער אונטערערד האָט אויך פֿאַרעפֿנטלעכט שאַרפֿע וואָרנונגען אין דער הינזיכט. עס איז, למשל, באַקאַנט, אַז דעם 27־טן אָקטאָבער 1943 האָט מען אויסגעפֿירט אַ טויט־אורטייל אויפֿן לאַנדווירט אַנטאָני פּאַיאָר, פֿון דער וויעליטשקער געגנט, ווייל ער האָט געמסרט פּויערן, וואָס פֿאַרבאַהאַלטן אידן און ער האָט מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן ביי כאַפּן אידן און אידישע קינדער און ביי זייער דערמאָרדונג, און אויך ביים כאַפּן טוער פֿון פּוילישן אונטערערד.

זעלבסט איז געפאַלן ביים אויספירן דידאַקטישע אויפגאַבע. אין פעברואַר 1941 איז טאַקי אַרויס אַהין די ערשטע גרופּע — 6 חברים — פון וואַרשע. איינער פון זיי, וועלכער געפינט זיך איצט אין ארץ־ישראל, שרייבט: „מיר זיינען געווען זעקס חברים פון וואַרשעווער געטאָ; צוויי האָבן זוכה געווען אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל, פיר זיינען דורכגעפאַלן און אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ". אַסך חברים פון די פאַרשידענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשע האָבן זיך דאַמאָלסט — 1941 — קאָנצענטרירט אין בייסאַנץ, כדי צו פּרווון אַדורכרייסן זיך מיט יענעם וועג קיין ארץ־ישראל. פון אַ זעכציק וואַרשעווער, וועלכע זיינען פון דאָרט אַוועק צו דער סלאָוואַקישער גרעניץ, זיינען נישט אַלע אָנגעקומען קיין סלאָוואַקיע, און פון די אַהין אָנגעקומענע האָבן נאָר צוועלף מצליח געווען צו קומען קיין ארץ־ישראל.

די לעבנסבאַדינגונגען פון די אידן אין וואַרשעווער געטאָ זיינען אין יענער צייט געווען שרעקלעכע, ממש אומדערטרעגלעכע, סיי עקאָנאָמיש און סיי צוליב דער מוראַדיקער ענגשאַפט. דער געטאָ איז געשאַפן געוואָרן סוף אָקטאָבער 1940 (דער באַפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 16־טן אָקטאָבער 1940 און דעם 16־טן נאָוועמבער 1940 זיינען אָפּגעשלאָסן געוואָרן די 16 קילאָמעטער לאַנגע געטאָ־מויערן). דער שטח, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַרן געטאָ, איז באַשטאַנען פון די אַרעמשאַפט־גאַסן, וואָס אויך אין נאָרמאַלע צייטן האָבן אידן דאָרט געוואוינט אין שרעקלעכער ענגשאַפט. נאָכן אָפּשליסן די געטאָ־מויערן האָט געמוזט אויפן זעלבן שטח לעבן מער ווי אַ דאָפּלט־פאַרגרעסערטע באַפעלקערונג. עטלעכע צענדליק טויזנט פוילישע איינוואוינער זיינען פון דאָרט אַרויסגעפירט געוואָרן, אָבער אַנשטאָט זיי, זיינען אַריינגעפירט געוואָרן 140 טויזנט וואַרשעווער אידן, וועלכע האָבן געוואוינט מחוץ דעם געטאָ־געביט. דערצו זיינען יעדן טאָג אַריינגעפירט געוואָרן אין געטאָ נאָך אידן, אַרויסגעטריבענע פון די נאָענטע שטעט. מען רעכנט, אַז סוף 1941 האָבן זיך געפונען אין וואַרשעווער געטאָ ביי 210 טויזנט פּליטים, ד״ה אַרום 40% פון דער אַלגעמיינער אידישער באַפעלקערונג דאָרטן. עטלעכע צאָלן גיבן אַ באַגריף וועגן דער מוראַדיקער ענגשאַפט: אין געטאָ זיינען געווען נישט מער ווי 1359 וואוינבאַרע הייזער. אין איין הויז, אויף נאַלעווקי 35 האָבן געוואוינט 1882 אידן; אינם הויז אויף קראָכמאַלנע 17 — 1029; אינם הויז אויף באַגנאָ 3 — 1016. אין אַלגעמיין זיינען אין געטאָ געווען נאָר 6,8% פון אַלע וואוינבאַרע הייזער אין וואַרשע, און אין זיי זיינען געצוואונגען געווען צו לעבן איבער אַ דריטל פון אַלע וואַרשעווער איינוואוינער. מען שאַצט, אַז עס האָט אויסגעמאַכט צו 13 נפשות אויף אַ צימער אין געטאָ.

אין די פּרנסה־און אַרבעטס־קוואַלן זיינען פאַרשטאָפּט און צעשטערט געוואָרן. דער אומגעהויער אַכזריותדיקער הונגער האָט צוגענומען יעדע מעגלעכקייט צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש ווי נאָר וועגן באַקומען כאָטש וועלכע נישט איז שפּייז־מיטלען פאַר די עלטערן, די קינדער, פאַר דער פאַמיליע. די אָפיציעלע שפּייז־פּאָרציעס פאַר

די פּאָליאַקן זיינען געווען אַ העלפט פון די שפּייז־פּאַרציעס פאַר די דייטשן, און אַ אידן איז באַשטימט געוואָרן די העלפט פון אַ פּוילישער פּאַרציע. אָבער אויך דאָס ביסל האָבן זיי נישט באַקומען, און דערביי זיינען געווען פאַרשידענע פּראָדוקטן וואָס מען האָט זיי נישט געטאָרט פאַרקויפן קיין אידן. די דערנערונגס־הוצאות אין וואַרשעווער געטאָ זיינען אין סוף 1941 געשטיגן צוועלף־פאַך. פאַרשטייט זיך, אַז אויך די אַקטיווע אונטערערד־טוער און די אָנפירער פון באַוועגונגען זיינען נישט געווען פריי פון אַט דער טאָג־טעגלעכער זאָרג פאַרן עסן. עס איז גאָר נישט מעגלעך פאַרצושטעלן זיך וואָס פאַראַ קאָמבינאַציעס און אָנשטרענגונגען זיינען פאַרווענדט געוואָרן אין דעם קאַמף געגן הונגער און מיט וואָס פאַר־אַ סכנות איז געווען פאַרבונדן דאָס קריגן אַ שטיקל ברויט אויף צו דערהאַלטן די נשמה. עס זיינען געווען נישט ווייניק פאַלן, ווען אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע טוער זיינען אַרומגעגאַנגען געשוואָלענע פון הונגער און אַזוי פאַרענדיקט זייער לעבן. די שפּייז־פּעקלעך, וואָס אונזערע מענטשן האָבן באַקומען פון אויסלאַנד, זיינען נישט אָנגערירט געוואָרן דורך זיי, — מען פלעגט זיי פאַרקויפן כדי צו האָבן געלט־מיטלען פאַר די באַדערפענישן פון דער באַוועגונג. נאָר אַ זייער דינער שיכט איז געווען אין געטאָ, יעדנפאַלס נישט פון צווישן די געזעלשאַפטלעך־אַקטיווע און טוער, וועלכע האָבן געלעבט אויך דאָרטן אין לוקסוס.

אַט אין דעם ליכט דאַרפן מיר באַטראַכטן דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין די אידישע געטאָס אין פוילן באַלד פון אָנהויב נאַצישער אָקופּאַציע; נאָר אַזוי קענען מיר ריכטיק פאַרשטעלן זיך זייער לעבנס־שטייגער, אָפּשאַצן זייער גייסטיקע און מאָראַלישע הייך און פאַרשטיין זייערע אָנשטרענגונגען אָפּצוהיטן אויך ביי די גרויליקסטע באַדינגונגען די מענטשלעכע און אידישע צורה אין אַ מינימום פון אַ געזעלשאַפטלעכך־ און קולטורעל־לעבן, — דאָס וואָס איז נישט געלונגען שטאַרקערע, איינגעוואָרצעלטע און רייכערע פעלקער פון אונז, וואָס זייערע אָקופּאַציע־באַדינגונגען זיינען דאָך געווען אַסך לייכטערע. אַט אין דעם ליכט דאַרפן מיר פאַרשטיין און אָפּשאַצן ווי געהעריק די העראָישקייט און נשמה־גרויסקייט פונם אידישן געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו — נישט נאָר אין די טעג פון דער לעצטער שלאַכט, נאָר אויך אין דעם לאַנגדויערנדיקן געראַנגל, וועלכער האָט זיך געצויגן די גאַנצע משוגענע און גרויזאַמע דריי־און־אַ האַלב יאָר ביז דעם אויפשטאַנד.

ד

פון אַלע דאָקומענטן, וועלכע מיר באַזיצן, איז צו זען, אַז שוין ביים אָנהויב פון גרויסן גירוש־וואַרשע, דעם 22־טן יולי 1942 (ערב תשעה באב תש״ב), האָבן די מיינסטע אָנפירער פון אידישן אונטערערד געשפּירט, אַז די דייטשן שטרעבן טאָטאַל און אַבסאָלוט צו פאַרניכטן אַלע אידן. אין פאַרלויף פון אומגעפער צוויי חדשים, ביזן 12־טן סעפּטעמבער 1942 (ראש השנה תש״ג) זיינען יעדן טאָג אַרויסגעפירט געוואָרן

פון וואַרשע אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן איבער 6000 אידן. אין עפּעס וויניקער פון צוויי חדשים זיינען אַרויסגעשיקט און פאַרניכטעט געוואָרן אַרום 300 טויזנט וואַרשע־ווער אידן. עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז אויך די לעצטע, וועלכע האָבן געהאַט געוויסע אילוזיעס, האָבן שוין אייגנטלעך דערשפּירט די אָנקומענדיקע סכנה.

דער אַזוי אַלגעמיינער און מאַסן־גירוש האָט געטראָפן ווי אַ דונער די וואַר־שעווער אידן. ער איז אַדורכגעפירט געוואָרן מיט אַן אַכזריותדיקן, אומאויפהערלעכן טעראָר טאָג־און־נאַכט, נישט לאָזנדיק אַ פרייע מינוט אויף אָפּעטעמען, אויף עפּעס באַטראַכטן אָדער טרעפן זיך מיט וועמען־ס׳איז. דאָס איז געווען אַ בליץ־אַנגריף, וועלכן די דייטשן האָבן אָנגעווענדעט לגבי אַסך לענדער און פעלקער, און ער איז זיי געלונגען לגבי די וואַרשעווער אידן, וועלכע זיינען אין יענער צייט געווען פולשטענדיק אומבאַוואָפנט. אָבער אויך ביי דידאָזיקע באַדינגונגען זיינען געווען פּרוּוון פון ווידערשטאַנד. אין דער צאָל פון די טויט־פאַלן אין וואַרשעווער געטאָ אין דער גירוש־תקופה פון יענע צוויי חדשים געפינען זיך 5450 אידן, וועלכע זיינען דערשאָסן געוואָרן. זיי זיינען געפאַלן בעת זיי האָבן, ווי עס ווייזט אויס, געפּרוּווט מיט ליידיקע הענט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם גירוש. אויך דאַמאָלסט זיינען שוין געווען ווידערשטאַנד־פּרוּוון און מיר וועלן נאָך וועגן זיי דערציילן.

נישט נאָר ווידערשטאַנד־פּרוּוון זיינען שוין געווען אין יענער תקופה. מיר דערוויסן זיך וועגן אַזעלכע דערהויבענע און רירנדיקע טאַטן פון העלדנטום און זעלבסטאָפּפּערונג, אַז מיר בלייבן אין זייער אָנבליק אינגאַנצן דערשיטערט. עס זיינען באַקאַנט נישט וויניק פאַקטן וועגן פרומע אידן, וואָס זייער הויפּט־זאָרג אין די טויט־באַנען און פאַרניכטונגס־לאַגערן איז געווען, וויאַזוי צו באַקומען טלית־ותפילין כדי אָפּדאַוונען ווי געהעריק פאַרן סוף. עס זיינען אויך געווען נישט וויניק פאַקטן אין די גרויזאַמע קאָשמאַר־חדשים פונם גרויסן פאַרניכטונגס־גירוש, ווען באַקאַנטע גע־זעלשאַפטלעכע טוער האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם „אומשלאַג־פּלאַץ״ — דאָס אָרט פונוואַנען מען האָט אַרויסגעשיקט אין גירוש — אויך ווען זיי האָבן געהאַט מעגלעכקייטן דאָס צו טון ; דידאָזיקע טוער האָבן פרייוויליק גוזר געווען אויף זיך דעם גורל פונם כלל. ווי אַ לעגענדע אויף לאַנגע צייטן וועט דערציילט ווערן די טאַט פון לערער און לייטער פון קינדער־אַנשטאַלטן, וועלכע זיינען געגאַנגען אין גירוש בראש פון זייערע תלמידים. זיי האָבן געוואָלט פאַרשפּאָרן די קינדער די שרעק פונם מאַרש צו די טויט־צוגן, האָבן זיי אָנגעטון זיך און די קינדער יום־טובדיקע קליידער, געטיילט זיי צוקערלעך און מיט געזאַנג אויף די ליפּן האָבן זיי געפירט די תלמידים און זיך צום פאַרניכטונגס־טראַנספּאָרט, ווי זיי וואָלטן זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר. אַזוי האָט געטון דער באַרימטער שרייבער און פּעדאַגאָג יאַנוש קאָרטשאַק (ד״ר הענריק גאָלדשמידט) צוזאַמען מיט זיין גאַנצן פּערסאָנאַל. אַזוי האָט געטון איינער פון די בעסטע דערציער, אַן איבערגעגעבענער חבר פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער

באַוועגונג אהרן קאַנינסקי, אַזוי האָבן געטון אויך אַנדערע. די מיטגלידער פון „יודען־ראַט" האָבן אַרויסבאַקומען פאַר קאַרטשאַקן אַ באַפרייאונג פון גירוש, אָבער ווען דער דייטשער ס.ס.־מאַן איז געקומען צו דער באַן אים מעלדן וועגן זיין באַפרייאונג האָט אים דער אַלטער קאַרטשאַק געענטפערט: „טראָג זיך אָפּ, דו הונט. עסטו דען נישט וויאַזוי אידישע קינדער גייען דעם טויט אַנטקעגן?!" און ער איז מיט אַ שפּרונג אַריין אין דער טויט־באַן.

אין די לעצטע חדשים פון יאָר 1942 איז פאָרגעקומען אַ פיבערהאַפטע צוגרייטונג צו אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. אַלע אָנשטרענגונגען זיינען אין יענער צייט געווען געווידמעט אָט דעם איינציקן ציל, — באַזונדערס דעם באַקומען און דער אויסאַרבעטונג פון געווער. זיי האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם געקויפטן געווער אָדער מיט דעם אַזוי צו־שפּעט באַקומענעם, — זיי האָבן אַסך ענערגיע געווידמעט דער אויסאַרבעטונג פון געווער. די בעסטע כוחות זיינען געווען דערמיט באַשעפטיקט, און ווייזט אויס, אַז זיי האָבן דערגרייכט באַדייטנדיקע רעזולטאַטן אויף דעם געביט. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן ספּעציעלע וואַרשטאַטן, און ספּעציאַליסטן פונצווישן די אונטער־ערד־טוער האָבן זיך פאַרנומען דערמיט. מיר ווייסן פון אויטענטישע ידיעות, אַז אָט די זעלבסט־פּראָדוקציע איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די טאָגביכער פון די קעמפער דערציילן אונז וואָס פאַר־אַ וויכטיקע באַדייטונג עס האָבן געהאַט אין זייערע קאַמפן באָמבעס, אויפרייס־מינעס, צינדפלעשער א.אַ.וו., און די מערסטע וואָפן פון דעם מין זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין געטאָ גופא.

עס זיינען געמאַכט געוואָרן צוגרייטונגען צום ווידערשטאַנד — כדי נישט צו גיין מער אין גירוש אָן אַ באַוואָפנטן געגנשטעלן זיך. ביי די דאָרטיקע כוחות־פאַר־העלטנישן האָבן אונזערע קעמפער נישט געקענט האָבן קיין ברעקל ספק: אַ קליינע גרופּע פון אידן־קעמפער, נישט־באַוואָפנטע ווי געהעריק, אָפּגעשלאָסענע און איזאָ־לירטע, וועט אַרויס אין קאַמף געגן מאַסן דייטשע און זייערע נאָכשלעפערישע ווילדע חיות, וואָס זייער צאָל איז ריזנהאַפט און זיי זיינען באַוואָפנט מיטן פאַרפולקאָמסטן און מאָדערנסטן געווער. דעריבער זיינען געמאַכט געוואָרן צוגרייטונגען צו אַ ווידער־שטאַנדס־קאַמף אין פאַל ווען דער גירוש וועט באַנייט ווערן און נישט צו אַן אָנגריפס־קאַמף פאַרן גירוש.

עס ווייזט אויס, אַז די דייטשן האָבן געפּלאַנט צו ליקווידירן דעם רעשט פון וואַרשעווער אידן נאָך אין יאַנואַר 1943. זיי זיינען געווען זיכער, אַז אויך דאָס־מאָל וועט עס אָפּגיין לייכט, היות ווי דער גרויסער בלוטיקער גירוש אין די חדשים יולי־סעפּטעמבער איז אָדורך אָן אַ באַדייטנדיקן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד. אין איינעם אַ געסטאַפּאָ־באַריכט איז באַצייכנט געוואָרן דער פאַקט, אַז דער ערשטער גירוש איז אָדורכגעפירט געוואָרן אָן גרויסע קרבנות פון זייער זייט. אָבער דער פּרווו צו באַנייען די אַרויסשיקונגען האָט זיך אָנגעטראָפן אין אַ ווידערשטאַנד. פיר־פינף טעג נאָכאַנאַנד,

פון 18־טן ביזן 23־טן יאַנואַר 1943, זיינען פאָרגעקומען די באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן; עס איז אָנגעגאַנגען אַ פּאַרטיזאַנען־קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ, נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן געליטן שווערע פאַרלוסטן זיינען זיי געווען געצוואונגען אָפּצושטעלן די אַרויסשיקונגען. דער מוטיקער אַרויסטריט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, כאָטש נאָך נישט מיט דער גאַנצער קראַפט — אגב האָבן זיך אין יענע גאַסן־קאַמפן באַטייליקט בעיקר קאַמף־גרופּעס פון די אָרגאַניזאַציעס פונם אַרבעטנדן ארץ־ישראל — האָט אַחוץ די פאַרלוסטן, וואָס ער האָט גורם געווען די דייטשן, געשטאַרקט דעם זעלבסטבאַוואוסטזיין פון די אידישע קעמפער און געהויבן זייער אָנזען ביי אַלע אידן.

די דייטשן האָבן דאַן זיך גענומען צו דער ליקווידירונג פונם געטאָ מיט מער ענערגיע. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן שוין מער נישט קענען איבערחזרן די גרוילטאַטן פון יולי־סעפּטעמבער 1942 אָן אַ העפטיקן ווידערשטאַנד מצד די אידן. האָבן זיי דעריבער געפּרוווט, אינמיטן מערץ 1943, אַדורכפירן דעם גירוש מיט אָפּנאַר־און שווינדל־מיטלען. זייערע שליחים — די דייטשע וואַרשטאַטן־באַזיצער און אַרבעט־לייטערס — האָבן אָנגעהויבן חנפענען די אידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דייטשע אונטערנעמונגען, און צוגעזאָגט זיי „הרים וגבעות", אויב זיי וועלן פריי־וויליק מסכים זיין צו זייער אַריבערשיקונג אין אַנדערע ערטער. זייער ליגנעריי איז געווען אָן גרעניצן. זיי האָבן געשילדערט פאַנטאַסטישע בילדער, — וואָס פאַר אַ גוטע באַדינגונגען דערוואַרטן די אידישע אַרבעטער און זייערע משפחות אויף די נייע ערטער. די מעשה „אַריבערשיקונג" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויך אָפיציעל, אין דער פאָרם פון אַ דעקרעט, אָבער דאַמאָלסט זיינען שוין נישט געווען קיין אידן, ווי עס איז געווען בעת די פריערדיקע אַרויסשיקונגען, וועלכע זאָלן זיך פרייוויליק פאַרשרייבן צום אַרויסגעשיקט ווערן. אין אונטערנעמונגען, וואו עס האָבן געאַרבעט טויזנטער אידישע אַרבעטער האָבן זיך פאַרשריבן צו ארויסשיקונג נישט מער ווי צענדליקער און אין געוויסע אונטערנעמונגען האָט זיך קיין איינער נישט פאַרשריבן. דאַמאָלסט האָבן די אידן אין געטאָ שוין געפאָלגט — צו אונזער גרויס אומגליק אַזוי שפּעט! — די באַפעלן און אָנווייזונגען פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אַזוי אַרום איז דער גירוש נישט אַדורכגעפירט געוואָרן אין מערץ 1943, און די דייטשן האָבן פאַרגעזעצט זייערע צוגרייטונגען און זיי האָבן באַשלאָסן אים אַדורכפירן מיט געוואַלט, אין אַפּריל 1943.

און דאָ קומט דאָס קאַפּיטל פון דערהויבענער העראָישקייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 19־טן אַפּריל, ערב פסח תש"ג, — און די שלאַכטן האָבן געדויערט עטלעכע וואָכן. ערשט 20 טעג נאָכן אָנהויב, שבת דעם 8־טן מאַי 1943, זיינען אַרומגע־רינגלט געוואָרן אַלע צוטריטן צום צענטראַלן בונקער, וואו עס האָט זיך געפונען דער שטאַב פונם אויפשטאַנד, און וואו נאָענט הונדערט פון די קעמפער, מיט זייער קאָמענדאַנט מ ר ד כ י אַ נ י ע ל י ע וו י ט ש אינדערשפּיץ זיינען געפאַלן אָדער אַליין זיך אומגע־

בראַכט, כדי נישט אַרײַנצופאַלן אין די הענט פון די דײַטשע מערדער. עס איז נישט מעגלעך נישט צו דערמאָנען און אונטערשטרײַכן די האַלטונג און דעם מוט פון אונזערע בחורים אויך אין דער לעצטער מינוט און אַנטקעגנשטעלן זיי די שענדלעכע פּחדנות פון די — להבדיל אלף הבדלות — „אויסדערוויילטע פון דער העכערער ראַסע״, די נאַצישע היטלערישע פירער — די גערינגס, פראַנקס און שטרײַכערס — וועלכע האָבן יאָרנלאַנג קאַלטבלוטיק געמאָרדעט מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן און נאָך זייער מיאוסן דורכפאַל האָבן זיי אפילו אָט דעם מוט נישט געהאַט, אַסוף־צו־מאַכן צו זייער טמאדיק און רשעותדיק לעבן.

די ערשטע טעג פון די שלאַכטן האָבן באַוויזן, אַז טראָץ דער כוחות־אומגלײַכהייט האָט די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע די אויבערהאַנט. מען קען נישט וויסן גענוי וויפיל באַוואָפנטע קעמפער האָבן זיך געפונען אין רשות פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, און וויפיל מענטשן האָט געציילט יעדע פון די צוויי־און־צוואַנציק אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן געקעמפט אין וואַרשעווער געטאָ. אָבער לויט די שילדערונגען פון דעם געוועזענער־פּאַרמעג, און לויט דער שווער־קייט צו באַקומען דאָסדאָזיקע געווער, ווי אויך פון דעם, וואָס אַ קעמפער, וועלכער האָט באַקומען אַ ביקס, האָט דאָס באַדײַט פאַר אים אַ באַזונדער פּריווילעגיע — לויט דעם אַלעם איז אָנצונעמען, אַז די צאָל באַוואָפנטע קעמפער און אַקטיוו־באַטייליקטע אין די שלאַכטן בעתן אויפשטאַנד האָט באַטראָפן אַרום פינף הונדערט. די דײַטשן זיינען אַרויס צו זייער ערשטן אָנגריף מיט אַ גרויסער קראַפט — 2000 דײַטשע זעלנער, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז פיס און געשטיצטע דורך האַרמאַטן האָבן זיך צוגעשטעלט צו דער שלאַכט אין איין פונקט פונם געטאָ — און זיי זיינען אָפּגעשטויסן געוואָרן דורך אַ הייפל אידישע קעמפער. ענלעכע פאַלן האָבן זיך איבערגעחזרט אין עטלעכע פונקטן און נישט נאָר איין טאָג. דאָס אַליין דערווייזט אונז קלאָר די ווידערשטאַנדס־פעאיקייט און די ריכטיק־געפּלאַנטע קריגס־פירונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע [6].

דער בריטער פאַרנעם פון די צוזאַמענשטויסן האָט נישט געדויערט קיין סך צייט. מען מוז שטוינען וויאַזוי זיי האָבן אפילו נאָר עטלעכע טעג אויסגעהאַלטן

---

[6] אויפן נירנבערגער פּראָצעס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער באַריכט, וואָס דער פּאָליצײַ־גענעראַל און ס.ס.־בריגאַדיר יורגען סטראָאָפּ האָט אַריבערגעשיקט צו די העכערע אינסטאַנצן אין בערלין. סטראָאָפּ איז ספּעציעל געבראַכט געוואָרן קיין וואַרשע, דעם 17־טן אַפּריל 1943, כדי אָנצופירן די אַקציע פון דער געטאָ־ליקווידירונג. דעם 19־טן אַפּריל אינדערפרי האָט ער איבערגענומען די קאָמאַנדירונג אין זיינע הענט. אינם באַריכט שטעלט ער פעסט, צווישן אַנדערן, אַז אין די געטאָ־שלאַכטן האָבן זיך דורכשניטלעך יעדן טאָג באַטייליקט 2054 דײַטשע סאָלדאַטן און אונטעראָפיצערן און 36 אָפיצערן; ער רעכנט אויך אויס די גרויסע צאָל וואָפן און אַמוניציע, וואָס איז געווען אין זייער רשות. אין זיין טאָג־באַריכט פון 10־טן מאַי, דריי וואָכן נאָכן אויסברוך פון געטאָ־אויפשטאַנד, דערציילט סטראָאָפּ, אַז זיינע פּיאָניר־אָפּטיילונגען זיינען פאַרשטאַרקט געוואָרן און וועגן דעם, אַז ער האָט באַקומען אַ גרעסערן טראַנספּאָרט אויפרייס־מאַטעריאַלן.

אין דירעקטן קאַמף־צוזאַמענטרעף מיט אַזאַ קאָלאָסאַל איבערוועגנדיקן כוח. שפּעטער, נאָך די ערשטע עטלעכע טעג, זיינען זיי געווען געצוואונגען איבערצוגרופּירן זיך אין קליינע גרופּעס, צו טוישן די פּאָזיציעס און צו ענדערן די קאַמף־סטראַטעגיע — דאָס איז געשען נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן געמוזט פון מורא אָפּזאָגן זיך פונם וועג פון דירעקטע אָנגריפן, ביי וועלכע זיי האָבן געהאַט אַזעלכע שווערע פאַרלוסטן, און זיי האָבן אָנגעהויבן באַמבאַרדירן פון דער לופט און פון האַרמאַטן, וועלכע האָבן זיך געפונען פון יענער זייט געטאָ. אונזערע מענטשן האָבן פאַרגעזעצט זייער ווידערשטאַנד. דער פּרוּוו אַרויסצוראַטעווען אַ טייל מענטשן דורך די אונטערערדישע קאַנאַליזאַציע־רערן האָט זיך שוין אָנגעהויבן דעם 29־טן אַפּריל. ביי 40 חברים זיינען דאַמאָלסט אַרויסגענומען געוואָרן פונם געביט פון די טעבענס־און־שולץ־פאַבריקן און אויך דערנאָך זיינען אַרויסגענומען געוואָרן עטלעכע קלענערע גרופּעס פון אַנדערע געביטן. דעם 10־טן מאַי איז אונטערגענומען געוואָרן אַ גרעסערער פּרוּוו; מיט דער הילף פון מענטשן פון דער אַרישער זייט, וועלכע זיינען צו דעם צוועק פריער אַריבער־געקומען אין צענטראַלן געטאָ־געביט איז געלונגען יענעם טאָג אַרויסצופירן דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן נאָר אַ טייל (32) פון די לעבנגעבליבענע קעמפער. עטלעכע גרופּעס האָבן באַצאָלט מיטן לעבן בשעת דעמדאָזיקן אַרויסגאַנג־פּרוּוו. אויך נאָכן אַרויסנעמען די איבערגעבליבענע קעמפער און זייער אַריבערפירן אויף דער אַנדער זייט פון געטאָ, — נאָכן 10־טן מאַי, זיינען נאָך דאָרט פאַרבליבן דריי קאַמף־גרופּעס און אויך איינצעלנע קעמפער פון פאַרשידענע גרופּעס, וועלכע האָבן נאָך וואָכן־לאַנג געפירט דעם פאַרצווייפלטן קאַמף צווישן די געטאָ־חורבות [7].

אויך פּוילישע דאָקומענטן, פאַרעפנטלעכטע נאָך די שלאַכטן, ווייזן־אָן, אַז די

[7] אינם באַריכט פון דעם דערמאָנטן נאַצי־גענעראַל סטראָאָפּ ווערט דערציילט וועגן שלאַכטן פאָרגעקומענע דעם 12־טן מאַי, אין וועלכע עס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן 133 אידן, דעם 13־טן מאַי זיינען אומגעקומען 150 אידן, און אויך וועגן קאַמפן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען דעם 15־טן מאַי. ידיעות פון די קעמפער־קרייזן דערציילן אויך וועגן אַ ריי שטאַרקע צוזאַמענ־שטויסן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען נאָכן 10־טן מאַי. גרופּעס קעמפער, פאַרבליבענע אין געטאָ האָבן געמאַכט עטלעכע פּרוּוון אַדורכצורייסן זיך מיט געוואַלט דורך די וואַך־פּאָסטנס ביי די געטאָ־טויערן. אין די דאָקומענטן פון דער אונטערערד־צייט האָבן מיר נישט קיין באַשטעטיקונג, אַז שפּעטער איז געלונגען וועמען עס איז פון די קעמפער אַרויסצובאַקומען זיך פונם געטאָ־געביט, כאָטש עס איז באַקאַנט, אַז אונזערע קעמפער זיינען דאָרטן פאַרבליבן נאָך עטלעכע חדשים. אין חודש יוני זיינען נאָך פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן מיט די דייטשן. עס איז אויך געווען אַ פאַל, אין הערבסט 1943, אַז אַ פּוילישע אַרבעטס־אָפּטיילונג איז אַריין אין איינע פון די געטאָ־חורבות און די דאָרט פאַרבאָרגענע אידן האָבן זי באַגעגנט מיט אַ שיסעריי, מיינענדיק, אַז עס קומען אָן דייטשן. אין לאָדזשער „דאָס נייע לעבן" פון 11־טן און 25־טן יולי 1947 דער־ציילן ד"ר רישאַרד וואַלעווסקי און יוסף לעהמאַן, וועגן קאַמפן אינם געטאָ־געביט נאָכן 10־טן מאַי 1943, געפירט פון גרופּן, וועלכע זיינען נישט געווען אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. לעהמאַן דערציילט, אַז אידישע ווידערשטענדלער האָבן נאָך אין סעפּטעמבער 1943 געקעמפט און, אַז עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן מיט געווער אין האַנט אין חודש סעפּטעמבער 1943 פון די געטאָ־חורבות אויף דער אַרישער זייט.

נאַציס האָבן בעת די שלאַכטן מורא געהאַט אַריינצוגיין אין געטאָ און זיי האָבן זיך באַנוצט מיט אַסך מינים געווער, וואָס מען האָט זיי געקענט האַלטן אויסער די געטאָ־מויערן און אַטאַקירן מיט זיי די אידישע קעמפער. די קעמפער פון וואַרשעווער אידישן געטאָ האָבן זיך געפונען אונטער אַ צווייפאַך פייער — האַרמאַטן פונדרויסן און עראָפּלאַנען פון־אויבן. אין איינעם אַ פּוילישן באַריכט איז געשריבן: „אין געטאָ־געביט זיינען די (דייטשע) באַטאַליאָנען אַריין נאָר בייטאָג, ביינאַכט פלעגן זיי אַרויס פון דאָרט און זיך באַגנוגענען מיט אַ ספּעציעלע וואַך און מיט באָמבאַרדירונג". אין אַ צווייטן אָרט ברענגען די פּוילישע מקורות: „לויט דער מיינונג פון זאַכקענער איז די שריפה אין וואַרשעווער געטאָ געווען איינע פון די גרעסטע שריפות אין דער געשיכטע פון אייראָפּע. דער אויפרייס פון אַ מאַסע הייזער, וועלכע זיינען ממש געפלויגן אינדער־לופטן, האָט קיין גלייכן נישט אין דער געשיכטע בכלל". איינע פון די פּוילישע אונטער־ערד־צייטונגען גיט איבער, אַז אין די אידישע מיליטערישע קאַמף־אָפּעראַציעס בעתן געטאָ־אויפשטאַנד האָבן זיך אויך באַטייליקט אידישע הילף־פאָרמאַציעס, ווי: סאַניטאַרן, שוץ־גרופּעס און פייערלעשער. די אויפגאַבע פון די פייערלעשער איז באַשטאַנען אין אָפּהאַלטן די וויטערדיקע פאַרשפּרייטונג פון די שרפות בעת די באָמבאַרדירונגען.

די לעבנגעבליבענע אידן אין געטאָ זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן הויפּטזאַכלעך אין צוויי קאָנצענטראַציע־לאַגערן, — פּאָניאַטאָוואָ און טראַאווניקי — און דאָרטן זיינען זיי אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן אין אָנהויב נאָוועמבער 1943.

ה

פאַרוואָס האָבן די אידן נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד באַלד ביים אָנהויב פון די פאַרניכטונגס־גירושים, ווען ס'איז פאַר אַסך שוין קלאָר געוואָרן, אַז עס זיינען מער נישטאָ קיין שום האָפנונגען צו בלייבן לעבן? מיר געפינען פאַר נויטיק אָפּצושטעלן זיך, אויסער די אויבנגעבראַכטע אַרגומענטן, אויף נאָך צוויי סיבות:

1. דער פאַראַליזירנדיקער, ענערגיע־אָפּשוואַכנדיקער אָפּטימיזם, יעדערער האָט נאָך געגלויבט, אַז אים וועט דער אומגליק מיידן. אגב, אַזוי האָבן דאָך געגלויבט אַלע אייראָפּעאישע לענדער און דעריבער איז דאָך געקומען דידאָזיקע קאַטאַסטראָפע אויף דער וועלט. אויך די וואַרשעווער אידן, ווי די מערסטע אידן געפירטע קיין טרעבלינקע, סאָביבאָר, בעלזשעץ און מאידאַנעק, האָבן ביז דער לעצטער מינוט געמיינט, אפשר וועט דאָך געשען עפּעס אַ נס און זיי וועלן ניצול ווערן. טראַגישע און גרויזאַמע דערשיינונגען אַנטפּלעקן זיך פאַר אונז אין אָט־דעם קאַפּיטל. אַ מוטיקער איד, וועלכער האָט געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון דער באַן אינמיטן איר לויף צום פאַרניכטונגס־לאַגער, איז נישט דערלאָזט געוואָרן דאָס צו טון דורך זיינע אומגליק־חברים אין וואַגאָן, וועלכע האָבן מורא געהאַט פאַר אַ שטראָף צוליב זיין אַנטלויפן. שוין אין דער באַן אויפן וועג צום טויט און אפילו אינם פאַרניכטונגס־לאַגער גופא

האָבן זיי נאָך געלעבט מיט דער אילוזיע: אפשר וועלן זיי נאָך פאָרט געראַטעוועט ווערן!! ווען מען האָט אומגעבראַכט די ווילנער אידן האָבן נאָך די וואַרשעווער אידן געגלויבט, אַז ביי זיי וועט דאָס נישט געשען; און ווען מען האָט שוין אומגעבראַכט געוויסע טיילן פון די וואַרשעווער אידן, האָבן נאָך די אַנדערע נישט געגלויבט, אַז דאָס וועט דערגיין אויך צו זיי. די שווינדלערישע און אָפּנאַרערישע טייוולשע דייטשע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך באַמיט אויפצוהאַלטן און שטאַרקן אָט־די אילוזיעס. צו דעם צוועק זיינען פאַבריצירט געוואָרן בריוו פון אַרויסגעשיקטע; דעריבער זיינען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן די אַרויסשיקונגען און אפילו די באַדינגונגען אין די טויט־לאַגערן גופא אויף אַן אופן, וואָס האָט געהאָלפן דער פאַרשטאַרקונג פון אַזעלכע אילוזיעס.

2. כמעט ביז דער לעצטער מינוט האָבן אידן נישט געהאַט קיין געווער. דאָס איז אַ טראַגישער און אומפאַרשטענדלעכער פאַקט, פאַר וועלכן ס'איז נישטאָ קיין שום פאַרענטפערונג און פאַרגעבונג. דאָס איז אַ פאַקט, אין וועלכן מען קען נישט באַשולדיקן באַר אַנדערע, — אויף אונזער פליכט איז געווען צו זאָרגן דערפאַר רעכטצייטיק. ווער עס לייענט די קאַפּיטלען פון דעם בוך קען זיך נישט באַפרייען פון דעם שווער־דריקנ־דיקן געפיל: פאַרוואָס טאַקי איז עס אַזוי געשען, אַז אונזערע קעמפער זיינען אַזאַ לאַנגע צייט געבליבן אַן געווער? מיר לייענען דאָך דאָס קלאָר אין איינעם פון די באַריכטן: „מענטשן האָבן אונז נישט געפעלט, נאָר געווער האָט געפעלט״ [8].

דאָס איז דער ענטפער אויף דער פראַגע — פאַרוואָס האָבן די אידן נישט גע־שטעלט קיין ווידערשטאַנד אין סאַמע אָנהויב פון די פאַרניכטונגס־גירושים, אפילו יענע, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין שום אילוזיעס און קלאָר פאַרויסגעזען די צו־קונפט; פאַרוואָס האָט זיך נישט אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד בעת אין וואַרשע איז נאָך געווען אַ האַלב מיליאָן אידן און ער האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אינם לעצטן אַרויסשיקונג־עטאַפּ, ווען עס זיינען דאָרט פאַרבליבן שוין נישט מער ווי פערציק־פופציק טויזנט.

אָט קען מען, למשל, אַבסאָלוט נישט באַצווייפלען דעם מוט און די קאַמפסגרייט־קייט פון די וואַרשעווער „בונד״יסטן. דערביי גיבן איבער זיכערע עדות, אַז אין דער ערשטער תקופה האָבן זייערע פאַרשטייער אויף די געמיינזאַמע זיצונגען אַרויסגעזאָגט זיך געגן אויפשטאַנד אין יענער צייט. איינער פון זיי, אַ מוטיקע און דערהויבענע פּער־זענלעכקייט, אַ מענטש, וועלכער האָט זיין לעבן אָפּגעגעבן אינם געטאָ־קאַמף, האָט זיך אַרויסגעזאָגט וועגן די פאַרשלאַגן פון די החלוץ־פאָרשטייער מיט פאָלגענדע ווערטער:

---

[8] כדאי דאָ צו דערמאָנען די רעכטצייטיקע באַמיאונגען פונם אָנפירער פון דער „הגנה״ אין ארץ־ישראל, דעם פאַרשטאָרבענעם אליהו גאָלאָמב, צו באַקומען פון דער בריטישער מיליִ־טער־מאַכט די מעגלעכקייט פון שיקן קיין פוילן און אין אַנדערע באַזעצטע לענדער אידישע פאַראַשוטיסטן פון ארץ־ישראל מיט געווער. ערשט אָנהויב 1944 איז דערדאָזיקער וואונטש טיילווייז דערפילט געוואָרן.

„מיטן האַרץ בין איך אײנגאַנצן מיט אײַך, אָבער לויט מײַן קאַלטער לאָגיק קען איך מיט אײַך נישט מסכים זײַן״.

אויך נישט האָבנדיק קײן געװער האָבן די אַקטיװע געזעלשאַפטלעכע גרופּעס זיך נישט באַגנוגנט נאָר מיט פּאַסיװער געגנערשאַפט. די אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן פון ע ר ש ט ן מ אָ מ ע נ ט אָן נישט מסכים געװען צו װעלכער־נישט־איז מיטאַרבעט ביים אָרגאַניזירן די אַרויסשיקונגען. אין אַן אָפיציעלער מעלדונג פון 22־טן יולי 1942 האָבן די דײַטשן פאַרזיכערט די טוער פון די פאַרשידענע אידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס (װאו עס זײַנען געװען קאָנצענטרירט אַלע אונטערערד־טוער), אַז זײ װעלן פאַרעכנט װערן אַלס אָנגעשטעלטע פונם „יודען־ראַט״, אויף װעלכע די ארויסשיקונג־פליכט איז נישט חל, אויב זײ װעלן מיטהעלפן ביים אַדורכפירן די אַקציע. עס האָט זיך אָבער נישט געפונען קײן אײן אידישער געזעלשאַפטלעכער אַנשטאַלט, װעלכער זאָל דערצו מסכים זײַן. אָבער, װי געזאָגט, זײ האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט אָט דער פּאַסיװער געגנערשאַפט. דאָס קען מען זען פון די גרויסע אונטערצינדונגען (הונדערט, בערך), װעלכע זײַנען געמאַכט געװאָרן אין װאַרשעװער געטאָ דורך די אונטערערדלער אין די חדשים אויגוסט־סעפּטעמבער 1942, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז אידיש פאַרמעגן זאָל אַרײַנפאַלן אין די הענט פון די דײַטשע באַנדיטן. אַ באַװײַז פון דער נישט נאָר פּאַסיװער געגנערשאַפט זײַנען אויך די טויזנטער אידן, װעלכע זײַנען דערשאָסן געװאָרן אין די צװײ חדשים פונם גרויסן גירוש, װײַל אַ סך פון זײ האָבן זיך, װי מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַקטיװ געגנשטעלט — אָן געװער — געגן דער אַרויסשיקונג; אַ באַװײַז איז אויך דער דורכגעפאַלענער פּרוּװ אויפצורײַסן דאָס ביוראָ פונם אַרויסשיקונג־שטאַב אויף זשעלאַזנע־גאַס 103. דידאָזיקע אָנהויבן פון װידערשטאַנד קענען מיר אויך זען — אין די אַטענטאַטן אויפן שעף פון דער געטאָ־פּאָליצײ און אויף אַנדערע מיטאַרבעטער מיט די דײַטשן; דער פּאַסיװער געגנשטעלן זיך די אַרויסשיקונגען פריער אין װילנע און דערנאָך, פעברואַר 1943, אין ביאַליסטאָק [9], און נאָך אַ סך ענלעכע פאַלן זאָגן עדות, אַז אונזערע מענטשן האָבן זיך נישט באַגנוגנט נאָר מיט פּאַסיװער געגנערשאַפט.

[9] אין ביאַליסטאָק האָבן אין דער גירוש־װאָך (אָנגעהויבן דעם 5־טן פעברואַר 1943) אַרום 18000 אידן זיך אויסבאַהאַלטן און נישט פאַרלאָזט זײערע באַהעלטענישן, נישט געקוקט אויף אַלע דראָאונגען. אַרום 700 זײַנען אומגעקומען געגנשטעלנדיק זיך דער אַרויסשיקונג (די אַלגעמײנע צאָל אומגעקומענע אויפן אָרט איז געװען אַרום 2000). דאָס אַלץ איז געטון געװאָרן לויט דער אָנװײַזונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. עס זײַנען אויך פאָרגעקומען אײנצלנע באַ־האַפנטע צוזאַמענשטויסן. בכלל זײַנען אונז איצטער באַקאַנט נאָך אַסך פאַלן פון אידישן אַקטיװן װידערשטאַנד. פון צװישן זײ װילן מיר נאָר דערמאָנען עטלעכע: דעם אידישן װידערשטאַנד אין נאָװאָגרודעק, נאָך אין סוף 1941, דאָרט זײַנען דערהרגעט געװאָרן 16 דײַטשע זשאַנדאַרמען; אין לאַכװע, נעבן פּינסק, דעם 3־טן סעפּטעמבער 1942, האָבן אידן דערהרגעט 6 זשאַנדאַרמען און 8 פּאָליציאַנטן; אין קרעמעניעץ, דעם 9־טן אויגוסט 1942, אינם ערשטן טאָג פון גירוש זײַנען דערהרגעט געװאָרן 6 דײַטשע מערדער, דעם צװײטן טאָג — 10 און דעם דריטן טאָג האָבן די אידן אַלײן אונטערגעצונדן דעם געטאָ; אין ניעסװיעזש האָבן די אידן באַשלאָסן זיך נישט

און ווי נאָר ס'איז אָנגעקומען דער ערשטער באַדײַטנדער געווער־טראַנספּאָרט, האָבן די טוער פון אידישן אונטערערד אין וואַרשע באַלד באַשלאָסן: אויסנוצן דאָס געווער בעת די אַרויסשיקונגען. פונם באַריכט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע דערוויסן מיר זיך, אַז סוף 1942 אָדער אָנהויב 1943 האָבן זיי באַקומען אַ פּאַרטיע געווער, וועלכע עס האָט זיי אַריבערגעשיקט די אונטערערדישע פּוילישע מיליטער־מאַכט[10]. אויסערדעם האָבן זיי פּאַר געלט, וואָס זיי האָבן באַקומען אין געטאָ, צוגעקויפט נאָך אַ באַדײַטנדע געווער־פּאַרטיע. אין דעם צוזאַמענהאַנג פאַרשטייען מיר איצטער דעם פּירוש פון דער ידיעה, וועלכע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אָנהויב 1943 פונם צענטער פון אונזער באַוועגונג אין וואַרשע: „מיר האָבן באַקומען געווער, וואָס עס איז געשען בעת דעם ערשטן גירוש וועט זיך שוין מער נישט איבערחזרן”.

די וואַרשעווער געטאָ־קעמפער האָבן געזוכט יעדן שטעג, וועלכער זאָל זיי פירן צו ווידערשטאַנד און קאַמף געגן שונא אויך אויסער די גרעניצן פון שטאָט. דידאַזיקע פּרוון זײַנען פאַרענדיקט געוואָרן גאַנץ טראַגיש. שוין אין דער צווייטער העלפט 1942 זײַנען עטלעכע גרופּעס פונצווישן די מיטגלידער פון די וואַרשעווער „דרור”־קאַמף־אָפּטיילונגען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין די הרוביעשאָווער וועלדער (זע זייט 142 באַמערקונג 27), כדי צו שאַפן צוזאַמען מיט דער אָרטיקער חלוצישער גרופּע אַ גרויסע פּאַרטיזאַנישע קאַמף־אָפּטיילונג. די אָפּטיילונג האָט געליטן אַ דורכפאַל און קיין איינער פון אירע מיטגלידער איז נישט געבליבן לעבן. די פאַרבליבענע קעמפער, וואָס זיי איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון וואַרשעווער געטאָ נאָך דער אונטערדריקונג פונם אויפשטאַנד, זײַנען אַוועק אין די ווישקאָווער וועלדער אויף די ברעגן פון בוג און דאָרט געפירט אַ פאַרביסענעם פּאַרטיזאַנישן קריג, — די מערסטע פון זיי זײַנען דאָרט געפאַלן. דער גורל פון איין אָפּטיילונג פון יענער גרויסער גרופּע איז לחלוטין איינגעהילט אין נעפּל, עס איז פאַראַן אַ באַגרינדעטע סברא, אַז זיי זײַנען אומגעקומען דורך לײַט פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ”, — די אונטערערדישע פּוילישע אַרמיי, וועלכע איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן. אַלע פאָדערונגען פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע געווענדעטע צו דער פּוילישער מיליטער־מאַכט

אונטערצוגעבן, אין אַ לענגערן קאַמף, אין וועלכן זיי האָבן אַליין אונטערגעצונדן דעם געטאָ און זײַנען אומגעקומען, האָבן זיי דערהרגעט און פאַרוווּנדעט 40 פון די דײַטשע מערדער (מער פּרטים זע אינם בוך „די אונטערערד־באַוועגונג אין די געטאָס און לאַגערן” צוזאַמענגעשטעלט פון בעטי אייזענשטיין, אַרויסגעגעבן פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע ביים צ. ק. פון פּוילישע אידן, פּויליש, וואַרשע 1946).

[10] פון צוגאָב־ידיעות איז איצטער קלאָר געוואָרן, אַז סוף דעצעמבער 1942 האָבן זיי, לויט דער השתדלות פון אַ טייערער פּוילישער פּערזענלעכקייט, וואָס מיר דאַרפן דאָ נישט אָנרופן איר נאָמען, באַקומען פון די קרייזן פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ” נאָר 10 פאַרעלטערטע און קליינע רעוואָלווערן פון קאַליבער 5. אַ גרעסערן קוואַנטום געווער האָבן זיי באַקומען ערשט אין פעברואַר 1943, נאָך די ערשטע צוזאַמענשטויסן מיט די דײַטשן דעם 18־טן יאַנואַר, ווי מיר דערמאָנען שפּעטער.

מכוח אַן אויספאָרשונג אין דעם ענין ווי אויך יעדער פרווו צו פאַרלאַנגען אויפקלער־רונגען — זיינען געבליבן אָן אַ תשובה (זע זייט 188 באַמערקונג 3)[11]. אַ אידישע פאַרטיזאַנער־גרופּע האָט געקעמפט אין די מעזריטשער וועלדער. עס זיינען דורכגעפאַלן די פאַרטיזאַנישע גרופּעס, וועלכע זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון בענדין אין די וועלדער. אין די געגנטן פון קאָנגרעס־פּוילן איז די לאַגע אין דער היגזיכט נישט געווען ענלעך צו די ווילנער און ביאַליסטאָקער געגנטן, וואו די אידישע פאַרטיזאַנער אין די וועלדער האָבן געהאַט אַסך מער מעגלעכקייטן צו קעמפן. און פונדעסטוועגן זיינען די געטאָ־קעמפער געווען גרייט צו באַטייליקן זיך מיט גרעסערע מענטשן־צאָלן אין די פאַרטיזאַנישע וואַלד־מלחמות אויך אין די קאָנגרעס־פּוילישע געגנטן.

אַסך אידן האָבן מיטגעקעמפט אין די פאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען פון דער „אַרמיאַ ליודאָוואַ" (די „פאָלקס־אַרמיי", וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט דער רויטער אַרמיי). דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון פּוילישן מיליטער פון דער וואַרשעווער רעגירונג, גענעראַל ר אָ ל אַ ־ ז ש י מ י ע ר ס ק י, שרייבט אין אַ בריוו (פאַרעפנטלעכט אין „דאָס נייע לעבן", לאָדזש, דעם 19־טן אַפּריל 1945) צום פאַרזיצער פונם אידישן פאַרטיזאַנער־פאַרבאַנד, קאָלאָנעל ג. אלף, וועגן טויזנטער אידישע קעמפער אין די וועלדער, וועלכע האָבן מיט געוועהר אין האַנט מיטגעקעמפט מיט די פּוילישע פאַרטיזאַנער. עס זיינען באַקאַנט פאַקטן וועגן אידן, וועלכע זיינען געשטאַנען אינדערשפּיץ פון גרויסע נישט־אידישע פאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען, ווי למשל מאַיאָר ס ק אָ ט נ י צ ק י, געוועזענער דאָצענט פון לעמבערגער אוניווערזיטעט, וועלכער איז געווען אַ קאָמאַנדיר פון אַ בריגאַדע פּוילישע און אַנדערע פאַרטיזאַנער. אין דער „אַרמיאַ ליודאָוואַ" האָבן אַסך אידן פאַרנומען הויכע קאָמאַנדיר־פּאָסטנס אויך אונטער פאַרשטעלטע נעמען; אין וואַרשע זיינען אויך געווען נישט וויניק אידישע שטאַב־אָפיצירן, ווי מנשה מ אַ ט י ־ ו י ע צ ק י (מאַיאָר נאַסטעק) און אַנדערע. עס האָבן זיך אויך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט מוט און געוואַגטקייט פאַרשידענע אידישע קעמפער. אלס איינער פון די בולטסטע מוסטערן זייערע קען דינען דער וויצע־קאָמענדאַנט פון דער פאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג פאַר ספּעציעלע אויפגאַבן אין דער „אַרמיאַ ליודאָוואַ" אין וואַרשע, — די לאָדזשער

[11] די פריער דערמאָנטע פייגעלע פעלטעל (וולאַדקע) דערציילט אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", וועגן אַן ענלעכן פאַל: אין קיעלצער־טשענסטאָכאָווער געגנט האָט אַ פּוילישע פאַרטיזאַנער־גרופּע Orzeł (אָדלער) אויסגעמאָרדעט אַ גרופּע אידישע פאַרטיזאַנער. באַשרייבונגען פון אידישע פאַרטיזאַנער, פאַרעפנטלעכט אין 1946, גיבן איבער אַ שוידערלעך בילד פון די ספּעציעלע שוועריקייטן, אין וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן צוליב זייער אידישקייט (זע צווישן אַנד. אַברהם לידאָווסקי: „אין די וועלדער" (העברעאיש, אַרויסגעגעבן פון „הקיבוץ המאוחד" אין ארץ־ישראל). משה קאַגאַנאָוויטש, לייטער פון דער היסטאָרישער־אָפּטיילונג ביים אייראָפּעאישן פאַרבאַנד „פאַרטיזאַן־חלוץ", גיט איבער, אַז לויט די נישט פולע ציפערן, וועלכע זיינען אין זייער רשות, האָבן אין ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע אָנטיילגענומען אין דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג 7—8 טויזנט אידן, אַרום 2000 פון זיי זיינען געפאַלן אין קאַמף; נישט־וויניקער ווי 15%—20 פון די לעבנגעבליבענע זיינען אינוואַלידן.

25־יעריקע מוטיקע העלדין, ניוטע (ריווע) טייטעלבוים (גערופן „וואַנדאַ”). זי האָט זיך זעלבסט באַטייליקט אין צענדליקער אַטענטאַטן און שעדיקונגס־איבערפאַלן, און די דייטשן האָבן באַשטימט אַ פרייז פון 150 טויזנט זלאָטעס פאַר איר קאָפּ (זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד סוף 1943, זייענדיק אַרומגערינגלט דורך געסטאַפּאָ און נישט האָבנדיק מער קיין שום מעגלעכקייט צו אַנטלויפן)[12]. עס זיינען אויך באַקאַנט ספּע־ציעלע אידישע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען אין די ראַמען פון דער „אַרמיאַ־לודאָוואַ”: די אָפּטיילונג אונטער דער קאָמאַנדירונג פון יחיאל גרינשפּאַן אין לובלינער געגנט[13]; שמואל יעגערס אָפּטיילונג אין פולאַווער געגנט אויפן נאָמען פון עמיליאַ פּלאַטער האָט געציילט אַרום פופציק קעמפער און האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט ; עס איז באַוואוסט וועגן אַ אידישער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג אין די וולאָ־דאַווער וועלדער און וועגן נאָך אַן אָפּטיילונג אין די פּאַרטשעווער וועלדער, די „מאַקס־גרופּע” און נאָך. דאָס זיינען געווען אידישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, וואָס זייערע קעמפער האָבן געשטאַמט פון אַלע קרייזן און שיכטן, זיי זיינען געווען אונטערגע־וואָרפן דעם שטאַב פון דער „פאָלקס־אַרמיי” און זיינען אָנגעפירט געוואָרן דורך אירע אינסטרוקטאָרן.

אויך אינם אַלגעמיינעם פּוילישן אויפשטאַנד, אויגוסט־סעפּטעמבער 1944, האָבן מיטגעקעמפט די פאַרבליבענע קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ. און הגם די לעבנפאַר־בליבענע זיינען געווען קנאַפּ אין צאָל, האָבן זיי נישט געוואָלט באַגנוגענען זיך מיט דערפילן אויפגאַבן — וויכטיקע און נוצלעכע — אויסער די ערשטע קאַמף־רייען, נאָר זיי האָבן פאַרלאַנגט און אויך באַקומען איינעם פון די געפערלעכסטע אָפּשניטן אויף יענעם פראָנט — פריער אין דער אַלטשטאָט — אויף די גאַסן מאָסטאָווע און ריבאַצקע און דערנאָך אין זשאָליבאָזש־קוואַרטאַל. די מערסטע פון אונזערע דאַמאָלסט לעבנ־פאַרבליבענע קעמפער, וועלכע האָבן פאַרנומען יענעם שלאַכט־אָפּשניט, זיינען טאַקי געפאַלן אין די קאַמפן פונם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד.

ו

פאַרוואָס האָבן די געטאָ־קעמפער נישט באַקומען קיין עפעקטיווערע און מער אָרגאַניזירטע הילף פונם פּוילישן אונטערערד? ערשט נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד האָבן די פּאָליאַקן אָנגעהויבן שפּירן, אַז די פראַגע איז אַ מאַטערנדיקע און אין זייער פאַר־

[12] לויט די ציטונג „דאָס נייע לעבן” אין לאָדזש, פון 9־טן אויגוסט 1946, האָט זי טאַקי געפּרווּט נעמען סם אָבער זי איז נישט געשטאָרבן. מען האָט זי דאַן גענומען אין דער געסטאַפּאָ־טורמע און זי האָט נאָך באַוויזן אַריבערצושיקן אַ ידיעה, אַז זי וועט גאָרנישט אויסגעבן. פון דאַמאָלסט אָן האָט זיך איבערגעריסן מיט איר די פאַרבינדונג און ס׳איז קיין שום ספק נישט, אַז זי איז דערמאָרדעט געוואָרן.

[13] אין דערדאָזיקער אָפּטיילונג זיינען אויך געווען רעליגיעזע אידן, וועלכע האָבן שטענדיק געהאַט ביי זיך טלית און תפילין. יחיאל גרינשפּאַן איז צווישן די געראַטעוועטע. נאָכן קריג איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס פּאָליציי־קאָמענדאַנט אין הרוביעשאָוו.

שידנפאַרביקער פּרעסע זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן דעם ענין אַסך ידיעות, וועלכע זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן אויך אין אַנדערע צייטונגען. ווען דער פירער פון דער פוילישער פויערן־פאַרטיי וו. ביעלאַק, איז אין סוף 1943 אָנגעקומען פון פוילן קיין לאָנדאָן, האָט ער אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ דערציילט וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ: „דעם ווידערשטאַנדס־קאַמף האָבן אָנגעפירט פוילישע אָפיצערן, וועלכע האָבן געקעמפט האַנט ביי האַנט מיט די אידן. אַ סך פון פוילישע פאַמיליעס זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן, ווייל זיי האָבן מיטגעהאָלפן אידן״. אויך אין דעם „בונד״ישן חודש־זשורנאַל „אונזער צייט״, יוני־העפט 1943, געפינען מיר פאָלגנדע שורות: „אַ באַזונדער אָרעאָל שוועבט נאָך איבער די קאַמפן אין געטאָ צוליב אַן אייגנאַרטיקן אומשטאַנד פון קאַמף. צו הילף די אידישע קעמפער זיינען געקומען גרופּעס פוילישע אונטערערדישע קעמפער... בלוט פון פוילישע קעמפער, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן בלוט פון די העלדן פון געטאָ״. מיר געפינען אָבער נישט קיין שום באַשטעטיקונג פון אַזאַ מין שותפות אין קיין איינעם פון די באַריכטן, וועלכע מיר האָבן באַקומען פון וואַרשע. נאָכן באַקומען די קאָמפּעטענטע באַריכטן פונם אידישן אונטערערד באַציט מען זיך שוין, ווייזט אויס, אויך אין די בונדישע קרייזן מיט סקעפּטישקייט צו די דערמאָנטע שילדערונגען. אינם יולי־נומער, 1944, פון דעמזעלבן חודש־זשורנאַל געפינען מיר אַ שאַרפן אַרטיקל פון איינעם פון די באַקאַנטע בונדישע זשורנאַליסטן, ב. שעפנער — וואָס בדרך כלל איז ער זייער פאַרזיכטיק אין וואַרפן באַשולדיקונגען אויפן פוילישן אונטערערד — אין וועלכן מיר לייענען: „היטלער האָט אַדורכגעפירט די צעטיילונג פון וואַרשע. ער האָט צעשניטן די לעשנע און ניסקע אויף אַ אידישן טייל און אויף אַן אַרישן טייל און פאַליאַקן האָבן דידאָזיקע צעטיילונג פון וואַרשע — די שרעקלעכסטע און גרויזאַמסטע פון אַלע צעטיילונגען פון פוילן — אָנערקענט...״ און ווייטער שרייבט ער אין זעלבן אַרטיקל: „אויף וויפיל דאָס איז נוגע דער אָרגאַניזירטער פוילישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט אין איר רשות נישט בלויז גרויסע מאָראַלישע און מאַטעריעלע מיטלען, נאָר אויך אַ גוט־אָרגאַניזירטע אונטערערד־אַרמיי, האָט זי פּאַקטיש קיין ממשותדיקע הילף די געטאָ־קעמפער נישט געגעבן״.

דעם 17־טן דעצעמבער 1942 שרייבט נאָך דער פאַרשטאַרבענער שמואל זיגלבוים (אַרטור) צו זיינע חברים אין די פאַרייניקטע שטאַטן: „אין לאַנד (אין פוילן) פירט זיך אַ דיסקוסיע, צי עס איז שוין אָנגעקומען דער מאָמענט אַרויסצוטרעטן מיט געוועור געגן די אָקופּאַנטן. אַלע פוילישע אָרגאַניזאַציעס, אַן אונטערשיד, זיינען געגן דעם. זיי האַלטן, אַז אַזאַ אַרויסטריט וועט אַרויסרופן דאָס בלוט פון פאָלק און וועט עס פאַרניכטן, נישט דערגרייכנדיק דערביי קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן. דעריבער האָבן זיי נישט געוואָלט געבן קיין געוועור די אידן צום אַנטקעגנשטעלן זיך דער דייטשער פאַרניכטונגס־אַקציע״. ערשט אין פעברואַר 1943,

ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, האָט דער אידישער־אונטערערד באַקומען אַ געווער־טראַנספּאָרט געשיקט דורך די מיליטערישע מאַכט־אָרגאַנען פונם פוילישן אונטערערד פון דער לאָנדאָנער רעגירונג — 50 רעוואָלווערן, 50 גראַנאַטן און 4 קילאָגראַם אויפרייס־מאַטעריאַל (זע באַמערקונג 10 פריער). אויך פונם פּ.פּ.ר.־אונטערערד — פון די קאָמוניסטן, האָבן זיי באַקומען אין הערבסט 1942 5 רעוואָלווערן און 8 גראַנאַטן, און נאָך דער אונטערדריקונג פונם געטאָ־אויפשטאַנד האָבן זיי באַקומען 22 ביקסן (בעת די לעצט פאַרבליבענע קעמפער זיינען אַרויס פון לאָמיאַנקי אין די ווישקאָווער וועלדער). אויסער דעם האָבן זיי דאָמאָלסט געקויפט, פאַר געלט באַקומענע אין געטאָ, נאָך עטלעכע הונדערט רעוואָלווערן און אַמוניציע. אויך די זעלבסט־פּראָדוקציע פון געווער האָט דאָן שוין דערגרייכט צו ערנסטע מאַסשטאַבן.

אין אַ באַריכט פון סוף מאַי 1944 באַצייכנט דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמי־טעט בפירוש: „אונזערע פאַרבינדונגען מיט די אָרגאַנען פון פוילישן אונטערערד זיינען ווייטער נאָענטע און האַרציקע". אויך אינם איבערבליק איבער דער טעטיקייט פון דער פאַרשטייערשאַפט פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אויף דער אַרישער זייט ווערט דערמאָנט צומגוטן די הילף אויף פאַרשידענע געביטן, וועלכע ווערט געגעבן אידן פון פוילישע (אונטערערדישע) רעגירונגס־אינסטיטוציעס. מיר ווייסן אויך וועגן דער טרייער הילף פון די פּ.פּ.ר.־קרייזן, נאָך דער אונטערדריקונג פונם געטאָ־אויפשטאַנד, ביים אַריבערפירן די פאַרבליבענע קעמפער צו די באַהעלטענישן אין די וועלדער. אָבער עס איז נאָך אַלץ נישטאָ קיין תשובה אויף די צוויי הויפּט־פראַגן: א) פאַרוואָס איז די הילף פאַר די אידן געקומען אַזוי שפּעט? ב) פאַרוואָס זיינען די אידישע קעמפער געבליבן אַזוי פאַראייננזאַמט בשעת די שלאַכטן? עס איז נישטאָ קיין גרונט אָנצונעמען, אַז דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען אַן איבעראַשונג פאַר די פוילישע אונטערערד־קרייזן. אין אַ באַריכט פון „בונד" אין פוילן, געשריבן אין וואַרשע דעם 15־טן נאָוועמבער 1943, ווערט געזאָגט: „צוויי פאַרשטייער פון דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע, און אַ פאַר מאָל אויך די פאַרשטייער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, האָבן געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט אָפיציעלע מיליטערישע פאַרשטייער פון פוילישן אונטערערד וועגן צוגרייטונגען צו אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ". דער פאַרבינדונגס־אָפיצער פון דער לאָנדאָנער פוילישער רע־גירונג, י אַ ן ק אַ ר ס ק י, באַשטעטיקט אין זיין בוך „די געשיכטע פון אַ געהיימער מלוכה" די אונטערהאַנדלונגען אין הערבסט 1942, מיטן קאָמאַנדיר פון די פוילישע אונטערערדישע מיליטער־קרעפטן, וועגן באַקומען געווער אויף אַנטקעגנשטעלן זיך די דייטשן — אויב זיי וועלן ווייטער אָנהויבן די אַרויסשיקונגס־אַקציעס [14]. אויך

14 ביים שלוס פון דער אזכרה־רשימה צום אָנדענק פון מרדכי טענענבוים, ווערן געבראַכט אויסצוגן פון זיין בריוו צום פוילישן אונטערערד אין ביאַליסטאָק. ער פאַרופט זיך אין דעם בריוו אויף דעם משא ומתן, וועלכן ער האָט געפירט אין וואַרשע, אינם אויפטראָג פון דער אידישער

י ע נ ש י י ו ר, דער פאַרבינדונגס־אָפיצער פון דער לאָנדאָנער פוילישער רעגירונג, וועלכער איז אָנגעקומען פון פוילן קיין לאָנדאָן אין יאַנואַר 1944, דערציילט: „די לעצטע פיר וואָכן פאַרן אויפשטאַנד האָבן מיר געוואוסט, אַז די פערציק טויזנט אידן אין געטאָ גרייטן זיך צו רעוואָלטירן געגן די דייטשן. זיי האָבן איינגעקויפט פאַר־שידענע מינים געווער און זיי האָבן אין־געהיים פאַבריצירט גראַנאַטן און באָמבעס. מיר האָבן געוואוסט, אַז אַן ערך דריי טויזנט אידישע יונגעלייט און מיידלעך מאַכן איבונגען". וועגן די צוגרייטונגען האָבן, אָן קיין שום ספק, געוואוסט אויך אַנדערע קרייזן פונם פוילישן אונטערערד. פון דעם אַלעם ווי אויך פון די דאָקומענטן, וואָס ווערן פאַרעפנטלעכט אין דעם בוך, קען מען נישט אַרויסגעפינען קיין באַשטעטיקונג פאַר דער מעלדונג פון גענעראַל ב אָ ר ־ ק אָ מ אָ ר אָ ו ו ס ק י (דער לעצטער הויפט־קאָמענדאַנט פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" — די פוילישע אונטערערד־אַרמיי, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט דער פוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן), וועלכע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעצעמבער 1945. די מעלדונג דערציילט וועגן גע־געבענער הילף די געטאָ־קעמפער אין וואַרשע, ביאַליסטאָק, טשענסטאָכאָוו און קעלץ און וועגן דער געמיינזאַמער טעטיקייט פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" מיט דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע; באַזונדערס לאָזט זיך נישט באַשטעטיקן דאָס, וואָס ווערט געזאָגט אין זיין מעלדונג, אַז אין די קאַמפן פון די געטאָס זיינען געפאַלן אַסך זעלנער פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ".

אין די אַלע אויספירלעכע באַריכטן און דאָקומענטן, וועלכע מיר האָבן באַקומען, געפינען מיר אויך נישט קיין באַשטעטיקונג פאַר דעם קלאַנג, אַז עס זיינען אַראָפּגע־לאָזט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ סאָוויעטישע פאַראַשוטיסטן צו־הילף די אידישע קעמפער אָדער, אַז זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון אַעראָפּלאַנען געווער פאַר די אויפ־שטאַנד־קאַמפן, ווי מען האָט שפּעטער דערציילט (ערשט נאָכדעם ווי די לעצט־פאַר־בליבענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די ווישקאָווער וועלדער ביי די ברעגן פון בוג — זע זייט 188 באַמערקונג 3 — האָט זיי איין מאָל אַן אַעראָפּלאַן פון דער רויטער אַרמיי אַראָפּגעוואָרפן געווער, — דאָס איז געווען אַ דריי חדשים נאָכן אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ). אין די ביי אונז פאַראַנענע דאָקומענטן געפינען מיר אויך נישט קיין באַשטעטיקונג פון די ידיעות וועלכע זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן באַלד נאָך די געטאָ־שלאַכטן און ווערן אויך ווייטער איבערגעחזרט, וועגן

קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אין אָקטאָבער 1942, מיט די פאָרשטייער פון פוילישן אונטערערד און מיליטער (פון דער לאָנדאָנער עמיגראַציע־רעגירונג), מכח די וועגן פונם קאַמף מיטן דייטשן אָקופּאַנט און וועגן דער הילף, וועלכע דער אידישער אונטערערד דערוואַרט פון זיי. אין דעמ־דאָזיקן בריוו, ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז זייער פריערע ווענדונג אין ביאַליסטאָק איז געווען אומזיסט, — דאָס באַווייזט די נישט־ריכטיקייט פון גענעראַל באָר־קאָמאָראָווסקיס מעלדונג (זע ווייטער), וואָס אין איר דערמאָנט ער אויך ביאַליסטאָק צווישן די ערטער, וועלכע האָבן באַקומען הילף.

אַקטיווער באַטייליקונג פון נישט־אידישע קרייזן אויף דער אַנדערער זייט פון די געטאָ־מויערן. אין „דבר" פון 11־טן מאַי 1943 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ לאַנגע טעלעגראַמע פון קוריבישעוו, געחתמעט דורך ב. מ אַ ר ק, וועגן דעם אויפשטאַנד פון די וואַרשעווער אידן און דאָרט שטייט געשריבן: „די אידן זיינען נישט געווען איינזאַם אין זייער ביטערן גערנגל. פון יענער זייט פון די געטאָ־מויערן זיינען זיי צוהילף געקומען זייערע פריינט — פוילישע פאַרטיזאַנער". און אין אַ טעלעגראַמע פון מאָסקווע, פאַרעפנטלעכט אין „דבר" פון 13־טן יוני, לייענען מיר: „לויט אַ ידיעה, וואָס איז אָנגעקומען קיין מאָסקווע, איז 500 באַוואָפנטע אידן געלונגען אַרויסצוראַטעווען זיך און אַנטלויפן מיט דער הילף פון פוילישע גערילאַ־קעמפער". פאַר דידאַזיקע ידיעות געפינען מיר נישט קיין באַשטעטיקונג. מיר האָבן פאַר זיך אַן אויספירלעכע און אויפטרייסלענדיקע שילדערונג וויאַזוי ס'איז געלונגען אַרויסצוראַטעווען דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן בסך־הכל 70—80 חברים פון אַלע קאַמף־אָפּטיילונגען, אָבער דאָס איז כמעט אינגאַנצן אַדורכגעפירט געוואָרן דורך די אידישע קעמפער זעלבסט, און עס האָבן דערביי, ווי געזאָגט, מיטגעהאָלפן איינצלנע פונם פוילישן אונטערערד. ב ע ת די ש ל אַ כ ט ן ז י י נ ע ן ד י ג ע ט אָ ־ ק ע מ פ ע ר ג ע ו ו ע ן א י י נ ז אַ ם א ו ן פ אַ ר אַ י י נ ז אַ מ ט[15].

עס זיינען שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן ידיעות וועגן נישט־אידישע פאַרטיזאַנער־גרופּעס, צוזאַמענגעשטעלטע פון פאַרשידענע פעלקער, וועלכע האָבן בשעת דעם אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָק געאיילט פון די וועלדער צוהילף די געטאָ־קעמפער, אָבער מיר האָבן נישט געפונען קיין באַשטעטיקונג אויך פאַר דידאַזיקע ידיעות. עס איז מעגלעך, אַז די אַקציע פון אונזערע קעמפער איז באַגלייט געוואָרן מיט אויפריכטיקער סימפּאַטיע און אַסך נישט־אידן האָבן זיך באַצויגן צו איר מיט פאַרשטענדניש און מיטגעפיל. עס דאַרפן טאַקי דערמאָנט ווערן יענע איינצלנע פונצווישן די פוילישע קעמפער, וועלכע האָבן מיטן גאַנצן הארצן און מיט אַסך איבערגעגעבנקייט מיטגעאַרבעט מיט דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, פון אייגענער איניציאַטיוו אָדער לויט אינסטרוקציעס פון די אָרגאַניזאַציעס, צו וועלכע זיי האָבן געהערט. אַסך פון זיי האָבן מיטגעהאָלפן דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע ביי אַלע אירע מעשים, שטעלנדיק אין געפאַר זייער אייגן לעבן. עטלעכע פון זיי ווערן דערמאָנט דאָ אין דעם בוך. אָבער ממשות'דיקע הילף, פון אַ געהעריקן און אַנטשפּרעכנדיקן פאַרנעם, לויט יענע אומשטאַנדן, — אַזאַ הילף האָבן אונזערע קעמפער דאָן נישט באַקומען פונם פוילישן אונטערערד. און די געטאָ־קעמפער האָבן געוואוסט וואָס עס דערוואַרט זיי. ווער

[15] וואָס מיר האָבן באַוויזן פעסטצושטעלן, איז, אַז בעת די געטאָ־שלאַכטן האָבן צוויי מאָל געפּרוווט קליינע גרופּעס פון פ.פ.ר. — קאָמוניסטן אַנצופאַלן אויף די וואַך־פּאָסטנס פון די געטאָ־טויערן. דער פאַרנעם פון דידאַזיקע צוזאַמענשטויסן איז נישט געווען קיין גרויסער און זיי האָבן געדויערט אַ קורצע צייט.

ווייסט, — קען זיין, אַז ווען עס וואָלט אמת געווען דאָס אַלץ וואָס עס ווערט דערציילט אין יענע טעלעגראַמעס און אין די שילדערונגען, וועלכע מען פאַרעפנטלעכט איצטער, וואָלטן אפשר די געטאָ־שלאַכטן אָנגענומען גאָר אַנדערע פאַרנעמען און אפשר וואָלט טאַקי מעגלעך געווען אָפּצוראַטעווען אַסך מער פון די קעמפער.

ז

נאָכן איבערלייענען די באַריכטן און די פּאַקטישע שילדערונג פון די שלאַכטן איז, ווי געזאָגט, שווער זיך צו באַפרייען פונם שרעקלעכן געדאַנק, וועלכער עגבערט אין מוח, — אַז דער גאַנצער פאַרלויף וואָלט אפשר געווען אַן אַנדערער, ווען אונזערע קעמפער וואָלטן רעכטצייטיק באַקומען געווער אין אַ גענוגנדער מאָס און אויך אַן אַנטשפּרעכנדיקע הילף און אָנפירונג. ביים שילדערן די שלאַכטן באַנוצן זיי נישט קיין מליצות און זיי פּרוּוון נישט מאַכן דעם אָדער יענעם פאַר אַ העלד אָדער פאַר אַ גרויסן אויפטוער. זיי שטעלן־פעסט פאַקטן, נישט מער: דעם־און־דעם טאָג, די־און־די שעה, איז געווען אַ צוזאַמענשטויס, אַזוי־און־אַזוי האָבן מיר געשאָסן, אַזוי־און־אַזוי האָבן מיר געוואָרפן באָמבעס, אַזויפיל־און־אַזויפיל זיינען געווען נאַצישע פאַרלוסטן, אַזויפיל־און־אַזויפיל זיינען געפאַלן אונזערע קרבנות. מיר לייענען אין פשוטע ווערטער, ווי אונזערע יונגע, אומדערפאַרענע בחורים און מיידלעך, נישט־גענוגנדיק באַוואָפנטע מיט דורך־זיי־זעלבסט היימיש אויסגעאַרבעט געווער, שטייען אין קאַמף הונגעריק און מיד, און לייגן־אַנידער צענדליקער און הונדערטער דייטשן און צעשטערן אויך זייערע מעכטיקע טאַנקען. איינער פון אונזערע יונגע ברידער פאַרזאָגט אַ סך נאַציס. אמת, די אידישע קרבנות זיינען געווען אַסך מער אין צאָל, אָבער די פילע קרבנות אונזערע זיינען נישט געפאַלן אין די שלאַכטן — בעת די שלאַכטן גופא זיינען געפאַלן זייער ווייניק קרבנות פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע — נאָר שפּעטער, ווען אונזערע קעמפער האָבן שוין פאַרלוירן די כוחות, ווען זיי זיינען שוין געבליבן אָן געווער, אָן שפּייז, אָן וואַסער. די דייטשן האָבן אָפּגעשלאָסן די וואַסער־קוועלעס, און די ברונימער, וואָס די קעמפער האָבן זיי פריער צוגעגרייט מורא־האָבנדיק, אַז די דייטשן וועלן אָפּשליסן די נאָרמאַלע וואַסער־קוועלעס, די ברונימער זיינען פאַרשטאָפּט געוואָרן דורך די חורבות־צעפאַלונגען פון די אויפגעריסענע הייזער. די נאַצישע חיה, ווי נאָר זי זעלבסט איז געווען אויסער דער סכנה, האָט זיך באַנוצט מיט גיפט־גאַזן, זי האָט אונטערגעצונדן די הייזער, וואו אונזערע מענטשן האָבן זיך געפונען, זי האָט זיי באַהאָגלט מיט האַרמאַטן־קוילן, וועלכע זיינען געשטאַנען פון יענער זייט געטאָ־מויערן, און האָט אויף זיי אַראָפּגעשליידערט צינד־באָמבעס פון אַעראָפּלאַנען [16].

[16] דער פריער־דערמאָנטער נאַצישער גענעראַל סטראָאָפּ גיט איבער אין זיינע באַריכטן, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן צום נירנבערגער פּראָצעס, אַז 7000 אידן זיינען דערהרגעט

דער שרעקלעכער געדאַנק, וועלכער לאָזט אויך איצטער נישט רוען און דער־דריקט מיט זיין שווערקייט איז דער: וואָס וואָלט געשען, ווען די שלאַכטן ברענגען אויס בעת עס זיינען נאָך געווען 3 מיליאָן אידן אין פוילן, און ס'איז נאָך מעגלעך געווען צו שאַפן אַ באַוואָפנטע אונטערערדישע אַרמיי פון צענדליקער טויזנטער; ווען אַזאַ אידישע אַרמיי וואָלט בשעתו באַקומען געווער, דערמוטיקונג, הילף, אינסטרוקציע, ווי די פאַרבינדעטע האָבן עס געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט די אונטערערד־קעמפער פון אַלע פעלקער און קרייזן — ווי וואָלט דאַן אויסגעזען דער אידישער אויפשטאַנד אין פוילן? אפילו נאָכן אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, ווען די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָק האָט זיך געגרייט צום אויפשטאַנד און זיך גע־ווענדעט קיין וואַרשע, צו די אָרגאַנען פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" (נאָך פריער צום פוילישן אונטערערד אין ביאַליסטאָק, זע באַמערקונג 14 אין דעם קאַפיטל) און געבעטן געווער — אפילו דאַמאָלסט איז דאָך די בקשה נישט דערפילט געוואָרן. זיי האָבן אפילו נישט אַנגעזאָגט דער וואַרשעווער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע וועגן דערדאָזיקער ווענדונג. זי איז נישט געגאַנגען דירעקט דורך דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע, ווייל באַלד נאָכן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד זיינען די פאַרבינדונגען איבערגעריסן געוואָרן אויף אַ שטיקל צייט. די ביאַליסטאָקער האָבן דאַן נישט גע־וואוסט וועגן פון די פירער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע איז געבליבן לעבן (זע אויך דעם אזכרה־קאַפיטל וועגן מרדכי טענענבוים).

אין סוף 1942 האָט מען אין נאָמען פונם „בונד"־פאַרשטייער אין וואַרשע איבער־געגעבן דעם פאַרשטאָרבענעם שמואל זיגלבוים אין לאָנדאָן: „מיר האָבן אַן אָנקלאַגע, וואָס מיר וועלן זי קיינמאָל נישט מוחל זיין: מיר האָבן זיך געווענדעט מיט אַ בקשה מען זאָל אונז געבן געווער, אויף צו אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד, כדי מיר זאָלן כאָטש קענען שטאַרבן ווי מענטשן, מיט געווער אין האַנט. מען האָט אונז אָפּגע־זאָגט און קיין געווער אונז נישט געגעבן". מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז אויך די מעכטיקע פון דער וועלט האָבן אונז באַשווערט די פאַרבינדונגען מיט אונזערע געפייניקטע ברידער אין נאַצישן געביט כל זמן דאָרט האָבן געלעבט מאַסן אידן. זיי האָבן באַטראַכט די טרייע קעמפער געגן די נאַציס אַלס „בירגער פון די פיינטלעכע מדינות", און דאָס געזעץ האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן זיי און די פיינטלעכע בירגער באמת. יאָרן־לאַנג איז געווען פאַרבאָטן צו האָבן פאַרבינדונגען מיט

געוואָרן בעת די געטאָ־שלאַכטן. אַחוץ דעם שאַצט ער די צאָל אומגעקומענע אין די שריפות, וועלכע האָבן געבושעוועט אין געטאָ, ביז 5—6 טויזנט. 7000 זיינען פאַרטריבן געוואָרן אויף אויסמאָרדונג קיין טרעבלינקע (די איבעריקע — אין אַנדערע לאַגערן). לויט זיין מיינונג זיינען בעת דעם אויפשטאַנד געווען אין געטאָ 56 טויזנט אידן. לויט זיינע באַריכטן האָבן די דייטשן צעשטערט 631 בונקערס, זיי האָבן געפונען אין געטאָ 1240 דייטשע מיליטער־אוניפאָרמען און אויך גרעסערע געלט־סומען (אַרום 10 מיליאָן זלאָטעס און אַסך פרעמדע מטבעות). דער באַריכט שטרייכט אויך אונטער, אַז וואָפן האָבן זיי געפונען זייער ווייניק.

זיי און שיקן זיי הילף. שוין אויף דעם 46־טן הסתדרות־ראַט, דעם 27־טן מאַי 1942, האָט דער שרייבער פון די שורות אויפגעהויבן די פראַגע, נאָך זיין ערשטן באַזוך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, בדי אויפצושטעלן די פאַרבינדונג מיט אונזער אונטערערד־באַוועגונג אין די באַזעצטע לענדער און ער האָט דאַן געזאָגט: „די עצם־עקזיסטענץ פון אונזער באַוועגונג אין די דורך היטלער באַהערשטע לענדער איז אַ וויכטיקער אַנטי־נאַצישער פאַקט. אונזער פליכט אַלס סאָציאַליסטן און באַקעמפער פונם פאַשיזם איז — צו דערמוטיקן די באַוועגונג דאָרטן און אונטערשטיצן זי אויף אַלע אירע פּאָזיציעס... עס איז פאַראַן אַ געוויסע טעמפּקייט אינדעם, ווען מען זאָגט אונז „פאַרבאָטן". נישט נאָר מיר קענען נישט פאַרשטיין אַזאַ פאַרבאָט, נאָר מיר וועלן אים אויך נישט פאָלגן און מיר וועלן אים אָפּוואַרפן".

אויך פון אַלגעמיינעם מלחמה־שטאַנדפּונקט איז דאָס געווען אַ שווערער און פאַטאַלער פעלער. צענדליקער טויזנטער אידישע קעמפער — און אין די געטאָ־אויפשטאַנדן אין וואַרשע און אין ביאַליסטאָק, און אין די וועלדער, האָבן זיי באַוויזן, אַז זיי קענען קעמפן — וואָלטן געקענט נישט אין אַ קנאַפער מאָס צעטרייסלען די נאַצישע זיכערקייט אין הינטערלאַנד און זיי וואָלטן נישט ווייניק שאָדן געבראַכט דעם פיינט. און עס קען גרייִלעך זיין, אַז דאָס וואָלט אָפּגעהאַלטן די פאַרניכטונגס־אַרויסשיקונגען אין די טויט־לאַגערן, יעדנפאַלס, וואָלט עס פאַרקלענערט דעם פאַרנעם און פאַרפּאַמעלעכט דעם טעמפּאָ. אָט האָבן דאָך די נאַציס פאַרלוירן אין די וואַרשעווער געטאָ־שלאַכטן איבער טויזנט צוויי הונדערט זייערע לייט, טאַנקען און אַנדערע געווער און אַמוניציע, און גוואַלדיק־גרויסע סחורה־לאַגערן זייערע זיינען פאַרניכטעט געוואָרן. אין יענע שלאַכטן זיינען צעשטערט געוואָרן עטלעכע דייטשע מלחמה־פאַבריקן און דאָס סאַמע וויכטיקסטע — זייער פּרעסטיזש האָט געליטן אַ שרעקלעכן קלאַפּ. ביי די אונטערדריקטע האָט זיך געשטאַרקט די האָפנונג, אַז זייער קאַמף האָט אַ פּראַקטישן זין. דער פוילישער פאַרבינדונגס־אָפיצער יעזשי יור, וועלכן מיר האָבן פריער ציטירט, דערציילט אין זיין באַריכט: „יענער טאָג און די שפּעטערדיקע טעג (די טעג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד) זיינען געווען פאַר די דייטשן שרעקפולע טעג. מיר פלעגן פאַרבייגיין נעבן דייטשן און קוקן מיט חוצפה אין זייערע פנימער, און זיי האָבן זיך געשעמט אויפצוהויבן די אויגן, זיי האָבן פשוט אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט אונז אין די גאַסן".

פונם פאַרעפנטלעכטן מאַטעריאַל בעתן נירענבערגער פּראָצעס איז קלאָר געוואָרן, וואָס פאַר־אַ קאָלאָסאַלע כוחות די דייטשן זיינען געווען געצוואונגען צו מאָביליזירן אויף דער אונטערדריקונג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. דער ס.ס.־בריגאַדיר יורגען סטראָאָפּ[17], וועלכער איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן ספּעציעל אויפן

[17] אין אָנהויב 1947 האָט אים אַ פעלד־געריכט פון דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־אַרמיי אין דייטשלאַנד פאַרמשפּט צום טויט פאַר דערמאָרדן אַמעריקאַנער פאַראַשוטיסטן. די פוילישע

אָרט פון ס.ס.־און פּאָליציי־קאָמענדאַנט פאָן־זאַמערן, האָט באַנוצט אינם קאַמף קעגן דעם הייפּל געטאָ־קעמפער דרייצן מיליטערישע אָפּטיילונגען מיט ס.ס.־לייט אינדער־שפּיץ. עס איז אויך ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון לובלין דער באַוואוסטער מערדער, דער פּאָליציי־פירער גלאָבאָצניק (זע באַמערקונג 54, זייט 161). כדי בייצו־קומען די לעבטפּאַרבליבענע אידישע קעמפער, וועלכע זיינען אַרויס פון געטאָ דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן, האָבן די דייטשן אויפגעעפנט 183 קאַנאַל־עפענונגען און אַהין אַריינגעוואָרפן הונדערטער רויך־באָמבעס.

אינם באַריכט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע ווערט דערציילט, אַז פון בושה פאַר זייערע דורכפאַלן אין די געטאָ־שלאַכטן האָבן די נאַציס פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מיטן געטאָ־ווידערשטאַנד פירן אָן דייטשע דעזערטירן. זיי האָבן זיך באַמיט, אַז אָט דער פאַלשער קלאַנג זאָל באַקאַנט ווערן אין אויסלאַנד, און אויף זייער טיוולשן פּראָפּאַגאַנדע־שטייגער האָבן זיי דורכאויס געוואָלט, אַז דער קלאַנג זאָל דוקא פאַרשפּרייט ווערן דורך אידן. אַ געוויסע צייט נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד האָט זיך געפונען אין אַ נייטראַל לאַנד עמיצער, וואָס מאַכנדיק אַן אָנשטעל פון אַן אוהב־ישראל האָט ער דערציילט בסוד־סודות אונזערע מענטשן, אַז אַ מאַסע דייטשע דעזערטירן (1200) מיט דער גאַנצער באַוואָפנונג, און צווישן זיי אויך אָפיצערן, וואָס ער האָט אפילו אָנגעגעבן זייערע נעמען און ראַנגען, האָבן זיך באַטייליקט אינם געטאָ־אויפ־שטאַנד. איצטער ווערט קלאָר, אַז אויך זייערע שפּפן אין בערלין האָבן די וואַרשעווער ס.ס.־לייט געפּרוווט אָפּנאַרן אויף אַזאַ אופן, כדי צו דעקן דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן זיך געגוויטיקט אין אַזויפיל כוחות און אָנשטרענגונגען ביי דער אונטערדריקונג פונם וואַרשעווער אידישן געטאָ־אויפשטאַנד. פון די פאַרעפנטלעכטע דאָקומענטן אין נירנ־בערגער־פּראָצעס קעגן די נאַצישע הויפּט־פאַרברעכער זעען מיר, אַז אין זייערע באַריכטן צו די שפּפן וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד רעדן זיי ווייטער וועגן אידן און פּאָליאַקן, וועלכע האָבן געקעמפט אין געטאָ (זע באַמ. 57, אינם קאַפּיטל „די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע" זייט 162).

אָט דער פּרווו פון די דייטשן אויפצוקלערן, פאַרוואָס זיי זיינען געווען גע־צוואונגען צו באַנוצן אַזוי פיל כוחות אויף דער אונטערדריקונג פונם אויפשטאַנד און מקריב זיין דערביי אַזעלכע שווערע קרבנות; זייער פּרווו אָנצוגעבן פאַרגרעסערטע צאָלן פון די געטאָ־קעמפער, איז אַ צוגאָב־באַשטעטיקונג פאַר דעם מוט, פאַר דער ווילן־פעסטקייט און פאַר דער קריגס־פעאיקייט פון די געטאָ־קעמפער.

רעגירונג האָט אָבער פונדעסטוועגן געפאָדערט אים אַרויסגעבן דער פּוילישער יוסטיץ, פאַר זיינע פאַרברעכנס אין פּוילן. אין מאַי 1947 איז די פאָדערונג דערפילט געוואָרן.

ח

די דאָקומענטן, וועלכע ווערן פאַרעפנטלעכט אין דעם בוך גיבן אַ קלאָר בילד אויף פונם ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל ע כ ן ה י נ ט ע ר ג ר ו נ ט פון די געשעענישן. די פאַר־בליבענע אידן זיינען דאַמאָלסט אויפגעטרעטן אַלס איין פעסט־צעמענטירטע און פאַראייניקטע קערפערשאַפט. דאָס פוילישע אידנטום, מיט אַלע זיינע פאַרטייען, שטרעמונגען און אינערלעכע געגנזאַצן, האָט אין יענעם מאָמענט געשאַפן אַ געמיינזאַמען פראָנט, צו וועלכן אַלע אידן האָבן געהאַט סימפּאַטיע און פולשטענדיקן צוטרוי. געוויס איז טראַגיש, וואָס דידאַזיקע אייניקייט איז געשאַפן געוואָרן ערשט אין אַזעלכע צייטן, ווען דער טויט האָט געשוועבט איבער אַלעמענס קעפּ. אָבער דאָס באַווייזט דאָך אויף אויף אַ דערהויבענעם אופן, וואָס פאַר־אַ געפילן עס האָבן באַהערשט זייערע הערצער. אין יענע נסיון־טעג האָבן זיך צוליב דעם געמיינזאַמען ציל פאַרבונדן אַלע שאַטירונגען פונם אידישן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן רעגנבויגן: פון „אגודת ישראל" ביז די אידישע קאָמוניסטן. אין די טעג פון די שלאַכטן איז פאַרטושט געוואָרן די אָרגאַני־זאַציאָנעלע ליניע, וועלכע איז אייגנעהיט געוואָרן ביים שאַפן די קאַמף־גרופּעס. דער צוזאַמענשטעל פון די קאַמף־אָפּטיילונגען און זייער קאָמאַנדירונג זיינען דאַן באַשטימט געוואָרן לויט די באַדערפנישן פון די שלאַכטן אין זייער פאַרלויף. מיטגלידער פון „בונד" און קאָמוניסטן האָבן געקעמפט אין אָפּטיילונגען אונטער דער אָנפירונג פון ציון־טרייע קעמפער, און אַזוי אויך פאַרקערט. און נישט נאָר איין געדאַנק האָט זיי פאַראייניקט, זיי זיינען אויך געווען אַדורכגעדרונגען מיט טרייער פריינטשאַפט און טיפער ברידערלעכער ליבע.

מיר האַלטן עס פאַר אונזער פליכט צו באַצייכנען די באַדייטונגספולע ראָל, די ערשטע און הויפּט־ראָל, וועלכע עס האָבן דערפילט אין פוילן אין יענע שרעקלעכע יאָרן, באַזונדערס אין דער סאַמע טראַגישסטער און העראָישסטער תקופה — ביי דער צוגרייטונג צום אויפשטאַנד און אין אויפשטאַנד גופא — די ציוניסטישע עלעמענטן און באַזונדערס די עלעמענטן פונם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל מיטן החלוץ בראש. באַצייכענענדיק אָט דעם פאַקט זיינען מיר נישט אויסן מבטל צו זיין אָדער פאַרמינערן דעם אָנטייל פון אַנדערע. אָבער דער היסטאָרישער אמת פאַרפליכטעט דעמדאָזיקן פאַקט אונטערצושטרייכן. אין נאָרמאַלע צייטן האָט זיך די אידישע וואַרשע נישט גערעכנט אַלס ציוניסטישע פעסטונג, ווי עס זיינען געווען די אַנדערע גרויסע אידישע צענטרען אין די ראַנד־געביטן פון פוילן. אָבער ווען מען האָט זיך גענומען גרייטן צו דער שלאַכט און די וואַרשעווער קאַמף־אָפּטיילונגען האָבן זיך צוגעשטעלט צום רוף, זיינען פון 22 אָפּטיילונגען געווען 14, וועלכע האָבן געהערט צו די ארץ־ישראל־טרייע גרופּירונגען (דערפון — 12 אָפּטיילונגען פון אָרגאַניזאַציעס פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג). אָט די ציון־טרייע זיינען געווען די איניציאַטאָרן, אָרגאַניזירער, אויפמונטערער. זיי האָבן געגעבן דעם רוף און דעם שטויס צו יענער

אַקציע, וועלכע האָט מקדש געווען דעם שם פון אידן אין פּוילן פאַר דער גאַנצער וועלט.

עס איז זיכער קיין ספק נישט, אַז דער „בונד" האָט אַסך אויפגעטון אין פּוילן אויך אין דער אונטערערד־תקופה, די „בונד"ישע אונטערערד־באַריכטן שטעלן זיך אָפּ אויספירלעך אויף דערדאָזיקער טעטיקייט. פון גרויסן פאַרנעם און גרויס חשיבות איז געווען די טעטיקייט פון די אידישע קאָמוניסטן אינם אידישן און אויך אין נישט־אידישן אונטערערד; עס דאַרף אויך באַזונדערס דערמאָנט ווערן, אַז די אידישע קאָמוניסטן אין וואַרשע האָבן זיך אין יענעם מאָמענט גאַנץ און פולשטענדיק איינגעשלאָסן אין אידישן פראָנט און האָבן זיך אויך באַטייליקט אין אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט (דער „בונד" האָט נישט מסכים געווען דאָס צו טון און ער האָט זיך באַטייליקט נאָר אין דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פון פאָרשטייער פון נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פאָרשטייער פון „בונד" — און אויך דאָס איז געשען ערשט אין אָקטאָבער 1942). אָבער דער פאַקט, וואָס די ציון־טרייע אונטערערדלער זיינען אויך געווען אַדורכגעדרונגען מיטן ציוניסטישן גלויבן און מיט דער ציוניסטישער וויזיע, דאָס האָט זיי נאָך מער געשטאַרקט און געפעסטיקט און זיי צוגעגעבן טאָפּלטע כוחות אויסצוהאלטן יענע שרעקלעכע צייטן און צו אַנטפּלעקן די גאַנצע העלדישקייט און קרבנות־גרייטקייט, צו וועלכע זיי זיינען דערצויגן געוואָרן אין פאַרלויף פון יאָרן אין די הכשרה־קיבוצים, אין די יוגנט־באַוועגונגען און אין די פּאַרטייען. די טויזנטער בריוו, וועלכע האָבן זיך אַדורכגעריסן פון פּוילן אין די לעצטע יאָרן בילדן צוזאַמען איין קייט פון אויפריכטיקן און טיפן אויסדרוק פאַר דער דאָזיקער דבקותדיקער פאַרבונדנקייט פון זייערע שרייבער מיט אונזער אידעאַל און ווערק. עס וועט נישט זיין קיין שום גוזמא, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז ארץ־ישראל איז געווען דאָס ליכט וואָס האָט באַלויכטן זייער לעבנס־פינצטערניש און געשמידט זייער אויסהאַלטונגס־קראַפט. נישט ווייניק קרבנות האָבן זיי מקריב געווען אין דער אונטערערד־תקופה, כדי צו דערפירן צו די ברייטסטע קרייזן אין וואַרשע און אויף דער פּראָווינץ ידיעות וועגן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין ארץ־ישראל, ווייל זיי האָבן געוואוסט וואָס פאַר אַן אויפמונטערונג און דערמוטיקונג אַנטהאַלטן אַזעלכע ידיעות פאַר די דערדריקטע און געפייניקטע מאַסן.

אין די דאָקומענטן, וועלכע מיר באַזיצן, געפינען מיר נישט קיין אויפקלערונג פאַרוואָס עס זיינען נישט געווען קיין ספּעציעלע קאַמף־גרופּעס פונ'צוויישן דער רעליגיעזער יוגנט. ווי מיר האָבן באַמערקט אין אַנהויב, איז דאָס נישט קיין סימן פון זייער נישט־באַטייליקונג אין אַקטיווע מעשים. מען דאַרף געדענקען, אַז בעתן אויסברוך פונם אויפשטאַנד זיינען אין וואַרשע פאַרבליבן פון 40 ביז 50 טויזנט אידן (זע באַמערקונג 16 אין דעם קאַפּיטל). און דאָס זיינען געווען די סאַמע יינגערע, וואָס די דייטשן האָבן זיי גערופן „פּראָדוקטיווע עלעמענטן", ד. ה. אַרבעטער און יוגנטלעכע, וועלכע זיינען געווען פעאיק צו שווערער פיזישער אַרבעט. עס איז אויך באַוואוסט

אַז די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג מיט די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און דער „בונד״ און די אידישע קאָמוניסטן האָבן אויך פאַר דער מלחמה געהאַט גוט־אָרגאַניזירטע זעלבסטשוץ־אָפּטיילונגען. די מיטגלידער פון די שוץ־אָפּטיילונגען זיינען געווען אויסגעבילדעט און גרייט צו פאַרטיידיקן אידן געגן די אָנגריפן פון די אַנטי־סעמיטן, וועלכע האָבן געבושעוועט אין פוילן אויך אין די יאָרן פאַר דער נאַצישער אָקופּאַציע. דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס איז דעריבער געווען גרינגער צו קאָנצענטרירן זייערע כוחות אין דער אונטערערד־צייט און צוצוגרייטן זיי צו אַ באַוואָפנטן ווידער־שטאַנד. אין די לעצטע פאַר־מלחמה־יאָרן זיינען אין די אָרגאַניזאַציעס פונם אַרבעטנדן ארץ־ישראל אין פוילן איינגעאָרדנט געוואָרן סיסטעמאַטישע קורסן פאַר „פיזישער אויסבילדונג״, וועלכע זיינען אינדעראמתן געווען אינטענסיווע זעלבסטשוץ־קורסן. אין יאָר 1937, למשל, איז פאָרגעקומען אַזאַ קורס אין די ראַמען פון דער החלוץ־אָרגאַני־זאַציע און עס האָבן דאַן באַקומען אינטענסיווע אויסבילדונג אַלס אינסטרוקטאָרן 60 חברים. אינם באַריכט, וועלכער איז צוגעשטעלט געוואָרן דער וועלט־קאָנפערענץ פון איחוד פועלי ציון (צ.ס.)—התאחדות — אויגוסט 1939 — לייענען מיר אינם קאַפּיטל וועגן דער באַוועגונג אין פוילן: אין די ווינטער־חדשים 1938—39 זיינען פאָרגעקומען אין פוילן, איינגעאָרדנט דורך דער יוגנט־באַוועגונג פון דער פאַרטיי „פרייהייט— החלוץ־הצעיר״, פינף קורסן אין פאַרשידענע ערטער, וואו עס האָבן באַקומען זייער אויסבילדונג 170 חברים. אין די חדשים יוני־יולי 1939 איז פאָרגעקומען אין זשעלאָנקע נעבן וואַרשע, אַ קורס פון „החלוץ״, וועלכער האָט געדויערט זעקס וואָכן און עס האָבן אין אים אָנטיילגענומען 45 חברים. ספּעציעלע אינסטרוקטאָרן פון ארץ־ישראל האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דידאָזיקע קורסן. מיר ווייסן וועגן דער עקזיסטענץ פון אַן אָרגאַ־ניזירטער זעלבסטשוץ אין וואַרשע, וועלכע איז אין 1937 רעאָרגאַניזירט און געשטאַרקט געוואָרן דורך דער פאַרטיי פועלי־ציון (צ.ס.) צוזאַמען מיטן החלוץ און די פּראָפעס־יאָנעלע פאַראיינען, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער פאַרטיי. אַן צווייפל איז דאָס געטאָן געוואָרן אויך ביי די לינקע פועלי ציון, השומר הצעיר, ביי אַנדערע חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און אויך ביים „בונד״.

די קאַמף־אָפּטיילונגען זיינען הויפּטזאַכלעך צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון די יוגנט־קרייזן — דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך און דערקלערבאַר. דעריבער קומען בולט צום אויסדרוק אינם קאַפּיטל פון אויפשטאַנד און טעטיקייט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע די באַוועגונגען, וועלכע האָבן פאַרמאָגט שטאַרקע יוגנט־אָרגאַני־זאַציעס (דער פאַרהעלטנישמעסיק קליינער אָנטייל פון „בונד״ אין די טעטיקייטן פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז דער עיקר אַ פועל־יוצא דערפון וואָס ער האָט אין יע־נער צייט נישט פאַרמאָגט אין געטאָ קיין שטאַרקע יוגנט־אָרגאַניזאַציע)[18]. אָבער די פאַר־

[18] נאָך אַ אויפקלערונג געפינען מיר אין דער בראָשור „דער קעמפנדיקער געטאָ״ (פּויליש) פון מ אַ ר ע ק ע ד ע ל מ אַ ן, דער לעבנגעבליבענער פאַרטרעטער פון „בונד״ אינם שטאַב פון

שידענע קאָמיסיעס, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרןביים אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און ביי דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, — צו באַקומען מיטלען פאַר די באַדערפנישן פון דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע, צו שאַפן אויפהאַלט־פּלעצער און בונקערס, צו פּאָפּולאַריזירן דעם געדאַנק פון אַקטיוון ווידערשטאַנד א.אַ.וו., — דער צוזאַמענשטעל פון די אַלע קאָמיסיעס איז אַ באַווייז, אַז די גאַנצע אידישע געזעלשאַפט איז מיטן־האַרצן געווען אַ שותף צו דער אַקציע פון אַקטיווער פאַרטיידיקונג און אויפשטאַנד [19].

ט

אונזער עדות־און אָנדענק־בוך, וואָס זיין זאַמלונג און באַאַרבעטונג האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין הערבסט 1944 און געדויערט איבער אַ יאָר, איז פאַרענדיקט געוואָרן שוין נאָכן נצחון איבער דער נאַצישער חיה און נאָך דער באַפרייאונג פון די לענדער, וועלכע זיינען געווען פאַרשקלאַפט צו איר עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד. אָבער דאָס קאַפּיטל אידישע ליידן איז נאָך נישט פאַרענדיקט. די אויפגאַבע פון אונזער פאַרעפנטלעכונג אין נישט נאָר אַ היסטאָריאָגראַפישע. די דאָקומענטן, וועלכע מיר ברענגען דאָ זיינען מחייב צו אַ חשבון־הנפש און זיי פאַרלאַנגען צו מאַכן אויספירן וועגן אונזערע פליכטן אויפן געביט פון הילף אין דער צוקונפט (אויך אידישע קינסטלער, וועלכע ווילן — מיט רעכט — פאַראייביקן אין זייערע שאַפונגען אָט די גרויסע געשעעניש אין אונזער געשיכטע, דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, איז גלייכער, אַז זיי זאָלן זיין נאָענטער באַקאַנט מיט דער היסטאָרישערווירקלעכקייט און מיט אירע פאַקטישע פאַרלויפענישן).

דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אין דערדאָזיקער בראָשור, אויף זייט 39, וואו ער שילדערט די תקופה פון דער גרויסער גירוש־אַקציע אין וואַרשע אין די חדשים יולי־סעפּטעמבער 1942, שרייבט ער: „אין יענער תקופה האָבן מיר פאַרלוירן כמעט אַלע אונזערע חברים. פון העכער 500 אונזערע חברים זיינען מיר פאַרבליבן נישט מער ווי עטלעכע צענדליק. די חלוצישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט שוין דאַמאָלסט עקזיסטירט, האָט געהאַט מער מזל — עס זיינען צופעליק פאַרבליבן כמעט אַלע אירע חברים. זי האָט טאַקי אַדורכגעפירט עטלעכע שעדיקונגס־אונטערצינדונגען און אויך געמאַכט דעם אַטענטאַט אויפן פּאָליציי־קאָמענדאַנט י. שערינסקי".

[19] די לעבן־פאַרבליבענע קעמפער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע גיבן איבער, אַז אין געטאָ האָבן אויך עקזיסטירט עטלעכע אַזוי גערופענע „ווילדע" קאַמף־גרופּעס. דאָס זיינען געווען טיילווייז אידעאישע עלעמענטן און טיילווייז מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט אויס־בוצן די סימפּאַטיע צום געדאַנק פון באַוואָפנטן קאַמף פאַר זייערע פּערזענלעכע צוועקן. די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אַלץ געטאָן — מיטן גוטן און מיט בייזן, כדי צו ליקווידירן דידאָזיקע „ווילדע" גרופּעס און זיכערן אַן איינהייטלעכע קאַמף־פירונג. די אידעאישע עלעמענטן זיינען אַריין אין דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און האָבן מוטיק און חבריש מיטגעאַרבעט. די אַנדערע עלע־מענטן האָט מען באַזייטיקט. די אין דער פריערער באַמערקונג 7 דערמאָנטע ד"ר וואַלעווסקי און י. לעהמאַן דערציילן אין „דאָס נייע לעבן", וועגן אַקטיווע אָנטיילנעמער אינם געטאָ־קאַמף, מחוץ דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. וואַלעווסקי דערציילט וועגן אַ קאַמף־פאָרמאַציע „אידישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע" און י. לעהמאַן וועגן באַוואָפנטע גרופּן צווישן די פאַר־שטעקטע אין די בונקערס וועלכע האָבן אויף אייגענער האַנט זיך געשאַפן געווער און פאַרטיידיקט.

מיר און די שכנים זייערע און די פאַרבינדעטע מלוכות, — אַלע האָבן גערעגנעדיקט מיט נישט זאָרגן פאַר רעכטצייטיקן צושטעלן געוווער די לעצט־פאַרבליבענע אידן אין די געטאָס. אויך מיטן דערלאַנגען עלעמענטאַרע הילף — אַ קליין און טרוקן שטיקל ברויט — האָבן מיר פאַרשפּעטיקט. מיר געדענקען נאָך די ויכוחים, אויך אין אידישע קרייזן, אין די ערשטע יאָרן פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, צי מעג מען שיקן שפּייז די אידן אין די געטאָס און צי וועלן מיר נישט שטאַרקן דערמיט דעם פיינט. איינע פון די שטאַרקסטע און וויכטיקסטע אידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס האָט דאָך יאָרן־לאַנג נישט געוואָלט באַטייליקן זיך אין דער הילפס־אַרבעט נאָר ווייל דאָס פאַרמעלע געזעץ האָט עס נישט דערלויבט. אָבער אויך שפּעטער, ווען דער ויכוח האָט שוין אויפגעהערט און איז בכלל אַראָפּ פון דער טאָגאָרדנונג האָבן מיר נישט געטון אַלץ וואָס מען דאַרף. אויף אַ שרעקלעכן אופן איז דאָס געקומען צום אויסדרוק אין געציילטע ווערטער אין אַ בריוו, וואָס איז געשריבן געוואָרן צו אונז פון וואַרשע נאָך אין יענע צייטן ווען מען האָט געקענט שיקן הילף אין אַ ברייטער מאָס: „גוואַלד! וואו איז אייער הילף? וואָס איז געשען מיט אייך!?" און אין אַ צווייטן בריוו שרייבט אַ חברטע: „איך וואָלט אייך געעצה'ט וויניקער שרייבן און כאָטש איין מאָל אַרויסשיקן הילף". אויך אין אַ באַריכט פון „בונד"ישן אונטערערד, פון מאַי 1944, ווערט געזאָגט צווישן אַנדערן: „אויב מען האָט נישט אַרויסגעוויזן גענוג אַקטיוויטעט אָפּצושטעלן די אויסמאָרדונג פון מיליאָנען אידן, פאַרוואָס איז כאָטש נישט געשיקט געוואָרן געהעריקע מאַטעריעלע הילף? הימלשרייענד! — דאָס איז דאָך יאָ געווען מעגלעך!" און ווייטער: „ווייסט איר דען וויפל ווערטפולע מענטשן זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן און ווערן געמאָרדעט עד־היום צוליבן מאנגל אין מיטלען?" ד י ד אָ ז י ק ע ש ו ר ו ת ז י י נ ע ן, ו ו י ג ע ז א ָ ג ט, ג ע ש ר י ב ן ג ע װ א ָ ר ן א י ן מ א ַ י 1944, דאָס הייסט, אנדערטהאַלבן יאָר נאָכדעם ווי אַלע האָבן שוין קלאָר געוואוסט, וואָס פאַר־אַ קאַטאַ־סטראָפע עס האָבן דורכגעמאַכט די פוילישע אידן; דאָס איז געווען שוין אַ יאָר נאָך זייער העראָישן אַרויסטריט אין וואַרשעווער געטאָ, וועלכער האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע וועלט. און מיר האָבן דאָך אַלע געזען, אַז אַן אַנדער באַציאונג איז יאָ מעגלעך: ווען אַ הונגער־געפאַר האָט געדראָט גריכנלאַנד אינמיטן דער מלחמה און האָלאַנד ביים סוף מלחמה — בעת די דייטשן האָבן נאָך געהערשט אין ביידע ערטער — איז דאָך געפונען געוואָרן אַ וועג אַרויסצושיקן אַהין שפּייז: מיט שיפן קיין גריכנלאַנד און מיט עראָפּלאַנען קיין האָלאַנד.

זאָל דאָס כאָטש אונז דינען ווי אַ וואָרנונג און ועגווייזונג וויאַזוי צו רעאַגירן אויף די הילף־רופן, וועלכע קומען פון דאָרט אויך אין איצטיקער תקופה. אונזער פליכט איז צוצואיילן זיך זעלבסט מיט הילף, אויף אַלע וועגן און מיט אַלע מיטלען. אין דער גרויל־טראַגעדיע, וועלכע עס האָבן אַדורכגעמאַכט די אידן אין פוילן בעת דער דייטשער הערשאַפט, זיינען זיי געווען אַזוי פאַראייינזאַמט און אָפּגעריסן פון מעגלעכ־

קייטן צו באַקומען הילף, אַז אפילו דער אינטערנאַציאָנאַלער רויטער קרייץ — וועלכער איז, אין אַלגעמיין, אַריינגעדרונגען אין יעדן ווינקל און גרעסטעוועט, געהאָלפן און פאַרלייכטערט — איז געשטערט געוואָרן דורך די דייטשע באַרבאַרן צו קומען אין באַרירונג מיט אידן. מען קען, פאַרשטייט זיך, נישט באַשולדיקן דערין דעם רויטן קרייץ. אָבער שמערצלעך און דעפּרימירנדיק איז דער פאַקט, וואָס אָט די אַזוי־וויכטיקע און נוצלעכע אינסטיטוציע, וועלכע מאַכט בשום אופן נישט קיין אונטערשייד צום־שלעכטן פאַר אידן, האָט נישט געהאַלטן פאַר איר פליכט אָנצוזאָגן דער וועלט, אַז אירע באַמיאונגען אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די אידן אין פּוילן און זיי צו העלפן זיינען דורכגעפאַלן. אַזאַ מעלדונג וואָלט אפשר דערוועקט די גאַנצע וועלט און אויך די אידישע וועלט איינצוזען רעכטצייטיק די גאַנצע גרויס פון דער געפאַר און קאַטאַסטראָפע, וועלכע זיינען אַראָפּ אויף אונז אין פּוילן. איצטער ווערט קלאָר, אַז אויך אַסך טראַנס־פּאָרטן, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן דורך דער פאַרמיטלונג פונם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ פאַר די אינטערנירטע אין בערגן־בעלזן זיינען נישט אָנגעקומען צו זייערע אַדרעסאַטן, כאָטש די קבלה־באַשטעטיקונגען זיינען געווען געחתמעט דורך אידן, — מען האָט זיי דערצו געצוואונגען. דער אינטערנאַציאָנאַלער רויטער קרייץ, וואָס זיין פליכט איז געווען אַכטונג צו געבן אויף דער פאַרטיילונג, און אויב דאָס איז אים געווען נישט מעגלעך — צו מעלדן וועגן דעם, אַז מען דערלאָזט אים נישט דאָס צו טון, ער האָט גאָרנישט געמאָלדן.

אין איינעם פון די אין־דעם־בוך־פאַרעפנטלעכטע דאָקומענטן איז פאַראַן אַ שווערע אָנקלאַגע, פאַרוואָס איז די הילף געשיקט געוואָרן לויט אַ געוויסן אַדרעס, וואָס צוליב דעם האָבן די דייטשן זי צוגערויבט פאַר זיך און זי איז נישט אָנגעקומען צו אידן. די הילף איז אָבער דאַמאָלסט געשיקט געוואָרן לויט יענעם אַדרעס, ווייל מען האָט געמיינט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער רויטער קרייץ ווייסט וועגן דעם אַדרע־סאַט און וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין יענער אינסטיטוציע, וועלכע איז באַשטימט צו דערלאַנגען הילף. יענע אינסטיטוציעס האָט געהאַט אויף זיך אַ אידישע שילד („אונ־טערשטיצונגס־שטעלע פאַר אידן” אין קראָקע, אונטער דער לייטונג פון ד״ר מ. ווייס־כערט), און די בריוו, וועלכע ער האָט געשריבן און געבעטן הילף — וואָס דער רויטער קרייץ האָט זיכער געוואוסט וועגן זיי — האָבן געשטאַרקט דאָס געפיל, אַז די הילף קומט אָן וואו זי איז נויטיק (זע באַמערקונג 25 אינם באַריכט פון אידישן נאַצ. קאָמיטעט אין פּוילן, זייט 202). דער אינטערנאַציאָנאַלער רויטער קרייץ האָט עס נישט אָפּגעלייקנט. נישט־ווילנדיק האָט ער אויך דערמיט אונטערגעשטראָכן ווי־וויט גרעסער אונזער אומגליק איז אין פאַרגלייך מיט אומגליקן פון יעדן אַנדערן פאָלק, און אויף וויפל מיר קענען זיך נישט פאַרלאָזן אין שווערע סיטואַציעס אויף קיין שום אויסערלעכע כוחות.

נישט דאָ איז דאָס אָרט צו געבן אַ פולע אָפּשאַצונג, וואָס דאָס וועלט־אידנטום

האָט אויפגעטון מיט אייגענע כוחות, און וואָס פּאַראַ באַמיאונגען און רעטונגס־פּרוּוון עס האָט געמאַכט אין פאַרלויף פון די שרעקלעכע יאָרן. דאָס וועט זיכער געטון ווערן אין דער ריכטיקער צייט, און דאַן וועט אויך קלאָר ווערן דער גרויסער אַנטייל אין דערדאָזיקער טעטיקייט מצד דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב, דורכן ועד ההצלה פון דער אידישער אַגענץ און מצד דער הסתדרות אין ארץ־ישראל. אָבער איין אויספיר לאָזט זיך שוין איצטער מאַכן: כדי די הילף זאָל זיין אַן עפעקטיווע און שנעלע איז נויטיק, אַז אויף די ערטער זאָל זיין אַ זעלבסטשטענדיקער און פרייער, געזעלשאַפטלעך־צעמענטירטער אָרגאַן, וועלכער זאָל זיין דער הויפּט־טרעגער פון דער טעטיקייט, איר איניציאַטאָר, אויפמונטערער און מאָנער. צו אַזאַ כוח מוז מען האָבן דעם פולסטן צוטרוי, ווייל אין אַזעלכע סיטואַציעס דערפילט ער די שליחות פונם גאַנצן כלל. ער איז דער שליח פון גאַנצן פאָלק אין גויט — און די באַוועגונג פונם אַרבעטנדן ארץ־ישראל איז במשך די אַלע יאָרן געווען אין אַ גרויסער מאָס דער שליח פון פאָלק אין זיין נויט. און אויך איצטער דערפילט זי דידאָזיקע אויפגאַבע אין די לענדער, וועלכע זיינען שוין באַפרייט געוואָרן פונם נאַצישן שונא, אָבער זיי זיינען נאָך פול, איבערפול, מיט שטאַרקע און ספּעציעלע ליידן פאַר די אָפּגעראַטעוועטע לעצטפאַרבליבענע אידן.

און נאָך עפּעס דאַרפן מיר לערנען דערפון: מיט גרויסע אָנשטרענגונגען און אומאויפהערלעכע עקשנות קען מען גובר זיין אפילו שוועריקייטן, וואָס אין פלוג זעט אויס, אַז מען וועט זיי נישט קענען גובר זיין בשום אופן.

י

פון די טויזנטער בריוו, וועלכע זיינען אין די קאַטאַסטראָפע־יאָרן אָנגעקומען פון דער אידישער אונטערערד־באַוועגונג אין די אָקופּאַציע־לענדער, איז ביז איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָר אַ קליינער טייל. אָבער אויך דאָס ביסל, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, באַווייזט ווי אַזוי עס איז זיי געלונגען איבערצוכיטרעווען דעם גרויזאַמען און כיטרען פיינט, וועלכער האָט געמיינט, אַז זיין שווינדל וועט אים געלינגען און די וועלט וועט גאָר נישט וויסן פון זיינע מעשים. אַזוי־אַרום האָבן מיר געוואוסט וואָס עס טוט זיך אין די געטאָס נאָך איידער עס זיינען אָנגעקומען די אָפיציעלע דאָקומענטן. און אויף וויפל עס זיינען געמאַכט געוואָרן געהעריקע באַמיאונגען און פּרווון, איז אונז אויך געלונגען אָנצוקניפּן וועלכע־עס־איז פאַרבינדונגען מיט אונזערע ברידער פון יענער זייט מויער. אין אַ פראַגמענטאַרישער און נישט־פולער פאָרם האָבן מיר באַקומען געוויסע רמזים וועגן זייער לעבן און זייערע טואונגען. ארץ־ישראל איז געוואָרן אַ צענטר, וואוהין עס זיינען אָנגעקומען די הויפּט־ידיעות. דאָ האָט דער אידישער אונטערערד געזוכט ראָט און שטיצע. מיר האָבן דאַן אָנגעהויבן אינטענסיווער שטאַרקן דעם קאָנטאַקט מיט אונזערע חברים אין פּוילן און עס איז אונז געלונגען אויפצושטעלן אַ מער־ווייניקער פינקטלעכן אינפאָרמאַציע־דינסט. די פון

דאָרט באַקומענע ידיעות זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען קורצע און מאַסקירטע, און זיי זיינען דורכגעגאַנגען פאַרשידענע עטאַפּן און אפילו נאַצישע צענזור. ערשט שפּעטער האָט דער פּוילישער אונטערערד אָנגעהויבן אונז אַריבערשיקן דורך זיין פּאָסט גרעסערע טראַנספּאָרטן. ערשט שפּעטער האָט זיך אויך אָנגעהויבן די אַקטיווע טעטיקייט פון די ספּעציעלע שליחים, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג צו זוכן אַ דירעקטע פאַרבינדונג, צו דערלאַנגען הילף און אַריבערפירן בריוו איןביידע זייטן.

ווען עס זיינען דורכן גענפער פאַרבינדונגס־ביוראָ פון דער הסתדרות אָנגעקומען די ידיעות וועגן אָנהויב פונם פאַרניכטונגס־גירוש האָבן מיר לכתחילה נישט פאַר־שטאַנען זייער גרויזאַמען באַדייט. אין אַ בריוו פון טשענסטאָכאָוו, פון 5־טן אויגוסט 1942, שרייבט מען וועגן מצב פון וואַרשעווער אידענטום: „זיין געזונטצושטאַנד איז זייער שלעכט, אָן האָפנונג. עס באַהאַנדלט אים כסדר דאָקטאָר כליון (אונטערגאַנג) און ער גיט אים נישט קיין שום האָפנונג. די אָנפאַלן חזרן זיך איבער וואָס אַ מאָל שטאַרקער און די לונגען זיינע בלוטיקן אָן אויפהער... פאַרשטייסט זיכער אַז מיר קענען אים נישט העלפן, אפילו שרייבן צו אים קענען מיר נישט, ווייל זיין באַלעבאָס דואר (פּאָסט) דערלויבט עס נישט”. אין דער גירוש־צייט איז איבערגעריסן געוואָרן די פּאָסט. וואַרשעווער חברים פלעגן דעריבער מעלדן וואָס עס קומט פאָר ביי זיי קיין טשענסטאָכאָוו און בענדין (וואָס האָבן זיך שוין גערעכנט אַלס געביט פון „דייטשן רייך”), און פון דאָרטן פלעגן די חברים אַרויסשיקן די ידיעות ווייטער. דעם 23־טן אויגוסט 1942 שרייבט מען אונז ווידער אין אַ בריוו פון טשענסטאָכאָוו ידיעות פון וואַרשע: „עס האָט מיך געהיילט און איך געפין זיך נאָך אונטער דער אויפזיכט פון דיין גוט־באַקאַנטן דאָקטאָר גירושאָווסקי, אָדער ווי מען רופט אים — הער כליונ־אָוויטש. מיין ברודער עמי (מיין פאָלק) באַקלאָגט זיך אויף אים זייער שווער. ביז איצט האָט ער נאָך גאָרנישט געטון אויף אָפּצושטעלן זיין בלוט־שטורץ. עמי איז שוין אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז עס איז פאַראַן אַ צווייפל צי ער וועט שוין בכלל געזונט ווערן. דערצו איז נויטיק אַ גרויסער נס”. אין אַ בריוו פון וואַרשע, פון 30־טן אָקטאָבער 1942, איז געשילדערט געוואָרן די דאָרט־געשאַפענע לאַגע, און אין אַ צווייטן בריוו פון יענער צייט (ביידע זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין א״י נאָך בעת דעם קריג אין „מכתבים מהגיטאות”) האָט מען אונז געמאָלדן, ווי ווייניק אידן עס זיינען פאַרבליבן אין וואַרשע. פון די בריוו, געשריבענע אין דייטש מיט העברעאישע אָנדייטונגען, איז אונז קלאָר און דייטלעך געוואָרן דער שרעקלעכער אומגליק אונזערער. אין אַ בריוו פון וואַרשע האָט אונז געשריבן יוחנן מאָרגנשטערן: „איך וואוין מיט מ. אלפאוויטש (ד. ה. די לעצטע 40 טויזנט אידן אין וואַרשע), די איבעריקע משפחה־מיטגלידער זיינען אין כליונאָווע”.

וועגן דעם ערשטן אַקטיוון אַרויסטריט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, צווישן 18־טן און 23־טן יאַנואַר 1943, האָבן אונז די חברים אין פּוילן תיכף מודיע

געווען. שוין דעם 25־טן יאַנואַר 1943 האָבן זיי געשריבן: „ג ר ש ו ן (גירוש)— געפינט זיך שוין עטלעכע טעג ביי אליעזרן (אליעזר געלער — מיינט וואַרשע). איך בין זיכער, אַז ער האָט אים אויפגענומען ווי געהעריק, אַזוי ווי מיר האָבן עס לעצטנס דערוואַרט, וועגן וואָס דו ווייסט שוין אַוודאי". און אין אַ בריוו פון 6־טן פעברואַר 1943 שרייבט פ ר ו מ ק ע פון בענדין וועגן די ידיעות, וואָס זי האָט באַקומען פון וואַרשע: ה אַ ג אַ נ ס ק י (הגנה) האָט זיי געמאַכט אַ דויערנדן באַזוך, זיי האָבן אים אויפגענומען אויפן בעסטן אופן". ערשט אַ צייט שפּעטער האָבן מיר געקענט געגוי פונאַנדערשיפרירן די קורצע רמזים אין די בריוו, וועלכע זיי האָבן איבערגעשיקט מיט דער נאַצישער פּאָסט קיין זשענעוו, צום פאַרבינדונגס־ביוראָ פון דער הסתדרות, וואוהין זיי זיינען אָנגעקומען גאַנץ שנעל. דער אויסערלעכער וועלט איז ערשט דעם 19־טן מערץ דערציילט געוואָרן אין לאָנדאָנער ראַדיאָ, וועגן דעם ערשטן אידישן ווידערשטאַנד אין וואַרשע, וועלכער איז פאָרגעקומען אין יאַנואַר 1943. ווייזט אויס, אַז די ידיעות זיינען אַהין אָנגעקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג. אין „דבר" פון 23־טן אַפּריל 1943 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, נישט־פולשטענדיק, דער אינהאַלט פון די בריוו פון פוילן וועגן דעם ערשטן ווידערשטאַנד אין וואַרשע אין יאַנואַר 1943. דאַמאָלסט איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן די פאָלגענדע ידיעה, וועלכע איז פון דאָרט אַרויס־געשיקט געוואָרן דעם 2־טן מערץ 1943: „איך וויל דיר אָנזאָגן וועגן אַ פריילעכער פאַמיליען־געשעעניש. נישט געקוקט אויף די שווערע צייטן האָט אונזער טייערער ע מ י באַשלאָסן חתונה האָבן מיט פריילין ה ר י געוויטש. אמת, דער חתונה־טאָג איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן, אָבער די פייערונג וועט פאָרקומען אין די נאָענטסטע טעג. אויב ד ר כ ה ח י ל ו ף אָדער מ ל ך ה צ ל ס ק ה ווילן זיי גראַ־טולירן, מוזן זיי זיך צואיילן. די חתונה־פייערונג וועט, ווייזט אויס, פאָרקומען אין אַן ענגן קרייז, ביי דער מומע ה ג נ ס ק ה אין דירה. האַרציקע גרוסן פאַר דיר און פאַר די קרובים. אַ באַזונדערן גרוס דיר פון דעם יונגן פאָרפאָלק" (פאַרעפנטלעכט מיט קירצונגען אין „מכתבים מהגיטאות" זייט 49).

דער פולער פירוש פונם בריוו באַשטעטיקט זיך איצטער: א) דאַן האָבן אויפ־געהערט אַלע וויכוחים וועגן דער נויטיקייט אין אַ ווידערשטאַנד און דעריבער די אונטערשטרייכונג „האָט ע מ י באַשלאָסן"; ב) עס איז זיי געווען קלאָר, אַז זיי גייען אויף אַ זיכערן טויט (חתונה האָבן מיט הריגעוויטש), און טראָץ דעם האָבן זיי באַשלאָסן אַנטקעגנצושטעלן זיך מיט געווער אין האַנט; ג) עס איז זיי געווען קלאָר, אַז די שלאַכטן קענען אויסברעכן יעדן טאָג, און די איצט פאַראַנענע דאָקומענטן באַשטעטיקן טאַקי, אַז דער גירוש פון די פאַרבליבענע 40—50 טויזנט אידן אין וואַרשע־ווער געטאָ האָט געזאָלט אָדורכגעפירט ווערן אינמיטן מערץ 1943; ד) אַ ווענדונג וועגן דרינגענדער הילף: „דרכה חילוף" מיינט פּאַספּאָרטן אַלס אויסלענדישע בירגער אָדער ארץ־ישראל־אויסטויש דאָקומענטן, וואָס חברים אין זשענעוו פלעגן זיך באַמיען

זיי צו שיקן; „מלך הצלסקה" מיינט פאַרשידנאַרטיקע הילף פון ארץ־ישראל; שוין מיט חדשים פריער האָבן זיי געהאַט באַקומען אין וואַרשע פון אַ נייטראַל־לאַנד, ידיעות פונם שרייבער פון די שורות וועגן הילף־גרייטקייט פון ארץ־ישראל; ה) זיי האָבן געוואוסט, אַז אין די קאַמף־גרופּעס וועלן נישט קענען אָנטיילנעמען קיין סך מענטשן, דאָס באַדייט די מעלדונג — „די חתונה־פייערונג וועט, ווייזט אויס, פאַר־קומען אין אַן ענגן קרייז".

אַט די ידיעה איז טעלעגראַפיש איבערגעשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל פון אַ נייטראַלער מדינה און שוין דעם 15־טן מערץ 1943, בעת דעם 49־טן הסתדרות־ראַט, ד.ה. איבער אַ חודש פאַרן אָנהויב פון געטאָ־אויפשטאַנד, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ דרינגענדע געשלאָסענע זיצונג פונם סעקרעטאַריאַט פון ועד הפועל פון דער הסתדרות, אין וועלכער מען האָט איבערגעגעבן די ידיעה און עס איז באַשלאָסן געוואָרן וועגן דער ערשטער הילף וואָס מיר דאַרפן אַרויסשיקן.

עטלעכע טעג נאָכן אַרויסשיקן די דערמאָנטע ידיעה האָבן זיי (דעם 7־טן מערץ) געמאָלדן פון בענדין אויף אַן אַדרעס אין אַ נייטראַלער מדינה: „איך בין היינט איבעראַשט געוואָרן, ווען עס האָט זיך מיט מיר טעלעפאָניש פאַרבונדן אליעזר געלער (פון וואַרשע). ער האָט מיר מודיע געווען, אַז ער און אויך די אַנדערע קרובים זיינען געזונט. ער פאַרברענגט אַסך מיט האַגאַנען (הגנה) צוזאַמען מיט גושה׳ן (געמיינט — דער גאַנצער חלוצישער גוש, בלאָק).

באַלד ביים אויסברוך פון די געטאָ־שלאַכטן זיינען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות, אַרויסגעשיקטע דורכן פוילישן ראַדיאָ־זענדער אין וואַרשע צו ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט קיין לאָנדאָן, וועגן אָנהויב פון די שלאַכטן און אַ רוף נאָך הילף. דעם 23־טן אַפּריל 1943 איז אָנגעקומען פון די חברים אין וואַרשע אַ טעלעגראַמע קיין לאָנדאָן, פאַר ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט, אברהם זילבערשיין און מ. נייי־שטאַדט, אין וועלכער זיי האָבן געמאָלדן וועגן אויפשטאַנד און פאַרלאַנגט דרינגענדע הילף. דעם 26־טן אַפּריל איז קיין לאָנדאָן אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פאַרן חבר זרובבל געחתמעט דורך די פירער פון די לינקע פועלי ציון — אַנטאָני (נתן בוקסבוים), אַדאָלף בערמאַן און עמנואל רינגעלבלום מיט פאָלגענדער ידיעה: „מיר קעמפן מיט געווער אין האַנט פאַרן לעבן און כבוד פון די לעצטפאַרבליבענע פונם אידישן פאָלק. עס פעלן מיטלען אויף צו באַקומען געווער, אויף צו ראַטעווען קינדער, אויף אויסהאַלטן די קעמפער. מיר דערוואַרטן באַלדיקע הילף. אַ קעמפער־גרוס פאַר די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל און אין גאָר דער וועלט" (אָפּגעדרוקט אין „דבר" פון 30־טן אַפּריל 1943).

כל זמן ס׳איז נאָר אָנגעגאַנגען די שלאַכט האָבן אונזערע חברים אין וואַרשע זיך באַמיט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו אינפאָרמירן אונז און די גאַנצע וועלט, און צו לאָזן הערן זייער ביטערן הילפס־רוף. אַסך ראַדיאָ־זענדונגען האָבן זיי דאַמאָלסט

אַרויסגעשיקט קיין לאָנדאָן, צו ד״ר שוואַרצבאַרט, צום וועלט־אידנטום, צו דער לייטונג פון דער אידישער אַגענץ, צו די פאַרשטייער פון פאַרשידענע באַוועגונגען. עס זיינען אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן ווענדונגען צו דער הסתדרות, און סוף מאַי, נאָך דער פאַרענדיקונג פון די שלאַכטן, איז אויף אַזאַ וועג אָנגעקומען אַ מעלדונג פון החלוץ און „השומר הצעיר״ צו די חברים י. טאַבענקין און מ. יערי: „די לעבנפאַרבליבענע חברים פון דער באַוועגונג זעצן פאָר דעם קאַמף פאַרן כבוד פון די לעצט פאַרבליבענע אידן אין פוילן״ (אָפּגעדרוקט אין „דבר״ דעם 2־טן יוני 1943). און דעם 22־טן יוני איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע אַ צווייטע טעלעגראַמע אויף די נעמען פון די חברים א. דאָבקין, י. טאַבענקין און מ. יערי, געחתמעט דורך צביה לובעטקין און יצחק צוקערמאַן, וועלכע האָט אַנטהאַלטן אויך פאַרגרייזטע ווערטער, וואָס ס׳איז שווער געוועזן אויפצוקלערן זייער שיפר. אויף וויפל עס האָט זיך דאָך געלאָזט זי פונאַנדערשיפרירן, איז איר אינהאַלט געוועזן פאָלגנדער: „די געטאָ־שלאַכטן זיינען פאַרענדיקט. הונדערטער חברים אונזערע זיינען געפאַלן. צענדליקער זיינען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. החלוץ—„השומר הצעיר״ זיינען געוועזן דער חוט־השדרה אין די קאַמפן פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. עס זיינען געפאַלן דער קאָמאַנדיר פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע... אַניע־ליעוויטש, אריה ווילנער, בערל ברוידע, חנה (פלאָטניצקע), טאָסיא (אַלטמאַן) לאה (פערלשטיין), מרים (פוכרער). אין בענדין קומט פאָר אַ פאַרניכטונגס־אַקציע. פרומקע איז אין בענדין. מרדכי טאַראַן (געמיינט מרדכי טענענבוים) איז אין ביאַליסטאָק, קאָוונער (אבא) איז אין ווילנע. העלפט ראַטעווען די יוגנט. באַמיט זיך צו באַקומען אַרויספאָר־מעגלעכ־קייטן. שיקט געלט־הילף. וואָרנט די אידן אין בעלגיע, האָלאַנד און פראַנקרייך, אַז זיי פאָרן קיין פוילן צום טויט״. פון וואַרשע האָט מען דאַמאָלסט נישט געקענט מודיע זיין דירעקט דורך פאָסט צום פאַרבינדונגס־ביוראָ אין זשענעוו וועגן דער לאַגע. דעריבער האָבן זיי אַרויסגעשיקט די ידיעות קיין בענדין און פון דאָרט קיין זשענעוו — און דאָס פאַרבינדונגס־ביוראָ האָט זיי צוגעשטעלט קיין ארץ־ישראל.

דעם 25־טן אַפּריל 1943 האָט מען געמאָלדן פון בענדין, אַז צביה און טאָסיא זיינען געפאַלן (דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געוועזן אַ טעות), און דעם 28־טן אַפּריל האָט מען ווידער געשריבן פון בענדין וועגן וואַרשע: „האַגנאַ״ Hagna איז שוין אַזוי גרויס ווי איר קוזין קראַוו (קרב — שלאַכט) גוש, האַגנעס פאָטער האָט געבעטן אליעזרן, ער זאָל זיין איר אַפּיטרופּוס און זאָל זי דערציען. ער האָט איר איינגעקויפט אַסך שפּילצייג און זי שפּילט זיך מיט זיי זייער שיין. אויך מיט מאָוועטעצקי (מותצקי — טויט) רעדט האגנא זייער אָפט״ (אליעזר געלער איז געוועזן איינער פון די חשובע קאָמאַנדירן אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע). אַזוי פלעגן דאַמאָלסט געשיקט ווערן פון בענדין צום פאַרבינדונגס־ביוראָ פון דער

הסתדרות אין זשענעוו טאָגטעגלעכע ידיעות וועגן דער לאַגע. אָבער אויך די ידיעות וואָס פלעגן אָנקומען פון וואַרשע קיין בענדין זיינען נישט תמיד געווען פינקטלעכע (עס איז, פאַרשטייט זיך, קיין וואונדער נישט ביי יענע באַדינגונגען און ביים מאַנגל פון אַ מינימאַלער מעגלעכקייט פון רעגולערע פאַרבינדונגען), און דערפון האָבן זיך גענומען די געגנזעצלעכע ידיעות וועגן צביה׳ס טויט. אין איינעם פון די בענדינער בריוו פון יענער צייט האָט געשריבן ח י י ק ע ק ל י נ ג ע ר (איצטער איז זי אין ארץ־ישראל, אין קיבוץ „העוגן״): „איך וויל דיר בעטן אָנצוזאָגן דעם זיידע מ א י ר (יערי), אַז זיינע טייערע קינדער, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי מאַדאַם ראשיט (ההנהגה הראשית פון השומר הצעיר) — ט אָ ס י אַ, מ ר ד כ י (אַ נ י ע ל י ע ו ו י ט ש), מ י ר א (פ ו כ ר ע ר) זיינען אַוועקגעפאָרן צו י ו ס ף ק אַ פּ ל אַ ן (יוסף קאַפּלאַן איז פריער געפאַלן). האָסט געקענט מ ר ד כ י׳ ן? ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך־באַגאַבטער מענטש. דאָס איז ה אַ ג נ אַ ס זיידע, און ער האָט זי געליבט ווי קיין שום פאָטער האָט נאָך נישט געליבט זיינע קינדער״. די ידיעה איז אָנגעקומען טעלעגראַפיש קיין ארץ־ישראל דעם 23־טן מאַי 1943 (נאָכדעם ווי זי איז פאַרהאַלטן געוואָרן צען טעג ביי דער צענזור — פאַרוואָס און פאַר ווען?), און זי איז נישט געווען דייטלעך. היות ווי פריער האָבן מיר נישט געהאַט קיין ידיעות וועגן דער וויכטיקער און הויפּט־ראָל פון מ ר ד כ י אַ נ י ע ל י ע ו ו י ט ש אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, האָבן מיר נישט געוואוסט קלאָר וועגן וועלכן מרדכי רעדט זיך דאָ, און די ידיעה איז דאַמאָלסט נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. דערפון האָט זיך גענומען אַ געוויסע צייט די מיספאַרשטענדניש אין די פאַרעפנטלעכונגען, וועגן דער הויפּט־קאָמאַנדירונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

דעם 18־טן מאַי האָט פרומקע געשריבן: „לאַקראַוויטש („לקרב״ — צו דער שלאַכט) איז שוין אַוועק פון צביהן״. דעם 2־טן יוני זיינען שוין אָנגעקומען אַביסל מער אויספירלעכע ידיעות: „דו ווייסט דאָך געוויס, אַז עס זיינען געווען ביי זיי (אין וואַרשע) צו באַזוך ג ר ש ו ן („גירוש״) און ק ר א ו ו ס ק י („קרב״ — שלאַכט) און האָבן דאָרט פאַרבראַכט עטלעכע וואָכן. לעצטנס זיינען זיי אַלע אַריבער אין נייע דירות. ע מ י, וועלכער האָט געוואוינט צוזאַמען מיט זיי, האָט זיך איינגאַנצן אַריבער־געקליבן צו מאַוועטעצקין („מות״ — טויט), צוזאַמען מיט צ ב י ה׳ ס און א ל י ע ז ר ס קינדער (די מיטגלידער פון דער באַוועגונג), אויסער אַסאַראַטי („עשרות״ — צענדליקער) וועלכער איז געבליבן ביי מומע קנופים („כנופיה״ — פאַרטיזאַנער־גרופּעס). אליעזר זעלבסט ווי אויך צביה און טאָסיאַ זיינען געזונט, כאָטש זיי האָבן געלעבט אין פריינטשאַפט מיט ה אַ ג נ אַ ן. הער נ י ס י ם האָט זיי געהאָלפן בשעת דער קרענק״. אויך אין דערדאָזיקער ידיעה איז אַריינגעפאַלן אַ טעות, ווייל דעם 2־טן יוני האָט שוין ט אָ ס י א נישט געלעבט. דעם 7־טן יוני איז אָנגעקומען אַ ידיעה צו די לינקע פועלי־ציון אין ארץ־ישראל: „ש כ נ א (ז אַ ג אַ ן) מיט אַלע זיינע קינדער וואוינען

איצט צוזאַמען מיט פּ ר ץ און ד י נ ע נ ז אָ ן. זיין ברודער וואוינט ביי י אַ אַ ר ן („יער" — וואַלד)". די ערשטע דירעקטע ידיעה, וואָס מיר האָבן באַקומען פון וואַרשע נאָך די שלאַכטן, איז אַרויס פון דאָרט דעם 7־טן יוני 1943, פון אליעזר געלער, אין וועלכער עס איז געמאָלדן געוואָרן, אַז אויך ט אָ ס י א איז צווישן די געפאַלענע.

יא

אין דעם בוך, וואָס זיין ראַם איז, ווי געזאָגט, אַ באַגרעניצטע און פון־פאָרויס באַשטימטע, איז נישט דער אָרט צו פאַרעפנטלעכן די פּרטים פון דער אַרבעט צו ברענגען הילף און איינצושטעלן פאַרבינדונגען, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין די צו פּוילן נאָענטע לענדער, און וועגן די שליחים, וועלכע זיינען פון דאָרטן געגאַנגען קיין פּוילן. די הילף־טעטיקייט איז געפירט געוואָרן סיי לויט דער איניציאַטיוו פון אונזערע חברים אויף די ערטער און סיי לויט דער איניציאַטיוו פון די ארץ־ישראל׳דיקע שליחים, וועלכע זיינען געווען טעטיק אין נייטראַלע מדינות, כדי צו זוכן פאַרבינ־דונגען און דערלאַנגען הילף און ווי ווייט מעגלעך אַרויסצוקריגן פון דאָרט מענטשן. מיר האָבן אויך נישט קיין מעגלעכקייט אָפּצוגעבן אין דעם בוך אַן אָרט פאַר דעם קאַפּיטל פון די איין־און־דרייסיק פאַראַשוטיסטן (צווישן זיי דריי חברטעס, די איינציקע פאַראַשוטיסטנס אין די פאַרבינדעטע אַרמייען, אויסער רוסלאַנד), ארץ־ישראלדיקע אַרבעטס־מענטשן, וועלכע זיינען אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין שונא׳ס הינטערלאַנד אין פאַרשידענע לענדער, כדי אויפצומונטערן און בייהילפיק צו זיין דעם אידנטום אינם לעבנס־געראַנגל אין די נאַצישע נעגל. ווי ס׳איז קלאָר ביז איצט, האָבן זיבן פון זיי (צוויי חברטעס) באַצאָלט דידאָזיקע שליחות מיט זייער לעבן[20]. איינס קענען מיר אָבער שוין איצטער פעסטשטעלן: עס זיינען געמאַכט געוואָרן אָפּט און אומאויפהערלעך אַסך אָנשטרענגונגען אין דער ריכטונג; דאָס איז געווען איינע פון די סאַמע שווערסטע טעטיקייטן, וועלכע איז פול געווען מיט סכנות אויף יעדן טריט און שריט און איז ממילא געווען פאַרבונדן מיט קרבנות און דורכפאַלן.

אויף אויסצופירן שליחותן פון לאַנד צו לאַנד ביז אין סאַמע גיהנום אַריין האָט מען געמוזט באַנוצן זיך מיט נישט־אידן. און געוויסע פון זיי, וועלכע האָבן געטון זייער מלאכה פאַר אַ נישט קליינעם פּרייז, האָבן נישט תמיד דערוועקט פולע זיכערקייט אין זייער ערלעכקייט און טריישאַפט. אָבער מען האָט נישט געקענט שלום־מאַכן מיט אומטעטיקייט, און אויב אפילו מען האָט געהאָפט, אַז נאָר אַ טייל פון דער הילף וועט אָנקומען און נאָר אַ טייל פון דער רעטונגס־אַרבעט וועט געלינגען — איז געווען אַ פליכט צו מאַכן דעם פּרווו. די, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען דערמיט, האָבן קיין

[20] אין יאָר 1946 זיינען דערשינען אין ארץ־ישראל אַ ריי פאַרעפנטלעכונגען, אַרטיקלען און אָנדענק־פאַרצייכנונגען, וועגן דעם דאָזיקן פּרק פון אידישער גבורה. אַ טייל פון דעם מאַטעריאַל איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין חוץ־לארץ.

סך אויסוואַל־מעגלעכקייטן נישט געהאַט. אויך די, וואָס צו זיי האָבן די שליחים געדאַרפט קומען, האָבן עס געוואוסט. פונדאַנען האָט זיך געגומען זייער פאַרזיכטיקייט און פאַרדאַכט־באַציאונג לגבי יעדערן, וואָס עס איז צו זיי געקומען מיט אַזאַ שליחות.

אין אַ באַריכט פון אונזערן אַ חבר אין סלאָוואַקיע פון 1־טן סעפטעמבער 1943 לייענען מיר אַ שילדערונג פון אַזאַ רעטונגס־שליחות: „אַרישע פּראָפעסיאָנעלע גרעניץ־שמוגלער נעמען איבער די אידן פון באָכניע און פון קראָקע און זיי ברענגען זיי דורך טויט־געפאַר קיין סלאָוואַקיע. דאָרטן מוזן די אַריבערגעבראַכטע קודם־כל זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער ביז מען קומט פון אונזער זייט צוצונעמען זיי און איינאָרדנען זיי אין פאַרשידענע ערטער ביי דער גרעניץ. גאַנץ אָפט ווערן זיי באַרויבט, אַמאָל דורך די אַריבערשמוגלער זעלבסט און אַמאָל דורך די גרעניץ־מאַכט־אָרגאַנען. ערשט פון אָט די פאַרשידענע פונקטן ביי דער גרעניץ פירן מיר אַריבער אין קליינע גרופּעס די געראַטעווע אין איין שטאָט. ביז מיר האַלטן שוין דערביי דאַרף מען גובר זיין שרעקלעכע סכנות און שוועריקייטן צום־משוגע־ווערן, באַזונדערס אויב די געראַטעוועטע פאַלן אַריין אין די הענט פון די צאַל־פּאָליציאַנטן אָדער פון דעם שפּיאָנאַזש־דינסט; אין אַזעלכע פאַלן מוזן מיר קודם כל דורכקומען מיט די פאַרש...ינען און ערשט ווען דאָס געלינגט אונז — באַפרייען מיר זיי. פאַרשטייט זיך, אַז אויך אין סלאָוואַקיע און אין אונגאַרן זיינען מיר געצוואונגען צוזאַמענצואַרבעטן מיט אַזעלכע סאָרטן שותפים — — — דידאָזיקע אַוואַנטוריסטישע און אומגעווינלעכע טעטיקייט פאַרלאַנגט ביז שגעון־דרייסטע מענטשן אָבער אויך געוויסנלאָזע אין פאַר־שידענע הינזיכטן, נאָר קיין אַנדער מעגלעכקייט האָבן מיר נישט”. ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר באַצייכנען, אַז אין סלאָוואַקיע האָבן די אידישע אונטערערד־טוער געשאַפן פינף אָבסערוויר־סטאַציעס אין פאַרשידענע פונקטן אויף דער סלאָוואַקיש־פּוילישער גרעניץ: 1) ליפּטאָווסקי סוועטי מיקולאַש; 2) פּרעשאָוו; 3) קעזשמאַראָק 4) דאָלני קובין; 5) זשילינא. אויף יעדן פון דידאָזיקע פונקטן האָבן זיי געהאַט זייערן אַ פאַר־טרויאונגסמאַן. ווען אַ איד פלעגט אָנקומען צו איינער פון אָט די אָבסערוויר־סטאַציעס האָט מען גלייך אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן זיך מיט אים, — אַריבערפירן אים טיפער אין לאַנד, און פונדאָרטן קיין אונגאַרן. אין דער צייט צווישן סוף 1942 ביז אָנהויב 1944 זיינען דורך דידאָזיקע פונקטן אַדורכגעגאַנגען איבער דריי טויזנט אידן, וועלכע זיינען אַרויס פון פּוילן דורך קראָקע־זאַקאָפּאַנע.

און אָט וואָס מיר לייענען אין אַ באַריכט פון איינעם אַ שליח — אַ ווינער, וועלכער האָט, אין שליחות פון אונזערע אין בודאַפּעשט טעטיקע חברים, באַזוכט וואַרשע אינמיטן 1943: פיר טעג — שרייבט ער — איז ער געווען אין וואַרשע — לענגער האָט ער דאָרט נישט געקענט בלייבן, ווייל עס איז פאַר אים געוואָרן געפערלעך, אָבער נאָר צען מינוט איז אים געלונגען צו רעדן מיט עמיצן פון די, צו וועמען ער איז געשיקט געוואָרן. דאָרט, וואו ער איז אָנגעקומען לויטן ערשטן אַדרעס, איז אים

בכלל גאָרנישט געלונגען. מען האָט נישט געוואָלט רעדן מיט אים און אפילו נישט אַריינגעלאָזט אין צימער, ווייל ער איז באַגאַנגען אַ פעלער — ווי ער אַליין שרייבט — און האָט תיכף מודיע געווען פון וועמען ער ברענגט דעם גרוס. מען האָט אים געענט־פערט, אַז אַזאַ איינעם קענען זיי נישט און זיי דערוואַרטן נישט קיין שום ידיעות און זיי ווילן מיט אים נישט רעדן. אויך דאָס צעטל, וואָס ער האָט געהאַט, האָבן זיי נישט געוואָלט נעמען ביי אים. ביים צווייטן אַדרעס איז ער געווען פאָרזיכטיקער, דאָרטן האָט מען ביי אים גענומען דאָס צעטל אָבער געענטפערט האָט מען אים אויך, אַז זיי ווייסן פון גאָרנישט און פאַשטייען נישט וואָס ער פּאַרלאַנגט פון זיי. ערשט ווען ער איז אָנגעקומען אויפן דריטן אַדרעס האָט מען אים עפּעס געגעבן אַן אָנדייטונג וועגן אַ פערטן אָרט, וואו ער וועט קענען רעדן מיט עמיצן (פאַרשטייט זיך, אַז אַלע אַדרעסן זיינען געווען אין אַרישן טייל פון שטאָט).

דער שליח, וועלכער איז אין יולי 1943 געקומען קיין בענדין (ער האָט דערנאָך צוריקגעבראַכט דעם באַקאַנטן בריוו פון פרומקען און אירע חברים, פון 17־טן יולי, וועלכער ווערט דאָ אין בוך פאַרעפנטלעכט, זייט 259) האָט זיך אַרומגעדרייט דריי טעג און נישט געקענט אָנקומען צו זיי. אויך פריער זיינען געקומען אונזערע שליחים קיין בענדין און נישט אָנגעקומען צו אונזערע מענטשן. אָבער דאַסמאָל האָט אים עמיצער געבראַכט צום הויפּט פון בענדינער יודען־ראַט, וועלכער האָט פאַרלאַנגט, אַז דער שליח זאָל אים איבערגעבן אַלץ וואָס ער האָט געבראַכט. דער שליח האָט זיך אָבער עקשנותדיק געהאַלטן דערביי, אַז ער וויל דאָס איבערגעבן נאָר יענע, וואָס מען האָט אָנגעגעבן זייערע נעמען. דאַן איז איינגעאָרדנט געוואָרן די טרעפונג מיט אונזערע חברים. דער שליח האָט זיי איבערגעגעבן בריוו, 50 טויזנט מאַרק, און האָט פון זיי באַקומען אַ בריוו. אין דעם פאַל איז דער שליח געווען אַן אָנשטענדיקער מענטש און ער האָט זיך באַמיט אויסצופירן טריי זיין שליחות. און טאַקי ביי אַ צווייטער, ענלעכער שליחות איז דער מענטש געכאַפּט געוואָרן און מען האָט אים אַוועקגעשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. ענלעכע שילדערונגען זיינען אָנגעקומען אויך פון די שליחים, וועלכע האָבן באַזוכט קראָקע און אַנדערע ערטער. איינער פון די אַקטיווע חברים אין פּוילן, וואָס ס'איז אים געלונגען אַנצוקומען מיט אַ גרופּע חברים פון וואַרשע קיין סלאָוואַקיע און ער האָט זיך דאָרט פאַרנומען מיט הילפס־אַרבעט האָט געשריבן דעם 15־טן אָקטאָבער 1943: „מיר האָבן צו זיי געשיקט (קיין וואַרשע) דריי זייער דערפאַרענע שליחים מיט געלט און מיטלען כדי זיי אַהערצוברענגען. די חברים האָבן נישט געוואָלט אַוועק פון דאָרטן. איינער פון די שליחים איז בכלל נישט צוריקגעקומען, איינעם האָט מען געכאַפּט מיט מיין בריוו און ער איז איצטער אַרעס־טירט אין ווין". דער שליח, וועלכער איז סוף אָקטאָבער 1943 געווען אין קראָקע און דאָרט איבערגעגעבן 50 טויזנט מאַרק, האָט געהאַט באַקומען אַן אָנווייזונג צו ברענגען אַ באַשטעטיקונג פון אַ געוויסער פּערזאָן, ער האָט צוליב דעם געמוזט וואַרטן עטלעכע

טעג ביז עס איז געלונגען אַרויסצושמוגלען פון לאַגער דעם באַשטעטיקונגס־צעטל. אינם בריוו וועגן דעם ענין האָבן די חברים געשריבן: „אויך צווישן די באַראַקן־באַוואוינער (600 מענטשן אין איין באַראַק) געפינען זיך געסטאַפּאָ־אַגענטן"[21]. איינמאָל איז געלונגען אַראָפּוצברענגען אין אַ שכנותדיק לאַנד אַריין איינעם אַ באַזיצער פון אַ גרויסער דייטשער אונטערנעמונג אין קראָקע, וואו עס האָבן געאַרבעט אַסך אידן. דאָס איז געווען איינער פון די אַזוי גערופענע אָנשטענדיקע דייטשן. ער אַליין האָט קיין אידן נישט געמאָרדעט. אינם געשפּרעך האָט ער אויך געזאָגט, אַז ער האַלט די אידן־מאָרדונג פאַר אַ נישט־ריכטיקן גאַנג. ער האָט „נאָר" געמאַכט קאַפּיטאַלן פון זייער אומזיסטער אַרבעט. וויפל כוח און איבערווינדונג האָבן געמוזט פאַרמאָגן אונזערע חברים בעת זיי זיינען צוזאַמענגעזעסן מיט אָט דעם דייטש, וואָס זיין פריינט איז געווען איינער פון די סאַמע אַכזריותדיקע תליינים אין פלאַשאווער לאַגער אין קראָקע (זע ז' 237 באַמערקונג 6). אָבער אונזערע חברים האָבן נישט געוואָלט אַדורכלאָזן אויך אַזאַ געלעגנהייט פון אַ הילף־פּרווו, וואָס האָט געקענט כאָטש אַביסל דערלייכטערן. זיי האָבן מיט אים געמאַכט אַן אָפּמאַך און אַ געוויסע צייט האָט ער די אידן אין זיין אונטערנעמונג געהאַלטן אין אַ מער־זיכערן מצב ווי אין אַנדערע אונטערנעמונגען. אגב, אָט דער סודעטן־דייטשער אינדוסטריעלער, אינזשינער שינדלער. האָט אין יאַנואַר 1945 געראַטעוועט דאָס לעבן פון טויזנט אידן (זע זייט 177, באַמערקונג 12).

נישט איין מאָל פלעגט צוריקקומען אַ שליח נישט האָבנדיק אויסגעפילט זיין שליחות. און מען האָט קיין מאָל נישט געקענט וויסן זיכער צי האָט דער שליח טאַקי געטון אַלץ כדי צו זען זיך מיט די מענטשן, צו ווען ער איז געשיקט געוואָרן, אָדער ער האָט זיך באַגנוגנט מיטן וועג פון קלענסטן ווידערשטאַנד אָדער ער האָט בכלל אָפּגענאַרט. עס זיינען געווען פאַלן, ווען אַ שליח איז געשיקט געוואָרן צו ברענגען אַ געוויסן מענטש און ער האָט געבראַכט אַן אַנדערן מיטן אויסרייד, אַז דער באַשטימטער האָט נישט געוואָלט גיין מיט אים. אין אַ סך פאַלן איז טאַקי אַזוי געווען. דוקא די מענטשן, וואָס מיר זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין זייער רעטונג, און עס זיינען געמאַכט געוואָרן קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונגען אויסצוגעפינען זיי, — דוקא זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער געלעגנהייט געראַטעוועט צו ווערן. שרעקלעך

[21] אַלס שליחים קיין קראָקע און בענדין האָבן אונזערע חברים אין בודאַפּעשט געשיקט בעיקר דעם ווינער צאָן־דאָקטאָר סעדלאַטשעק (ער האָט באַזוכט קראָקע 3 מאָל אין זייער שליחות, האָט דאָרט איבערגעגעבן אָנזעעוודיקע געלטער און האָט פון דאָרטן געבראַכט בריוו). קיין בענדין ווידער — דעם פריערן קעלנער רודאָלף שטאָלץ. אויך דיביידע האָבן עס געטאָן בעיקר פאַר גוט געלט. קאָן אָבער אויך זיין, אַז עס האָט זיי געצויגן די האָפנונג, אפשר וועט מען זיי דאָס געדענקען צום גוטן נאָכן זיג פון די פאַרבינדעטע. זיי האָבן געאַרבעט אין שפּיאָנאַזש־דינסט און האָבן לכן שוין דאַמאָלסט געוואוסט, פריער ווי אַנדערע, אַז עס איז נישטאָ מער קיין שום האָפנונג פאַר אַ נאַציִשן זיג.

איז די שילדערונג פון דעם פריער־דערמאָנטן שליח קיין בענדין, ווי ער האָט זיך געבעטן ביי פרומקען, זי זאָל גיין מיט אים, — און זי האָט זיך אָפּגעזאָגט. אין צוויי וואָכן שפּעטער האָט זי שוין נישט געלעבט. אינטערנירטע אין אַ קראָקעווער לאַגער האָבן געענטפערט, אַז זייער אָפּוועזנהייט פון לאַגער וועט ברענגען צו רעפּרעסיעס אויף די וואָס וועלן איבערבלייבן, און זיי ווילן נישט נעמען אויף זיך אַזאַ אחריות. אויך די צענטראַלע חברים אין וואַרשע האָבן נישט איין מאָל אָפּגעזאָגט זיך אויסצונוצן די וועגן, וועלכע מען האָט פאַר זיי געפּרוווט איינאָרדנען פונדרויסן, כדי אַרויסצוראַטעווען זיי. עס האָט אויך געטראָפן, אַז דער שליח האָט געטענהט, אַז ער האָט געבראַכט אַן אַנדערן אַנשטאָט דעם פונפריער באַשטימטן, כדי נישט צוריקצוקומען מיט גאָרנישט; און אַמאָל פלעגט זיך דערנאָך אַרויסווייזן, אַז דער אַנדערער האָט געגעבן דעם שליח אַ גרעסערע סומע ווי די, וואָס ער האָט געהאָפט צו באַקומען פון די, וועלכע האָבן אים געשיקט.

נאָך אַסך אַנשטרענגונגען איז אין אָנהויב 1944 אָנגעקומען קיין וואַרשע אַ שליח, וועלכער איז אַהין געשיקט געוואָרן דורך אונזערע אַקטיווע מענטשן אין בראַטיסלאַווע. אין אַ בריוו פון 6־טן יאַנואַר 1944, וועלכן דערדאָזיקער שליח האָט צוריקגעבראַכט פון וואַרשע, ווערט אונטערגעשטראָכן: „אַלע וועלן מיר נישט קענען קומען צו אייך. מיר זיינען דאָ באַשעפטיקט מיט רעטונגס־און פּאַרטיידיקונגס־אַרבעט, און דאָס לעבן פון טויזנטער אידן ווי אויך אונזער ווירדע הענגען אָפּ פון אונזער אַרבעט". ווייטער שרייבן זיי אין דעמזעלבן בריוו: „דער מענטש האָט געוואָלט נעמען מיט זיך אומזיסט מיך און איקס („אומזיסט" הייסט — די הוצאות זיינען דערליידיקט געוואָרן דורך די, וועלכע האָבן אים געשיקט. דאָ האַנדלט זיך וועגן צוויי חברים פון דער החלוץ־צענטראַלע וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיטצוגיין), פאַר אַנדערע פאַרלאַנגט ער הונדערט גאָלד־דאָלאַר פון אַ מענטש. דאָס איז אַ ריזיקע סומע. לויט אונזער וואַליוטע־קורס מאַכט עס אויס 65 טויזנט גילדן פון אַ מענטש. שרעקלעך, גרוילהאַפט אַזעלכע סומען וועלן דאָך אונז נישט דערמעגלעכן קיין מאַסן־רעטונג און מיר ווילן אַלע לעבן, אויב מיר האָבן שוין דערלעבט ביז איצטער".

עס זיינען אויך געווען נישט ווייניק פאַלן פון פאַראַט און מסורים צוליב וועלכע אונזערע חברים זיינען געפאַלן קרבנות אין זייער אונטערערדישער אַרבעט. שטאַרק איז געווען זייער דראַנג צוצושטיין צו די פּאַרטיזאַנישע מחנות, און עס זיינען באַקאַנט פאַלן, וויאַזוי עס איז שענדלעך מיסברויכט געוואָרן, אָט דער ווילן זייערער נקמה צו נעמען אין שונא. צענדליקער חברים אין בענדין האָבן באַצאָלט מיטן לעבן צוליב אָט אַזאַ מין פאַראַט פון איינעם אַ פּאָליאַק — אַ געסטאַפּאָ־אַגענט, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבן אַלס אינווייניקסטער מענטש אינם אונטערערד. איצטער איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ צווייטער פאַקט אין בענדין: דאָרטן האָט „מיטגעהאָלפן" די גורדוניה־חברים איינער פון די „חסידי אומות העולם" — פּראַנטשישעק דודעק. ער

האָט געוואוסט וועגן בונקער, וואָס זיי האָבן געבויט און ביי וועלכן ער האָט צוגע־האָלפן; אין דעם בונקער זיינען אומגעקומען אַלע ביזן לעצטן. מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום ידיעות וויאַזוי איז דאָרט אָנגעגאַנגען דער פּאַרטיידיקונגס־קאַמף, און וויאַזוי האָבן די חברים אויסגענוצט דאָס דאָרט אָנגעקליבענע געווער. מיר האָבן נישט גע־וואוסט ווי צו לעזן די רעטעניש. ערשט אין „ביולעטין וואָלנעי פּאָלסקי" (ביולעטין פון פרייען פוילן) פון 9־טן מאַי 1945 האָבן מיר איבערגעלייענט, אַז „אין אויסנאַם־געריכט אין סאָסנאָוויעץ איז לעצטנס פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון פראַנטשישעק דודעק, דער געהיים־אַגענט פון געסטאַפּאָ", און די טראַגישע געהיימניש פון יענעם בונקער איז אויפגעקלערט געוואָרן.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען זיינען געמאַכט געוואָרן די אָנשטרענגונגען אויפצור־האַלטן פאַרבינדונגען, דערלאַנגען הילף און באַקומען ידיעות. די אַלע אויסגערעכנטע שטערונגען האָט מען געמוזט גובר זיין. און דאָס ביסל, וואָס מיר האָבן דערגרייכט, איז געטון געוואָרן מיט אונזערע אייגענע כוחות אַליין. נאָכמער: ביז דער לעצטער תקופה פון דער דייטשער אָקופּאַציע זיינען דאָך אַלע רעטונגס־אַרבעטן און קאָנטאַקט־אָנקניפּונגען און דאָס הילף־דערלאַנגען אויף יענער זייט מויער גערעכנט געוואָרן אַלס אומלעגאַלע טעטיקייטן, וועלכע זיינען געפירט געוואָרן קאָנספּיראַטיוו אויך אין די לענדער פון די פאַרבינדעטע מלוכות און אפילו אין די נייטראַלע לענדער.

יב

שוין נאָכדעם ווי דער צונויפגענומענער מאַטעריאַל פאַר דעם בוך איז איבער־געגעבן געוואָרן צום דרוק זיינען אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל איינצלנע חברים — לעצטפאַרבליבענע פונם אידישן אונטערערד און איינצלנע מיטגלידער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין איר טעטיקייט אין וואַרשעווער געטאָ. אַדאַנק דער אינפאָרמאַציע, וואָס מיר האָבן פון זיי באַקומען איז אונז געלונגען אויפצוקלערן אַסך פּרטים. דער שרייבער פון די שורות האָט אויך געהאַט אַ געלעגנהייט פון אַ קורצער טרעפונג אין אויסלאַנד (אין אויגוסט 1945) מיט עטלעכע פון די אָנפירער פונם אידישן אונטערערד און פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין פוילן. ער האָט דאַמאָלסט געהאַט ביי זיך נאָר אַ קליינעם טייל פון די קאָרעקטור־בויגנס און דעריבער איז ער געווען געצוואונגען צו באַגנוגנען זיך מיט אויפקלערן זאַכן לויטן זכרון. זייערע אויפקלערונגען האָבן מיטגעהאָלפן קלאָר צו מאַכן געוויסע אומפאַר־שטענדלעכע פונקטן אין די דאָקומענטן און פאַריכטן עטלעכע אומפּינקטלעכקייטן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין אונזערע אויסטייטשונגען. אָבער נישט זיי טראָגן די אחריות פאַר די דערקלערונגען און אויסטייטשונגען [22].

[22] זע אויך זייט 327 צוגאָב־באַמערקונג צו דער צווייטער העברעאישער אויפלאַגע, פאַר דער אָפּטיילונג „דעם אָנדענק די געפאַלענע אויף דער וואַך".

אויך ווער עס באַמיט זיך צו לייענען אויפמערקזאַם און דורכצוקאָנטראָלירן אַלע באַריכטן און דאָקומענטן, וועלכע זיינען אָנגעקומען פון פוילן וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, און נאָכצופאָלגן דערביי יעדן רמז אין די הונדערטער צומגרעסטנ־טייל־מאַסקירטע בריוו, וואָס זיינען אָנגעקומען פונדאָרטן אין דידאָזיקע יאָרן, און אויך צוצוהערן זיך צו אַלע שילדערונגען פון די געראַטעוועטע, — וועט נאָך אַלץ טאַפּן אין פינצטערניש און אַסך איינצלהייטן וועלן בלייבן פאַר אים אומפאַרשטענד־לעך[23]. נישט געקוקט דערויף, וואָס אַזאַ קורצע תקופה טיילט אונז אָפּ פון דער גע־שעעניש, זיינען שוין פאַראַן אין דעם צוזאַמענהאַנג אַזוי פיל און אַזעלכע פאַרשידענע שילדערונגען און פירושים. וואָס עס ווערט געזאָגט אין די אַריינפיר־באַמערקונגען צו דער אזכרות־אָפּטיילונג, וועגן דער לאַגע אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען בשעת צוויי אָדער דריי פון די געראַטעוועטע האָבן אָפּגעגעבן געגנזעצלעכע דערקלערונגען בנוגע דעם אָדער יענעם פּרט, — דאָס גילט אויך לגבי די אויסטייטש־באַמערקונגען צו די דאָקומענטן. מיר האָבן געטון אַלץ וואָס מיר האָבן געקענט, נישט געשפּאָרט קיין צייט און באַמיאונגען און נאָכקאָנטראָלירט און פאַרגליכן ממש יעדע איינצלהייט (און פונדאָסניי קאָנטראָלירט און אויסגעבעסערט ביים אַרויסגעבן די צווייטע העב־רעישע אויפלאַגע און שפּעטער די אידישע איבערזעצונג) — און פונדעסטוועגן איז מעגלעך, אַז מיר האָבן געמאַכט אַ פעלער ביי דעם אָדער יענעם פּרט. און גלייך ווי וועגן די אזכרות אַזוי אויך וועגן די דאָקומענטן בעטן מיר יעדן לייענער, אויב ער וועט געפינען עפּעס אַן אומפּינקטלעכקייט, ער זאָל וועגן דעם מודיע זיין דעם אונטן געחתמעטן.

*

די דאָקומענטן פונם אידישן אונטערערד ווערן געבראַכט אינם בוך אין זייער פולן טעקסט, אָן ענדערונגען און קירצונגען (ווי געזאָגט, זיינען אַביסל געקירצט געוואָרן דער באַריכט וועגן גירוש אין הערבסט 1942, און אויך די באַריכטן פונם „בונד" — צוליב איבערחזרונגען). אַלע באַריכטן זיינען געשריבן געוואָרן אין וואַרשע אין דער פוילישער שפּראַך. די צוגאָבן און דערקלערונגען, וועלכע ווערן געבראַכט אין קלאַמערן אינם טעקסט אָדער אין דער פאָרם פון באַמערקונגען אונטערן שטריך, זיינען געשריבן דורך דעם אונטן געחתמעטן. נעבן די נעמען פון די מענטשן, וואָס לויט קאָמפּעטענטע ידיעות, וועלכע מיר פאַרמאָגן, לעבן זיי שוין נישט, ווערט צוגעגעבן דער צייכן (לפ"ג) — ליסטע פון געפאַלענע — ווען דער נאָמען ווערט דערמאָנט צום ערשטן מאָל אינם קאַפּיטל. פּרטים וועגן לעבן און טעטיקייט פון די געפאַלענע אין געטאָ, וואָס זייערע נעמען ווערן דערמאָנט אין די אין־בוך־פאַרעפנטלעכטע דאָקומענטן — אויף וויפל מיר האָבן זיי באַקומען — ווערן געבראַכט אין דער לויטן אלף־בית

[23] אפילו נאָכן לייענען אויפמערקזאַם דאָס מייסטע וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויף דעם געביט ביז הערבסט 1947.

צוזאַמענגעשטעלטער אָפּטיילונג „דעם אָנדענק די געפאַלענע אויף דער וואַך״ (זע אויך דעם אַריינפיר צו דער אָפּטיילונג, זייט 321 און ווייטער).

אַ באַזונדערן דאַנק דעם חבר זלמן ר ו ב אַ ש אָ ו פאַר זיין עצה און הילף ביים צונויפשטעלן דעם בוך.

מ. נ.

תל־אביב, טבת תש״ו — דעצעמבער 1945

צו דער צווייטער (העברעאישער) אויפלאַגע

די ערשטע אויפלאַגע (אין העברעאיש), וועלכע איז דערשינען אין פעברואַר 1946, איז אויספאַרקויפט געוואָרן אין פאַרלויף פון עטלעכע וואָכן. מיר האָבן אָפּגע־האַלטן די צווייטע אויפלאַגע, הגם מיר האָבן געהאַט צוגעגרייט מאַטעריאַל, ווייל מיר האָבן געוואָלט מערער אויפקלערן די איינצלהייטן, וועלכע זיינען אין דער ערשטער אויפלאַגע פאַרבליבן אומקלאָר אָדער נישט ווי געהעריק אויפגעקלערט. מיר האָבן זיך באַמיט צו באַקומען צוגאָב־ידיעות וועגן די געפאַלענע, און באַזונדערס וועגן יענע, וואָס טראָץ אַלע אונזערע אָנשטרענגונגען איז אונז פריער נישט געלונגען צו באַקומען די נויטיקע ידיעות וועגן זיי. אינדעראמתן איז אונז טאַקי געלונגען אין דער צווייטער אויפלאַגע אַריינצוגעבן אין אונזערע באַמערקונגען צו די דאָקומענטן און אין די אזכרה־רשימות וועגן די געפאַלענע אַסך וויכטיקע צוגאָב־פאַקטן, וועלכע וואַרפן מער ליכט אויף דער העראָישער טראַגעדיע פונם קאַמף פון וואַרשעווער געטאָ און פון זיינע קעמפער.

די פילע אויסבעסערונגען אין דער צווייטער (העברעאישער) אויפלאַגע אין די באַמערקונגען צו די דאָקומענטן און דער עיקר אין דער אָפּטיילונג פון די אזכרה־פאַרצייכנישן פאַר „די געפאַלענע אויף דער וואַך״ זיינען הויפּטזאַכלעך צ ו ג אָ ב ן פון איינצלהייטן און פאַקטן. נאָך אַ גענויער אונטערזוכונג און באַנייטער נאָכקאָנטראָ־לירונג פונם גאַנצן פאַרעפנטלעכטן מאַטעריאַל, טיילווייז צוזאַמען מיט עטלעכע פון די הויפּט־אָנפירער פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, האָבן מיר נישט געמוזט מאַכן קיין סך פאַקטישע אויבעסערונגען. עס איז אונז אויך געלונגען צו באַקומען פאָטאָ־גראַפיעס פון איבער צוואַנציק פונצווישן די געפאַלענע, וועלכע האָבן אונז געפעלט אין דער ערשטער אויפלאַגע. די צווייטע (העברעאישע) אויפלאַגע איז אינגאַנצן פונדאַסניי געזעצט געוואָרן. זי ברייטערט אויס און פאַרפולשטענדיקט אין אַ גרויסער מאָס דעם פאַקטישן הינטערגרונד און גיט מער מעגלעכקייט צו באַגרייפן דאָס, וואָס איז געשען אין יענע ביטערע טעג.

אַ געוויסע פאַרגיטיקונג פאַר דער גרויסער, אָנגעשטרענגטער און לאַנגדויערנ־דיקער אַרבעט, וועלכע איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין דעם בוך, איז פאַרן מחבר דער פאַקט, וואָס דאָס בוך האָט באַקומען די אַלגעמיינע אָנערקענונג פון כמעט אַלע קרייזן און אַ סך צייטונגען אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ. אַ באַזונדערע באַפרידיקונג איז פאַר אים אין דעם, וואָס די געציילטע מענטשן פון פוילן, וועלכע וויסן באמת וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, זייענדיק זעלבסט עדות דערפון, אָנערקענען, אַז ער האָט געטון אַלץ וואָס ער האָט געקענט, כדי איבערצוגעבן אַ ריכטיק און ווי־ווייט־מעגלעך פולשטענדיק בילד פון דער גרויסער און טראַגישער געשעעניש אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק און צו פאַראייביקן די נעמען פון די קעמפער פון וואַרשע־ווער געטאָ.

אַ גרעסערע צאָל צייטונגען און שרייבער האָבן זיך באַנוצט מיט די באַמערקונ־גען צו די דאָקומענטן און מיט די אזכרה־פאַרצייכנישן וועגן די געפאַלענע אין דער ערשטער אויפלאַגע פון דעם בוך (און נישט אַלע האָבן דערפילט דעם חוב פון דער־מאָנען דעם מקור), בשעת זיי איז אויסגעקומען צו שרייבן וועגן אָט דעם וויכטיקן קאַפּיטל פון אידישער גבורה — אויך דאָס איז געווען פאַרן מחבר אַ סימן צום גוטן.

מ. נ.

תל־אביב, סיון תש״ז — מאַי 1947.

בלייב שטיין!*

אָפּגעשלאָסענער געביט!

דער אַריינגאַנג אין פריערדיקן אידישן וואוין־קוואַרטאַל איז פולשטענדיק פאַרבאָטן.

יעדער וואָס וועט זיך געפינען אין פריערדיקן אידישן וואוין־קוואַרטאַל אָן אַ נייע, גילטיקע דורכגאַנגס־דערלויבניש — וועט דערשאָסן ווערן.

אַלע אַריינגאַנג־דערלויבנישן אין פריערדיקן אידישן וואוין־קוואַרטאַל, וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַרן 23־טן אַפּריל 1943, פאַרלירן זייער גילטיקייט.

וואַרשע, 23־טן אַפּריל 1943.

ס.ס.־און פּאָליציי־קאָמענדאַנט אין וואַרשעווער קרייז

(—) סטראָאָפּ

בריגאַדע־קאָמאַנדיר פון ס.ס. און פּאָליציי גענעראַל־מאַיאָר

---

* איבערזעצונג פון דער אויבן־פאָטאָגראַפירטער מעלדונג (אויף דייטש און פויליש), וועלכע איז אויסגעקלעפּט געוואָרן אויף די געטאָ־מויערן בשעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד.

ערשטער טייל

עדות־בלעטער

דער גירוש פון די ווארשעווער אידן

(יולי–סעפטעמבער 1942)

א. דער גירוש-באפעל

דעם 22־טן יולי 1942, אינדערפרי, האָט דער אויסזידלונגס־באַפולמעכטיקטער פון דער דייטשער רעגירונג, העפלע, איבערגעגעבן אויף דער זיצונג פונם אידן־ראַט פאָלגנדיקע אָנווייזונגען:

1) אַלע אידן, וועלכע וואוינען אין וואַרשע, אָן אונטערשיד פון עלטער און געשלעכט, וועלן אַריבערגעפירט ווערן אין די מזרח־געביטן.

2) פריי פון דער אויסזידלונג זיינען:

א) אידן, וועלכע אַרבעטן ביי רעגירונגס־אינסטיטוציעס אָדער אין דייטשע אונטערנעמונגען, און זיי קענען צושטעלן אַ געהעריקע צייגניש.

ב) אידן, מיטגלידער און מיטאַרבעטער פון אידן־ראַט, לויט די רשימות אינם טאָג, ווען דער איצטיקער באַפעל ווערט פאַרעפנטלעכט.

ג) אידן, וועלכע אַרבעטן אין אונטערנעמונגען, וואָס געהערן צום דייטשן רייך און זיי קענען צושטעלן געהעריקע צייגנישן.

ד) אַרבעטס־פעאיקע אידן, וועלכע זיינען ביז־איצט נישט איינגעשלאָסן געוואָרן אינם אַרבעטס־פראָצעס; אַזעלכע דאַרף מען איזאָלירן אינם אידישן קוואַרטאַל.

ה) אידן, וועלכע געהערן צום אידישן אָרדנונגס־דינסט (אידישע פּאָליציי).

ו) אידן, וועלכע געהערן צום פּערסאָנאַל פון די אידישע שפּיטאָלן אָדער פון די אידישע דעזינפעקציע־אָפּטיילונגען.

ז) אידן, וועלכע זיינען די נאָענטסטע פאַמיליע־אָנגעהעריקע פון די אויסגעצייכנטע אין די פּונקטן א׳ ביז ו׳. אַלס „פאַמיליע־אָנגעהעריקע״ רעכנען זיך אויסשליסלעך די פרויען און די קינדער.

ח) אידן, וועלכע וועלן זיך אינם ערשטן אויסזידלונגס־טאָג געפינען אין איינעם פון די אידישע שפּיטאָלן און מען קען זיי נישט רירן פון אָרט. דאָס נישט קענען זיי רירן פון שפּיטאָל מוז באַשטעטיקט ווערן דורך אַ דאָקטאָר, וועלכן עס וועט באַשטימען דער אידן־ראַט.

3) יעדער דעפּאָרטירטער איד מעג נעמען מיט זיך, אין וועג אַריין, 15 קילאָגראַם פון זיין באַזיץ. יעדער באַגאַזש, וואָס וועט וועגן מער פון 15 קילאָגראַם — וועט קאָנפיסקירט ווערן. ווערט־זאַכן, ווי געלט, צירונג, גאָלד א.אַ.וו. מעג מען מיטנעמען מיט זיך. מען דאַרף מיטנעמען עסן אויף דריי טעג.

4) די אויסזידלונג הויבט זיך אָן דעם 22־טן יולי 1942, עלף אַזייגער.

אויף דער צייט, אין וועלכער עס וועט פאָרקומען די אויסזידלונג, ווערן געגעבן דעם אידן־ראַט פאָלגענדיקע אָנווייזונגען, וואָס פאַר זייער גענויער אָפּהיטונג זיינען די מיטגלידער פון אידן־ראַט פאַראַנטוואָרטלעך מיט זייער לעבן:

1) דירעקטיוון אין שייכות מיט דער אויסזידלונג באַקומט דער אידן־ראַט אויסשליסלעך פונם אויסזידלונגס־באַפולמעכטיקטן אָדער פון זיין פאַרטרעטער. אויף דער צייט פון דער אויסזידלונג מעג דער אידן־ראַט אויסוויילן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פאַר די אויסזידלונגס־ענינים, וואָס איר פאָרזיצער דאַרף זיין דער פאָרזיצער פון אידן־ראַט און פאַרטרעטער פונם פאָרזיצער דאַרף זיין דער קאָמענדאַנט פונם אידישן אָרדנונגס־דינסט (די אידישע פּאָליציי).

2) דער אידן־ראַט איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן צושטעלן זיך פון די אידן, וועלכע ווערן טאָגטעגלעך באַשטימט צו דער אויפלאָדונג. פאַר דער אַדורכפירונג פון דערדאָזיקער אויפגאַבע באַנוצט זיך דער אידן־ראַט מיטן אָרדנונגס־דינסט — טויזנט פּערזאָן. דער אידן־ראַט זאָרגט דערפאַר, אַז אָנהויבנדיק פון 22־טן יולי 1942, שפּעטנסטנס ביז 4 אַזייגער נאָכמיטאָג, זאָלן יעדן טאָג געבראַכט ווערן צום קאָנצענטריר־פּונקט זעקס טויזנט אידן. אין פאַרלויף פון דער גאַנצער אויסזידלונגס־צייט וועט דינען אַלס קאָנצענטריר־פּונקט דער אידישער שפּיטאָל אויף סטאַווקי־גאַס[1]. דעם 22־טן יולי 1942 דאַרפן

[1] דאָס ווערט געמיינט דער אידישער שפּיטאָל פריער אויף טשיסטע, וועלכער איז בעת דער שאַפונג פון געטאָ געווען געצוואונגען אַריבערצוטראָגן זיך אויף סטאַווקי־גאַס נומער 6 און נומער 8. דעם טאָג, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גירוש זיינען אין שפּיטאָל געווען 761 קראַנקע. עס איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל אַרויסצופירן פון דאָרט די קראַנקע ביז אויפצומאָרגנס 4 נאָכמיטאָג. מיט שווערער מי און גרויס מסירות־נפש האָט מען אַריבערגעפירט די קראַנקע אין די הייזער אויף לעשנאָ 80, עלעקטאָראַלנע 12 און דזשיקע 3. אין אָנהויב סעפּטעמבער איז אָנגעקומען אַ באַפעל צוריקצופירן די קראַנקע אויף סטאַווקי־גאַס. דעם 12־טן סעפּטעמבער, דעם לעצטן גירוש־טאָג, זיינען אַלע קראַנקע (900) צוזאַמען מיט די 50 שפּיטאָל־אַרבעטער אויפגעלאָדן געוואָרן אין די אויסזידלונגס־וואַגאָנעס — און דער אידישער שפּיטאָל איז ליקווידירט געוואָרן.

געבראַכט ווערן צום קאָנצענטריר־פּונקט 6000 אידן דירעקט צום אויפלאָ־דונגס־פּלאַץ ביי דער „טראַנספּערשטעלע”. לעת־עתה מעג דער אידן־ראַט צונופנעמען די נויטיקע טעגלעכע קוואָטע פון אידן, וועלכע איז באַשטימט אויף טאָגטעגלעכער אַרויסשיקונג, פון דער אידישער באַפעלקערונג בכלל, אָבער מיט דער צייט וועט דער אידן־ראַט באַקומען גענויע אָנווייזונגען, אין וועלכע עס וועלן אָנגעצייכנט ווערן טיילן פון גאַסן אָדער הייזער־בלאָקן, וואָס מען וועט זיי דאַרפן אַפּליידיקן.

3) דעם 23־טן יולי 1942 דאַרף דער אידן־ראַט אַפּליידיקן דעם אידישן שפּיטאָל אויף סטאַווקי־גאַס. די קראַנקע ווי אויך דער אינוווענטאַר דאַרפן אַריבער־געפירט ווערן אין אַן אַנדערע אַנטשפּרעכנדע געביידע אינם געטאָ־געביט, אַזוי אַז פון אָוונט, דעם 23־טן יולי 1942 זאָל דער שפּיטאָל זיין גרייט אויפ־צונעמען די אידן, וועלכע וועלן אַהין צוגעשטעלט ווערן אויף אַרויסשיקונג.

4) ווייטער דאַרף דער אידן־ראַט זאָרגן דערפאַר, אַז די איבערגעבליבענע חפצים און פאַרמעגנס פון די אַרויסגעשיקטע אידן, אויב זיי זיינען נאָר נישט אָנגעשטעקט מיט עפּידעמישע קראַנקהייטן, דאַרפן צונויפגענומען און רע־גיסטרירט ווערן אין זאַמל־פּונקטן, וועלכע וועלן נאָך אָנגעצייכנט ווערן. צו דעם צוועק דאַרף דער אידן־ראַט זיך באַנוצן מיט דעם אידישן אָרדנונגס־דינסט (אידישע פּאָליציי) ווי אויך מיט דער נויטיקער צאָל אידישע אַרבעטס־קרעפטן. אויף אָט דער טעטיקייט וועט האָבן די אויפזיכט די (דייטשע) זיכערהייטס־פּאָליציי, וועלכע וועט נאָך וועגן דעם עניין געבן דעם אידן־ראַט ספּעציעלע אָנווייזונגען. דאָס אומגעזעצלעכע צונעמען פון די חפצים און פאַרמעגנס וועט באַשטראָפט ווערן מיטן טויט.

5) דער אידן־ראַט וועט אויך זאָרגן דערפאַר, אַז די אידן, וועלכע זיינען באַ־שעפטיקט אין דייטשע אונטערנעמונגען אָדער ביי די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען, זאָלן אין דער אויסזידלונג־צייט ווייטער טון זייער אַרבעט. מיטן צוועק צו רעאַליזירן דידאָזיקע פאַראָרדנונג גיט אַרויס דער אידן־ראַט אַנטשפּרעכנדיקע מעלדונגען צו דער אידישער באַפעלקערונג דראָענדיק מיט שאַרפע שטראָפן. גלייכצייטיק דאַרף דער אידן־ראַט זאָרגן דערפאַר, אַז עס זאָל אומאויפהער־לעך פונקציאָנירן אַזאַ צאָל אידישע באַשפּייזונגס־אונטערנעמונגען, וואָס זאָל פאַרזיכערן די באַשפּייזונג פון די אידן, וועלכע וועלן זיך שוין געפינען אין זאַמלפּונקט און אויך פון די איבעריקע אידן.

6) אויסערדעם איז דער אידן־ראַט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער באַלדיקער קבורה פון די אידן — אינם טאָג פון טויט — וועלכע וועלן שטאַרבן אין דער אויסזידלונגס־צייט.

7) דער אידן־ראַט וועט פונאַנדערפּלאַקאַטירן די פאָלגנדיקע מעלדונגען צו דער

אידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע: „לויטן באַפעל פון די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען וועלן אַריבערגעשיקט ווערן אין די מזרח־געביטן אַלע אידן... א.אַ.וו. פון פונקט 1 ביז פונקט 4". (פונם אויבן געבראַכטן גירוש־באַפעל א׳).

8) שטראָפן:

א) יעדער איד, וועלכער געהערט נישט צו די פּערזאָנען, אויסגערעכנטע אין פּאַראַגראַף 2 פונקטן א׳ און ג׳, און האָט אויך ביז איצט נישט געהאַט קיין רעכט דערצו, און ער וועט נאָכן מאָמענט, ווען עס הויבט זיך אָן די אַרויסשיקונג פאַרלאָזן דעם אידישן קוואַרטאַל, וועט דערשאָסן ווערן.

ב) יעדער איד, וועלכער וועט טון עפּעס, וואָס קען אויסמיידן אָדער שטערן די רעאַליזירונג פון די אויסזידלונגס־באַפעלן — וועט דערשאָסן ווערן.

ג) יעדער איד, וועלכער וועט מיטהעלפן אַ טעטיקייט, וואָס זי קען אויסמיידן אָדער שטערן די רעאַליזירונג פון די אויסזידלונגס־באַפעלן — וועט דערשאָסן ווערן.

ד) אַלע אידן, וואָס מען וועט געפינען אין וואַרשע נאָך דער פאַרענדיקונג פון דער אויסזידלונג און זיי געהערן נישט צו די פּערזאָנען אויסגערעכנטע אין פּאַראַגראַף 2 פונקטן א׳ ביז ח׳ — וועלן דערשאָסן ווערן.

דעם אידן־ראַט ווערט דערקלערט, אַז אויב ער וועט נישט אויספירן די אַלע באַפעלן און אָנווייזונגען הונדערט־פּראָצענטיק — וועט פון מאָל צו מאָל דערשאָסן ווערן אַ געהעריקע צאָל פון די דערוויילע־פאַרהאַלטענע ערובניקעס.

וואַרשע, 22־טן יולי 1942.

דיקטירט דורכן באַפולמעכטיקטן פאַר די אויסזידלונגס־ענינים.

ב. צוגאבן צום באפעל

א) אויף דער זיצונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דער צענטראַלער געביידע פון אידן־ראַט אין וואַרשע, דעם 22־טן יולי 1942, איז יעקב לייקין[2], וועלכער האָט זיך ביז איצט באַשעפטיקט מיט די אָנגעלעגנהייטן פון אָנפירן

[2] אינם באַריכט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע (זייט 147), ווען עס ווערט דער־ציילט וועגן זיין דערשיסונג דורך אליהו רוזשאַנסקי, איז על־פּי־טעות אָנגעגעבן געוואָרן זיין נאָמען אַלס מענדל לייקין. פאַקטיש איז דאָס געווען זיין פאָטערס נאָמען. יעקב לייקין, אַ געבוירענער אין וואַרשע, איז געווען דער זון פון מענדל לייקין, אַ באַזיצער פון אַ לעדער־געשעפט אין דער אידישער געגנט. יעקב — בעת די געטאָ־געשעענישן איז ער אַלט געווען אַ יאָר אַכט־און־דרייסיק — איז געווען אַן אַדוואָקאַט מיט אַ צווייפלהאַפטער רעפּוטאַציע. ער האָט בשעתו געהאַט געעפנט אַ בשותפותדיקע קאַנצעלאַריע מיט אַ אַדוואָקאַט פון די ענדעקעס (די אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי אין פּוילן). ביזן אָנהויב פונם פאַרניכטונגס־גירוש איז ער געווען איינער פון יוזעף שערינסקיס (זע זייט 83, באַמערקונג 4) דריי מיטהעלפער. ער האָט זיך באַקאַנט געמאַכט אַלס איינער פון די גרעסטע אויסוואורפן, און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ ספּעציעלער אכזריותדיקייט ביים אויספירן דעם ווילן פון די דייטשן.

די לייטונג פונם אידישן אָרדנונגס־דינסט, נאָמינירט געוואָרן דורכן באַ־ פולמעכטיקטן פאַר די אויסזידלונגס־ענינים אַלס לייטער פון אידישן אָרדנונגס־דינסט (אידישע פּאָליציי).

ב) אויף דער זיצונג, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 22־טן יולי 1942 אין דער צענטראַלער געביידע פון אידן־ראַט אין וואַרשע איז דורכן הער באַפול־ מעכטיקטן פאַר די איבערזידלונגס־ענינים אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל לויט וועלכן אַלע אינסטיטוציעס אין אידישן קוואַרטאַל, — ווי דער באַ־ שפּייזונגס־אַנשטאַלט, אידישע געזעלשאַפטלעכע זעלבסטהילף, די צושטע־ לונגס־געזעלשאַפט (פון לעבנסמיטל א.א.וו.), די קאָאָפּעראַטיווע באַנק, די געזונטהייטס־קאַמער, דער האַנטווערקער־פאַרבאַנד, די מיסט־אַרויספיר־ אונטערנעמונג פון סט. היימאַן און שותפים, — דידאַזיקע אַלע אינסטי־ טוציעס זיינען אונטער דער מאַכט פונם פאָרזיצער פון אידן־ראַט אין וואַרשע. די מיטאַרבעטער פון די דערמאַנטע אינסטיטוציעס וועלן באַהאַנדלט ווערן צוגלייך מיט די מיטאַרבעטער פון אידן־ראַט אין וואַרשע. דאָסזעלבע איז אויך גילטיק פאַר די פּערזאָנען, וועלכע זיינען באַשעפטיקט דורך דער קאָמיסאַרישער פאַרוואַלטונג פון די פאַרזיכערטע אומבאַוועגלעכע גיטער אין אידישן קוואַרטאַל אין וואַרשע[3].

ג. מעלדונגען פון דעם אידן־ראַט[4]

1) צוליב די נישט־ריכטיקע קלאַנגען, וועלכע ווערן פאַרשפּרייט אין אידישן קוואַרטאַל אין וואַרשע, איז דער אידן־ראַט אין וואַרשע באַאויפטראַגט צו מעלדן, אַז די איבערשיקונג פון דער באַפעלקערונג, וועלכע איז אומ־ פּראָדוקטיוו אין אידישן קוואַרטאַל אין וואַרשע, קומט פאַר באמת צו די מזרח־געביטן.

[3] ווי באַקאַנט האָבן די מיטאַרבעטער פון אַלע אידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אויסער דעם אידן־ראַט און דער אידישער אָרדנונגס־דינסט זיך אָפּגעזאָגט מיטצואַרבעטן אין וואָס פאַר אַ פאָרם עס זאָל נישט זיין אין די גירוש־ענינים און זיי האָבן מוותר געווען אויף די שוץ־רעכט געגן גירוש.

[4] נאָכן טויט פונם פאָרזיצער פון אידן־ראַט א. טשערניאַקאָוו (לפ״ג) און נאָך דער פאַרשטאַרקטער אויפקלערונג מצד די אידישע געזעלשאַפטלעכע כוחות איז געוואַקסן דער אומצוטרוי צווישן די מאַסן, וועלכע האָבן שוין נישט געגלויבט, אַז עס האַנדלט זיך טאַקי וועגן אַ געוויינלעכער אַריבערשיקונג. אויפן דריטן גירוש־טאָג זיינען דעריבער דערשינען אין דער געביידע פון אידן־ראַט ס.ס.־אָפיצערן און פאַרזיכערט מיט זייער אָפיצעריש ערנוואָרט, אַז די אַרויסגעשיקטע אידן וועט נישט געשען קיין שום בייז, ווייל מען פירט זיי באמת אין די מזרח־ געביטן. זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז אויף דעם סמך זאָל דער אידן־ראַט פאַרעפנטלעכן אַ באַרואיקונגס־ מעלדונג.

2) די איבערשיקונג דאַרף אַדורכגעפירט ווערן אין אָנגעוויזענעם טערמין לטובת דער באַפעלקערונג זעלבסט. דער אידן־ראַט אין וואַרשע פאָדערט אויף די פערזאָנען, אויף וועמען די אַרויסשיקונג איז חל, זיי זאָלן זיך נישט באַהאַלטן און נישט אַרויסדרייען זיך פון דער איבערשיקונג, ווייל דאָס וואָלט געמאַכט שווערער די דערפילונג פון דער אויפגאַבע.

3) לטובת דעם אמתן אינטערעס פון דער אַלגעמיינער אידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע איז געוואונטשן, אַז די איבערשיקונגס־געהעריקע פערזאָנען, וועלכע וואוינען אין די לויט־דער־ריי אָנגעצייכנטע הייזער, זאָלן, פון גוטן ווילן, צושטעלן זיך צום קאָנצענטריר־פונקט אויף סטאַווקי־גאַס נומער 6—8. לויט אַ באַקומענעם צוזאָג וועלן די משפחות פון די פרייוויליק־זיך־צושטעלנדיקע נישט פונאַנדערגעטיילט ווערן.

וואַרשע, 24־טן יולי 1942.

אידן־ראַט אין וואַרשע.

ד. אופרוף פונם לייטער פון אָרדנונגס-דינסט [5]

איך זאָג־אָן די איינוואוינער, אויף וועלכע עס איז חל די אויסזידלונג, וואָס איז פאַראָרדנט דורך דער מאַכט, אַז יעדע פערזאָן, וואָס וועט פרייוויליק זיך צושטעלן צו דער אַרויסשיקונג אין די טעג פון 29, 30 און 31־טן יולי ה.י., וועט באַזאָרגט ווערן מיט שפייז, ד.ה. 3 קילאָגראַם ברויט און 1 קילאָגראַם מאַרמעלאַד.

קאָנצענטריר־פונקט און שפייז־אַרויסגעבונג — סטאַווקי־פלאַץ ווינקל דזשיקע־גאַס.

וואַרשע, 29־טן יולי 1942.

לייטער פון אָרדנונגס־דינסט.

[5] דערדאָזיקער רוף איז באַנייט געוואָרן דעם ערשטן אויגוסט און פאַרלענגערט געוואָרן אויפן 2־טן, 3־טן און 4־טן אויגוסט. די דייטשן האָבן צו דעם צוועק באַשטימט 180 טויזנט קילאָגראַם ברויט און 36 טויזנט קילאָגראַם מאַרמעלאַד.

ה. די צאל געפאלענע אין ווארשעווער געטא אין די חדשים פון גירוש

ד א ט ע	ג ע ש ט א ר ב ן			דערשאָסן געוואָרן			באגאנגען זעלבסטמארד			ב ס ך ה כ ל		
	מענער	פרויען	ס"ה	מענער	פרויען	ס"ה	מענער	פרויען	ס"ה	מענער	פרויען	ס"ה
31–22 יולי 1942			1122			498						1620
10–1 אויגוסט	388	328	716	632	553	1185	11	15	26	1031	896	1927
20–11 אויגוסט	382	369	751	448	397	845	46	45	91	876	811	1687
31–21 אויגוסט	389	281	670	157	118	275	24	14	38	570	413	983
12–6 סעפטעמבער	182	157	339	1512	1136	2648	31	29	60	1725	1322	3047
			3.598			5.451			215			9.264

די מערסטע פון דער רובריק „דערשאָסן געוואָרן" זיינען, ווייזט אויס, געפאַלן בעת זיי האָבן געפרוווט מיט גוואַלט זיך אַנטקעגנצושטעלן דער אַרויסשיקונג. דאָס הייסט, אַז אויך אינם גרויסן גירוש האָבן אַסך געפרוווט שטעלן ווידערשטאַנד ביים פירן זיי צו דער פאַרניכטונג. די ציפערן באַווייזן, אַז מיט דער צייט איז זייער צאָל געוואַקסן. אין די טעג פון 22—31 יולי מאַכט אויס די צאָל דערשאָסענע 30,7% פון די, וועלכע זיינען אומגעקומען אין וואַרשע אין די גירוש־טעג; אין אויגוסט איז די צאָל געשטיגן ביז 51%, און אין די לעצטע זיבן גירוש־טעג, 6—12 סעפטעמבער איז זי דערגאַנגען ביז 86%.

ו. די צאָל אַרויסגעשיקטע

דער ערשטער גירוש, וועלכער האָט אַרומגענומען די גרעסטע מערהייט פון וואַרשעווער אידן און זיי אַריבערגעפירט אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן, — הויפּטזאַכלעך, ווייזט אויס, קיין טרעבלינקע, — האָט זיך אָנגעהויבן דעם 22־טן יולי 1942 און האָט געדויערט ביזן 12־טן סעפּטעמבער (ראש השנה תש״ג) מיט אַ הפסקה פון עטלעכע טעג.

מיטן צוועק אָפּצונאַרן די אידן און דערווייזן זיי, אַז מען פירט זיי באמת צו אַרבעט, פלעגן די דייטשן, אין די ערשטע טעג פון גירוש, דערמאָרדן אַ געוויסע צאָל אַלטע און שוואַכע אין וואַרשע. אין די ווייטערדיקע גירוש־טעג האָבן זיי שוין אויך אָט די מאַסקע נישט גענוצט.

דעם 12־טן סעפּטעמבער איז דער גירוש איבערגעריסן געוואָרן, אָבער דעם 21־טן סעפּטעמבער (יום כיפור תש״ג) האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט די הייזער, וואו עס האָבן געוואוינט די מיטגלידער פונם אידישן אָרדנונגס־דינסט — אויף די גאַסן אַסטראָווסקע און פּאַלינסקע — און האָבן אַרויסגענומען פון דאָרטן צו דער אַרויסשיקונג אַלע אידישע אָרדנונגס־פּאָליציאַנטן, וועלכע זיינען נישט אויפגענומען געוואָרן פונדאָסניי אין דער פּאָליציי, זיי און זייערע פאַמיליעס. — נאָך דער פאַרקלענערונג פון דער געטאָ־באַפעלקערונג, איז די צאָל אידישע פּאָליציאַנטן פאַרקלענערט געוואָרן פון טויזנט אויף 380. דאָס איז געווען דער אָפּדאַנק פון די דייטשן פאַר די אידישע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן פאַראַטן זייער פאָלק און מיטגעהאָלפן די דייטשן, גלויבנדיק די דייטשע צוזאָגן, אַז דערפאַר וועט מען זיי און זייערע פאַמיליעס נישט טון קיין שלעכטס.

די ווייטער געבראַכטע ציפערן שטאַמען פון דייטשע קוועלן, וועלכע זיינען אין אַלגעמיין געווען פאַראינטערעסירט אין זייער פאַרקלענערונג. מען קען דעריבער באַטראַכטן די דאָזיקע צאָלן אַלס מינימאַלע און ס׳איז אָנצונעמען, אַז די פאַקטישע צאָל אַרויסגעשיקטע איז געווען אַ גרעסערע [1].

דאַטע		אַרויסגעשיקטע	געשיקט אין „דולאַג" [2]	„אומפּעאיקע"	סך־הכל
יולי	22	6250	17	22	6289
	23	7300	490	25	7815
	24	7400	—	44	7444
	25	7350	130	50	7530
	26	6400	250	41	6691
	27	6220	130	74	6424
	28	5080	91	70	5241
	29	5480	225	17	5722
	30	6430	181	40	6651
	31	6796	98	—	6894
יולי ס״ה		64.706	1.612	383	66.701

[1] דער נאַצישער גענעראַל סטראָאָפּ שרייבט אין זיין באַריכט, אַז אין דער צייט צווישן 22־טן יולי און 3־טן אָקטאָבער 1942 האָט מען „אויסגעזידלט" פונם וואַרשעווער געטאָ 310322 אידן.

[2] דאָס וואָרט „דולאַג", וואָס ווערט געבראַכט אין אַ ספּעציעלער רובריק, מיינט: „דורכגאַנגס־לאַגער", און דאָס באַדייט, אַז ספּעציעל־פּעאיקע צו פיזישער אַרבעט זיינען, ווייזט אויס, געשיקט געוואָרן אויף צוואַנגס־אַרבעטן קיין דייטשלאַנד.

דאטע	ארויסגעשיקטע	געשיקט אין „דולאג"	„אומפעאיקע"	סך־הכל
אויגוסט 1	64.706 6220	1.612 45	383	66.701 6265
2	6278	49		6327
3	6458	99		6557
4	6588	140		6728
5	6623	160		6783
6	10085	1369		11454
7	10672	154		10826
8	7304	351		7655
9	6292	1920		8212
10	2148	1531		6379
11	7725	452		8177
12	4688	—		4688
13	4513	—		4513
14	5148	331		5479
15	3683	174		3857
16	4095	408		4503
17	4160	—		4160
18	3976	220		4196
19—24	20000	—		20000
25	3002	—		3002
26	3000	—		3000
27	2464	—		2464
28—31	הפסקה *			
אויגוסט ס"ה	135.122	7.403		142.525
סעפט. 2—1	הפסקה *			
3	4609	—		4609
4	1869	—		1869
5	הפסקה	—		—
6	3634	—		3634
7	6840	—		6840
8	13596	—		13596
9	6616	—		6616
10	5199			5199
11	5000			5000
12	4806	2100		6906
13—20	הפסקה			
21	2196	465		56.930 2661
סעפט. ס"ה	54.365	2.565		
ס"ה יולי—סעפט.	254.193	11.580		266.156

* די טעג פון דער הפסקה אין וואַרשע זיינען די טעג אין וועלכע די נאַצישע מערדער

ז. שילדערונג פונם מאסן־גירוש

(יולי—סעפּטעמבער 1942)

אין די נאָכמיטאָג־שעהן, דעם 22־טן יולי 1942, האָבן זיך אָנגעהויבן קלייבן מאַסן אידן אַרום די פּלאַקאַטן וועגן גירוש. דעם ערשטן טאָג איז די נויטיקע צאָל אידן, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן צום אַרויסשיקן, געבראַכט געוואָרן אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ". אין יענער גרופּע זיינען געווען די באַוואוינער פון די גוזעלשאַפטלעכע פּליטים־היימען און אויך די אידן, וועלכע זיינען געזעסן אין צענטראַלן אַרעסט אויף גענשע 24, מערסטנס אַדמיניסטראַטיוו־באַשטראָפטע.

דער פאַראַט פונם וואַרשעווער אידן־ראַט, וועלכער האָט מסכים געווען אַדורכצופירן די „אויסזידלונג", נישט־וויסנדיק אָדער מאַכנדיק זיך נישט־וויסנדיק וועגן אמתן מצב, וועט, צוזאַמען מיטן פאַראַט פון אידישן אָרדנונגס־דינסט — די געטאָ־פּאָליציי — פאַרבלייבן אן אייביקער פלעק אויפן נאָמען פון די אידישע מאַכט־אָרגאַנען אין געטאָ. שטעמפּלענדיק דעמדאָזיקן פאַקט, מוז מען אָבער אונטערשטרייכן, אַז די אידישע געטאָ־מאַכט, אַט דער פּראָדוקט פון די אָקופּאַציע־באַדינגונגען, האָט לחלוטין נישט אָפּגעשפּיגלט די שטימונגען פון דער אידישער באַפעלקערונג. די מיטגלידער פון אידן־ראַט און זייערע בייהעלפער, נאָמינירטע קאַריעריסטן, וועלכע האָבן באַקומען זייערע אַמטן פון די הענט פון דער אָקופּאַציע־מאַכט האָבן נישט געקענט זען דעם אמת אַזוי ווי ער איז. זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן באַוואוסטזיניק אָדער אונטער־באַוואוסטזיניק דער שיטה פונם „אומזידלונגס־אַמט" — „צעטייל און הערש" — און באַקומענדיק געוויסע קאָנצעסיעס פאַר עטלעכע קאַטעגאָריעס אַרבעטנדיקע און באַאַמטע האָבן זיי געגעבן זייער צושטימונג דורכצופירן די אַקציע פון דער אידן־פאַר־ניכטונג. מיט קלאָרן וויסן זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין די דייטשע הענט לכל הפחות 70 טויזנט אידן פון געטאָ[1].

דידאָזיקע דייטשע אַקציע איז געווען אַ פונפריער־אויסגערעכנטע ביז די סאַמע קלענסטע איינצלהייטן און זי האָט זיך באַזירט אויף וויסנשאַפטלעכע יסודות און אויף אַ גענויער און דורכדרינגלעכער פאַרשטענדניש פון מאָמענט־שטימונגען און פון דער פּסיכיק פונם דורכשניט־מענטש און זיין לעבנס־אינסטינקט. זיי האָבן באַנוצט כלערליי איבעראַשונגס־מעטאָדן, אומגעריכטע בליץ־אָנגריפן.

האָבן אויסגעפירט זייערע רציחות אין די וואַרשעווער פאַרשטעט (אָטוואָצקער ליניע) — אָטוואָצק, יוזעפאָוו, פאַלעניץ, מיעדזישין א.אַ. אין אָטוואָצק זיינען געווען אַ ריי קראַנקן־אַנשטאַלטן, דער יתומים־הויז פון „צענטאָס" (צענטראַלע פאַר יתומים־הילף); אין מיעדזעשין די באַקאַנטע מעדעם־סאַנאַטאָריע — אַלע זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן — די קראַנקע, די קינדער און די לערער.

[1] די דייטשן האָבן לכתחילה געגעבן אַ רמז דער אידישער געטאָ־מאַכט, אַז זיי גרייטן זיך אַרויסשיקן נאָר 70 טויזנט „אומפּראָדוקטיווע" אידן.

דער אָנטייל פון די דייטשן אין דער אַדורכפירונג פונם גירוש איז לכתחילה געווען אַ קנאַפּער. יעדנפאַלס האָבן זיי די ערשטע צייט געטון זייער אַרבעט אויף אַ פאַרבאָרגענעם אופן, וועלנדיק אויסמיידן שאַרפע רעאַגירונגען מצד די אידישע מאַסן. דעריבער האָבן זיי געגעבן די אידישע אָרגאַנען פרייע הענט ביים צונויפשטעלן די טאָגטעגלעכע „אַרויסשיקונגס״־קאָנטיגענטן. די ערשטע קרבנות זיינען געווען די באַוואוינער פון געזעלשאַפטלעכע פּליטים־היימען, פון אַרעסטן און תפיסות און פון די טויט־הייזער (הייזער, אין וועלכע די שטערבלעכקייט איז געווען זייער אַ גרויסע). אויף אַזאַ אופן האָט מען געוואָלט שאַפן דעם איינדרוק ביי דער אידישער באַפעלקערונג, אַז דער גירוש נעמט אַרום נאָר יענע סאָציאַלע עלעמענטן, וועלכע פאַלן צו לאַסט דער געזעלשאַפט. דער אידן־ראַט האָט געמיינט, אַז אַט די קרבנות וועלן באַרואיקן די דייטשן. דער דורכשניט־מענטש אין געטאָ האָט ביסלעכווייז צוריק באַקומען זיין גייסטיקן גלייכגעוויכט, גלויבנדיק, אַז עס וועלן אַרויסגעשיקט ווערן נאָר די „איבעריקע״. דעריבער איז די גאַנצע געטאָ־באַפעלקערונג, וועלכע האָט נאָך געהאַט צוטרוי צו די דייטשע הבטחות, באַהערשט געוואָרן פונם פּסיכאָז צו באַקומען באַשעפטיקונג אין די דייטשע „שאָפּן״.

דער דייטשער „שאָפּ״ — די „פאַבריק״ — וועלכער האָט מערסטנס געאַרבעט נישט מיט עלעקטרישער קראַפט נאָר אויסגענוצט האַנט־אַרבעט, איז געוואָרן די טיפסטע שטרעבונג פון אַלע געטאָ־איינוואוינער. דער ערשטער גירוש־פּעריאָד, פון 22־טן יולי ביז סוף חודש, איז געווען איין גרויסע מאַסן־לויפעניש צו באַקומען „אויסווייזן״, ד. ה. אַרבעטס־באַשטעטיקונגען פון אַלטע און נייע דייטשע פאַבריקן. אין די גאַסן פון געטאָ האָבן זיך באַוויזן מאַסן מענטשן מיט ניי־מאַשינען, וועלכע האָבן געאיילט אין די שניידעריי־שאָפּן. קיינער איז נישט איינגעזעסן אין דערהיים. יעדער איינער איז ערגעץ געלאָפן און אַרומגעלאָפן; מען האָט ממש באַלאַגערט די דייטשע „שאָפּן״. יעדערער האָט געטון אַלץ, וואָס ער האָט געמיינט, אַז דאָס וועט אים זיכערן רעכט צו לעבן. די ערשטע גירוש־טעג זיינען פאַרביי און מען האָט כמעט נישט געשפּירט וואָס עס קומט פאָר, כאָטש די באַשטימטע קאָנטיגענטן זיינען יעדן טאָג אויפגעזאַמלט און צוגעשטעלט געוואָרן. די אידישע געזעלשאַפט האָט נישט געזען דעם גרויליק־טיפן תהום, צו וועלכן זי האָט זיך דערנענטערט יעדן טאָג, יעדע שעה. דערדאָזיקער מצב פון צוטומלעניש, יאָגעניש און אַרומלויפעניש אַרום דער איינאָרדנונג פון די „לעבנס״־ענינים האָט זיך אויך נישט געענדערט דורך דער ידיעה וועגן זעלבסטמאָרד פונם פאָרזיצער פון אידן־ראַט, אינזש. א ד ם ט ש ע ר נ י אַ ק אָ ו ו (לפ״ג). טשערניאַקאָוו האָט דאָס געטון אין אַ מאָמענט פון אינערלעכן צוזאַמענבראָך, ווען ער האָט באַקומען פונם באַפולמעכטיקטן פאַר די אויסזידלונגס־ענינים אינסטרוקציעס צוצושטעלן נאָך קאָנטיגענטן פאַר דער אַרויסשיקונג, — 7 טויזנט, פרייטאָג דעם 24־טן יולי, און 10 טויזנט, שבת דעם 25־טן יולי.

די געציילטע מענטשן אין געטאָ, וועלכע האָבן זיך אינטערעסירט און געזאָרגט וועגן דער אַנטוויקלונג פון די געשעעניש, האָבן פאַראורטיילט זיין טאַט און געהאַלטן, אַז דאָס אַנטשפּרעכט נישט דער האַלטונג פונם פירער, אפילו ווען נאָר אַ פאָרמעלער פירער, פונם אידישן קוואַרטאַל. זיי האָבן געהאַלטן, אַז צוזעענדיק די אומפאַרמיידלעכע אַנטוויקלונג פון דערדאָזיקער טראַגעדיע איז געווען זיין אויפגאַבע אויפצופאָדערן די אידישע געזעלשאַפט צו אַן אַקטיוון אָדער פאַסיוון ווידערשטאַנד געגן דעם אָקופּאַנט. אַזאַ אָפּענער און מוטיקער רוף וואָלט אפשר אַרויסגעריסן די אידישע געזעלשאַפט פון איר לעטאַרגישן שלאָף. צום באַדויערן האָט אויך דער לעבנס־קרבן פונם קהלה־פירער נישט געבראַכט קיין רעזולטאַטן און זיין אָפּקלאַנג איז נישט דערהערט געוואָרן אינם גרויסן רעש און טומל פון די געשעענישן, וועלכע זיינען געקומען איינע נאָך דער אַנדערער מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט.

דער טויט פונם פאָרזיצער האָט צוגעאײַלט דאָס אַרויסנעמען די אָנפירונג מיט די אידישע ענינים פון די הענט פון אידן־ראַט, וועלכער איז געוואָרן אַ אינסטיטוציע אָן קיין שום קראַפט און אָן איינפלוס. די פאַקטישע מאַכט אין די אידישע ענינים איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דער אידישער פּאָליציי. דעם פּאָסטן פון פאָרזיצער פונם אידן־ראַט האָט איבערגענומען אינזש. ל י כ ט ע נ ב ו י ם[2] וועלכער איז נישט געווען דערוואָקסן צו דערדאָזיקער ראָל, באַזונדערס אין יענעם דראַמאַטישן מאָמענט פאַרן וואַרשעווער אידנטום.

דער אידן־ראַט — אָדער ריכטיקער, די דאַן שוין אומבאַגרענצט הערשנדע געטאָ־פּאָליציי (יידישער אָרדנונגס־דינסט) — האָט געצוואונגען די באַאַמטע פונם אידן־ראַט מיטצואַרבעטן ביי דער אַדורכפירונג פון דער „אויסזידלונג", ביים כאַפּן די קרבנות, דראָענדיק די ווידערשפּעניגע מיט ברענגען זיי צום „אומשלאַגפּלאַץ". דידאָזיקע ניי־באַשטימטע אָרדנער האָבן באַקומען ספּעציעלע נומערירטע ווייסע האַנט־בענדער, מיט אַן אויפשריפט: „יודענראַט אין וואַרשאו, אומזידלונגס־אַקציאָן" (אידן־ראַט אין וואַרשע, איבערשיקונגס־אַקציע). די אידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס האָבן סאַבאָטירט דעם באַפעל פון „אידן־ראַט" און האָבן אָנגעזאָגט זייערע באַאַמטע

---

[2] דאָ קומען אין אָריגינאַל־טעקסט עטלעכע שאַרפע זידל־אויסדרוקן. מאַרק ליכטענבוים האָט געהערט צו די אַסימילאַטאָרישע קרייזן אין וואַרשע. די נאַציס האָבן אים אַרעסטירט דעם 17־טן אַפּריל 1943, ערב דעם געטאָ־אויפשטאַנד. אין אַ טעלעגראַמע פון 11־טן מאַי 1943 איז איבערגעגעבן געוואָרן, אַז ער איז דערמאָרדעט געוואָרן צוזאַמען מיט אינזש. א. ש ט אָ ל צ מ אַ ן, אדוו. ג. ו ו י ע ל י ק אָ ו ו ס ק י און ס. ש ע ר ע ש ע ו ו ס ק י. דער ערשטער איז געווען אַ ציוניסט פון וולאָצלאַוועק, שפּעטער אַ טוער אין וואַרשעווער סוחרים־פאַריין, אַ מיטגליד פון „אידן־ראַט" אין געטאָ, אַ לייטער פונם באַזאָרגונגס־אַמט פון דער קהלה; דער צווייטער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער אַדוואָקאַט (דער פאָטער איז געווען אַ שניידער אויף נאַלעווקי), אַ מיטגליד פון „אידן־ראַט" און אנפירער פון דער אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער הילף; דער דריטער איז געווען אַ באַקאַנטער הייזון־פאַבריקאַנט. צוזאַמען מיט זיי זיינען דערמאָרדעט געוואָרן די לעצטע 16 אידישע פּאָליציאַנטן.

נישט אַנטיילצונעמען אין דער מיאוסער מלאכה. און נאָר יענע מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן באַקומען זייערע פּאָסטנס אין די אינסטיטוציעס אַדאַנק דער געסטאַפּאָ אָדער ס.ס. און יענע, וועלכע האָבן אין פאַרלויף פון די אָקופּאַציע־יאָרן פאַרלוירן יעדן אידעאָלאָגישן אָנלען — נאָר אַזעלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער תלינישער אַקציע.

די איבערבלייבן פון די אידישע געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען, וועלכע האָבן זיך נאָך געפונען אין וואַרשע נאָך די אומאויפהערלעכע רציחות און רדיפות במשך דער גאַנצער אָקופּאַציע־צייט, האָבן אָנגעהויבן באַראָטן זיך מכוח שטעלן אַ ווידער־שטאַנד דער אַרויסשיקונגס־אַקציע. אָבער אין דעם אַלגעמיינעם תוהו־ובוהו אין אידישן לעבן, אין דער צעטרייסלונג פון די לעבנס־יסודות אין געטאָ, איז זייער רוף צו פּאַסיוון ווידערשטאַנד געבליבן אַ קול־קורא־במדבר. דער „אומזידלונגס־אַמט״ — זיין הויפּט־קוואַרטיר איז געווען אויף זשעלאַזנע־גאַס 103 — האָט גאָר שנעל ליקווי־דירט די געזעלשאַפטלעכע אָפּאָזיציע. מיט אויסגעפּרוּווטע שווינדל־מעטאָדן האָט דער דאָזיקער אַמט באַלד אָנגעהויבן באַאַרבעטן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. מיט דער הילף פון ספּעציעלע אַגענטן האָט ער פאַרשפּרייט „זיכערע״ ידיעות, אַז עס וועלן אַרויסגעשיקט ווערן נאָר די אָרימסטע, די, וואָס אַרבעטן נישט, און דער גאַנצער גירוש וועט דויערן נישט מער ווי דריי טעג. די ידיעות־צושטעלער האָבן צוגעזאָגט מיט דער פולסטער זיכערקייט, אַז דעם 31־טן יולי וועט פאַרענדיקט ווערן די גאַנצע זאַך און אַז נאָכן אַרויסשיקן אַ פופציק־זעכציק־זיבעציק טויזנט אידן וועט נעמען אַ סוף צו דער גאַנצער אַקציע. אַ צווייטע גרופּע קלאַנגען־פאַרשפּרייטער האָט דער־ציילט וועגן די אַרויסשיקונגס־ערטער: עס האָבן זיך באַוויזן מיסטעריעזע בריוו געשרי־בענע דורך אַרויסגעשיקטע און אָנגעקומענע פון ביאַליסטאָקער, פּינסקער און בריסקער געגנטן. די בריוו זיינען מכלומרשט אָנגעקומען דורך פּאָליציאַנטן אָדער באַן־אַרבעטער און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זיינען דאָס געווען אַבסאָלוטע פעלשונגען אָדער געשריבענע דורך די אומגליקלעכע אין טרעבלינקע, אונטער דייטשן טעראָר־דרוק. די דייטשן האָבן אַפּעלירט צום מעכטיקן לעבנס־אינסטינקט. אידישע געהיים־אַגענטן האָבן „אויפגעקלערט״, אַז די אַרויסשיקונג באַדייט לחלוטין נישט — טויט, אדרבה, די אַרויסגעשיקטע אידן ווערן אַוועקגעפירט אין די ראַנד־געביטן, אויף יענער זייט בוג אָדער טיפער קיין רוסלאַנד, וואו זיי וועלן זיך איינאָרדנען, און אין וואַרשע וועלן פאַרבלייבן נאָר די נוצלעכע אידן, דאָס הייסט די באַשעפטיקטע אָדער וואָס וועלן זיין באַשעפטיקט אין „שאָפּן״ אָדער אין מיליטערישע לאַגערן.

די דערדריקטע און דערנידעריקטע אידישע מאַסע, וועלכע איז אויסגעפּייניקט געוואָרן במשך דריי בלוטיקע אָקופּאַציע־יאָרן, האָט זיך געלאָזט כאַפּן אויפן שטריקל. די איינצלנע שטימען פון מענטשן, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען די אמתדיקע כוונות פון די דייטשן און פאַראויסזעענדיק דעם ביטערן סוף פון די אַרויסגעשיקטע, האָבן זיי גערופן צו ווידערשטאַנד — דידאָזיקע שטימען האָבן נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג. די

שווידערלעכע ירידה, דאָס קנעכטישע לעבן, דער מינדערוועריקייט־קאָמפּלעקס, דאָס אַלץ האָט דערפירט צו טיפער פאַרשקלאַפונג אין דער נשמה פון די אידישע מאַסן; די פלוגבלעטער, וועלכע האָבן געשילדערט די כוונות פון די דייטשן, זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי פּראָוואָקאַציעס (זע זייט 140, באַמערקונג 23).

די אידישע צענטרען פון געדאַנק און פון טאַט זיינען פּאַראַליזירט געוואָרן. דער „שאָפּ״־פּסיכאָז האָט אַרומגעכאַפּט אַלעמען. אַלעמען האָט באַהערשט דער גלויבן, אַז אַ דאָקומענט פון אַ וואַרשטאַט קען אָפּראַטעווען פון גירוש. עס האָבן זיך געשאַפן נייע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען געווען אויסגערעכנט דערויף אַרויסצושלעפּן דעם לעצטן גראָשן פון די אומגליקלעכע מענטשן, וועלכע זיינען געווען גרייט צו צאָלן יעדן פּרייז אַבי איינצואָרדנען זיך און זייערע פאַמיליע־מיטגלידער אין וועלכן־נישט־איז וואַרשטאַט און באַקומען אין האַנט אַריין דעם רעטונגס־אויסווייז. די דייטשן האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז אָט דער מצב פון גייסטיקער צעטומלעניש זאָל אָנהאַלטן וואָס לענגער, כדי אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער געזעלשאַפט פון דער כסדרדיקער פאַרניכטונגס־אַקציע. דער „אומזידלונגס־אַמט״ האָט אַרויסגעגעבן דער געטאָ־פּאָליציי גענויע אינסטרוקציעס צו רעכענען זיך ערנסט מיט אַלע דאָקומענטן און אויך מיט די ציַיטווייליקע אויסווייזן. אין דעם ערשטן גירוש־פּעריאָד זיינען טאַקי אָט די אינסטרוקציעס שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן.

דער אויסזען פון די געטאָ־גאַסן פלעגט זיך ענדערן לויט דעם טעמפּאָ פון דער גירוש־אַקציע. אין דער ערשטער צייט פלעגן די גאַסן ממש אויסגעליידיקט ווערן אין די שעהן פון 8 אינדערפרי ביז 6 אינאָוונט, — דאָס זיינען געווען די אַקציע־שעהן; דערפאַר אָבער זיינען אין די שעהן ביז 8 אינדערפרי און נאָך 6 אינאָוונט די גאַסן איבערפולט געוואָרן ביז דער מאַקסימאַלסטער ענגשאַפט. אויך די טעכניק פון כאַפּן די קרבנות איז נישט געווען די גאַנצע צייט דיזעלבע. אין דער ערשטער צייט האָבן נאָר אָפּטיילונגען פון דער געטאָ־פּאָליציי באַלאַגערט הייזער־בלאָקן און אויך גאַנצע גאַסן־פּערטלען. אַ גרופּע פון 15 ביז 25 געטאָ־פּאָליציאַנטן, אונטער דער אָנפירונג פון אירן אַ פּאָליציי־אָפיצער, האָט אַרומגענומען אַ הויז. דער טויער און אַלע דורכגאַנגען זיינען אָפּגעשלאָסן געוואָרן. דערנאָך האָט מען אַרויסגערופן אַלע איינוואוינער, אָן אונטערשיד פון עלטער און געשלעכט, זיי זאָלן אַראָפּגיין אונטן אויף אַ דאָקומענטן־קאָנטראָל. גרופּעס געטאָ־פּאָליציאַנטן זיינען דאַן אַדורכגעגאַנגען אין אַלע וואוינונגען און פעסטגעשטעלט צי אַלע איינוואוינער האָבן אויסגעפירט דעם באַפעל. דער אָנפירער — מערסטנס אַ פּאָליציי־אָפיצער — האָט קאָנטראָלירט די אויסווייזן און באַפרייט אַלע, וואָס זייערע דאָקומענטן זיינען געווען גילטיק. די איבעריקע האָט ער אָפּגעשיקט צו די פּאָליציי־וואָגנס, וועלכע האָבן געוואַרט ביים טויער, און זיי זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן צום „אומשלאַגפּלאַץ״.

אין פאַרלויף פון דער אויסזידלונגס־אַקציע האָט די אָנפירונג פון דער אידישער

פּאָליציי רעקווירירט פאַר אירע באַדערפענישן אַלע לאָקאָמאָציע־מיטלען פון דער אומגעגנט.

ווי געזאָגט האָבן די דייטשן אין דער ערשטער צייט זיך נישט באַטייליקט אינם כאַפּן אידן צו אַרויסשיקונג. זיי האָבן נאָר געהיים געדראָט מיט אַריינמישונג, אויב דער באַפעל וועט נישט אויסגעפירט ווערן אָדער דער קאָנטיגענט וועט נישט דערפילט ווערן. דייטשע פּאָליציי־אויטאָס זיינען אַרומגעפלויגן מיט אַ משוגענער שנעלקייט אין די ליידיקע געטאָ־גאַסן און געשאָסן אין די פענסטער, אין די טויערן אָדער אין צופעליקע דורכגייער. אין געוויסע פאַלן האָט דער „אומזידלונגס־אַמט" זיך יאָ אַריינגעמישט: דעם 23־טן יולי, למשל, האָבן די דייטשן אַרויסגעטריבן אַלע איינוואוינער פונם הויז מוראַנאָווסקע 44, צוליבן „פאַרברעך", וואָס אַ שויב־שפּליטער פון אַ פענסטער אין יענעם הויז איז אַראָפּגעפאַלן אויף אַ פאַרבייגייענדיקער גרופּע זשאַנדאַרמען. מיט עטלעכע טעג שפּעטער זיינען פאַר אַן ענלעכער עבירה אַרויסגעטריבן געוואָרן אַלע אידן פונם הויז זשעלאַזנע 80. די דייטשן האָבן דאַן אויך געדראָט מיט באָמבאַרדירן דעם גאַנצן געטאָ.

די פרייזן אויף שפּייז־אַרטיקלען זיינען געשטיגן מיט אַ ווילדער שנעלקייט. די קראָמען זיינען געווען פאַרמאַכט. דער גאַנצער האַנדל האָט זיך געפירט אין די גאַסן, אין די דערמאָנטע פּרימאָרגן־שעהן און אָוונט־שעהן. די פרייזן זיינען געווען אומגעפער: 1 קילאָגראַם ברויט — 45 זלאָטי; 1 קילאָגראַם קאַרטאָפל — 15 זלאָטי; 1 קלג. פּוטער — 180 זלאָטי. דער הונגער און דערביי דאָס נישט האָבן קיין מעגלעכקייט צו פאַרקויפן חפצים און צירונג האָבן אָנטשיידן באַווירקט דעם גורל פון די אידן אין געטאָ, באַזונדערס אין חודש אויגוסט 1942.

פאַר די לייט פונם אָרדנונגס־דינסט — די געטאָ־פּאָליציי, וועלכע האָט אַדורכגעפירט דעם גירוש כמעט ביזן סוף, האָט דאָס געדינט אַלס מקור פאַר באַרייכערונג דורך אויספּרעסונגען און עס האָט זיי געגעבן געלעגנהייטן פאַר פּייניקונגען, הפקר־טאַטן און אכזריותן. דידאָזיקע אייגנשאַפטן האָבן זיך נאָך אַנטוויקלט און געשטאַרקט אין די וויטערדיקע עטאַפּן פון דער פאַרניכטונגס־אַקציע און אַרויסגעוויזן זיך אין פאָרמען פון פּראָסט־פּשוטע רויבעריי און גענגסטעריי.

דער אַקציע־אָנפירער איז געווען יעקב לייקין [3], אַן אַדוואָקאַט, און זיינע מיט־העלפער: דער לייטער פונם אידישן אָרדנונגס־דינסט שערינסקי [4], וועלכער האָט פריער

[3] זע זייט 72, באַמ. 2 — דער גירוש־באַפעל.

[4] ווי מען גיט איבער איז ער געווען אַ משומד (פאַרן שמדן זיך איז זיין נאָמען געווען שענקמאַן), אַן אָפיצער אין דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי. נאָך פאַר דער מלחמה האָט ער געדינט די לייט פון דער לעצטער פּוילישער רעגירונג און זיך באַטייליקט אין שאַפן די אוקראַינישע אָרגאַניזאַציע „הראָמאַדאַ", וועלכע האָט מיטגעאַרבעט מיט דער פּוילישער רעגירונג און באַקעמפט דעם נאַציאָנאַלן־אוקראַינישן לאַגער. אין אָנהויב 1942, זייענדיק אַ קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־פּאָליציי, איז ער אַרעסטירט געוואָרן ביי אַ פּרווו אַדורכצושמוגלען

געדינט אין דער פּוילישער פּאָליציי, און איז ביים אָנהויב פון דער גירוש־אַקציע באַפרייט געוואָרן פון תפיסה, וואו ער איז אָפּגעזעסן אַ שטראָף פאַר שווינדלעריי; שמערלינג — אַ געוועזענער האָטעל־באַזיצער, אַ סאַדיסט, אַ ווילדע חיה בצורת מענטש; ראָדע, אַ געוועזענער אונטער־אָפיצער אין פראַנצויזישן פרעמדן־לעגיאָן, — אָט די פאַרשוינען האָבן טעראָריזירט די אידישע באַפעלקערונג און אויך יענע געטאָ־פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט אָנטיילנעמען אין דער גירוש־אַקציע.

די דעמאָראַליזאַציע און פאַרדאָרבנקייט, — וואָס זייער מקור איז געווען אין דער „דערציאונג" פון דער דייטשער אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט דער געטאָ־פּאָליציי, — האָבן זיך שטאַרק געלאָזט דערקענען אינם לעבן פון די אידישע מאַסן אין וואַרשעווער געטאָ און אויך אין די פּראָווינץ־שטעט אינם גאַנצן געביט פון דעם גענעראַל־גוווערנעמענט. די דייטשע מאַכט האָט געזאָרגט פאַר אַ ריכטיקן „אויסוואַל" פון מענטשן־מאַטעריאַל פאַר דער אידישער פּאָליציי. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס דידאָזיקע לייט האָבן געטריי געדינט די דייטשע מערדער אויך בעת דער גירוש־אַקציע. צווישן די ברייטע אידישע מאַסן און די געטאָ־פּאָליציאַנטן איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ דיקע מויער. די גאַנצע באַפעלקערונג פון אידישן קוואַרטאַל האָט זיך באַצויגן מיט טיפן האַס צו די דייטשע משרתים. כדי אינגאַנצן אונטערצוקויפן די פּאָליציאַנטן האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַלע זייערע נאָענטע און אפילו ווייטע קרובים באַפרייאונגס־דאָקומענטן מיט אַ סטעמפּל: „אונטערליגט ניכט דער אומזידלונג" (געהערט נישט צו אַרויסשיקונג). דערדאָזיקער צוזאָג איז, ווי אַלע אַנדערע דייטשע צוזאָגן, פאַרשטייט זיך, נישט אָפּגעהיט געוואָרן. אינם אַנט־שפּרעכנדיקן מאָמענט — אין דער לעצטער גירוש־תקופה — זיינען הונדערטער אידישע פּאָליציאַנטן מיט זייערע פרויען און קינדער אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

די צום אַרויסשיקן־באַשטימטע אידן האָט מען צוגעשטעלט אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ". דער קאָנצענטריר־פּונקט, וואוהין מען האָט אַריבערגעפירט אַלע אַרויסגע־שיקטע, איידער מען האָט זיי אַריינגעזעצט אין די וואַגאָנעס, איז געווען דער אידישער שפּיטאָל טשיסטע אויף סטאַווקי־גאַס, ביי דער „טראַנספערשטעלע". דאָרטן, אויפן אויפלאָדונגס־פּלאַץ איז געווען אַ זייטנצווייג פון דער באַן־ליניע און פונדאָרטן זיינען אַוועקגעגאַנגען די וואַגאָנעס אָנגעלאָדן מיט אידישע גירוש־קרבנות.

יעדן טאָג איז אָפּגעגאַנגען אַ טראַנספּאָרט פון 5 ביז 6 טויזנט אַרויסגעשיקטע אידן דורכשניטלעך. אין די נאָכמיטאָג־שעהן, פון 4 ביז 5, האָט מען אויפגעלאָדן די וואַ־גאָנעס. פון דער שפּיטאָל־געביידע זיינען די אידן געטריבן געוואָרן מיט אכזריותדיקע

אַ טראַנספּאָרט פּוטערווערק, אָבער ער איז באַפרייט געוואָרן פאַרן גירוש אין יולי 1942, כדי צו טון די נידערטרעכטיקע אַרבעט זיינע אין וואַרשעווער געטאָ, און ער האָט געטריי מיטגעהאָלפן די נאַציס. וועגן אָטענטאַט אויף אים און שמערלינג זע זייט 141, באַמערקונג 25.

קלעפּ פון ביקסן־קאָלבעס און שטעקנס צום אויפלאָדונגס־פּלאַץ. די שלעגער זיינען געווען אוקראַינער. דער אויפלאָדונגס־פּלאַץ איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: דער ערשטער טייל איז געווען פאַרבונדן פון איין זייט מיט די ביוראָען פונם „אומשלאַג־פּלאַץ" און פון דער צווייטער זייט איז געווען אַ טויער צום צווייטן טייל, וואו עס האָט זיך געפונען דער באַן־צווייג. אויפן ערשטן פּלאַץ איז פאָרגעקומען די „סעלעקציע" פון די געבראַכטע צום אַרויסשיקן. דער שטראָם מענטשן, מוטערס מיט זויג־קינדער אויף די הענט, מענער מיט שווער געפּעק אויף די פּלייצעס, מענטשן פון פאַרשידענע סאָציאַלע שיכטן, — אַלע זיינען זיי אַדורכגעגאַנגען צווישן צוויי רייען ס.ס.־לייט, וועלכע זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטן שטראָם. אַ טייל פון די פיזיש־אַרבעטספעאיקע מענער איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין „דולאַג" (דורכגאַנגסלאַגער) און פונדאָרטן זיינען זיי פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אין פאַרשידענע אַרבעטס־לאַגערן. באַזיצער פון גילטיקע באַפרייאונגס־אויסווייזן זיינען באַפרייט געוואָרן נאָך שאַרפע פאָדערונגען מצד די „שאָפּ"־לייטערס. אַלע איבעריקע — מינדעסטנס 90% — זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן צו די לאַסט־וואַגאָנעס, וועלכע זיינען געשטאַנען גרייט אויפן זייטיקן באַן־צווייג. אין די ערשטע אַקציע־טעג האָבן די דייטשן אַרויסגענומען פונצווישן די געבראַכטע די אומפעאיקע צו אַרבעט און זיי דערמאָרדעט אויפן אידישן בית־עולם. דידאָזיקע מאָרדונג האָט געהאַט דעם מיין צו פאַרשטאַרקן ביי די אידן דעם איינדרוק, אַז די איבעריקע — די אַרבעטספעאיקע — וועט מען טאָקי אַריבערשיקן אין אַנדערע ערטער.

אין יעדן וואַגאָן האָט מען דורכשניטלעך אויפגעלאָדן הונדערט מענטשן. די פול־געשטאָפּטע וואַגאָנעס זיינען אָפּגעשלאָסן געוואָרן פונדרויסן. דער וועג פון די אָפּגייענדיקע באַנען איז געווען — צום פאַרניכטונגס־ציל אין טרע־בלינקע.

דער צווייטער פּעריאָד אין דער גירוש־אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן מיטוואָך, דעם 29־טן יולי, מיט אַ קאָמבינירטער באַלאַגערונג פון הייזער־בלאָקן אויף די גאַסן נאַלעווקי און גענשע. דידאָזיקע באַלאַגערונג איז אָנגעפירט געוואָרן דורך ס.ס.־לייט און זי איז געווען באַגלייט מיט שיסערייען און אויך מיט באַלדיקע טויט־קרבנות. יענעם טאָג זיינען ליקווידירט געוואָרן אַסך קליינע וואַרשטאַטן און פאַב־ריקלעך. אַלע זייערע אַרבעטער, אויך די מייסטערס, זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין דער מחנה אידן, באַוואַכטע דורך דער געטאָ־פּאָליציי. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נאָכקאָנטראָלירן די געזעצלעכקייט פון די אַרבעטס־דאָקומענטן. עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די גילטיקייט פון אַלע דאָקומענטן, וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם „שטאָטישן אויפזיכט־קאָמיטעט", דורך געוויסע אָפּטיילונגען פונם אידן־ראַט, דורך דער דערציאונגס־אָפּטיילונג, און אויך דורך אַ גאַנצע ריי פאַבריקן. מען האָט באַשטימט אַלס פּרינציפּ, אַז די האַנטווערקער־וואַרשטאַטן זיינען איבעריק און ווערטלאָז פאַר

דער דייטשער פּראָדוקציע. באַלד נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפּעניש אין די „זיכערע״ אונטערנעמונגען, ווי: טעבענס, שולץ, „א.ע.ג.״ א.אַ.וו.

דעם 29־טן יולי האָבן זיך באַוויזן אויף די מויערן פּלאַקאַטן, אין וועלכע עס איז צוגעזאָגט געוואָרן יעדן איד, וועלכער וועט זיך פרייוויליק מעלדן צו דער „אַריבער־פירונג״ — דריי קילאָגראַם ברויט און איין קילאָגראַם מאַרמעלאַד (זע זייט 74, אויפרוף פונם לייטער פון אָרדנונגס־דינסט).

נאָך דער ליקווידירונג פון די אַרבעטס־ערטער איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן געוואָרן אַ קאַטאַסטראָפאַלע. און די האָפענונג צו באַקומען דריי קילאָגראַם ברויט און אַ קילאָגראַם מאַרמעלאַד אויף אַ פּערזאָן, האָט באַוואויגן אַסך מענטשן אַליין צו קומען אויפן „אומשלאַגפּלאַץ״. ווי געזאָגט, האָבן אויך מיטגעווירקט די „אויטענטישע״ בריוו, וואָס זיינען אנגעקומען כלומרשט פון די אַרויסגעשיקטע, און אויך די באַרואיקנדיקע מעלדונגען פון 24־טן יולי[5]. ווען מיר וועלן געדענקען, אַז אַ טייל פון יעדער פאַמיליע איז שוין געווען אין די אַרויסשיקונגס־ערטער, און נישט־ווייסנדיק די אמתדיקע לאַגע, האָבן די איבעריקע פאַמיליע־מיטגלידער געהאָפט צו טרעפן זיך דאָרטן מיט זייערע נאָענטע, — וועלן מיר קענען פאַרשטיין די פאַר אונז אויסטערלישע דערשיינונג, וואָס הונדערטער, און דערנאָך טויזנטער אידן זיינען אַליין געקומען צו די קאָנצענטריר־פּונקטן סיי איינציקווייז און סיי אין גרופּעס, צופוס אין אויף וועגענער און מיט ריקשעס, יעדערער מיט זיין פּעקל אין האַנט אָדער אויף דער פּלייצע. גאַנץ אָפט האָט מען געקענט זען גרופּעס קינדער — אַכט־און צען־און צוועלף־יעריקע — וועלכע זיינען געגאַנגען צום „אומשלאַגפּלאַץ״ כדי אַריבערצופאָרן צו זייערע עלטערן...

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צווייטער גירוש־תקופה איז געווען די באַלאַגערונג פון הייזער און גאַסן, וועלכע איז אַדורכגעפירט געוואָרן דורך מיטגלידער פון „איינזאַץ ריינהאַרד״, וואָס איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „פערניכטונגס־קאָמאַנדאָ״. פאַקטיש האָבן זיי אָנגעפירט די גאַנצע אויסזידלונגס־אַקציע פון די אידן אין וואַרשע און אין לובלין. דער פאַרלויף פון דער אַקציע אין דער צווייטער תקופה איז געווען אַ גאַנץ־אַנדערער ווי אין דער ערשטער. במשך פון טאָג זיינען פאָרגעקומען צוויי „אַקציעס״: איינע פאַרמיטאָג און די אַנדערע נאָכמיטאָג. די גרופּע, וועלכע האָט אַדורכגעפירט די אַקציע איז באַשטאַנען פון 10—12 ס.ס.־לייט אין אויטאָס אָדער אויף ריקשעס, 50 ביז 100 אוקראַאינער, ליטווינער און לעטן און אויך אַ 250—300 געטאָ־פּאָליציאַנטן, פוס־גייער און ראַדפאָרער. וועגן אַקציע־פּלאַן האָט מען אָנגעזאָגט אין לעצטן מאָמענט. דער אָנגעצייכנטער טייל פון גאַס איז פולשטענדיק אָפּגעשלאָסן

[5] דאָס מיינט מען די מעלדונג, וועלכע עס האָט פאַרעפנטלעכט דער אידן־ראַט נאָך דער ערן־פאַרזיכערונג פון די ס.ס.־אָפיצערן, אַז די אַרויסגעשיקטע אידן וועט נישט געשען קיין שום בייז. זע זייט 73 פריער: „מעלדונג פון דעם אידן־ראַט״ און באַמערקונג 4 דאָרט.

געוואָרן, און מען איז באַלד צוגעטרעטן צום אויסליידיקן די הייזער. די בלאָקאַדע איז אַדורכגעפירט געוואָרן אין אַ בליץ־שנעלן שטורם־אָנגריף. אַלע דורכגאַנגען זיינען הערמעטיש פאַרמאַכט געוואָרן. די דייטשן און די יונאַקעס — אוקראַינער, ליטווינער — באַוואָפנטע מיט ביקסן, מאַשינגעווער און רעוואָלווערן זיינען אַרומגעלאָפן איבער די טרעפ־אַריינגאַנגען און מיט געשרייען און געטומל באַפוילן אַלעמען אַראָפּצוגיין אונטן: „אַלע יודען ראוס, אַלע יודען רונטער!", קראַנקע און זיך־אויסבאַהאַלטנדע זיינען דערשאָסן געוואָרן גלייך אויפן אָרט. אונטן, אין גאַס האָט מען אַלעמען צונויפ־געשלעפּט אין איין גרופּע, וואָס איר צאָל איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט, און ווען זי האָט דערגרייכט 2—3 טויזנט האָט מען זי אונטער אַ שטאַרקער באַוואַכונג אָפּגעפירט אויפן „אומשלאַגפלאַץ". פון מאָל צו מאָל האָט מען די מענטשן אַפריער אַריינגעפירט אין דער שפּיטאָל־געביידע, אָבער מערסטנס האָט מען זיי אַוועקגעפירט דירעקט צו די וואַגאָנעס. ביי די אַקציעס איז בכלל נישט פאָרגעקומען, אַז מען זאָל עמיצן באַפרייען אויפן סמך פון אַן אַרבעטס־צייגניש, „אויסווייז" אָדער „מעלדע־קאַרטע" פון עפּעס אַ פאַבריק אָדער וואַרשטאַט. דאָקומענטן מיטן סטעמפּל פון גענעראַל־גוווערנעמענט זיינען צעריסן געוואָרן ווי פּאַפּירלעך אָן קיין שום ווערט. אַלס אַרבעטנדיקע זיינען אָנערקענט געוואָרן נאָר יענע אידן, וועלכע זיינען פאַקטיש געווען באַשעפטיקט בשעת־מעשה און האָבן זיך כסדר געפונען אין די געביטן פון די דייטשע „שאָפּן".

אַ גאַנצן טאָג, פאַרמיטאָג און נאָכמיטאָג, האָט מען געקענט זען מחנות אַרויסגע־שיקטע, מיט פּעקלעך און אָן פּעקלעך, וועלכע זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון די דירות, אפילו נישט ווי געהעריק אָנגעטוענע, — זיי אַלע זיינען געגאַנגען אונטער דער גירוש־וואַך אינם טראַגישן מאַרש צום „אומשלאַגפלאַץ". די וואַך־באַגלייטער, סאָלדאַטן און ס.ס.־לייט האָבן געשאָסן אָן אויפהער, אַמאָל — אין דער לופט, כדי אָפּצו־שרעקן, און אָפּט — אין די, וועלכע האָבן געפּרוּווט זיך ראַטעווען און אַנטלויפן. עס זיינען געגאַנגען גרויסע מאַסן געשלאָגענע און דערשלאָגענע אידן, מיט שגעון־צייכנס אין זייערע אויגן, זיי זיינען געגאַנגען פאַרצווייפלטע און פאַרטעמפּטע, מיט זיי זיינען געגאַנגען גרויסע גרופּעס קינדער אַרויסגעטריבענע פון זייערע קינדער־היימען און קינדער־גערטנער צוזאַמען מיט זייערע דערציערס און פאַרוואַלטערס. — ווער וועט נקמה נעמען פאַר זייער אַלעמענס בלוט?

צווישן 10־טן און 16־טן אויגוסט זיינען אויסגעקלעפּט געוואָרן פיר פּלאַקאַטן, איינער נאָכן אַנדערן, וועגן ענדערונגען אין די געטאָ־גרעניצן. דער אידישער געטאָ איז אַריינגעפאַלן אין דער פאַנג־שטייג פון די א י נ ע ר ל ע כ ע איבערזידלונגען. דאָס האָט ווידער דערמעגלעכט די דייטשן צו דערגרייכן זייער ציל: א) אָפּצוווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די געטאָ־איינוואוינער פון דער כסדר פאָרגעקומענער פאַר־ניכטונגס־אַקציע, ב) צווינגען די אידן איבערצולאָזן אין זייערע וואוינונגען זייער גאַנצן האָב און גוטס. אַסך פון די, וועלכע האָבן געוואָלט ראַטעווען דאָס פאַרמעגן זיינען

געכאַפּט געוואָרן צום „אומשלאַג". דעריבער האָבן אַסך אידן מפקיר געווען אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און זיי זיינען פאַרבליבן צוזאַמען מיט זייערע משפחות אין די פאַבריק־געביטן.

די אַרבעטער אין די דייטשע אונטערנעמונגען האָבן באַקומען אין זייער רשות הייזער־בלאָקן. די גאַסן פונם געטאָ, וועלכער האָט זיך כסדר איינגעשרומפּט און פאַרקלענערט זיינען פול געוואָרן מיט פאַרקאַנעס און מיט שטעכדראָט־פאַרצוימונגען. אָבער אויך די הייזער־בלאָקן פון די אַרבעטער זיינען געווען אומסטאַביל, אויך אין זיי איז מען נישט געווען געזיכערט געגן באַלאַגערונגען. קיינער איז נישט געווען זיכער מיטן דאַך איבערן קאָפּ.

בשעת די אַקציעס אָפּצורייניקן די הייזער־בלאָקן פון אומלעגאַלע עלעמענטן האָבן זיך ווידער איבערגעחזרט די פאַלן פון מאַסן־רויב און מאָרד. די אָפּרייניקונגס־אַקציע אויף נאָוואָליפּיע־גאַס, צווישן סמאָטשע און קאַרמעליצקע, וועלכע איז פאָרגע־קומען דעם ערשטן אויגוסט האָט געבראַכט אַ רעזולטאַט פון 2000 אַרויסגעשיקטע און צענדליקער געהרגעטע.

שטופּנוויז האָט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין די מוחות פון דער געטאָ־באַ־פעלקערונג די איבערצייגונג, אַז די דייטשן פאַרשיקן די אַרויסגעטריבענע קיין טרעבלינקע און ברענגען זיי דאָרט אום אין שרעקלעכע פייניקונגען. פון צייט צו צייט פלעגט זיך שטילערהייט פונאַנדערטראָגן אַ קלאַנג וועגן די שוידערלעכקייטן אין טרעבלינקע. צענדליקער מענטשן, וועלכע זיינען מיט נסים אַנטלאָפן פון דעם ריזן־שעכט־הויז האָבן דערציילט זייערע „איבערלעבונגען". ביי אַזאַ אַטמאָספער פון כסדרדיקער אומזיכערקייט, פון אָפּטע ענדערונגען אין די וואוינערטער און פון פיזישן און פסיכישן טעראָר האָבן די דייטשן אויפגעהערט זיין פאַראינטערעסירט אין פאַר־באָרגן דעם אמתן באַדייט פון זייער אַקציע פאַר די איבעריקע וואַרשעווער אידן. זיי האָבן נאָר געוואָלט, אַז מען זאָל זיך נישט דערוויסן וועגן דעם אין אויסלאַנד — און אויך דאָס איז זיי געלונגען.

דער „אומשלאַגפּלאַץ" איז געוואָרן אַ סינאָנים פון טויט. עס האָבן שוין אויפ־געהערט צו מעלדן זיך פרייוויליקע צו אַרויסשיקונג. די געטאָ־באַפעלקערונג האָט זיך אָנגעהויבן באַהאַלטן אין קעלערס, אין פאַרלאָזטע הייזער, אין חורבות און אין כלערליי אַנדערע באַהעלטנישן.

אינמיטן אויגוסט איז בטל געוואָרן די גילטיקייט פון די פאַבריק־דאָקומענטן און אָנשטאָט זיי זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן רעגיסטריר־קאַרטן, געשטעמפּלט דורך דעם „זיכערהייטס־דינסט". תחילה האָבן די דייטשן אָנערקענט דידאָזיקע נייע אַרבעטס־דאָקומענטן און אזוי אַרום האָבן זיי ווידער פאַרשפּרייט דעם גלויבן, אַז דער נייער דאָקומענט איז אַ שוץ געגן אַרויסשיקונג. מענטשן האָבן ווידער גענומען לויפן און יאָגן זיך נאָך „מעלדע־קאַרטן" מיטן סטעמפּל פון ס.ס., און אַ טייל פון זיי האָט אויך

פאַרמאָגט אַ צוגאָב־סטעמפּל: „אונטערליגט ניכט דער אומזידלונג". די געשיכטע פון אָט דעם אַזוי דראַמאַטישן פּעריאָד פאַר די געטאָ־איינוואוינער איז רייך מיט זייער טראַגי־קאָמישע סצענעס פון דער יאָגעניש נאָך די ישועה־ברענגענדע „מעלדע־קאַרטן". די דייטשן איז ווידער געלונגען צו שאַפן אַן איינדרוק פון אונטערשידן צווישן גרופּעס בעסערע אַרבעטער און ערגערע אַרבעטער. דער ליגן וועגן די נייע געסטעמ־פּלטע דאָקומענטן איז געוואָקסן און אויפגעבלאָזן געוואָרן אין אַזאַ מאָס, אַז עס האָבן ווידער אָנגעהויבן אָנקומען צום „אומשלאַגפּלאַץ" נייע מענטשן־מחנות, וועלכע האָבן געהאָט צוטרוי צו די רייד פון די דייטשע אָפיצערן.

די צווייטע גירוש־תקופה איז אייגנטלעך געווען איינגעטיילט אין דריי עטאַפּן. דער ערשטער עטאַפּ: באַלאַגערונג אויף הייזער און גאַסן ביי דער באַטייליקונג פון דייטשן, יונאַקעס און אידישע פּאָליציאַנטן; דאַמאָלסט זיינען אויך ליקווידירט געוואָרן געוויסע אַרבעטס־פּלעצער, ווי וואַלדעמאַר שמידט, קאַרל היינץ מילער, אַסטראַ־ווערקע, ט. טעפּיצין אונד מ. פאַן שעניאַווסקאַ, און אַלע זייערע אַרבעטער זיינען אָוועקגעשיקט געוואָרן צום „אומשלאַגפּלאַץ". דער צווייטער עטאַפּ, — אין חודש אויגוסט, — איז געווען געווידמעט אינערלעכע אַריבערפירונגען אינם געטאָ. דער דריטער עטאַפּ: די ליקווידירונג פון קליינעם געטאָ. אַלע אידן, — אויסער די אַרבעטער אין די פאַבריקן וו. צ. טעבענס און ווילהעלם דערינג, — וועלכע האָבן געוואוינט אין אידישן קוואַרטאַל, דרומדיקער פון כלאָדנע גאַס, זיינען געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן זייערע דירות אין פאַרלויף פון 24 שעה. די דייטשן איז דאָן געלונגען מיט איין קלאַפּ צו באַקומען דעם גאַנצן פאַרמעגן פון צענדליקער טויזנטער אַרויסגעשיקטע, וואָס האָט באַטראָפן צענדליקער מיליאָנען זלאָטעס. די אָנגעלעגנהייטן פון אידישן אייגנטום האָבן זיך געפונען אין די הענט פון אַ ספּעציעלן אַמט „ס.ס.־ווערט־ערפאַסונג",[6] וועלכער האָט געאַרבעט אומאויפהערלעך ביז העלפט נאָוועמבער 1942. אויסערדעם האָבן די דייטשן דאַמאָלסט אויך באַלאַגערט די פריער־באַשטימטע וואוין־הייזער און אַלע איינוואוינער אָוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע. אין דעם דריטן עטאַפּ איז, אויסער די פריערדיקע גירוש־אַקציעס, אויך פאָרגעקומען אַ באַלאַגערונג אויף די „שאָפּן".

דידאַזיקע באַלאַגערונג האָט פאַרלאָשן דעם לעצטן פונק פון האָפנונג.

אינצווישן איז דערשינען אַן אינערלעכער צירקולאַר פונם אַרבעטס־אַמט, אין וועלכן עס זיינען באַצייכנט געוואָרן מיט ספּעציעלע ציפערן יענע אידישע אַרבעטער, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר „שאָפּן" און פאַר דייטשע אַרבעטס־פּלעצער אויף דער אַרישער זייט. דער צירקולאַר האָט אַרומגענומען 30 טויזנט מענטשן, ווייל לויט אַ מעלדונג פון 16־טן אויגוסט זיינען די פאַמיליע־מיטגלידער פונם אַרבעטער אָנער־קענט געוואָרן אַלס נישט־אַרבעטנדיקע.

[6] אין אַ שפּעטערדיקער צייט האָבן די געטאָ־קעמפער אונטערגעצונדן די לאַגערן פון דעם אַמט, כדי אידיש פאַרמעגן זאָל נישט אָנקומען אין דייטשע הענט.

דער דייטשער אַנפאַל אויף די „שאָפּן" איז געקומען פלוצלינג. זיי האָבן אַרויס־גענומען אַלע אַרבעטער אויפן פאַבריק־הויף און אויסגעשטעלט זיי אין דרייפאַכע רייען. מיט ווילדע געשרייען, שיסערייען און אוממענטשלעכע קלעפּ איז פאָרגעקומען דער אויסוואַל פון די גליקלעכע, וועלכע טויגן צו פיזישער אַרבעט און זיינען באַפרייט פון גירוש. אין די רייען האָבן זיך געפונען אַסך אַזעלכע, וועלכע זיינען שוין איינמאָל און צוויי מאָל און אפילו פינף מאָל געכאַפּט געוואָרן צום „אומשלאַגפּלאַץ" און האָבן זיך געראַטעוועט דורך אַנטלויפן אָדער דורך אַרויסשפּרינגען פון די וואַגאָנעס אין סאַמע שנעלסטן גאַנג. די דייטשן האָבן זיך שוין מער נישט גערעכנט מיט די פאַבריק־באַדערפנישן; עס זיינען געוועזן פאַלן, ווען זיי האָבן אַרויסגענומען פון די „שאָפּן" די נויטיקסטע אַרבעטער און די וויכטיקסטע פאַכלייט. נאָר אין געציילטע פאַלן האָט געהאָלפן די אַריינמישונג פון די דייטשע פאַבריק־לייטונגען. אין אַלגעמיין זיינען אויך די פאַבריק־אַרבעטער גענומען געוואָרן אין די וואַגאָנען אויפן וועג קיין טרעבּלינקע — גלייך צום טויט.

במשך דעם חודש אויגוסט זיינען ליקווידירט געוואָרן אַלע קינדער־הייזער, טאָג־היימען, קינדער־גערטנער, אויפהאַלט־און יתומים־הייזער. מיט דער גאַנצער אכזריות און פעדאַנטישקייט האָבן די דייטשן פאַרטיליקט די אידישע קינדער — די צוקונפט פון פאָלק. כמעט אין יעדן טראַנספּאָרט, וואָס איז אָפּגעשיקט געוואָרן צום אַריבערפירונגס־פּלאַץ איז געווען אַ גרעסערע אָדער קלענערע גרופּע קינדער פון פאַרשידענע אַנ־שטאַלטן. זיי האָבן מאַרשירט מיט אָפּגעגאָלטע קעפּלעך, זייער קליידונג איז באַשטאַנען פון העמדלעך, קורצע הייזלעך אָדער קליידלעך, און הילצערנע סאַנדאַלן אויף די באָרוויסע פיס. אַלע קינדער האָבן נישט געהאַט מיט זיך קיין שום פּעקלעך, אָפּט אפילו נישט גענוג שפּייז, — אַלע זיינען זיי געווען פאַראורטיילט אַרויסגעשיקט צו ווערן צום, פאַר זיי צוגעגרייטן, טויט.

אין פאַרלויף פון אָט דער גאַנצער צווייטער תקופה האָבן די דייטשן נישט דערלאָזט צו קיין מינוט פון אָפּרו און נאָכדענקען. די קלעפּ זיינען געפאַלן איינער נאָכן אַנדערן. ביים סוף איז די מורא פון די אידן פאַר די דייטשן געווען גרעסער ווי זייער מורא פאַרן טויט גופא.

די „אומשלאַגפּלאַץ"־אַקציע איז ראַדיקאַל געענדערט געוואָרן. עס זיינען פאַר־שוואונדן אַלע סימנים פון קאַמופלאַזש און אָנשטעל. אויסער איינצלנע אויסנאַמען זיינען אַלע אויפגעלאָדן געוואָרן אין די וואַגאָנעס.

סוף אויגוסט האָט עס אויסגעזען, ווי די אַקציע וואָלט געהאַלטן ביים פאַר־ענדיקט ווערן. דער אידישער שפּיטאָל האָט באַקומען אַ באַפעל אומצוקערן זיך אויף סטאַווקי־גאַס. דערמיט האָבן די דייטשן ווידער אָפּגענאַרט די אידן. זיי האָבן „איבער־צייגט", אַז דאָס אומקערן דעם שפּיטאָל אויף סטאַווקי־גאַס איז אַ באַווייז פאַר דעם שלוס פון דער אַקציע. די „רעגיסטראַציע"־טעג, צווישן 6־טן און 16־טן (12־טן)

סעפטעמבער, ווען צוזאַמען מיט אַנדערע טויזנטער קרבנות האָט מען אויפגעלאָדן אין די אַרויסשיקונגס־וואַגאָנעס אַלע טויזנט קראַנקע פונם שפּיטאָל, צוזאַמען מיטן גאַנצן מעדיצינישן און טעכנישן פּערסאָנאַל, — דאָס האָט שוין דערוויזן ווי אילוזאָריש עס איז געווען די האָפנונג אויף דער פאַרענדיקונג פונם גירוש.

אין דעם באַריכט קען מען נישט פאַרבייגייען מיט שוויגן אויף די טעטיקייט פון דער אידישער פּאָליציי און פון דעם הילפס־דינסט, מיטן נאָמען: אידישע ערשטע הילף. די אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן באַלד ביים אָנהויב פון דער אַקציע, האָבן זיך נאָכמער פאַרטיפט און אַנטוויקלט אינם פאַרלויף פונם גירוש. די שטענדיקע עסקים מיט דער דייטשער פּאָליציי און מיט דער „בלויער פּאָליציי" (די פּוילישע פּאָליציי), דער שותפותדיקער רויב ביי די אידישע מאַסן, דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ מצב, אַז די אידישע באַפעלקערונג האָט זיך דערווייטערט און אָפּגעשיידט פון די געטאָ־פּאָליציאַנטן ווי פון אַבסאָלוט פרעמדע מענטשן, מיט וועלכע ס'איז נישטאָ קיין שום שייכות. אָבער אין די רייען פונם אָרדנונגס־דינסט זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס די גרוילן פון דער גירוש־אַקציע האָבן זיי אויפגעטרייסלט און זיי האָבן נישט געוואָלט מיטמאַכן די געמיינע תליינישע אַרבעט. געוויסע פונצווישן זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַסך העלדישקייט אָפּראַטעווענדיק צענדליקער פרויען און מענער פונם „אומשלאַג־פּלאַץ". די מסירות־נפש פון דידאָזיקע מענטשן האָט זיך דאָס רוב געענדיקט מיט זייער טויט פון אַ דייטשער קויל. אַזאַ איז געווען דער גורל פונם פּאָליציאַנט ק אָ פּ ל אַ נ ס ק י (לפ"ג), למשל, און פון נאָך אַנדערע. אייניקע פון זיי האָבן ווייטער אויסגעפירט זייער „דינסט" אָבער נאָר אַלס הילפס־כוחות.

אין דער צווייטער העלפט אויגוסט האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן די ערשטע צייכנס פון אידישער געגן־אַקציע. אַלס תשובה אויף דער שחיטה זיינען פאָרגעקומען אַ גאַנצע ריי — בערך 100 — אונטערצינדונגען פון דייטשע סחורה־לאַגערן און זאַמל־ערטער אין געטאָ און אַן אָנפאַל — אַ נישט־געלונגענער, אויפן שטאַב פונם „אומזידלונגס־אַמט" אויף זשעלאַזנע גאַס 103. עס איז אויך פאָרגעקומען דער אַטענטאַט אויף ש ע ר י נ ס ק י ן, וועלכער איז תחילת נישט געלונגען אָבער צום צווייטן מאָל איז ער געלונגען [7]. אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילע אָבער ענערגישע פּראָפּאַ־גאַנדע־אַרבעט אויפצוקלערן דעם אמתן באַדייט פונם גירוש. עס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די מאַסן פלוגבלעטער, וועלכע האָבן געשילדערט די וואַרשעווער געשעענישן און דעם פאַרניכטונגס־לאַגער אין טרעבלינקע. און די אידן זיינען אויפגע־פאָדערט געוואָרן צו אַקטיווע טאַטן. די אַנשטרענגונגען פון די געזעלשאַפטלעכע גרופּעס האָבן זיך אָנגעשטויסן אין שוועריקייטן און די גרעסטע און וויכטיקסטע פון זיי איז געווען דאָס נישט האָבן קיין מעגלעכקייט פון באַוועגונג און פאַרבינדונג. עס

[7] וועגן שערינסקי זע זייט 83, באַמ. 4 און זייט 141, באַמ. 25 ; וועגן נישט געלונגענעם אָנפאַל אויף דעם „אומזידלונגס־אַמט" זע זייט 141, באַמ. 24.

איז געווען שווער איבערצוגיין פון הויז צו הויז, און שוין־אָפּגערעדט פון איין גאַס אין דער אַנדערער. ביי אַזעלכע אומשטענדן און אין אַזאַ אַטמאָספער איז נישט גרינג צו פירן אַן אונטערערדישע טעטיקייט.

דאָנערשטאָג און פרייטאָג, — דעם 3־טן און 4־טן סעפטעמבער, — זיינען אין וואַרשעווער געטאָ־געביט פאָרגעקומען פאַרשטאַרקטע באַלאַגערונגען אויף „שאָפּן”; ס.ס.־לייט אין דער באַגלייטונג פון יונאַקעס (אוקראַינער, ליטווינער) האָבן פון מאָל צו מאָל אַוועקגעפירט צום „אומשלאַגפּלאַץ” עטלעכע הונדערט פאַבריק־אַרבעטער. די קרבנות זיינען אויסגעווילט געוואָרן סתם ווי עס האָט זיך פאַרגלוסט די אויסוויילער. אויסער די „שאָפּן” האָט נאָך געפלעמלט אַ אידיש לעבן אין די קעלערן און אין די היילן פון געטאָ. נאָך דעמדאָזיקן „אויסוואַל” איז די צאָל אידן אין די „שאָפּן” פאַרקלענערט געוואָרן אויף נאָך 25—30 פּראָצענט.

אויך שבת דעם 5־טן סעפטעמבער — זיינען פאָרגעקומען פאַרשטאַרקטע באַלאַגערונגען אויף די „שאָפּן”. אין יענעם טאָג האָבן באַזונדערס געליטן די אַרבעטס־פלעצער פון די אונטערנעמונגען ב. האַלמאַן און וואַלטער צעזאַר טעבענס.

שבת־צו־נאַכט, צוויי אַזייגער, האָט די קאָמאַנדאַנטור פונם אָרדנונגס־דינסט באַקומען אַ באַפעל פון „אומזידלונגס־אַמט”, — וועלכער האָט זיך גערופן „פערניכטונגס־קאָמאַנדאָ” — צו זיין גרייט צו אַן אַקציע 6 אינדערפרי. גלייכצייטיק איז דער קאָמאַנדאַנטור איבערגעגעבן געוואָרן דער אינהאַלט פון דער מעלדונג, וועלכע האָט געדאַרפט פאַרעפנטלעכט ווערן אינדערפרי און אויסגעקלעפּט ווערן אויף די געטאָ־מויערן אין דייטש און אין פויליש [8].

אַנטשפּרעכנדיק דעם דאָזיקן באַפעל זיינען די סערזשאַנטן פון דער אידישער פּאָליציי אויסגעשטעלט געוואָרן אויף נייע וואַך־פּאָסטנס אינמיטן פון די אין־דער־מעלדונג־אויסגערעכנטע גאַסן. מען האָט אַרומגעצוימט מיט שטריק דעם נייעם איינגעשרומפּענעם און פאַרקלענערטן געטאָ־געביט, אין וועלכן עס האָט געדאַרפט פאַרקומען דער לעצטער אַקט פון דער גרויסער טראַגעדיע פון וואַרשעווער אידנטום, וואָס איר נאָמען איז געווען „אויסזידלונג”.

[8] דאָס רעדט זיך וועגן באַפעל, לויט וועלכן אַלע אידן אָן אויסנאַם האָבן געדאַרפט זונטאָג דעם 6־טן סעפטעמבער 1942 ביז 10 פאָרמיטאָג צונויפזאַמלען זיך אין עטלעכע גאַסן צו רעגיסטראַציע־צוועקן. אידן איז דעריבער דערלויבט געוואָרן אַרויסצוגיין אין גאַס יענעם שבת־צו־נאַכט פון 5־טן אויפן 6־טן סעפטעמבער און אָנגרייטן שפייז אויף צוויי טעג און כלים אויף טרינקען. עס איז זיי פאַרבאָטן געוואָרן צו שליסן די הייזער, און — ווער עס וועט נישט פאָלגן, וועט דערשאָסן ווערן. פונם טעקסט פון באַריכט זעט מען, אַז די מעלדונג האָט געדאַרפט פאַרעפנטלעכט ווערן זונטאָג, דעם 6־טן סעפטעמבער אינדערפרי. עס לאָזט זיך דעריבער נישט דערקלערן ווי אַזוי האָט זי אַנטהאַלטן אַן אָנווייזונג וועגן דערלויבן די אידן אַרויסצוגיין שבת־צו־נאַכט; אין דער מעלדונג גופא איז אָנגעגעבן דער טערמין פון 5־טן סעפטעמבער. ווי עס גיבן אונז איבער געראַטעוועטע, זיינען די מעלדונגען פאַרעפנטלעכט געווען שבת־צונאַכט אין די שפּעטע שעהן, און די געטאָ־פּאָליציאַנטן האָבן אַלאַרמירט די אידישע באַפעלקערונג.

היות ביז 10 אַזייגער האָבן אַלע, אָן אויסנאַם, שוין געדאַרפט געפינען זיך אין געטאָ־געביט לויט די נייע גרעניצן, זיינען אַלע גאַסן, וועלכע פירן צום געטאָ גיך פול געוואָרן מיט מענער, פרויען און קינדער. די איבערגעבליבענע וואַרשעווער אידן זיינען איבעראַשט געוואָרן דורך דער נייער מעלדונג און גאָר גיך האָבן זיי ווידער געצאָלט מיט בלוט. מענטשן האָבן מיטגענומען מיט זיך די נויטיקסטע זאַכן און צירונגס־שטיק, אַנדערע האָבן אויך געטראָגן פעקלעך אויף די פּלייצעס, האַנט־זעק; געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געפירט האַנט־וועגעלעך מיט פול־אָנגעשטאָפּטע וואַליזעס. מען האָט דאָך געוואוסט, אַז אַלץ וואָס עס בלייבט איבער אין די אָפן־געלאָזטע וואוינונגען וועט צערויבט און צוגנבעט ווערן. אמת, דאָסמאָל איז געווען אַסך קלענער די צאָל אידן, וועלכע האָבן מיטגענומען זייערע זאַכן אויף די נייע ערטער, ווייל פון דער ביטערער דערפאַרונג מיט אַ פּאָר וואָכן פריער האָבן זיי שוין געוואוסט, אַז מען דאַרף זיך דערמיט נישט באַשעפטיקן. מענטשן זיינען געגאַנגען איינצלווייז און אין גרופּעס, און אויף די פּנימער ביי אַלעמען איז געלעגן די גרויסע זאָרג און פּחד פאַר דער נייער „רעגיסטראַציע״, וואָס קיין גוטס האָט מען זיך נישט געקענט ריכטן פון איר.

פאַר אַזייגער 10 אינדערפרי האָבן דורך די גאַסן אויפן וועג צום נייעם געטאָ מאַרשירט גרויסע גרופּעס אידן פון די „שאָפּ״־אַרבעטער, וועלכע האָבן געוואוינט צוזאַמען אין די הייזער־בלאָקן. עס זיינען דאַן צוגעקומען די שאָפּן: שולץ עט קאָמפּ, ק ג. שולץ, קורט הערליך, אָקסאָקאָ, שיללינג, טעבענס פון לעשנאָ גאַס, — דער טעבענס־„שאָפּ״ פון פּראָסטע־גאַס האָט שוין נישט עקזיסטירט, ווייל דאָרטן איז שוין פאַרגעקומען די „רעגיסטראַציע״ שבת, — האלמאַן, האפּמאַן, אָקסמאַן, הערמאַן ברויער, די „שאָפּן״ פון דער „הערעס־אונטערקונפט־פאַרוואַלטונג״, די „ווערק״ 1, 2, 3, די בערשטערס, די פּאַפּיר־אַרבעטער, די אונטערנעמונגען יודעקס, פעליקס, דערינג און אויך די מיטאַרבעטער פון „יודען־ראַט״. צענדליקער טויזנטער אידן זיינען אַריינגע־קוועטשט געוואָרן אין אַ קליינער צאָל גאַסן פונם נייעם געטאָ און דאָרט אָפּגעוואַרט זייער גורל. די גאַסן מילע, פלאַץ־פּאַריסאָווסקי, לובעצקי זיינען ביז דער לעצטער שפּאַרע ממש איבערפולט געוואָרן מיט מענער, פרויען און קינדער.

אַ זייגער 10 זיינען נעבן די אידישע וואַך־פּאָסטנס דערשינען דייטשן צוזאַמען מיט אוקראַינער און לעטן צו באַוואַכן די נייע געטאָ־גרעניצן — דעם פאַרברייטערטן אויפלאָדונגס־פּלאַץ. פון יענער זייט גרעניצן האָט זיך באַלד געלאָזט הערן אַ שיסעריי, דאָס האָבן די דייטשן אויסגעפירט זייער צוזאָג צו שיסן אין יעדערן, ווער עס האָט נישט באַוויזן אָנצוקומען צו דער צייט אין נייעם געטאָ. אַ זייגער 11 האָבן ס.ס.־לייט אָנגעהויבן אַדורכצופירן די „רעגיסטראַציע״, וועלכע האָט געדויערט אַ גאַנצע וואָך, פון זונטאָג, דעם 6־טן סעפּטעמבער, ביז שבת דעם 12־טן סעפּטעמבער [9]. די „רעגיסטראַציע״

[9] די צוואַנגס־קאָנצענטרירונג פון די אידן אין יענער וואָך, אין די פריער־דערמאָנטע גאַסן, האָבן די וואַרשעווער אידן אַ נאָמען געגעבן: „דער קעסל״. דערפאַר ווערט דערדאָזיקער אויס־

איז אויסן געווען אַ „דורכקעמונג“, — אַ צוגאָב־אויסוואַל פון קרבנות קיין טרעבלינקע צווישן די באַשעפטיקטע אין די „שאָפּן“ און אויך צווישן די נישט־באַשעפטיקטע. אין פאַרלויף פון יענער וואָך האָבן די דייטשן אַוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע 50 טויזנט אידן, מענער, פרויען און קינדער. לויט די אין יענער צייט אָנגעקומענע ידיעות פון טרעבלינקע האָט דאַמאָלסט דער פאַרניכטונגס־אַפּאַראַט געאַרבעט גאַנצע מעת־לעתן אָן אויפהער, ווייל פון וואַרשע זיינען כסדר אָנגעקומען מאַסן־טראַנספּאָרטן.

די „רעגיסטראַציע“ איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן: צו די פאַרזאַמלטע אידן פון אַ באַשטימטן „שאָפּ“ פלעגט קומען אַן ס.ס.־אָפיצער אין באַגלייטונג פון אוקראַאינער און אַ דייטשן קאָמיסאַר אָדער אַ „שאָפּ“־אייגנטימער און ער האָט אָנגעהויבן „אויס־ ווײלן“. די באַשטימטע צום אַרויסשיקן קיין טרעבלינקע האָט ער באַפוילן צו שטעלן זיך אויף דער רעכטער זייט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער געהייסן איבעררייסן די „אויסוויילונג“ און די איבערגעבליבענע האָט ער באַפוילן אָנצושליסן זיך אין דער גרופּע, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן צום אַוועקשיקן. ביי איין „שאָפּ“ האָט מען באַפוילן אַלע רעגיסטרירטע זיי זאָלן זיך אַראָפּלאָזן אויף די קני אינמיטן גאַס, ווער עס האָט אַביסל פאַרשפּעטיקט אויסצופירן דעם באַפעל איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט און די טויטע קערפּערס זיינען געבליבן אין איין ריי צוזאַמען מיט די לעבעדיקע. דאָס אַלץ איז באַגלייט געוואָרן מיט ווילדע דייטשע קללות.

צו די פרויען און קינדער האָבן די דייטשן זיך באַצויגן מיט אַ באַזונדערער אַכזריות. אין איינצלנע אויסנאַם־פאַלן איז געלונגען אַ פאָטער צו ראַטעווען זיין קינד אין אַ זאַק. דער פאָטער האָט — אין אַזאַ פאַל — גענומען דעם זאַק מיטן קינד אויף די פּלייצעס און אונטערקויפנדיק דעם אוקראַאינישן וואַך־פּאָליציאַנט האָט ער זיך אַרויסבאַקומען מיטן טייערן באַגאַזש אינדרויסן אַרויס. נאָך דער פאַרענדיקונג פון דער „רעגיסטראַציע“ זיינען די קלענער געוואָרענע גרופּעס צוריקגעגאַנגען אין די „שאָפּן“ אַריין און אין זייערע וואוין־בלאָקן. אויך אַנדערע אידן, וואָס זיי איז געלונגען אַרויסצודרייען זיך פונם טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע, האָבן זיך באַמיט צו פאַרלאָזן זייערע ערטער און צוריק אָנצוקומען געהיים אין די „שאָפּן“ כדי צו באַקומען קאַרטן אַלס „שאָפּ“־אַרבעטער. מיטוואָך (9־טן סעפּטעמבער 1942), נאָך דער פאַרענדיקונג פון דער „רעגיסטראַציע“, האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומדרייען אין די גאַסן פונם נייעם געטאָ אוקראַאינישע פּאַטרולן, וועלכע האָבן באַקומען אַ באַפעל צו שיסן אין אידן ביי יעדער מעגלעכער געלעגנהייט. אומאויפהערלעך האָט דאַן געהילכט אין־דער לופט אַ געקלאַפּ פון מאַשינגעווער און ביקסן־שיסעריי. עס זיינען אויך פאָרגעקומען באַלאַ־ גערונגען אויף הייזער, בעת וועלכע עס איז פאַרגאָסן געוואָרן אַסך אידיש בלוט. די אידן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און מען האָט זיי געפונען, זיינען אָן רחמנות

דרוק באַנוצט אויך אין אַנדערע דאָקומענטן. דער אויסדרוק נעמט זיך פון דעם אָפט־געניצטן דייטשן טערמין ”eingekesselt“, — ד. ה. אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

און אָן אונטערשיד פון געשלעכט און עלטער אכזריותדיק דערשאָסן געוואָרן. דעם פרייטאָג נאָכדעם האָט זיך אַ פּאַטרול אַריינגעריסן אין אַ באַהעלטעניש, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען 60 אידן: אַלע זיינען דערמאָרדעט געוואָרן.

אַסך אידן זיינען דאַמאָלסט געשטאָרבן פון הונגער און פון דורשט, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון זייערע באַהעלטענישן אין די גאַסן, וואו עס האָבן זיך אַרומגעדרייט די אוקראַינער.

אויך די גאַסן זיינען פול געווען מיט די טויטע קערפּערס פון דערמאָרדעטע אידן. די צוויי־רעדערדיקע וועגעלעך פון דער חברה־קדישא האָבן זיך געשלעפּט אָן אויפהער שורות־וויַיז איבער די גאַסן און צונויפגענומען די קערפּערס.

די אידישע דירות וואָס אויף דער אַנדערער זייט פונם נייעם געטאָ האָבן, ווי דערמאָנט, געדאַרפט בלייבן אָפן במשך דער „רעגיסטראַציע״־צייט. אויך אינם נייעם געטאָ געביט זיינען די הייזער געווען הפקר, ווייל די אייגנטימער האָבן געמוזט בעת דער „רעגיסטראַציע״ געפינען זיך די אין די „שאָפּן״ אָדער אין די באַהעלטענישן. פּאַקטיש זיינען דאַמאָלסט אַלע אידישע וואוינונגען געשטאַנען אָפן, אָן קיין שום אויפזיכט און זיי זיינען אויסגערויבט געוואָרן. ווען ס׳איז געלונגען אומצוקערן זיך אין זיין וואוינונג, האָט ער זי געטראָפן פולשטענדיק אויסגעליידיקט.

עס איז געשטיגן דער מאַנגל אין שפּייז־פּראָדוקטן. דער יקרות איז געוואָקסן. אַ קילאָגראַם ברויט האָט געקאָסט הונדערט זלאָטעס.

דער לעצטער אַקאָרד פון מאַסן־מאָרד פון וואַרשעווער אידן האָט זיך אָפּגעשפּילט יום־כיפור (21־טן סעפּטעמבער). יענעם טאָג האָבן די דייטשן באַלאַגערט די הייזער אין די גאַסן אָסטראָווסקע און וואָלינסקע, וואו עס האָבן געוואוינט די מיטגלידער פונם אידישן אָרדנונגס־דינסט. דאַן האָט מען אַרויסגענומען פון די הייזער פּאָליציאַנטן, וועלכע זיינען נישט אַנגאַזשירט געוואָרן נאָך דער רעדוצירונג. ווען די צאָל אידישע פּאָליציאַנטן איז באַגרעניצט געוואָרן אויף 380 פּערזאָן. אונטער דער אָנפירונג פון די אָפּיצערן יעקב לייקין און שמערלינג, מיט דער הילף פון פּאָליציאַנטן פונם אידישן אָרדנונגס־דינסט אין דער באַגלייטונג פון דייטשן פון „פּערניכטונגס־קאָמאַנדאָ״ זיינען יענעם טאָג אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע 200 אידישע יונגעלייט מיט זייערע פרויען. דאָס איז געווען דער אָפּצאָל־דאַנק פון די דייטשן. אין יענעם יום־כיפור זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע 2196 אידן.

דערמיט איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן דאָס קאַפּיטל מאַסן־יאַגדן און אַרויסשיקונגען. דער „אומשלאַגפּלאַץ״ האָט עקזיסטירט אויך שפּעטער — ביזן 25־טן אָקטאָבער — באַר זיין נאָמען איז געענדערט געוואָרן אויף „זאַמעלשטעלע״.

ח. דער ווײַ־געשריי פון די וואַרשעווער אידן

אַ פוילישער פאַרבינדונגס־אָפיצער, י אַ ן ק אַ ר ס ק י, גיט איבער, אַז אין הערבסט 1942, פאַר זײַן אַרויסלאָזן זיך פון פוילן קיין לאָנדאָן, האָט ער זיך געטראָפן מיט פאָרשטייער פון אידישן אונטערערד אין וואַרשע, איינער אַ ציוניסט און דער אַנדערער פון „בונד" (דער אַנדערער איז געווען ד"ר ל ע אָ ן פ ײַ נ ע ר — לפ"ג), און זיי האָבן אים דערציילט וועגן דער פאַרניכטונג פון די אידן אין פוילן, און אויך איבערגעגעבן אַ רוף צום וועלט־אידנטום. אין סוף 1942 האָט אָט דער שליח איבערגעגעבן די אים אָנפאַרטרויטע רייד ש מ ו א ל ז י ג ע ל ב ו י מ ע ן — אַ ר ט ו ר — (לפ"ג), און זיי זײַנען אין מערץ 1943 פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינם חודש־זשורנאַל „אונזער צײַט" אין ניו־יאָרק. שפּעטער האָט דערזעלבער אָפיצער — י אַ ן ק אַ ר ס ק י — אַרויסגעגעבן אַ בוך מיטן נאָמען „די געשיכטע פון אַן אונטערערד מלוכה"[1], וואו ער שילדערט — אין די קאַפּיטלען 29 און 30 — זײַנע אײַנדרוקן פון באַזוכן אין וואַרשעווער געטאָ און אינם פאַרניכטונגס־לאַגער אין בעלזשעץ. די דאָ־געבראַכטע אויסצוגן — דער ווײַגעשריי פון די וואַרשעווער אידן, און אויך דער אויסצוג וועגן באַזוך אין וואַרשעווער געטאָ און אין בעלזשעץ, וועלכער ווערט געבראַכט אין אַ ווײַטערדיקן קאַפּיטל, ווערן דאָ פאַרעפנטלעכט לויטן נוסח ווי זיי זײַנען בשעתו איבערגעגעבן געוואָרן ש מ ו א ל ז י ג ע ל ב ו י מ ע ן און זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן, ווי געזאָגט, אין מערץ־נומער „אונזער צײַט", אין יאָר 1943[2].

„...איקס (ד"ר לעאָן פײַנער) האָט מיך געהייסן איבערגעבן אײַך, זיגלבוים, און אַלע אידן דאָס פאָלגנדיקע:

זאָגט זיי, אַז מיר דאָ פילן מאָמענטנווייז אַ האַס צו אַלע, וואָס זײַנען דאָרט געראַטעוועטע, ווײַל זיי ראַטעווען אונז נישט... זיי טוען נישט גענוג. מיר ווייסן, אַז דאָרט, אין דער פרײַער און מענטשלעכער וועלט, קען מען נישט גלויבן, וואָס מיט אונז געשעט. זאָלן זיי טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל מאַכן די וועלט גלויבן... מיר שטאַרבן אַלע, זאָלן זיי דאָרטן אויך שטאַרבן, זאָלן זיי בלאָקירן די קאַבינעטן פון טשוירטשילן און אַנדערע. זאָלן זיי דערקלערן אַ הונגער־שטרייק, זאָלן זיי דאָרטן טאַקי אויסגיין פאַר זייערע טירן אין דעם הונגער־שטרייק און נישט אָפּטרעטן ביז מען וועט גלויבן און מען וועט אָנעמען מיטלען צו ראַטעווען די, וואָס ווען נאָך זײַן לעבעדיק. זיי ווייסן, אַז קיין שום פּאָליטישע אַקציע, קיין שום פּראָטעסטן און צוזאָגן,

---

[1] אין ענגליש: Story of a Secret State (באָסטאָן 1944, לאָנדאָן 1944).

[2] בעת זײַן באַזוך אין וואַרשע אין פרילינג 1946 און אין די פילע געשפּרעכן מיט די לעבנגעבליבענע אָנפירער פונם אונטערערד איז דעם מחבר פון דעם בוך נישט געלונגען צו באַקומען וועלכע־עס־איז זיכערע ידיעה וועגן דעם דערמאָנטן געשפּרעך און נישט פעסטצושטעלן דעם נאָמען פון דעם אין אים באַטייליקטן צווייטן אידישן פאָרשטייער, דעם ציוניסט. אמת, אין יענער תקופה האָט מ נ ח ם ק י ר ש נ ב ו י ם (לפ"ג) אַמאָל דערציילט, דרך־אגב, אַז ער האָט זיך געטראָפן מיט אַ פאָרשטייער פונם פוילישן אונטערערד, — אפשר איז ער טאַקי אויסן געווען די באַגעגעניש מיט יאַן קאַרסקי.

אַז מען וועט באַשטראָפֿן נאָך דער מלחמה, וועלן נישט העלפֿן. די אַלע זאַכן מאַכן נישט אויף די דייטשן דעם מינדעסטן איינדרוק. די איינציקע זאַך, וואָס וואָלט געקענט מאַכן אַן אײַנדרוק און אפשר אָפּראַטעווען די קליינע צאָל אידן, וואָס וועט נאָך צו יענעם מאָמענט לעבן, קען זײַן נאָר, ווען מען וועט עפּנטלעך הינריכטן אַ געוויסע צאָל דייטשן אין אויסלאַנד און מען וועט מעלדן עפּנטלעך, אַז אויב די דייטשן וועלן נישט אָפּשטעלן די שחיטה אויף אידן אין פּוילן, וועט מען נאָך גרעסערע גרופּעס דייטשן עפּנטלעך אויסשיסן. „דאָס איז די מיינונג פֿון איקס און פֿון אַלע אַנדערע".

און איקס (ד"ר לעאָן פֿיינער) האָט נאָך צוגעגעבן:

„די באַדינגונגען פֿון דער אונטערערדישער אַרבעט די גאַנצע צײַט — אומבאַשרײַבלעך שווערע. קיין שום פֿאַרגלייך מיט אַמאָל קען נישט געמאַכט ווערן. די פּאַרליסטן — אומגעהויערע. נאָך דעם פֿאַרנעמען די געביטן, וואָס זײַנען געווען פֿאַרנומען פֿריער פֿון די באָלשעוויקעס, איז די געסטאַפּאָ גלייך צוגעטראָטן צום ליקווידירן קודם כל אַלע אונזערע טוער און אָנטיילנעמער פֿון דער באַוועגונג, ווי בכלל אידן וואָס זײַנען געווען באַקאַנט אַלס געזעלשאַפֿטלעך־טעטיקע. דערבײַ האָבן אונזערע טוער זיך אויך געמוזט אויסבאַהאַלטן מיט זייער אָנטייל אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אויף פּאַר פּאָליאַקן — דורכשניטלעכע, ווײַל מען האָט קיינמאָל נישט געקענט וויסן, אויף וועמען מען טרעפֿט און ווי ער וועט רעאַגירן.

מיר טוען דעם מאַקסימום פֿון דעם, וואָס מיר קענען אין די באַדינגונגען. דער ניוואָ און די האַלטונג פֿון אונזערע מענטשן איז אַן אומפֿאַרגלייכלעכער, אַ שטאָלצער און העלדישער, אָבער גרופּע נאָך גרופּע, שטאָט נאָך שטאָט פֿאַרשווינדן אין דעם אַלגעמיינעם פֿאַרניכטונגס־שטורם, קיינער ווייסט נישט, צי אין אַ שעה אַרום, אָדער מאָרגן וועט ער נאָך לעבן.

איך וויל נישט איבערגעבן וועגן איינצלהייטן פֿון אונזער אַרבעט. איך בּין עס איצטער נישט אימשטאַנד צו טון. מיר האָבן אַ טענה, וועלכע מיר וועלן קיין מאָל נישט מוחל זײַן: מיר האָבן זיך געווענדעט מען זאָל אונז געבן געווער, כדי צו אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד מיטן צוועק צו קענען ווייניקסטנס שטאַרבן ווי מענטשן מיט געווער אין האַנט. מען האָט אונז אָפּגעזאָגט און קיין געווער נישט געגעבן".

„...פֿון די דרײַ און האַלבן מיליאָן פּוילישע אידן און פֿון 500 ביז 700 טויזנט אידן, וועלכע מען האָט געבראַכט פֿון אַנדערע לענדער, אין שוין באַלד גאָרנישט געבליבן. עס גייט שוין איצטער נישט וועגן עפּעס אַן אונטערדריקונג פֿון אידן, נאָר עס קומט פֿאָר אַ קאָמפּלעטע אויסראָטונג אין די שרעקלעכסטע ליידן און אויף די ראַפֿינירטסטע אופֿנים. אין אָטוואָצק זײַנען אַלע אידן — 3200 צוזאַמען — אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך צוויי קאָמפּאַניעס דייטשן מיליטער צווישן 12 בײַנאַכט און 8 אינדערפֿרי אין פֿאַרלויף פֿון איין נאַכט. דאָסזעלבע איז געשען אין דער גאַנצער אַרומיקער געגנט גלײַכצײַטיק".

צום סוף פון זיין באַריכט האָט דער שליח צוגעגעבן:

„איך וויל נאָר אונטערשטרייכן, אַז בעת דעם שמועס מיט אים איז איקס בכלל געווען באַהערשט. אָבער פון צייט צו צייט האָט ער באַקומען אַ מין אָנפאַל, איז אויפֿגעשפּרונגען, האָט זיך געשלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ און געשריען: איך קען נישט, איך קען נישט רעדן וועגן דעם, איך ווער משוגע, א.אַ.וו. אָבער ער האָט זיך באַמיט ווייטער זיך צו באַהערשן און האָט פאָרגעזעצט זיינע שילדערונגען און אָנזאָגן".

בשעת דער אַנטהילונג פונם צייטווייליקן אָנדענק־שטיין פאַר די געפאַלענע געטאָ־קעמפער אין וואַרשע, דעם 19־טן אַפּריל 1946, אינם ווינקל פון די גאַסן גענשע און זאַמענהאָף, וואו מען וועט אויפשטעלן דעם דענקמאָל. אין הינטערגרונט — רעכטס, זעט מען די בנינים פונם „אומשלאַגפּלאַץ" (דעם אָרט פונוואַנען מען האָט פאַרלאָדן די וואַרשעווער אידן אין די באַנען, וואָס האָבן זיי געפירט צום טויט). דאָס הויז לינקס איז דער בנין אין וועלכן עס זיינען געווען די ביוראָען פונם „אידן־ראַט" נאָכן גרויסן גירוש אין די חדשים יולי—סעפּטעמבער 1942. אויפן אָנדענק־שטיין איז אויסגעקריצט אַן אויפשריפט אין אידיש, העברעאיש און פויליש. דער נוסח אין אידיש איז פאָלגענדער: „די געפאַלענע אין ביישפּיללאָז־העלדישן קאַמף פאַרן כבוד און פריי־הייט פון יידישן פאָלק פאַר אַ פריי פוילן, פאַר דער באַפרייאונג פון מענטש. — די פוילישע יידן".

עדות־בלעטער פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן

א. אין וואַרשעווער געטאָ און אינם טויט־לאַגער אין בעלזשעץ

(אַן עדות־זאָגן פון אַ פוילישן אָפיצער)

זע זייט 96, אַריינפיר־באַמערקונג צום „ווייגעשריי פון די וואַרשעווער אידן" אין פריערדיקן קאַפּיטל.

„...אין וואַרשעווער געטאָ בין איך געווען אין אויגוסט 1942, אין בעלזשעץ — איינעם פון די ערטער, וואו דער שוידערלעכער מאַסן־מאָרד ווערט אויסגעפירט, בין איך געווען אין סעפּטעמבער[1]. איך קען נישט אַלץ אַרויסדערציילן וואָס איך האָב געזען. עס איז איבער אַ מענטשענס כוחות עס אויסצודריקן. איך ווייס דערביי, אַז אפילו איר וועט נישט זיין אימשטאַנד צו גלויבן אַלץ, אפילו ווען איך וואָלט געווען בכוח עס אויסצומאָלן. איך האָב שוין אויפן וועג געפרווווט איבערצוגעבן די זאַכן מענטשן פון דער בריטישער אַמבאַסאַדע אין... און אין... די מענטשן האָבן אַלץ אויסגעהערט העפלעך און מיטפילנדיק, אָבער שפּעטער האָבן זיי מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיין פילבאַרע פאַנטאַזיע, נאָך אַזוי פיל איבערלעבענישן, מאָלט מיר מאַקאַברישע בילדער. ווייל דאָס אַלץ, וואָס איך דערצייל, קען דאָך נישט זיין אמת..."[2]

„אין וואַרשעווער געטאָ איז שוין פאַר דער גרויסער מאַסן־שחיטה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צווייטער העלפט יולי 1942, געווען זייער שלעכט. דער הונגער

---

[1] זע באַמערקונג 4 צו דער מאַפּע פון די דייטשע פאַרניכטונגס־לאַגערן אין פוילן.

[2] יאַן טשעכאַנאָווסקי, דער געוועזענער פוילישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן פאַר און בעת דער מלחמה, דערציילט אין זיין בוך „מפּלה אין נצחון" (Defeat in Victory ניו־יאָרק 1947), אַז יאַן קאַרסקי האָט דעם 28־טן יולי 1943, אין זיין אַנוועזנהייט איבערגעגעבן פּרעזידענט רוזוועלט אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן דער לאַגע אין פוילן, און צווישן אַנדערן, וועגן דער אויסראָטונג פון די אידן. צו יענער צייט, ווען קאַרסקי האָט פאַרלאָזן פוילן, הערבסט 1942, האָבן די דייטשן שוין באַוויזן אומצוברענגען אַ מיליאָן מיט אַכטהונדערט טויזנט אידן. טשעכאַנאָווסקי דערציילט, אַז דער פּרעזידענט האָט מיט דעם גרעסטן אינטערעס אויסגעהערט דעם באַריכט, ער האָט געשטעלט אַ ריי פראַגן וועגן פאַרשידענע ענינים, וועלכע קאַרסקי האָט באַרירט, אפילו וואָס איז דער מצב אויפן געביט פון פי און פערד אין פוילן, אָבער קיין איין פראַגע נישט וועגן די אידן־שחיטות.

איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מענטשן זיינען פאַרטעמפּט געוואָרן, מען האָט זיך אויפגעהערט צו טיילן. קינדער האָבן געלאָזן אויסגיין אַלטע עלטערן פון הונגער, ווייל עס איז זיך נישט געווען מיט וואָס צו טיילן מער. מענטשן, דער עיקר עלטערע און קליינע קינדער, זיינען טאַקי מאַסנווייז געפאַלן אין די גאַסן, און קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. די טויטע אין די גאַסן האָבן שוין אויף קיינעם קיין איינדרוק נישט געמאַכט. יעדן אינדערפרי פלעגן כמעט פאַר אַלע טויערן ליגן נאַקעטע מתים. די קליידער פלעגט מען פון זיי אַראָפּנעמען, ווייל זיי זיינען ווערט אַסך פאַר די לעבעדיקע, און מען פלעגט די מתים אַרויסטראָגן אויף דער גאַס, כדי נישט צו דאַרפן צאָלן פאַר דער קבורה. אַלע פלעגן באַגראָבן ווערן אַלס נאַמענלאָזע. טויזנטער קינדער, וועמענס עלטערן זיינען פריער אויסגעמאָרדעט געוואָרן אָדער אומגעקומען פון הונגער, פלעגן זיך וואַלגערן אין געטאָ אָן שום אויפזיכט. די דייטשן פלעגן איינאָרדנען פאַרמעלע יאַגדן אויף די דאָזיקע קינדער און זיי אויסשיסן. בכלל ווייזן זיי אַרויס אַ באַזונדערע אכזריות צו די אידישע קינדער. אין די טויזנטער זיינען דאָ פאַלן, ווען עלטערן, וועלכע מען האָט גענומען אויף צוואַנגס־אַרבעט אויף אַ טאָג, קומען אַהיים און געפינען נישט מער זייערע קינדער. בייטאָג גייען אַרום דייטשן און שלעפּן אַרויס די קינדער פון די שטיבער און דערשיסן זיי פאַר די טויערן אָדער אויסער דעם געטאָ. מען האָט באַוואָפנט די היטלער־יוגנט. 15—16 יעריקע יינגלעך טראָגן אַרום רעוואָל־ווערן. טשאַטעסווייז פלעגן זיי יעדן טאָג קומען אין געטאָ אַריין, זיך אויסשטעלן אויף די גאַסן און שיסן אין יעדן פאַרבייגייענדיקן — אַלץ איינס, קינדער צי דערוואַקסענע. אויב די גאַסן ווערן דערביי ליידיק פון מענטשן, גייען זיי אין די הויפן און אין די שטיבער, שיסן דורך די פענסטער. דאָס זעלבע טוען דייטשע זעלנער און געסטאַפּאָ־לייט. אומאויפהערלעך זיינען פאָרגעקומען די וויזיטן פון אַזעלכע גרופּעס, וואָס וועלנדיק פאַרוויילן־זיך קומען זיי אין געטאָ אַריין צו פאַרמעסטן זיך, ווער עס איז אַ בעסערער שיסער. פאַראַן אַזעלכע אויסוואורפן, וועלכע שרייבן מיט קרייד אויף די קערפּערס פון זייערע קרבנות דעם נומער, דער וויפלטער קרבן עס איז פון זייער האַנט. עס איז באַקאַנט איין געסטאַפּאָ־מאַן מיטן נאָמען קראַאוזע, וועלכער גייט איבער אידישע הייזער, פאַרשליסט אינעווייניק די טיר און מאָרדעט אויס גאַנצע משפחות. שפּעטער שרייבט ער אויף די טירן די לויף־נומערן פון זיינע קרבנות. אין אָקטאָבער האָט דער אויסוואורף אויף דער טיר פון אַ דורך אים אויסגעשאָכטענער משפחה אויפגע־שריבן דעם נומער 1006 — איין טויזנט און זעקס!".

„אָבער די אמתע גיהנום־אַטמאָספער האָט זיך געשאַפן אין וואַרשעווער געטאָ זינט דעם 18־טן יולי, ווען עס זיינען אָנגעקומען ספּעציעל־געשולטע „יודען פערניכטונגס־קאָלאָנעס" און עס האָט זיך אָנגעהויבן די קאַשמאַרפולע מאַסן־שחיטה[3]. יענעם טאָג

[3] דאָ איז, ווייזט אויס, אַריינגעפאַלן אַ טעות אין דער באַצייכנונג פון דעם טערמין, ווייל דער גרויסער גירוש האָט זיך דאָך אָנגעהויבן, ווי באַקאַנט, דעם 22־טן יולי 1942.

האָט מען געפאָדערט פון טשערניאַקאָוון (אדם, לפ״ג) ער זאָל צושטעלן 6.000 אידן צום „דעפּאָרטירן״. צומאָרגנס האָט מען שוין פון אים געפאָדערט 10.000 אידן, אַטאָג שפּעטער ווידער צען טויזנט און דערנאָך האָט מען פון אים פאַרלאַנגט צען טויזנט קינדער. מען האָט אַרעסטירט טשערניאַקאָווס פרוי און אים דערקלערט, אַז זי וועט געפייניקט ווערן און דאַן דערשאָסן ווערן, אויב ער וועט נישט אויספירן די באַפעלן. ער האָט געפרעגט, וואָס מען טוט מיט די מענטשן, וועלכע מען פירט אַוועק. האָט מען אים געלאַכט אין פּנים אַריין און געענטפערט, אַז מען טוט מיט זיי דאָס, וואָס מען דאַרף טון מיט אידן. ער איז דאַן אַריין אין נעקסטן צימער און איינגענומען סם. דאָס איז געווען דעם 23־טן יולי (תשעה באב תש״ב). די פּוילישע פּאָליציי, וועלכע פלעגט שטיין פאַר די טויערן פון געטאָ אינווייניק און אויסנווייניק, האָט מען עטלעכע טעג פריער צוגענומען און אויף איר אָרט האָט מען געבראַכט דייטשע, אוקראַינישע, לאַטווישע און ליטווישע פּאָליציי. נאָך טשערניאַקאָווס טויט האָט מען אַרעסטירט אַלע מיטגלידער פון יודען־ראַט און מען האָט באַשטימט דעם אַלטן אינזשעניער ליכטנבוים (מאַרק) [4] אַלס עלטסטן פון געטאָ. מען האָט אָנגעהויבן כאַפּן אַלעמען פון די גאַסן און אַפּשליסן גאַנצע בלאָקן הייזער, פון וואַנען מען נעמט אַרויס די גאַנצע באַפעלקערונג. מיט אַ באַזונדערער אכזריות צייכענען זיך אויס די לאַטווישע באַנדעס און אויך די אידישע פּאָליציי, וועלכע איז פון איין זייט טעראָריזירט דורך דעם, וואָס יעדער רעוויר־גרופּע ווערט געדראָט, אַז אויב זי וועט נישט צושטעלן יעדן טאָג די באַשטימטע צאָל אידן פון איר ראַיאָן, וועט מען אַלע אידישע פּאָליציאַנטן פון געגעבענעם ראַיאָן, צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס, אויסשיסן. דאָס איז טאַקי אויסגעפירט געוואָרן אין אַסך פאַלן. פון דער אַנדערער זייט האָט מען די אידישע פּאָליציאַנטן געגעבן דעם צוזאָג, אַז אויב זיי וועלן אויספירן די באַפעלן לגבי אַלע אַנדערע אידן, וועלן זיי און זייערע משפחות געשוינט ווערן״.

„טויזנטער ווערן אויסגעשאָסן אין די שטיבער, אויף די הויפן און אויף די גאַסן נאָך איידער מען פירט אַרויס די אידן צו די זאַמל־פּונקטן, פון וואַנען זיי ווערן אַרויס־געשיקט. איין גרופּע פון לאַטווישע פּאָליציאַנטן האָט מער נישט אויסגעהאַלטן און האָט דערקלערט, אַז זי קאָן זיך מער נישט פאַרנעמען מיט מאָרדן קינדער און פרויען, זיי זיינען זייער לאָיאַל צו היטלער־דייטשלאַנד און זיינען גרייט אַלץ צו טון, זאָל מען זיי שיקן אויפן פראָנט, אָבער „דאָס״ קענען זיי מער נישט טון. מען האָט די גאַנצע גרופּע אַרעסטירט, און איך ווייס נישט, וואָס ווייטער איז מיט זיי געשען. דאָס איז אָבער געווען אַ פאַראיינצלטער פאַל. בכלל זיינען זיי זייער אכזריותדיק״.

„פון די זאַמל־פּונקטן פירט מען יעדן טאָג אָפּ די גרופּעס צו דער באַן. אויפן וועג דערשיסט מען נאָך צו עטלעכע צענדליק מאַן אונטער פאַרשידענע אויסריידן, כדי אויסצולערנען די יידן אָרדנונג פאַרן טויט״...

[4] זע באַמערקונג 2, זייט 80 אינם קאַפּיטל שילדערונג פונם מאַסן גירוש.

„...טויזנטער קינדער האָבן געפּרווווט זיך אַרויסראַטעווען דורך אַנטלויפן פון געטאָ. כמעט אַלע זיינען דורך די דייטשן דערשאָסן געוואָרן אַלס אידישע קינדער. עס איז באַקאַנט, אַז אַרום 150 אידישע קינדער אין עלטער פון זיבן ביז צען יאָר, ווען עס האָט אָפּגעגליקט אַרויסצובאַקומען זיך פון געטאָ, דרייען זיך אַרום אויסערן געטאָ און בעטלען אין פּוילישע הייזער. איך אַליין האָב וויפל מאָל געזען די דאָזיקע קינדער. ווי זעען זיי אויס? זיי האָבן נישט מער קיין מענטשלעכע צורה. דאָס זענען עפּעס פאַרזעעניש, נאַקעטע, באָוואָקסענע, מיט אויגן, וועלכע עס איז נישט מעגלעך צו פאַרגעסן — אויגן פון חיה׳לעך אין לעצטער טויט־אַנגסט. זיי געטרויען קיינעם נישט, דערוואַרטן פון יעדן דאָס ערגסטע, שאַרן זיך ביי די ווענט קוקנדיק אין טויט־אַנגסט אין אַלע זייטן. קיינער ווייסט נישט וואו זיי שלאָפן. זיי קלאַפּן אָן פון צייט צו צייט אין אַ פּוילישער טיר. עס קומט פאָר אויף דעם אופן: אָנגעקלאַפּט און אַראָפּגעלאָפן אויף דער מיט פון די שטיגן אין אַ פּאָזע גרייט צו אַנטלויפן, ווייל עס ווייסט קיינמאָל נישט, וואָס עס דערוואַרט הינטער דער פאַרשלאָסענער טיר... ברויט אָדער זופּ אָביסל באַקומט אַזאַ קינד זייער זעלטן. אין בעסטן פאַל גיט מען אים אַ שטיקל פּעטרושקע אָדער שאָלן פון קאַרטאָפל, אויף וואָס די קינדער וואַרפן זיך גלייך און פאַרשלינגען עס אַנטלויפנדיק״...

„איך קער זיך ווידער אום צו דעם אופן פון „דעפּאָרטירן״: איך האָב געקוקט אין וואַרשע ווי עס געשעט און איך האָב שפּעטער געזען הינטער בעלזשעץ ווי עס געשעט דער צווייטער טייל און דער לעצטער. אין וואַרשע טרייבט מען די מענטשן אַוועק הינטער דער שטאָט צו די באַן־רעלסן, וואו עס וואַרט שוין אַ גאַנצער צוג פון פי־וואַגאָנעס. אויפן וועג האַלט מען אין איין שיסן אין די מענטשן אונטער די פאַר־שידנסטע אויסריידן. אָפּגעשטאַנענע דערשיסט מען. דער גאַנצער וועג איז געוויינטלעך באַלייגט מיט טויטע קערפּערס פון דערשאָסענע. ווען מען קומט שוין צו צום פאַר־שיקונגס־פּלאַץ, באַרויבט מען אַלעמען און מען נעמט ביי זיי צו אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן — אָפיציעל האָט מען דערלויבט יעדן צו נעמען 15 קילאָ באַגאַזש און מען האָט געהייסן מיטנעמען דאָס ווערטפולסטע וואָס יעדער פאַרמאָגט. דאַן טרייבט מען זיי אין די פי־וואַגאָנעס, צו הונדערט אין אַ וואַגאָן. עס הויבט זיך אָן דער ערשטער עטאַפּ פון דער רייזע, וועלכע דויערט פון 3 ביז 8 טעג. אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט עפנט מען נישט די וואַגאָנעס. אַ זייער גרויסער טייל קומט אום איידער מען דערגרייכט דעם עטאַפּ־לאַגער—אָבוז ראָזדזשעלטשי—וואָס געפינט זיך אַ 50 קילאָמעטער הינטער בעלזשעץ. פונדעסטוועגן איז דער ערשטער טייל פון דער רייזע זייער מילד אין פאַר־גלייך מיט דעם וואָס געשעט ווייטער. איך בין געווען אין דער איבערקליידונג פון אַ פּאָליציאַנט אין דעם עטאַפּ־לאַגער הינטער בעלזשעץ. עס איז אַן אָפענע שאָפּע, בלויז ביז אין דער מיט געדעקט מיט אַ דאַך. צו יענעם מאָמענט האָבן זיך דאָרטן געפונען אַרום 5.000 מענטשן. יעדע פּאָר שעה קומען אָן נייע טראַנספּאָרטן און מען

פירט פון דאָרט אַוועק אַלטע — אינם לעצטן וועג. עס איז שווער צו באַשרייבן דעם איינדרוק, וואָס דידאַזיקע מאַסע מאַכט: די מענטשן האָבן שוין מער נישט קיין מענטשלעכע צורה. סקעלעטן, אויגן גליענדיקע מיט משוגעת און אויגן אויסגעלאָשענע, מיט רעזיגנאַציע. נאַקעטע, דענערווירטע, זיך אומאויפהערלעך באַוועגנדיקע פיגורן מיט צאַפּלדיקע, נערוועזע באַוועגונגען. אָט ליגט אַ קינד נאַקעט, מיטן פּנים אַרויף און צאַפּלט זיך אין גסיסה. קיינער קוקט זיך נישט אום. עס זיצט צווישן דער מאַסע אַ מאַן איינגאַנצן נאַקעט — עמיצער האָט אים וואַרשיינלעך באַרויבט פון אַלע זיינע קליידער — קיינער קוקט זיך נישט אום, עס מאַכט אויף קיינעם קיין איינדרוק נישט. די וואַך אַרום האַלט אין איין שיסן אין דער מאַסע. מתים וואַלגערן זיך אומעטום, מענטשן שפּרייזן איבער זיי אין זייער קאָנוווּלסיוון גאַנג, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיי נישט באַמערקט. יעדע פּאָר מינוט קומען די וואַך־לייט און באַפעלן עטלעכע אידן אַרויסצוטראָגן די מתים און אַרויסוואַרפן הינטערן פּלויט. מען טוט עס אָן אויפרעגונג, אָן אויסדרוק, אַזוי ווי נישט וויסנדיק וואָס זיי טוען. עס איז נישט מער קיין נאָרמאַלע מענטשלעכע מאַסע — איין גרויסע, צאַפּלדיקע, לעצטע קאָנוווּלסיע פון אַ פינף־טויזנט קערפּער־דיקער גסיסה״.

„אין דעם דאָזיקן לאַגער ווערן די מענטשן געהאַלטן אָפט צו עטלעכע טעג. ווען מען נעמט זיי טרייבן ווייטער האָט שוין קיינער פון זיי פון לאַנג נישט קיין ביסן אין מויל צו נעמען. קיין עסן גיט מען זיי נאַטירלעך נישט און זיי עסן בלויז דאָס, וואָס זיי האָבן באַוויזן מיטצונעמען מיט זיך. עס הויבט זיך אָן דער שוידערלעכער צווייטער עטאַפּ: מיט בייטשן און רעוואָלווער־שאָסן נעמט מען פּלוצלינג טרייבן די מאַסע צו דער באַן־ליניע, וואָס געפינט זיך עטלעכע צענדליק מעטער ווייט. דערביי איז אַלץ צוגעגרייט און אויסגערעכנט אויף וואָס מער צו פּייניקן די מענטשן: פון לאַגער ביז די באַן־רעלסן האָט מען איינגעאָרדנט אַ שמאָלן דורכגאַנג פון שוואַכע פּלויטלעך. הינטער די פּלויטלעך פוןביידע זייטן שטייען לענגאויס דעם גאַנצן וועג באַוואָפנטע וואַכן. פון הינטן טרייבט מען די מאַסע מיט בייטשן און שיסערייען. מען טרייבט זיי אַזוי, אַז עס זאָל צווישן זיי זיין וואָס מער פּאַניק און בהלה. אָבער אין דערזעלבער צייט פּאָדערט מען, עס זאָל זיין „אָרדנונג״ און קיינער זאָל נישט אָנרירן די פּלויטלעך. פּאָר אָנרירן דאָס פּלויטל שיסט מען פון די זייטן. דאָס שיסן, דאָס בלוט און קרעכצן פון די געטראָ־פענע, די טויטע, וואָס פאַלן אונטער די פיס, פאַרגרעסערן נאָך מער די בהלה — האָט מען נאָך מער אויסרייד צו שיסן. הונדערטער פאַלן אויף דעם אויפן אויפן שטח פון עטלעכע צענדליק מעטער. אָבער דאָס זיינען די גליקלעכערע, ווייל אַלע אַנדערע דערוואַרט אַ פיל שרעקלעכערער טויט: דער שמאָלער דורכגאַנג פירט צום אָפענעם טויער פון אַ פי־וואַגאָן. דאָס זיינען יענע וואַגאָנעס פאַר „40 מאַן אָדער 8 פערדע״. מיר האָבן ספּעציעל אויסגעמאָסטן און פעסטגעשטעלט, אַז ווען מען זאָל אין אַזאַ וואַגאָן אויסשטעלן ענג צוזאַמענגעפּרעסט איינעם לעבן אַנדערן איינגאַנצן נאַקעטע מענטשן,

וואָלט געווען רוים פאַר 90 מענטשן, אָבער זיי טרייבן אַריין צו 140 מענטשן".

„פוןביידע זייטן טויער שטייען ס.ס.־לייט מיט רעוואָלווערן און בייטשן. מען טרייבט די מענטשן מיט אַזאַ בהלה און איילעניש, אַז די אויסגעפייניקטע סקעלעטן מוזן מיט די לעצטע כוחות מאַכן אַקראָבאַטישע שפּרונגען. עס קומט אַ מאָמענט, ווען דער וואַגאָן איז שוין אויסגעפילט ביזן לעצטן סענטימעטער. אָבער מען טרייבט נאָך אַלץ: „איינשטייגן, איינשטייגן" — די מענטשן נעמען זיך דאַן דראַפּען פאַר די קעפּ און די האָר פון די וואָס זיינען שוין אינווייניק. און אַזוי קלעטערן אַרויף אויף די קעפּ פון די שטייענדיקע נאָך פופציק מענטשן. דאַמאָלט פאַרשליסט מען דעם וואַגאָן, דער צוג רירט און עס פאָרט־צו צו דער עפענונג אַ נייער וואַגאָן..."

„אַ לאַנגער צוג אָנגעשטאָפּט מיט עטלעכע טויזנט מענטשן ווערט אויף דעם אופן אָוועקגעפירט אויף אַ זייטיקער ליניע און איבערגעלאָזן אויף 2 ביז 8 טעג. פאַר דער גאַנצער צייט עפנט מען נישט דעם טויער פון וואַגאָן. די מענטשן קומען אום אין ערגסטן פּיין. זיי דערפילן זייערע נאַטירלעכע באַדערפענישן איבער די קעפּ פון די אַנדערע. אַסך וואַגאָנעס זיינען אויסגעשמירט מיט קאַלך. פון דער פייכטקייט פון מענטשלעכע השתנה צינדט זיך אָן דער קאַלך און ברענט די נאַקעטע פיס פון די שטייענדיקע כדי צו פאַרגרעסערן זייערע יסורים".

„אַזוי ווי נישט פאַר אַלעמען קלעקן וואַגאָנעס, כדי זיי אומצוברענגען אויף דעם אופן, וואָס קאָסט אינגאַנצן גאָרנישט, פירט מען דעם גרעסטן טייל פון דער מאַסע אַריין אין בעלזשעץ, וואו מען פאַרסמט זיי מיט גאַז, מען טויט זיי מיט עלעקטרישן שטראָם. אַרום בעלזשעץ פאַרברענט מען די מתים. אויף אַ מהלך פון 50 קילאָ־מעטער אַרום ברענען די ריזיקע שייטערהויפנס בייטאָג און ביינאַכט".[5]

[5] וועגן פאַרניכטונגס־לאַגער אין בעלזשעץ איז אין יאָר 1946 דערשינען אַ ביכל פון רודאָלף רעדער מיט אַ הקדמה פון נעלאַ ראָסט (אידישע היסטאָרישע קאָמיסיע, קראָקע, פּויליש, 65 זייטן); אויך אינם גרעסערן זאַמלבוך פון דער צענטראַלער אידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן „לאַגערן" (פּויליש, לאָדזש 1946, באַארבעט פון נ. בלומענטאַל) זיינען פאַראַן דאָקומענטן וועגן בעלזשעצער פאַרניכטונגס־לאַגער.

ב. די ליקווידירונג פונם לאַגער אין פּאָניאַטאָווע

באַריכט פון לודוויקאַ (לאה) פישער, וועלכע איז אנטרונען פונם קבר

אַ טייל פון די לעצט־פאַרבליבענע וואַרשעווער אידן, צווישן זיי באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע טוער און קוואַליפיצירטע אַרבעטער, זיינען אין די חדשים אַפּריל־מאַי 1943 פאַרטריבן געוואָרן אינם קאָנצענטראַציע־לאַגער, וועלכער האָט זיך געפונען אַ צוויי קילאָמעטער פונם ישוב פּאָניאַ־טאָווע, 7 קילאָמעטער פון אַ קליין דאָרף מיט דעמזעלבן נאָמען אין קרייז פּולאַווי ביי דער ווייסל, אין לובלינער געגנט. אַהין האָבן די דייטשן אַריבערגעפירט אויך געוויסע אַרבעטער פון די פאַבריקן, וועלכע האָבן פריער געאַרבעט אין וואַרשעווער געטאָ (די טעבענס־אונטערנעמונגען). די שילדערונג פון לודוויקאַ פישער, וועלכע איז געווען אין יענעם לאַגער און איז פון אים אַנטלאָפן, איז אַריבערגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע קיין לאָנדאָן אין מאַי 1944 צווישן אַנדערן מאַטעריאַל פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין פּוילן. דידאָזיקע שילדערונג ווערט דאָ איבערגעגעבן מיט לייכטע קירצונגען, אָן קיין שום רעדאַקציאָנעלע ענדע־רונגען, נאָר ממש אַזוי ווי זי האָט דאָס דאַמאָלסט איבערגעגעבן דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין וואַרשע.

די שרייבערין איז געבוירן אין פּראַסניש, אין דער פאַמיליע ירחם, אין יאָר 1916. אין איר יוגנט איז זי געווען אַ מיטגלידערין פון „השומר הצעיר" אין איר שטעטל. אין וואַרשע האָט זי צוזאַמען מיט איר מאַן געפירט אַ פריזיר־געשעפט אויף זשעלאַזנע־גאַס 75. אין אַפּריל 1943 איז זי צוזאַמען מיט איר מאַן (משה) און איר טעכטערל (רינה) אַרויסגעשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פּאָניאַטאָווע, פונוואַנען עס איז איר געלונגען צו אַנטלויפן. זי געפינט זיך איצטער אין ארץ־ישראל.

— איך האָב געאַרבעט אין אַ בעטאָנעריי. אונזער אַרבעטס־פּלאַץ האָט געהאַט גרויסע סימפּאַטיעס ביים אונטערשטורמפירער וואַלעראַנג און ער האָט דערלויבט צוויי פון אונזערע מענטשן צו ברענגען פאַר אונז אין אַ טאָפּ סיי פרישטיק און סיי מיטאָג. אַזוי־אַרום בין איך געווען פּטור פון שטיין אין דער ריי. נאָך גרויסע סקאַנדאַלן האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויסגיין צו דער אַרבעט אין לאַגער אַריין אונטער דער „השגחה" פונם לייטער פון דער לאַגער־פּאָליציי און אַן אוקראַינער וואַך־פּאָסטן. מיר האָבן מאַרשירט אין לאַגער אַריין מיט אַ מיליטערישן מאַרש. פאַרבייגייענדיק די וואַך־פּאָסטנס האָבן מיר געדאַרפט ווייזן אונזערע דערלויבנישן און זיי האַלטן הויך מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט, כדי דער זשאַנדאַרם אָדער דער אוקראַינער זאָל קענען דערזען, צי אַלע האָבן דערלויבנישן. אין דער לעצטער צייט פלעגט מען אפילו דערשיסן פאַרנישט מקיים זיין די פאַראָרדנונג. די מענער זיינען דערביי אויך געווען פאַרפליכטעט אַראָפּצונעמען די היטלען און מיר אַלע פלעגן אַדורכגיין די וואַך־פּאָסטנס מיט אַ שרעק אין האַרצן.

נאָכן אַדורכגיין די וואַך פלעגן די „אַרבייטס־איינזאַץ"־אַרבעטער גיך אַוועק־איילן אויפן פּלאַץ. דער „אַפּעל" האָט זיך געוויינטלעך אָנגעהויבן 6 אַזייגער מיט 15 מינוט אינדערפרי, ווען די מענטשן זיינען אָנגעקומען פונם וואוין־קוואַרטאַל. דאַגעגן

זיינען די טעבענס־אַרבעטער [1] גלייך אַוועק אין זייער „שאָפּ". אונזער פּלאַץ איז געווען אַרומגערינגלט מיט מאַשינגעווערן און עס זיינען געווען טאַנקען. מיר האָבן נישט געוואוסט צוליב וואָס האָט מען געבראַכט די טאַנקען. מיר פלעגן זיך וויצלען און טענהן, אַז כדי אונז אומצוברענגען זיינען נישט נויטיק קיין טאַנקען, עס קען קלעקן איין מאשינגעווער.

דער חודש אָקטאָבער (1943) האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונז מיט אַ שלעכטן צייכן. אין אָנהויב חודש האָט מען איבערגערוקט די „פּאָליציי־שטונדע" פון 8 אויף 6. פונדעסטוועגן האָבן מיר, לויט פאַרשידענע סימנים, אויפגעהאַלטן די אילוזיע, אַז אפשר וועלן מיר נאָך ווינטערן אין פּאָניאַטאָווע. אָט האָבן, למשל, אַסך מענטשן אינם וואוין־קוואַרטאַל געוואוינט אויף בוידימער, און ווען די קעלטן האָבן זיך געשטאַרקט האָט זיי אָן ס.ס.־מאַן זעלבסט איינגעאָרדנט אין דירות. אָט האָט מען אויך פונאַנדערגעטיילט קאָלדרעס און וועש און מען האָט אויך געמאַכט מער האָלץ־סאַנדאַלן. מען האָט אויך אַריינגעשטעלט אויוונס אין די נייע באַראַקן.

און פּלוצלינג, ווי אַ דונער אינמיטן אַ העלן טאָג, האָט מען אָנגעזאָגט די טעבענס־אַרבעטער, אַז אויפצומאָרגנס, דעם 9־טן אָקטאָבער, וועט פאַרקומען אַן אַפּעל 2 בייטאָג, אין די וואַרשטאַטן. שוין פון לאַנג איז נישט פאַרגעקומען קיין מענטשן־דורכקוק אינמיטן טאָג. אין די טעבענס־וואַרשטאַטן איז אין אַלגעמיין געווען גאַנץ רואיק. אויסער באַזוכן פון פאַרשידענע קאָמיסיעס, וועלכע האָבן זיך אינטערעסירט נאָר מיט דער אַרבעט און נישט מיט די מענטשן. עס איז אַלץ געווען אין אָרדנונג. מען האָט געאַרבעט כמעט אָן אַ קאָנטראָל. נאָר איין מאָל אין טאָג איז געקומען אויף אַ באַזוך דער דירעקטאָר באַו אָדער מורמאַן. זייערע וויזיטן זיינען געווען גאַנץ קורצע.

יענעם טאָג האָט דירעקטאָר באַו פאַרזיכערט: „עס וועט נאָר זיין אַ ציילונג פון די מענטשן". געוויינטלעך האָט מען נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דער פאַרזיכערונג און יענעם טאָג זיינען נישט אַלע געקומען צו דער אַרבעט. היות ווי דער אַפּעל איז געווען באַשטימט אויף 2 אַזייגער, האָט מען פאַרהאַלטן די ערשטע שיכט אין די וואַר־שטאַטן — זי האָט געאַרבעט פון 6.30 אינדערפרי ביז 2.30 נאָכמיטאָג. די צווייטע אַרבעטס־שיכט פלעגט אַרויסגיין פון וואוין־קוואַרטאַל 1.30 כדי אָנצוקומען אין לאַגער 2 אַזייגער און נאָך באַוויזן צו באַקומען מיטאָג. ווען ס'איז אָנגעקומען די צווייטע שיכט האָט מען אַלע מענטשן צוזאַמענגעציילט. דעם ציילונגס־אַפּעל האָט אַדורכגע־

[1] די אידישע אַרבעטער אין די אונטערנעמונגען פונם דייטש וואַלטער צעזאַר טעבענס, וועלכע זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן פון וואַרשע קיין פּאָניאַטאָווע. דאָס זיינען געווען „שאָפּן", אין וועלכע אין וואַרשע האָבן געאַרבעט אַרום 12 טויזנט אידן, ביים אויסאַרבעטן אוניפאָרמען פאַר דער דייטשער אַרמיי, פאַרשידענע קליידונגס־זאַכן, עס זיינען אויך געווען רעפּאַריר־וואַר־שטאַטן א.א.וו. די שולץ־אונטערנעמונגען זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן פון וואַרשע אינם לאַגער טראַווניקי.

פירט דער „לאַגערשפיס" (לאַגער אינספּעקטאָר) גליי[2]. עס האָבן געפעלט עטלעכע צענדליק מענטשן לויט דער ליסטע. גליי האָט זיך געגרייט זיי אויסצוזוכן אין וואוין־קוואַרטאַל. גליי האָט שוין פריער־אַמאָל אַ זאָג געטון: „די זומער וואוינונג דאַרף מען פאַרניכטן". גלייכצייטיק איז אין וואוין־קוואַרטאַל פאָרגעקומען אַ ציילונג־אַפּעל פונם „אַרבעטס־איינזאַץ", וועלכער האָט געדויערט פון 2 ביז 4. דערדאָזיקער אַפּעל האָט געדאַרפט אַדורכגעפירט ווערן אויפן פינפטן פעלד פון „אַרבייטס־איינזאַץ", דאָרטן איז ער אָבער נישט אַדורכגעפירט געוואָרן. די טעבענס־אַרבעטער האָבן זיך באַצויגן מיט גרינגשעצונג צום אַפּעל און זיי זיינען יענעם טאָג נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. בשעת דעם אַפּעל אין וואוין־קוואַרטאַל זיינען זיי געווען מיט די ס.ס. גרופּעס, ווייל די וואוינונגען האָבן געדאַרפט זיין ליידיק פון 2 ביז 4. אויך די מוטערס מיט זייערע קינדער ביז 4 יאָר, וואָס זיי האָבן געהאַט רעכט נישט בייצוזיין דעם אַפּעל, האָבן יענעם טאָג געמוזט פאַרלאָזן די דירות. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער אַפּעל ענדיקט זיך רואיק און אַלע האָבן זיך אומגעקערט אין זייערע וואוין־בלאָקן. אָבער — ווי עפּעס וואָלט נאָך געהאָנגען אינדערלופטן. אַ שוואַרצער, פינצטערער וואָלקן האָט זיך אָנגערוקט אויפן הימל, ווי ער וואָלט געבראַכט מיט זיך און אַראָפּגעלאָזט איבערן גאַנצן לאַגער עפּעס אַ שווערן טרויער. אַזייגער 4.30 האָט גליי אָנגעטעלעפאָנירט אין וואוין־קוואַרטאַל און געפרעגט, צי דער אַפּעל איז פאַרענדיקט. אַן ס.ס.־מאַן, ברילוש, האָט געענטפערט, אַז יאָ. דער „לאַגערשפיס" האָט אָבער דערויף אָפּגעענטפערט מיט אַ באַפעל ווידער צונויפצורופן אַלעמען און ער האָט אָנגעזאָגט, אַז ער קומט גלייך צופאָרן.

עס האָט זיך ווידער אַ טראָג געטון די דונערנדע שטימע פון די „ווערקשוץ־לייט[3] (די וואַך פון די וואַרשטאַטן): „אַלע אַרויסגיין!" — און שוין האָט מען געשאָסן אין דער מאַסע, און שוין זיינען געווען פאַרוואונדעטע פרויען. מענטשן לאָזן איבער זייערע וואוינונגען אָפן־הפקר, אין דער בהלה באַוויזן זיי נישט אָנצוטון די מאַנטלען. אונטער אַ האָגל פון קוילן לויפן זיי צום פּלאַץ, וואו עס קומט פאָר דער אַפּעל. די אוקראַאינער שטייען אָנגעגרייט מיט זייערע ביקסן און וואַרטן, ווייזט אויס, אויף אַ באַפעל. אַלע האָבן זיך בליץ־שנעל אויסגעשטעלט אין פינפטלעך. אַ טויט־שטילקייט. דאָס האַרץ קלאַפּט הויך. די אויגן זיינען אויפגעריסן פון שרעק. מען פרעגט נישט איינער דעם

[2] פון די ערגסטע דייטשע סאַדיסטן. ער פלעגט תמיד אַרומגיין אין דער באַגלייטונג פון אַ הונט, און פון צייט צו צייט פלעגט ער איינאָרדנען פאַרן אייגענעם פאַרגניגן „בלוט־ספּעקטאַקלען"; ער פלעגט זיך אַריינרייסן אין לאַגער־באַראַק מיטן הונט, אים אָנרייצן אויף די מענטשן און יאָגן זיך נאָך זיי ביי די געשרייען און געיאָמערס פון די פרויען און קינדער.

[3] אין איין דאָקומענט ווערט געבראַכט, אַז די „ווערקשוץ"־לייט זיינען נאָמינירט געוואָרן הויפּטזאַכלעך פונצווישן די, וועלכע זיינען פריער געווען געטאָ־פּאָליציאַנטן. זיי האָבן געטראָגן ספּעציעלע היטלען און האָבן געהאַט די מעגלעכקייט פון אַ פרייער באַוועגונג אינעם לאַגער. אַזוי איז אויך געווען, ווען די וואַרשטאַטן זיינען נאָך געווען אין וואַרשעווער געטאָ.

אַנדערן גאַרנישט; געוויינטלעך פלעגט זיין גאַנץ טומלדיק בשעת די אַפּעלן. ברילוש פלעגט די גרופּעס־עלטסטע, וויפל מענטשן זיי האָבן און יעדערער גיט אָן זיין צאָל. ער פרעגט איבער נאָך אַ מאָל מיט אומצוטרוי. עס פאַלן דראָענדע ווערטער. „אויב די גרופּעס־עלטסטע וועלן נישט מודה זיין, אַז עס זיינען דאָ פאַראַן פרעמדע — וועלן זיי גלייך דערשאָסן ווערן". עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויסזוכן די פרעמדע. לאָזט זיך אויס, אַז עס זיינען פאַראַן עטלעכע צענדליק אַזעלכע אומגליקלעכע, וועלכע האָבן געפעלט אין די וואַרשטאַטן. מער ווי צען צווישן זיי האָבן באַפרייאונגען פונם דאָקטאָר. די אוקראַינער האָבן תיכף אַרומגערינגלט די אויסגעפונענע, חוץ די צען באַפרייטע, און זיי אָנגעהויבן שטויסן צום וועלדל, וואָס ביים אַריינגאַנג אין וואַוין־קוואַרטאַל.

דערווייל האָט אין לאַגער זיך געלאָזט הערן דער גלאָק. עס איז פיר אַזייגער און די אַרבעט אין לאַגער איז פאַרענדיקט. דער טייל וואָס האָט געענדיקט די אַרבעט, 1500 מענטשן, הויבט זיך אָן צונויפזאַמלען ווי אַלעמאָל און לאָזט זיך אַוועק אין וואַוין־קוואַרטאַל. ביים אַריינגאַנג אין ישוב האָט מען דעם גאַנצן עולם פאַרהאַלטן. צופעליק בין איך געווען אין די ערשטע רייען און געצוואונגענערהייט האָב איך געמוזט זיין אַ נאָענטער עדות פון אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען — מיט די פון ישוב געבראַכטע מענטשן. פרויען האָבן געוויינט, געחלשט. איינע האָט זיך געבעטן מיט אַ הויכער שטימע: „הער לאַגערשפּיס, איך שווער ביי גאָט! איך אַרבעט יעדן טאָג, נאָר היינט..."

די רייד ווערן איבערגעריסן. עס דערהערן זיך געשרייען און געוויינען. מען האָט זיי אַלעמען באַפוילן אויסצוטון זיך און זיך אַוועקלייגן. עס האָבן אָפּגעהילכט צענד־ליקער שאָסן. דאָס בלוט איז אונז פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן. איך באַקום ווינ־קראַמפּן. מיין 10־יעריק מיידעלע, וואָס צופעליק האָב איך זי היינט מיטגענומען מיט מיר צו דער אַרבעט, באַרואיקט מיך. מיין מאַן פאַרשטופּט מיר דאָס מויל, ער פאַרדעקט מיר מיט זיין האַנט די אויגן. מיר מוזן זיין רואיק! איך האָב נאָך געזען ווי דער „ווערקשוץ"־מאַן געדאַנקען בעט זיך און וויל ראַטעווען זיין פרוי. מען האָט אויך אים געהייסן אויסטון זיך און אַנידערלייגן — נעבן איר.

נאָך דער עקזעקוציע האָבן זיך די אוקראַינער אומגעקערט אין זייערע היימען. די ס.ס.־לייט, גליי, ברילוש און דער ראַטע־פירער, זיינען אַוועקגעפאָרן אין לאַגער אַריין, מן־הסתם אין האָטעל וואו זיי האָבן אַלע געוואוינט (אַ שיינע ווילע נעבן וואַלד, מען האָט עס גערופן — דער האָטעל). מען האָט אונז אַריינגעלאָזט אין וואַוין־קוואַרטאַל. מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען נעבן טויטן קערפּער פון אַ יונגן מענטש, וועלכער איז געלעגן אויסגעצויגן אין די בגדים אויפן שאָסיי. ער האָט, ווייזט אויס, געאיילט זיך צום ציילונגס־אַפּעל אינם וואַרשטאַט פאַר געפלאָכטענע קוישן, און ער האָט נישט באַוויזן... דאָס ברויט, די עפּל און אויך דאָס ברויט־זעקל זיינען געלעגן צעוואָרפן אַרום אים. אויסמיידנדיק די נאַקעטע קערפּערס פון די דערמאָרדעטע האָבן מיר זיך

אַרייַנגעלאָזט אין וואָרין־קוואַרטאַל ווי משוגע־געוואָרענע. יעדערער פון אונז האָט איבערגעלאָזט אין שטוב עפּעס אַן אייגענעם. יעדערער האָט זיך געאײַלט און געוואָלט זען זײַן פאַמיליע. עס האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן געשרייען, יאָמערס, רופעניש. איינע אַ יונגע פרוי לויפט אַרום און יאָמערט: „טאַטע איך האָב דיך דערהרגעט, איך האָב דיך נישט געלאָזט גיין צום אַפּעל אין וואַרשטאַט, וויאַזוי וועל איך קענען לעבן און טראָגן אויף זיך די שולד פון דיין טויט?״ — — —

נאָך יענער ציילונג האָבן זיך אָנגעהויבן זייער אָפּט איבערחזורן די מאָרד־שיסערייען, מען האָט דערשאָסן אויפן אָרט פאַר די קלענסטע „עבירות״. דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרעסטן פון די רייכערע אידן אין לאַגער. דאָס זיינען געווען מיט־גלידער פון די פאַמיליעס אָפּאָליאָן, נויפעלד, פּרויסעל, ניעדזשוויעדזש, שאַך א.א.[4] מען פלעגט זיי באַפרייען פאַר גרויסע געלטער. יעדן טאָג זיינען פאָרגעקומען שיסע־רייען און אַרעסטן. מענטשן זיינען דערשאָסן געוואָרן אין די באַראַקן, כאָטש זיי זיינען באַפרייט געוואָרן פון דער אַרבעט דורכן לאַגער־דאָקטאָר. אויך מיט מיר איז עפּעס פאָרגעקומען אין יענע טראַגישע טעג. איך האָב געאַרבעט אין אַ בעטאָנעריי אויפן פעלד נומער 5. דאָס איז געווען אַ וואַרשטאַט, וואו די מענער האָבן אויסגעאַרבעט באַלאַטעס. אין איינעם אַ טאָג, אין דער צווייטער העלפט אָקטאָבער, האָב איך זיך שטאַרק פאַרקילט, איך האָב געהאַט קאַטאַר און קאָפּ־שווינדל. געווען איז גראָד אַ שיינער זוניקער טאָג. איך בין אַרויס פון וואַרשטאַט און זיך אַוועקגעזעצט אויף די באַלאַטעס אָנצוואַרמען זיך אויף דער זון. איך האָב נישט באַמערקט ווי גליי קומט צו נאָענט צו מיר רייטנדיק אויף אַ פערד. ער איז געבליבן שטיין ביי אַ 5 מעטער פון מיר. מיין קאָפּ איז געווען אַראָפּגעלאָזן, אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט. פּלוצים האָב איך דערהערט דייטש: „וואָס טוסטו דאָ, דו שלאָפסט?״ איך בין אויפגעשפּרונגען און געענטפערט: „ניין, איך שלאָף נישט, איך האָב אַ קאַטאַר און קאָפּווייטיק״. צו מיין מזל איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען אַ „קאַפּאָ״ (אידישער פּאָליציאַנט), האָט ער פאַרעדט דעם דייטש און אויסגעשריען צו מיר: „אַנטלויף שנעל צו דער אַרבעט!״ אזוי בין איך יענעם טאָג אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון טויט. אין יענער צייט זיינען אַ צוואַנציק מענטשן דערשאָסן געוואָרן פאַר שלאָפן אָדער זיצן אין דער אַרבעט־צייט, פאַר נישט האָבן אַדורכגאַנג־דערלויבנישן און פאַר אַנדערע לייכטע פאַרברעכנס.

דעם 24־טן אָקטאָבער זיינען מיר געקומען צום פּלאַץ ווי געווייַנטלעך. דער

---

[4] דאָס זיינען געווען רייכע אידישע פאַבריקאַנטן פון וואַרשע, וועלכע האָבן געאַרבעט אין פּאָניאַטאָוואָ אַלס „שאָפּ״־דירעקטאָרן. וועגן איינעם פון זיי, אָ פּ אָ ל י אָ ן, אַ גרויסער עושר, דער באַוואוסטער שמאַטעס־סוחר פון לאָדזש, איז באַקאַנט, אַז אין אָנהויב אַפּריל 1943 איז געווען אַ שאַרפער קאָנפליקט צווישן אים און דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע, צוליב אַן אָפּצאָל וואָס איז פאַרלאַנגט געוואָרן פון אים. דער שטאַב פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז געווען געצוואונגען אים צו אַרעסטירן און ערשט נאָך עטלעכע טעג אַרעסט האָט זיין משפחה אַריינגעטראָגן די געפאָדערטע סומע.

ציילונגס־אַפּעל האָט זיך געצויגן אָן אַן אויפהער. פּיש [5] האָט אָנגעגעבן דעם לאַגער־אינספּעקטאָר גליי די צאָל פון זיינע מענטשן. גליי האָט עס איבערגעגעבן דעם לאַגער־קאָמענדאַנט הערינג [6]. עס איז אָנגעקומען דער ס.ס.־אָפיצער אונטערשטורמפירער וואַלעראַנג; ער האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן שאָסיי, ווי אַ קינסטלער, וועלכער דערוואַרט אַפּלאָדיסמענטן, און דערנאָך האָט ער זיך דערנענטערט צו אונז מיט געמאָסטענע טריט. די באַשעפטיקטע ביי דרינגלעך־נויטיקע אַרבעטן, ווי שניידעריי, שוסטעריי, סטאָלעריי, קאַנאַליזאַטאָריי א.אַ.וו. זיינען אַוועק צו דער אַרבעט. דאַגעגן זיינען די אַנדערע, וואָס זייער אַרבעט איז געווען אַ ווייניקער וויכטיקע, פלוצלינג אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אוקראַינער. מען האָט אונז געגעבן גראַבאייזנס און מיר זיינען אַוועק־געשיקט געוואָרן אין וואַלד אַריין צו אַן אַנדער אַרבעט. מיר האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן, אַ טייל פון אונז זייענדיק דערשטוינט און אַ טייל — גלייכגילטיק. אַנטקעגנאיבער פעלד נומער 5 איז געלעגן פעלד נומער 6. אויף דעמדאָזיקן פּלאַץ, נאָענט צום וואַלד, איז געשטאַנען אַ שיינע איינשטאָקיקע געביידע. אין די צימערן פון אָט דער שיינער געביידע, וועלכע זיינען געווען אויסגעפּוצט מיט טייערע מעבל און באַלייגט מיט דיוואַנעס, האָבן געוואוינט ס.ס.־לייט און דאָרט זיינען אויך געווען די אַמט־ביוראָס, וואו עס האָבן געאַרבעט אידן. דאָס דאָזיקע הויז האָט מען גערופן — דער האָטעל. אין וואַלד, נעבן האָטעל, האָט מען געדאַרפט אַרומרייניקן אַ פּלאַץ און דאָרט אויס־גראָבן אַ קאַנאַל. דער פּלאַץ איז פול געווען מיט וואָרצלען און קוסטעס. אומגעפער אַ האַלבער קילאָמעטער איז געווען אָנגעצייכנט מיט פלעקלעך און דראָטן. לויט די אָנגעצייכנטע סימנים האָבן מיר געדאַרפט אויסגראָבן אַ קאַנאַל אַ מעטר די ברייט און צוויי מעטער די טיף. מיר האָבן געאַרבעט מיט גראַבאייזנס, לאָפּאַטעס און העק. דער ס.ס.־אָפיצער וואַלעראַנג האָט אונז נישט אַליין־געלאָזן קיין איין מינוט. ער האָט אַריינגעקלאַפּט פלעקלעך, האָט געגראָבן מיטן גראַבאייזן, האָט געגעבן אָנווייזונגען; דערביי האָט ער געשלאָגן וויפל ער האָט נאָר געקענט, ער האָט געריסן די האָר ביי די פרויען און געבריקעט מיטן פוס מיט אַלע כוחות. אויך זיין פריינט גירציק האָט געשלאָגן מיט אַ דיקער בייטש אַלע אַרבעטער, דערצו האָט ער נאָך אָנגערייצט זיין הונט און געגוואַלדעוועט: „טעמפּאָ! טעמפּאָ!״.

עס איז געווען אַ פראָסטיקער, אָן־זוניקער ווינטער־טאָג. פונדעסטוועגן האָבן מיר געמוזט אויסטון די מאַנטלען און אַראָפּנעמען די הענטשקעס פון די הענט און די

[5] אַ איד פון דייטשלאַנד.

[6] הערינג האָט געהאַט אַ מנהג אַריינצורייטן אין לאַגער אויף אַ ווייס פערד, און אַ אידיש אינגל, אין אַ ספּעציעלער קליידונג, איז אים נאָכגעריטן אויף אַן אייזל. יעדער אָנקום זיינער פלעגט אַרויסרופן אַ בהלה, ווייל באַלד האָבן זיך דערהערט שיסערייען און עס זיינען געפאַלן קרבנות. אויך דער פּאָליציי־פירער גלאָבאָצניק (זע ז. 161, באַמ. 54), וועלכער האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף אַלע קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין לובלינער געגנט, פלעגט פון צייט צו צייט באַזוכן דעם לאַגער אין פּאָניאַטאָווא.

טיכלעך פֿון קאָפּ. איך האָב איין מאָל אַ הויב געטון דעם קאָפּ און אַ קוק־געטון צו דער זייט פֿון די אַרבעטער — האָב איך דערזען איינע אַ פֿרוי, וועלכע האָט זיך באַזונדערס בולט־געמאַכט מיט אירע רויטע האָר. איך האָב באַמערקט, ווי זי האָט אויף איין מאָמענט אויפֿגעהערט די אַרבעט, ווייזט אויס, כּדי אויסצוגלייכן דעם רוקן; איז צו איר צוגעגאַנגען גירציק און געגעבן אַ שמיץ מיט דער בייטש אויף איר פּלייצע. מער האָב איך זי שוין קיינמאָל נישט געזען. פֿון דאַמאָלסט אָן האָב איך שוין נישט געוואַגט אויסצוגלייכן דעם רוקן, ווייל מיינע העלע האָר האָבן זיך בולט־געמאַכט צווישן די שוואַרצהאָריקע קעפּ פֿון די אַרבעטנדיקע פֿרויען. איך האָב זיך קיין איין מאָל נישט אויסעגלייכט, כאָטש איך האָב געמיינט, אַז איך ווער משוגע פֿון ווייטאָק.

מיר האָבן געאַרבעט פֿון 7 אינדערפֿרי ביז 12 מיטאָג. צוועלף אַזייגער האָט זיך דערהערט דער גלאָק. אַ הפסקה אויף צוואַנציק מינוט. די ס.ס.־לייט זיינען אַוועק עסן מיטאָג, אָבער פֿריער האָבן זיי געבראַכט די אוקראַינער אונז צו באַוואַכן. בשעת דער הפסקה האָט מען אונז איינגעשטעלט אין פֿינפֿטלעך און מען האָט נאָכגעקאָנטראָלירט אונזערע צאָלן. מען האָט אונז געצוואונגען צו זיצן, און די גרופּן־עלטסטע האָבן גע־דאַרפֿט אונז דערלאַנגען אונזערע שפּייז־זעקלעך. יענעם טאָג האָבן מיר נישט געגעסן קיין פֿרישטיק. איך האָב גערעכנט, אַז פֿון דער קיך וועט מען אונז צושיקן קאַפֿע אין דער הפסקה־צייט, ווייל מיר זיינען דאָך גענומען געוואָרן אויף אַ נישט־געווײַנטלעכער אַרבעט. און מיר זיינען געווען איבער 2000 מענטשן. דער האַלז איז געווען טרוקן פֿון דורשט. יעדערער האָט פֿאַרלאַנגט זיין זעקל. איך האָב באַוויזן אויפֿצועסן נאָר אַ העלפֿט פֿון אַ קליינעם עפּל, — דאָס ברויט האָב איך נישט געקענט עסן צוליב דעם שרעקלעכן דורשט, — און מען האָט אונז שוין געהייסן צוריקגיין צו דער אַרבעט. גע־ווײַנטלעך פֿלעגן אונזערע אויפֿזעער מאַכן די מיטאָג־הפסקה פֿון אַזייגער 12 ביז 2.30, היינט האָט זייער מיטאָג־עסן געדויערט נישט מער ווי אַ האַלבע שעה און זיי האָבן זיך שנעל אומגעקערט, כּדי אונז ווידער צו פּייניקן. מיינע הענט זיינען פֿול געוואָרן מיט בלוטיקע בלאָטערן. איך האָב געאַרבעט מיט די לעצטע כּוחות.

אַזוי האָבן מיר געאַרבעט ביז 4 אַזייגער אין דערוואַרטונג פֿון דעם אַזוי־באַגערטן קלונג, וועלכער זאָל אונז באַפֿרייען פֿון דער קאַטאָרגע־אַרבעט. אָבער — די באַגערטע שעה איז אָנגעקומען און מיר זיינען נישט באַפֿרייט געוואָרן. יעדע ווייטערדיקע פֿערטל שעה האָט ביי אונז אויסגעזען ווי הונדערט יאָר. די פֿאַרמאַטערטע, פֿיבערנדיקע און דורשטיקע מענטשן זיינען אונטערגעטריבן געוואָרן דורך וואַלעראַנגען פֿאַרצוזעצן די אַרבעט. גירציק, אין שטענדיקער באַגלייטונג פֿון זיין שוואַרצן הונט, האָט אָנגעהויבן פֿייפֿן און פֿאַראָרדנט איבערצורייסן די אַרבעט. מיר זיינען אַרויסגעשפּרונגען פֿונם קאַנאַל און אָנגעהויבן אָנטון זיך. אינמיטן־דרינען האָט אויף אונז אַ דונער געטון וואַלעראַנגס הויכע שטים: „ווער האָט אייך דערלויבט אויפֿצוהערן אַרבעטן?“ — און איידער גירציק האָט נאָך באַוויזן צו פֿאַרענטפֿערן זיך פֿאַר אים, אַז דאָס האָט ער געטון

לויטן באַפֿעל פֿון הערינג׳ן, זיינען מיר געווען געצוואונגען אויגנבליקלעך אומצוקערן זיך, נעמען די צעוואָרפֿענע גראַבאַייזנס און ווידער אָנהויבן אַרבעטן. ווער עס האָט נישט באַוויזן איינצושטעלן זיך תיכף צוריק אין קאַנאַל האָט באַקומען עטלעכע פֿוס־שטויסן. צום גליק איז אַזייגער פֿינף אָנגעקומען הערינג און האָט אויפֿגעקלערט וואָלט־ראַנגען, אַז מען מעג אונז אָפּלאָזן, ווייל עס ווערט שוין פֿינצטער.

מיר זיינען ווידער אַרויסגעשפּרונגען פֿונם גרוב, אויסגעשטעלט זיך אין פֿינפֿט־לעך און גענומען מיט זיך די גראַבאַייזנס, די קילאָפּן און די העק, כדי אָפּצוגעבן זיי צוריק אין לאַגער־מאַגאַזין. די העק זיינען געווען אונזערע אייגענע. דעם 5־טן אָקטאָ־בער איז אַרויס אַ באַפֿעל אָפּצוגעבן די העק, אויב נישט — וועלן מיר דערהרגעט ווערן. מיר האָבן, פֿאַרשטייט זיך, אָפּגעגעבן אַלע העק און געמיינט, אַז די „אַפּוטראָפּסים" פֿאַרלאָזן אונז שוין און זיי האָבן, ווייזט אויס, מורא, טאָמער וועלן מיר באַנוצן די העק אָנצופֿאַלן אויף זיי.

אַרום צווייטויזנט און פֿינפֿהונדערט מענטשן האָבן יענעם טאָג נישט באַקומען קיין מיטאָג־עסן, צוליב צעטומלעניש אין די שפּייז־צעטלעך, און אײַנאָוונט האָט מען זיך געלייגט שלאָפֿן הונגעריקע.

דעם 3־טן נאָוועמבער (1943) זיינען מיר, ווי געוויינטלעך, געקומען צום ציילונגס־אַפּעל. עס האָט לאַנג געדויערט ביז ס׳איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַריכט וועגן דער פֿאַראַנענער צאָל מענטשן. אינצווישן איז אָנגעקומען נאָך אַ רעגימענט אוקראַינער. קיינער פֿון אונז איז נישט געשיקט געוואָרן צו דער אַרבעט. מיר האָבן נישט געוואוסט וואָס קען דאָ געשען. פּלוצים דערזע איך: מען קלויבט אָפּ מענטשן, ווייזט אויס — אָוועקצושיקן. איך בין געווען אָן מיין מאַן און אָן מיין טעכטערל, — אַ מוראדיקע שרעק האָט מיך אַרומגעכאַפּט. איך האָב מיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן צו זוכן עפּעס אַן אויסוועג. נישט לאַנג טראַכטנדיק האָב איך געמאָלדן דעם גרופּע־עלטסטן, אַז נאָכן קאָטאַר זיינען ביי מיר פֿאַרשטאָפּט געוואָרן די אָטעם־אָרגאַנען און מיין גאַנץ פּנים ברענט אין אַ שרעקלעכן ווייטאָק. נאָך איידער איך האָב באַקומען אַ תשובה פֿונם גרופּע־עלטסטן בין איך שוין געווען צווישן די, וועלכע זיינען געגאַנגען צום דאָקטאָר אין דער באַגלייטונג פֿון אַ ס.ס.־מאַן; דעם קאָפּ האָב איך איינגעהילט אין אַ טיכל. דערווייל האָבן די אוקראַינער אַרומגערינגלט די אָפּגעקליבענע מענטשן און זיי אַריינגעפֿירט אין אַ פּוסטן באַראַק. דער לאַגער־אינספּעקטאָר גליי האָט זיך נישט געפּוילט און האָט זיי אַלעמען פֿריער באַזוכט. די מענטשן האָבן זיך דאָך נישט געריכט אַוועקגעשיקט צו ווערן און האָבן דעריבער נישט באַהאַלטן זייער געלט, — איצטער איז עס אַריינגעפֿאַלן אין גלייס הענט. נאָך דער געלט־באַרויבונג האָט גליי פּלוצלינג דערקלערט, אַז די לאַגער־מאַכט האָט טעלעפֿאָנירט קיין לובלין און פֿון דאָרטן איז אָנגעקומען אַ דערלויבניש איבערצולאָזן זיי אויפֿן אָרט. אַלע זיינען באַפֿרייט געוואָרן.

4־טער נאָוועמבער, דאָנערשטאָג, אַ שטורמדיקער ווינט האָט געבושעוועט, ער האָט אַראָפּגעטראָגן די בלעטער פון די ביימער און אויסגעבעט דעם וואַלד מיט אַ שיינעם דיוואַן. ווי געוויינטלעך, קלינגט דער גלאָק 5 אַ זייגער (פאַרטאָג). נאָכן צווייטן קלונג בין איך שוין געווען, צוזאַמען מיט מיין מאַן, אונטן, אויפן וועג צום שאָסיי. אין גאַס איז געווען עפּעס אַ משונהדיקע פּאַניק. איך האָב נישט געוואוסט די סיבה דערפון. איך וויל גיין ווייטער, ערשט עס קומט אָן לויפנדיק דער וואַרשטאַט־אויפזעער און רופט־אויס: „דער אַפּעל איז 6 אַזייגער, אַלע גייען אַרויס". איך בין בליץ־שנעל צוריק־געלאָפן אין שטוב אַריין. איך האָב געדאַרפט אָנטון מיין טעכטערל און איר איינפּאַקן פרישטיק. איך האָב איינגעפּאַקט דאָס גאַנצע ברויט וואָס איז געווען אין צימער, אַ שטיקל פּוטער און עטלעכע עפּל. אין זעקל האָב איך אויך אַריינגעלייגט אַ האַנטוך, זייף, אַ קאַם און אַ ראַזירמעסער פאַר מיין מאַן. מיין מאַן האָט זיך אָפּגעראַזירט און אָנגעטון נאָך אַ סוועטער, ווייל ס'איז געווען קאַלט.

נאָך איידער איך האָב באַוויזן אַלץ איינצואָרדנען האָט זיך ווידער דערהערט די שטים פונם וואַרשטאַט־אויפזעער: „אַלע גייען אַרויס!" מיר האָבן געמוזט כּהרף־עין פאַרלאָזן דאָס צימער. ביי די שכנים איז אַ טומל. מען טוט זיך אָן אין איילעניש כדי שנעל אַרויסצוגיין פון הויז. מיר גייען אַרויס אויפן שאָסיי. קיינער באַמיט זיך נישט אונז איינצושטעלן אין פינפטלעך. מיר מאַרשירן אין לאַגער אַריין, צעשפּרייטער־הייט. נאָך עטלעכע צענדליק טריט דערזעען מיר פון ביידע זייטן וואַלד אוקראַינער מיט אָנגעשטעלטע ביקסן געצילט צו אונז. מיר גייען ווייטער. פּלוצלינג זע איך, אַז מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט ס.ס.־לייט און אויך זייערע ביקסן זיינען אָנגעשטעלט צו אונז. איידער איך האָב נאָך באַגריפן וואָס דאָס באַדייט, דערהער איך אַ שטים פון אַן ס.ס.־מאַן: „פאַרוואָס זאָלט איר נישט לויפן אַביסל?" — אַ האַלבן קילאָמעטער זיינען מיר געווען געצוואונגען צו לויפן. דערנאָך האָט מען אונז דערלויבט צו גיין אַביסל פּאַמעלעכער און מיר האָבן געקענט באַטראַכטן די ס.ס.־לייט. זיי זיינען געווען אָנגעטון אין גרויע מאַנטלען מיר גרינע קאָלנערס. עטלעכע פון אונז האָבן געזאָגט, אַז דאָס זיינען סאָלדאַטן פון דער „ווערמאַכט", דאָס רעגולערע דייטשע מיליטער. צוליב וואָס פאַר אַ סיבה איז זיי איינגעפאַלן אַזוי אַרומצורינגלען אונז, מיט אַזאַ גרויסער צאָל מאַשינגעווערן און סאָלדאַטן? מיר האָבן נישט געוואוסט וויאַזוי עס זיך אויסצו־טייטשן. מיר האָבן מאַרשירט שטילשווייגנדיק ביז מיר זיינען אָנגעקומען צו די וואַכ־פּאָסטנס. די דורכגאַנג־דערלויבנישן האָבן מיר שוין נישט געדאַרפט וויזן. דאַגעגן האָבן די מענער געמוזט אַראָפּנעמען די היטלען. נאָכן אַדורכגיין דעם וואַכפּאָסטן האָב איך מיך געזעגנט מיט מיין מאַן, ווייל ער איז געווען צווישן די טעבבענס־אַרבעטער. ביים וואַכפּאָסטן האָב איך באַמערקט ווי הערינג און וואַלעראַנג זיינען געשטאַנען ביים אויטאָמאָביל און געשמועסט מיט פרעמדע ס.ס.־לייט. דאָס האָט באַדייט, אַז אויפן אַפּעל־פּלאַץ איז קיינער נישטאָ. איך האָב געשפּירט ווי מיינע פיס ברעכן זיך איין.

נאָכן אָפּזעגנען זיך מיט מיין מאַן בין איך געגאַנגען פאָרויס מיט מיין טעכ־טערל. איך האָב גלייך דערזען, אַז גליי קלויבט אָפּ אַ גרופּע פרויען און שיקט זיי אוועק אויפן פעלד נומער 6. עס זיינען דאָרט געווען איבער 100, אונטער דער באַוואַכונג פון ס. ס.־לייט. אין ערשטן מאָמענט ווי מיר האָבן דערזען, אַז מען קלויבט אָפּ מענטשן, האָבן מיר געמיינט, אַז מען גרייט ווידער צו אַ טראַנספּאָרט. איך האָב מיך געוואָלט אַנשליסן צו זיי אָבער מיט מיין טעכטערל וואָלט איך דערוועקט ספּעציעלע אויפ־מערקזאַמקייט און איך האָב זיך געמוזט אָפּזאָגן פון דעם געדאַנק. זעענדיק, אַז די מענטשן דרייען זיך אַרום סתם־אַזוי בין איך אַוועק אין דער ריכטונג פונם באַראַק אויפצוזוכן מיין מאַן. איך האָב אים נישט געפונען. די ס.ס.־לייט האָבן אָנגעהויבן אַריינצושטופּן אַלעמען אין באַראַק אַריין, אין וועלכן עס האָבן פריער געוואוינט אַכט טויזנט מענטשן. לעצטנס, ווען עס זיינען אויסגעבויט געוואָרן נאָך באַראַקן האָבן די מענטשן אָנגעהויבן אַריבערקלייבן זיך אין די נייע, מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער. באַוווינט איז נאָך געווען נאָר דער מיטנטייל פונם באַראַק, און אין די זייטן־פליגלען זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרבאַרייטונגען אויפצושטעלן דאָרט אַ מעטאַל־וואַרשטאַט.

איבער 13 טויזנט מענטשן זיינען אַריינגעטריבן געוואָרן אין באַראַק אַריין. עס האָבן אויסגעבראָכן געשרייען און געוויינען, מוטערס האָבן פאַרלוירן זייערע קינדער, פרויען — די מענער, אַלע האָבן געזוכט איינער דעם אַנדערן. דער געוויין פון די קינדער, וועלכע האָבן פאַרלוירן די עלטערן, האָט זיך געטראָגן אָן אויפהער. נישט אַלע מוטערס האָבן מיטגענומען מיט זיך זייערע קינדער; די אוקראַאינער האָבן געמאַכט דורכזוכונגען אין די הייזער און אַז זיי האָבן דאָרט געפונען קינדער, האָבן זיי זיי אַוועקגעשיקט האַלב־אָנגעטוענע אין באַראַק אַריין. אַזוי האָבן זיי אויך געטון מיט קראַנקע. די ס.ס.־לייט האָבן דערוויל פאַרקלאַפּט דעם באַראַק־טויער און פאַרבאָטן צוצוגיין נאָענט צו די פענסטער. איינער האָט אויסגעשאָסן אין באַלקן אַריין און געגעבן אַ באַפעל אַרויסצופירן פון מאָל צו מאָל פופציק מענער. איך בין געזעסן אויף אַ שלאָפבאַנק ביים אַרויסגאַנג און האָב געזען אַלע באַקאַנטע פאַרלאָזן דעם באַראַק. איך האָב מיך געזעגנט מיט זיי נאָר מיט אַ קאָפּ־באַוועג. דערזעענדיק אַ קליינע גרופּע מענער שטייט און שמועסט פליסטערנדיק מיטן לאַגער־עלטסטן לענט (אַ איד), בין איך צוגעגאַנגען און געפרעגט וואָס קומט דאָ פאָר. איינער אַ ווינער האָט מיר גע־ענטפערט: „ווייסט איר נישט, אַז מיר זיינען אַ האַלבע שעה פאַרן טויט?״

דערדאָזיקער ענטפער איז מיר נישט אַריין אין באַוואוסטזיין. נאָכדעם ווי טויזנטער מענער זיינען שוין אַרויס פון באַראַק איז מיר געלונגען צו געפינען מיין מאַן. ער האָט מיר דערציילט, אַז מען ליקווידירט דעם לאַגער. די מענער וועט מען, ווייזט אויס, אַוועקפירן צופוס אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג, און די פרויען וועלן געפירט ווערן מיט דער באַן. איך בין געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז איך האָב מיין מאַן

נישט דערציילט וואָס דער ווינער האָט מיר געזאָגט. איך האָב עס אינגאַנצן פֿאַרגעסן. מיין מאַן איז געווען פולשטענדיק צוזאַמענגעבראָכן. ער האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד און בשום אופן נישט געקענט זיך באַרואיקן. די גרופּעס צו פופציק מאַן זיינען גיך אַרויס פון באַראַק. די פרויען האָבן זיך אָפּגעזעגנט פון זייערע מענער שטיל־כליפּענדיק. עס איז אָנגעקומען די ריי פון מיין מאַן, ער האָט געוויינט און איך בין געשטאַנען שטילשווייגנדיק, טראַכטנדיק דערביי, אַז שוין צום צווייטן מאָל רייסט מען מיר אַרויס אַ טייל פון מיין נשמה. מיין מאַן האָט נישט געוואוסט, אַז אין אַ ווײַלע אַרום וועט ער דערשאָסן ווערן און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט מיך אַרומזוכן אין אַלע לאַגערן. מיט אָט די ווערטער איז ער אַרויס פון באַראַק. צומלעצט זיינען אַרויס אַלע „ווערקשוצן", און באַלד נאָך זיי אַלע איבעריקע מענער. די מענער האָט מען אַרויס־געפירט אין פאַרלויף פון צוויי שעה. דאַן איז אָנגעקומען די ריי פון די פרויען. די פרויען האָבן זיך געפּאַרבט און געפּודערט און זיך שיין־געמאַכט, מיינענדיק, אַז עס ייעט זיין אַן אָפּקלויב. דער „ווערקשוץ"־קאָמענדאַנט באַומאַן (אַ איד) צוזאַמען מיט די ס.ס.־לייט האָבן זיי אייגגעשטעלט אין גרופּעס־צו־פופציק, און אויך די פרויען האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען גאַנץ רואיק. די ס.ס.־לייט האָבן אַדורכגעפירט אַ גרינטלעכע זוכונג אין די באַראַקן, זיי האָבן געזוכט אויף די שלאָפבענק, אין די וואַליזעס און אינם בעטגעוואַנט. איך ווייס נישט צי זיי האָבן געזוכט מענטשן אָדער געלט, אָבער זיי האָבן אַלץ איבערגעקערט און אויפגעריסן דאָס בעט־געוואַנט מיט די ביקסן־שפּיזן. נאָך דער אַדורכזוכונג האָט דער באַראַק אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם.

איך האָב געוואָלט אַרויסגיין מיט איינער פון די ערשטע גרופּעס, כדי צו דער־וויסן זיך וואָס איז געשען מיט מיין מאַן. מיין באַקאַנטע האָט מיך אָפּגעהאַלטן און געזאָגט, אַז מיר וועלן נאָך באַוויזן אַרויסצוגיין, ווייל ס'איז נישט גוט צו זיין צווישן די ערשטע ביים אָפּקלויב. שנעל זיינען די פרויען אַרויסגעגאַנגען און עס איז אָנגע־קומען די ריי צו אונזער גרופּע פון פופציק; איך האָב פעסט אָנגענומען מיין טעכטערל פאַר דער האַנט און בין אַרויס פון באַראַק.

נאָכן אַרויסגיין פונם באַראַק האָבן מיר זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן דערהערנדיק שיסערייען, אָבער מיר האָבן נאָך גאָרנישט פאַרשטאַנען. אויפן שאָסיי, נעבן די בייע באַראַקן, האָט מען אונז אָפּגעהאַלטן און באַפוילן, מיר זאָלן אויסטון די שיך. איך האָב הויך אַ זאָג געטון: „פרויען, מיר דוכט, אַז מיר גייען אין קבר אַריין". אין די זאָקן זיינען מיר צוגעגאַנגען צום צווייטן באַראַק. דאָרט האָבן מיר דערהערט די שטים פון אַן ס.ס.־מאַן: „אָפּגעבן דאָס געלט, גאָלד, צירונג, זייגערלעך, ווער עס וועט נישט געבן — וועט דערשאָסן ווערן!".

איך הויב אויף דעם קאָפּ און דערזע נאַקעטע פרויען מיט אויפגעהויבענע הענט דרייען זיך אַרום אין אַ קרייז. — — — וואָס הייסט דאָס? טראַכט איך מיר. אַן אָפּקלויב

פון נאַקעטע פרויען? איך בין יונג און גוט־געבויט אָבער צוזאַמען מיטן מיידעלע וועל איך נישט אַדורך דעם אָפּקליוב. מען האָט געמוזט שנעל אַריין אין באַראַק און אויסטון זיך. איך האָב נאָך באַוויזן צו זען ווי אַ יונגע פרוי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון די טרעפּלעך און אויסגערופן צו איר שוויגער: „מאַמע, צום ווידערזען אויף יענער וועלט"...

אין איינעם פון די באַראַק־צימערן זיינען געשטאַנען דריי פרויען און סאָרטירט קליידער. עס איז מיר אויפגעקומען אַ געדאַנק: אפשר זאָל איך אַ שפּרונג טון און אָנהויבן סאָרטירן קליידער? איך האָב אָבער נישט געקענט איבערלאָזן מיין טעכטערל. איך האָב געהאַט ביי זיך עטלעכע טויזנט זלאָטעס, האָב איך זיי איינגעוויקלט אין אַ טיכעלע אַ זאַג־טוענדיק צו מיין באַקאַנטער, אַז איך וועל צוזאַמען מיטן געלט גיין אין קבר אַריין. דאָס קידושין־פינגערל און אַ רינג האָב איך געמוזט אָפּגעבן, ווייל זיי זיינען געווען אויף די פינגער, אָבער אַ צווייטן רינג האָב איך אַריינגעשטעקט מיט אַ האָרנאָדל אין די האָר.

מיר האָבן זיך גיך אויסגעטון און מיט אויפגעהויבענע הענט זיינען מיר אַוועק צו די גראָבנס, וועלכע מיר האָבן אויסגעגראָבן מיט אונזערע אייגענע הענט. צוויי מעטער־טיפע קברים זיינען שוין פול געווען מיט נאַקעטע טויטע קערפּערס. מיין לאַגער־שכנטע מיט איר 14 יעריקער טאָכטער, אַ שיין, בלאָנד יונג מיידל מיט אַן אומשולדיק און לייכט־שמייכלענדיק פּנימל, האָבן אַזוי ווי געזוכט אַ באַקוועם אָרט. בעת מיר זיינען צוגעקומען האָט אַן ס.ס.־מאַן געלאָדן זיין רעוואָלווער, און אפשר האָט דער רעוואָלווער זיך פאַרהאַקט און דער ס.ס.־מאַן האָט געמייסטערוועט ביי אים. איך האָב אַ קוק געטון אויף אים און ער האָט געזאָגט: „נ י ש ט א ַ ז ו י ש נ ע ל..." פונ־דעסטוועגן האָבן מיר זיך שנעל אַוועקגעלייגט, כדי נישט צו קוקן אויף די טויטע קערפּערס. מיין קליין מיידעלע האָט מיך געבעטן, איך זאָל איר פאַרדעקן די אויגן, ווייל זי האָט מורא. איך האָב איר מיט מיין לינקער האַנט אַרומגענומען דאָס קעפּל און פאַרשטעלט די אויגן און מיט דער רעכטער האָב איך געהאַלטן איר רעכט הענטל און אַזוי האָבן מיר זיך אַוועקגעלייגט מיט די פּנימער אַראָפּ. אַ מינוט שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן שיסן אין אונזער ריכטונג, איך האָב דערשפּירט ווי עס האָט מיר אַ ברען געטון די לינקע האַנט. די קויל איז אַדורך דורך איר אין קאָפּ פון מיין צען־יעריק טעכטערל, וועלכע האָט אפילו נישט אַ ציטער געטון. און אָט דערהער איך נעבן מיר אַ צווייטן שאָסן־דונער, וועלכער האָט מיך אויפגעטרייסלט. איך דערשפּיר אַ שרעקלעכן רויש אין קאָפּ און איך ווייס נישט צי איך האָב פאַרלוירן דעם באַוואוסט־זיין. איך הער דאָס גסיסה־כאָרכלען פון מיין באַקאַנטע.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אַלץ געוואָרן טויט־שטיל. מיין באַוואוסטזיין אַרבעט נאָך און איך פאַרשטיי, אַז איך לעב. איך וואַרט אויף אַ קויל אָבער איך ווייז נישט אַרויס קיין שום סימנים פון לעבן. אַ פופצן מינוט שפּעטער האָט אַן ס. ס.־מאַן געבראַכט

אַ פרוי מיט אַ קינד. איך הער איר בקשה, ער זאָל איר דערלויבן אַ קוש צו טון דאָס קינד. אָבער דער מערדער דערלויבט עס נישט און די פרוי לייגט זיך אַנידער נעבן מיר. פון דער רעכטער זייט, אָנשפּאַרנדיק איר קאָפּ אין מײַנעם. עס האָט זיך דערהערט אַ שאָס און איר בלוט האָט אַ שפּריץ געטון אויף מײַן קאָפּ און באַגאָסן מײַן נאַקן און מײַנע האָר. פון־הינטן האָב איך מסתמא אויסגעזען ווי אַ טויטער קערפּער.

אַ שטיקל צייט הער איך נאָך די שיסערײַ, ביז אַלץ אַרום ווערט אינגאַנצן שטיל. הייסט עס, אַז איך ל ע ב, אָבער איך בין נישט פעאיק צו טראַכטן וואָס ווײַטער צו טון. אַ שעה שפּעטער דערהער איך שטימען פון ס.ס.־לײַט. איינער פון זיי האָט אַוועק־געשטעלט דעם פוס מיר אויף דער פּלייצע און אַזוי שיסט ער און רעדט הויך: „די בלאָנדע, די שוואַרצע". איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז געקומען נאָכקאָנטראָלירן צו איז נאָך עמיצער געבליבן לעבן. עס זײַנען זיכער געווען פאַרוואונדעטע, ווײַל איך האָב געהערט זיפצן, נאָך די איצטיקע שאָסן איז אַלץ שטיל געוואָרן. די ס.ס.־לײַט זײַנען אַוועק און איך האָב נישט דעם מוט אפילו איין מאָל דעם קאָפּ אויפצוהויבן. פון קעלט האָב איך אינגאַנצן געפיבערט. די קערפּערס פון די געהרגעטע זײַנען שוין געווען קאַלט. אין די פרימאָרגן־שעהן האָבן די נאַקעטע קערפּערס נאָך געוואַרימט.

אַ שטורעם־ווינט האָט צעשאָקלט די בוימער, ווי זיי וואָלטן געזאָגט נאָך אונז קדיש. עטלעכע מאָל זײַנען געקומען די אוקראַינער. איך האָב געהערט ווי זיי האָבן געשפּיגן אויף אונז, געזידלט „אין די זשידעס אַרײַן" און ווידער אַוועק. די שעהן זײַנען געקראָכן פּוילערהייט. יעדע שעה האָט אויסגעזען ווי אַן אייביקייט. עס האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן. די אוקראַינער זײַנען ווידער געקומען און אונז צוגעדעקט מיט יאָדלע־צווײַגן. עס איז מיר אַדורך אַ געדאַנק אין קאָפּ, — אפשר ווילן זיי אונז פאַרברענען. איך האָב זיך דערשראָקן און געוואָלט אויסשרײַען, אַז איך לעב, אָבער איך האָב נישט געקענט אַרויסברענגען קיין איין קלאַנג פון מויל. איך האָב געהערט די זיך־דערווײַטערנדיקע שריט און ערשט דאַן האָב איך געוואַגט אויפצוהויבן אַביסל דעם קאָפּ. די צווײַגן האָבן מיך פאַדעקט און איך האָב געקענט אַרומקוקן זיך.

עס איז געווען טונקעלער בין השמשות. מײַן ערשטער בליק אין געפאַלן אויף מײַן טאָכטער. איר פּנימל איז תמיד געווען לענגלעך, איצטער האָט ער זיך פאַרונדיקט און ס'איז געווען פאַרצויגן מיט אַ טויט־בלאַסקייט. איך האָב צוגעדריקט מײַנע ליפּן צו אירע האָר און אַקסל. איר הענטל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון מײַן האַנט. איך האָב אַ קוק געטון אויף מײַן לינקער, צווייטיקטער האַנט און דערזען אין איר צווי לעכער. די גאַנצע האַנט איז געווען פאַרגאָסן מיט בלוט. איך האָב ווידער אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ, ווײַל איך בין געווען זייער מיד. נישט געקוקט אויף דער מידקייט און אויפן קאָפּ־שווינדל האָט מיר אָנגעהויבן עגבערן אין קאָפּ די פראַגע: וואָס זאָל איך ווײַטער טון? די סביבה האָב איך נישט געקענט, איך האָב נישט געוואוסט געגנוי, וואו איך געפין זיך. איך האָב גערעכנט אַנטלויפן אין דער ריכטונג פון וואַלד. אָבער איך בין

דאָך געווען גאַנץ נאַקעט! מיר זיינען געלעגן נישט ווייט פון שאָסיי, וואָס פירט צום וואוין־קוואַרטאַל. אפשר צוגיין אַהין און אָנטון זיך? אָנצוקומען אין וואוין־קוואַרטאַל האָט מען געדאַרפט אַדורכגיין פאַרביי דעם וואַכפּאָסטן. יענער טויער איז געווען באַלויכטן און דער וועג אַהין איז אַ צוויי קילאָמעטער. אין דעם מאָמענט האָב איך דערזען צוויי אוקראַינער גייען אין דער ריכטונג צום וואוין־קוואַרטאַל. זיי זיינען געגאַנגען אייליק־שנעל, ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן פאַר די טויטע קערפּערס.

מיין פּלאַן איז נישט געווען אויספירבאַר. איך בין ווייטער געלעגן און געפרעגט זיך אַליין, צוליב וואָס פאַר אַ צוועק האָט מיך אויסגעמיטן די קויל און פאַרוואָס האָב איך נישט געגעבן קיין צייכן, אַז איך לעב? איך האָב נישט קיין שום מעגלעכקייטן צו ראַטעווען זיך, כאָטש נאָר דערפאַר ווייל איך בין נאַקעט. איך האָב די גאַנצע צייט געקוקט אין דער זייט פונם באַראַק פאַר די אוקראַינער און פונם האָטעל, — די פענסטער זיינען דאָרט געווען שטאַרק באַלויכטן. פּלוצלינג דערזע איך — איך ווייס אַליין נישט צי אַ געשפּענסט צי טאַקי אַ נאַקעטע פרוי לויפט גלייך אין דער ריכטונג פונם טויער, וואָס איך האָב אים געהאַלטן פאַר אומדורכדרינגבאַר. איך ווייס נישט צי זי איז אַדורך דורכן טויער, צי זי האָט זיך געראַטעוועט; פונדערווייטנס האָב איך עס נישט געקענט זען. מיין אויפמערקזאַמקייט צו דער נאַקעטער פרוי איז אָפּגעווענדעט געוואָרן דורך געשרייען, וועלכע האָבן זיך געטראָגן פון די באַראַקן צי פונם האָטעל, — איך ווייס נישט גענוי. מוראדיקע געשרייען פון פרויען האָבן זיך געלאָזט הערן: „ראַטעוועט! ראַטעוועט!" די געשרייען האָבן זיך איבערגעחזרט אַ פּאָר מאָל. איך האָב נאָך אַ טראַכט געטון, אַז בעסער וואָלט געווען, ווען מען וואָלט זיי דערהרגעט אַזויווי אונז. צום סוף האָבן די געשרייען אויפגעהערט.

פּלוצים האָב איך דערהערט אַ שטים וואָס קומט אַרויס פונם קבר: „מאַמעלע! מאַמעלע!" און עפּעס נאָך עטלעכע ווערטער, וועלכע איך האָב נישט געקענט אויפ־כאַפּן, עס האָט זיי פאַרטויבט אַ צעבושעוועטער ווינט. איך האָב שוין געוואָלט אַ פרעג טון „ווער לעבט" אָבער איך האָב מורא געהאַט. עס איז גאַנץ פינצטער געוואָרן. ס'איז שוין זיכער געווען אַזייגער זיבן און אפשר נאָך שפּעטער, ווען איך האָב באַמערקט, אַז אין דער זייט פון די וואַכפּאָסטנס האָט אויסגעבראָכן אַ מוראדיקע שרפה. דאָס פייער האָט זיך פאַרשפּרייט אין דער ריכטונג פון די באַראַקן, וואו עס זיינען צונויפ־געקליבן געוואָרן אונזערע בגדים. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָרטן האָט אַ גרופּע יוגנט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד [7]. דער אָנבליק פון דער שרפה האָט אין מיר אַרויסגערופן אַ מוראדיקע שרעק. איך האָב געמיינט, אַז מען פאַרברענט די טויטע קערפּערס און עס וואָלט געווען גרויליק צו לאָזן זיך פאַרברענען לעבעדיקערהייט. אין

[7] וועגן דעם פּרווו פון אידישן ווידערשטאַנד אין פּאָניאַטאָוואָ און דעם אונטערצינדן אַלע סחורה־לאַגערס זע „די ספּעציעלע מעלדונג", זייטן 178—179, אינם באַריכט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון 15־טן נאָוועמבער 1943.

טויט־שרעק האָב איך געגלעט דאָס פֿלייצעלע פֿון מיין טעכטערל, אַ קוש טון זי האָב איך מורא געהאַט, עס האָבן מיך געשראָקן די נאַקעטע, פֿאַרבלוטיקטע קערפּערס; איך האָב פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן די יאָדלע־צווייגן, איך בין אַריבערגעשפּרונגען די קופּע קערפּערס און בין אַוועקגעלאָפֿן אין דער ריכטונג פֿון וואַלד.

נאָכן קריכן איבער אַ צענדליק שריט אויף־אַלע־פֿיר האָב איך אָנגעטראָפֿן צוויי נאַקעטע פֿרויען און האָב מיך אָנגעשלאָסן צו זיי. אַליין נישט־וויסנדיק וואָס איך טו, האָב איך זיי אָנגערירט מיט דער האַנט און געפֿרעגט צי זיי לעבן, זיי האָבן מיר געע־ענטפֿערט, אַז יאָ און איך האָב אומצוטרויליכע אָנגעהויבן זיי צו גלעטן. לאַנג האָט מען דאָ נישט געקענט פֿאַרבלייבן צוליב דער נאָענטקייט צום אָרט פֿון די געשעענישן. מיר האָבן זיך מיישב געווען און באַשלאָסן צו גיין אין דער ריכטונג פֿון מלינקי, דאָס נאָענטסטע דאָרף. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב עטלעכע טויזנט זלאָטעס, האָב איך אַ זאָג געטון צו מיינע חברטעס אין אומגליק: „זאָרגט נישט וואָס איר זייט נאַקעט, איך האָב געלט און מיר וועלן זיך קענען אָנטון". זיי האָבן מיך געפֿרעגט וויאַזוי איך האָב עס געראַטעוועט, איך האָב זיי געוויזן, אַז פּאַפּיר־געלט איז נישט שווער געווען צו פֿאַרבאָרגן.

מען האָט נישט געטאָרט פֿאַרלירן קיין צייט און מיר האָבן זיך גיך אַוועקגע־לאָזט אויף־אַלע־פֿיר צו דער ערשטער כאַטע. דאָרט האָבן געוואוינט אין איין קעמערל אַן אַלטער און אַן אַלטיטשקע. אָ, גאָט, ווי וואַרים דאָרט איז געווען. די אַלטע לייט האָבן זיך דערשראָקן און איבערגעצלמט, דערזעענדיק דריי נאַקעטע פֿרויען. די אַלטיטשקע האָט אונז צוגעוואָרפֿן אַ פּאָר אַלטע, צעריסענע הויזן מיט אַ צעריסן קליידל און האָט אונז אָנגעהויבן אַרויסטרייבן פֿאַר מורא, אַז מיר וועלן צו איר פֿאַרשלעפּן די אוקראַינער. איך האָב מיך צוגעכאַפּט צו דער קיך וועלנדיק אַנוואָרימען זיך אַביסל, אָבער די פֿויערטע האָט נישט געלאָזט, מיר האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן די וואוינונג. איינע פֿון מיינע חברטעס האָט אַראָפּגעריסן עפּעס אַן אַלטן פֿאַרהאַנג און האָט זיך איינגע־הילט אין אים. אַרויסגייענדיק פֿון דער וואוינונג, האָב איך אָפּגעריסן אַ שטיקל פֿון דעמזעלבן פֿאַרהאַנג און זיך אַביסל פֿאַרדעקט.

מיר זיינען אַריין אין אַן אַנדער כאַטע, דאָרט האָבן מיר געבעטן וואַרים וואַסער אַרומצוּוואַשן זיך אַביסל, מיר זיינען דאָך געווען אינגאַנצן איינגעטונקט אין בלוט. מען האָט אונז געגעבן וואַסער, מיר האָט מען געגעבן אַ בלוזע, ווייל איך בין נאָך געווען נאַקעט, יעדערע פֿון אונז האָט באַקומען אַ שטיקל ברויט און מיר האָבן ווידער געדאַרפֿט אַוועקגיין, וויטער. מיר זיינען אַריין אין נאָך אַ כאַטע, עפּעס אַ יונג מיידל האָט אונז צוגעוואָרפֿן אַ לייוונטן קליידל און געהייסן שנעל פֿאַרלאָזן די וואוינונג.

מיר האָבן באַשלאָסן יענעם אָוונט נישט מער אַריינצוגיין אין קיין כאַטעס. עס איז שוין געווען שפּעט און מיר האָבן גענומען אויפֿזוכן עפּעס אַ בונט שטרוי, וואו מיר זאָלן זיך קענען באַהאַלטן. נישט וויט איז געשטאַנען אַ סטויג שטרוי, זיינען מיר

אַרויפֿגעקראָכן אויבן און אײַנגאַנצן אײַנגעגראָבן זיך אין שטרוי. דער ווינט האָט אַדורכ־געבלאָזן און דער שטרוי האָט גאָרנישט געוואַרימט. עס איז שוין געווען ליכטיק ווען מיר האָבן געהערט ווי דער פֿויער דרייט זיך אַרום דעם שטרוי, אַ פֿרוי איז אַרויס פֿון דער כאַטע געבן עסן די הינער. עס האָט שוין געמוזט זײַן גאָר נישט פֿרי.

מײַן חברטע, מיטן נאָמען רוזשאַ, האָט נישט לאַנג טראַכטנדיק געגעבן אַ שפּרונג אַרויס פֿון דער נאָרע און איז אַרײַן אין דער כאַטע בעטן עפּעס אַ בגד; מען האָט זי אַרויסגעוואָרפֿן און אויך אונדז פֿאַרטריבן פֿונם שטרוי. זי איז געלאָפֿן אַזוי שנעל, אַז מיר האָבן זי פֿאַרלוירן פֿונם בליק. מיר זײַנען געגאַנגען אַליין, אויסקלײַבנדיק אַ שלעכטן וועג, אַ זומפּיקן שטח. טאַפּטשענדיק אין בלאָטע ביז די קני, זײַנען מיר מיט מזל אָנגעקומען צום ברעג פֿון דעמזעלבן דאָרף. עפּעס אַ פֿרוי האַלט אונדז אָפּ און פֿרעגט: „וועלכע פֿון אײַך האָט געלט זאָל גיין נאָך מיר". איך האָב מורא געהאַט מודה צו זײַן, אָבער ווען זי האָט געזאָגט, אַז די דריטע חברטע איז בײַ איר אין דער וואוינונג, בין איך איר נאָכגעגאַנגען. רוזשאַ האָט מיט איר אָפּגעמאַכט, אַז מיר וועלן בלײַבן בײַ איר אין דירה צוויי טעג און זי וועט אונדז ברענגען בגדים. זי האָט אונדז געגעבן אַן אַלטן זומער־מאַנטל; אָנגעטון האָט אים טושאַ[8], — מײַן צווייטע חברטע, — איך האָב געגעבן דערדאָזיקער פֿויערטע טויזנט זלאָטעס און דערפֿאַר האָט זי אונדז געדאַרפֿט ברענגען נאָך עפּעס אַ מאַנטל. אין שטוב בײַ איר איז געווען אירע אַ באַקאַנטע, וועלכע איז אַרויס און צוריקגעקומען זאָגנדיק, אַז מיר מוזן גלײַך פֿאַרלאָזן די וואוינונג, ווײַל אַלע שכנים האָבן געזען, ווי מיר זײַנען אַהער אַרײַן. מיר זײַנען, פֿאַרשטייט זיך, גיך אַרויסגעלאָפֿן איבערלאָזנדיק 1000 זלאָטעס פֿאַר דער שמאַטע. מיר זײַנען אַוועק ווײַטער אין דער ריכטונג פֿונם דאָרף פּאָניאַטאָווע, דאָרטן האָט מען אונדז אָבער בכלל נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן און מיר האָבן געמוזט אַוועק אין וואַלד אַרײַן. אין וואַלד זײַנען געווען קופּעס טרוקענע בלעטער און צווײַגלעך, וואָס די פֿויערן קלײַבן צונויף אויף הייצונג, און היות ווי אונדז איז געווען קאַלט און אַ שטיקל ברויט האָבן מיר געהאַט, זײַנען מיר אָן לאַנגע טראַכטענישן אַרײַנגעקראָכן אין אַזאַ בלעטער־קופּע און זיך אײַנגאַנצן איבערגעדעקט, אַז קיינער זאָל אונדז נישט קענען באַמערקן.

מיר זײַנען פֿאַרבליבן אין די בלעטער ביזן פֿרימאָרגן. אײַנדערפֿרי, ווען מיר האָבן דערהערט שטימען אין־דער־נאָענט, האָבן מיר אַרויסגערוקט די קעפּ, ערשט מיר דערזעען עפּעס אַ פֿויער און אַ פֿויערטע. מיר האָבן באַשלאָסן צוצוגיין צו זיי. עס

[8] אין דער סעריע דאָקומענטן־ביכער, פֿאַרעפֿנטלעכט דורך דער צענטראַלער אידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן, אינם ערשטן בוך „לאַגערן" (דערשינען אין פּויליש אין דער ערשטער העלפֿט 1946) איז פֿאַראַן אַ שילדערונג פֿון אסתר רובינשטיין (ז. 261—266) וועגן איר לעבן אין פּאָניאַטאָווע און וועגן דעם ווי אַזוי זי האָט זיך פֿון דאָרט געראַטעוועט. לויט דערדאָזיקער שילדערונג דאַרף מען אָננעמען, אַז די דאָ דערמאָנטע טושאַ (וואָס לויט לאה פֿישער האָט זי געהייסן שטערן) איז אידענטיש מיט דער שרײַבערין פֿון יענער שילדערונג, אסתר (אָסטושאַ—טושאַ) רובינשטיין, וואָס איר מאַן איז דערמאָרדעט געוואָרן אין פּאָניאַטאָווע.

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן אַנגעטראָפן אַן אָרנטלעכן פויער, וועלכער האָט מסכים געווען צו ברענגען אונז עפּעס שמאַטעס צום אָנטון און הייסע מילך. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ער האָט טאַקי געבראַכט אמתע שמאַטעס און צעריסענע שקראַבעס אָבער אויך אַ טאָפּ הייסע מילך און ברויט. מיר האָבן זיך קודם־כל צוגעריסן צו די מילך, כדי זיך אָנצווואַרימען אַביסל. מיינע חברטעס האָבן אָנגעטון די געבראַכטע שמאַטעס, אָבער איך האָב צום באַדויערן זיי נישט געקאָנט אָנטון צוליב דער האַנט. איך האָב געטראָגן אויף זיך אַ מענערישע בלוזע, דער אַרבל האָט זיך מיר כסדר צוגעקלעפּט צו דער וואונד און איך האָב אים געמוזט פון מאָל צו מאָל אָפּרייסן פון איר, די האַנט האָט געשוואָלן און וויי־געטון. איך האָב אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ צעריסענעם זשאַקעט, די פיס האָב איך אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס און זיי אַריינגע־שטופּט אין אַ פּאָר צעריסענע מענער־שקראַבעס. איך האָב באַצאָלט אַ גאַנץ געזאָלצע־נעם פּרייז און געווען דאַנקבאַר דערפאַר וואָס ער האָט עס אונז געבראַכט. דעמזעלבן טאָג זיינען מיר אַוועק ווייטער, ווייל מען האָט געמוזט וואָס גיכער דערווייטערן זיך פונעם לאַגער.

מיר זיינען אַריין אין נאָך אַ דאָרף, פונוואַנען מען האָט אונז אַרויסגעטריבן, ווייל מיר האָבן געצויגן אויף זיך אויפמערקזאַמקייט מיט אונזער קליידונג און אונזער שרעקלעכן אויסזען; אונזערע פּנימער זיינען געווען אַדורכגעזאַפּט מיט וויטאָק. מיר האָבן ווידער געפונען אַ באַרג שטרוי און האָבן זיך באַהאַלטן אין אים איבער־נאַכט. אינדערפרי זיינען מיר ווידער אַוועק אין דאָרף אַריין. טושאַ איז נאָך געווען באָרוועס און מיר האָבן געוואָלט באַקומען פאַר איר עפּעס אַ פּאָר שקראַבעס אויף די פיס און אויך אויסטרינקען אַביסל הייסע קאַווע. מיר זיינען געגאַנגען אין די סאַמע־אָרימסטע הייזער, כדי מיר זאָלן פאַר געלט קענען זיצן אַ פּאָר שעה אין יעדן אָרט. טושאַ האָט געקויפט אַ פּאָר שקראַבעס פאַר זיך און צעריסענע זאָקן פאַר אונז אַלע דריי. רוזשאַ האָט געקויפט אויך עפּעס אַ טוך צו פאַרדעקן די שמאַטעס, וועלכע איך האָב געטראָגן אויפן קערפּער. און נאָך אַ קליינעם שאַנטאַזש — די פויערטע האָט נישט געהאַט קיין געלט צו געבן אונז רעשט, האָבן זיי אונז אָנגעשראָקן — זיינען מיר געווען געצוואונגען שנעל צו פאַרלאָזן די כאַטע.

מיר האָבן באַשלאָסן נישט צו פאַרהאַלטן זיך אין יעדן דאָרף כדי וואָס גיכער אַדורכצומאַכן דעם וועג אין דער ריכטונג פון וואַרשע. מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז קיין פויער וועט נישט מסכים זיין, פאַר קיין שום געלט, צו לאָזן אונז ביי זיך אין הויז צוליב מורא פאַר די אוקראַינער. מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן ערשט אין דאָרף קאָוואַליע. דערזעענדיק, אַז ביים אַריינגאַנג אין דאָרף געפינט זיך אַ קראָם און נעבן איר שטייט די קרעמערקע האָט רוזשאַ געגומען ביי מיר 500 זלאָטעס און איז צוגע־גאַנגען צו איר. די קרעמערקע האָט אונז געבראַכט ברויט און וואורשט און זי האָט צוגעזאָגט אויסצובאַהאַלטן אונז ביי איר אין שייער, וואו מיר וועלן קענען פאַרבלייבן

עטלעכע טעג און אפשר נאָך לענגער. ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, האָבן מיר אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט מיט אונזער קליידונג און אויסזען; קליינוואַרג האָט אונז גענומען נאָכיאָגן און מיר זיינען זיך צעלאָפן אין פאַרשידענע זייטן. איך האָב אָפּגעפונען טושאַן. ווערנדיק זיך אויסבאַהאַלטן פון קליינוואַרג האָבן מיר זיך שנעל אַוועקגעזעצט נעבן אַ באַרג שטרוי, נישט באַוויזנדיק אַריינצוקריכן אין אים. די קינדער האָבן אונז, צום באַדויערן, אָפּגעזוכט און אויך עלטערע האָבן אונז אַרומגערינגלט. זיי האָבן געדראָט, אַז זיי וועלן אונז אַוועקפירן צום סאָלטיס (דאָרף־עלטסטן) אָדער צום זשאַנדאַרם. איך האָב זיי געבעטן רחמים, אַז זיי זאָלן אונז לאָזן אַוועקגיין, איך האָב געוויינט פאַר זיי, ביז צום סוף האָבן זיי אונז רעווידירט איבערן גאַנצן קערפּער, אפילו גינעקאָלאָגיש און גראָד דאָרטן האָב איך געהאַט באַהאַלטן מיין פאַרבאָרגן געלט, וואָס זיי האָבן צום גליק נישט געפונען. איך האָב זיך איינגעבעטן ביי זיי, אַז זיי זאָלן אונז דערלויבן דאָ איבערזיצן די נאַכט און איינדעקן זיך מיט שטרוי, ווייל עס האָט גערעגנט. זיי האָבן דערלויבט און איך האָב געמיינט, אַז עס האָט שוין גענומען אַ סוף צו דער זאַך. ערשט נאָך אַ צען מינוטן זיינען צוריקגעקומען צוויי פויערן און געהייסן אונז אויפשטיין, צוזאָגנדיק דערביי, אַז זיי וועלן אונז אַוועקפירן ערגעץ אין אַ בעסערן אָרט, אָבער זיי האָבן נישט געזאָגט וואוּאַהין. מיר זיינען געגאַנגען מיט זיי אַ שטיקל וועג, צום סוף האָב איך זיך ביי זיי איינגעבעטן, אַז ווייטער וועלן מיר שוין גיין אַליין. זיי האָבן מסכים געווען און זיינען אַוועק. נאָך זייער אַוועקגיין האָבן מיר זיך צוגעזעצט, ווייל מיר האָבן געוואָלט אָפּוואַרטן ביז זיי וועלן שוין זיין ווייט פון אונז. דער רעגן איז געוואָרן וואָס־אַמאָל שטאַרקער. טושאַ האָט געוואָלט גיין אין דער דורך־זיי־אָנגעוויזענער ריכטונג, איך האָב אָבער באַשלאָסן נישט צו גיין אַהין.

אין עטלעכע מינוט אַרום דערהערן מיר אַ בילן פון אַ הונט; די זעלבע פויערן זיינען ווידער צוריקגעקומען, דערנענטערט זיך צו אונז, געגעבן אונז ברויט און געהייסן גיין נאָך זיי, — מיר האָבן קיין ברירה נישט געהאַט און זיינען נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן אונז אַרויסגעפירט פון דאָרף מיט אַ הינטערוועג און אָנגעוויזן אַ שטעגל, מיט וועלכן מיר האָבן גענאַרפט ווייטער גיין. איך האָב זיי געפרעגט, ווי הייסט דאָס דאָרף, וואָס אַהין וועלן מיר אָנקומען מיט דעם שטעג, אָבער זיי האָבן אונז נישט געוואָלט ענטפערן. איך האָב געשפירט אינסטינקטיוו, אַז מיר טאָרן נישט גיין אין דער דורך־זיי־אָנגעוויזענער ריכטונג, און איך האָב גוט געטון וואָס איך בין נישט געגאַנגען אַהין; דאָס איז געווען אַ וועג אין לאַגער אַריין, וועגן וואָס איך האָב זיך שפּעטער דערוואוּסט. זיי האָבן אונז איבערגעלאָזט אַליין. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אָפּוואַרטן ביז עס וועלן פאַרשטילט ווערן די טריט און עס וועלן אויסגעלאָשן ווערן די ליכטער אין דאָרף. דער רעגן האָט זיך געשטאַרקט, דער שטורעם האָט געבושעוועט און מיר זיינען אַדורכגענעצט געוואָרן אַדורך־און־דורך. מיר האָבן זיך צוגעטוליעט איינע צו

דער אַנדערער האַפּנדיק זיך אַנצוואַרימען אַביסל, אַזוי זיינען מיר אָפּגעזעסן אַ דריי שעה זיכער. ווען אַלץ איז איינגעשטילט געוואָרן, האָבן מיר זיך אַנטשלאָסן צוריק־צוגיין אין דאָרף אַריין. מיר האָבן אין־דערפינצטער געזוכט שטרוי, אָבער אין־דער־נאָענט האָבן מיר נישט געפונען. מיר האָבן נאָר געפונען היי פאַרדעקט מיט שטרוי. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט און צוגעדעקט מיטן דינעם שיכט נאַסן שטרוי. ערשט ווען ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָבן מיר געפונען אַ באַקוועמען אָרט. עס איז געווען זונטאָג און מיר האָבן נישט געוואָלט לאָזן זיך אין וועג אַריין, מורא־האָבנדיק פאַר די פויערן. מיר זיינען דעריבער אַרויס פון אונזער באַהעלטעניש ערשט מאָנטאָג אינדערפרי. וועגן אויסזוכן רוזשאַן האָט מען אפילו נישט געקענט אַ קלער טון, און מער האָבן מיר זיך שוין נישט באַגעגנט מיט איר.

מאָנטאָג אינדערפרי זיינען מיר אָנגעקומען אין דאָרף הוטי. דערזעענדיק אַ קליינינקע, נידעריטשקע כאַטקע, זיינען מיר אַריין אינווייניק. אין שטיבעלע האָט זיך געפונען נאָר אַ 11־יאָריקע מיידעלע, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט איינלייגן טאַבאַק־בלעטער. איך האָב אַ פרעג געטון דאָס מיידעלע, צי זי וועט זיך נישט שרעקן אויב מיר וועלן בלייבן מיט איר אין שטיבל און צי איר מאַמע וועט נישט זיין אין כעס אויב זי וועט אונז דאָ טרעפן. די קליינע האָט אויף אַלץ געענטפערט — יאָ. אין אַ שעה אַרום זיינען אָנגעקומען די מוטער און די באָבע, זיי זיינען אָבער נישט געווען אין כעס. איך האָב איבערגעבעטן פאַר אונזער אָנקום. די פרויען האָבן זיך אָנגעשטויסן ווער מיר זיינען. איך האָב פאָרגעלייגט דער מוטער געלט, זי זאָל אונז אויסבאַהאַלטן ביי זיך אַ פּאָר טעג, ווייל אונזערע פיס זיינען געשוואָלן און פול מיט וואונדן. זי האָט מסכים געווען, אָבער איר זון, אַ דרייצן־יעריק אינגל, האָט נישט געוואָלט מסכים זיין. מיר האָבן געמוזט פאַרלאָזן די שטוב און זיך זוכן אַ באַהעלטעניש אין־דערפינצטער. אינדערפרי זיינען מיר אַרויס פון שטרוי און אַוועק אין וואַלד אַריין; אין די בלעטער איז וואַרימער געווען צו ליגן, זיינען מיר ווידער אָפּגעווען דאָרט אַ גאַנצן טאָג.

אינאָוונט, אַז ס׳איז שוין געוואָרן גאָר פינצטער, זיינען מיר צוריקגעקומען צו דערזעלבער פויערטע און איר געגעבן געלט, זי זאָל אונז קויפן האַלץ־שיך, און פאַר מיר אויך זאָקן, אַ קליידל און אַ טיכל אויפן קאָפּ, און זי זאָל אונז אויך אָפּקאָכן קאַרטאָפל מיט מילך, ווייל שוין צוויי טעג האָבן מיר נישט געהאַט אין מויל קיין לעפל געקעכטס. כדי דאָס אַלץ צו באַקומען האָבן מיר געדאַרפט אומקערן זיך אויפצומאָרגנס אינאָוונט, ד. ה. מיטוואָך, — זיינען מיר ווידער אַדורכגעלעגן אַ טאָג אין די בלעטער. צום גליק איז די פויערטע טאַקי געווען אַן ערלעכע און זי האָט אַלץ איינגעקויפט פאַר אונז. מיר האָבן זיך אַרומגעוואַשן, אָפּגעגעסן, אָנגעטון זיך און ווידער אַוועק אין וואַלד אַריין, צו די בלעטער, מיין וואונד איז דערווייל גרעסער געוואָרן פון טאָג צו טאָג און די האַנט איז שוין געווען געשוואָלן ביז איבער די שפּיצן פינגער, איך האָב געהאַט אַן אויפהער פיבער. איך האָב געמיינט, אַז איך האָב אַ בלוט־פאַרגיפטונג,

ווייל איך האָב נישט געוואַשן מיין וואונד, נישט האָבנדיק מיט וואָס און נישט פֿאַר־מאָגנדיק קיין ריינע שמאַטקע זי אַרומצובינדן. איך האָב באַשלאָסן צו גיין דאָנערשטאָג אינדערפֿרי קיין קוזמיר צום דאָקטאָר, כאָטש דאָס איז געווען געפֿערלעך צוליב דעם דייטשן פּאָסטן, וועלכער איז פֿאַרניכטעט געוואָרן פֿרייטיק דעם 5־טן נאָוועמבער[9]. איך בין אָבער געווען פֿעסט אַנטשלאָסן דאָס צו טון, ווייל מיין האַנט האָט געמוזט האָבן מעדיצינישע הילף. ווען מען וואָלט מיר געדאַרפֿט אַראָפּנעמען די האַנט וואָלט איך זיך זיכער געסמט, ווייל איבערבלייבן אויף דער וועלט אַן איינזאַמע קאַליקע, האָט דאָך שוין אודאי קיין זינען נישט. מיר זיינען שוין געווען נאָענט צו קוזמיר, ווען ס׳איז אָנגעפֿאָרן אַן אויטאָמאָביל. מיר האָבן אינסטינקטיוו זיך צוריקגעצויגן, פֿאַרקירעוועט פֿון וועג און אַריין אין אַ כאַטע. דאָרט האָבן מיר דערציילט אַ באָבע־מעשה, אַז מיר זיינען אַרויסגעשיקטע פֿון די מזרח־געביטן און איך בין פֿאַרוואונדעט געוואָרן און איך מוז גיין צום דאָקטאָר קיין קוזמיר. די פּויערטע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מיט אונז איז נישט אַלץ אין אָרדנונג און זי האָט אונז געראָטן נישט צו גיין אין דער ריכטונג קיין קוזמיר, ווייל דאָרט לעגיטימירט מען אַלעמען ביים אַריינגיין. זי האָט אונז געזאָגט, אַז מיר זאָלן בעסער גיין דורך מענטשניעזש. דאָרטן זיינען פֿאַראַן פֿישערס, וועלכע וועלן אונז זיכער אַריבערפֿירן אויף דער אַנדערער זייט ווייסל. איך האָב אויפֿגעגעבן דאָס גיין צום דאָקטאָר און נישט־טראַכטנדיק בכלל וועגן גאָרנישט, האָבן מיר, פֿאַר־צווייפֿלטע, פֿונדאָסניי זיך געלאָזט אין דער וואַנדערונג.

אויפֿן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפֿן עטלעכע פּרויען מיט קוישן אין די הענט, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אויפֿן יאַריד. איך האָב אַ פֿרעג געטון איינע פֿון זיי, צי זי וואָלט מיר נישט פֿאַרקויפֿט קיין צודעק־טוך, ווייל ס׳איז מיר קאַלט, זי האָט געענטפֿערט, אַז ניין. דאַקעגן האָט זיך אָנגערופֿן אַ צווייטע: „זאָגט נאָר, פּרויען, פֿונוואַנען גייט איר? האָט קיין מורא נישט און דערציילט, פֿונוואַנען זייט איר?" דערצו האָט זי נאָך צוגעגעבן: „ווען דאָ וואָלט געווען מיין שוועסטער, וואָלט זי זיך זיכער פֿאַראינטערעסירט מיט אייך". ווי מיר האָבן דערהערט אָט די ווערטער, האָבן מיר איר אַלץ דערציילט. איך האָב זי אָנגעכאַפּט פֿאַר דער האַנט און געפֿרעגט וועגן איר שוועסטער. לאָזט זיך אויס, אַז איר שוועסטער איז אין קוזמיר אין קירכע און מן־הסתם וועט זי אינגיכן אָנקומען. נאָך אַסך תחנונים איז די פֿרוי פֿאַרבליבן מיט אונז אָפּוואַרטן איר שוועסטער. אין אַ שטיקל צייט אַרום איז זי טאַקי אָנגעקומען. דערזעענדיק אונז האָט זיך זיך צעוויינט און דערציילט, אַז אויף דאָנערשטאָג, טאַקי אָט אויף יענעם אומגליקלעכן טאָג (ווען ס׳איז ליקווידירט געוואָרן דער לאַגער אין פּאָניאַטאָוואָ), האָט זי זיך געהאַט אָפּגערעדט

[9] דער טאָג פֿון דער ליקווידירונג פֿונם לאַגער אין פּאָניאַטאָוואָ. דאָ ווערט געמיינט אַ קליינער אַרבעטס־לאַגער ביי קוזמיר, וואו אידן זיינען געווען באַשעפֿטיקט ביים סאָרטירן און אָוועקשיקן די גערויבעוועטע בגדים און זאַכן פֿון די דערמאָרדעטע אידן. אין יענעם טאָג זיינען די מענטשן אויך פֿון דעם לאַגער דערמאָרדעט געוואָרן.

מיט אירער אַן אויסגעהאַדעוועטער, אַז זי וועט קומען צונעמען זי פון דאָרט צוזאַמען מיט איר מאַן און קינד. זי איז טאַקי דאַנערשטאַג אַוועק צום וואוין־קוואַרטאַל, אָבער ווען זי איז דערגאַנגען ווי געוויינטלעך צו די שטעכיקע דראָטן, האָט זי שוין נאָר געהערט אַ שיסעריי. אין וואוין־קוואַרטאַל איז געווען ווי אַלץ וואָלט אויסגעשטאָרבן און נאָר דער ווינט אַליין האָט באַוועגט די ביימער. דעריבער, ווייל איר האַרץ פלאָגט זי וועגן י ע נ ע וויל זי ראַטעווען אונז און אַוועקפירן אונז קיין וואַרשע[10]. זי האָט אונז געפרעגט, צי מיר האָבן אַביסל געלט אויף די רייזע־הוצאות. איך האָב איר געענטפערט, אַז אויפן וועג האָבן מיר נאָך. זי האָט אונז געהייסן איבערבלייבן אין וואַלד, ווייל אינמיטן העלן טאָג קען זי אונז נישט אַריינפירן צו זיך אין שטוב צוליב די שכנים; שפּעטער וועט זי אונז ברענגען הייסע זופּ.

דערווייל האָבן מיר געדאַרפט גיין צום טאָל, וועלכער האָט זיך געצויגן דורך דער גאַנצער ברייט פון וואַלד. מיר זיינען אַוועק צו דעם דורך־איר־אָנגעוויזענעם טאָל און כדי נישט צו ציען קיין אויפמערקזאַמקייט, האָבן מיר געקליבן טרוקענע צווייגן. מיר זיינען אָבער געווען מיד און פאַרמאַטערט האָבן מיר זיך געזעצט אַווילע אָפּרוען. אין דעמזעלבן מאָמענט איז אָנגעקומען צום טאָל אַ יונגער פויער קלויבן בלעטער. דערזעענדיק אים, האָבן מיר זיך שנעל איינגעבויגן ווייטער צו קלייבן די צווייגן. איך האָב געוואָלט אויספרוון צי ער איז אומשעדלעך האָב איך מיט אים פאַרפירט אַ שמועס אָנהויבנדיק וועגן וועטער. ס'איז געווען אַ שיינער זוניקער טאָג, אפילו וואַרימלעך אויף דער זון. דער פויער האָט זיך אָריענטירט, אַז מיר זיינען אידישע, ער האָט גלייך געזען, אַז מיר זיינען פרעמדע, — אויפן דאָרף קען דאָך יעדער איינער דעם אַנדערן. קודם כל האָט ער אונז געזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך נישט שרעקן, ער וועט אונז נישט טון קיין שלעכטס, אַדרבה, ער וועט זיך נאָך באַמיען אונז צו העלפן. ער האָט אונז דער־ציילט, אַז זיי האָבן אַ לענגערע צייט אויסבאַהאַלטן עפּעס אַן אַבראַמעק פון קוזמיר און לעצטנס ווייסט ער נישט וואו ער איז אַהינגעקומען. ער האָט אונז דערציילט, אַז ער קען איינע אַ פרוי, וועלכע האָט שוין אַ פּאָר מאָל אַריבערגעפירט אידן פון לאַגער קיין וואַרשע. ער וועט אונז נעמען צו זיך אין הויז אויף נאַכטלעגער און ער וועט זיך פאַרשטענדיקן מיט... נאָכדעם ווי ער האָט אונז געשילדערט די פרוי מאַריאַ, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דיזעלבע פרוי, מיט וועלכער מיר האָבן זיך אָפּגערעדט.

[10] דידאָזיקע קריסטלעכע פרוי, וועלכע ווערט דערמאָנט ווייטער מיטן נאָמען מאַריאַ, האָט געאַרבעט אין וואַרשע אין אַ אידישער פאַמיליע און האָט זיך צוגעבונדן צו איר מיט לייב־און־לעבן. נאָך דער נאַצישער אָקופּאַציע, בשעת די ערשטע אַרויסשיקונגען האָט זי אויסבאַהאַלטן אירע אַרבעטס־געבער, באַקומען פאַר זיי דאָקומענטן און מיטגעהאָלפן זיי צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. איר געטריישאַפט און שטיצע האָט זי אויסגעברייטערט אויך אויף די קרובים פון דער משפחה, ביי וועלכער זי האָט געאַרבעט. עס איז איר געלונגען אַרויסצוראַטעווען איין פּאָהל פון פּאָניאַטאָווע און דאָ רעדט זיך וועגן אַ צווייט פּאָרל, וואָס זי האָט פאַרשפּעטיקט אַרויסצוראַטעווען. אסתר רובינשטיין (דערמאָנט פריער אין דער באַמערקונג 8) באַצייכנט זי אַלס מאַריאַ מאַטשאַנג פון דאָרף ראַגאָווע.

דערווייל איז אָנגעקומען אין וואַלד די שוועסטער פון דעמזעלבן פויער צו נעמען טרוקענע צווייגן, האָט ער זי געבעטן אָנצוזאָגן זיין ווייב, אַז ער וועט מיטברענגען אַ היים צוויי אידישע פרויען. פאַרנאַכט איז געקומען מאַריאַ און אונז געבראַכט הייסן זופּ. דערזעענדיק, אַז מיר שמועסן מיט דעם פויער, האָט זי אים געבעטן, ער זאָל אונז נעמען צו זיך אויף ביינאַכט, ווייל ביי איר אין שטוב איז זייער ענג. ער האָט איר געענטפערט, אַז ער האָט שוין דאָס פריער באַשלאָסן, נאָר ער האָט נישט געוואוסט, אַז מיר קענען זי. איך האָב דאָך די גאַנצע צייט מורא געהאַט אויסצוזאָגן, אַז מיר האָבן זיך אָפּגערעדט מיט איר. ווען ס'איז אינגאַנצן פינצטער געוואָרן האָט ער אונז אַוועק־געפירט צו זיך. ער האָט געוואוינט אין איין קליין שטיבל, געהאַט האָט ער אַ פרוי און צוויי קליינע קינדער, און פונדעסטוועגן האָט ער אונז געהאַלטן ביי זיך צוויי טעג. דער משפחה פון דעם פויער האָט מען געדאַרפט דערציילן די געשיכטע פון אונזער ראַטעווען זיך.

מיר האָבן געהאַט עגמת־נפש נישט ווויסנדיק וואָס וועט זיין מיט אונז אין וואַרשע. קיין געלט האָבן מיר שוין נישט געהאַט, קיין „קענקאַרטן" אויך נישט און קיין באַקאַנטע אויך נישט. סטעפאַן האָט אונז באַרואיקט צוזאָגנדיק, אַז געוויס וועלן רייכע אידן אונז אַרויסהעלפן; ער ווייסט, אַז עס איז פאַראַן עפּעס אַזאַ הילף פאַר אָרימע. איך האָב, פאַרשטייט זיך, געלאַכט פון זיינע ווערטער, נישט ווויסנדיק טאָקע, אַז ס'איז פאַראַן אַ הילף פאַר אונז אומגליקלעכע.

שבת זיינען אָנגעפאָרן אין דאָרף אַריין זשאַנדאַרמען אויפצומאָנען דעם קאָנ־טיגענט, מיר האָבן דעריבער שנעל געמוזט פאַרלאָזן דאָס דאָרף. די פרוי... האָט אונז געבראַכט קליידונג, האָט אונז געהאָלפן אָנטון זיך און מיר זיינען אַוועק קיין קוזמיר, דאָרט זיינען מיר קודם כל אַריינגעגאַנגען צום דאָקטאָר. דעם דאָקטאָר האָב איך אויך געמוזט דערציילן עפּעס אַ באָבע־מעשה, אַז ביי אונז איז געווען עפּעס אַן אָנפאַל פון אַ באַנדע, אָנרופנדיק עפּעס אַ נאָמען פון אַ דערפל, — און איך בין צופעליק אַרויס פון שטוב און געטראָפן געוואָרן פון אַ קויל אין האַנט. דער דאָקטאָר האָט מיר אַרומגעבונדן די וואונד און געהייסן קומען צו אים יעדן טאָג, ווייל די וואונד איז זייער אַ פאַרלאָזענע און די האַנט פולט מיט אַ גוואַלדיקער שנעלקייט. די פרוי... האָט, נאָכן דערליידיקן נאָך עטלעכע ענינים, אונז געקויפט ברויט און וואורשט און אַריינגעפירט אונז צו אירע באַקאַנטע. דאָרטן האָבן מיר אָפּגעגעסן און דערנאָך זיינען מיר אַוועק־געפאָרן מיט אַ דראָזשקע קיין פולאַווו צו דער באַן־סטאַציע. אין באַן־וואַגאָן האָבן מיר געהאַט נאָך אַ קליינעם פאַל: טושאַ האָט געהאַלטן דעם קויש פון דער פרוי... די זשאַנ־דאַרמען, וועלכע האָבן געזוכט שמוגל־סחורות זיינען צוגעגאַנגען צו איר און אָנגעהויבן נישטערן אין קויש. זי האָט זיך זייער צעטומלט און געוואָרן שטאַרק אומרואיק. דער ציווילער, וועלכער האָט באַגלייט דעם זשאַנדאַרם, האָט איר אַ לייכט געטון מיטן לעמפל אין פנים אַריין און אַ זאָג געטון: „ווי ענלעך זי איז צו א אידישקע!" זי האָט

אָפּגעקערט דעם קאָפּ און עפּעס איז עס אַדורך בשלום. אָן ווייטערדיקע צופֿאַלן זייַנען מיר אָנגעקומען קיין וואַרשע [11].

---

[11] די דערמאָנטע מאַריאַ האָט געהאַט אַ וואוינונג אויך אין וואַרשע. אַהין זייַנען פֿאַרפֿאָרן לודוויקא פּישער און טושא אָנקומענדיק קיין וואַרשע. וועגן זייער אָנקומען האָט מען אָנגעזאָגט די טוער פון דעם אידישן אונטערערד, וועלכע האָבן זיי אַריבערגעפירט, פריער אין דער באַהעלטעניש פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף פּרוזשנאַ גאַס נומער 14 ביים הויז־וועכטער יאַבלאָנסקי (מער איינצלהייטן וועגן דער באַהעלטעניש — זע צווייטער בריוו פונם החלוץ זייט 219, באַמערקונג 1) און נאָך צוויי וואָכן — אין אַן אַנדער אָרט. לודוויקאַ פּישער איז פאַרבליבן אין וואַרשע ביז נאָכן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד אין אויגוסט־סעפטעמבער 1944, און דערנאָך איז זי אַריבערגעפירט געוואָרן אַלס אַרישע קיין פּרושקאָוו און פונדאָרטן קיין קראָקע. זי איז געהאַלטן געוואָרן אין אַ לאַגער פאַר נישט־אידישע אַרעסטירטע ביז די שטאָט איז פאַר־נומען געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. נאָכן צוזאַמענברוך פון די נאַציס איז זי אַרויסגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און דער וועג האָט געדויערט 16 חדשים.

אַ וואַך־פּאָסטן, וואָס די דייטשן האָבן פאַר זיך אויסגעבויט אינם געטאָ־געביט נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד; זיי האָבן מורא געהאַט צו זיין אין געטאָ אָן אַ באַזונדערער שוץ.
(פאָטאָגראַפירט אין 1946)

דער אויפשטאַנד פון די וואַרשעווער אידן

א. די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע

אנטשטייאונג און אנטוויקלונג

דער דאָזיקער דאָקומענט איז אָנגעשריבן געוואָרן אין וואַרשע, אין מערץ 1944, אין פאַרלויף פון געציילטע טעג. דעריבער זיינען נישט אַלע פּרטים איבערגעגעבן מיט גענויגנדיקער פולשטענדיקייט; די שרייבער פון דעם דאָקומענט האָבן זיך באַגנוגנט מיט אַן אַלגעמיינער שילדערונג. ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע דורך אונטערערדישע פאַר־בינדונגס־וועגן דעם 24־טן מאַי 1944 קיין לאָנדאָן, און ווערט דאָ געבראַכט אָן קיין שום ענדערונגען, אַזוי ווי ער איז דאַמאָלסט געשריבן געוואָרן. אונזערע אויפקלערונגען ווערן דאָ, ווי אין גאַנצן בוך, געבראַכט אין דער פאָרם פון באַמערקונגען אונטערן שטריך אָדער אין קלאַמערן אין טעקסט גופא.

האַלטנדיק, אַז דער ליקווידירונגס־פּראָצעס פון פּוילישן אידנטום און אויך דער פאַרטיידיקונגס־קאַמף אין די געטאָס זיינען באַקאַנט אין אַלגעמיינע שטריכן — ווילן מיר אין אונזער באַריכט אָנגעבן אייך אַ ריי פּרטים, וועלכע דאַרפן נישט, למען האמת, פאַרשווינדן אָן אַן אָפּקלאַנג. זיי וועלן אייך מיטהעלפן צו פאַרשטיין די ראַנג־לענישן אין דער אידישער געזעלשאַפט פון יענעם טאָג אָן, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אויסצומאָרדן די אידן און מיר האָבן דערויף געענטפערט מיט אַ פאַר־טיידיקונגס־קאַמף — שאַפנדיק די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

מיטן אַריינמאַרש פון די דייטשן אין די געביטן וואָס אויף מזרח־זייט פונם בוג, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון די אידן אונטער דייטשער אָקופּאַציע — די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון די אידישע ישובים. אָנגע־הויבן האָט זיך עס פון ווילנע און ווילנער געגנט. צענדליקער טויזנטער אידן זיינען דערשאָסן געוואָרן אין די פּאָנאַרער וועלדער (זע מאַפּע פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן). אָבער כל זמן זיי האָבן געלעבט האָבן זיי נישט געוואוסט, אַז פּאָנאַר באַדייט — טויט.

די אידן אין גענעראַל־גוווערנעמענט זיינען שוין דאַמאָלסט אַרום אַ יאָר צייט געווען כמעט הערמעטיש איינגעשלאָסן אין די געטאָס. פאַרבינדערס צווישן די געטאָס זיינען געווען שמוגלער און שליחים פון די אומלעגאַלע אידישע פרייהייט־אָרגאַניזאַציעס. די באַקומענע ידיעות זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן דורך דער אומלעגאַלער אידישער פּרעסע[1] אָבער דאָס וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין די צפון־פּראָווינצן איז געווען לחלוטין אומבאַקאַנט. סוף אָקטאָבער 1941 האָט דער החלוץ אַרויסגעשיקט אַ שליח מיטן צוועק אָנצובינדן באַציאונגען מיט דער באַוועגונג אין ביאַליסטאָקער און אין ווילנער געגנטן און אין דער ליטע[2]. אינמיטן נאָוועמבער איז דער שליח צוריקגעקומען מיט אַן אומגלויבלעכער ידיעה — אַז די דייטשן מאָרדן־אויס אַלע אידן און אַז צענד־ליקער טויזנטער זיינען שוין אומגעקומען. ער איז אויך געווען אַ לעבעדיקער עדות דערביי ווי מען האָט אַרויסגעפירט אַלע אידן פון טראָק (ווילנער געגנט) און פון דער געגנט, אַריבערגעפירט זיי אויפן אינזל אינמיטן טראָקער אָזיערע, און דאָרט האָט מען זיי אַלע דערשאָסן מיט מאַשינען־געווער און באַגראָבן אין איין אַלגעמיינעם קבר. אַ ביסל שפּעטער איז אָנגעקומען פון ווילנע קיין וואַרשע אַ יוגנט־דעלעגאַציע[3]: מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף (לפ״ג) — דערנאָך דער קאָמענדאַנט פון דער העלדישער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָק; טעמע שניידערמאַן (לפ״ג); חיה;[4] עדעק (בוראַקס, לפ״ג) און סאַלאָמאָן עטקין (ענטין

---

[1] די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע און די חלוצישע יוגנט־פּרעסע האָט געבראַכט די ברייטסטע אינפאָרמאַציע, ווייל זי האָט געהאַט גוטע פאַרבינדונגען מיט די מערסטע פּראָווינץ־שטעט. אַנדערע צייטונגען פלעגן אָפטמאָל איבערדרוקן דידאָזיקע ידיעות. וועגן דער אונטערערדישער פּרעסע זע אויך ז. 310, אינם בריוו פון עמנואל רינגעלבלום (לפ״ג).

[2] דער ערשטער שליח פונם „החלוץ" איז געווען אַ נישט־איד, אַ מיטגליד פון דער פּוילישער סקויטן־באַוועגונג „האַרצעזש", מיטן נאָמען העניעק. דערנאָך זיינען אַרויסגעפאָרן מיט ענלעכע שליחותן פרומקע פּלאָטניצקא, טאָסיאַ (טובה) אַלטמאַן, ליאָנקא (לאה) קאָזשיבראָדזקא א. א. (אַלע דריי לפ״ג), און אויך אירענאַ אַדאַמאָוויטש — אַ פּוילישע, די איינציקע, וואָס איר איז געלונגען אָנצוקומען קיין קאָוונע און קיין שאַוול אין דער ליטע. זי איז אויך די איינציק לעבנגעבליבענע פון די אַלע דערמאָנטע שליחים. אַן אידעאַליסטישע פרוי, אַ טאָכטער פון אַן אַריסטאָקראַטישער משפחה, אַ פרומע קריסטין. פאַר דער מלחמה איז זי געווען אַ מיטגליד פון דער הויפּט־קאָמענדע פון דער פּוילישער סקויטן־באַוועגונג. אַזוי האָט זי דערקענט דעם „השומר הצעיר" און זיך צוגעבונדן צו אים מיט דער גאַנצער נשמה. אַ געוויסע צייט איז זי אויך געווען אינם קיבוץ־הכשרה פון „השומר הצעיר" אין קאָסטאָפּאָל. זי האָט במשך אַלע אָקופּאַציע־יאָרן מיטגע־אַרבעט — ביי כסדרדיקער לעבנסגעפאַר — מיט דער חלוצישער יוגנט. איר הילף איז געווען אַ גרויסע און באַדייטנדיקע. ביים פאַרענדיקן די מלחמה איז זי אַלט געווען אַ יאָר 37. זי זעצט־פאָר איר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין וואַרשע.

[3] די שליחים זיינען נישט אָנגעקומען אַלע צוזאַמען. מרדכי, למשל, איז אָנגעקומען אַ חודש נאָך די ערשטע.

[4] חיה'קע גראָסמאַן, אַ חברטע פון „השומר הצעיר" שוין אין די קינדער־יאָרן. געענדיקט די העברעישע גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק און אַוועק אין אַ הכשרה־קבוץ נעבן ביאַליסטאָק. אַ 19־יעריקע בעת דעם מלחמה־אויסברוך. געפאָרן קיין ווילנע און פון דאָרט קיין ביאַליסטאָק, דאָרט געווען אַ מיטגליד אינם קאָמאַנדיר־שטאַב פון דער אידישער קאַמף־

שלמה, לפ״ג). זיי זיינען געקומען קיין וואַרשע כדי צו באַקומען געלט און געווער. אויף אַ גרויסער באַראַטונג, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען אָנגעזעענע געזעל־שאַפטלעכע טוער, האָבן זיי אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דער לאַגע: איבער 50 טויזנט אידן, וועלכע האָבן נישט געוואוסט וואָס עס דערוואַרט זיי, האָט מען אַרויסגעפירט אין די פּאָנאַרער וועלדער. אַ גרעסערע גרופּע אידן האָט אין די ווילנער גאַסן — שוין אויף דער אַנדערער זייט פון די געטאָ־מויערן — געשטעלט אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד: זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן נישט גיין און פאַרלאַנגט מען זאָל זיי דערשיסן אויפן אָרט. די דייטשן האָבן אָבער נישט געשאָסן. זייער אויסראָטונגס־אַרבעט האָבן זיי דאַמאָלסט נאָך פאַרבאָרגן פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט. מען האָט די גרופּע אידן צוריקגעפירט אין געטאָ אַריין, דאָרטן האָט מען זיי מיט גוואַלט אַרויפגעזעצט אויף אויטאָס און אַוועקגעפירט אין פּאָנאַר.

די פאָרשטייער פון „החלוץ״ האָבן געהאַלטן, אַז די פאַרניכטונג פון די ווילנער אידן איז דער אָנהויב פונם ליקווידירן דאָס פּוילישע אידנטום, און אַז מען דאַרף זיך צוגרייטן צו אַן אַקטיווער פאַרטיידיקונג. טײלעכע געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז די דאָרטיקע דייטשע פאַרניכטונגס־אַרבעט איז אַ נקמה־אַקט לגבי די אידן פון די געביטן, וואָס זיינען פריער געווען פאַרנומען דורך די סאָוויעטן; אַז „וואַרשע ליגט אין סאַמע האַרצן פון אייראָפּע״, — אַז אין גענעראַל־גוווערנעמענט קען אַזעלכעס נישט געשען.

דער החלוץ האָט נישט מסכים געווען מיט אַזאַ מין אָפּשאַצונג פון דער לאַגע און ער איז צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן קאַמף־אָפּטיילונגען. אַזוי־אַרום זיינען אַנט־שטאַנען די ערשטע קאַמף־גרופּעס פון „החלוץ״, „דרור״ (פרייהייט—החלוץ־הצעיר) און „השומר הצעיר״ [5].

אין יאַנואַר 1942 איז געלונגען פרומקע פּלאָטניצקען אַריבערצוקומען קיין וואָלין, וואו זי האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין אַלע שטעט און שטעטלעך זיינען די אידן אויסגעראָטן געוואָרן און אַז נאָר אין קאָוועל איז נאָך פאַרבליבן אַ גרעסערער אידישער ישוב [6].

אָרגאַניזאַציע, דערנאָך אָנגעפירט אַ פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג אין די וועלדער. איינע פון די מוטיקסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע קעמפער. באַקומען אויסצייכנונגען פון דער פּוילישער און סאָוויעטישער אַרמיי פאַר איר העלדישקייט. אַ פירערין פונם באַוועגונגס־אונטערערד אַלע יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע. זי איז פון די געצײלטע, וואָס זיינען געראַטעוועט געוואָרן. זעצט פאָר איר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין וואַרשע.

[5] די ערשטע קאַמף־גרופּעס פון „החלוץ״ זיינען געשאַפן געוואָרן באַלד נאָכן איבערפאַל פון די דייטשן אויף רוסלאַנד. מען האָט דאַמאָלסט געמיינט, אַז עס וועט געלינגען דער רויטער אַרמיי אָפּצושטופּן די דייטשן, וועלכע וועלן אויפן וועג צוריק מאַכן פּאָגראָמען אויף אידן. די קאַמף־גרופּעס האָבן געדאַרפט זיין אַ זעלבסטשוץ בשעת דידאָזיקע פּאָגראָמען.

[6] אינם לעצטן בריוו, וואָס פרומקע האָט געשריבן צו דער באַוועגונג אין ארץ־ישראל, דעם 17־טן יולי 1943, עטלעכע טעג פאַר איר העלדישן טויט מיט געווער אין האַנט, אין בענדינער געטאָ (זע זייט 259), דערמאָנט זי דעמדאָזיקן באַזוך. אויך אין אַ פריערדיקן בריוו,

דעמזעלבן חודש זיינען אָנגעקומען קיין וואַרשע עטלעכע אַנטלאָפענע פון רייך, וועלכע האָבן דערציילט, אַז זיי זיינען אַנטלאָפן פון כעלמנאָ [7] און אַז די דייטשן פירן דאָרט אַרויס די אידן אויף ספּעציעלע אויטאָס אין די אַרומיקע וועלדער אַריין. אין דידאָזיקע אויטאָס דערשטיקט מען זיי מיט גאַזן — און מען באַגראָבט זיי אין די וועלדער. עס זיינען שוין אומגעקומען אויף אַזאַ אופן טויזנטער אידן, אָבער אפילו אין די שכנות'דיקע שטעטלעך וויל קיינער נישט גלויבן, אַז דאָס וואָרט „כעלמנאָ" איז פאַר אידן געוואָרן דאָסזעלבע ווי דאָס וואָרט „טויט".

אַרום דעם גענעראַל־גוווערנעמענט (דער שטח, וואָס די דייטשן האָבן אים גע־האַלטן אַלס פוילן) איז שוין אַלץ געווען אין פלאַמען. — אין גענעראַל־גוווערנעמענט גופא האָט געהערשט אַ שטילקייט.

אינמיטן חודש מערץ (1942) האָט דער „החלוץ" — נאָך געהעריקע צוגריי־טונגען — צונויפגערופן אַ פאָרקאָנפערענץ פון די פּאָליטישע פּאַרטייען, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט: ל י י ז ע ר ל ע װ י ן, ש ל ו ם ג ר אַ י ע ק — פועלי ציון (צ.ס.)[8]; מ ל ך פ י י נ ק י נ ד (לפ"ג), ה ע ר ש ב ע ר ל י נ ס ק י (לפ"ג) — לינקע פועלי ציון; אָ ז ש ע ך מ. (לפ"ג), ב ל ו ם אַ ב ר אַ ש אַ (אברהם, לפ"ג) — „בונד", און י צ ח ק צ ו ק ע ר מ אַ ן[9], פאָרשטייער פון „החלוץ". דער „החלוץ"־פאָרשטייער

פון 5־טן יוני 1942, צום פאַרבינדונגס־ביוראָ פון דער באַוועגונג אין זשענעוו שרייבט זי וועגן דעם, אַז זי האָט פאַרבראַכט עטלעכע חדשים אין די מזרח־געגנטן פון פוילן (ווילנע, ביאַליסטאָק א. א. וו.) און זי האָט צוגעזען דאָרטן די פאַרניכטונג פון די אידן. זי האָט געשריבן וועגן דעם אויך אין אַנדערע בריוו. חוקה פּאַלמאַן דערציילט („מבפנים" יוני 1947), וועגן באַזוך מיט פרומקען אין הרוביעשאָוו, אָנהויב פרילינג 1942, בשעת דאָרטן איז אָנגעגאַנגען דער גירוש.

[7] פון רייך — מיינט אין דעם פאַל פריער פוילישע געביטן, וואָס די דייטשן האָבן זיי פּראָקלאַמירט אַלס טיילן פון „דייטשן רייך"; כעלמנאָ — זע באַמערקונג 1 צו דער מאַפּע פון די דייטשע פאַרניכטונגס־לאַגערן אין פוילן.

[8] די פאָרקאָנפערענץ איז צונויפגערופן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פונם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פועלי־ציון (צ.ס.). אירע פאָרשטייער: דער ערשטער — פון די אַלטע פּאַרטיי־פירער אין לאָדזש, אַ מיטגליד פונם פועלי ציון (צ.ס.) צענטראַל־קאָמיטעט פון זינט דער פּאַרטיי־גרינדונג. בעת דער מלחמה איז ער געווען אין וואַרשע, אַ פירער פונם באַוועגונגס־אונטערערד אין דער גאַנצער אָקופּאַציע־צייט. ער איז געווען צווישן די גרינדער און אַקטיווע טוער פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. צווישן די געראַטעוועטע, — געקומען קיין ארץ־ישראל. דער צווייטער פאָרשטייער — זע זיין טאָגבוך וועגן פאַרלויף פון די געטאָ־קאַמפן, זייט 264.

[9] איינער פון די צענטראַלסטע מענטשן פונם אידישן אונטערערד אין פוילן. נאָכן טויט פון מ ר ד כ י אַ נ י ע ל י ע װ י ט ש איז ער געווען דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלידער פון דער צענטראַלע פון החלוץ און פון דער פירערשאַפט פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פוילן אין דער אונטער־ערד־תקופה. באַקאַנט אונטערן נאָמען „אַנטעק", אַ פּאָפּולערער און אָנגעזעענער נאָמען אויך אין די פוילישע אונטערערדישע קרייזן. ער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין קראָקע, אין סוף 1942, אויפצומאָרגנס נאָך דער דרייסטער אַקציע פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע (זע באַמערקונג 38 ווייטער), ווען מען האָט אים געוואָלט אַרעסטירן און ער איז בנס געראַטעוועט געוואָרן. געווען צווישן די אָנטיילנעמער אינם אַלגעמיינעם וואַרשעווער אויפשטאַנד אין אויגוסט־סעפּטעמבער 1944. אין לעצטן מאָמענט געראַטעוועט געוואָרן צוזאַמען מיט צ ב י ה לובעטקין דורכן פוילישן רויטן קרייץ, אונטערן אויסרייד, אַז ער איז טיפוס־קראַנק.

האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן די נייע ידיעות, וואָס זיינען אָנגעקומען סיי פון די מזרח־געביטן און סיי פון די מערב־געביטן, ער האָט אָפּגעשאַצט די לאַגע אַלס אָנהויב פון אַן אַקציע, וועלכע איז אויסן אויסצוראָטן פולשטענדיק דאָס פוילישע אידנטום און ער האָט פאָרגעלייגט די פאָלגנדיקע קאָנקרעטע פאָרשלאָגן:

א) שאַפן אַן אַלגעמיינע אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

ב) אָרגאַניזירן אַ געמיינזאַמע פאָרשטייערשאַפט פון אַלע אידישע פאָליטישע פאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זאָל דינען אַלס רעפּרעזענטאַנץ לגבי דער ציוויל־מאַכט פון אונטערערדישן פוילן, און אַרויסשיקן אַ דעלעגאַציע פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע צו דער פוילישער (אונטערערדישער) מיליטער־מאַכט.

ג) אויסבילדן אויף דער אַרישער זייט אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן אַפּאַראַט מיטן צוועק צו באַקומען געווער, און אויך צו אָרגאַניזירן אַמוניציע־וואַרשטאַטן אין געטאָ.

די פאָרשלאָגן זיינען אונטערשטיצט געוואָרן דורך די פאַרטרעטער פון פּועלי־ציון (צ.ס.) און לינקע פּועלי ציון. אַזשעך (מ.) האָט אין נאָמען פון „בונד" דערקלערט, אַז ס'איז נאָך צו־פרי צו ריידן מכּוח אַ געמיינזאַמער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. קאַמף־אָפּטיילונגען דאַרפן געשאַפן ווערן דורך יעדער אָרגאַניזאַציע און פאַרטיי באַזונדער. וועגן אַ געמיינזאַמער רעפּרעזענטאַנץ איז בכלל נישטאָ וואָס צו ריידן. דער „בונד" פירט אַ סאָציאַליסטישע פּאָליטיק און נישט קיין אַלגעמיין־אידישע.

די זיצונג האָט נישט געבראַכט צו קיין שום פּאָזיטיווע רעזולטאַטן [10].

ער איז געבראַכט געוואָרן קיין גראָדזיסק, וואו ער איז פאַרבליבן ביזן אָנקום פון דער רויטער אַרמיי דעם 15־טן יאַנואַר 1945. אַ צייט־לאַנג פאָרגעזעצט זיין טעטיקייט אין פוילן. אין פרילינג 1947 געקומען קיין ארץ־ישראל.

[10] לויט צביה לובעטקינס ווערטערביים צוזאַמענפאָר פון הקיבוץ המאוחד אין יגור, אין אָנהויב יוני 1946, האָט דער פאָרשטייער פון „בונד" געענטפערט אויפן פאָרשלאַג פונם החלוץ־פאָרשטייער: „איר רעדט ווי אַ קינד און אייערע ווערטער קען מען נישט נעמען ערנסט. איר מאַכט־אָן אַ פּאַניק און לאָזט נישט אַרבעטן; צווייטנס, ווערן דאָך אויך געהרגעט טויזנטער פּאָליאַקן פון דער אינטעליגענץ און אַרבעטערשאַפט, און אונזער קאַמף איז פאַרבונדן מיטן קאַמף פונם פוילישן אַרבעטער פאַר אַ בעסערער וועלט, פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט און פונם מענטש. עס איז אויסגעשלאָסן, אַז מיר זאָלן זיך באַטייליקן אין אַ כלל־ישראלדיקער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן אונזער קאַמף און אונזערע קאַמף־מיטלען. דעריבער האַלטן מיר אַלע אייערע דיבורים און די גאַנצע זיצונג פאַר נישט ערנסט און מיר זיינען נישט מסכּים אויף אייער פאָרשלאַג". די בונדישע פאָרשטייער האָבן פאָרגעלייגט אַרויסצוגעבן אַ געמיינזאַמען אויפרוף. אָבער די איבעריקע אָנטיילנעמער פון דער זיצונג האָבן נישט מסכּים געווען, אַז ד אָ ס זאָל זיין דער גאַנצער רעזולטאַט און זיי האָבן דעם בונדישן פאָרשלאַג נישט אָנגענומען. יצחק צוקערמאַן, אין זיין אויספירלעכן באַריכט וועגן געטאָ־אויפשטאַנד, נאָך זיין אָנקומען קיין ארץ־ישראל (אויף דער באַראַטונג פונם הקבוץ המאוחד, דעם 9—10 מאַי 1947, אין נען) האָט איבערגעגעבן, אַז אַזשעך האָט אויף יענער פאַרקאָנפערענץ געזאָגט: „מיר וועלן קעמפן ווען פּאָליאַקן וועלן קעמפן. דערווייל נישט". מרדכי טענענבוים דערציילט אין זיין בריוו צו די חברים אין ארץ־ישראל, געשריבן אין ביאַליסטאָק סוף יולי 1943, וועגן אַ זיצונג אין אַפּריל 1942 (ער מיינט מן־הסתם אַ צווייטע זיצונג, נאָכן באַקומען די ידיעות וועגן די מערדערייען פון די דייטשן אין לובלינער קרייז). אויף די פאָרשלאַגן פון די החלוץ־פאָרשטייער — יצחק צוקערמאַן, יוסף קאַפּלאַן און מרדכי טענענבוים,

אומגעפּער אין דערזעלבער צייט איז, לויט דער איניציאַטיוו פון די ל׳ינקע פּועלי ציון [11], צושטאַנדגעקומען אַ פאַרשטענדיקונג פון אַלע פּראָלעטאַרישע און יוגנטלעכע אַנטי־פאַשיסטישע גרופּעס, אויסער דעם „בונד״. דערדאָזיקער בלאָק האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע: א) געמיינזאַם צו אָרגאַניזירן אין געטאָ־געביט דעם פּאָליטישן און פּראָפּאַגאַנדיסטישן קאַמף געגן פאַשיזם און געגן די רעאַקציאָנערע כוחות, ב) שאַפן אַנטי־פאַשיסטישע קאַמף־קאַדרען, ג) אָרגאַניזירן אַ הילף־אַקציע פאַר די קרבנות פונם קאַמף געגן פאַשיזם.

אין דער אָנפירונג פונם בלאָק זיינען געוויילט געוואָרן: שכנא זאַגאַן (פאָרשטייער פון לינקע פּועלי ציון, לפ״ג); יוסף לעוואַרטאָווסקי (פינקלשטיין, פאָרשטייער פון אידישע קאָמוניסטן, לפ״ג); יוסף סאַק [12] (פּועלי ציון—צ.ס.);

וועגן אַ ווידערשטאַנד האָט אָזשעך געענטפערט, אַז מען דאַרף וואַרטן ביז עס וועט זיך עפענען דער צווייטער פראָנט. דייטשלאַנד וועט ווערן אָפּגעשוואַכט און ביי דער לעצטער פאַזע פון קריג וועלן די אונטערדריקטע פעלקער רעוואָלטירן. מען דאַרף נישט זיין קיין שאָוויניסט. נישט נאָר אידן ליידן און גייען אונטער. דערווייל איז נאָר מעגלעך אַ פאַסיווע זעלבסטשוץ. אויסבאַהאַלטן זיך. אַ אידישער ווידערשטאַנד אָן אַ ברייטער רעוואָלוציאָנערער הילף פון דער פּוילישער גאַס האָט נישט קיין שום ווערט. אויך מ. קירשענבוים האָט גערעדט קעגן די פּאָרשלאָגן פון אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד. אין וואַרשע, אינם האַרץ פון אייראָפּע, וועלן די דייטשן זיך נישט דערלויבן דאָס וואָס זיי האָבן געטון אין ליטע און אין אַנדערע ערטער. לאָמיר זיך נישט שפּילן מיט קיין פייער. אויך ש. זאַגאַן האָט נישט געשטיצט די פּאָרשלאַגן. פאַר די פאָרשלאַגן זיינען געווען, לויט ווי מ. ט. שרייבט, יוסף לעוואַרטאָווסקי־פינקעלשטיין און יצחק גיטערמאַן.

[11] דער בלאָק איז געשאַפן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון די פ.פ.ר.־פאָרשטייער (קאָמוניסטן): אַנדזשעי שמידט (אליהו מאָזעס), מ. צימערמאַן, (שמואל מערטיק) (דער ערשטער — אַ געבוירענער אין מינסק־מאַזאָוויעצק נעבן וואַרשע, אַן אַרבעטער, אַן אַקטיווער קאָמוניסט אין וואַרשע נאָך פאַר דער מלחמה. אין 1936 האָט ער זיך פריייוויליק מאָביליזירט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע. בעת׳ן מלחמה־אויסברוך האָט ער זיך געפונען אין פראַנקרייך, אין אַ לאַגער פון בריגאַדע־געפאַנגענע. לויט דער באַמיאונג פון דער סאָוויעטישער רעגירונג איז ער געבראַכט געוואָרן קיין מאָסקווע און פון דאָרטן האָט מען אים געשיקט אין וואַרשעווער געטאָ; אויך שמואל מערטיק איז געווען אַן אַלטער קאָמוניסט, אַ שניידער־אַרבעטער פון קאַלושין, אַ מיטגליד פונם פ.פ.ר.־קאָמיטעט אינם געטאָ־געביט. אַ גוטער פאָלקס־רעדנער און ענערגישער אָרגאַניזאַטאָר.ביידע זיינען אומגעקומען, צוליב אַ מסירה, סוף מאַי 1942) און יוסף לעוואַרטאָווסקי־פינקעלשטיין (לפ״ג). היות ווי די באַריכטן זיינען געשיקט געוואָרן דורך דער פאַרמיטלונג פון די אונטערערדישע אָרגאַנען פון דער לאָנדאָנער פּוילישער רעגירונג, האָט מען אויסגעמיטן צו דערמאָנען די שותפות מיט די קאָמוניסטן. אין דעם געשאַפענעם אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק האָבן זיך באַטייליקט: פ.פ.ר., פּועלי־ציון (צ.ס.), לינקע פּועלי ציון, דרור, השומר הצעיר. די ווייטער־דערמאָנטע קעמפער־פינפטלעך, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן דורכן בלאָק, האָבן דערגרייכט אַ גאַנץ גרויסע צאָל און זיי האָבן זיך געפונען אונטער דער קאָמאַנדירונג פון לענט און פישלזאָן (ביידע לפ״ג). דער בלאָק (אַזוי איז געווען זיין נאָמען כלפי חוץ) האָט געווירקט נאָר אַ קורצע צייט און האָט זיך אויפגעלייזט נאָך פאַרן גרויסן גירוש.

[12] געבוירן אין פּשעמישל אין יאָר 1899. שוין בעת דעם ערשטן וועלט־קריג געווען טעטיק אין דער פּועלי־ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג. האָט געהערט צו דער עקזעקוטיווע פון דער פּועלי־ציון־סטודענטן אָרגאַניזאַציע „חרות״. אין די יאָרן 1925—1934 געווען לערער פון דער יידישער גימנאַזיע אין טשענסטאָכאָוו. שפּעטער טעטיק אין שליחות פון דער באַוועגונג. פון די אַקטיווע טוער פון דער פּועלי ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי אין פּוילן. אַן אַקטיווער אָנפירער פונם

צביה לובעטקין[13] (החלוץ און „דרור") און מרדכי אַניעליעוויטש (פאַר־שטייער פון השומר הצעיר, לפ"ג). דער בלאָק האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ בשות־פותדיקע צייטונג „דער רוף". נאָך אַ קורצער צייט איז אַנטשטאַנען אַ פאַרצווייגטע נעץ פון קעמפער־„פינפטלעך", צו וועלכע עס האָבן געהערט הונדערטער יוגנטלעכע און אַרבעטער. טראָץ דעם מאַנגל אין געווער האָבן די „פינפטלעך" באַקומען אַ מיליטערישע אויסבילדונג. אינדערשפּיץ פון דער מיליטערישער אָפּטיילונג פונם בלאָק זיינען געשטאַנען: יוסף קאַפּלאַן (השומר הצעיר, לפ"ג); מרדכי טענענבוים (החלוץ); פישלזאָן (אברהם מרדכי, פועלי ציון—צ.ס., לפ"ג) און הירש לענט (לינקע פועלי ציון, לפ"ג). דער אַנטי־פאַשיסטישער בלאָק האָט געשאַפן די ערשטע ברייט־פאַרנעמיקע קאַמף־אָפּטיילונגען, וואָס נישט־קוקנדיק אויף דער אַרעסטירונג פון די הויפּט־טוער און דער פאַרניכטונג פונם אַפּאַראַט זיינען זיי געוואָרן דער הויפּט־פונדאַמענט פאַר דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן שפּעטער (אויך אַנדזשעי שמידט איז געוועזן אין דער מיליטערישער אָנפירונג, זע באַמערקונג 11 פריער).

פסח 1942 האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידירונג פון די אידן אין גענעראַל־גווערנעמענט. די ערשטע קרבנות זיינען געוועזן די לובלינער אידן, און באַלד דערנאָך — אַלע אידן פון לובלינער קרייז. מען האָט זיי אַרויסגעפירט קיין בעלזשעץ (זע מאַפּע פון די דייטשע פאַרניכטונגס־לאַגערן אין פוילן) און דאָרט האָט מען זיי דערמאָרדעט אין די ניי־אויסגעבויטע גאַז־קאַמערן. די אומלעגאַלע אידישע פּרעסע האָט געבראַכט אויספירלעכע ידיעות און באַריכטן וועגן די דאָזיקע מאַסנמאָרדן. וואַרשע האָט אָבער טראָצדעם נישט געגלויבט! דער געזונטער מענטשלעכער שכל האָט נישט געקענט תופס זיין די עצם מעגלעכקייט פון אַזאַ מין אויסראָטן צענדליקער

באַוועגונגס־אונטערערד אין דער גאַנצער אָקופּאַציע־תקופה. אַ מיטגליד פונם פּאַרטיי־צענטראַל־קאָמיטעט און טעטיק אינם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. אַ סך פון די בריוו און באַריכטן, וועלכע זיינען אָנגעקומען פונם אונטערערד, זיינען געוועזן געחתמעט דורך אים. נאָכן אַלגעמיינעם וואַרשעווער אויפשטאַנד אין אויגוסט־סעפּטעמבער 1944 האָט ער פאָרגעזעצט זיין טעטיקייט אין קיעלצער געגנט ביז דער באַפרייאונג דורך דער רויטער אַרמיי. צווישן די געציילטע אַקטיווע טוער, וועלכע זיינען געראַטעוועט געוואָרן. ער זעצט פאָר זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין פוילן. אָנהויב 1947 אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דעפּוטאַט אין פוילישן סיים.

[13] אַ מיטגליד פון החלוץ־צענטראַלע נאָך פאַר דער מלחמה. אַ דעלעגאַטין צום 21־טן ציוניסטישן קאָנגרעס. אין דער מלחמה־תקופה פון די צענטראַלסטע מענטשן פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פונם אידישן אונטערערד און פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין פוילן. זי איז געוועזן אין הויפּט־שטאַב פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אַקטיוו אָנטיילגענומען אין די געטאָ־קאַמפן. איר נאָמען איז באַקאַנט און געשעצט אין ברייטע אידישע קרייזן. אין מאַי 1943 איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון זשענעוו, אַז זי איז געפאַלן אין די געטאָ־קאַמפן. גאָר גיך איז קלאָר געוואָרן, אַז די ידיעה איז פאַלש, אָבער צוליב פאַרזיכטיקייט־טעמים האָט מען עס נישט אָפּגעלייקנט. די פאַרבינדונג מיט איר איז אָנגעהאַלטן געוואָרן די גאַנצע צייט. נאָכן דורכפאַל פונם וואַרשעווער פוילישן אויפשטאַנד אין הערבסט 1944 איז זי אַריבערגעפירט געוואָרן קיין גראָדזיסק נעבן וואַרשע. פון די געציילטע לעבנגעבליבענע. אינמיטן 1946 איז זי אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל.

און הונדערטער טויזנטער אידן. מען האָט גערעדט, אַז מען פירט אַרויס אידן אין פריש־אָקופּירטע רוסישע געביטן — אויף לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן! עס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן השערות, אַז די דייטשן האָבן אָנגעהויבן פּראָדוקטיוויזירן דאָס אידישע קליינבירגערטום! די אידישע פּרעסע איז פאַרשריען געוואָרן אַלס פּאַניק־פאַרשפּרייטערין, כאָטש די באַשרייבונגען פון דער „אַרויסשיקונג״־אַקציע האָבן געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט אין אַלע איינצלהייטן. נישט נאָר אין אויסלאַנד האָט מען זיך באַצויגן מיט אַזאַ אומצוטרוי און צווייפל צו די ידיעות וועגן די דייטשע פאַרברעכנס. אויך דאָ, אויפן אָרט, אין נישט ווייטער שכנות פון פּאָנאַר און כעלמנאָ, פון בעלזשעץ און טרעבלינקע האָבן די ידיעות זיך נישט געלאָזט גלויבן, אומבאַגריני־דעטער אָפּטימיזם האָט זיך געפּאָרט מיט אומוויסנהייט. מען איז געווען אָפּגעשניטן פון דער אויסערלעכער וועלט. מען האָט זיך געשטיצט אויך אויף די ביז־דאַמאָלסטיקע דערפאַרונגען: אין פאַרלויף פון צוויי און אַ האַלב יאָר האָבן דאָך די דייטשן שוין אַדורכגעפירט אַסך אַרויסשיקונגען — פון קראָקע, פון לובלין, פון וואַרשעווער קרייז, פון רייך — ביי אַזעלכע „געלעגנהייטן״ האָבן נישט געפעלט קיין קרבנות און בלוט, — אָבער פולשטענדיקע אויסראָטונג?

עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געגלויבט: פּאָנאַר איז טאַקי אמת, כעלמנאָ איז אמת, אָבער — האָבן זיי געזאָגט: „דאָס איז נאָר אַ קאַפּריז פון די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען״. וואָרום אינדעראמתן האָט אין גענעראַל־גוווערנעמענט — ביז דער טויט האָט אַלעמען אויסגעגליכן — נישט געהערשט קיין איינהייטלעכע באַציאונג מצד די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען צו די אידישע געטאָס אין די שטעט און שטעטלעך. נישט זעלטן האָט געטראָפן, אַז אויף די דורך אונז געשיקטע ידיעות וועגן די דייטשע מער־דערייען פלעגן די ערטער ענטפערן: „ביי אונז קען אַזוינס בשום אופן נישט פּאַסירן״.

אָט אַזעלכע אָפּטימיסטישע שטימונגען האָבן, פאַרשטייט זיך, די דייטשן אַליין געשאַפן. אין פאַרלויף פון צוויי און אַ האַלב יאָר האָבן זיי מיט דייטשער גרינדלעכ־קייט צוגעגרייט די אויסראָטונג פון דריי־און־אַ האַלב מיליאָן פּוילישע אידן. מיט דער הילף פון איינצל־מאָרדן, אונטערדריקונג און אויסהונגערונג, מיט דער הילף פון געטאָס און אַרויסשיקונגען — האָבן זיי צוגעגרייט די דעזאָריענטירונג פון די אידישע מאַסן. דורך יאָרנלאַנגע, כסדרדיקע עקספּערימענטן האָבן די דייטשן ראַציאָנאַליזירט זייערע מאָרדונגס־מעטאָדן; אין ווילנע האָבן זיי געדאַרפט עטלעכע טעג אויף אויס־מאָרדן טויזנט אידן, אין כעלמנאָ איז זיי שוין גענוג געווען אַ האַלבע שעה אויף טויטן הונדערט, — אין טרעבלינקע האָבן זיי יעדן טאָג דערמאָרדעט 10 טויזנט מענטשן!

און הונדערטער טויזנטער אידן זיינען געגאַנגען צום טויט אָן קיין ווידער־שטאַנד — אַז מען גלויבט נישט אין טויט, צו־וואָס־זשע אַ ווידערשטאַנד? — נאָכמער: מען האָט זיך פרייוויליק געמעלדעט צו די „איבערוואַנדערונגס־אַרויספאָרן״. וואָהין? פון בעסאַראַבישע שטעט, פון סמאָלענסק, פון מינסק זיינען אָנגעקומען בריוו, אַז

די איבערוואַנדערער זיינען אַהין אָנגעקומען בשלום און זיינען צופרידן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ דייטשע מיסטיפיקאַציע. אויף אַזאַ אופן האָבן אידן זיך אָפּגעזאָגט — אמת, מיט אַ שווער האַרץ — פון זייערע דור־דורות איינגעפונדעוועטע וואוינערטער און זיינען אַרויסגעפאָרן „אין דער פרעמד אַריין — צו לאַנדווירטשאַפט־לעכע אַרבעטן".

אויך יאוש, האָפנונגסלאָזיקייט און הונגער האָבן זיי געצוווּנגען דערצו. אין וואַרשע אַליין זיינען אין פאַרלויף פון 1941־טן יאָר אויסגעשטאָרבן פון הונגער און אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן — 6 טויזנט אידן יעדן חודש. און אין דער צייט פון דער „אַרויסשיקונג"־אַקציע איז דער פרייז פון אַ קילאָגראַם ברויט אַרויפגעשפּרונגען פון 7 זלאָטעס אויף 80!

די געטאָ־מויערן האָבן צעבראָקלט און צעפּיצלט דעם דריי־און אַ־האַלב מיל־יאָניקן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם אויף טויזנטער קעמערלעך, פּאַרזונקענע אין שרעקלעכער נויט! די געטאָ־מויערן האָבן אָפּגעצוימט די אידן פון דער אַרומיקער וועלט, זיי האָבן זיי אָפּגעצוימט פון זיך זעלבסט. אין די אויסראָטונגס־טעג איז יעדער אידישער ישוב „אַליין־פאַר־זיך" אַנטקעגנגעשטאַנען זיין גורל פון פאַרניכטונג.

אין די שטעט וואו די דייטשן האָבן דורכגעפירט זייער פאַרניכטונגס־אַקציע, האָבן זיי איינגעטיילט די אידישע באַפעלקערונג אויף „פּראָדוקטיווע" און אויף „אומ־פּראָדוקטיווע" עלעמענטן — אויף אַזעלכע, וואָס געהערן צו דער איבערוואַנדערונג און אַזעלכע, וואָס פאַרבלייבן אויפן אָרט. מיט אַ טייוולישער פּערפידיע איז זיי אַזוי אַרום געלונגען אויסצומיידן יעדע מעגלעכקייט פון אַן איינהייטלעכן ווידערשטאַנד: יעדער איד איז געבליבן אַליין־פאַר־זיך, און די גאַנצע דייטשע פאַרניכטונגס־מאַשין — געגן אים.

איידער די דייטשן זיינען צוגעטרעטן צו דער ליקווידירונג פון וואַרשעווער געטאָ, האָבן זיי אויסגעפירט צוויי גרויסע טעראָר־אַקטן געגן די וואַרשעווער אידן: זיי האָבן דערמאָרדעט הונדערט און צען אידישע אַרעסטאַנטן „פאַר שטעלן אַ ווידער־שטאַנד דער דייטשער מאַכט", און אין דער נאַכט פון 17־טן אויפן 18־טן אַפּריל 1942 האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט פון די וואוינונגען 49 אידן פון אַלע געזעלשאַפטלעכע שיכטן און גרופּירונגען — צווישן זיי דעם עקאָנאָמיסט מאַגיסטער ל י נ ד ע ר (מנחם, לפ"ג) און דערמאָרדעט זיי אין די גאַסן; די טויטע קערפּערס האָבן זיי געלאָזט וואַלגערן זיך אויפן אָרט פון דערמאָרדונג[14]. דורך דער מעטאָדע פון „קאָלעקטיווער פאַראַנט־

[14] די דערמאָרדונג פון די 110 אידן אין חודש יוני 1942 איז אויסגעפירט געוואָרן לויט די אָנווייזונגען פון איינעם פון די געטאָ־הערשער, דעם ס.ס.־אָפיצער אַאוערסוואַלד, וועלכער איז ספּעציעל צוליב דעם געקומען אין דער תפיסה פאַר אידן אין געטאָ (אין דער ערשטער צייט פון זיין הערשאַפט האָט ער געפרוווט מאַכן אַן אָנשטעל, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעגרעניצט פון די דייטשע מערדערייען. ער איז געווען אַן אַדוואָקאַט פון בערלין. זיין אָפיציעלער ראַנג איז געווען „קאָמיסאַר פאַרן אידישן וואוין־באַצירק אין וואַרשע"). עס זיינען אויסגעוויילט געוואָרן 100

וואָרטלעכקייט״ האָבן זיי געשטרעבט צו דערשטיקן די כוחות, וועלכע וואָלטן געקענט זיי שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אָבער אויב בשעת דער ערשטער ליקווידירונגס־אַקציע איז דער אידישער פאַרטיידיקונגס־קאַמף געווען אַ שוואַכער, איז דאָס נישט געווען צוליב מורא, — די פאַרטיידיקונגס־קעמפער האָבן שוין דאַמאָלסט פאַרמאָגט אַ גענוג שטאַרקן ווילן און אַ הייסן גלויבנס־מוט, — די סיבה איז געווען: ליידיקע הענט.

מיטוואָך, דעם 22־טן יולי 1942 (ערב תשעה־באב תש״ב) האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידירונג פון וואַרשעווער געטאָ. עס איז גלייך צונויפגערופן געוואָרן דער געזעלשאַפטלעכער ראַט [15] כדי צו באַטראַכטן די לאַגע און אָנעמען מיטלען. אין די זיצונגען האָבן זיך באַטייליקט: בלאָך ל. (אליעזר־ליפא, לפ״ג)[16]; ברעסלער שמואל (בראַסלאַוו שמואל, לפ״ג); ד״ר אַ. בערמאַן[17]; צוקערמאַן יצחק; פרידמאַן זישע (לפ״ג); פינקלשטיין־לעוואַרטאָווסקי יוסף; גוזשיק ד. (דניאל)[18]; גיטערמאַן יצחק (לפ״ג); קאַפּלאַן יוסף; קיר־

אידישע אַרעסטירטע און 10 אידישע פּאָליציאַנטן, מען האָט זיי אַוועקגעפירט הינטער וואַרשע, און דאָרטן דערמאָרדעט ; נאָכן מאָרד האָבן די דייטשן אויסגעקלעפּט אין געטאָ גרויסע מודעות, אין וועלכע זיי האָבן דערקלערט, אַז די 110 אידן זיינען דערשאָסן געוואָרן צוליב דער אומטרייהייט פון די אידן אין געטאָ צו דער דייטשער מאַכט. אינם נומער 10 ״ידיעות״, די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אונטערערד־צייטונג, פונם 1־טן יולי 1942, איז פאַראַן אַן אַרטיקל וועגן די 110 דערשאָסענע. וועגן דעם פאַל זיינען נאָכן קריג פאַרעפנטלעכט געוואָרן עטלעכע ווערסיעס : מ. ביטער — „מאָרגן פרייהייט״ 29־טן יולי 1946 ; מ. באָרג אינם בוך פון ב. מאַרק „חורבות דערציילן״ און אַנדערע — וועלכע זיינען נישט איינהייטלעך. אָבער דעם עצם פאַקט פון דער רציחה און די שפּעטערדיקע ציניש עפנטלעכע מודעה, ווערט פון אַלע באַשטעטיקט, און אפשר זיינען אין יענער צייט פאָרגעקומען עטלעכע מאַסן־דערשיסונגען אין דער געגנשער־תפיסה. וואָס שייך דער דערמאָרדונג פון די 49 אידן אין דער נאַכט פון 17־טן אויפן 18־טן אַפּריל: די מערדער האָבן געהאַט ביי זיך ליסטעס פון די אַקטיווע טוער פון „בונד״, „דרור״ א. אַ. על פּי נס זיינען דאַמאָלסט ניצול געוואָרן די „דרור״־חברים, וועלכע זיינען נישט געווען אין זייערע היימען. עטלעכע חברים פון „בונד״ זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אין יענער נאַכט. זע אויך אין דער אזכרה־פאַרצייכניש וועגן אברהם דרייער.

[15] אליהו גוטקאָווסקי (לפ״ג) האָט געשריבן אַ פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג, וועלכער איז באַהאַלטן געוואָרן צוזאַמען מיטן איבעריקן היסטאָרישן מאַטעריאַל אין עטלעכע הויפן פון וואַרשעווער געטאָ, און עס קען זיין, אַז מען וועט אים נאָך געפינען. אין דערדאָזיקער זיצונג האָבן זיך באַטייליקט אַ 50 מענטשן.

[16] אין דער ערשטער העברעאישער אויפלאַגע פון דעם בוך (אָנהויב 1946) האָבן מיר דאָ געבראַכט עטלעכע איינצלהייטן וועגן אליעזר־ליפּא בלאָך. איצטער, ווען ס׳איז שוין נישטאָ קיין שום האָפנונג, אַז ער איז לעבנגעבליבן, האָבן מיר אים געווידמעט אַ קאַפּיטל אין דער אזכרה־אָפּטיילונג.

[17] געבוירן אין 1906. געלערנט פילאָזאָפיע און פּסיכאָלאָגיע אין וואַרשעווער אוניווער־זיטעט. פון די אָנפירער פונם אידישן אונטערערד אין פּוילן, פון די פירער פון די לינקע פּועלי ציון. ער איז געווען דער פאָרשטייער פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין דעם אַרישן טייל וואַרשע פאַר און בשעת די געטאָ־קאַמפן. דאָקומענטן און באַריכטן פונם אונטערערד זיינען אָנגעקומען מיט זיין אונטערשריפט. אין יאַנואַר 1945 איז אים געלונגען אָנצוקומען קיין לובלין. זעצט פאָר זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין פּוילן. ביז סוף 1946 אַ דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים, זינט אָנהויב 1947 פאָרזיצער פונם צענטראַל־קאָמיטעט פון אידן אין פּוילן.

[18] דניאל דוד גוזשיק: געבוירן אין וואַרשע, דעם 3־טן נאָוועמבער 1890. אַ „דזשאָינט״־טוער אין פּוילן פון יאָר 1920. איינער פון די פיר „דזשאָינט״־דירעקטאָרן, וועלכער

שענבוים מנחם (לפ״ג); לאַנדוי אַלעקסאַנדער[19]; אָזשעך מ.; ד״ר רינגעלבלום עמנואל (לפ״ג); סאַק יוסף; זאַגאַן שכנא; ד״ר שיפּער יצחק (לפ״ג). די מיינונגען האָבן זיך צעטיילט. די פאָרשטייער פון די לינק־ציוניסטישע גרופּירונגען און פון „החלוץ״ און אויך עטלעכע געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן אויפגעפאָדערט צו אַן אַקטיוון אַרויסטריט, אין אַ וועלכער־עס־איז פאָרם. די מערהייט האָט פאַרלאַנגט אָפּוואַרטן. ביז ווען? ביז די לאַגע וועט קלאָר ווערן. עס זיינען דאַמאָלסט פאַרשפּרייט געוואָרן קלאַנגען, אַז פון וואַרשע וועלן אַרויסגעשיקט ווערן נישט מער ווי אַ 50 ביז 70 טויזנט אידן (אַלטע לייט, קראַנקע אַרעסטאַנטן, בעטלערס א.א.וו.) און דערמיט וועט זיך פאַרענדיקן די אַקציע; אַלע איבריקע אידן וועלן פאַרבלייבן אויפן אָרט. דעריבער האָבן די אַקטיווערע עלעמענטן — די לינקע גרופּירונגען, וועלכע זיינען געווען צוזאַמען אין אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק — געשאַפן אַ פאַראייניקטן אַרבעטער־קאָמיטעט, צוזאַמען מיטן „בונד״. דערדאָזיקער קאָמיטעט האָט גענומען אויף זיך די אחריות פאַרן גורל פון געטאָ און פאַר זיין כבוד.

איז בנס אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון דער נאַצישער פאַרניכטונג. זיינע דריי דירעקטאָריום־חברים יצחק גיטערמאַן (לפ״ג), יצחק באָרנשטיין און ל. נוישטאַט זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אין דער אָקופּאַציע־צייט (באָרנשטיין איז אַנטלאָפן סוף 1942 קיין בענדין און איז דאָרטן דערמאָרדעט געוואָרן, נוישטאַט איז דערמאָרדעט געוואָרן אין דער „פּאַוויאַק״־טורמע אין וואַרשע). גוזשיק איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע טוער אויפן געביט פון אידישער סאָציאַלער הילף אין דער אָקופּאַציע־צייט. באַליבט און געשעצט אין דער אידישער וואַרשע און איז גערעכנט געוואָרן אַלס איינער פון אירע פירער אין די אומגליק־יאָרן. ער האָט אַסך מיטגעהאָלפן דעם אידישן אונטערערד. ער פלעגט זיין צווישן די אונטערגעשריבענע (מיטן נאָמען כפתור) אויף די בריוו פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין פּוילן. ער האָט פאָרגעזעצט זיין טעטיקייט פאַר דער שארית הפליטה פון פּוילישן אידנטום אויך נאָכן דערשלאָגן די נאַצישע חיה. אויספירנדיק דידאָזיקע אויפגאַבע, איז ער אומגעקומען, פליענדיק פון פאַריז קיין וואַרשע, ווען דער אַעראָפּלאַן איז אַראָפּגעפאַלן, דעם 5־טן מערץ 1946, נאָענט צום פלי־פּלאַץ אין פּראַג. זיין פאַמיליע (פרוי, זון און טאָכטער) — איז דערמאָרדעט געוואָרן בעת דער אָקופּאַציע־צייט. לעבנגעבליבן איז נאָר איין זון, וועלכער איז געקומען קיין ארץ־ישראל פאַר דער מלחמה און בעת דער מלחמה האָט ער געדינט אין דער אידישע בריגאַדע.

[19] אַן אינזשיניער, ער איז געווען צוזאַמען מיט זיין עלטערן ברודער יוסף, אייגנטימער פון אַ מעבל־פאַבריק, וועלכע איז אַריבער אין דייטשע הענט: „אָסטדויטשע באַוועַרקטישלעריי״. ביידע ברידער זיינען פאַרבליבן אויף זייערע פּאָסטנס. אַלעקסאַנדר, אַ חבר אין דער עסטרייכישער פּועלי־ציון באַוועגונג, איז געבליבן אַ פריינט פון דער באַוועגונג אויך אין פּוילן, — אַ סימפּאַטיקער פון די לינקע פּועלי ציון. ער האָט אַ סך מיטגעהאָלפן דעם השומר־הצעיר און דעם החלוץ, און האָט נאָך פאַר דער מלחמה באַשעפטיקט אַ סך חלוצים פון גראָכאָווער קיבוץ. אין דער מלחמה־צייט האָט מען אויסגענוצט זיין פאַבריק אויף גענשע 30 אַלס אַ פאַרבינדונגס־פּונקט און אַ וויכטיקן באַהעלטניש־אָרט פאַר אַ סך געזעלשאַפטלעכע טוער. זיין טאָכטער מרגלית (לפ״ג) איז געווען א חברטע אין השומר־הצעיר, איינע פון די מוטיקע קעמפעריגס. איר פאָטער איז פאַרן אויפשטאַנד אין אַפּריל 1943 אַריבער אין אַרישן טייל (די פאַבריק איז ליקווידירט געוואָרן נאָך אין יאַנואַר 1943), דערנאָך איז ער צוזאַמען מיט דער פרוי און דעם 12־יעריקן זון ישראל אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין וויטעל. וויייזט אויס, אַז אויך ער און זיין פאַמיליע זיינען געווען צווישן די 175 אידן, וואָס די דייטשן האָבן זיי אַריבערגעפירט דעם 18־טן אַפּריל 1944 אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קיין דראַנסי אין פראַנקרייך און פון דאָרט קיין אָשוויענטשים צו פאַרניכטונג. עס זיינען אָבער נישטאָ קיין זיכערע ידיעות. (אין אַ בריוו פון וויטעל, פון נאָוועמבער 1943, חתמעט ער אַלעקסאַנדער לייב לאַנדוי).

פינף טעג האָט שוין געבושעוועט די פאַרניכטונגס־אַקציע מיט אַן אומפאַר־גלייכלעכער גרויזאַמקייט. יעדער אומפאָרזיכטיקער שריט האָט באַדייט — טויט. איבערגיין די גאַס איז געווען ווי אַריבערגיין די פראָנט־ליניע צווישן צוויי פיינטלעכע מדינות. עס איז לייכט צו פאַרשטיין, ווי שווער ס'איז געווען ביי אַזעלכע באַדינ־גונגען אויפצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט און פאַרבינדונג צווישן די אַקטיווע טוער און צו קאָאָרדינירן זייער טעטיקייט.

דער אַרבעטער־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון: ברעסלער (שמואל בראַס־לאַוו), צוקערמאַן (יצחק), פינקלשטיין־לעוואַרטאָווסקי (יוסף), קאַפּלאַן (יוסף), אָזשעך (מאָוריצי), סאַק (יוסף) און זאַגאַן (שכנא), אָבער אויך אָט דער אָרגאַן האָט נישט געקענט אויספילן ווי געהעריק זיינע אויפגאַבן צוליב די אָקאָרשט־דערמאָנטע סיבות. דערצו איז אויך פאַרקלענערט געוואָרן די צאָל פון זיינע מיטגלידער עטלעכע טעג נאָך זיין אָרגאַניזירונג: זאַגאַן איז דערמאָרדעט געוואָרן און אָזשעך האָט פאַרלאָזט דעם געטאָ.

דעם 28־טן יולי 1942 איז צונויפגערופן געוואָרן אַ זיצונג פון החלוץ און די אים־צוגעהעריקע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס — „השומר הצעיר", „דרור" און „עקיבא", — און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ אידישע־קאַמף־אָרגאַניזאַציע — אי.ק.אָ. די אויפ־רופן אין פויליש זיינען געווען אונטערגעשריבן מיט די איניציאַלן: Ż.O.B. זשידאָווסקאַ אָרגאַניזאַציאַ באָיאָוואַ — אידישע־קאַמף־אָרגאַניזאַציע. מיטגלידער פונם קאָמאַנדיר־שטאַב זיינען געווען: ברעסלער (בראַסלאַוו שמואל), צוקערמאַן (יצחק), לובעטקין צביה און טענענבוים מרדכי[20]. עס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ דעלעגאַציע אויף דער אַרישער זייט: אַלטמאַן טאָסיאַ, פּלאָטניצקאַ פרומקע, פערלשטיין לאה, ווילנער אריה־יורעק[21] (אַלע פיר לפ"ג). די אויפגאַבע פון דער דעלעגאַציע איז געווען — צו שאַפן פאַרבינדונגען מיט דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג און צו באַקומען געווער פאַרן געטאָ.

עס איז געשאַפן געוואָרן די קאַמף־אָרגאַניזאַציע — אָבער די באַוואָפנונג פון גאַנצן געטאָ איז באַשטאַנען פון איין רעוואָלווער.

מיר זיינען געווען עדות פון אַ מוטיקער האַלטונג פון אידן, וועלכע האָבן אין אָן אַ שיעור פאַלן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די דייטשן. אָט די נאָמענלאָזע קעמפער גייען אַריין אין דער רובריק פון די „5.394 דערשאָסענע" — לויט דעם דייטשן באַריכט

[20] אויף די ראַנדן פונם דאָקומענט (די דאָקומענטן זיינען פאָטאָ־קאָפּיעס פון מאַנוס־קריפּטן געשריבענע אויף אַ שרייבמאַשין אין וואַרשע) זיינען אויף דעם אָרט צוגעשריבן מיט דער האַנט די לעצטע אותיות פונם נאָמען קאַפּלאַן, — לאַן; דאָס הייסט, אַז אויך יוסף קאַפּלאַן איז געווען אין ערשטן קאָמאַנדיר־שטאַב פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

[21] זיין אמתער נאָמען איז ישראל חיים ווילנער, אָבער אין קן פון „השומר הצעיר" האָט מען אים גערופן אריה און אין זיין אונטערערד־תקופה — יורעק. אונטער די נעמען — אַריה אָדער יורעק — איז ער באַקאַנט אין דער באַוועגונג. דעריבער לאָזן מיר זיי איבער אין די דאָקומענטן, וואו ער ווערט אַ סך מאָל דערמאָנט.

וועגן דער „אויסזידלונגס"־אַקציע [22]. אָבער וואָס האָט געקענט אויפטון אַ קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט טאַקי געהאַט אין איר רשות הונדערטער בחורים און מיידלעך — גרייטע אויף אַלע קרבנות — און דערביי איז זי געווען אַ לחלוטין אומבאַוואָפנטע — אויסער דעם דערמאָנטן איינציקן רעוואָלווער? וואָס האָט זי געקענט אויפטון געגן די ביז־די־ציין־באַוואָפנטע דייטשן, אוקראַינער, לעטן און ליטווינער? — מיט אומגעדולד האָבן מיר אָפּגעוואַרט דעם ערשטן טראַנספּאָרט געווער פון דער אַרישער זייט.

לעת־עתה האָבן מיר באַשלאָסן:

1) אַרויסגעבן אַן אויפרוף צו דער אידישער באַפעלקערונג, אין וועלכן עס זאָל אויפגעקלערט ווערן, אַז „אויסזידלונג — הייסט — טרעבלינקע, און טרעבלינקע באַדייט — טויט", און דעריבער דאַרפן אידן באַהאַלטן זייערע פרויען און קינדער און זיי אַליין דאַרפן שטעלן אַ ווידערשטאַנד געגן די דייטשע פאַראָרדנונגען.

2) מאַכן פאַלשע דייטשע „לעבנס־קאַרטן" און פונאַנדערטיילן זיי צווישן יענע טיילן באַפעלקערונג, וועלכע האָבן נישט געהאַט דאָס „גליק" אַריינצובאַקומען זיך אין די וואַרשטאַטן און אָנצוגעהערן צו די „פּראָדוקטיווע עלעמענטן"; מיר האָבן פונאַנדערגעטיילט טויזנטער אַזעלכע אַרבעטס־דאָקומענטן.

3) היות ווי די „אָרדנונגס־דינסט"־לייט (אידישע פּאָליציי) אין געטאָ און דער „אידן־ראַט" פירן אויס, צוזאַמען מיט די אוקראַינער און לעטן, די דייטשע פאַראָרדנונגען, — זאָל מען זיך אַקטיוו אַנטקעגנשטעלן זייער געמיינער אַרבעט. אויפן קאָמענדאַנט פון דער אידישער פּאָליציי יוזעף שערינסקי, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ טויט־אורטייל (זע זייט 83, באַמערקונג 4).

צו אונזער שטוינונג און פאַרביטערונג האָבן אונזערע אויפרופן תחילת נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג.[23] מען האָט נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלויבן! אידן זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן צום טויט און די אידישע פּאָסט אין געטאָ איז געווען טעטיק די גאַנצע צייט: עס זיינען אָנגעקומען „גרוסן" פון די אַרויסגעשיקטע; די „גרוסן" זיינען מיט אַ בליץ־שנעלקייט צעטראָגן געוואָרן איבערן גאַנצן געטאָ. טויזנטער מענטשן, געיאָגט פון הונגער און האָפנונגסלאָזיקייט האָבן זיך טאָגטעגלעך פריייוויליק געמעלדעט צום „אָפּפאָר". אויפן אויפלאָדונגס־פּלאַץ (אומשלאַג־פּלאַץ) האָבן די דייטשן „באַרמהאַרציק" געטיילט צו דריי קילאָגראַם ברויט און איין קילאָגראַם מאַרמעלאַד פאַר יעדן פרייוויליקן (זע זייט 74, באַמערקונג 5).

---

[22] נאָך דעם פאַרניכטונגס־גירוש צווישן 22־טן יולי און 12־טן סעפּטעמבער 1942 האָבן די דייטשן פאַרעפנטלעכט ציפערן וועגן זייערע גרוילטאַטן. לויט דידאָזיקע ציפערן איז די צאָל פון די דערשאָסענע אין געטאָ במשך דעם ערשטן גרויסן גירוש אַביסל אַ גרעסערע פון דער ציפער, וועלכע איז אָנגעגעבן אינם דאָקומענט. זע די טאַבעלן אין קאַפּיטל „דער גירוש פון די וואַרשעווער אידן", זייטן 76 און 77 — די צאָל אַרויסגעשיקטע.

[23] די אידן זיינען געווען איבערגעשראָקן פון די ערשטע אַקטיווע אַרויסטריטן פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע; זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דייטשער נקמה. צביה לובעטקין

נאָכן אויסליידיקן גאַנצע הייזער־קאָמפּלעקסן און קוואַרטאַלן האָבן מיר אונטערגעצונדן עטלעכע צענדליק אויסגעליידיקטע הייזער, כדי אידיש האָב־און־גוטס זאָל נישט אַריינפאַלן אין דייטשע הענט. צום הויך־פּונקט האָבן דערגרייכט די שריפות אין דער נאַכט פון 20־טן אויפן 21־טן אויגוסט 1942 [24]. יענעם טאָג איז אויך געגעבן געוואָרן דער ערשטער שאָס מצד דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע: י ש ר א ל ק אַ נ אַ ל האָט מיט צוויי קוילן שווער פאַרוואונדעט יוזעף שערינסקין. דער אַטענטאַט אויפן אָפיצער פון דער אידישער פּאָליציי ש מ ע ר ל י נ ג [25] איז נישט געלונגען.

אויפצומאָרגנס האָבן מיר באַקומען פון אונזערע חברים אינם אַרישן קוואַרטאַל 5 רעוואָלווערן און 8 גראַנאַטן [26]. ביי אונזערע באַדינגונגען איז דאָס געווען אַן אמתדיק רייכטום! אינצווישן איז די אַקציע אין וואַרשע איבערגעריסן געוואָרן, די דייטשע „אומזידלונגס־קאָמאַנדאָ" אָדער „פאַרניכטונגס־קאָמאַנדאָ" ווי די דייטשן גופא האָבן גערופן די מערדער, איז אַרויסגעפאָרן ערגעץ־וואו אין ערטער פון וואַרשעווער קרייז, כדי דאָרט דורכצופירן די אַקציעס, און בלויז געציילטע דייטשן פלעגן זיך באַווייזן אין די געטאָ־גאַסן (זע * באַמערקונג, זייט 77). מיר האָבן באַשלאָסן, אַז וויבאַלד די אַקציע וועט זיך באַנייען זאָלן מיר אַטאַקירן די דייטשן און אוקראַינער ביי זייער אַריינמאַרשירן אין געטאָ דורך סמאָטשע גאַס; אויפן שטח צווישן די גאַסן נאָוואָליפּיע און דזשעלנע.

אָבער ווי עפּעס אַ קללה וואָלט באַגלייט אונזערע אונטערנעמונגען. עס איז

דערציילט אין אירע באַשרייבונגען פונם וואַרשעווער געטאָ („דרור"־זאמעלבוך), וועגן די דאָ דערמאָנטע וואָרנונגס־אויפרופן: „אונזערע בחורים און מיידלעך האָבן זיך אומגעקערט אַ היים מיט טרערן אין די אויגן — אידן האָבן זיי געכאַפּט ביים פונאַנדערטיילן די אויפרופן און זיי געשלאָגן מכות־רצח... עס האָט ווייי געטון דאָס האַרץ, וואָס די אויפרופן, וועלכע מיר האָבן געדרוקט מיט אַזוי פיל מי און געקלעפּט מיט מסירת נפש, האָבן איצטער אידן אַליין אַראָפּגעריסן פון די ווענט".

[24] אייגנטלעך איז דאָס געווען דער אָנהויב פון דער אָרגאַניזירטער טעטיקייט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אין אַנדערע באַריכטן ווערט דערציילט, אַז די צאָל פון אַזעלכע אונטערצינדונגען האָט דערגרייכט ביז 100. אויסערדעם איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פּרוּוו אויפצורייסן דעם אַמט פאַר אידן־אַרויסשיקונג אויף זשעלאַזנע גאַס 103, דורך אַ טונעל־אונטערגראָבונג, אָבער דער פּרוּוו איז נישט געלונגען. אין יענער נאַכט, דעם 20־טן אויגוסט, האָט דאָס ליכט פון די שריפה־פלאַמען צוגעצויגן די רוסישע אַעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן באָמבאַרדירט וואַרשע.

[25] י. קאַנאַל איז געקומען צו שערינסקין אין דער וואוינונג, אויף נאָוואָליפּקי, אַלס פּאָליציאַנט, אַנדערש וואָלט מען אים נישט צוגעלאָזט צו אים. שערינסקי איז נישט געשטאָרבן פון די וואונדן. מען גיט איבער, אַז נאָך די באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן אין געטאָ, אין יאַנואַר 1943, איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, מורא האָבנדיק פאַר דער נקמה פון די אידישע קעמפער. שמערלינג — אַ האָטעל־אייגנטימער, אַ באַקאַנטער סאַדיסט און אויסוואורף, אַ זון פון אַ סוחר אויף דער שוויענטאָ־יערסקע־גאַס (די פאַמיליע שטאַמט פון ליטע אָדער לעטלאַנד), ער איז געווען דער אויפזעער פון „אומשלאַגפּלאַץ" אין וואַרשע.

[26] דאָס געווער איז דערוואָרבן געוואָרן מיט דער הילף פון די פּ.פּ.ר.־קרייזן (קאָמוניסטן). אַריינגעבראַכט אין געטאָ האָבן עס טאָסיאַ אַלטמאַן, אריה ווילנער, פרומקע פּלאָטניצקא און לאה פּערלשטיין. נאָך דער אונטערדריקונג פונם געטאָ־אויפשטאַנד, ווען די לעצטפאַרבליבענע קעמפער זיינען אַוועק אין די ווישקאָווער וועלדער, האָבן זיי באַקומען פון פּ.פּ.ר. 22 ביקסן.

אומגעקומען אַ גרופּע חברים, וואָס מיר האָבן זי פריער אַרויסגעשיקט אין די הרוביעשאָווער וועלדער כדי דאָרט צו שאַפן אַ פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג — מענטשן האָבן מיר געהאַט גענוג, עס האָבן אונז אָבער געפעלט וואָפן. — דאָסזעלבע איז געשען מיט דער גרופּע, וועלכע מיר האָבן אַרויסגעשיקט אין די מעזריטשער וועלדער [27]. דעם דריטן סעפּטעמבער האָט די געסטאַפּאָ אַרעסטירט יוסף קאַפּלאַן. שפּעטער מיט עטלעכע שעה, אין דעמזעלבן טאָג, האָבן די דייטשן דערמאָרדעט אינמיטן גאַס שמואל ברעסלער (בראַסלאַוו). און אין אָוונט פון יענעם טאָג איז אַריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט אַריין אונזער אָרימער געווער־און אַמוניציע־מאַגאַזין [28]. אויף אַזאַ אופן

[27] אין דער האָלץ־זעגעריי אין הרוביעשאָווער געגנט (אין דאָרף ווערבקאָוויצע) האָט זיך געפונען פון זינט 1941 אַ חלוציִשער קיבוץ פון „דרור", וועלכער האָט געציילט אַרום 40 חברים און זייער אָנפירער איז געווען משה רובענטשיק. אַ טייל פון זיי איז געקומען אַהין פונם חלוציִשן צענטער אויף דזשעלנע גאַס 34 אין וואַרשע, און צווישן זיי אויך שאול דאַבוכנאַ. אין אויגוסט 1942 בעת דעם פאַרניכטונגס־גירוש זיינען אהין אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ דריטע גרופּע פון 18 קעמפער (די דריי גרופּעס האָבן געציילט ביי 60 מענטשן), חברים פאַרטיזאַנישע אַקציעס אין דער געגנט. אַ קורצע צייט שפּעטער איז אַהין אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ דריטע גרופּע פון 18 קעמפער (די דריי גרופּעס האָבן געהאַט ביי 60 מענטשן), צווישן וועלכע עס זיינען געווען ג. גרשוני, פּעסיע פּורמאַנאָוויטש, י. קאַץ, י. נאָזשיצע, רות שקלאַר, דינה לעווין (אַלע — לפ"ג) און אַנדערע. דידאָזיקע גרופּע האָט געליטן אַ דורכפאַל בעת דער דאָקומענטן־קאָנטראָלירונג אין דער באַן אָנקומענדיק אויפן אָרט. נאָר איין יונגער חבר, מאָניעק שטענגעל (לפ"ג), איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע. אַלע איבעריקע זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אויפן אָרט, אויסער ישראל זעלצער (לפ"ג), וועלכער איז, מען־ווייסט־נישט־פאַרוואָס, אַוועקגעפירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ אין וואַרשעווער „פּאַוויאַק" און איז דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן. דער דורכפאַל פון אָט דער גרופּע האָט אויך דערפירט צו דער פאַרניכטונג פון אַלע חברים, וועלכע זיינען געווען קאָנצענטרירט אין דער אויבן־דערמאָנטער האָלץ־זעגעריי ביי הרוביעשאָוו. אין דער תקופה ווען עס זיינען געשיקט געוואָרן די פּאַרטיזאַנישע גרופּעס קיין הרוביעשאָוו איז אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע אַ גרופּע פון 25—30 קעמפער — חברים פון „השומר הצעיר" און „דרור" — אין די מעזריטשער וועלדער. זיי איז געלונגען צו קומען אין באַרירונג מיט אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון דער רויטער־אַרמיי און זיי האָבן אַדורכגעמאַכט אַסך שווערע איבער־לעבונגען און דערביי האָבן זיי נישט ווייניק געליטן פון זייערע נישט־אידישע קאַמף־חברים. זייער געווער האָבן זיי באַקומען פון אָנפאַלן אויף דייטשן. דעם ערשטן רעוואָלווער האָבן זיי באַקומען אין אַן אָנפאַל, וואָס זיי האָבן אַדורכגעפירט ממש מיט ליידיקע הענט. בשעת אַ גרויסן אָנגריף אויף זיי פון די דייטשן, — די גרופּע האָט דאַמאָלסט געהאַט ווייניק דערפאַרונג און איר געווער איז געווען זייער קנאַפּ, — זיינען אַלע אירע מיטגלידער געפאַלן אין שלאַכט. צווישן זיי איז אויך געווען אַרמין לאַקס, אַ חבר פונם יונגן אַקטיוו פון „דרור", געלערנט אין דער אונטערערדישער „דרור"־גימנאַזיע אין וואַרשע, קרוב 20 בעת ער איז געפאַלן. אין דער מעזריטשער פּאַרטיזאַנער־גרופּע האָט זיך אויך באַטייליקט פעסקא הערמאַן, געבוירן אין אָפּאַטאָוו, אַ חברטע פון לאָדזשער קבוץ, טעטיק אין החלוץ בעת דער מלחמה. ווען מען האָט זי געכאַפּט, האָט זי זיך אויסגעגעבן אַלס פּוילישע, מען האָט זי אַוועקגעשיקט אין אַ לאַגער און זי איז צווישן די געראַטעוועטע. דעם פּלאַן צו שיקן אין די הרוביעשאָווער־און מעזריטשער־וועלדער די פּאַרטיזאַנישע גרופּן האָט דער החלוץ אויסגעאַרבעט צוזאַמען מיט פּ.פּ.ר. אָבער די אַדרעסן און לאָזונגען, וועלכע מען האָט געגעבן די קעמפער זיינען נישט געווען קיין פּינקט־לעכע און מען האָט זיי דאָרטן נישט אָפּגעוואַרט.

[28] נאָכן אַרעסט פון יוסף קאַפּלאַן האָט מען באַשלאָסן אַריבערפירן דאָס געווער אויף אַן אַנדער אָרט. רעגינקא שניידערמאַן, אַ חברטע פון השומר־הצעיר, וועלכע האָט

זיינען פּאַראַליזירט געוואָרן אונזערע ערשטע טריט, וואָס זייער ציל איז געווען — שיצן דעם כבוד און די ווירדע פון וואַרשעווער אידנטום.

דעם 5־טן סעפּטעמבער האָבן די דייטשן באַנייט זייער אַקציע אויף אַזאַ אופן און אין אַזעלכע פאָרמען, אַז לגבי איר איז פאַרבלאַסט געוואָרן אַלץ, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען פריער. דעם 12־טן סעפּטעמבער (צווייטער טאָג ראש השנה תש״ג), ד.ה. אינם טאָג, ווען זיי האָבן אָפיציעל געמאָלדן די פאַרענדיקונג פון דער אַקציע, זיינען פונם גאַנצן ישוב אין וואַרשעווער געטאָ סך־הכל פאַרבליבן נישט קיין סך מער פון 50 טויזנט אידן, וועלכע זיינען צעטיילט געוואָרן אין 4 קליינע געטאָס:

1) פון ווינקל קאַרמעליצקע גאַס און לעשנע־גאַס — לעשנע — נאָר די פאַבריקע גומערן — פון נומ. 34 ביז 80 — ווינקל זשעלאַזנע גאַס — פונדאַרטן דער איינזייטיקער טייל זשעלאַזנע ביז נאָוואָליפּיע, פונדאַרטן — סמאָטשע ביז נאָוואָליפּקי, די נאָוואָליפּקי גאַס, די נישט־פאַבריקע זייט פון קאַרמעליצקע ביז לעשנע, — דאָס איז געווען דער „פּראָדוקטיווער" געטאָ, וואו עס האָבן זיך געפונען די וואַרשטאַטן פון די דייטשע אינדוסטריעלער: טעבענס, שולץ (דער „גרויסער שאָפּ"), ק. ג. שולץ (דער „קליינער שאָפּ"), רעהריך, האָפּמאַן, האַלמאַן און שילינג[29] (דערדאָזיקער שטח איז באַצייכנט אין דער געטאָ־מאַפּע מיטן אות „ב").

2) די פאַבריקע זייט פון דער גענשע־גאַס ביז סמאָטשע, די סמאָטשע־גאַס ביז פּאַריסאָווער פּלאַץ, די גאַסן שטשענשליווע, סטאַווקי, פּאַקאַרנע, מוראַנאָווער פּלאַץ צווישן פּאַקאַרנע און נאַלעווקיס, די פאַבריקע זייט פון פראַנציסקאַנער גאַס ביז דער באָניפראַטן־גאַס, — דאָס איז געווען דער אַזויגערופענער „צענטראַלער געטאָ". דאָ האָט זיך געפונען דער „אידנראַט" מיט זיינע אינסטיטוציעס און אויך די „ווערט־ערפאַסונג" — אַן ס.ס.־קעמערל, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז באַשטאַנען אין איבערנעמען דאָס פאַרבליבענע אידישע פאַרמעגן. אינם געביט פון „צענטראַלן געטאָ" האָבן געוואוינט די „נישט־פּראָדוקטיווע" עלעמענטן, מיטן אויסנאַם פון איין הייזער־

אין געטאָ זיך באַטייליקט ביים פאַרשפּרייטן די אומלעגאַלע שומרישע פּרעסע, האָט דאָס ביסל געווער אַריינגעלייגט אין אַ קויש און איז פאַרנאַכטלעך אַוועק פון מילע אויף דזשעלנע־גאַס 34; זי האָט אויסגעקליבן אַ גוטע צייט, ווען די דייטשן פלעגן זיך נישט דרייען אין די גאַסן, אָבער צום אומגליק איז צופעליק פאַרבייגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל מיט דייטשן און זיי האָבן זי נאָכגעיאָגט און געכאַפּט מיטן געווער. מען האָט זי אַריינגעזעצט אין דער פּאַוויאַק־טורמע, אָבער די דייטשן איז נישט געלונגען אַרויסצובאַקומען פון איר קיין איין נאָמען. ביים אָפּשלוס פון דער גירוש־אַקציע האָט מען זי אַוועקגעפירט צום „אומשלאַגפּלאַץ" אָבער היימישע פּאָליציאַנטן האָבן זי אַרויסגעראַטעוועט. זי האָט שפּעטער אָנטיילגענומען אין די געטאָ־קאַמפן אין דוד נאָוואָדוואָרסקיס (לפ״ג) קאַמף־גרופּע, אין טעבענס־שולץ־געביט, און זי איז געפאַלן אין קאַמף צוזאַמען מיט איר חבר שמעון העלער (לפ״ג).

[29] צוויי פון די דאָ־דערמאָנטע דייטשע אינדוסטריעלער האָבן געלעבט אין וואַרשע נאָך פאַר דער מלחמה: ק. ג. שולץ (פון „קליינעם שאָפּ"), אַ שיך־סוחר, און אויך שילינג. שולץ (פון „גרויסן שאָפּ") איז פריער געווען אַ פוטער־סוחר אין דאַנציג. די איבעריקע זיינען געווען דייטשן פון רייך — צווישן זיי טעבענס, אַ ס.ס.־מאַן פון בערלין — וועלכע זיינען געקומען קיין וואַרשע בשעת דער מלחמה.

בלאָק, אויף דער פּאַריקער זייט פון די נאַלעווקיס, וואָס דאָרטן האָבן זיך געפונען די פּאַבריקן פונם דייטש בראַוער (אָדער באַוער — זיי האָבן פאַרנומען זעקס הייזער פון נומער 28 ביז 38) און די וואוינונגען פון די אידן, וועלכע זיינען דאָרט געווען באַשעפטיקט (דער שטח איז אין דער מאַפּע באַצייכנט מיטן אות „ד", אַלס „צענטראַ־לער געטאָ", געשאַפן אין סעפּטעמבער 1942).

3) צווישן דער נישט־פּאַריקער זייט פון פראַנציסקאַנער גאַס, דער פּאַריקער זייט פון וואָלאָווע גאַס, דער פּאַריקער זייט פון שווענטאָיערסקע גאַס און דער באָני־פראַטן־גאַס האָבן זיך געפונען דער בערשטער־וואַרשטאַט, וואָס האָט געאַרבעט פאַר דער פאַרוואַלטונג פון דער דייטשער אַרמיי־באַזאָרגונג און דער געטאָ פאַר די דאָרט באַשעפטיקטע אידן (דער בערשטער־געביט איז אין דער מאַפּע באַצייכנט מיטן אות „א").

4) צווישן די גאַסן פאַנסקע, זשעלאַזנע, וואַליצאָוו, פּראָסטע, טשעפּלע און טוואַרדע — האָבן זיך געפונען אַן אָפּטיילונג פון די טעבענס־וואַרשטאַטן און דער געטאָ פאַר זייערע אַרבעטער (אַזוי־גערופענער „קליינער געטאָ", באַצייכנט אין דער מאַפּע מיטן אות „ג").

די שטחים צווישן געטאָ 1 און 2 (אין דער געטאָ־מאַפּע ב' און ד') האָבן געבילדעט אַ „נייטראַלן פּאַס", וואָס קיינער האָט דאָרט נישט געוואוינט. די שטחים צווישן געטאָ 1 און געטאָ 4 (אין דער געטאָ־מאַפּע ב' און ג') זיינען געווען אַ טייל פונם אַרישן קוואַרטאַל.

דאָס לעבן איז געוואָרן צו שאַנד! אַסך חברים האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף אונטערצינדן דעם געטאָ, וואַרפן זיך אויף די דייטשן מיט הוילע הענט און — אומקומען. אַנדערע האָבן געראָטן אויסצונוצן די הפסקה צווישן דער ערשטער ליקווידאַציע און דער באַלד־אָנקומענדיקער, און דערווייל אַנטוויקלען און שטאַרקן די קאַמף־אָרגאַני־זאַציע און באַקומען פאַר איר די נויטיקע געווער און אַמוניציע. אַזוי איז טאַקע באַשלאָסן געוואָרן. די צענטראַלע פון „החלוץ" האָט אָנגענומען פאָלגנדיקע באַשלוסן:

1) אַרויסשיקן דעלעגאַטן אין אַלע גרעסערע שטעט, כדי צו אָרגאַני־זירן דעם פּאַרטיידיקונגס־קאַמף פון די איבעריקע געטאָס.

קיין ביאַליסטאָק האָבן מיר דעלעגירט מרדכי טענענבוים—טאַמאַראָף, שפּעטער איז ער געווען קאָמענדאַנט פון דער קאַמף־אָרגאַני־זאַציע אין ביאַליסטאָקער קרייז. קיין בענדין — צבי בראַנדעס (לפ"ג) און פרומקע פּלאָטניצקאַ. אַלס קאָמענדאַנט איז באַשטימט געוואָרן ברוך גאַפּטעק (לפ"ג). אין קראָקע איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָ־מענדאַנט לייב לייבאָוויטש—לאַבאַן (לפ"ג) און אין קאָמאַנדיר־שטאַב זיינען אַריין: דאָלעק (אהרן) ליבעסקינד (לפ"ג) און דרענג־לער (דרענגער שמשון, לפ"ג); אין טשענסטאָכאָוו — רבקה גלאַנץ

(לפ"ג) און יהודה גליקשטיין (לפ"ג); אין ווילנע אבא קאָוונער[30].

2) פאַרשטאַרקן די צוזאַמענאַרבעט מיט אַלע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען.

פּועלי ציון (צ.ס.) און לינקע פּועלי ציון זיינען תיכף צוגעטראָטן צו דער געמיינזאַמער אַרבעט. די אונטערהאַנדלונגען מיטן „בונד" האָבן זיך פאַרצויגן. דער „בונד" האָט מסכים געווען אַריינטרעטן אין אי.ק.אָ. און אָנטיילנעמען אין פאַרטיידיקונגס־קאַמף נאָר אויפן שטח פון וואַרשע[31] — אין פּוילן האָבן נאָך דאַמאָלסט געלעבט ביי 2 מיליאָן אידן —, אויף געמיינזאַמער פאַרטרעטערשאַפט האָט דער „בונד" נישט מסכים געווען. כדי צו דערמעגלעכן און רעגולירן ווי געהעריק די צוזאַמענאַרבעט, האָבן די אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען „החלוץ", „דרור" („פרייהייט—החלוץ הצעיר"), „השומר הצעיר", „גורדוניה", פּועלי ציון (צ.ס.)—התאחדות, לינקע פּועלי ציון און די אַלגעמיין־ציוניסטן באַשלאָסן צו פאַראייניקן זיך אין אַ אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט (Ż. K. N. — Żydowski Komitet Narodowy).

די קאָאָרדינירונג מיטן „בונד" איז דערמעגלעכט געוואָרן דורך דער שאַפונג פון אַ אידישן קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט (Ż. K. K. — Żydowski Komitet Koordynacyjny), וואָס אין אים זיינען אַריין אויסער די פריער דערמאָנטע גרופּירונגען אויך פאַרשטייער פון „בונד". די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז אָנערקענט געוואָרן אַלס אַן אָרגאַניזאַציע פון דעם קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט.

די מיטגלידער פון פּרעזידיום פונם קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט זיינען געווען: צוקערמאַן יצחק — סעקרעטאַר[32] — קירשענבוים מנחם און בלום אַבראַשאַ.

[30] פון די אָנפירער פון „השומר הצעיר" און פון דער אידישער אונטערערד־באַוועגונג אויפן אָרט. ער האָט אַדורכגעמאַכט אַלע ליידן פון דער נאַצישער אָקופּאַציע אין ווילנע. געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנען־אָרגאַניזאַציע אין ווילנער קרייז. נאָכדעם ווי די נאַציס האָבן חרוב־געמאַכט דעם געטאָ, איז ער אַוועק אין וואַלד און געשטאַנען אינדערשפּיץ פון אַ פּאַרטיזאַנישער קאַמף־גרופּע אין ווילנער ראַיאָן, וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען „נקמה". ער איז געראַטעוועט געוואָרן. סוף 1945 געקומען קיין ארץ־ישראל. אין פאַרלאַג ספרית פּועלים אין ארץ־ישראל איז דערשינען אָנהויב 1947 זיין גרויסע פּאַרטיזאַנער־פּאָעמע „עד לא אור" (כל זמן נאַכט).

[31] צוליב דער סיבה זיינען די אָרטיקע קאָמאַנדיר־שטאַבן פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין אַלע ערטער, אויסער וואַרשע, באַשטאַנען אין יענער תקופה פון די אָנפירונגען פון „דרור" און „השומר־הצעיר". ערשט נאָכן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָט דער „בונד" מסכים געווען אויף אַ געמיינזאַמער טעטיקייט אויך מחוץ פון וואַרשע, און ער האָט זיך באַטייליקט אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין אַלע ערטער.

[32] דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט איז געשאַפן געוואָרן דעם 20־טן אָקטאָבער 1942. ווי באַקאַנט, האָבן זיך געפירט לאַנגע ויכוחים וועגן זיין שאַפונג, און ערשט דעם 15־טן אָקטאָבער האָט דער אין־וואַרשע־פאַרבליבענער בונדישער אַקטיוו אָנגענומען וועגן דעם אַ פּאָזיטיוון באַשלוס. די טעטיקייט פונם קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט איז, ווי דערמאָנט, געווען באַגרעניצט אין

מיטגלידער פון פּלענום זיינען געווען: אַלעקסאַנדער (אַ פּסעוודאָנים פון אַן אַק־טיוון פּ.פּ.ר.־טוער, אַן אינזשיניער), מרים איינסדאָרף (היינסדאָרף, לפ״ג), מלך פיינקינד (לפ״ג), געלער אליעזר (לפ״ג), לובעטקין צביה און מאָרגענשטערן יוחנן (לפ״ג). דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט אויסגעוויילט אין זיין פּרעזידיום: יצחק צוקערמאַן, מנחם קירשענבוים און יוחנן מאָרגענשטערן.

אין קאָמאַנדיר־שטאַב פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע זיינען אַריין: אַניעליעוויטש מרדכי (לפ״ג) — קאָמענדאַנט, אָרגאַניזאַציע־אָפּ־טייל; צוקערמאַן יצחק — וויצע־קאָמענדאַנט, באַוואָפנונג; מאַרעק עדעלשטיין (עדעלמאַן)[33] — אויסשפּיר־דינסט; מאָרגענשטערן יוחנן — פינאַנצן; בערלינסקי הערש — פּלאַנירונג, און ראָזענ־פעלד מיכאל (לפ״ג).

דער אידישער קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט האָט אויסגעוויילט קאָמיס־יעס: פּראָפּאַגאַנדע — בלום (אברהם), צוקערמאַן (יצחק), פיינ־קינד (מלך); פינאַנצן — איינסדאָרף (היינסדאָרף מרים), לובעט־קין (צביה), מאָרגענשטערן (יוחנן); פאַרזאָרגונג — באָזשי־קאָווסקי טוביה (זע זיין טאָגבוך זייט 286), וועגנגראָווער יהודה (לפ״ג).

עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ בירגער־קאָמיטעט, וועלכער האָט גע־נומען אויף זיך די אויפגאַבע צו באַקומען געלט־מיטלען: 1) פאַר די באַ־דערפנישן פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, 2) פאַרן בוי פון שוצערטער און בונקערס; דער קאָמיטעט האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיטן פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק פון אַקטיוון ווידערשטאַנד צווישן אַלע שיכטן פון דער אידישער

די ראַמען פון וואַרשע, און ערשט אין אַפּריל 1943 האָט דער „בונד" מסכים געווען אויסצו־ברייטערן זיין טעטיקייט־געביט אויף גאַנץ פּוילן. ווי עס גיט איבער מאַרעק עדעלמאַן איז אויך אברהם שמואל שניידמיל (בערעק, לפ״ג) געווען אַ מיטגליד פונם קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט. יצחק צוקערמאַן איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס קאָמיטעט־סעקרעטאַר איינשטימיק, לויטן פאָרשלאַג פון אַבראַשאַ בלום.

[33] אַ בונדיסט. 25 יאָר איז ער אַלט געווען בעתן אויפשטאַנד. אויך זיין מוטער צפורה איז געווען אַן אַקטיווע בונדיסטישע טוערין. ער איז געווען אַ מוטיקער און איניציאַ־טיוו־רייכער קעמפער. ער ווערט אַ סך מאָל דערמאָנט אין די באַריכטן וועגן די קאַמפן אינם געטאָ־אויפשטאַנד, אין אַפּריל־מאַי 1943. דעם 10־טן מאַי 1943 איז ער געווען צווישן דעם הייפל קעמפער, וועלכע עס האָט זיך איינגעגעבן דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אַרויסצוגיין אויף דער אַרישער זייט. האָט פאָרגעזעצט זיין אונטערערדישע טעטיקייט און אויך אָנטיילגענומען אין אַלגעמיינעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, אין אויגוסט־סעפּטעמבער 1944, — אין דער אָפּטיילונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אין נאָוועמבער 1944 איז ער על פּי נס ניצול געוואָרן פונם בונקער אין זשאָליבאָזש, אין וועלכן ער איז געלעגן עטלעכע טעג אונטער די חורבות. זעצט פאָר זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין פּוילן. זיין אמתער נאָמען איז מאַרעק עדעלמאַן. אין וואַרשעווער בונדיסטישן פאַרלאַג איז דערשינען אויף פּויליש זיינע אַ בראָשור „דער קעמפנדיקער געטאָ".

געזעלשאַפט. אין דעם קאָמיטעט זיינען אַריין: בלאָך ל. ל. (אליעזר ליפא, לפ״ג), כאָלאָדענקאָ (דוד, לפ״ג), גיטערמאַן (יצחק, לפ״ג), גוזשיק (דניאל, זע באַם. 18 פריער), קאָן מנחם (לפ״ג) לאַנדוי (אַלעקסאַנדער לייב, זע באַם. 19 פריער), סאַק יוסף (זע באַם. 12 פריער).

אין אַריישן טייל זיינען באַשטימט געוואָרן: ד״ר א. בערמאַן אַלס פאָרשטייער פון נאַציאָנאַלן קאָמיטעט ביי דער (אונטערערדישער) פוילישער ציוויל־מאַכט און אריה ווילנער־יורעק אַלס פאָרשטייער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

די פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסיע פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט געאַר־בעט אין פולשטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער אַרכיוו־קאָמיסיע פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, וואָס אירע מיטגלידער זיינען געווען: ד״ר ריב־געלבלום עמנואל, אליהו גוטקאָווסקי (לפ״ג), וואַסער (הערש, זע זיינע פאַרצייכנונגען זייטן 293 און ווייטער).

נאָך איידער ס׳איז געשאַפן געוואָרן די קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע, האָבן מיר באַשלאָסן אויסצורייניקן די אַטמאָספער אין געטאָ דורך דער ליקווידירונג פון די סאַמע דעמאָראַליזירטסטע, צו די דייטשן־פאַרקויפטע פאַרברעכער און אַזוי אַרום אָנוואַרפן אַ פּחד אויפן „אידנראַט״ און אויף זיינע אינסטיטוציעס. דער טויט פונם קאָמענדאַנט פון דער אָרדנונגס־פּאָליציי מענדל (יעקב) לייקין[34], וועלכער איז דערשאָסן געוואָרן דורך אליהו רוזשאַנסקי — עלעק (לפ״ג)[35] איז געוואָרן אַ וואָרנונג פאַר זיינע קאָלעגן אין דער פּאָליציי, און דער טויט־אורטייל אויף ישראל פירשט[36], וועלכן ס׳האָט אויסגעפירט דוד שולמאַן[37] (לפ״ג), האָט געדינט אַלס וואָרנונג פאַר דעם דעגענערירטן „אידנראַט״.

[34] על־פּי־טעות איז פאַרשריבן אינם באַריכט מענדל, אָבער ער דאַרף זיין יעקב. זע זייט 72, באַם. 2.

[35] דאָס איז געשען דעם 29־טן אָקטאָבער 1942. אויף דער גענשע־גאַס אין שכנות פון דער קאָמענדאַנטור פון דער אָרדנונגס־פּאָליציי אויף גענשע־גאַס 4. זיין אַדיוטאַנט, טשאַפּליצקי, איז פאַרוואונדעט געוואָרן. עס האָבן מיטגעהאָלפן אויספירן דעם פּסק־דין מערדעק (מרדכי) גראָוואַס און מרגלית לאַנדוי (ביידע לפ״ג).

[36] דער פאַרבינדונגס־באַאַמטער צווישן דער אידישער קהילה און די נאַציס. דער אורטייל אויף אים איז אויסגעפירט געוואָרן, שוין נאָכן גרויסן גירוש, דעם 29־טן נאָוועמבער 1942, צוליב זיין אכזריותדיקער באַציאונג צו די אידישע אַרבעטער. אָט דער פירשט איז אין זיין אוניווערזיטעט־צייט געווען אַ מיטגליד אין אַ רעכטער סטודענטן־קאָרפּאָראַציע. אין די לעצטע יאָרן פון זיינע אוניווערזיטעט־לימודים איז ער געווען ווירטשאַפט־פאַרוואַלטער פון אידישן אַקאַדעמישן הויז אין פּראַגע, וואַרשע. אין יאָר 1935 האָבן די סטודענטן, די באַוואוינער פונם הויז, אָרגאַניזירט געגן אים אַ שאַרפע פּראָטעסט־אַקציע, כדי אים צו באַזייטיקן, ווייל ער האָט זיך נישט גערעכנט מיט זייערע באַדערפענישן; די אַקציע געגן אים האָט דאַמאָלסט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער געזעלשאַפטלעכקייט. בערנאַרד גאָלדשטיין, דער באַקאַנטער בונדישער עסקן פון וואַרשע, שרייבט אין זיין בוך „פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ״, אַז ער איז געווען אַן אינפאָרמאַטאָר פון געסטאַפּאָ.

[37] נאָכדעם ווי די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל, איז ער

אין פאַרלויף פון דריי חדשימדיקער פאַרהעלטנישמעסיקער רו אין געטאָ, איז אונז טיילווייז געלונגען צו באַוואָפּענען די קאַמף־גרופּעס פון „דרור" („פרייהייט— החלוץ הצעיר") און „השומר הצעיר". די אַנדערע גרופּעס זיינען נאָך דאַמאָלסט געווען אין זייער אָרגאַניזירונגס־און שולונגס־צייט.

די ערשטע באַוואָפנטע אַקציע האָט די אידישע־קאַמף־אָרגאַניזאַציע אַדורכגעפירט אין קראָקע. דעם 24־טן דעצעמבער 1942 האָט די קראָקעווער אָפּטיילונג פון דער אָרגאַניזאַציע אויסגעפירט אַ נקמה־אַקט אויף די דייטשן. עטלעכע דייטשע קאַפע־הייזער זיינען באַוואָרפן געוואָרן מיט גראַנאַטן, עטלעכע העכערע געסטאַפּאָ־אָפיצערן זיינען דערשאָסן געוואָרן פון רעוואָלווערן. פון דער דייטשער זייט איז אָנגעגעבן געוואָרן די צאָל — 20 דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע. דערדאָזיקער אַקט איז אָבער אויך געווען דער סוף פון דער אי.ק.א.־טעטיקייט אין קראָקע. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אַריינגעפאַלן אין די דייטשע הענט די קראָקעווער קאַמף־אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט איר העלדישן קאָמענדאַנט ל א ב א ן (אברהם לייב לייבאָוויטש)[38].

אַרויסגערופן געוואָרן צום קאָמענדאַנט, וועלכער האָט אים געפרעגט: צי ער קען דערהרגענען אַ מענטש? ער האָט געענטפערט: אויב ער וועט באַקומען אַ באַפעל, וועט ער עס טון. ער האָט באַקומען אַ באַפעל אַדורכצופירן דעם אורטייל אין פאַרלויף פון דריי טעג. דאָס איז נישט געווען קיין גרינגע זאַך. און ערשט צום סוף פון דריטן טאָג, ווען עס איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פונם קאָמאַנדיר־שטאַב פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע (די זיצונג איז פאָרגעקומען אין אַן אָרט נאָענט צו פירשטס וואוינונג), האָט מען געזען מענטשן אַנטלויפן פון דאָרט און די קאָמאַנדירן האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן. קומענדיק צו דער זיצונג, האָבן זיי געפונען דודן ווי ער זיצט און שמועסט מיט די חברים אינגאַנצן רואיק, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען. און קיינער פון די איבעריקע אָנוועזנדע האָט נישט געוואוסט וואָס פאַר אַ ראָל דוד האָט געשפּילט אינם אָקאָרשט פאָרגעקומענעם אַטענטאַט. פירשט איז דערשאָסן געוואָרן, ווען ער איז צוגעקומען צו זיין הויז אויף זיין אייגענער ריקשע. אין דער אַדורכפירונג האָבן אים מיטגעהאָלפן ב ע ר ל ב ר ו י ד ע און ש ר ה ג ר אַ נ אַ ט ש ט י י ן (ביידע לפ"ג).

[38] אין דער באַצייכנונג פון דער דאַטע איז פאַראַן אַ טעות, דאָס איז נישט געשען דעם 24־טן נאָר דעם 23־טן (אין אָוונט). דידאָזיקע אַקציע איז געקומען אַלס תשובה אויפן פרווו צו ליקווידירן דעם פאַרבליבענעם רעשט פון קראָקעווער אידנטום, וואָס איז איינגעשפאַרט געוואָרן אין געטאָ אין פּאָדגוזשע (דעם 28־טן אָקטאָבער 1942 זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן 5000 קראָקעווער אידן נאָכדעם ווי אין יוני דעמזעלבן יאָר זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן 7000. די ליקווידירונג פון קראָקעווער געטאָ איז פאָרגעקומען דעם 13־טן מערץ 1943, דאַן זיינען איינגעשפאַרט געוואָרן אין גרויזאַמען לאַגער פון פּלאַשאָוו איבער צען טויזנט קראָקעווער אידן). ווי ס'איז דערנאָך פעסטגעשטעלט געוואָרן זיינען די דייטשע פאַרלוסטן געווען גרעסערע; דייטשע קוועלן שאַצן זיי אויף פופציק דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע. די קעמפער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָבן אויך אונטערגעצונדן אַ דייטשן גאַראַזש, דערהרגעט עטלעכע דייטשן אין די גאַסן און פאַרשפּרייט אויפרופן, — אָט די לעצטע טאַט האָט דערפירט צום דורכפאַל. יענע נאַכט זיינען געפאַנגען געוואָרן אַרום 40 מיטגלידער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַ באַהעלטניש אין דער געביידע פונם געוועזענעם אידישן שפּיטאָל אויף סקאַווינסקע־גאַס (בעת דער קאַמף־אַקציע איז קיינער פון די קעמפער נישט געפאַנגען געוואָרן). שפּעטער איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז עטלעכע אידישע געסטאַפּאָ־פּראָוואָקאַטאָרן, — יוליאַן אַפּעל, נתן ווייסמאַן, שמחה ספּיראָ, אַרטור לעפלער און מיכאל פּאַצאַנאָווער פון קראָקע און שמעון ראָזען און מאַריאַן ראָטקאָפּ פון באָכניע, — האָבן זיך אַריינבאַקומען אין די רייען פון „החלוץ הלוחם" און צוליב זייער מסירה זיינען די קעמפער

דעם 18־טן יאַנואַר 1943 האָבן שטאַרקע אָפּטיילונגען זשאַנדאַרמעריע, ס.ס., און מיליטער אַרומגערינגלט דעם וואַרשעווער געטאָ. במשך צוויי טעג פאַר דעם, האָבן די דייטשן אַדורכגעפירט מאַסן־אַרעסטן און ברייטע זוכונגס־אָנפאַלן אינם אַרישן קוואַרטאַל. די אידן אין געטאָ האָבן גראָד דאַמאָלסט צומווינציקסטן דערוואַרט אַן אַקציע. פאַרטאָג האָבן די דייטשן אַרומגעשטעלט פּאָסטנס אין אַלע גאַסן און איינ־גאַנגען, ־ועלכע פירן צום געטאָ. די אַרבעטער, וועלכע האָבן געאײַלט צו דער אַרבעט אין די פאַבריקן, האָט מען — נישט קאָנטראָלירנדיק זייער „פּראָדוקטיוויקייט" — אָפּגעפירט צום „אומשלאַג־פּלאַץ". אַ טייל פון די איבעריקע איז געלונגען זיך צו באַהאַלטן. קיין פרייוויליקע צום „אָפּפאָר" זיינען שוין נישט געווען. אין פאַרלויף פון 4 חדשים זיינען צוגעגרייט געוואָרן שוצערטער אויף בוידימער און אין קעלערס, עס זיינען צו דעם צוועק אויך פאַרמויערט געוואָרן וואַוינצימערן, עס זיינען געבויט געוואָרן טאָפּלטע סופיטן א.אַ.וו. מחוץ פון די שוצערטער האָבן זיך געפונען נאָר עטלעכע אין־איילעניש צוגעגרייטע קאַמף־גרופּעס. אין צענטראַלן געטאָ האָט אַ טייל פון די קאַמף־אָפּטיילונגען, אונטער דער אָנפירונג פון זייער קאָמענדאַנט מרדכי אַניעליעוויטש, מיט אַ כיוון זיך געלאָזט כאַפּן צווישן עטלעכע הונדערט אַנדערע אידן. ווען מען האָט זיי דערפירט ביזן ווינקל פון די גאַסן זאַמענהאָף און ניזקע, האָבן די קאַמף־אָפּטיילונגען — לויט אַ געגעבענעם צייכן — געעפנט אַ שיסעריי אויף די דייטשן. די צום טויט־געפירטע אידן זיינען זיך פונאַנדערגעלאָפן און אויך די דייטשן

געפאַנגען געוואָרן. עס איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז צוליב זייער שולד זיינען אין אַ שפּעטערדיקער תקופה געכאַפּט געוואָרן שמשון דרענגער (לפ"ג) און די לעצט־פאַרבליבענע מיטגלידער פון „החלוץ הלוחם", וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אין באָכניע ביי קראָקע. לאַבאַן און יצחק צוקערמאַן, וועלכער האָט דאַמאָלסט באַזוכט קראָקע, האָבן נישט געוואוסט וועגן דורכפאַל און איופּצומאַרגנס אינאָוונט זיינען זיי געקומען אין קאָמאַנדיר־שטאַב, ־ועלכער האָט זיך געפונען אין „רייכסדויטשעס־האויז", וואו עס האָבן גע־וואוינט נאָר דייטשן (לאַבאַן איז געווען אָנגעטון אין אַ דייטשער אָפיצער־אוניפאָרם). לאַבאַנען האָבן די דייטשן געכאַפּט און יצחקן, כאָטש ער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין פוס, איז, אַ דאַנק זיין קאַלטבלוטיקייט געלונגען צו אַנטלויפן. דער דרייסט־פאַרמאָסטענער אָנפאַל פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין קראָקע האָט געמאַכט אַ גאָר שטאַרקן איינדרוק אין גאַנצן לאַנד. דאָס איז געווען דער ערשטער און גרויסער קאַמף־אויפטריט אין אַ פוילישער שטאָט פון זינט דער נאַצישער אָקופּאַציע. די דייטשן האָבן דערקלערט אַלגעמיינעם הויז־אַרעסט פון 6 אַזייגער אינאָוונט. נאָך דעמדאָזיקן פאַל האָט יצחק קאַצענעלסאָן (לפ"ג) אָנגעשריבן אַ ליד „לאַבאַן און יצחק", דאָס איז דער אַכטער פערז אינם 13־טן קאַפּיטל „מיט חלוצים" פון זיין גרויסער פּאָעמע „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן אידישן פאָלק", וועלכע איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעגעבן געוואָרן פון נתן עק אין איר פולן טעקסט, אין מאַי 1945 אין פּאַריז.

בכלל איז כדאי צו אונטערצושטרייכן די אינטענסיווע טעטיקייט פון דער אידישער אונטערערד־באַוועגונג אין קראָקע. דאָרט זיינען אויך פריצייטיק געמאַכט געוואָרן פּרוּוון פון אַ פאַרבינדונג מיט דעם פוילישן אונטערערד דורך דער חברה לענאַ קאַצענעלבויגן, די טאָכטער פונם אַקטיוון טוער פון פועלי ציון (צ.ס.) אין קראָקע משה לייב שטערנפעלד. זי איז אויך געווען זייער אַקטיוו ביים שאַפן פּאַסיקע דאָקומענטן, וואָס מיט זייער הילף זיינען גע־ראַטעוועט געוואָרן צענדליקער חברים. די דייטשן האָבן זי דערמאָרדעט דעם 18־טן אַפּריל 1945 אין קאָנצענטראַציע־לאַגער מאַלהאָף אין מעקלענבורג, זי איז דאַן אַלט געווען 24 יאָר.

האָבן זיך געלאָזט לויפן, באַהערשט דורך אַ פּאַניק. אָבער זייער שנעל, באַלד נאָכן גובר זיין די ערשטע שרעק, זיינען די דייטשן צוריקגעקומען מיט פאַרשטאַרקונגען. עס זיינען געווען קרבנות פון ביידע צדדים. די רייען פון די קעמפער האָבן אָנגעהויבן שיטערער ווערן. דער יונגער ע ל ע ק (אליהו) ר ו ז ש אַ נ ס ק י האָט, שוין זייענדיק שווער־פאַרוואונדעט אינם העלדישן קאַמף, ביזן לעצטן מאָמענט נישט אַרויסגעלאָזט דעם רעוואָלווער פון האַנט. ווען ביי מ ר ד כ י אַ נ י ע ל ע וו י ט ש זיינען אויסגעגאַנגען די קוילן, האָט ער זיך מיט הוילע הענט געוואָרפן אויף אַ זשאַנדאַרם, אַרויסגעריסן ביי אים די ביקס און אָנגעהויבן דעם קאַמף פונדאָסניי. נאָך אַ שעה צייט פון העלדישן געראַנגל איז אומגעקומען די גאַנצע גרופּע מיטן אויסנאַם פון קאָמענדאַנט, וועלכער איז על־פּי־נס דאַן געראַטעוועט געוואָרן.

אַנדערע גרופּעס, אונטער דער אָנפירונג פון י צ ח ק צ ו ק ע ר מ אַ ן, א ל י ע ז ר ג ע ל ע ר און א ר י ה וו י ל נ ע ר, האָבן געפירט פּאַרטיזאַנישע שלאַכטן אין די הייזער. אויף זאַמענהאָף־גאַס 56, מוראַנאָווסקע 44, מילע 34, 41 און 63, ווי אויך אויף סטאַווקי־גאַס האָבן קאַמף־גרופּעס געלויערט אויף די אָנקומענדיקע דייטשן. באַזונדערס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער מוט און קאַלטבלוטיקייט: ז כ ר י ה ו אַ ר ט ש ט י י ן, ב נ י מ י ן וו אַ ל ד און ח נ ו ך ג ו ט מ אַ ן (אַלע דריי — גרופּע־קאָמענדאַנטן פון „דרור". אַלע דריי — לפ"ג). פון אונזער זייט איז דאָרט געפאַלן נאָר איין קעמפער [39]. דער רעזולטאַט פון די קאַמפן האָט איבערגעשטיגן אונזערע דרייסטעסטע דערוואַרטונגען. די דייטשן האָט אַרומגעכאַפּט אַ פּאַנישער פחד אַריינצוגיין אין די הייזער. אויפן דריטן טאָג האָבן זיי איבערגעריסן די אַקציע. אינם וואַרשטאַטן־געביט האָט — אינדערשפּיץ פון אַ קליינער גרופּקע קעמפער — העלדיש געקעמפט ישראל קאַנאַל (לפ"ג). אין רעזולטאַט פון די קאַמפן האָבן מיר דעראָבערט איבער אַ צענדליק ביקסן און רעוואָלווערן, מיר האָבן דערהרגעט אָדער פאַרוואונדעט 50 דייטשן.

אין אָנהויב פעברואַר איז פאָרגעקומען אַ ווייטערדיקע, טיילווייזע ליקווידירונג פונם טשענסטאָכאָווער געטאָ. וואַרשעווער אי.ק.א. האָט אַהין געהאַט אַרויסגעשיקט עטלעכע רעוואָלווערן, און מיט דעם געווער האָט אַ קליינע גרופּקע אונזערע זעלנער געשטעלט אַן אַקטיווען ווידערשטאַנד. דאָס איז געווען אַ טראַגיש, אומבאַשרייבלעך

[39] אַ גרופּע קעמפער וועלכע איז געווען באַהאַלטן אויף מילע גאַס 64, האָט אַטאַקירט אַ דייטשע עסקאָרט־אָפּטיילונג אין ווינקל פון די גאַסן ניזקע און זאַמענהאָף און זי אַנטוואָפנט. אַ סך פון די קעמפער האָבן דערביי באַצאָלט מיט זייער לעבן. אַ צווייטע קעמפער־גרופּע האָט זיך פאַרבאַריקאַדירט אין אַ קליין הויז אויף ניזקע גאַס און פון אינווייניק באַשאָסן די דייטשע פאַרשטאַרקונגען. די דייטשן האָבן נישט געקענט דעראָבערן דאָס הויז און עס אונטערגעצונדן; די איינגעשלאָסענע אידישע קעמפער האָבן געקעמפט ביז דער לעצטער קויל. אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור", 40 חברים מיט 4 רעוואָלווערן און 4 גראַנאַטן האָט דאַן געקעמפט פריער אויף איר קאָנצענטריר־אָרט, אויף זאַמענהאָף־גאַס 56—58, דערנאָך זיינען זיי דורך די דעכער אַריבער אויף מוראַנאָווסקע 44 און צום סוף האָבן זיי געקעמפט אויף מילע 34. אין יענער קאַמף־גרופּע איז אויך געווען י צ ח ק ק אַ צ ע נ ע ל ס אָ ן.

בילד. די אַלטע, פאַרזשאַווערטע רעוואָלווערן האָבן זיך כסדר פאַרהאַקט און נישט געוואָלט פונקציאָנירן, די קעמפער האָבן זיך דאַן געוואָרפן מיט הוילע הענט אויף די דייטשן און זיינען אַלע אומגעקומען פון זייערע קוילן. אפילו ביי די מערדער האָט דער שטומער העראָאיזם אַרויסגערופן שטוינונג און באַוווּנדערונג [40].

דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד פון דער ציווילער באַפעלקערונג און דער קאַמף פון די אי.ק.אָ.־אָפּטיילונגען האָבן געצוואונגען די דייטשן אָפּצושטעלן די ליקווידיר־אַקציע אין וואַרשע. די אידישע באַפעלקערונג האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די שוצערטער, די געכאַפּטע צום אַרויסשיקן האָבן אויפגעבראָכן די וואַגאָנען־ווענט און זיינען אַרויסגעשפּרונגען אינמיטן גאַנג פון די צוגן. אפילו פון טרעבלינקע גופא איז געלונגען אַ קליינער גרופּע אידן צו אַנטלויפן.

דער עכאָ פון די שיסערייען און פון די געשליידערטע האַנט־גראַנאַטן האָט אַלעמען עלעקטריזירט. די קעמפער זיינען אומעטום באַגריסט געוואָרן ווי רעטער.

---

[40] עס דאַרף באַזונדערס פאַרצייכנט ווערן איינער פון די ווידערשטאַנד־פאַלן אין טשענסטאַכאָוו, ווען די געסטאַפּאָ־לייט האָבן אַרומגערינגלט אין די פרימאָרגן־שעהן דעם געטאָ, בעת אַלע זיינע איינוואוינער זיינען געווען ביי דער אַרבעט און אין געטאָ זיינען פאַרבליבן נאָר די באַשעפטיקטע ביי דער אינערלעכער ווירטשאַפט און אויך די „אומלעגאַלע״ — די אַנטלאָפענע פון פריערדיקע גירושים. דאָס איז געווען דעם 4־טן יאַנואַר 1943. די אויסבאַהאַלטענע זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אויפן אָרט. פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָבן זיך דאַן געפונען אין געטאָ נאָר געציילטע מענטשן. איינער פון זיי איז געווען פישלעוויטש (אַ מיטגליד פון אַ גרופּע גימנאַזיע־שילער און אַנדערע — אַ לינק־געשטימטע יוגנט־גרופּע, וועלכע האָט זיך אָרגאַניזירט אַלס קאָמונע און האָט מיטגעאַרבעט מיט דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און מיט די קיבוצים פון החלוץ. פישלעוויטש אַליין איז דערצויגן געוואָרן אין דער „פרייהייט״־אָרגאַניזאַציע אין ראַדאָמסק און אויך זיינע ברידער און שוועסטער זיינען געווען טעטיק אין דער פועלי ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי און אין איר יוגנט־אָרגאַניזאַציע); ער — דאַן אַ 20 יעריקער — האָט געפּרוּווט דערשיסן דעם געסטאַפּאָ־קאַפּיטאַן־ראָהן, וועלכער איז געווען באַרימט מיט זיין אַכזריותדיקייט, אָבער דער רעוואָלווער האָט זיך פאַרהאַקט; האָט ער זיך געוואָרפן אויף אים מיט די פויסטן און אים פאַרוואונדעט. די געסטאַפּאָ־לייט האָבן נישט געקענט שיסן אין פישלעוויטשן ווייל ער האָט זיך געראַנגלט מיט זייער אָפיצער, און זיי האָבן מורא געהאַט טאָמער וועט די קויל טרעפן דעם אָפיצער. פישלעוויטש האָט זיך אַריינגעגליטשט צווישן די אידן און די געסטאַפּאָ־לייט האָבן נישט באַמערקט ווער ס'איז געווען דער אָנפאַלער. נאָכדעם ווי ס'איז אָנגעקומען נאַצישע פאַרשטאַרקונג האָבן זיי פאַרלאַנגט פון די אידן, זיי זאָלן אים אַרויסגעבן, ווייל אויב נישט — וועלן זיי אויסהרגענען אַלעמען. קיינער האָט אים אָבער נישט אַרויסגעגעבן. דאַן איז פישלעוויטש אַליין אַרויס פונצווישן די רייען און זיך געווענדעט צום אָפיצער מיט די ווערטער: „אָט שטיי איך פאַר דיר, דו, שמוציקער הונט!״ ראָהן האָט געשאָסן אין אים און אים דערהרגעט. עס זיינען אויך דערמאָרדעט געוואָרן נאָך 23 אידן, יעדער 10־טער פון די פאַרבליבענע (צווישן זיי די חברים פון פועלי ציון (צ.ס.) אַדוואָקאַט ראָזענשטיין און ר. ווין). לויט די פאַרעפנטלעכונגען וועגן טשענסטאָכאָווער געטאָ, וועלכע זיינען דערשינען אין יאָר 1946, האָט דאַן געפּרוּווט שיסן אויף די דייטשן, אַחוץ פישלעוויטשען, אויך איזשאָ פיינער, וועלכער איז אויפן אָרט דערמאָרדעט געוואָרן. מיר האָבן נישט באַוויזן צו באַקומען פּרטים וועגן אים. אַ שטאַרקע שלאַכט האָבן געפירט די מיטגלידער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע בעת דעם גירוש פון קליינעם געטאָ, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן דעם 25־טן יוני 1943. צווישן אַנדערע איז אומגעקומען אַ גרופּע פון 40 קעמפער, וועלכע האָט דעם 26־טן יוני 1943 געמאַכט אַ פּרוּוו אַדורכצוברייסן די געטאָ־בלאָקאַדע.

די אידישע באַפעלקערונג האָט זיי געשטיצט ווי־ווייט זי האָט נאָר געקענט: בעקערס האָבן צוגעשטעלט ברויט אומזיסט, רימערס האָבן געמאַכט אָן געלט לעדער־שיידן צו די רעוואָלווערן. די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז זיך פונאַנדערגעוואָקסן און געשטאַרקט אירע קרעפטן פון טאָג צו טאָג.

היות ווי די פאָנדן, וועלכע זיינען באַזאָרגט געוואָרן דורכן בירגער־קאָמיטעט, האָבן נישט געקלעקט צו דעקן דעם בודזשעט, וואָס האָט געגרייכט אין מיליאָנען זלאָטעס, — האָט די קאַמף־אָרגאַניזאַציע אַרויפגעלייגט גרעסערע שטייערן אויף די פאַרמעגלעכערע שיכטן. די אַנטשלאָסענע מאָסמיטלען, וועלכע זיינען דורכגעפירט געוואָרן לגבי די ווידערשפעניקע, האָבן דערפירט צו אַ רעגולערער צאָלונג פון די אַרויפגעלייגטע שטייערן. די ווידערשפעניקע נישט־צאָלער האָט מען אַרעסטירט. אויף די אידישע לייטער פון די וואַרשטאַטן, אויף די מיטגלידער פון דער אָרדנונגס־פּאָליציי און אויף אַלע יענע, וועלכע האָבן געפירט געשעפטן מיט די דייטשע אונטערנעמער, זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן גרויסע געלט־שטראָפן. אויף דעם „אידנראַט" מיט זיינע אינסטיטוציעס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ קאָנטריבוציע, וועלכע האָט דערגרייכט די אַלגעמיינע סומע פון אומגעפער אַ מיליאָן זלאָטעס. אין משך פון דריי טעג איז די קאָנטריבוציע איינגעצאָלט געוואָרן[41]. דער איינציקער וואָס פאַרדינט א בכבוד'יקע אויסטיילונג פון דערדאָזיקער גאַנצער גאַנגרעניזירטער קליקע, איז געווען א ב ר ה ם ג ע פ נ ע ר (לפ"ג), וועלכער האָט ביזן סוף איינגעהיט זיין אומאָפּהענגיקייט און ערלעכקייט. ער האָט פינאַנציעל אונטערשטיצט די קאַמף־אָרגאַניזאַציע, זאַמלענדיק לטובת איר גרויסע געלט־סומען (מער פּרטים וועגן דעם אינם אזכרה־קאַפּיטל).

אַלס קאָמענדאַנט פונם „צענטראַלן געטאָ"־געביט איז באַשטימט געוואָרן י ש ר א ל ק אַ נ אַ ל, קאָמענדאַנט פון די בערשטער־וואַרשטאַטן איז געווען מ אַ ר ע ק ע ד ע ל ש ט י י ן (עדעלמאַן, זע באַמ. 33 אין דעם קאַפּיטל); פון די טעבענס־וואַר־שטאַטן — א ל י ע ז ר ג ע ל ע ר. די אידישע־קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אין איר רשות 22 קאַמף־גרופּעס. 11 פון זיי זיינען געווען פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס וואָס געהערן צום החלוץ: דרור (פרייהייט—החלוץ הצעיר) — 5, „השומר הצעיר" — 4, „עקיבא" — 1, „גורדוניה" — 1, 4 — פון „בונד" מיטגלידער, 1 — פון פּועלי ציון (צ.ס.),

---

[41] ווי עס גיט איבער ד"ר יוסף קערמיש אין זיין ביכל וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, זיינען די הכנסות פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין די לעצטע דריי חדשים פאַרן אויפשטאַנד געווען אַרום 10 מיליאָן זלאָטעס, וועלכע מען האָט אַריבערגעשיקט אויף דער אַרישער זייט, אויף איינצוקויפן געווער.

צו באַוואָפענען די אי.ק.אָ. זיינען נויטיק געווען מיליאָנען — איין רעוואָלווער האָט געקאָסט ביז 20 טויזנט זלאָטעס — די געלט עקספּראָפּריאַציעס האָבן דעריבער געמוזט אויסגעברייטערט ווערן; די אַרויפגעלייגטע קאָנטריבוציעס און שטייערן האָבן טאַקי אַריינגעבראַכט מיליאָנען זלאָטעס, אָבער אין דער אי.ק.אָ. האָט געהערשט אַ פּרינציפּ: דאָס געלט גייט נאָר אויף קויפן געווער; פאַר אויסהאַלטן די קעמפער איז גענומען געוואָרן דער נויטיקסטער מינימום; אויך ווען עס איז געווען געלט האָבן זיי באַנוצט — שוואַרץ ברויט, מאַרמעלאַד און סאַכאַרין.

1 — פון לינקע פועלי ציון, 1 — פון „הנוער הציוני" און 4 — פון די לינקע פּאַרייען [42].
דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט צוזאַמען געהאַט 18 גרופּעס.

אַלס קאָמענדאַנטן פון די גרופּעס זיינען באַשטימט געוואָרן:

„דרור" (החלוץ, פרייהייט־החלוץ הצעיר) — בנימין וואַלד, זכריהו אַרטשטיין, חנוך גוטמאַן, יצחק בלוישטיין, בערל ברוידע.

„השומר הצעיר" — מרדכי גראָוואַס (מערדעק), דוד נאָוואָד־וואָרסקי, סאַלאַמאַן (יוסף־יהושע) ווינאָגראָן, יוסף פאַרבער.

„גורדוניה" — יעקב פייגנבלאַט.

„עקיבא" — לוטעק (לייב) ראָטבלאַט.

„הנוער הציוני" — פראַשקער (יעקב).

פועלי ציון (צ.ס.) — מאַגיסטער מאַרעק (מאיר) מייעראָוויטש.

לינקע פועלי ציון — הערש בערלינסקי.

די לינקע פּאַרייען (קאָמוניסטן): הענריק (הערשל) קאַווע, הענריק זילבערבערג, יורעק גרינשפּאַן, פּאַוועל — ? [43].

„בונד" — וועלוול ראָזאָווסקי, לוי (לייב) גרוזאַלץ, יורעק בלאָנעס, דוד האָכבערג (אַלע דאָ אויסגערעכנטע 22 קאָמענדאַנטן פון די קאַמף־גרופּעס זיינען געפאַלן. זע לפ"ג).

פון די דערמאָנטע קאַמף־גרופּעס זענען 9 איינקוואַרטירט געוואָרן אין צענטראַלן געטאָ, 8 — אינם געביט פון די טעבענס־און שולץ־וואַרשטאַטן, 5 — אינם בערשטער געטאָ [44].

די הויפּט־באַוואָפנונג איז אָנגעקומען אין איין גרעסערן געווער־טראַנספּאָרט, וועלכער איז צוגעשיקט געוואָרן דורך די פּוילישע מיליטערישע מאַכט־אָרגאַנען. דאָס געווער איז באַשטאַנען פון רעוואָלווערן, גראַנאַטן און אויפרייס־מאַטעריאַלן [45]. פּאַר

[42] דאָס זיינען געווען די פּ.פּ.ר.־גרופּעס — די קאָמוניסטן. אינם דאָקומענט האָט מען אויסגעמיטן צו דערמאָנען די צוזאַמענאַרבעט מיט די קאָמוניסטן. זע באַמערקונג 11 אין דעם קאַפּיטל.

[43] דער פראַגע־צייכן ווערט געבראַכט אינם אָריגינאַל פון דאָקומענט. אויך די שרייבער אין וואַרשע האָבן, ווייזט אויס, נישט געוואוסט זיין פאַמיליע־נאָמען. לויט ווי ב. מאַרק שרייבט אין „דאָס נייע לעבן" פונם 18־טן אַפּריל 1947 ווערט דאָ געמיינט אהרן ברוסקין, פּרטים זע אזכרה־קאַפּיטל.

[44] אין דער געטאָ־מאַפּע אין דעם בוך איז דער צענטראַלער געטאָ באַצייכנט מיטן אות „ד"; דער וואַרשטאַטן־געביט טעבענס און שולץ מיטן אות „ב"; דער בערשטער־געביט—מיטן אות „א".

[45] דאָ ווערט געמיינט אַ טראַנספּאָרט פון די מיליטערישע אָרגאַנען פון דער לאָנדאָנער עמיגראַציע־רעגירונג. עס זיינען דאַמאָלסט געשיקט געוואָרן 50 פּיסטאָלעטן, 50 גראַנאַטן און 4 קילאָגראַם אויפרייס־מאַטעריאַלן. דער טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען אין פעברואר 1943. אַ צוויי חדשים פריער האָט מען דורך אַ פּערזענלעכער השתדלות פון אַ פּוילישער פּערזענלעכקייט באַקומען פון דיזעלבע קרייזן 10 אַלטע, קליינקאַליבערדיקע רעוואָלווערן, וועלכע זיינען באַנוצט געוואָרן ביי די ערשטע באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן אין וואַרשעווער געטאָ אין יאַנואַר 1943.

דעם דורך־אונז באַקומענעם געלט האָבן מיר איינגעקויפט נאָך עטלעכע הונדערט רעוואָלווערן און אויך אַמוניציע, — צאָלנדיק פאַר „וויס"עס [46] און „פּאַראַבעלומ'ס" פון 10 ביז 15 טויזנט זלאָטעס אַ שטיק!

אין פאַרלויף פון אַ סך וואָכן האָבן מיר זיך אונטערגעגראָבן אונטער דער ערד [47] ביז מיר האָבן דערגרייכט די געטאָ־מויערן, וואָס ביי זיי זיינען געשטאַנען דייטשע וואַך־פּאָסטנס, און מיר האָבן דאָרט פאַרלייגט אויפרייס־מינעס.

מיר האָבן געגלויבט, אַז די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע וועט קענען שטעלן אַ ווירקונגספולן ווידערשטאַנד קעגן די דייטשן, אויב זי וועט האָבן די פולסטע און אַנטשלאָסענע אונטערשטיצונג מצד דער גאַנצער אידישער געזעלשאַפט. האָבן מיר דעריבער אָנגעהויבן אַ שאַרפן און אומברחמנות'דיקן קאַמף געגן יענע עלעמענטן, וועלכע זיינען באַגאַנגען פאַרעטערישע מעשים דורך מיטאַרבעט מיט די דייטשן אָדער וועלכע האָבן דורך זייער אומווירדיקער האַלטונג דעמאָראַליזירט דעם געטאָ. עס זיינען אויף זיי באַשטימט געוואָרן טויט־אורטיילן און ווער פון זיי עס איז נישט אַנטלאָפן אויף דער אַרישער זייט, האָט אים דערגרייכט די האַנט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. צווישן די דערהרגעטע לויט אונזערן אַ טויט־אורטייל, איז אויך געווען ד"ר אַלפרעד נאָסיג [48].

די אַטמאָספער איז אויסגערייניקט געוואָרן! די רעשטן פון וואַרשעווער אידנטום, אויסגעלייטערט דורך די אַכזריות'דיקסטע נסיונות פון פייער און בלוט — האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. אין פאַרלויף פון דער יאַנואַר־אַקציע האָט דער וואַרשעווער געטאָ געבראַכט צום אויסדרוק די ענדערונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין די געדאַנקען און אין דער האַלטונג פון די לעבנגעבליבענע אידן. די דייטשן האָבן געמוזט רעכענען זיך דערמיט. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז סיי די העראָישע האַלטונג פון דער אידישער באַפעלקערונג און סיי די פאַרביסענע פאַרטיידיקונג פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָבן נישט געקענט משפּיע זיין אויפן גורל פון געטאָ, וועלכער איז שוין געווען אַ געחתמעטער.

די דייטשן האָבן אָבער דאָך נישט געוואָלט ליידן פאַרלוסטן און ברענגען

---

[46] „וויס" — פּראָדוצירט אין אַ געווער־פאַבריק אין ראַדאָם, איינער פון די בעסטע פּיסטאָ־לעטן, קאַליבער 9; „פּאַראַבעלום" — דייטשע פּראָדוקציע, דערזעלבער קאַליבער.

[47] צווישן אַנדערע האָט מען אויך געגראָבן טונעלן צו דער אַרישער זייט — פון מוראַ־נאָווסקע־גאַס און אויך פון קאַרמעליצקע־גאַס. די טונעלן זיינען, אין אַלגעמיין, נישט געווען זייער לאַנגע.

[48] ביי אים אין טאַש האָט מען געפונען אַ מעמאָראַנדום צו די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען, אין וועלכן ער קלערט אויף דעם דורכפאַל פונם גירוש אין יאַנואַר 1943 דערמיט, וואָס זיי האָבן אים אַדורכגעפירט מיט צופיל אכזריות. ער לייגט פאָר אויף ווייטער נישט אויפצופירן זיך אַזוי ברוטאַל בעת די אַרויסשיקונגען, ווייל דאָס וועט אַרויסרופן אַקטיווערע־אַקציעס מצד די אידן. נאָסיג איז דאַמאָלסט אַלט געווען אַ יאָר 75. צווישן די אויספירער פונם אורטייל אויף אים זיינען געווען אברהם דרייער און פייוול שוואַרצשטיין (ביידע — לפ"ג).

קרבנות, און זיי האָבן דעריבער באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צום געטאָ אויף אַ „פרידלעכן" אופן. זיי האָבן דערביי געהאַט אינזינען צוויי צילן: 1) באַקומען אַרבעטס־פּעאיקע עלעמענטן פאַר די באַדערפנישן פון דער מיליטערישער פּראָדוקציע — כל זמן זיי וועלן זיך נויטיקן אין זיי. 2) כדי אָפּצושוואַכן דעם געטאָ און מאָראַליש אים צעברעכן דורך אַרויסרופן שנאה און קנאה צווישן די, וואָס „דאַרפן בלייבן לעבן" און יענע, וואָס זייער פאַרניכטונג איז שוין געווען נאָר אַ פראַגע פון אַ פּאָר טעג. האָבן זיי אָפּגעטיילט די „אַרבעטספּעאיקע" אידן פון די „נישט־פּראָדוקטיווע" — וועלכע זיינען צום גרעסטן טייל אויך געווען אַרבעטס־פּעאיק, נאָר די דייטשן האָבן זיי נישט געוואָלט באַשעפטיקן אין זייערע אונטערנעמונגען.

אין אָנהויב פעברואַר 1943 האָבן די דייטשע פאַבריק־אייגנטימער אָנגעהויבן אַ ברייט פאַרמאָסטענע אַקציע, פּראָפּאַגאַנדירנדיק צווישן זייערע אידישע „וואַרשטאַטן"־אַרבעטער פרייוויליקע מעלדונג צום אַרויספאָר. „וואַרשע וועט אָפּגערייניקט ווערן פון אידן!" — האָבן זיי געטענהט אויף ספּעציעל אָרגאַניזירטע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען — און נאָר יענע, וועלכע וועלן אַרויספאָרן קיין פּאָניאַטאָווא און טראַווניקי, ווו עס וועלן אויך אַריבערגעפירט ווערן די וואַרשטאַטן, נאָר יענע וועלן האָבן זיכער ברויט און אויך די זיכערקייט, אַז זיי וועלן „דורכהאַלטן די מלחמה". אַלס הויפּט־מייסטער פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע־צערעמאָניע איז באַשטימט געוואָרן טעבענס שותף, דער דעגענעראַט שטעהמאַן, וועלכער האָט זיך שוין פונפריער פאַרשאַפט אַ געוויסע פּאָפּולאַריטעט צווישן די אידישע אַרבעטער דורך כלומרשטער צוגעלאַזנקייט און פאַרשידענע קאָמעדיאַנטישע שטיקלעך. ער איז געווען אַ „גאַנצער מאַכער" אין פאַרשידענע היטלערישע פּאַרטיי־פאָרמאַציעס; ער איז געווען דער צומבעסטן באַ־האַוונטער און אינפאָרמירטער אין אַלע געהיימע באַשלוסן מכוח דער ענדגילטיקער ליקווידירונג פונם אידנטום, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן אין די הויפּט־אָרגאַנען פון ס.ס. אין בערלין. אַזוי האָט דערדאָזיקער דייטש, אין זיינע פּאַטעטישע רעדעס; געמאָלט פאַר זיינע צוהערער כמעט גן־עדנדיקע בילדער פונם לעבן אין שויס פון דער פּרעכטיקער נאַטור, וואָס וועט נאָך באַרייכערט ווערן דורך אויסגעצייכנטע פאַר־ווײַלונגען אין די פרייע שעהן און טעג. ער האָט דערציילט פאַנטאַסטישע געשיכטעס, וועגן פּליאַזשן, שווימבאַסיינען, קאָנצערטן, טעאַטער־פאָרשטעלונגען, וועגן אויסגעצייכנטער באַשפּייזונג, וועגן ממש־אויסגעטרוימטע היגיענישע באַדינגונגען, וועגן שולן, קינדער־היימען א.אַ.וו. און כדי אונטערשטרייכן דעם „ציווילן" כאַראַקטער פון דער איבערוואַנדערונג, האָבן די דייטשן באַשטימט אַלס איבערוואַנדערונגס־קאָמיסאַר נישט עמיצן פון די ס.ס.־לייט, נאָר דעם פאַבריקאַנט טעבענס.

די ערשטע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן געזאָלט ליקווידירט ווערן, זיינען געווען: האַלמאַנס טישלער־פאַבריק און די ברערשטערי־וואַרשטאַטן. די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט תיכף אָנגעהויבן אַ קאָנטער־אַקציע סיי אין וואָרט און סיי אין טאַט.

אין דער נאַכט ערב דער אַנגעזאָגטער אַריבערפירונג פון האַלמאַנס פאַבריק, האָט אַן אָפּטיילונג פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע זיך אַהין אַריינבאַקומען דורך די פאַבריק־מויערן און גרינדלעך פאַרברענט די פאַבריק־געביידעס, דעם גאַנצן רוי־שטאָף און אויך די שוין איינגעפּאַקטע, צום אָפּשיקן גרייטע מאַשינען[49]. די דייטשן וועלכע האָבן זיך געפונען אין די פאַבריק־שטחים, זיינען אין צוטומלעניש אַנטלאָפן. די אי.ק.אָ.־אָפּטיילונג האָט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ אָן פאַרלוסטן. פון די טויזנט אַרבעטער האָבן אויפצומאָרגנס זיך צוגעשטעלט צום אַרויספאָר נאָר 25. דאַקעגן — פון די 3.500 אַרבעטער אין די בערשטער־וואַרשטאַטן האָט זיך קיינער נישט געמאָלדן צום אָפּפאָר! אַ גרופּע פון 60 אידן, אַרעסטירטע אינם געביט פון די שולץ־וואַרשטאַטן, האָט די אי.ק.א. באַפרייט פאַר דער דייטשער וואַך אין די אויגן. דער אויטאָריטעט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז געשטיגן נישט נאָר אין די אויגן פון דער אידישער באַפעלקערונג. אויך די דייטשן האָבן געמוזט זייער ערנסט רעכנען זיך מיט איר.

דעם 14־טן מערץ האָט די קאַמף־אָרגאַניזאַציע פונאַנדערגעקלעפּט אויפרופן, אין וועלכע זי האָט אויפגעפּאַדערט זיך אַנטקעגנצושטעלן די דייטשע פאַראָרדנונגען, אונטערשטרייכנדיק, אַז די „פרייוויליקע" איבערוואַנדערונג איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַן אומפאַרמיידלעכע פאַרניכטונג פון געטאָ[50]. דעם 20־טן מערץ האָט טעבענס אויפגעהאָנגען נעבן אונזערע אויפרופן זיינע אייגענע פּלאַקאַטן — דער גרעסטער טייל פון זיי איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע באַלד ווי זי האָט זיך דערוווּסט, אַז זיי זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן — דער אינהאַלט פון טעבענס אויפרופן איז געווען פאָלגנדער:

„צו די אידישע אַרבעטער פון דער באַוואָפנונגס־אינדוסטריע אין אידישן קוואַרטאַל!

די קאָמענדע פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אין דער נאַכט פון 14־טן אויפן 15־טן מערץ אויספּלאַקאַטירט אירן אַן אויפרוף, אויף וועלכן איך וויל דאָ ענטפערן.

---

[49] אין דערדאָזיקער אַקציע האָט זיך באַטייליקט אַ גרופּע פון 13 קעמפער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אונטער דער קאָמאַנדירונג פון יוסף יהושע ווינאָגראָן (לפ"ג): עס זיינען אונטערגעצונדן געוואָרן אַ ריי הייזער אויף נאָוואָליפּקי גאַס, פון ווינקל סמאָטשע־גאַס ביזן ווינקל וואָלנאָשטש־פּלאַץ, — דאָרטן האָבן זיך געפונען גרויסע לאַגערס פון גוט מעבל צום עקספּאָרטירן פאַר די דייטשע באַאַמטע אין „רייך". אין דער אונטערצינדונגס־אַקציע האָט זיך באַטייליקט, צווישן אַנדערע, חיים אַרבוז (לפ"ג), וואָס די האָלץ־לאַגערס, וועלכע די דייטשן האָבן קאָנפיסקירט פאַר זייערע אונטערנעמונגען, האָבן געהערט צו זיין פאָטער, אַ גרויסער און רייכער האָלץ־סוחר אין וואַרשע. דאָס איז געשען סוף פעברואַר 1943.

[50] דער אויפרוף האָט אויך אַנטהאַלטן: אַ וואָרנונג צו די אידן, זיי זאָלן נישט פאָלגן די דייטשן און נישט פאַרלאָזן זייערע וואוין־ערטער; איינצלהייטן וועגן דעם וויאַזוי די דייטשן באַגייען זיך מיט די אַרויסגעשיקטע און וואָס זיי טוען מיט זיי אין די טויט־לאַגערן, און אויך אַ וואָרנונג צו יענע אַלע, וועלכע העלפן־מיט די דייטשן אַדורכצופירן דעם גירוש („איבערזידלונג", ווי עס הייסט ביי די דייטשן).

איך שטעל־פעסט קאַטעגאָריש, אַז: 1) עס האַנדלט זיך לחלוטין נישט וועגן קיין אויסזידלונגס־אַקציע; 2) נישט דעם ה׳ שולץ און נישט מיר האָט קיינער נישט באַפוילן מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט דורכצופירן אַזאַ אַקציע; 3) איך שטעל־פעסט קאַטעגאָריש, אַז די מענטשן, וועלכע זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין לעצטן טראַנס־פּאָרט, זיינען נישט געטויט געוואָרן. עס איז צום באַדויערן, וואָס די באַוואָפנונגס־אַרבעטער פון ה׳ שולץ האָבן נישט געפאָלגט און נישט אויסגעפירט זיינע גוט־גע־מיינטע עצות. איך באַדויער דעריבער זייער, וואָס איך האָב געמוזט גלייך האַנדלען און אַריבערפירן איינעם פון די וואַרשטאַטן, כדי אויסצונוצן די פאַראַנענע טראַנס־פּאָרט־מעגלעכקייטן. עס איז פאַראָרדנט געוואָרן, אַז די פאַמיליע־נעמען פון די אַרבע־טער, וועלכע זיינען אָנגעקומען קיין טראַווניקי זאָלן באַלד פעסטגעשטעלט ווערן און אַז זייער באַגאַזש זאָל אַריבערגעפירט ווערן צוזאַמען מיט זיי.

די אַרויסגעזאָגטע מיינונג, אַז דער באַגלייטונגס־אָפּטייל פונם צווייטן טראַנס־פּאָרט — פון פּראָסטע גאַס[51] קיין פּאָניאַטאָווע — האָט כלומרשט נישט געוווּסט וואָס ס׳איז געשען מיטן טראַנספּאָרט, איז אַ נידערטרעכטיקער פּרווו אויפצוהעצן די באַוואָפנונגס־אַרבעטער און אַ געמיינער ליגן. די באַגלייטערס זיינען כסדר געבליבן אויף זייער פּאָסטן, ביז זיי האָבן אָוועקגעשיקט דעם באַן־צוג; אויסערדעם זיינען זיי אָהערגעקומען שוין עטלעכע מאָל מיט לאַסט־אויטאָס — צוזאַמען מיט אַרבעטער פון פּאָניאַטאָווע — כדי אַריבערצופירן די מאַשינען. דער באַגאַזש איז נאָך נישט אָפּגע־שיקט געוואָרן פון פּראָסטע גאַס און ער געפינט זיך ביז איצט אונטער דער אויפזיכט פון אַ איד, דעם אינזשיניער ליפשיץ, וועלכער איז גרייט אין יעדן מאָמענט צו געבן אינפאָרמאַציע וועגן דעם ענין. אין טראַווניקי און אין פּאָניאַטאָווע האָט יעדער אַרבעטער באַקומען זיין באַגאַזש ווי זיין פּריוואַט־אייגנטום.

אידישע באַוואָפנונגס־אַרבעטער! גלויבט נישט די פאַרפירער! זיי ווילן אייך אויפהעצן כדי צו דערפירן צו רעזולטאַטן, וועלכע זיינען אומפאַרמיידלעך. אין די „שוצערטער״ איז נישט פאַראַן קיין שום זיכערקייט און לעבן דאָרט איז נישט מעגלעך; דאָסזעלבע איז אויך אין דעם אַרישן קוואַרטאַל. די עצם־אומזיכערקייט און דאָס ליידיק־גיין וועט מאַראַליש דערשלאָגן די צו־אַרבעט־געוואוינטע באַוואָפנונגס־אַרבע־טער. איך פרעג אייך: פאַרוואָס קומען צו מיר, פון אייגענער איניציאַטיוו, רייכע אידן פון דעם אַרישן קוואַרטאַל און בעטן מיר, איך זאָל זיי נעמען צו אַרבעט? זיי האָבן גענוג געלט אויף צו לעבן אין דעם אַרישן קוואַרטאַל אָבער זיי זיינען נישט בכוח דאָס אויסצוהאַלטן. מיט דער פולסטער איבערצייגונג קען איך אייך געבן מיין עצה: פאָרט קיין טראַווניקי, פאָרט קיין פּאָניאַטאָוואָ, — ווייל דאָרט איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט

[51] עס רעדט זיך דאָ וועגן די טעבענס־אונטערנעמונגען אין „קליינעם געטאָ״, וואָס איז באַצייכנט אין דער מאַפּע מיטן אות „ג״. דעמדאָזיקן שטח האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן ערשט נאָך דער אונטערדריקונג פונם געטאָ־אויפשטאַנד, דעם 12־מאַי 1943.

צו לעבן און דאָרט וועט איר דורכהאַלטן די מלחמה! די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע וועט אייך נישט העלפן, זי־גיט אייך נאָר פאַלשע צוזאַגן. זיי ווען פאַר גראַבע געלטער פאַרקויפן אייך פלעצער אין די שוצערטער און דערנאָך וועלן זיי אייך ווידער אַרויס־טרייבן אינדרויסן און איבערלאָזן אויף אייער אייגענעם גורל. איר האָט שוין זעלבסט געגוג דערפאַרונג מיט זייערע אָפּנאַרערישע שטיק. גלויבט נאָר די דייטשע לייטער פון די אונטערנעמונגען, וועלכע ווילן צוזאַמען מיט אייך פירן די פּראָדוקציע אין פּאָניאַטאָווע און טראַווניקי. נעמט־מיט מיט זיך אייערע פרויען און קינדער, ווייל מען זאָרגט אויך פאַר זיי!

וואַלטער צ. טעבענס — באַפולמעכטיקטער צום אַריבערפירן די אונטערנעמונגען פונם אידישן קוואַרטאַל אין וואַרשע.

די דייטשע אייגנטימער פון די פּראָדוציר־אונטערנעמונגען זיינען אין זייער צביעות נישט אָפּגעשטאַנען פון זייערע מיטשותפים די ס.ס.־לייט. ה' טעבענס האָט זיך אפילו דערלויבט — דורך זיינע אידישע משרתים — איינצולאַדן פאַרשטייער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף א... זאַכלעכער קאָנפערענץ! אָבער קיין פרוכטן האָט די גאַנצע דייטשע פּראָפּאַגאַנדע זיי נישט געבראַכט. קיינער האָט איר נישט געגלויבט. און אויב עטלעכע הונדערט אידן האָבן זיך פונדעסטוועגן יאָ געמעלדעט צום אַרויספאָר — האָט זיי געצווונגען דערצו דער הונגער און קודם כל דער האָפנונגס־לאָזער מאָרגן. סוף־כל־סוף האָבן די דייטשן דערזען, אַז זיי מוזן אָנווענדן גוואַלט־מיטלען, וואָס ס'איז זיי אָבער דאָך געווען זייער נישט באַקוועם. פון איין זייט וואָלט דאָס באַלד דעמאַסקירט זייערע אמת'דיקע כוונות און פון דער צווייטער זייט וואָלטן דאַן די רעזולטאַטן געווען נישט קיין גרויסע. די אידן האָבן אָנגעהויבן זיך אויס־באַהאַלטן. ווייזט אויס, אַז די ענדגילטיקע ליקווידירונג פונם געטאָ איז נאָך נישט געווען באַשלאָסן דורך די דייטשן, וועלכע האָבן דאָס דאַמאָלסט נאָך געהאַלטן פאַר פריי־צייטיק. זיי האָבן זיך דעריבער געווענדעט צום „אידנראַט", ער זאָל אַדורכפירן די דאָזיקע אַקציע. דער „אידנראַט" האָט דורך ד"ר ש י פּ ע ר ס (יצחק, לפ"ג) פּאַרמיטלונג איינגעלאַדן די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף אַ באַראַטונג. די איינלאַדונג איז, פאַרשטייט זיך, אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט פאַראַכטונג. נאָכדעם האָט דער פּרעזעס פון „אידנראַט", דער באַקאַנטער אינזשיניער מ אַ ר ע ק ל י כ ט ע נ ב ו י ם[52] געגעבן די דייטשן פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע תשובה: „איך האָב קיין מאַכט נישט אין געטאָ, דאָ הערשט אַן אַנדערע רעגירונג". די דייטשע פּלענער האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן דורכפאַל. דאַסמאָל איז זיי שוין נישט געלונגען צו צעברעקלען די כוחות פון די איבערגעבליבענע אידן. אויב די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן אַ טויט־אורטייל אויפן גאַנצן אידישן קיבוץ — וועלן מיר פאַלן אין קאַמף! דאָס איז געווען דער באַשלוס פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

[52] זע ז. 80 — באַמ. 2, אינם קאַפּיטל „דער גירוש פון די וואַרשעווער אידן".

אין דער נאַכט פון 18־טן אַפּריל האָט זיך אָנגעהויבן דער לעצטער אַקט אין דער טראַגעדיע פון וואַרשעווער געטאָ — דאָס האָט געזאָלט זיין אַ געבורטסטאָג־מתנה דעם „פירער" — די אי.ק.אָ. איז אַרויס אין קאַמף צו דער לעצטער שלאַכט. צוויי אַזייגער ביינאַכט האָבן די דייטשן אויסגעשטעלט אַרום די געטאָ־מויערן געדיכטע, דייטש־אוקראַיניש־לעטישע פּאַטרולן, יעדע 25 מעטער אַ פּאָסטן. איינציקווייז, זאַלבע־צווייט, זאַלבעדריט, — האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אַריינגיין אין די געביטן פון נישט־באַוואוינטן געטאָ, וועלנדיק איבערראַשן אַזויאַרום די קעמפער און די באַפעלקערונג. צוויי אַזייגער מיט 30 מינוט קומען אָן די ערשטע ראַפּאָרטן פון אונזערע אַרויסגערוקטע אויסשפּירערס וועגן דער קאָנצענטרירונג פון גרעסערע מיליטער־אָפּטיילונגען אינם געטאָ־געביט. 4 אַזייגער פאַרטאָג זיינען שוין אַלע אונזערע קאַמף־גרופּעס געווען אויף זייערע פּאָזיציעס. זיי זיינען גרייט געווען אויפצונעמען ווי געהעריק דעם אַריינ־מאַרשירנדיקן שונא. 6 אַזייגער אינדערפרי זיינען אַריין אין געטאָ־געביט 2000 באַוואָפנטע ס.ס.־מענער, טאַנקען, קליינע שנעלשיסנדיקע האַרמאַטן, דריי שלעפּמאַשינען באַלאָדענע מיט אַמוניציע, און אַמבולאַנסן. צוזאַמען מיט די אָפּטיילונגען פון „ס.ס.־וואַפן" באַווייזט זיך דער גאַנצער דייטשער „איבערזידלונגס" שטאַב, צו וועלכן עס געהערן אָפיצערן פון ס.ס. און געסטאַפּאָ: מיכעלסאָן, האַנטקע, העפלע, מירעטשקאָ, באַרטעטשקאָ, בראַנד און מענדע (זע זייט 251, באַמ. 14). אידן זיינען נישטאָ אויף דער אויבערפלאַך. אַלע זיינען אין אונטערערד־שוצערטער אָדער אין אַנדערע באַהעלטנישן; אויף דער אויבערפלאַך האַלט־וואַך נאָר די אי.ק.אָ. די קעמפער געפינען זיך אין די דריי שליסל־פּונקטן פונם געטאָ, וועלכע שליסן אָפּ דעם אַריינגאַנג אין די הויפּט־גאַסן. דער ערשטער צוזאַמענשטויס קומט־פאָר אויף די נאַלעווקיס, ווו צוויי פאַרבאַריקאַדירטע גרופּעס פאַרטיידיקן די גאַס. דער קאַמף ענדיקט זיך מיטן נצחון פון די קעמפער. די דייטשן טרעטן־אָפּ, איבערלאָזנדיק אַסך פאַרוואונדעטע.

גלייכצייטיק קומט פאָר ביים ווינקל מילע און זאַמענהאָף־גאַס די הויפּט־שלאַכט. די קעמפער — פאַרבאַריקאַדירטע אין אַלע פיר עקן גאַס — האָבן אַטאַקירט די דייטשע הויפּט־קאָלאָנע, וועלכע האָט אָנגעהויבן אַריינמאַרשירן אין געטאָ[53]. נאָך די ערשטע שאָסן פון אַ מאַשין־געווער און טרעפלעך־געשליידערטע גראַנאַטן אין די געדיכטע רייען פון די ס.ס.־מענער — ווערט די גאַס ליידיק. מען זעט לחלוטין נישט די גרינע מונדירן. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין די קראָמען און טויערן פון די שכנות'דיקע הייזער.

---

[53] די דייטשן זיינען אַריין אין געטאָ דורכן טויער גענשע־זאַמענהאָף און זייער ריכטונג איז געווען צום מוראַנאָוו־פּלאַץ. די באַוואָפנטע גרופּעס פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן זיך געפונען ביים טויער, האָבן זיי געלאָזט אַריינגיין, נישט עפּנענדיק אויף זיי קיין שיסעריי; ערשט ווען די דייטשן זיינען אָנגעקומען צום ווינקל פון די גאַסן זאַמענהאָף און מילע איז אויף זיי געעפנט געוואָרן אַ פייער. אויף זייער גאַנצן צוריקוועג זיינען די דייטשן באַשאָסן געוואָרן סיי דורך די דערמאָנטע גרופּעס און סיי דורך גרופּעס, וועלכע האָבן זיי אָפּגעצוימט דעם וועג. — זע אויך די דערקלערונגען צו דער געטאָ־מאַפּע, פּונקט 15.

עס קומט פאַר אַן אויסטויש פון איינצלנע שאָסן. אין 15 מינוט אַרום פאָרן־אַריין דורכן „וואַך־טויער" טאַנקען. זיי פאָרן צו האַרט צו דער פּאָזיציע פון אונזערע קעמפער. די רואיק און טרעפלעך געוואָרפענע צינדפלעשער טרעפן גלייך אין טאַנק. דער פלאַם צעפלאַקערט זיך אויסערגעוויינלעך גיך. עס הערט זיך אַן אויפרייס. די מאַשין איז שוין פּאַראַליזירט. די באַזעצונג איז פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. די פאַרבליבענע צוויי קליינע טאַנקען טרעטן אָפּ תיכף, און נאָך זיי לויפן אין בהלה אַלע זיך־באַהאַלטנדיקע דייטשן. זיי ווערן באַגלייט מיט אַ האָגל גראַנאַטן און שאָסן. די דייטשן האָבן פאַרלוירן ביי 200 דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע. אונזערע פאַרלוסטן — 1 קעמפער.

מיט צוויי שעה שפּעטער האָבן די דייטשן אויסגעשטעלט אויפן צווישן געטאָ־געביט קליינע האַרמאַטן און באַשיסן מיט זיי אונזערע פּאָזיציעס. מיר טרעטן אָפּ. די דייטשן האָבן דעראָבערט אונזערע פּאָזיציעס. פּלוצלינג הויבן אָן פליען גראַנאַטן פון די אַנטקעגנאיבערדיקע פענסטער — זאַמענהאָף גאַס 29. דאָס האָט איינע פון אונזערע גרופּעס — וועלכע האָט ביז איצט נישט געשאָסן כדי נישט אַרויסצוגעבן איר פּאָזיציע — אַטאַקירט די דייטשן צום צווייטן מאָל אויפן זעלבן אָרט. די דייטשן פאַרלירן ווידער ביי 50 געהרגעטע. אונזער גרופּע טרעט אָפּ אָן אבדות. 5 אַזייגער נאָכמיטאָג זיינען שוין אינם געטאָ־געביט קיין דייטשן נישט געווען בנמצא. מען האָט זיי צוריק־געצויגן אין די נישט־באַוואוינטע געביטן.

אונזער נצחון איז געקומען אַדאַנק דעם, וואָס מיר האָבן געהאַנדלט אומדער־וואַרט און שנעל, פון גוט־פאַרמאַסקירטע פּאָזיציעס. דער צווייטער טאָג פון דער אַקציע הויבט זיך אָן מיט דער קאָנצענטרירונג פון גרעסערע ס.ס.־אָפּטיילונגען אין די צווישן געטאָ־געביטן און אויף דער אַרישער זייט. די מאַסע כוחות גייט אָבער פונ־דעסטוועגן נישט אַריין אין די באַוואוינטע געביטן. אַרום דריי אַזייגער נאָכמיטאָג קומט־צו צום טויער פונם בערשטער־געביט אַן אָפּטיילונג פון 300 ס.ס.־מענער. די אָפּטיילונג פאַרהאַלט זיך נאָר דאָרט נאָר איין מאָמענט, אָבער דאָס גענוגט פאַר אונזערע קעמפער איינצושאַלטן דעם עלעקטרישן קאָנטאַקט, און אונטער די פיס פון די ס.ס.־מענער רייסט־אויף אַ מינע. די דייטשן אַנטלויפן, איבערלאָזנדיק אויפן אָרט 80—100 געהרגעטע און פאַרוואונדעטע. אין צוויי שעה אַרום קומען די דייטשן ווידער צו דעם געביט. זיי גייען איצט פאָרזיכטיק, איינציקוויַיז, שלאַכט־גרייט. אונזערע קעמפער וואַרטן זיי אָפּ אויף זייערע פּאָזיציעס. 30 דייטשן זיינען אַריין — אָבער אַרויס זיינען בלויז 2. זיי זיינען אַטאַקירט געוואָרן מיט גראַנאַטן און מיט צינדפלעשער. ווער עס איז פון זיי נישט דערהרגעט געוואָרן דורך אַ גראַנאַט — איז פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. ערשט דאַן האָבן די דייטשן געבראַכט אַרטילעריע. זיי באָמבאַרדירן דעם הייזער־בלאָק פון פיר זייטן. אין דערזעלבער צייט קומען־אָן צום בערשטער־געביט צוויי העכערע ס.ס.־אָפּיצערן, וועלכע פאָדערן־אויף די קעמפער אַוועקצולייגן דאָס געווער

מיטן פאָרשלאָג איבערצורייסן די שלאַכט אויף 15 מינוט, — אין געגנפאַל, דראָען זיי, מיט באָמבאַרדירן דעם גאַנצן געביט. אַלס ענטפער האָבן געדינט עטלעכע שאָסן. פון דער אַנדער זייט בלאָק, פון פראַנציסקאַנער גאַס, מאַרשירט אַריין אַן ס.ס.־אָפּטיילונג, — זי האָט אָבער נישט וווייט מאַרשירט, עטלעכע ביקסן־זאַלפן האָבן זי צעשפּרייט. און ווידער זיינען נישטאָ קיין דייטשן אינם גאַנצן געביט.

דאָס איז געווען דער צווייטער, פולער נצחון פון אונזערע קעמפער. אינם געביט פון די טעבענס־און שולץ־וואַרשטאַטן האָט מען דעמזעלבן טאָג פּראָקלאַמירט אַ פריי־ווויליקע וועערבירונג פאַר די אַרבעטס־לאַגערן. עס זיינען אָבער נישט געווען קיין בעלנים — קיינער האָט זיך נישט געמאָלדן. אַלע איינוואוינער פון יענעם געביט געפינען זיך — גלייך ווי אין צענטראַלן געטאָ — אין אונטערערדישע שוצערטער. די וואַרשטאַטן־דירעקציעס פאַרלענגערן יעדע עטלעכע שעה דעם טערמין פון פריי־ווויליקן אָפּפאָר, אָבער אויך דאָס העלפט נישט. נאָך דער דערקלערונג, אַז זיי וועלן זיין געצוואונגען אָנצווענדן דיזעלבע מעטאָדן, וואָס אין צענטראַלן געטאָ, הויבן־אָן די קאַמף־גרופּעס, וועלכע זיינען איינקוואַרטירט אין יענעם געביט, צו אַטאַקירן מיט גראַנאַטן און באָמבעס די נאָענטע ס.ס.־אָפּטיילונגען אויף דער אַרישער זייט. עס פאַלן 40 געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע דייטשן. די קאַמף־גרופּעס אַטאַקירן אויך די אָפּטיי־לונגען, וועלכע איילן אין דער ריכטונג פון צענטראַלן געטאָ, דורך די גאַסן נאַוואָליפּיע און סמאָטשע (זע באַריכט פון ש. גראַיעק און באַמערקונגען, זייטן 264 און ווייטער).

אויפן באַפעל פונם פּאָליציי־פירער גלאָבאָצניק[54] — וועלכער איז ספּעציעל געבראַכט געוואָרן פון לובלין קיין וואַרשע צו דער אַקציע — האָבן די דייטשן אויפן צווייטן טאָג אָנגעהויבן אונטערצינדן דעם געטאָ. אין דער ערשטער ריי האָט מען געברענט די הייזער און הייזער־בלאָקן, אין וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד: נאַלעווקיס 33—35—37, מילע גאַס 28, 19, זאַמענהאָף־גאַס — 28, דער גאַנצער בערשטער־בלאָק — דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע שרפה. אַלס תשובה

[54] אַן עסטרייכישער נאַצי, וועלכער איז נאָך אין דער צייט פון דער רעפּובליק געזעסן אין טורמע פאַר וואַרפן באָמבעס אויף אידישע געשעפטן. ווען עסטרייך איז פאַרנומען געוואָרן דורך היטלערן, איז ער אַ געוויסע צייט געווען גאַו־לייטער אין ווין, אָבער אין אַ גאָר קורצער צייט איז ער נעלם געוואָרן ווייל זיינע „מעשים טובים" האָבן שוין, ווייזט אויס, אַריבערגעכאַפּט די מאָס. אין סוף 1939, ווען עס איז אַקטועל געוואָרן דער נאַצישער טייוולאָניש־ווילדער פּלאַן וועגן דער שאַפונג פון אַ אידישן רעזערוואַט אין לובלין, איז ער אַהין געשיקט געוואָרן. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אכזריות באַלד ווי עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אַהין די אידן־טראַנספּאָרטן פון פאַרשידענע לענדער. ער איז געוואָרן די גרויל־שרעק פון אַלע קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן אין לובלינער געגנט. געווען באַטייליקט אין די מערדערייען אין מאַידאַנעק, אין פּאָניאַטאָוואָ און אויך אין די פאַרניכטונגס־אַקציעס אין אַנדערע לאַגערן. די קאָמיסיע פון דער ראַטן־רעגירונג, וועלכע האָט געפאָרשט די מערדערייען אין מאַידאַנעק און לובלין, האָט פעסטגעשטעלט, אַז גלאָבאָצניק איז דער הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר די אַלע גרוילטאַטן. בשעת דער דעראָבערונג פון עסטרייך, איז ער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די פאַרבינדעטע אַרמייען און ער האָט אַליין געמאַכט אַ סוף צו זיין טמאדיק לעבן.

אויף דער פאַרברענונג פון געטאָ צינדן אונטער די קעמפער אַלע מאַגאַזינען פון „ווערט־ערפאַסונג" [55] און דעם וואַרשטאַטן־לאַגער — זייער ווערט באַטרעפט עטלעכע צענדליק מיליאָן זלאָטעס. די אַקציע דויערט ווייטער. די דייטשן זוכן די שוצערטער. דאָס קומט זיי אָן לייכטער, ווייל צוליב דער שטאַרקער היץ גייען די מענטשן אויף ביינאַכט אַרויס אינדרויסן. די איבערגעלאָזטע שפורן ווייזן־אָן דעם וועג צום די שוצ־ערטער. די דייטשן נוצן שטאַרק אויס די הילף פון אונטערהערונגס־אַפּאַראַטן און פון יאַגד־הינט.

אינצווישן גייען־איבער די קעמפער פון אַטאַקיר־טאַקטיק צו פאַרטיידיקונגס־טאַקטיק. זיי ווילן ווי־ווייט־עס־וועט זיך לאָזן ראַטעווען די מענטשן אין די שוצערטער. עס קומט פאָר אַן איבערגרופּירונג פון די כוחות. צו אַסך שוצערטער ווערן צוגעטיילט קאַמף־גרופּעס. אויפן 6־טן טאָג פון דער אַקציע האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרטיי־דיקונגס־קאַמפן אין די געביטן פון די טעבענס־און שולץ־וואַרשטאַטן [56]. די קעמפער האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין די הייזער און אויף די בוידימער — נישט צולאָזנדיק די דייטשן צו די שוצערטער. יעדן טאָג האָבן די קעמפער ערגעץ־אַנדערש געשיצט די באַפעלקערונג אין די שוצערטער. באַזונדערס שאַרפע קאַמפן זיינען פאָרגעקומען אויף נאַוואָליפּקי 41, לעשנע 78, 76, 74, נאַוואָליפּיע 67, 69. די קאַמף־גרופּעס האָבן ווייטער געפירט נישט בלויז אַ פאַרטיידיקונגס־אַקציע, נאָר אויך אַן אַטאַקיר־אַקציע. ווי‌פל מאָל די דייטשן האָבן געפּרווט אַריינרייסן זיך אין געטאָ, האָבן זיי געמוזט אָפּטרעטן צוריק — ווערנדיק אַרויסגעשטויסן דורך די העלדישע פאַרטיידיקער. די דייטשן האָבן ווידער איבערגעלאָזט אויפן שלאַכטפעלד הונדערטער הרוגים. שעמענדיק זיך מיט זייערע אָפּטע מפּלות, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז מיט דער פאַרטיידיקונג פון געטאָ פירן־אָן דייטשע דעזערטירן [57]. דער געטאָ האָט אָבער געמוזט איינגענומען ווערן. זיי האָבן דאַן געבראַכט אַרטילעריע, איינגעשטעלט שווערע באַטעריעס אויפן קראַשינסקי־פּלאַץ, אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ, אויף די גאַסן

[55] דער נאַצישער אַמט, וואָס האָט קאָנצענטרירט דאָס גערויבטע אידישע פאַרמעגן.

[56] דאָ רעדט זיך וועגן די פאַרטיידיקונגס־קאַמפן, נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן אָנגעהויבן מיט גוואַלט ליקווידירן דעם געביט. דער קאַמף קעגן די דייטשן האָט זיך אָנגעהויבן פריער, ווי עס ווערט דערציילט אינם באַריכט פון ש. גראַיעק זייטן 264 און ווייטער, נאָר די דייטשן האָבן במשך עטלעכע טעג נישט רעאַגירט, אין דער האָפנונג, אַז די אידן וועלן פרייוויליק גיין צו דער אַרויסשיקונג.

[57] די נאַציס האָבן געפּרווט פאַרשפּרייטן דידאַזיקע פאַלשע קלאַנגען אויך אין נייטראַלע לענדער, ווי עס ווערט דערציילט אין די אַריינפיר־קאַפּיטלען, זייט 46. אין די באַריכטן צו זייערע העכערע מאַכט־אינסטאַנצן פלעגן די דייטשן שרייבן, אַז פּאָליאַקן באַטייליקן זיך אין דעם געטאָ־אויפשטאַנד — ווי עס איז קלאָר געוואָרן אינם נירנבערגער נאַצי־פּראָצעס. קען זיין, אַז אין אַ געוויסער מאָס זיינען די דייטשן און אויך אַנדערע פאַרפירט געוואָרן דורכדעם, וואָס אַסך אידישע קעמפער זיינען געווען מאַסקירט אַלס פּאָליאַקן און אפילו אין געטאָ זיינען זיי, צוליב סטראַטעגישע טעמים, מאַנכמאָל דערשינען אַלס פּוילישע אונטערערדלער. בעת די קאַמפן זיינען געוויסע קעמפער, — וועגן דעם זע די אזכרה־רשימה פאַר מרים שיפּמאַן און די שילדערונג ווייטער — אויך געווען אָנגעטאָן אין דייטשע מיליטער־אוניפאָרמען.

שוויענטאָיערסקע און באָניפראַטן. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתע באַלאַ־גערונג פונם געטאָ. די פייער־וואָרפער האָבן געזייט טויט צווישן דער באַפעלקע־רונג. איבערן געטאָ זיינען אַרומגעפלויגן אַעראָפּלאַנען און געוואָרפן אויפרייס־באָמבעס און צינד־באָמבעס. דער גאַנצער קוואַרטאַל, וועלכער איז אונטערגעצונדן געוואָרן פון אַלע זייטן, איז געשטאַנען אין פלאַמען; טויזנטער מענטשן זיינען אַזוי אומגעקומען. פאַרצווייפלטע אידן זיינען פון די העכסטע הייזער־שטאָקן אַרונטער־געשפרונגען אויפן גאַסן־ברוק. ווער ס'איז נאָך אַזאַ שפרונג געבליבן לעבן, איז געפאַלן פון אַ דייטשער קויל. די קאַמף־גרופּעס, וואָס די צעבושעוועטע פלאַמען האָבן זיי אַרויסגעטריבן פון זייערע פּאָזיציעס, האָבן געמוזט ענדערן די קאַמף־טאַקטיק. זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ פּאַרטיזאַנער־קאַמף צווישן די חורבות, וואו זיי האָבן געלויערט אויף דייטשע אָפּטיילונגען. די קאַמפן זיינען פאַרגעקומען אַן איבעררייס בייטאָג און ביינאַכט. די דייטשן האָבן געמוזט דעראָבערן יעדע גאַס באַזונדער, יעדעס הויז באַזונדער. די לאַגע איז אָבער געוואָרן וואָס־וויי̇טער אַלץ אומדערטרעגלעכער. קיין קרבנות צווישן די קעמפער זיינען כמעט נישט געווען. עס איז אָבער נישט געווען קיין מקום־מקלט פאַר די אויסגעמאַטערטע פונם אומאויפהערלעכן קאַמף, וואָרום דער גאַנצער געטאָ האָט געברענט. אונטערן איינפלוס פון דער שרפה־היץ איז דער גאַסן־אַספאַלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פליסיקער סמאָלע־מאַסע. עס זיינען פאַרברענט געוואָרן די שפייז־רעזערוון. די מיט־מי אויסגעגראָבענע ברונימער זיינען פאַרשאָטן געוואָרן דורך די ברוכשטיקער פון די איינפאַלנדיקע הייזער, אָבער דאָס ערגסטע איז געווען וואָס עס האָבן זיך אויסגעשעפּט די אַמוניציע־רעזערוון. די קעמפער האָבן זיך איצט געשאַרט דורך די גאַסן אין קליינע גרופּעס, אָנגעטון אין דייטשע העלמען און מונדירן; די פיס זיינען ביי זיי געווען איינגעהילט אין שמאַטעס כדי צו פאַרטויבן דעם אָפּקלאַנג פון די טריט. זיי האָבן אַטאַקירט די דורכמאַר־שירנדיקע דייטשן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן וואָס אַמאָל זעלטענער. אַנשטאָט דייטשע זעלנער, האָבן דאָך געקעמפט די פלאַמען, די אַעראָפּלאַנען און די אַרטילעריע, אויסגעשטעלטע אויף יענער זייט געטאָ־מויערן.

נאָך אַ גרינטלעכער באַטראַכטונג פון דער לאַגע, האָט דער קאָמאַנדיר־שטאַב פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע באַשלאָסן אַרויסצושיקן פאָרשטייער אין דעם אַרישן קוואַרטאַל אַריין, מיטן צוועק אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט דעם דאָרט פאַראַנענעם פאָרשטייער פון דער אי. ק. אָ. — אַ טאָג ערב דער אַקציע איז אַהין אַרויסגעשיקט געוואָרן יצחק צוקערמאַן אַנשטאָט אריה ווילנער, וועלכער איז געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן אָבער עס איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון דער „פּאַוויאַק"־טורמע און ער האָט געמוזט זיך אומקערן אין געטאָ[58]. מיט אייגענע

[58] אין פעברואר 1943 איז ער אַריינגעפאַלן, צוליב אַ מסירה, אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ און זיי האָבן אים שווער געפּייניקט, האָפנדיק אַרויסצובאַקומען פון אים וויכטיקע ידיעות. — מער פּרטים — זע אזכרה־קאַפּיטל.

כוחות האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ רעטונגס־אַקציע. דער שליח פון געטאָ, שמחה ראַטהייזער (זע זיין טאָגבוך), איז אין דער נאַכט פון 8־טן מאַי צוריקגעקומען אין געטאָ כדי אַרויסצוראַטעווען פון דאָרט מענטשן, — עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט[59]. מיט דער הילף פון ספּעציעלע הער־אַפּאַראַטן און פון פּאָליציי־הינט זיינען די דייטשן צוגעטרעטן צו אַנטדעקן די אונטערערדישע אידישע שוצערטער. דעם 8־טן מאַי האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דעם הויפּט־בונקער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און אָפּגעשלאָסן אַלע זיינע פינף איינגאַנגען. צוליב דער האָפנונגסלאָזער לאַגע און כדי נישט אַריינצופאַלן לעבעדיקערהייט אין די דייטשע הענט, האָט אריה ווילנער אויפגעפאָדערט די קעמפער צו באַגיין זעלבסטמאָרד. דער ערשטער האָט לוטעק (לייב) ראָטבלאַט דערשאָסן פריער זיין מוטער און דערנאָך — זיך. אין דעם בונקער האָט געפונען דעם טויט די מערהייט מיטגלידער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע מיט איר קאָמענדאַנט מרדכי אַניעליעוויטש אינדערשפּיץ[60].

[59] מער פּרטים וועגן אָט דער שליחות און אויך וועגן אַנדערע שליחותן — זע זיין טאָגבוך און די באַמערקונגען זייטן 285—278. וועגן קאַפּיטל פון אַרויספירן די לעצטפאַרבליבענע קעמפער אויף דער אַרישער זייט דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן, — זע אויך ז. 244, באַמ. 5 צום באַריכט פון „בונד" און ז. 270, באַמ. 13 צום טאָגבוך פון ש. גראַיעק.

[60] נישט אַלע זיינען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אַ טייל פון זיי — אויך מרדכי אַניעליעוויטש — זיינען דערשטיקט געוואָרן און אומגעקומען דורך די גאַז־באָמבעס און האַנט־גראַנאַטן, וואָס די דייטשן האָבן אַריינגעוואָרפן. עס איז אַ טעות, אַז דאָרטן זיינען געפאַלן די מערהייט מיטגלידער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אין בונקער האָבן זיך דאַן געפונען נאָר אַרום הונדערט מיטגלידער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און אַ צוויי הונדערט אידן פון דער ציווילער באַפעלקערונג. די דייטשן האָבן פאַר דעם אַדורכגעבראָכן אַן עפנונג פון־אויבן איבער דעם בונקער און אַריינגעלייגט אַהין אַן אויפרייס־מינע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שלאַכט, וועלכע האָט געדויערט איבער צוויי שעה. ווען עס איז דערנאָך אַריין דער ערשטער דייטש — איז ער דערשאָסן געוואָרן. די איבעריקע זיינען שוין נישט אַריין נאָר זיי האָבן, ווי געזאָגט, אַריינגעוואָרפן גאַז־באָמבעס און האַנט־גראַנאַטן.

צווישן די, וועלכע זיינען דאַמאָלסט אומגעקומען, זיינען אויך געווען: אריה ווילנער, בערל ברוידע, לייב ראָטבלאַט, מירא פוכרער, רבקה פּאַסאַמאָניק, פראַנקאַ בערמאַן, סעוועק נולמאַן, נאַשקע צוקער, ישעיה שפּאַנצער, אהרן האַלזבאַנד, מלך בלאָנעס, סאַלקאַ קאַמיען, שמואל סאָבאָל, רחל זילבערבערג (סאַרענקאַ), שולמית שושקאָווסקא, מאָניעק שטענגעל און נאָך (אַלע — לפ"ג).

אינאָווּנט איז אָנגעקומען אויפן אָרט אַ גרופּע קעמפער, — מאַרעק עדעלמאַן, צביה לובעטקין, חיים פרימער (איצטער אין ארץ־ישראל), מרדכי (מערדעק) גראָוואַס און ישראל קאַנאַל (לפ"ג), — אַרויסצונעמען פון דאָרטן די 14 לעבנסגעבליבענע קעמפער, צווישן וועלכע עס זיינען אויך געווען: טאָסיאַ אַלטמאַן (לפ"ג), יהודה ווענגראָווער (לפ"ג), מנחם ביגעלמאַן (לפ"ג), פנינה זאַנדמאַן און תמר. (פנינה, — אַ געבוירענע אין וואַרשע, אין אַ האָרעפּאַשנער משפחה, האָט געענדיקט אַ מיטלשול און געווען אַ חברטע פון „השומר הצעיר", — איז אומגעקומען צוויי טעג שפּעטער, ווען די לעצט פאַרבליבענע קעמפער זיינען אַרויס אויף דער אַרישער זייט דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן, זי איז דאַן אַלט געווען 19 יאָר; תמר איז אומגעקומען אין די פּאַרטיזאַנער־קאַמפן אין די ווישקאָווער וועלדער. איינצל־הייטן — זע ז. 188, באַמ. 3). דידאָזיקע 14 קעמפער זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן אינם בונקער אויף פראַנציסקאַנער גאַס 22, דאָרט זיינען געווען קאָנצענטרירט נאָך עטלעכע צענדליק קעמפער,

מיר האָבן אַרויסגעראַטעוועט פון געטאָ אַרום 80 מענטשן, אָבער דער גרעסטער טייל זייערער איז שפּעטער אומגעקומען אין דעם אַרישן קוואַרטאַל און אין די וועלדער [61]. די קאַמף־גרופּעס פון יוסף פאַרבער און פון זכריה אַרטשטיין (השומר הצעיר און „דרור"), וואָס אונז איז נישט געלונגען צו קומען מיט זיי אין פאַרבינדונג, האָבן נאָך געקעמפט אין געטאָ במשך לאַנגע וואָכן. דערנאָך איז פאַרשוואונדן יעדער שפּור פון זיי [62]. נאָך דער העלדישער פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ זיינען געקומען די ליקווידאַציע און די פאַרטיידיקונג פון די געטאָס אין טשענסטאָכאָוו, בענדין, ביאַליסטאָק און אין אַנדערע שטעט [63].

דער סאַמע פאַרביסנסטער און העלדישסטער קאַמף איז געווען דער קאַמף פון דער ביאַליסטאָקער אי. ק. אָ. אַ דאַנק דער הילף פונם וויצע־פּרעזעס פון ביאַליסטאָקער „אידנראַט", באַראַש (אפרים, לפ"ג), וועלכער האָט געשטעלט אין רשות פון דער אי. ק. אָ. פּיראָטעכניקער און זיי צוגעשטעלט רוימאַטעריאַלן, — האָט מען אין געטאָ גופא אויסגעאַרבעט גראַנאַטן און זויערשטאָפן, וואָס זיינען נויטיק געווען צום קאַמף. אינדערשפּיץ פון די קעמפנדיקע אָפּטיילונגען פון דער אי. ק. אָ. איז געשטאַנען מרדכי טענענבוים. דער ערשטער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען אויף דער פאַבריטשנע גאַס. די שאַרפסטע שלאַכטן זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויף דער ביאַלאָסטאָטשאַנסקע־גאַס, וואו עס האָט אָפּעררירט אַ אידישער מאַשינגעווער. די דייטשן האָבן אַזוי ווי אין וואַרשע אויך אין ביאַליסטאָק זיך באַנוצט מיט פאַנצער־געווער און מיט פעלד־אַרטילעריע. די פאַרביסענע קאַמפן האָבן געדויערט אַכט טעג. די אָקטן פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד מצד די אידן האָבן נישט אויפגעהערט אַ לענגערע צייט, — זיי האָבן געדויערט איבער אַ חודש. די אידן האָבן אין ביאַליסטאָק דערהרגעט און שווער פאַרוואונדעט עטלעכע הונדערט דייטשן און אוקראַינער. זיי האָבן געקעמפט מיט אויסערגעוויינלעכער פאַרצווייפלונג דערוועקנדיק באוואונדערונג ביי דער באַפעלקערונג פון דער גאַנצער שטאָט און פון קרייז.

און אין דערזעלבער נאַכט זיינען זיי אַריין אין די קאַנאַליזאַציע רערן, כדי אַרויסצוקומען אויף דער אַרישער זייט (זע זייט 280, באַמערקונג 13).

[61] הויפּטזאַכלעך אין ווישקאָווער געגנט, פון ביידע זייטן בוג. זע זייט 187, באַמ. 3.

[62] מען דאַרף צוגעבן, אַז אויך יצחק בלוישטיינס גרופּע („דרור") איז פאַרבליבן אין געטאָ־געביט; עס זיינען אויך פאַרבליבן דער פאַרוואונדעטער חנוך גוטמאַן מיט זיין חברטע פּייטשע (צפורה) ראַבאָוו, וועלכע האָט נישט געוואָלט אים פאַרלאָזן. נאָך אין דער צייט פון די קאַמפן האָבן די דריי אויבן־דערמאָנטע גרופּעס פון יוסף פאַרבער, יצחק בלוישטיין און זכריהו אַרטשטיין זיך פאַראייניקט און האָבן געקעמפט צוזאַמען אויפן פראָנט־אָפּשניט פון ווינקל גענשע־נאַלעווקי ביז נאַלעווקי 37. מער פּרטים וועגן די פאַרבליבענע קעמפער אין די געטאָ־חורבות נאָכן 10־טן מאי 1943, זע זייט 32, באַמ. 7.

[63] נאָכן אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ איז דער קאָמאַנדיר־שטאַב פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע באַשטימט געוואָרן אין פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל: יצחק צוקערמאַן — קאָמענדאַנט, צביה לובעטקין און מאַרעק עדעלמאַן.

די דייטשן האָבן — אַזוי ווי אין וואַרשע — אונטערגעצונדן אויך דעם ביאַליסטאָקער געטאָ פון אַלע זייטן כדי צו דערשטיקן דעם קאַמף־גייסט פון אונזערע קעמפער. דער געטאָ האָט אָפּגעברענט ביזן גרונט.

דער גאַנצער באַן־וועג צווישן ביאַליסטאָק און מאַלקיניאַ און טרעבלינקע איז געווען פאַרלייגט מיט די טויטע קערפּערס פון די אַנטלאָפענע, וועלכע זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון די צוגן. פון די וואַגאָן־דעכער האָבן אוקראַינער אָן־אויפהער געשאָסן פון מאַשינגעווערן אויף די אַנטלויפנדיקע. בלויז געציילטע יחידים איז געלונגען צו אַנטרינען און זיך אויסבאַהאַלטן אין די דערפער און וועלדער[64].

מיט גאָלדענע אותיות וועט פאַרשריבן ווערן אין דער כראָניק פונם אידישן ווידערשטאַנד ווי אידישע פאַראורטיילטע האָבן חרוב־געמאַכט צוויי גרויסע טויט־לאַגערן, די אויסראָטונגס־ערטער אין טרעבלינקע און סאָביבאָר. דעם קאַמף אין טרעבלינקע באַשרייבט זיינער אַן אַנטיילנעמער אינם אויטענטישן רעפּאָרטאַזש — „אַ יאָר אין טרעבלינקע", וועלכן מיר שיקן מיט[65]. דער קאַמף אין סאָביבאָר, נעבן

---

[64] אַ נאַכט פאַרן אויפשטאַנד, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן דעם 17־טן אויגוסט 1943, האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע אידן — און דאַמאָלסט זיינען נאָך געווען אין ביאַליסטאָקער געטאָ אַרום פערציק טויזנט אידן — זאָלן זיך קאָנצענטרירן אויף יוראָוויעצקע גאַס. דער תירוץ איז געווען, אַז מען דאַרף זיי אַריבערפירן קיין לובלין. די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אויפגעפאָדערט די אידן נישט צוצושטעלן זיך אויפן באַשטימטן פּלאַץ. דער פּלאַן איז געווען — אַדורכברעכן די געטאָ־מויערן און אַרויספירן וואָס מער אידן אין די וועלדער און דאָרטן זיך אויסבאַהאַלטן. נישט מער ווי דרייסיק פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג האָבן געפאָלגט די אָנווייזונגען פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע נישט צוצושטעלן זיך צום קאָנצענטריר־פּלאַץ און זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. 70 פּראָצענט האָבן, נישט געקוקט אויף דער וואָרנונג, זיך צוגעשטעלט צום זאַמל־פּונקט. צום געטאָ־קאַמף האָבן זיך געשטעלט נאָר די קעמפער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און ווייניק סתם־אידן. אויך עטלעכע פון דער אידישער פּאָליציי האָבן זיך געשטעלט צום געטאָ־קאַמף. די גרויסע שלאַכט איז פאָרגעקומען איבערן ערשטן טאָג פון אויפשטאַנד, פון 9 ביז 2 מיטאָגצייט. דעמזעלבן טאָג האָט מען אַרויסגענומען אַלע אידן פון געטאָ און עס זיינען פאַרבליבן נאָר די קעמפער, וועלכע האָבן דערנאָך געפירט אַ פּאַרטיזאַנישן קריג במשך זעקס וואָכן. כמעט אַלע קעמפער זיינען געפאַלן. אין קאָמאַנדיר־שטאַב פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע זיינען געווען בעתן אויפשטאַנד: מרדכי טענענבוים (לפ"ג) — „דרור"; דניאל מאָשקאָוויטש — קאָמוניסטן (איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד נאָך דער אונטערדריקונג פונם אויפשטאַנד, אין סעפּטעמבער 1943); פליישער — רעוויזיאָניסטן, ירחמיאל קוסטין — „בונד" (ביידע לעבן נישט; קוסטין — דער מאַן פון דער פּאָפּולערער בונדישער טוערין אין ווילנע רבקה אַנטמאַן); איין חבר פון „הנוער הציוני" און חיהקע גראָסמאַן — „השומר הצעיר" (זע באַמערקונג 4 פריער). וועגן קאַמף און אומקום פון די ביאַליסטאָקער אידן איז אין פאַרלאַג פון דער צענטראַלער אידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן דערשינען אַ בראָשור פון ד"ר שמעון דאַטנער (פּויליש, לאָדזש 1946, 48 זייטן).

[65] דאָ ווערט געמיינט די גענויע און אויפטרייסלענדיקע באַשרייבונג פון יאַנקל (יעקב) וויערניק, וועלכע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אָנהויב 1944 אין וואַרשע אַלס באַזונדערע בראָשור (אין פּויליש) דורך דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע און אַ קאָפּיע איז אַריבערגעשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן. די בראָשור איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער ארץ־ישראלדיקער און אויסלענדישער אידישער פּרעסע. יעקב וויערניק אַ געבוירענער אין בריסקער קרייז, איז אין דער יוגנט, אין 1904, געווען אַ מיטגליד פון בונדיסטישער זעלבסטשוץ, שפּעטער האָט

כעלם אין לובלינער געגנט, האָט געהאַט פאָלגנדיקן פאַרלויף[66]: דער רעשט פון די אידישע פּאַראַורטיילטע, וועלכע האָבן זיך געפונען אין יענעם טויט־לאַגער אין אַ צאָל קרוב צו 600, האָט זיך אָרגאַניזירט אין קאַמפּס־פינפטלעך, און אין אַ פונפריער באַשטימטן טערמין זיינען זיי צוגעטרעטן צו דער קאַמף־אַקציע. דעם 14־טן אָקטאָבער 1943 האָבן די אידן אויסגעהרגעט ביז־איינעם די גאַנצע דייטש־אוקראַינישע מאַנשאַפט, זיי האָבן פאַרברענט דעם קרעמאַטאָריום, די גאַז־קאַמערן, די קליידונגס־ און וואוינונגס־באַראַקן, זיי האָבן איבערגעריסן די פאַרצוימונגס־דראָטן און זיינען זיך צעלאָפן אין די אַרומיקע וועלדער. אַדורכגייענדיק דעם פאַרמינירטן געביט, ביי די פאַרצוימונגס־דראָטן, זיינען אומגעקומען אַ צוויי הונדערט מענטשן. אויפן צווייטן טאָג, בעת דער זוכונגס־יאָגד האָבן די דייטשן געכאַפּט אַ 60 אידן, וועלכע זיי האָבן דערשאָסן אויפן אָרט. די איבריקע האָבן זיך באַהאַלטן אין די אַרומיקע וועלדער און דערפער.

מיט דער הילף פון דער וואַרשעווער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָבן די קאַמף־אָרגאַניזאַציעס אין טשענסטאָכאָוו — אין קאַמף דאָרט האָט זיך אויסגעצייכנט מ אַ ר ע ק (מ אָ ט ל) פ אַ ל מ אַ ן (לפ״ג), — בענדין און טראַווניקי, געשטעלט אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד די דייטשן בעת די ליקווידאַציע־טעג אין דיזאָזיקע ישובים, קעמפנדיק ביז דער לעצטער קויל.

דער הייפל אי. ק. אָ.־מיטגלידער פון טשענסטאָכאָוו, וואָס זיי איז געלונגען צו ראַטעווען זיך — געפינט זיך אין וועלדער. טראָגן די שווערסטע באַדינגונגען, אין וועלכע מיר לעבן, און טראָגן די פילע קרבנות, מיט וועלכע מיר צאָלן, אַלס קאָנספּיראַטיווע טוער און אַלס אידן — פירט ווייטער די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע איר טעטיקייט, צוגרייטנדיק די יוגנט אין די פאַרבליבענע אידישע ישובים צו האַפנונגסלאָזע קאַמפן, וועלכע וועלן נאָך זיכער פאַרקומען.

ער געאַרבעט אַלס בעל־מלאכה — אַ טישלער — אין וואַרשע און נישט אָנטיילגענומען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. בעת דעם גירוש־וואַרשע, אין יולי־אויגוסט 1942, איז ער אַוועקגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע, אַלטזייענדיק שוין קרוב צו 60 יאָר. ער האָט פאַרבראַכט אין טויט־לאַגער אַרום אַ יאָר צייט און נאָר ווייל ער איז געווען אַן אויסערסט־באַגאַבטער בעל־מלאכה, האָבן אים די דייטשן געלאָזט לעבן. ער איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פונם טרעבלינקער אויפשטאַנד (דעם 2־טן אויגוסט 1943). עס איז אים געלונגען צו אַנטלויפן, צווישן די געראַטעוועטע. לעבט אין פוילן. אין נאָוועמבער 1945 איז פאָרגעקומען אויפן שטח פון דעם געוועזענעם טויטן־לאַגער אַ לאָקאַלע וויזיע פון געריכטס־פאָרשטייער. די שריפטשטעלערין רחל א ו י ע ר ב אַ ך האָט זיך אויך דערין באַטייליקט און שפּעטער פאַרעפנטלעכט אַן אויספירלעכן רעפּאָרטאַזש. „אויף די פעלדער פון טרעבלינקע״ (לאָדזש, 1947, צענטראַלע אידישע היסטאָרישע קאָמיסיע).

[66] וועגן דעם לאַגער אין סאָביבאָר זע באַמערקונג 8 אין דער מאַפּע פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן אין פוילן.

אויפרוף פון דער אידישער קאַמף ארגאניזאציע צו דער פוילישער באפעלקערונג

דער אויפרוף איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן עטלעכע טעג נאָכן אויסברוך פון געטאָ־אויפשטאַנד, דעם 23־טן אַפּריל 1943; די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אין איר זיך געווענדעט צו די פּאָליאַקן, וואָס אויף דער אַרישער זייט וואַרשע. דער אויפרוף איז געדרוקט געוואָרן אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע, אין זשאָליבאָזש.

פּאָליאַקן, בירגער, פרייהייט־סאָלדאַטן!

אונטערן רויש פון האַרמאַטן, מיט וועלכע די דייטשע אַרמיי באָמבאַרדירט אונזערע הייזער, אונזערע וואוינונגען, אונזערע מוטערס, פרויען און קינדער, ביים געקנאַל פון די מאַשינגעווערן, וועלכע מיר דעראָבערן אין קאַמף מיט די זשאנדארמען און ס.ס.־מענער;

פונצווישן דעם רויך פון די שרפות־פלאַמען און אין דעם בלוט־שטראָם פון דעם געמאָרדעטן וואַרשעווער געטאָ, שיקן מיר — די פאַרמאַכטע אין געטאָ — אַ ברידערלעכן און האַרציקן גרוס צו אייך. מיר ווייסן, אַז מיט האַרצווייטאָג און מיטגעפילטרערן, מיט אַנטציקונג און מיט ציטער פאַרן רעזולטאַט פון דעם קאַמף קוקט איר זיך צו צו דער שלאַכט, וועלכע מיר פירן שוין עטלעכע טעג געגן דעם גרויזאַמען אָקופּאַנט.

איר זעט אָבער אויך, אַז יעדער שוועל אין געטאָ, איז געווען — און וועט אויך ווייטער זיין — אַ פעסטונג; אַז מיר קענען אפשר אַלע אומקומען אין דעם דאָזיקן געראַנגל, אָבער אונטערגעבן זיך וועלן מיר נישט; אַז גלייך ווי איר, שטרעבן אויך מיר נקמה צו נעמען און באַשטראָפן דעם געמיינזאַמען שונא פאַר אַלע פאַרברעכנס.

עס פירט זיך אַ קאַמף פאַר אונזער און אייער פרייהייט, פאַר אייערער און אונזערער מענטשלעכער, סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער ערע און ווירדע!

מיר וועלן נקמה־נעמען פאַר די פאַרברעכנס פון אָשוויענטשים, טרעבלינקע, בעלזשעץ, מאַידאַנעק!

זאָל לעבן די בלוטיקע געווער־ברודערשאַפט פון קעמפענדיקן פוילן!

זאָל לעבן די פרייהייט!

אַ טויט די רוצחים און תליינים!

זאָל לעבן דער קאַמף־ אויף־לעבן־און־טויט געגן דעם אָקופּאַנט!

23־טער אַפּריל 1943.

די אידישע קאַמף אָרגאַניזאַציע

ב. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אין פוילן

1. באַריכט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין פוילן

(אַרויסגעשיקט פון וואַרשע דעם 15־טן נאָוועמבער 1943)

ד״ר שוואַרצבאַרט (יצחק),
לאָנדאָן.
טייערער הער דאָקטאָר,

מיר שרייבן צו איך מיטן בלוט, וואָס פליסט ווידער פון צענדליקער טויזנטער אידישע מאַרטירער. מיר לעבן איצט איבער אין פוילן דעם עפּילאָג פון אונזער שרעק־לעכער טראַגעדיע. די באַרבאַרישע היטלעריסטן זעען שוין זייער מפּלה און זיי מאָרדן־אויס די קנאַפּע רעשטלעך פון דער אידישער באַפעלקערונג.

זיי האָבן אָנגעהויבן פון לובלינער געגנט, וואָס דער פראָנט דערנעענטערט זיך אַהין מיט גיכע טריט. די דייטשן האָבן דאָרטן קאָנצענטרירט אַ ריי לאַגערן, אין וועלכע עס גייען־אויס ביי 40 טויזנט אידן, איבערהויפּט פון וואַרשע און פון לובלינער קרייז. די גרעסטע לאַגערן זיינען אין טראַווניקי — 10 טויזנט אידן און אין פּאָניאַטאָווע — 15 טויזנט אידן. מיט די ביידע לאַגערן זיינען מיר געשטאַנען אין כסדרדיקער פאַר־בינדונג, מיר האָבן זיי מיטגעהאָלפן מיט אַלע כוחות, מיר האָבן זיי באַזאָרגט מיט געלט און געווער.

מיטוואָך, דעם 3־טן נאָוועמבער (1943), 6 אַזייגער אינדערפרי האָט מען אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַלע מענער אין טראַווניקי, זיי זאָלן אַרויס גראָבן כלומרשט שוצגראָבנס געגן לופט־אָנגריפן. צוויי שעה נאָך זייער צונויפזאַמלען זיך, האָט מען זיי אַרומגערינגלט, אויסגעשטעלט אַרום־און־אַרום מאַשינגעווערן און מען האָט זיי אַלעמען, אָן קיין שום אויסנאַם, דערשאָסן. אינצווישן זיינען אָנגעקומען אין לאַגער אַריין אַ פּופציק אויטאָס, אויף וועלכע מען האָט אויפגעלאָדן אַלע פרויען און קינדער — און אָוועקגעפירט זיי צום מאָרדונגס־אָרט, דאָרטן האָט מען זיי באַפוילן אויסטון זיך נאַקעט און מען האָט זיי אומגעבראַכט אויף דעמזעלבן אופן. נאָך דערדאָזיקער שחיטה זיינען געבראַכט געוואָרן אין לאַגער אַריין 3 טויזנט איטאַליענישע אידן און עס דערוואַרט זיי דערזעלבער גורל.

פונקט אַזאַ שחיטה איז פאָרגעקומען פרייטאָג (5־טן נאָוועמבער 1943) אין די לובלינער לאַגערן. עס זיינען דאָרט אויסגעמאָרדעט געוואָרן עטלעכע טויזנט אידן. כמעט גלייכצייטיק איז פאָרגעקומען אַ בלוטיקע „סעלעקציע״ אין לאַגער אין פּאָניאַטאָווע.

דער גרעסטער טייל, כמעט אַלע פרויען און קינדער זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן.

אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער (1943) האָבן די דייטשן אָנגעהויבן ליקווי־דירן די אידישע לאַגערן אין אַן אַנדער געגנט, וועלכע ווערט נאָענט צום פראָנט — אין מזרח־גאַליציע. פון דעם איינציקן לאַגער אין לעמבערג אויף דער יאַנאָווסקע־גאַס, וואו עס האָבן זיך געפונען אַרום 7 טויזנט מענטשן, האָט מען „אויסגעסעלעקטירט" 2 טויזנט און אויף אַ בעסטיאַלישן אופן זיי דערמאָרדעט אויפן שחיטה־פעלד פּיאַסקי[1].

עס איז ביי אונז קיין שום ספק נישט, אַז במשך די נאָענטסטע טעג און וואָכן וועלן פאַרניכטעט ווערן אַלע איבריקע אידן־קאָנצענטרירונגען, אַלע לאַגערן און די פּאָר נאָך־פאַרבליבענע געטאָס.

מיר מאַכן איצטער פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען, כדי אַרויסצוראַטעווען אין לעצטן מאָמענט פון די לאַגערן די ווערטפולסטע יחידים פון אונזער געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן אַקטיוו. דאָס זיינען אָבער אויסערסט שווערע און קאָסטן־טייערע אונטערנעמונגען. מיר זיינען איבערצייגט, אַז גאָר אינקורצן וועט פון דער דריי־און־אַ האַלב מיליאָניקער אידישער באַפעלקערונג אין פוילן איבערבלייבן אַ קליין הייפל פון עטלעכע צענדליק טויזנט אידן, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס מחוץ פון די געטאָס און לאַגערן אין די אַרישע קוואַרטאַלן אָדער אין די וועלדער און פירן בפועל ממש אַ לעבן פון הייל־מענטשן.

אין פאַרגאַנגענעם חודש האָבן מיר נאָך געשאַצט די צאָל אידן אויפן שטח פון דער גאַנצער פוילישער מדינה ביז 250—300 טויזנט נפשות. אין עטלעכע וואָכן אַרום וועלן מיר פאַרבלייבן נישט מער ווי 50 טויזנט.

אין לעצטן מאָמענט פאַרן טויט האָבן די לעצטע איבערבלייבן פון פוילישן אידנטום גערופן צו דער גאַנצער וועלט און געבעטן רעטונג.

מיר ווייסן, אַז איר זייט מיט אונז מיט אייער גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה, מיר ווייסן, אַז איר לעבט טיף איבער אונזער מאַרטירעלאָגיע, וועלכע האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער געשיכטע. מיר ווייסן אויך, אַז איר זייט אָנמעכטיק. זאָלן־זשע אָבער יענע פאַקטאָרן, וועלכע וואָלטן אונז יאָ געקענט העלפן, — זאָלן זיי וויסן וואָס מיר טראַכטן וועגן זיי.

דאָס בלוט פון די דריי מיליאָן פוילישע אידן וועט זיך נוקם זיין נישט נאָר אין די היטלערישע בעסטיעס, נאָר אויך אין יענע גלייכגילטיקע און אומוויליקע פאַקטאָרן,

[1] אין פויליש Na Piaskach אויף די זאַמדן. אַ זאַמד־געגנט — דער מאָרדונגס־אָרט אין לעמבערג, נעבן דעם אכזריותדיקן לאַגער אויף דער יאַנאָווסקע־גאַס, אין שכנות פון דער באַן־סטאַציע קלעפּאַרווו, אַ פאָראָרט פון לעמבערג. דערדאָזיקער לאַגער, אונטערן נאָמען דער יאַנאָווער־לאַגער, ווערט אַ סך דערמאָנט אין דער ליטעראַטור וועגן דער דייטשער אכזריותדיקייט און דעם אומקום פון די אידן אין מזרח־גאַליציע; בפרט אין לעמבערג. מען רעכנט, אַז אין דעם לאַגער האָבן די דייטשן דערמאָרדעט קרוב 200.000 אידן. וועגן יאַנאָווער לאַגער זיינען דערשינען אינם פאַרלאַג פון דער אידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פוילן: מיכאל מ. באָרוויטש „אוניווערזיטעט פאַר תלינים" (112 זייטן) און „ליטעראַטור אין לאַגער" (76 זייטן); לעאָן

וואָס אויסער ווערטער האָבן זיי גאָרנישט אויפגעטון כדי אָפּצוראַטעווען דאָס פאָלק, וואָס איז דורך די היטלערישע מערדער פאַראורטיילט געוואָרן אויף אומקום. קיינער פון אונז, די לעצטע מאָהיקאַנער פון אַן אויסשטאַרבנדיקער געמיינשאַפט, וועט עס נישט פאַרגעסן און נישט מוחל זיין.

זאָל־זשע אָט דער אפשר־לעצטער רוף אונזערער פון תהום דערגיין צו די אויערן פון דער גאַנצער וועלט.

מיר ווילן, אַז דאָס אידישע פאָלק און די גאַנצע וועלט זאָל וויסן, אַז אונזער יוגנט האָט מוטיק געקעמפט פאַרן לעבן און פאַר דער ערע פון איר פאָלק. נאָך דער העראָישער עפּאָפּייע פון וואַרשעווער געטאָ האָבן מיר אין די לעצטע חדשים איבער־געלעבט דעם שיינעם, העראָישן קאַמף פון די ביאַליסטאָקער אידן, וועלכער איז פאָרגעקומען סוף אויגוסט (1943). דעם 17־טן אויגוסט האָט זיך אָנגעהויבן אין ביאַ־ליסטאָק די ליקווידירונג פון דעם איינציקן גרויסן געטאָ, אין די מזרח־געביטן פון לאַנד, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען ביי 40 טויזנט אידן. במשך די ערשטע דריי טעג פון דער אַקציע זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן 7 טראַנספּאָרטן קיין טרעבלינקע, אין טויט־לאַגער. אויסערדעם איז אַרויסגעפאָרן פון ביאַליסטאָק אַ פּאַסאַזשיר־צוג, אָנגעפילט מיט קינדער: אין יעדן וואַגאָן זיינען געווען 2 אידישע פלעגערינס. עס הערשט אַן אַלגעמיינע איבערצייגונג, אַז מען וועט ביי די קינדער פאַר זייער טויט אָפּצאַפּן דאָס בלוט פאַר איינשפּריצונגען די פאַרוואונדעטע דייטשע סאָלדאַטן. אויפן פערטן טאָג פון דער אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד [2]. שווערע קאַמפן זיינען פאָרגעקומען אין עטלעכע גאַסן. די דייטשן האָבן, אַזוי ווי אין וואַרשע, באַנוצט אין קאַמף פאַנצער־געווער און פעלד־אַרטילעריע.

די דייטשן האָבן געבראַכט אַרום טויזנט זשאַנדאַרמען און ס.ס.־לייט און אַ סך אָפּטיילונגען אוקראַינער. די אידן האָבן דער־עיקר זיך באַנוצט מיט האַנט־גראַנאַטן און צינד־באָמבעס, זיי האָבן אויך געהאַט עטלעכע מאַשינגעווערן. זיי האָבן געקעמפט מיט אויסערגעוויינלעכער אַנטשלאָסנקייט, אַרויסרופנדיק באַוואונדערונג ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון שטאָט און אומגעגנט. אין די קאַמפן זיינען דערהרגעט געוואָרן און פאַרוואונדעט געוואָרן עטלעכע הונדערט דייטשן און אוקראַינער.

כדי איינצוברעכן דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד האָבן די דייטשן, פונקט ווי אין וואַרשע, אונטערגעצונדן דעם געטאָ פון אַלע זייטן. די פאַרביסענע קאַמפן האָבן זיך געצויגן 8 טעג. אַרויסטרעטונגען פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד מצד די אידן האָבן נישט אויפגעהערט אויך נאָכדעם, זיי האָבן געדויערט כמעט אַ חודש צייט, ביז דער

וויעליטשקער „די טויט בריגאַדע" (133 זייטן); יאַנקאַ ה.: „מיט די אויגן פון אַ צוועלף־יאָריק מיידעל" (70 זייטן) — אַלע פיר שריפטן אין פויליש.

[2] בעתן שרייבן דעם באַריכט זיינען, ווייזט אויס, נישט געווען אין וואַרשע קיין גענויע ידיעות וועגן די שלאַכטן אין ביאַליסטאָק. לויט אַנדערע ידיעות האָט זיך דער קאַמף אָנגעהויבן גלייך דעם ערשטן טאָג פון דער גירוש־אַקציע. זע ז. 166, באַמ. 64 אינם קאַפּיטל „די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע".

העלפט סעפטעמבער. דער העלדישער קאַמף אין ביאַליסטאָק וועט אַריבערגיין אין דער געשיכטע אַזוי ווי די פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ.

אין פאַרלויף פון די לעצטע חדשים האָבן די אידן אַדורכגעפירט צוויי באַוואָפנטע אַקטן, וואָס זייער סימבאָלישע באַדייטונג אין אַ גרויסע. אידן האָבן חרוב־געמאַכט צוויי שחיטה־ערטער — אין טרעבלינקע, נעבן מאַלקיניאַ און אין סאָביבאָר, אין דער לובלינער געגנט ביי כעלם. איןביידע לאַגערן האָבן די נאָך־דאָרט־פאַרבליבענע אידן אָרגאַניזירט זיך אין קאַמף־פינפנטלעך און אין אַ פונפריער־באַשטימטן טערמין האָבן זיי אָנגעהויבן דעם קאַמף: מיט העראָישן שוואונג האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף די דייטשע און אוקראַינישע וואַך־פּאָסטנס, אַנטוואָפנט זיי, אויסגעהרגעט די מערסטע פון זיי, אונטער־געצונדן און פאַרברענט די גאַז־קאַמערן און די „לעבעדיקע קרעמאַטאָריעס" [3] און נאָכן דערפילן זייער אויפגאַבע, זיינען זיי זיך צעלאָפן אין די אַרומיקע וועלדער.

די ידיעה וועגן אָט די העלדנטאַטן האָט זיך שנעל צעטראָגן, מיט אַ ברייטן אָפּקלאַנג, איבערן גאַנצן לאַנד.

אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד האָבן אידן אַרויסגעוויזן נישט נאָר אין וואַרשע און אין ביאַליסטאָק, אין טרעבלינקע און אין סאָביבאָר, — אויך אין אַ ריי אַנדערע שטעט זיינען פאָרגעקומען ווידערשטאַנד־קאַמפן: אין טשענסטאָכאָוו, אין בענדין, אין ווילנע, אין טאַרנע און אויך אין אַנדערע קלענערע ערטער.

אין טאַרנע איז פאָרגעקומען די פולשטענדיקע ליקווידירונג פונם געטאָ דעם 1־טן, 2־טן און 3־טן סעפּטעמבער ה.י. (1943). מען האָט אויפגעלאָדן די אידן אויף אַ משא־צוג, צו 150 אין אַ וואַגאָן. די וואַגאָנעס זיינען פריער באַשיט געוואָרן מיט קאַרביד און נישט־געלאָשענעם־קאַלך, דערנאָך האָט מען די וואַגאָנעס אָפּגעשלאָסן און פאַרבלאָמבירט, פאַרגאָסן זיי מיט וואַסער און אָפּגעשיקט צו די פאַרניכטונגס־ערטער.

אַלע קינדער פונם געטאָ האָט מען צונויפגעטריבן אין איין געביידע, זאָגנדיק זיי, אַז מען פירט זיי אין אַ קינדערהיים. די געביידע איז הערמעטיש פאַרמאַכט געוואָרן און אויפגעריסן געוואָרן. אין פאַרלויף פון דער ליקווידירונגס־אַקציע, האָבן די אידן אָנגעהויבן שטעלן אַ ווידערשטאַנד. די דייטשן האָבן מיט גראַנאַטן איינגעבראָכן דעם ווידערשטאַנד פון די קעמפנדיקע אידן.

אין די קאַמפן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין די אַלע פריער־אויסגערעכנטע שטעט, האָבן אָנטיילגענומען אין ברידערלעכע רייען קעמפער פון כמעט אַלע אידעאישע ריכטונגען: חלוצישע און שומרישע יוגנט, פועליציוניסטן, בונדיסטן. עס האָט זיי צוזאַמענגעשלאָסן אַ קאַמף־אויף־טויט — שוין נישט אויף לעבן — פאַרן כבוד און ווירדע פון אידישן פאָלק. מיר האָבן זיך באַמיט, דורך אונזער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, דידאָזיקע קאַמפן צו אָרגאַניזירן, שטיצן מיט אַלע כוחות און זיי שטאַרקן.

---

[3] ווייזט אויס, אַז דאָ ווערן געמיינט „קרעמאַטאָריעס", וואו די מענטשן זיינען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט.

אויסער דער קאַמף־אַקציע קאָנצענטרירן מיר אונזערע אָנשטרענגונגען אויף צו העלפן די אידן, וועלכע געפינען זיך נאָך אין די לאַגערן אָדער באַהאַלטן זיך אויס אין די אַרישע קוואַרטאַלן. מיר באַמיען זיך מיט אַלע כוחות אַרויסצוראַטעווען ווערט־פולע יחידים פון די לאַגערן, און אַ געוויסע צאָל טוער און וויסנשאַפטלער האָבן מיר טאַקי אָפּגעראַטעוועט.

מיר האַלטן אויף אַ קאָנטאַקט מיט די לאַגערן דורך אונזערע שליחים, דורך זיי שיקן מיר אַהין אַריבער פינאַנציעלע הילף, דאָקומענטן א.אַ.וו. די אידן, וועלכע געפינען זיך אין אַרישע קוואַרטאַלן, גיבן מיר אַ באַדייטנדע פינאַנציעלע הילף, מיר דערליידיקן פאַר זיי דאָקומענטן, מיר באַמיען זיך צו באַקומען פאַר זיי וואוינונגען — דאָס איז דאָס שווערסטע פּראָבלעם — א.אַ.וו. אַ רעלאַטיוו־גרויסע צאָל מענטשן, וועלכע געהערן צום געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן אַקטיוו, האַלטן מיר אויס פולשטענדיק.

סיי די קאַמף־אַקציעס און סיי די הילפס־אַרבעט פירן מיר אין אויסערסט שווערע באַדינגונגען פון טאָפּלטער קאָנספּיראַציע, — אין אָנבליק פונם בושעווענדיקן דייטשן טעראָר אויך לגבי די פּאָליאַקן, ווייל יעדן טאָג קומען פאָר אין די וואַרשעווער גאַסן „כאַפּ־יאַגדן" אויף מענטשן. די וואַרשעווער גאַסן זיינען באַגאָסן מיט בלוט פון די מאַסנהאַפט־דערשאָסענע פּאָליאַקן־„ערובניקעס".

מיר זיינען אַ קליין הייפל לעבנגעבליבענע טוערס, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אויסצופילן די געזעלשאַפטלעכע דינסט פאַר די רעשטלעך פון דער צום־טויט־פאַרמאַטערטער אידישער באַפעלקערונג, נישט רעכנענדיק זיך מיט די אומ־אויפהערלעך־וואַקסנדע סכנות און שוועריקייטן. דידאָזיקע אויפגאַבע זיינען מיר גרייט — טראָץ אַלע שוועריקייטן און שטרויכלונגען — צו דערפילן ביזן סוף.

שוין כמעט אַ יאָר, אַז מיר פירן אונזער טעטיקייט אַלס אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט, וועלכער איז צונויפגעשטעלט פון פאָלגנדיקע פּאַרטייען און אָרגאַני־זאַציעס: אַלגעמיין־ציוניסטן, פועלי ציון (צ.ס.), לינקע פועלי ציון, החלוץ, השומר־הצעיר, דרור (פרייהייט — החלוץ הצעיר), עקיבא און גורדוניה. אינדערשפּיץ פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט שטייט אַ דריי־פּערזאָניקער פּרעזידיום, וועלכער פירט אָן מיט דער גאַנצער טעטיקייט. די פּרעזידיום־מיטגלידער זיינען: ד"ר א. ב ע ר־מ אַ ן ־ ב אָ ר אָ וו ס ק י, י צ ח ק צ וק ע ר מ אַ ן און ד. כ פ ת ו ר (ד נ י א ל ג ו ז ש י ק, זע זייטן 131, 137, באַמ. 9, 17, 18). אויסער דעם געהערן צום איד. נאַצ. קאָמיטעט פאַר־שטייער פון אַלע פריער־דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס. צווישן די סאַמע נאָענטסטע מיטאַרבעטער געפינען זיך: ד"ר ע מ נ ו א ל ר י נ ג ע ל ב ל ו ם (לפּ"ג), צ ב י ה ל ו ב ע ט ק י ן, אַדוואָקאַט ג אַ ט ע ס מ אַ ן (שמעון) פון קראָקע[4], י ו ס ף ס אַ ק, ל י י ז ע ר ל ע וו י ן, ש ל ו ם ג ר אַ י ע ק[5], ש מ ע ו ן (שמחה) ר אַ ט ה י י ז ע ר[6] פּ אָ ל אָ

[4] זע זיין בריוו, זייט 236 און ווייטער; יוסף סאַק, זע זייט 133, באַמ. 12; ל. לעווין, זע זייט 131, באַמ. 8.

[5] זע זיין טאָגבוך, זייט 264 א. וו.

[6] זע זיין טאָגבוך, זייט 272 א. וו.

ע ל ס ט ע ר (לפ״ג), ה ע ר ש ב ע ר ל י נ ס ק י (לפ״ג), ב ת י ה ט ע מ ק י ן ־ ב ע ר מ אַ ן[7]. צום באַדויערן קען אַ באַדייטנדער טייל פון די אויבן־אויסגערעכנטע נישט אַרויסגיין פון זייערע וואוינונגען — צוליב זייער נישט־אַרישן אויסזען — און דער גאַנצער יאָך פון דער אַזוי־פאַרצווייגטער, שווערער און קאָמפּליצירטער אַרבעט פאַלט אויף די פּלייצעס פון עטלעכע יחידים. אין אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט הערשט אַן אַטמאָספער פון האַרמאָנישער, ברידערלעכער צוזאַמענאַרבעט. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמי־טעט האַלט אויף אַ קאָנטאַקט מיטן „בונד״, מיט וועלכן ער קאָאָרדינירט זיין טעטיקייט. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט און דער „בונד״ בילדן צוזאַמען די אידישע קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע — Ž. K. K. (זשידאָווסקי קאָמיטעט קאָאָרדינאַציני). דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט ווי אויך די אידישע קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע זיינען נישט קיין פּאָליטישע קערפּערשאַפטן אָדער פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנצן. די אויפגאַבע פון דער אידישער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע באַשטייט נאָר אין קאָאָרדינירן די קאַמף־אַקציע און די הילפס־טעטיקייט. אין די ראַמען פון אָט די צוויי אויפגאַבן, וואָס איצטער זיינען נאָר זיי אַקטועל, איז די קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע די הויפּט־אינסטאַנץ פון דער נאָך־לעבנגעבליבענער אידישער באַפעלקערונג.

דער גרעסטער טייל פּראַקטישע אַרבעט פון דער אידישער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע ווערט אויסגעפירט דורך אונז. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אַרבעט מיט אַקטיוו אינם „ראַט פאַר הילף די אידן״ ביי דער רעגירונגס־דעלעגאַטור[8], — דער פאַרשטייער פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט איז דער סעקרעטאַר פונם הילפס־ראַט. גלייכצייטיק האַלט־אויף דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט דעם אַמט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ביי דער רעגירונגס־דעלע־גאַטור און מיטן אַמט פאַר אידישע ענינים ביי דער קאָמענדאַנטור פון די באַוואָפנטע כוחות אין לאַנד. מיט די פאַרשטייער פונם קעמפנדיקן אונטערערדישן פּוילן שטייט דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אין נאָענטע און גאָר־פריינטלעכע באַציאונגען.

אויסער דער קאַמף־אַקציע און דער הילפס־אַרבעט, באַשעפטיקט זיך דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט מיט אויפזאַמלען כראָניקעס, מאַטעריאַלן און דאָקו־מענטן, וועלכע וועלן געבן דער צוקונפט אַ בילד פון אונזער היסטאָריש־אומפאַר־גלייכלעכער מאַרטירלאָגיע. מיט דערדאָזיקער אַרבעט פירט־אָן, אין אונזער נאָמען, דער היסטאָריקער ד״ר רינגעלבלום (עמנואל), אויך ה ע ר ש ו ו אַ ס ע ר[9], די שרייבערין ר ח ל א ו י ע ר ב אַ ך[10] און אַנדערע.

אין אונזער גאַנצער טעטיקייט האָבן מיר ביז נישט לאַנג שטאַרק געליטן פון

---

[7] די פּרוי פון ד״ר אַדאָלף בערמאַן, זע זייט 213, באַם. 10.

[8] איינצלהייטן וועגן אָט דעם ראַט — זע זייט 198, באַם. 20.

[9] זע זיינע פאַרצייכנישן: 1) „סילועטן״, 2) „וועגן סאָלדאַטן אַן געווער״, ז. 293 א. וו.

[10] אַ אידישע שרייבערין און דיכטערין. געבוירן אין מזרח־גאַליציע. שטודירט פילאָזאָפיע אויף דער לעמבערגער אוניווערזיטעט. פון 1932 האָט זי געוואוינט אין וואַרשע; זיך באַטייליקט אין פאַרשידענע צייטשריפטן, פאַרעפנטלעכט נאָוועלן, עסייען און לידער. אַ געוויסע צייט האָט

גרויסע פינאַנציעלע שוועריקייטן. ביז חודש יוני ה.י. האָבן מיר נישט געהאַט אין אונזער רשות קיין שום פאָנדן, און מיר זיינען נישט געווען בכוח צו פירן וועלכע־נישט־איז ברייטערע אַרבעטן.

אין פאַרלויף פון גאַנצן יאָר האָבן אָרגאַניזאַציעס, אַנגעשלאָסענע אין אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט באַקומען, דורך דער פאַרמיטלונג פון „בונד", צוויי פאַר־העלטנישמעסיק־ווינציקע סומעס: איין מאָל 3 טויזנט דאָלאַר פאַר פּועלי ציון (צ.ס.) און אַ צווייט מאָל 1500 דאָלאַר פאַר ביידע פּועלי ציון־פּאַרטייען — 1000 פאַר די לינקע פּועלי ציון און 500 פאַר פּועלי ציון (צ.ס.).

ערשט אין חודש יוני ה.י. (1943) האָבן מיר באַקומען די ערשטע גרעסערע סומע: 10 טויזנט דאָלאַר פאַר די אַלגעמיין־ציוניסטן און די פּועלי ציון (צ.ס.). שפּעטער האָבן מיר באַקומען אין יולי, אין אויגוסט און אין סעפּטעמבער, איינע נאָך דער אַנדערער, דריי ראַטעס צו 10 טויזנט דאָלאַר יעדערע, אויפן חשבון פון די דורך אייך געשיקטע צען טויזנט פונט. אַדאַנק דידאָזיקע פאָנדן זיינען מיר געווען בכוח באַדייטנדיק צו אַנטוויקלען אונזער טעטיקייט אויף אַלע געביטן, אָבער אין פאַרגלייך צו די באַדערפנישן און צו די גרויסע סומעס, וועלכע זיינען אומבאַדינגט נויטיק כדי אויסצו־ברייטערן און מאַכן מאַסנהאַפטיק די אַקציעס פון ווידערשטאַנד, הילף און רעטונג, זיינען די באַקומענע געלטער געווען ווי אַ טראָפּן אין ים. ערשט לעצטנס, אין נאָוועמבער ה. י. האָבן מיר אָנגעהויבן באַקומען גרעסערע קוואָטעס אויפן חשבון פון די געלטער, וועלכע זיינען פון אייך שוין אָנגעקומען. אין אַלגעמיין דאַרפן מיר בקרוב באַקומען: די לעצטע 10 טויזנט דאָלאַר־ראַטע פון די 10 טויזנט פונט, און 20 טויזנט דאָלאַר — 5 טויזנט פונט — און נאָך 36 טויזנט דאָלאַר — 9 טויזנט פונט, וועלכע זיינען ערשט לעצטנס אָנגעקומען פון אייך צו דער רעגירונגס־דעלעגאַטור, — בסך הכל איז עס 66 טויזנט דאָלאַר.

אויסער דעם האָט מען אונז אָנגעזאָגט וועגן נאָך 15 טויזנט פונט, וועלכע זיינען אָנגעקומען פון אייך. אין נאָמען פון אַלע אונזערע אָרגאַניזאַציעס דריקן מיר אייך אויס אַ הייסן דאַנק פאַר די צוגעשיקטע געלטער (בעיקר פונם ועד ההצלה אין ארץ־ישראל), — זיי וועלן אונז דערמעגלעכן באַדייטנדיק אויסצוברייטערן דעם פאַרנעם פון אונזער הילף־און רעטונגס־אַקציע.

ליידער איז פאַר אַ סך פון אונזערע ברידער דידאָזיקע ערנסטע הילף אָנגעקומען צו שפּעט. מיר האָפן אָבער, אַז מיט דער הילף פון די געלטער וועלן מיר נאָך קענען

זי געאַרבעט אין „דאָס נייע וואָרט" — די טאָג־צייטונג פונם אַרבעטנדן ארץ־ישראל אין פּוילן. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז זי געווען טעטיג ביי דער קולטור־אַרבעט און ביים זאַמלען דעם מאַטעריאַל פונם אידישן אונטערערד־אַרכיוו. צווישן די געראַטעוועטע. זעצט פאָר איר טעטי־קייט אין פּוילן. אין דער פּרעסע זיינען דערשינען אַ ריי שילדערונגען פון איר, וועגן לעבן אין וואַרשעווער געטאָ. אין 1947 איז דערשינען אירס אַ ביכל „אויף די פעלדער פון טרעבלינקע", אַ רעפּאָרטאַזש פון אַ געריכטס־וויזיע אין נאָוועמבער 1945 (אידישע היסטאָרישע קאָמיסיע אין פּוילן, 118 זייטן).

אָפּראַטעווען פון אומקום אַ סך ווערטפולע יחידים, און מיר וועלן אויך קענען קומען צו הילף טויזנטער אידן אין זייער שווערן, געפערלעכן לעבן. ווייטערדיקע פינאַנציעלע אונטערשטיצונג פון אייער זייט איז אומבאַדינגט נויטווענדיק.

געדענקט, אַז ביי די איצטיקע באַדינגונגען איז דאָס אַרויסראַטעווען איין מענטש פון אַ לאַגער פאַרבונדן מיט קאָסטן פון 50 טויזנט זלאָטעס, און דאָס איינאָרדנען איין פערזאָן אין אַרישן קוואַרטאַל קאָסט פון 5 ביז 10 טויזנט זלאָטעס.

אייערע טעלעגראַמעס און בריוו ברענגען אונז אַלעמען זעלטענע מאָמענטן פון פרייד אין אונזער שווערן לעבן. מיר פילן זיך נישט פאַראייניזאַמט. אייערע בריוו, אַרויסגעשיקטע דעם 21־טן יולי — ד״ר שוואַרצבאַרטס בריוו קיין וואַרשע און קיין קראָקע, „בערל״ס (לאָקערס) בריוו און דער בריוו פונם קאָמיטעט צו ראַטע־ווען די אידן אין דער אָקופירטער אייראָפּע — האָבן מיר באַקומען און מיט צופרידנ־הייט געגומען צו קענטניש זייער אינהאַלט. דעם בריוו פון טאַבענקין (יצחק) און פון יערי (מאיר) האָבן מיר נישט באַקומען.

אויך אייערע טעלעגראַמעס פון 27־טן סעפּטעמבער און פון 4־טן אָקטאָבער האָבן מיר דערהאַלטן. גיט אונז צו־וויסן וואָס פאַר אַ קאָנקרעטע צילן און אויסזיכטן האָט אייער אַקציע אין שטאָקהאָלם מכוח די קינדער. צי האַנדלט זיך דאָ וועגן אויס־טויש. עס איז געבליבן לעבן נאָר אַ קליינער הייפל קינדער, — ראַטעוועט זיי אין לעצטן מאָמענט פון אומפאַרמיידלעכן טויט.

במשך דער לעצטער וואָך זיינען צו אונז דערגאַנגען אַלאַרמירנדיקע ידיעות פונם לאַגער פאַר אויסלענדער אין בערגן ביי האַנאָווער. עס זיינען דאָרט געווען ביי 4 טויזנט אידן פון פוילן, צווישן זיי — געזעלשאַפטלעך זייער־ווערטפולע יחידים, ווי דער דערציילונגען־שרייבער י. פּערלע (לפ״ג), דער געזעלשאַפטלעכער טוער אַנטאָני (נתן) בוקסבוים (לפ״ג) און אַסך אַנדערע.

דער לאַגער האָט זיך כלומרשט געפונען אונטער דער אויפזיכט פון אינטער־נאַציאָנאַלן רויטן קרייץ. מען זאָגט, אַז דער לאַגער איז לעצטנס ליקווידירט געוואָרן אַזוי ווי די לאַגערן אין לובלינער געגנט. ווירקט־אויס אַ באַלדיקע אינטערווענץ פונם רויטן קרייץ און פון דער שווייצאַרישער אַמבאַסאַדע אין בערלין.

אין דעם לאַגער געפינען זיך אויך בירגער פון דרום־אַמעריקאַנישע מדינות. אויך פונם לאַגער אין וויטעל — עלזאַס, דערגייען צו אונז באַאומרואיקנדע ידיעות. גיט אכטונג אויף די צוויי לאַגערן און זייט אונז מודיע וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען.

צו אַט דעם איצטיקן בריוו אונזערן לייגן מיר צו: אַ ריי בריוו צו פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, אַן ענטפער אויף אייער אַנקעטע, אַ באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע [11], אַ רשימה פון די געפאַלענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער און אויך אַ קורצן פינאַנץ־באַריכט.

[11] דער באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז געשיקט

שיקט איבער אונזער הייסן דאַנק און גרוסן דער (אידישער) אַגענץ, דער (ציוניסטישער) עקזעקוטיווע, דעם קאָמיטעט צו ראַטעווען אידן און פאַרשידענע ברידערלעכע אָרגאַניזאַציעס פון אַלע שאַטירונגען. חיים (ד״ר הילפשטיין)[12] און אליהו (טיש)[13] פון קראָקע שיקן אייך איבער הייסע גרוסן, זיי געפינען זיך אין פלאַשאָווער לאַגער, ביי קראָקע. מיר זיינען משפיע אויף זיי, זיי זאָלן אַנטלויפן. זיי ווילן נישט, ווייל די דייטשן האָבן איינגעפירט אין די לאַגערן קאָלעקטיווע פאַראַנט־לעכקייט, — פאַר יעדן אַנטלאָפענעם דערשיסן זיי 50 מענטשן.

אין קראָקעווער געגנט געפינען זיך נאָך, אין לאַגערן און אויף אַרבעטס־פּלעצער, כמעט 15 טויזנט אידן. זייער גורל איז אַ געחתמעטער.

אַדוואָקאַט ג אָ ט ע ס מ אַ ן (שמעון) פון קראָקע געפינט זיך אין וואַרשע און אַרבעט־מיט מיט אונז, ער שיקט אייך און אַלע אַלגעמיין־ציוניסטן הייסע גרוסן.

כ פ ת ו ר (ד. גוזשיק) גריסט אייך אַלעמען און די קאָלעגן פון „דזשאָינט״. ער וואונדערט זיך, וואָס זיי וויזן נישט אַרויס קיין סימנים פון לעבן.

מיר באַגריסן האַרציק ב ע ר ל ל אָ ק ע ר ן און אַלע טוער, וועלכע אַרבעטן־מיט מיט אייך.

געוואָרן ערשט מיטן צווייטן בריוו־טראַנספּאָרט, דעם 24־טן מאַי 1944. דער ענטפער אויף דער אַנקעטע איז נישט געשיקט געוואָרן.

[12] ד״ר ח י י ם ה י ל פ ש ט י י ן, געבוירן אין יאָר 1876, פון די ערשטע בויער און פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין מערב־גאַליציע. זיינע מעדיצין־שטודיעס האָט ער פאַרענדיקט אין קראָקעווער אוניווערזיטעט. ער איז דאָרט געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ביי פיר יאָר־צענדליק. נאָך אין 1907 איז ער געווען קאַנדידאַט פון די ציוניסטן ביי די ערשטע דעמאָקראַטישע וואַלן צום עסטרייכישן פּאַרלאַמענט. געווען טעטיק אין פאַרשידענע ציוניסטישע אינסטיטוציעס. די לעצטע יאָרן האָט ער זיך אָפּגעגעבן הויפּטזאַכלעך דער העברעע־אישער דערציאונגס־אַרבעט. די העברעאישע גימנאַזיע אין קראָקע איז אָנגערופן געוואָרן אויף זיין נאָמען. ער איז געווען פאַרשפּאַרט אינם שווערן און אכזריותדיקן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין פלאַשאָוו ביי קראָקע. די פאַרבינדונג מיט אים האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט, אפילו נאָך אין 1944. אין יאַנואַר 1945 האָט דער דייטשער אינדוסטריעלער שינדלער אַריבערגעפירט אַ טויזנט אידן פון זיין פאַבריק אין קראָקע קיין ברינליץ, אין מאָראַוויע און אַזוי זיינען זיי ניצול געוואָרן (וועגן שינדלער זע באַמ. 6 אינם בריוו פון אַדוואָקאַט גאָטעסמאַן, ז. 237). צווישן זיי איז אויך געווען ד״ר הילפשטיין. אין אָנהויב 1946 איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל.

[13] א ל י ה ו ט י ש, פון די אַלטע ציוניסטן אין מערב־גאַליציע. ער איז געווען אַקטיוו אין דער באַוועגונג נאָך אין איר באַגינען־צייט אין זיין שטאָט טאַרנע. בעת ס׳איז געשאַפן געוואָרן, אין 5—1904, די פּועלי־ציון־באַוועגונג איז ער געוואָרן אירער אַן אַקטיווער חבר. שוין יונגער־הייט אַ באַגאַבטער רעדנער און פלעגט אויפטרעטן אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און אין דיסקוסיעס מיט זש.פּ.ס. (דער גאַליציאַנער „בונד״); ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער פּאַרטיי־צייטונג „דער אידישער אַרבעטער״. אין שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער פאַרלאָזט די פּועלי ציון און געוואָרן אַן אַלגעמיינער ציוניסט. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אַריבער קיין ניי־סאַנץ און דאָרט געאַרבעט אַלס אַדוואָקאַט. אין 1935 איז ער אַריבער קיין קראָקע און געווען רעדאַקטאָר פון „נאָווי דזשענניק״. ער איז אויך געווען טעטיק אויפן עקאָ־נאָמישן געביט. געווען אַ דעלעגאַט צום 21־סטן ציוניסטישן קאָנגרעס. ער איז געווען פאַרשפּאַרט אין פלאַשאָווער־לאַגער. דערנאָך איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד, און נאָך דער דייטשער מפּלה איז אים געלונגען אַנצוקומען קיין שוועדן.

די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן שיקט קאַמף־גרוסן צו די אידישע זעלנער, וועלכע קעמפן אויף אַלע פראָנטן פון דער וועלט געגן היטלעריזם און פאַשיזם, און פאַר באַפרייאונג.

אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט

(—) **ד״ר א. בערמאַן-באַראָוסקי**

(—) **יצחק צוקערמאַן**

(—) **ד. כפתור** (דניאל גוזשיק)

עקסטראַ־קאָמוניקאַט אין לעצטן מאָמענט

די שליחים פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, וועלכע זיינען דורך אונז אַרויס־געשיקט געוואָרן אין לובלינער געגנט אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַלאַרמירנדיקע ידיעות וועגן די דאָרטיקע לאַגערן, האָבן זיך אומגעקערט און געבראַכט גרויזאַמע באַריכטן. ביידע גרעסטע לאַגערן — אין טראַווניקי — 10 טויזנט אידן און אין פּאָניאַטאָווא — 15 טויזנט אידן — זיינען פאַרניכטעט געוואָרן ביזן לעצטן מענטש[14].

דער באַריכט וועגן טראַווניקי באַשטעטיקט אונזער שילדערונג פון דער לאַגע אינם בריוו צו ד״ר שוואַרצבאַרט. די טראַווניקער שחיטה איז פאָרגעקומען מיטוואָך דעם 3־טן נאָוועמבער (1943). זי האָט זיך אָנגעהויבן 6 אַזייגער אינדערפרי, און 4 אַזייגער נאָכמיטאָג האָט שוין קיינער פון די 10 טויזנט לאַגער־אַרעסטאַנטן נישט געלעבט. פרייטאָג, דעם 5־טן נאָוועמבער (1943) איז פאָרגעקומען די שחיטה אין לובלין. די אידן פון אַלע לובלינער לאַגערן האָט מען צונויפגעטריבן אין רציחה־לאַגער אין מאַידאַנעק און דאָרטן האָט מען זיי דערשאָסן (אַרום 18 טויזנט).

מאָנטאָג, דעם 5־טן נאָוועמבער[15] האָט זיך אָנגעהויבן די מאָרדונגס־אַקציע אין פּאָניאַטאָווא. אין פריען באַגינען האָט זיך באַוויזן אַ גוואַלדיק גרויסע צאָל אויטאָמאָבילן מיט ס.ס.־לייט, ז.ד. (זאָנדער־דינסט) און זשאַנדאַרמעריע, און זיי האָבן אַרומגערינגלט מיט אַן אומגעוויינלעך געדיכטע קייט דעם גאַנצן לאַגער. ווען די אידן האָבן זיך

[14] דידאָזיקע 25 טויזנט אידן זיינען אין זייער גרעסטער מערהייט געווען פון וואַרשעווער געטאָ און זיינען אַהין אַריבערגעפירט געוואָרן נאָך דער אונטערדריקונג פונם געטאָ־אויפשטאַנד אין אַפּריל—מאַי 1943.

[15] דאָ איז, ווייזט אויס, אַריינגעפאַלן אַ טעות. מאָנטאָג איז געווען דער 8־טער נאָוועמבער (ווייטער זאָגט זיך, אַז די שחיטה האָט געדויערט 3 טעג און האָט זיך פאַרענדיקט מיטוואָך דעם 10־טן נאָוועמבער), אָבער לודוויקאַ פישער, וועלכע שילדערט אין איינעם פון די פריער־דיקע קאַפּיטלען איר רעטונג פון דעמזעלבן לאַגער, שרייבט אַז די פאַרניכטונגס־אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן דעם 4־טן נאָוועמבער (זע זייטן 105 און ווייטער).

אָריענטירט, אַז עס קומט אָן דער מאָמענט פון אויסראָטונג, האָט די אָרטיקע אָפּטיילונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אונטערגעצונדן אַלע סחורה־לאַגערס און וואַרשטאַטן, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען זייער אַסך קליידונגס־זאַכן פאַר דער אַרמיי. די אידן האָבן געפּרוווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכע שחיטה, וועלכע האָט זיך געצויגן דריי טעג. מיטוואָך, דעם 10־טן נאָוועמבער (1943) איז שוין געווען נאָך אַלעמען — 15 טויזנט מענטשן זיינען אויס־געמאָרדעט געוואָרן. די טויטע קערפּערס זיינען פאַרברענט געוואָרן אויפן אָרט. אַסך מענטשן זיינען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. די געשרייען און געזיפצן פון די קרבנות און די ,,ּגעדיכטע, אומויפהערלעכע שיסעריי האָט מען געהערט אין דער גאַנצער אומגעגנט. דער טשאַד פון די פאַרברענטע קערפּערס האָט נאָך אַ וואָך צייט נאָכדעם זיך געלאָזט שפּירן אויף אַ גרויסן שטח אַרום און אַרום.

סיי אין טראַווניקי און סיי אין פּאָניאַטאָווע האָבן די אידן געפּרוווט שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. די דייטשן האָבן געוואוסט, אַז איןביידע לאַגערן עקזיס־טירן אָפּטיילונגען פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, — האָבן זיי אָנגעווענדעט אַ נייע טאַקטיק. זיי האָבן באַנוצט צו דער פאַרניכטונגס־אַקציע אין די לאַגערן אַ גוואַלדיקע מאַסע ס.ס. און זשאַנדאַרמעריע און ממש פאַרפּלייצט מיט זיי דעם גאַנצן לאַגער־שטח סיי אין טראַווניקי און סיי אין פּאָניאַטאָווע. די שחיטה איז אַדורכגעפירט געוואָרן דורך עטלעכע טויזנט דייטשן. אַ ווידערשטאַנד איז פּשוט נישט מעגלעך געווען.

אין פּאָניאַטאָווע האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט אַ ,,קעסל"[16]; זיי האָבן אַרומ־געצוימט די אידן און וואָס ווייטער אַלץ ענגער געמאַכט די אַרומצוימונג, מאָרדנדיק אָן אויפהער.

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס צו דידאָזיקע אַקציעס האָבן די דייטשן שוין נישט דערלאָזט קיין אוקראַינער. דער אוקראַינישער איבונגס־לאַגער אין טראַווניקי איז אין דער צייט פון דער אַקציע אַרומגערינגלט געוואָרן דורך ס.ס.־לייט, אויך אין פּאָניאַטאָווע איז די אוקראַינישע וואַך אויסגעשלאָסן געוואָרן פון אָנטייל אין דער אַקציע. די דייטשן האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי, אַז זייערע וואַסאַלן, די אוקראַינער, וועלן אַדורכפירן די מאָרדונגס־אַרבעט מיט דער געהעריקער פּינקטלעכקייט.

די שחיטה אין די לאַגערן פון לובלינער געגנט באַדייט — דער סוף פון וואַר־שעווער אידנטום. דאָרטן האָבן זיך געפונען צענדליקער טויזנטער אידן פון וואַרשע,

[16] אין וואַרשע האָט מען אַ נאָמען געגעבן ,,דער קעסל" די צונויפטרייבונג פון די אידן — נאָכן גרויסן גירוש צווישן דעם 6־טן און 12־טן סעפּטעמבער 1942 — אין 2—3 גאַסן, וואו מען האָט אַדורכגעפירט אַ ווייטערדיקע סעלעקציע צווישן די איבערגעבליבענע. דער שרייבער באַנוצט דעמזעלבן אויסדרוק צו שילדערן דאָס צונויפטרייבן דאָ די אידן אין איין ענגן אָרט. זע אויך באַם. 9 אינם קאַפּיטל דער גירוש פון די וואַרשעווער אידן, זייט 93.

וועלכע זיינען אַהין אַרויסגעפירט געוואָרן בשעת דער לעצטער ליקווידירונגס־אַקציע אין אַפּריל ה.י. (אין דער צייט פונם געטאָ־אויפשטאַנד).

צווישן די דערמאָרדעטע האָט זיך געפונען אַ באַדייטנדער טייל פון דער וואַרשעווער אינטעליגענץ, אַ רעלאַטיוו־גרויסע צאָל פּאָליטישע טוער פון פאַרשידענע ריכטונגען, און אַ באַזונדערס־גרויסע צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטער און אַרבעטער־טוער — אין די צוויי לאַגערן פלעגט מען שיקן קודם־כל קוואַליפיצירטע אַרבעטער און בעלי־מלאכות. מיר וועלן דאָ אויסרעכענען די נעמען פון די מענטשן, וועלכע האָבן אין ביידע לאַגערן כסדר דערפילט זייער קרבנותפולע געזעלשאַפטלעכע דינסט און זיינען געשטאַנען אינדערשפּיץ פון דער אָרטיקער קאָנספּיראַטיווער געזעלשאַפטלעכער זעלבסטהילף און פון די אָפּטיילונגען פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

אין פּאָניאַטאָוואָ: מלך פיינקינד, דער קאָמענדאַנט פון דער אָרטיקער אָפּטיילונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע — אַ לינקער פּועלי ציון־טוער; עטקין (מאיר) — „בונד"; שמידט (אברהם) — פּועלי ציון (צ.ס.); האָפמאַן (ישראל) — בונד; פשעדעטש (מאיר) — געוועזן ראַטמאַן אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט, לינקע פּועלי ציון; ד"ר דאַברין (בערטאָלד) — אַלגעמיין־ציוניסטן; טענצער (יחיאל) — געוועזן ראַטמאַן אין קאַלישער שטאָטראַט, לינקע פּועלי ציון.

אין טראַווניקי: ד"ר וולאַדזשימיעזש שיפריס — קאָמענדאַנט פון דער אָרטיקער אָפּטיילונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אומפּאַרטייאישער; אַדוואָקאַט דוד שולמאַן — רעוויזיאָניסט; מאַלינאָווסקי (שמעון) — „בונד", אַ טוער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין לאָדזש; אַדוואָקאַט אברהם וויטעלסאָן — ציוניסט.

אין די פילע הערמעטיש־אָפּגעשלאָסענע לאַגערן אין לובלין האָבן זיך פריער געפונען און איצטער לעבן זיי שוין נישט מער — צווישן אַנדערע קרבנות: ד"ר איגנאַצי (יצחק) שיפער; אַלעקסאַנדער־זישע פרידמאַן — „אגודת ישראל"־פירער, אַ באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער טוער; ד"ר טולאָ (נפתלי) נוסענבלאַט — אַ היסטאָריקער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אַ ביאָגראַף פון טעאָדאָר הערצל; דאָצענט ד"ר עדמונד (מנחם) שטיין — אַ באַרימטער יודאַאיסטישער פאָרשער; א. סאַמבערג (אייזיק) — באַקאַנטער שוישפּילער; רעמבאַ (נחום) — ציוניסטישער טוער; די פרוי פונם „דזשאָינט"־דירעקטאָר גיטערמאַן (אסתר) — וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן בעת דער אַקציע אין יאַנואַר; י. (יוסף) קירמאַן — אַ דיכטער; לאַזער סטאָלאַר־ריכטער (הירש) — אַ טוער פון די לינקע פּועלי ציון, און נאָך אַ סך אַנדערע געזעלשאַפטלעכע טוער, אינטעלעקטואַליסטן, קינסטלער א.א.וו. (וועגן אַלע אויבן־דערמאָנטע נעמען זע ליסטע פון געפאַלענע — לפ"ג).

די ליקווידירונג פון די לאַגערן אין לובלינער געגנט איז אַן אָנהויב פון אַ פּאַר־

ניכטונגס־שחיטה אין אַלע אידישע לאַגערן, וועלכע געפינען זיך נאָך אין פּוילן, — דאָס איז דער אָנהויב פון ענדגילטיקן סוף פון פּוילישן אידנטום.

15־טער נאָוועמבער 1943.

אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט

(—) **ד"ר א. בערמאַן־באַראָוסקי**

(—) **יצחק צוקערמאַן**

(—) **ד. כּפתור** (דניאל גוזשיק)

פּ. ס. — די תשובות אויף דער אַנקעטע ווי אויך באַריכטן וועגן דער טעטיקייט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און וועגן דעם פאַרלויף פונם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ וועלן מיר אייך שיקן מיט דער נאָענטסטער פּאָסט.



אַ טייל פונם הייזער־בלאָק, וואָס האָט געבילדעט דעם „אומשלאַגפּלאַץ" (אויף דער סטאַווקי־גאַס), פון וואַנען מען האָט פאַרלאָדן די וואַרשעווער אידן אין די טויט־וואַגאָנעס (פאָטאָגראַפירט 1946).

2. פינאַנץ־באַריכט פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין פוילן

פאַר דער צייט פון 1־טן יאַנואַר ביזן 31־טן אָקטאָבער 1943

אין דעם באַריכט־פעריאָד זיינען דורך דער פאַרמיטלונג פון דער רעגירונגס־דעלעגאַטור אַריינגעפלאָסן אין דער קאַסע פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פאָלגנדיקע סומעס:

1) אין יוני 1943 — דער עקוויוואַלענט פון 10 טויזנט דאָלאַר, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן פאַר אַלגעמיין־ציוניסטן און פועלי ציון (צ.ס.)	661.150	זלאָטעס
2) אין יולי 1943 — עקוויוואַלענט פון 10 טויזנט דאָלאַר; די ערשטע ראַטע אויפן חשבון פון די 10 טויזנט פונט, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן פאַר דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט	650.000	„
3) אין אויגוסט 1943 — עקוויוואַלענט פון 10 טויזנט דאָלאַר; צווייטע ראַטע אויפן חשבון פון דער דערמאָנטער סומע	816.000	„
4) אין סעפטעמבער 1943 — עקוויוואַלענט פון 10 טויזנט דאָלאַר; דריטע ראַטע אויפן חשבון פון דער דערמאָנטער סומע	903.400	„
בסך־הכל זיינען אַריין אין דער קאַסע פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט	3.030.550	זלאָטעס

די אָנגעקומענע געלטער[1] זיינען אויסגעגעבן געוואָרן אויף פאָלגענדיקע צוועקן:

א) הילף פאַר די מיטגלידער פון די פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע געהערן צום אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, סיי פאַר די משפחות, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון די געטאָס אָדער פון די לאַגערן און געפינען זיך אין די אַרישע שטאָט־קוואַרטאַלן, און סיי פאַר יענע, וועלכע געפינען זיך אין די לאַגערן, צו וועלכע מען קען צוקומען. אין דער קאַטעגאָריע גייען אַריין פאָלגנדיקע גרופּירונגען: 1) אַלגעמיין־ציוניסטן, 2) פועלי ציון (צ.ס.), 3) החלוץ און די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס — השומר הצעיר, דרור, עקיבא, גורדוניה, 4) לינקע פועלי ציון.

אויסערדעם זיינען געוויסע סומעס אַריבערגעשיקט געוואָרן צו די ווייניגע טוער פון „אגודת ישראל" און צו רבנים, וועלכע געפינען זיך נאָך אין די לאַגערן, און אויך צו רעוויזיאָניסטן — דידאָזיקע סומעס גייען אַריין אינם פּונקט „אינדיווידועלע שטיצעס". די הוצאות אויף אויסהאַלטן דעם אַקטיוו פון די אויבנדערמאָנטע גרופּן זיינען באַדייטנדיקע, ווייל די מערהייט פון די טוערס און זייערע פאַמיליעס מוז דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אויסהאַלטן פולשטענדיק, צוליב זייער קאַטאַסטראָ־

[1] בעיקר פונם ועד ההצלה פון דער אידישער אַגענץ אין ארץ־ישראל.

פּאַלער מאַטעריעלער לאַגע; דערביי זיינען גוואַלדיק גרויס די הוצאות פון אויסהאַלטן מענטשן מיט אַ נישט־אַרישן אויסזען, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס אין די אַרישע קוואַרטאַלן.

ב) די הילף פאַר די לאַגערן און די געטאָס האָט איינגעשלונגען אַ גרויסן פּראָצענט פונם בודזשעט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, וועלכער פלעגט דורך זיינע שליחים אָדער דורך דער פאַרמיטלונג פונם ראַט פאַר הילף די אידן ביי דער רעגי־רונגס־דעלעגאַטור [2] — שיקן אין די לאַגערן און אין די פּראָווינץ־ערטער געלטער אויף באַשפּייזונג און באַקליידונג, אויף אונטערשטיצונגען, געזעלשאַפטלעכע זעלבסט־הילף א.אַ.וו.

ג) אינדיווידועלע אונטערשטיצונגען פאַר אומפּאַרטייאישע אידן, וועלכע וואוי־נען אין די אַרישע שטאָט־קוואַרטאַלן און זייערע מאַטעריעלע באַדינגונגען זיינען שווערע, — אָט די אונטערשטיצונגען ווערן ביסלעכווייז די געוויינלעכע הילפס־פאָרם פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. די מענטשן, וואָס געניסן פון די דאָזיקע אונטער־שטיצונגען זיינען דאָס רוב יחידים אָדער משפחות פון וואַרשע און דער פּראָווינץ, צו וועלכע עס דערגייט נישט די שטיצע פונם ראַט־פאַר־הילף־די־אידן ביי דער רע־גירונגס־דעלעגאַטור; זיי איז געלונגען אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט איינעם פון די סך רינגען פון דער פאַרזאָרגונגס־טעטיקייט פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, וועלכע באַזאָרגן מיט שטיצע די אַלע, וועלכע געהערן צו זייער פאַרזאָרגונגס־קרייז. מערסטנס זיינען דידאָזיקע פאַרבינדלער — פּאָליאַקן, באַקאַנטע געלערנטע, קולטור־טוער, קינסט־לער א.אַ.וו., און אויסער זיי — אידן, טוער און מיטאַרבעטער פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט [3].

ד) סובסידיעס פאַרן ראַט־פאַר־הילף־די־אידן ביי דער רעגירונג־דעלעגאַטור, וועלכע דינען אַלס אויסדרוק פון דער אָרגאַנישער פאַרבינדונג צווישן דער אידישער און דער פּוילישער פאַרזאָרגונגס־טעטיקייט לגבי אידן; דער ציל פון אָט די סובסידיעס איז — אויסברייטערן דעם מאַסשטאַב פון דער טעטיקייט פון ראַט.

ה) די סובסידיעס פאַר דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע זיינען אַ באַדייטנדער פּראָצענט אינם בודזשעט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. דידאָזיקע געלטער ווערן אויסגעגעבן אויף איינקויפן געווער, אויף אויסהאַלטן דעם אַקטיוו פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אויף אָרגאַניזאַציאָנעלע נסיעות א.אַ.וו. זיי דינען פאַר די הוצאות פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע סיי אין וואַרשע און סיי אין די לאַגערן און אין דער פּראָווינץ.

ו) די אַדמיניסטראַציע הוצאות פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט זיינען פאַר־

---

[2] זע זייט 198, באַמערקונג 20.

[3] ביים סוף באַריכט פון איד. נאַצ. קאָמ. אויף דער אַרישער זייט וואַרשע, זייט 213 ווערן דערמאָנט 20 נעמען פון די אידישע מיטאַרבעטער.

העלטנישמעסיק נישט קיין גרויסע, ווייל די מערהייט פון זיינע מיטאַרבעטער טוט די אַרבעט אָן געלט־לוין.

מיר באַצייכנען, אַז פאַר דער הילפס־אַקציע אין די לאַגערן, פאַר דער טעטיקייט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע ווי אויך פאַרן ראַט־פאַר־הילף־די־אידן, טראָגט אויך דער „בונד" אַריין געוויסע סומעס. די הויך פון אָט די איינצאָלונגען ווערט באַשטימט דורך דער געמיינזאַמער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון „בונד".

די גענויע הוצאות־צעטיילונג פון די אָנגעקומענע סומעס:

1) הילף די אַלגעמיין־ציוניסטן און זייערע משפחות	335.000	זלאָטעס
2) הילף פאַר פועלי ציון (צ.ס.)	355.000	"
3) הילף דעם החלוץ און די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס —		
השומר הצעיר, דרור, עקיבא, גורדוניה	335.000	"
4) הילף די לינקע פועלי ציון	285.000	"
5) הילף פאַר לאַגערן און געטאָס	585.000	"
6) אינדיווידועלע אונטערשטיצונגען	350.000	"
7) סובסידיעס דעם ראַט־פאַר־הילף־די־אידן		
ביי דער רעגירונגס־דעלעגאַטור	250.000	"
8) אַדמיניסטראַטיווע און פאַרשידענע הוצאות	30.550	"
סך־הכל	3.030.550[4]	זלאָטעס

פון דערדאָזיקער גענויער אויסרעכענונג זעען מיר, אַז פון דער סומע 3.030.550 זלאָטעס זיינען אויסגעגעבן געוואָרן אויף שפּייזונג, וואוינונג, קליידונג און א. א. פאַר די מיטגלידער פון די אָרגאַניזאַציעס פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און זייערע משפחות — 1.310.000 זלאָטעס. אָבער אויב מיר וועלן אַראָפּרעכענען די ערשטע סומע פון 661.150 זלאָטעס, וועלכע איז בפירוש געווען באַשטימט פאַר צוויי פּאַרטייען און איז טאַקי אין גרעסטן טייל אויסגעגעבן געוואָרן פאַר הילף די מיטגלידער פון דידאָזיקע פּאַרטייען, וועט קלאָר ווערן, אַז דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט גיט אויס זיינע געלטער וואָס ווייטער אַלץ מער פאַר אַלגעמיינע צוועקן. פון די דריי פאָלגנדיקע סומעס, וועלכע באַטרעפן צוזאַמען 2.369.400 זלאָטעס, זיינען פאַר הילף די מיטגלידער פון אַלע אָרגאַניזאַציעס וואָס געהערן צום אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, אויסגעגעבן

[4] דער סך־הכל פון די אויסגערעכנטע הוצאות מאַכט אויס נישט 3.030.550 זלאָטעס נאָר 2.525.550 זלאָטעס; עס פעלט אויב אַזוי אַ סומע פון 505 טויזנט זלאָטעס. ווי מיר האָבן פעסט־געשטעלט איז ביים פאָטאָקאָפּירן דעם דאָקומענט ביים אַרויסשיקן אים פון וואַרשע, אַרויסגעפאַלן די שורה וועגן די הוצאות פאַר דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זיינען — לויט פונקט 5 — אַ באַדייטנדער פּראָצענט אין בודזשעט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט.

געוואָרן נישט מער ווי 850.000 זלאָטעס, און דאָס גאַנצע איבעריקע געלט איז אַוועק אויף אַלגעמיינע צילן.

שטרעבנדיק אויפצוהאַלטן ביים לעבן די לעצט־פאַרבליבענע פונם אידישן געזעלשאַפטלעכן און אידעאישן אַקטיוו, און באַזונדערס פונם יוגנט־אַקטיוו, וועט דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אויך אויף ווייטער אָפּגעבן אַ באַדייטנדן טייל פון זיינע געלט־פאָנדן פאַר דער הילף פון די אַקטיווע טוערס, אָבער דעם גרעסטן טייל פון זיינע פינאַנצן וועט ער ווידמען די אַלגעמיינע צילן פון הילף און זעלבסטשוץ.

אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט

(—) ד״ר א. בערמאַן-באָראָווסקי

(—) יצחק צוקערמאַן

(—) ד. כּפּתור (דניאל גוזשיק)

וואַרשע, 15־טער נאָוועמבער 1943

דער הויף פון דער אידישער טורמע אין וואַרשעווער געטאָ (אויף גענשע־גאַס). מען זעט נאָך הויפנס אַש פון פאַרברענטע מענטשלעכע קערפּערס (פאָטאָגראַפירט 1945).

3. באַריכט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין פוילן
(אַרויסגעשיקט פון וואַרשע דעם 24־טן מאַי 1944)

צו ד״ר (י.) שוואַרצבאַרט, אינזש. (א.) רייס, ד״ר (א.) טאַרטאַקאָווער

טייערע !

אייערע בריוו פון 15־טן, 17־טן און 18־טן פעברואַר, ווי אויך די טעלעגראַמעס פון אַנזעלם (א. רייס) פון 6־טן און פון 22־טן מערץ היי־יאָר האָבן מיר דערהאַלטן. מיר האָבן זיי געלייענט מיט גרויס אינטערעס. מיר זעען, אַז איר טוט אַלץ וואָס איר קענט כדי אונז צו העלפן און פאַרלייכטערן אָפּצוראַטעווען די פאַרבליבענע פונם בלוטיקן מבול. אַלע מעגלעכע דאַנקען פאַר אייער אַרבעט און אייערע באַמיאונגען וואָלטן נישט אַנטשפּראָכן און נישט אויסגעדריקט אונזערע אמתע געפילן פון טיפער דאַנקבאַרקייט צו אייך און צו אַלע אידישע אַקטיווע טוער אויף דער גאַנצער וועלט, וועלכע באַטייליקן זיך אין דער הילפס־אַקציע. גיט זיי־צו־וויסן, אַז מיר שאַצן אָפּ די גרויס פון זייער אַרבעט און מיר ווייסן, אַז אַדאַנק זיי אַלעמען קענען מיר פירן אונזער פאַרצווייגטע טעטיקייט.

דער יאָר־טאָג פון די קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען פאַר אונז אַלע, — אַנטיילנעמער פון די קאַמפן אָדער עדות זייערע, — אַ גרויסער טאָג. עס זיינען דער־גאַנגען צו אונז אָפּקלאַנגען פון די שיינע יאָר־טאָג־דעמאָנסטראַציעס און פייערלעכ־קייטן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין ארץ־ישראל, אין די פאַראייניקטע־שטאַטן און אין ענגלאַנד. מיר זיינען באמת געווען גערירט דערפון. אויך ביי אונז זיינען פאָרגע־קומען געדענק־פייערונגען איבערן לאַנד. די אונטערערדישע פּרעסע האָט געווידמעט דעם יאָר־טאָג אַרטיקלען און נאָטיצן. די אונטערערדישע ראַדיאָ־סטאַציעס האָבן איינגעאָרדנט ספּעציעלע אודיציעס. די אָרגאַניזאַציעס פונם אונטערערדישן פוילן מיט דעם ראַט־פאַר־הילף־די־אידן אינדערשפּיץ האָבן אָנגענומען פּאַסיקע רעזאָלוציעס. מיר, אין אונזער אונטערערד, האָבן געפייערט דעם יאָר־טאָג — מיט פאַרשטאַרקטער טעטיקייט.

מיט עטלעכע טעג צוריק, דעם 10־טן מאַי, האָט אַ הייפל לעבנגעבליבענע קעמפער געפייערט אַן אַנדער יאָר־טאָג, דעם ערשטן יאָר־טאָג פון זייער אָפּראַטעווען־זיך. פאַראַיאָרן, אין דעמזעלבן טאָג האָבן פאַרשטייער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט אַרויסגעריסן פונם טויט 80 חברים; זיי האָבן זיי אין צוויי אַרויסמאַרשן מציל געווען פון די געטאָ־חורבות. דאָס זיינען געווען געוואַגטע העלדנטאַטן! די קעמפער, וועלכע האָבן שוין געהאַט אויסגעפירט זייערע קאַמף־אויפגאַבעס, האָט מען אַדורכגעפירט דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן — דאָס איז געווען אַ קאָשמאַר־וועג — און אינמיטן העלן טאָג, ממש פאַר די אויגן פון די דייטשע זשאַנדאַרמען, פון דער פּאָליציי און המון, האָט מען זיי אַרויסגעשלעפּט פון

די קאַנאַלן שוין אויף דער אַרישער זייט [1]. אונטער אַ באַוואָפנטער וואַך פון אידישע קעמפער האָט מען זיי אויפגעלאָדן אויף לאַסט־אויטאָס, מיט די אויטאָס האָט מען אַדורכדעפּילירט כמעט גאַנץ וואַרשע און אַדורכגליטשנדיק זיך דורך אַ גאַנצע ריי דייטשע וואַך־פּאָסטנס, האָט מען אָפּגעפירט די געראַטעוועטע קעמפער אין קאַמפּינאָווער וואַלד [2]. פונדאָרטן האָט מען זיי אין עטלעכע טעג אַרום, האַרט פאַרן דייטשן זוכונג־איבערפאַל, אַריבערגעפירט מיט אויטאָס אין די וועלדער ביים בוג [3]. דער נייער, אומ־

[1] וועגן די פּרוּוון אַרויסצוגיין פון געטאָ דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן — זע ז. 244, באַמ. 5 צום באַריכט פון „בונד״; ז. 270, באַמ. 13 צום טאָגבוך פון ש. ג ר אַ י ע ק, און אויך — ש מ ח ה ר אָ ט ה י י ז ע ר ס טאָגבוך און באַמערקונגען 13 און 16, זייטן 280 און 282.

[2] Puszcza Kampinoska — אַ 30 קילאָמעטער פון וואַרשע. מיטגעהאָלפן האָבן די פּ.פּ.ר. — די קאָמוניסטן. פאַקטיש זיינען די קעמפער אויסבאַהאַלטן געוואָרן נישט אינם געביט וואָס רופט זיך „דער קאַמפּינאָווער וואַלד״, נאָר אין אַ יונג וועלדל, וואָס פאַרנעמט אַ שטח פון אַ 5 קילאָמעטער אין טאָל, נעענטער צו וואַרשע. דאָס איז געווען אַ וועלדל פון סאָסנע־בוימער וואָס הגם זיי זיינען געווען נידריק געוואַקסן און אָפט האָט מען דאָרט געמוזט גיין איינגעבויגענער־הייט, אָבער זיי זיינען געווען זייער געדיכט און פאַרפלאָנטערט און דערמיט געשאַפן אַ גוטע מעגלעכקייט אויסצובאַהאַלטן זיך. אין „קאַמפּינאָווער וואַלד״ גופא איז געווען אַ געפאַר צו זיין, ווייל ער איז געווען צו נאָענט צום געביט, וואָס די דייטשן האָבן אים אַריינגענומען אין „רייך״ און אָפט האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט דייטשע וואַך־גרופּעס. דאָס וועלדל, וואו די קעמפער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, איז געווען נאָענט צו עטלעכע דערפער: לאָמיאַנקי, מלאָטשיני (אַ 7 קילאָמעטער פון וואַרשע), דאָמבראָווקאַ א.א. דעריבער ווערט פון מאָל צו מאָל דערמאָנט אין די דאָקומענטן, אַז די קעמפער זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן אין איינעם פון דידאָזיקע ערטער, אָבער געמיינט ווערט תמיד אָט דער וואַלד־געביט. זייענדיק דאָרטן, האָבן די קעמפער גענומען וואַסער אין נאָענטן דאָרף דאָמבראָווקאַ. אין לאָמיאַנקי האָבן געוואוינט די אַרבעטער פון די „פּוילישע אַעראָפּלאַנען־ווערק״ אין ביעליאַני און די דייטשן האָבן זיי אויסגענוצט פאַר זייערע באַדערפנישן. אין די „אַעראָפּלאַן־ווערק״ האָט אויך געאַרבעט אַ צאָל אידישע אַרבעטער.

דאָ דאַרף דערמאָנט ווערן צום־גוטן דער פּוילישער פויער ק אַ י ש ט ש אַ ק, אַ פרומער קריסט, אַן אָנהענגער פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״ (די אונטערערדישע אַרמיי פון דער לאָנדאָנער פּוילישער רעגירונג), וועלכער איז געווען באַקאַנט אין די קרייזן פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע מיטן ביינאָמען „כלאָפּ״. אָט דער פויער צוזאַמען מיט זיינע קינדער האָבן אַסך מיטגעהאָלפן די קעמפער, ווען זיי זיינען געווען קאָנצענטרירט אין דער געגנט לאָמיאַנקי־דאָמבראָווקאַ, זיי האָבן געזאָרגט פאַר זיי און זיי אויך אָפּגעהיטן. אויך שפּעטער האָט זיין הויז אין דאָמבראָווקאַ געדינט אַלס פאַרבינדונגס־פּונקט פאַר די קעמפער. אין זומער 1943, ווען ד ו ד נ אָ וו אָ ד וו אָ ר ס ק י און ר ב ק ה ש אַ פּ י ר ש ט י י ן (ביידע לפ״ג) מיט נאָך אַ צאָל חברים זיינען אַדורכגעפאַלן ביים זוכן זיין אַדרעס (ווי עס ווערט דערציילט אין דער אַזכרה פאַר דוד נאָוואָדוואָרסקי), איז ער אויף אַ געוויסע צייט אַנטלאָפן קיין וואַרשע און די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אים אויסגעהאַלטן. ער איז געבליבן לעבן און איצטער דינט ער אין דער בירגער־מיליץ אין פּוילן.

[3] דאָ ווערן געמיינט די וועלדער אין דער געגנט פון ווישקאָוו ביי די ברעגן פון טייך בוג. די לעצטפאַרבליבענע געטאָ־קעמפער האָבן זיך דאָרטן צעטיילט אין פיר פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, צו 15—20 מענטשן אין יעדערער. צוויי אָפּטיילונגען זיינען געווען טעטיק אויף דער מערב־זייט פון בוג און צוויי אָפּטיילונגען — אויף דער מזרח זייט. איין אָפּטיילונג איז געווען אָפּגערוקט פון דער אַנדערער אַ 15 קילאָמעטער. עס זיינען אויך געווען אַ סך פאַלן, בשעת אַ סכנה, אַז די קעמפער פלעגן אַריבערגיין אויף אַ געוויסע צייט פון איין זייט צו זייערע חברים אויף דער אַנדערער זייט. די אָפּטיילונגען האָבן אַדורכגעפירט אַסך דרייסטע אַקציעס: איינע פון זיי: דאָס אויפרייסן אַ דייטשע באַן אויף דער סטאַציע אורלע (אָרלע, 60 קילאָמעטער פון וואַרשע אויפן וועג קיין מאַלקיניאַ) אונטער דער קאָמאַנדירונג פון י אַ נ ע ק ש וו אַ ר צ פ ו ס

געוויינלעך־געוואַגטער מאַרש איז געלונגען! דאָס וואַלד־לעבן פון אונזערע קעמפער — דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל. אַסך פון זיי זייַנען אומגעקומען. אַ טייל שטעקט נאָך ערגעץ אין די וועלדער און אין דערפער, אַ קלייַנער טייל, אַ 20 בערך, איז צוריק־געקומען קיין וואַרשע און לעבט צוזאַמען מיט אונז. אַ דריטער פּרווו אַרויסצוראַטעווען אַ גרופּע קעמפער דורך די קאַנאַלן האָט זיך געענדיקט טראַגיש. די קאַנאַל־אַרויס־גאַנגען זייַנען שוין געווען שטאַרקער באַוואַכט דורך די דייטשן. ביי דעמדאָזיקן פּרווו זייַנען עטלעכע צענדליק קעמפער, אַרויסרייסנדיק זיך פון די קאַנאַלן, אומגעקומען מיט געווער אין די הענט אין אַ גאַסן־קאַמף מיט דער זשאַנדאַרמעריע[4]. אָט דער גאַנצער

(לפ"ג), — 11 קעמפער האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן ביי דערדאָזיקער אַקציע. די אָפּטיילונגען האָבן אַדורכגעפירט אויך אַנדערע שעדיקונגס־אַקטן, וועלכע ווערן דערמאָנט אין די אזכרות. די אַקציעס זייַנען אינסטרואירט געוואָרן דורך פּאַרטיזאַנער פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע האָבן בעסער געקענט די וואַלד־וועגן. איין מאָל האָבן די אידישע קעמפער באַקומען אַ טראַנס־פּאָרט געווער, וועלכער איז זיי אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך אַ סאָוויעטישן אַעראָפּלאַן. אין טראַנספּאָרט זייַנען געווען 36 גוטע אויטאָמאַטישע ביקסן, ענגלישע אויפרייס־מינעס אויפצורייסן באַנען, גראַנאַטן און אויפרייס־מאַטעריאַלן; צוויי קאַסטנס מיט אויפרייס־מאַטעריאַלן האָבן אויפגעהויבן בשעת דעם אַראָפּלאָזן. לויט די ליסטעס, וואָס מען האָט געפונען אין די פּעקלעך, איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אויך אַ פּעקל מיט אַ גרויסער געלט־סומע — 25 מיליאָן פּוילישע זלאָטעס — און אַ ראַדיאָ־זענדער, אָבער דאָס פּעקל איז פאַרלוירן געוואָרן. ווי ס'איז שפּעטער קלאָר געוואָרן האָט עס דערזען אַ פּוילישע פּויערטע און זי האָט עס איבערגעגעבן דער דייטשער פּאָליציי (די פּויערטע האָט באַקומען אַ באַלוינונג פון ...8 זלאָטעס).

אין יענער געגנט האָט זיך אויך געפונען אַ גרופּע אונטער דער קאָמאַנדירונג פון מרדכי (מערדעק) גראוואס (לפ"ג), אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען די קעמפער: חיים אַרבוז (לפ"ג); אברהם זאַנדמאַן (אַ געבוירענער אין וואַרשע, פון אַ האָרעפּאַשנער פאַמיליע, געווען אַן אַקטיווער חבר פון „השומר הצעיר", 21 יאָר אַלט — בשעת ער איז געפאַלן); זיין חברטע חגית פּוטערמילך (אַ געבוירענע אין וואַרשע, 20 יאָר אַלט, בשעת זי איז געפאַלן. זי האָט געלערנט אין אַ „תרבות" פאָלקסשול און שפּעטער אין אַ האַנדלס־שול, געווען אַקטיוו אין וואַרשעווער „השומר הצעיר" און אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אַ מוטיקע קעמפערין. וועגן איר ברודער יעקב, פון די גראַטעוועטע, — זע ז. 325); יואל; ישראל קרוטקי; תמר (אַלע — מיטגלידער פון „השומר הצעיר"); בערל טאָסנקרויט און יולעק יונגהייזער (ביידע — מיטגלידער פון „בונד"; דער ערשטער געבוירן אין 1921, געקעמפט אין דער גרופּע פון ל. גרוזאַלץ (לפ"ג) אויף מילע־גאַס 29, אַ מוטיקער און דרייסטער קעמפער; דער צווייטער געבוירן אין 1923, אין אַן אָרימער פאַמיליע, אַ מעטאַל־אַרבעטער. געקעמפט אין דער גרופּע פון יורעק בלאָנעס (לפ"ג), און אויך איזשאַ לעוווסקי (לפ"ג). דידאָזיקע קאַמף־גרופּע האָט אַ געוויסע צייט צוזאַמענגעאַרבעט מיט די פּאַרטיזאַנער פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ", און פּלוצלינג זייַנען פאַרשוואונדן די שפּורן פון דער גאַנצער גרופּע. עס איז פאַראַן אַ באַגרינדעטע סברה, אַז די קעמפער פון דערדאָזיקער גרופּע זייַנען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די לייט פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ", ווייל אין אַלגעמיין פלעגן די דייטשן צואיילן זיך און אָנזאָגן מיט פרייד, וועגן יעדן פאַל, ווען זיי איז געלונגען צו דערהרגענען אַ אידישן פּאַרטיזאַן, און אין דעם פאַל איז פון זייער זייט נישט געקומען קיין שום מעלדונג. דער קאָמענדאַנט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט זיך געווענדעט מיט אַ בריוו צו דער קאָמענדאַנטור פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ", אין וועלכן ער האָט פאַרלאַנגט אויפקלערונגען און אַן אויספאָרשונג וועגן דער זאַך, אָבער זיי האָבן אפילו נישט באַוויליקט אים צו ענטפערן אויפן בריוו. עס איז נישט באַקאַנט וועגן קיין שום אויספאָרשונג פון זייער זייט אין דער ריכטונג.

[4] זע באַמערקונג 1, פריער, ווי אויך באַמערקונג 25 אינם טאָגבוך פון ש. ראָטהייזער, זייט 285.

הערא̈ישער פראַגמענט פון אַרויסראַטעוועון די קעמפער פונם ״געטאָ־גיהנום וואָרט נאָך אויף זיין דיכטער.

לאָמיר אָבער אַריבערגיין פון זכרונות צו אונזער טאָג־טעגלעכער אַרבעט און צו דער אַקטועלער סיטואַציע. די ערשטע דריי חדשים פון הײנטיקס יאָר זיינען געווען די שווערסטע תקופה אין אונזער טעטיקייט. מיר האָבן געליטן איין קלאַפּ נאָכן אַנדערן. אין די ערשטע יאַנואַר־טעג האָבן געסטאַפּאָ־אַגענטן געכאַפּט אין גאַס דעם ד״ר בערמאַן (אַדאָלף), מיטגליד פון פרעזידיום פונם אידישן נאַציאָנאַלן־קאָמיטעט און פאַרשטייער פון דעם קאָמיטעט אינם ראַט־פאַר־הילף־די־אידן (פון דער פוילישער רעגירונג). עס האָט אים געמסרט עמיצער, וואָס אים איז באַקאַנט געווען זיין טעטיקייט. די געסטאַפּאָ־לייט האָבן זיך גוט אָריענטירט וועגן זייער אַרעסטאַנט איז און וואָס פאַר אַ ראָל ער שפּילט. פון אַ זיכערן טויט האָבן אים אָפּגעראַטעוועט זיין נישט־פאַרלירן־זיך, די זעלבסטבאַהערשונג און פאַרשטייט זיך, אַ גרויסער כאַבאַר. אויף אַ געוויסע צייט איז ער געוואָרן פּאַסיוו. ער האָט געקענט אַרבעטן נאָר אין געהיים. מיר האָבן ידיעות, אַז די געסטאַפּאָ זוכט אים ווידער. סוף יאַנואַר האָט די געסטאַפּאָ אָנגעהויבן זוכן דניאל כפתור (גוזשיק). ער האָט געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן. אין פעברואַר האָט די געסטאַפּאָ אויסגעפונען שפּורן פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין די פאַרשטעט. אויך דאָס איז געווען אַ מסירה, וועלכע האָט געבראַכט צו אַ גרויסן דורכפאַל[5]. עטלעכע צענדליק מיטגלידער זיינען אומגעקומען. די געסטאַפּאָ האָט אָנגעהויבן זוכן י צ ח ק צ ו ק ע ר מ אַ ן, דעם קאָמענדאַנט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ער האָט געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן. אַ געוויסע צייט זיינען ער צוזאַמען מיט זיינע נאָענטסטע מיטאַרבייטער פּאַסיווזירט געוואָרן. סוף פעברואַר איז אין גאַס געכאַפּט געוואָרן אונזער יונגער, טיכטיקער מיטאַרבעטער אברהם וואַרמאַן (לפ״ג), אַ חבר פון השומר הצעיר פון מזרח־גאַליציע. ער איז דערשאָסן געוואָרן. אין מערץ איז אומגעקומען איינער פון אונזערע באַדייטנדסטע טוער, דער שעפער און לייטער פון אונזער אַרכיוו, דער לאַנגיאָריקער קולטור־טוער פון די לינקע פועלי ציון, אַ פלאַמיקער און אָפּפערווויליקער געזעלשאַפטלעכער עסקן, דער היסטאָריקער ד״ר עמנואל רינגעלבלום (לפ״ג). די געסטאַפּאָ האָט אַנדעקט די אונטערערדישע באַהעלטניש אויף דער אַרישער זייט[6], אין וועלכער ער האָט ביז דער לעצטער מינוט אינטענסיוו געאַרבעט. ער איז דערשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט זיין פרוי (יהודית, לפ״ג) און זייער זונדעלע (אוריה, 14 יאָר אַלט) און נאָך 35 אַנדערע באַוואוינער פון דער באַהעלטניש. ער האָט איבערגעלאָזט אַ ריי כראָניקאַלישע ווערק פון גרויסן ווערט. זיי געפינען זיך אין אונזער רשות. גיט־איבער די טראַגישע ידיעה וועגן טויט פון

---

[5] צו דער געסטאַפּאָ איז אַריינגעפאַלן איינער מיטן נאָמען נ אַ ט ע ק און ער האָט געהאַט ביי זיך אַ רשימה פון די באַהעלטניש־ערטער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. זע צווייטער בריוו פון החלוץ באַמ. 1, זייט 219. צווישן אַנדערע האָט די געסטאַפּאָ דאַמאָלסט געזוכט אויך שמחה ראַטהייזער און נאָך קעמפער.

[6] זע באַמ. 29 צום בריוו פון ד״ר ע. רינגעלבלום זייט 315.

ד״ר רינגעלבלום דער ייווא־צענטראַלע און אויך דער פּאַרטיי, אין וועלכער ער איז געווען טעטיק זיין גאַנץ לעבן.

אויך אַנדערע אונזערע טוער זיינען געווען אַ טריט פון טויט אין צוזאַמעהאַנג מיט אונזער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אין משך פון יענע עטלעכע חדשים זיינען אַלע מיטגלידער פונם פּרעזידיום פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט געזוכט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ און זיי האָבן געמוזט ווערן פּאַסיוו אינגאַנצן אָדער טייל־ווייז. און פונדעסטוועגן האָט אונזער אַרבעט נישט אויפגעהערט אויף קיין איינציקן טאָג! מיר פאַרדאַנקען דאָס קודם כל דעם שטאַב פון אונזערע אָפּפערווייליקע מיטאַר־בעטער, באַזונדערס — די מיטאַרבעטערינס, וועלכע דערפילן טאָג־איין־טאָג־אויס זייער לעבנס־געפערלעכע געזעלשאַפטלעכע דינסט. איצטער אַרבעטן מיר, נישט געקוקט אויף דער טיילווייזער פּאַסיוויזירונג, פּונקט אַזוי ווי פאַר די דורכפאַלן. מיר גייען אַרום פאַרגרימירטע. מיר פילן זיך אין אונזער אַרבעט ווי שטריק־גייער איבער אַ תהום — טאָג און נאַכט אויף דער גרעניץ צווישן לעבן און טויט. יעדער טאָג פון אונזער אַרבעט איז אַ נס. אָבער די אַרבעט הערט נישט אויף, אדרבה, זי אַנטוויקלט זיך. און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע.

אין וואָס פאַר אַן אַטמאָספער אַרבעטן מיר?

דער געטאָ, וועלכער עקזיסטירט שוין נישט, באַשעפטיקט עד היום די מוחות פון די דייטשן. טאָגטעגלעך הערט מען אין וואַרשע, פון אינדערפרי ביז ביינאַכט, שטאַרקע אויפרייסן. די דייטשן רייסן אויף די געטאָ־חורבות. גאַנצע גאַסן זיינען שוין בוכ־שטעבלעך אויסגעגלייכט געוואָרן מיט דער ערד. די דייטשן האָבן געלאָזט אין גאַנג אַ ספּעציעלע קליינבאַן, וועלכע פירט אַ גאַנצן טאָג אָן אויפהער פונם געטאָ צום ווייסל־ברעג ציגל פון די צעשטערטע חורבות, ברוכוואַרג, וואָס איז בפועל ממש דורכגעזאַפּט מיט אידיש בלוט. אויף דער ווייסל קען מען אָפט זען, דאָ און דאָרט, צעריסענע בלעטער פון פאַרבלוטיקטע אידישע ביכער. די היטלעריסטן קענען נישט אויסהאַלטן פונם געדאַנק, אַז אַ געוויסער טייל פון דער וואַרשעווער אידישער שארית־הפליטה באַהאַלט זיך נאָך אויס אין שטאָט. וואָס אַמאָל אָפטער קומען איצט פאָר בלאָקאַדעס פון גאַנצע שטאָט־קוואַרטאַלן. דער „לאָזונג״ פון די בלאָקאַדעס איז: „זוכן אידן, באַנדיטן און געווער״. מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט מען פאַרבלאָקירט אַ גרויסן טייל זשאָליבאָזש[7]. מען האָט געכאַפּט אַרום 50 אידן. די מערהייט פון זיי לעבט שוין נישט מער. די אומאויפהערלעכע אַרעסטן צוליב מסירות, דאָס כאַפּן אידן דורך געסטאַפּאָ אָדער קריפּאָ — קרימינאַל־פּאָליציי — מיט דער הילף פון מענטשלעכער

[7] אַ שטאָט־טייל אין צפון פון וואַרשע, אַ מאָדערנער וואוין־קוואַרטאַל, וואו עס האָט זיך אויך געפונען אַ ניי־געבויטער אַרבעטער־קוואַרטאַל. דאָרטן האָט געקעמפט און איז געפאַלן בעת דעם אַלגעמיינעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, אין אויגוסט־סעפּטעמבער 1944, אַ טייל פון די לעצטפאַרבליבענע געטאָ־קעמפער.

פּסולת, נעמט־צו טאָגטעגלעך צענדליקער קרבנות. במשך די לעצטע וואָכן זיינען אויף אַזאַ אופן אומגעקומען, צווישן אַנדערע, דער כעמיע־פּראָפעסאָר פון וואַרשעווער אוניווערזיטעט מ. צענטנערשווער (לפ״ג), דער נעוראָלאָגיע־דאָצענט וו. סטערלינג (לפ״ג) מיט זיין פרוי, דער עקאָנאָמיסט וולאַדיסלאַוו לאַנדוי (לפ״ג) מיט דער פרוי און מיט דער טאָכטער און אַסך אַנדערע. די צאָל אידן אין וואַרשע ווערט קלענער פון טאָג צו טאָג. די געכאַפּטע ענדיקן זייער לעבן צווישן די חורבות פון געטאָ, וועלכע זיינען געוואָרן דער טויטשטראָף־פּלאַץ סיי פאַר אידן און סיי פאַר טויזנטער פּאָליאַקן. צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות איז שווער פעסטצושטעלן די אַלגע־מיינע צאָל אידן אין וואַרשע, — די, וואָס פירן אַן אָפּן לעבן אַלס „אַריער״ און די וועלכע לעבן אין באַהעלטניש. לויט אונזער אָפּשאַצונג שטייגט די אַלגעמיינע צאָל נישט אַריבער 15 טויזנט אידן. דער ראַט פאַר הילף די אידן, דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט און דער „בונד״ גיבן אַרויס הילף קרוב 10 טויזנט אידן אין וואַרשע. עס לאָזט זיך משער זיין, אַז עטלעכע טויזנט אידן נויטיקן זיך נישט אין הילף, אָבער אַ צאָל פון נאָך עטלעכע טויזנט איז נאָך נישט צוגעקומען צו קיין שום פאַרזאָרגונגס־קעמערל. פאַרשטייט זיך, אַז דידאָזיקע ציפערן טאָר מען נישט פאַרעפנטלעכן.

ווי זעט אויס די לאַגע אין דער פּראָווינץ? דער איינציק־„לעגאַלער״ אידישער מאַסן־צענטר אין פּוילן איז נאָך אַלץ דער געטאָ אין לאָדזש. אין דעצעמבער 1943 און אין יאַנואַר 1944 האָט מען פון דאָרטן אַרויסגעפירט צום טויט עטלעכע צענדליק טויזנט פּערזאָן. במשך די לעצטע וואָכן האָט מען אַרויסגעפירט פון לאָדזש עטלעכע טויזנט אידן קיין סקאַרזשיסק, קעלץ און טשענסטאָכאָוו, אין די דאָרטיקע לאַגערן. ביים איצטיקן מאָמענט געפינען זיך נאָך אין לאָדזש 80 טויזנט אידן[8]. נאָר־טיילווייז זיינען עס פּוילישע אידן, אַ גרויסער טייל פון די איינוואוינער אין לאָדזשער געטאָ

[8] ביים אויסברוך פון דער מלחמה האָבן געלעבט אין לאָדזש 233.000 אידן. בעת מען האָט אויפגעשטעלט דעם לאָדזשער געטאָ, דעם 16־טן יוני 1940, איז זייער צאָל געוועזן 160.423. שוין נאָכן פאַרמאַכן די געטאָ־מויערן האָט מען געבראַכט קיין לאָדזש אַסך אידן פון די נאָענטע שטעטלעך און אויך פון אויסלאַנד. אַזוי, למשל, האָט מען אַהינצו געבראַכט אין די צוויי וואָכן צווישן 17־טן אָקטאָבער ביזן 4־טן נאָוועמבער 1941 אַרום 20.000 אידן פון דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכיע און לוקסעמבורג. אויך אָנהויב 1942 האָט מען געבראַכט אין לאָדזשער געטאָ אידן פון דערבייאיקע שטעטלעך — זגיערזש, בזשעזשין, פּאַביאַניץ, אָזאָרקאָוו, בעלכאַטאָוו, א. אַנד. אָבער אין די חדשים דעצעמבער 1941—מערץ 1942 זיינען אין כעלמנאָ אויסגעמאָרדעט געוואָרן ביי 60 טויזנט לאָדזשער אידן. דעם 1־טן יאַנואַר 1942 זיינען געוועזן אין לאָדזשער געטאָ 162.682 אידן; דעם 1־טן יאַנואַר 1943 — 87.615; אין אויגוסט 1944 — 61.174; סוף 1944 בעת די רוסישע אַרמיי האָט דעראָבערט די שטאָט, זיינען פאַרבליבן אין לאָדזשער געטאָ נאָר 830 אידן. די צאָל פון אידן איז אומאויפהערלעך פאַרקלענערט געוואָרן סיי צוליב די כסדרדיקע גירושים, און אויך צוליב דער גרויסער שטערבלעכקייט: אין די יאָרן 1940—1944 זיינען אין לאָדזש געבוירן געוואָרן 2306 לעבעדיקע אידישע קינדער און עס זיינען געשטאָרבן 43.414 אידן (לויט אַ שאַצונג זיינען דורך דעם לאָדזשער געטאָ אַדורכגעגאַנגען ביי 375 טויזנט אידן). דעם לאָדזשער געטאָ האָבן די דייטשן ליקווידירט אין אויגוסט 1944 אַוועקשיקנדיק די העכער 60.000 אידן אין די טויט־לאַגערן, בעיקר קיין אָשוויענטשים. דער דייטשער ממונה איבערן לאָדזשער געטאָ, דער אַמטס־לייטער פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג האַנס ביבאָוו, אַ סוחר פון ברעמען, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין סאַדיסטישער אכזריות, איז געמשפּט געוואָרן אין לאָדזש אין פרילינג 1947 און האָט פאַר־

זיינען אידן צוזאַמענגעטריבענע פון כמעט אַלע אייראָפּעאישע לענדער. לאָדזשער געטאָ איז נאָך כסדר הערמעטיש פאַרשלאָסן. טראָץ אונזערע פילמאַליקע באַמיאונגען אַנצו־קניפּן אַ קאָנטאַקט מי די אידן אין לאָדזש איז עס נישט געלונגען. סיי אונזערע זעלבס־שטענדיקע פּרוּוון און סיי די, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן מיט דער הילף פון די פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן נישט געבראַכט דעם געוואָלטן רעזולי־טאַט — אַריינקריגן זיך אין לאָדזשער געטאָ. דאָס איז אַ אינזל, אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט.

אַלע אַנדערע שטעט אין די געביטן פון גאַנץ פּוילן זיינען שוין פונלאַנג „יודען־ריין״. פונדעסטוועגן באַהאַלטן זיך נאָך אויס אין די גרויסע שטעט, קודם כל אין קראָקע און אין לעמבערג, צו עטלעכע טויזנט אידן, לויט ביי אונז פאַראַנענע אינ־פאָרמאַציעס באַהאַלט זיך אויס אויך אין ווילנע אַ גרעסערע צאָל אידן אויף דער אַרישער זייט; עס איז אונז אָבער נישט געלונגען אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט ווילנע און מיט די מזרח־געביטן, כאָטש מיר האָבן שוין צוויי מאָל אַהין אַרויסגעשיקט שליחים. מיט קראָקע און לעמבערג האַלטן מיר אויף אַ רעגולערע פאַרבינדונג. די לעמבערגער אידן מאַכן איצטער אַדורך ספּעציפיש־שווערע מאָמענטן. ביי די באַמבאַרדירונגען ווערן צעשטערט זייערע שוצערטער און באַהעלטנישן און זיי מוזן זיך אַנטפלעקן פאַר זייערע שכנים. די פאַרוואונדעטע פון די באָמבעס האָבן מורא צו רופן נאָך הילף, מען זאָל נישט דערקענען ווער זיי זיינען. ווייזט אויס, אַז דאָס זעלבע וועט זיך איבערחזרן אויך אין אַנדערע שטעט. די קלעפּ, וועלכע פאַלן אויף דער באַפעלקערונג בכלל — פאַלן מיט אַ טויזנטפאַכער שטאַרקייט אויף די אידן.

די מערסטע אידן, וועלכע געפינען זיך נאָך אינם געביט פון אַזוי־גערופענעם גענעראַל־גוווערנעמענט, קומען־אום אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. דער גרעסטער לאַגער איז אין פּלאַשאָוו נעבן קראָקע. דאָרט זיינען פאַרשפּאַרט ביי 12 טויזנט אידן. מיט אַ חודש צוריק זיינען דאָרטן דערשאָסן געוואָרן 100 מענטשן. מיט עטלעכע טעג צוריק איז אָנגעקומען אין פּלאַשאָווער לאַגער דער ערשטער צוג מיט אונגאַרישע אידן — אַ טראַנספּאָרט פון עטלעכע טויזנט נפשות. די פאַרשפּאַרטע אינם לאַגער שעבניע (זע די מאַפּע פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן) — צוויי טויזנט מענטשן — זיינען אַלע אויסגעשאָסן געוואָרן מיט אַ פּאָר חדשים צוריק. אין קראָקעווער קרייז געפינען זיך עטלעכע קלענערע לאַגערן — אין מעליץ (נעבן טאַרנע), אין וויע־ליטשקע נעבן קראָקע, אין סטאַלאָוואַ וואָליאַ, אין פּוסטקאָוו[9], אין יעדן איינעם פון

ענדיקט אויף דער תליה זיין טמא'דיק לעבן. זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער פראַנץ־אַנטאָן זייפערט און עריק טשארנולאַ זיינען אין אָקטאָבער 1947 פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורכן לאָדזשער קרייז־געריכט.

[9] סטאַלאָוואַ וואָליאַ אין מערב־גאַליציע, אַ לאַגער פון צוואַנגס־אַרבעט, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען דייטשע באַוואָפנונגס־פאַבריקן. דער לאַגער איז ליקווידירט געוואָרן דעם 23־טן יוני 1944, ווען עס האָט זיך דערנענטערט די רויטע אַרמיי. אַ 60 אידן פונצווישן 416 איז

דידאָזיקע לאַגערן געפינען זיך צו עטלעכע טויזנט אידן. די פאַרהעלטנישמעסיק־גרעסטע צאָל לאַגערן געפינט זיך אין ראַדאָם־קעלצער געגנט. דער גרעסטער לאַגער איז אין סקאַרזשיסק, וואו עס אַרבעטן אין קאַטאָרגע־באַדינגונגען אַ 10 טויזנט אידן, וועלכע זיינען אַהין צוזאַמענגעבראַכט געוואָרן פון אַלע עקן לאַנד [10]. מיט דעם לאַגער אין סקאַרזשיסק און מיט דעם פלאַשאָווער לאַגער שטייען מיר אין רעגולערער פאַר־בינדונג און שטיצן די דאָרט־אַרעסטירטע מיט גרויסע סומעס. אויסער דעם סקאַרזשיס־קער לאַגער געפינען זיך גרויסע לאַגערן אין סטאַראַכאָוויצע (נעבן סקאַרזשיסק) — 7 טויזנט מענטשן; אין פלאָנקי — 3000 מענטשן; אין בליזשין — 2000 מענטשן; אין גורי־שוויענטאָקשיסקיע — 1000 מענטשן. אויסער דעם זיינען פאַראַן לאַגערן אין ראַדאָם, אין קעלץ, אין פיעטרקאָוו, אין טשענסטאָכאָוו, — און אין יעדן פון זיי געפינען זיך עטלעכע טויזנט מענטשן. מיר האָבן אַ קאָנטאַקט מיט די אַלע לאַגערן און שטיצן זיי.

אין לובלינער קרייז האָבן ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק נאָך עקזיסטירט צוויי לאַגערן: אַ גרויסער אין בודזין[11] — 3 טויזנט מענטשן, און אַ קליינער אין קראַשניק — עטלעכע הונדערט מענטשן. אין קראַשניק געפינט זיך אונזער טייערער ל. ל. בלאָך (אליעזר־ליפא, לפ"ג), מיר שטייען מיט אים אין בריוולעכער פאַרבינדונג און שיקן אים געלט. אין בודזין געפינען זיך צוויי וואַרשעווער רבנים ש פ י ר א (קעלמיש,

דאַן געלונגען צו אַנטלויפן; פוסטקאָוו איז אַ דאָרף אין ראָפּשיצער קרייז, אין מערב־גאַליציע; אידן האָט מען אַהינצו פאַרשיקט צו אַרבעט אין דייטשע אַעראָפּלאַנען־פאַבריקן.

[10] אויפן וועג פון וואַרשע קיין קעלץ, 35 קילאָמעטער פון קעלץ. איינער פון די שווידער־לעכסטע און אכזריותדיקסטע אַרבעטס־לאַגערן. דאָרט זיינען געוועזן אַמוניציע־פאַבריקן פון דער דייטשער פירמע „האסאג" (הוגאָ שניידער אַקציען־געזעלשאַפט) אין וועלכע מען האָט פּראָדוצירט טראָטיל און פיקרין; טראָטיל — אַן אויפרייס־שטאָף צו שווערע גראַנאַטן, וועלכער איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין גרויסע קעסלען ביי אַ זייער הויכער טעמפּעראַטור; זיין ריח האָט פאַרסמט דאָס האַרץ און די לונגען; פיקרין — אַ מין געלער פולווער, וועלכער האָט געדינט פאַר ים־מינעס. קיין שום מענטש האָט נישט געקענט אויסהאַלטן ביי דער אַרבעט לענגער ווי עטלעכע חדשים. די מענטשן זיינען שנעל פאַרסמט געוואָרן, באַזונדערס ביי די שרעקלעך שלעכטע וואוינונגס־און דערנערונגס־באַדינגונגען אין דעם לאַגער. דער לאַגער איז ליקווידירט געוואָרן ערשט אין סוף יולי 1944. וועגן דעם דאָזיקן לאַגער זיינען דערשינען פאַרשידענע באַשרייבונגען: מרדכי שטריגלער („די צוקונפט", ניו־יאָרק; נאָוועמבער 1945); אַ ביכל פון רוזשע באומינגער „פיקרין און טראָטיל" (פויליש, צענטראַלע אידישע היסטאָרישע קאָמיסיע אין פוילן, 62 זייטן) א.אַ.

[11] אינם בודזינער לאַגער האָבן אַלע געאַרבעט אין דער אַעראָפּלאַנען־פאַבריק פון דער דייטשער פירמע „הענקעל". צייטנווייז איז די צאָל דאָרט פאַרשפאַרטע אידן געווען גרעסער ווי 3000. נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד אין אַפּריל־מאַי 1943 האָט מען אַהין געבראַכט 800 וואַרשעווער אידן, צווישן זיי אַ ריי רבנים און עסקנים (אויך הרב פּאָזנער, אל. ל. בלאָך, איידער ער איז אַריבער קיין קראַשניק א.אַ.). ווי עס גיט אונז איבער איינער פון די געראַטעוועטע פון דעם לאַגער (יחזקאל בראַטמאַן, איצט אין ארץ־ישראל), זיינען די אינערלעכע פאַרהעלטנישן דאָרטן געווען עטוואָס לייכטערע ווי אין אַנדערע לאַגערן. צום גרויסן טייל אַ דאַנק דעם לאַגער־עלטסטן שטאָקמאַן, אַ בריסקער איד. מען האָט זיך באַצויגן מיט דרך־ארץ צו די רבנים און געזעלשאַפטלעכע טוער און זיך באַמיט זיי צו געבן לייכטערע אַרבעט (ביים לאַגער־באָד וכו'). אין לאַגער פלעגן צייטנווייז פאָרקומען ליטעראַרישע פאַראַנשטאַלטונגען, מען האָט געהאַט אַ פאַרבאַהאַלטענע ספר־תורה און פון צייט־צו־צייט געדאַוונט מיט מנין, אָפּגעהיט אידישע ימים־טובים, חנוכה וכו'.

לפ"ג) און שטאַקהאַמער (שמשון, לפ"ג), אַ רעוויזיאָניסטישער פירער ד"ר וודאָווינסקי (דוד) [12], אַ בונדישער טוער פאַלק [13] און עטלעכע טוער פון הילפס־אינסטיטוציעס. די אַלע שטיצן מיר ווי ווייט מיר קענען. צוליב דעם נעענטער־געוואָרענעם פראָנט, פירן די דייטשן אַריבער די צוויי לאַגערן אויף אַן אַנדער אָרט: 50 פּראָצענט פון די מענטשן זיינען שוין אַריבערגעפירט געוואָרן קיין פלאַשאָוו, וויעליטשקע און מעליץ. די אַריבערפירונג ווערט פאַרגעזעצט. גראַד נעכטן האָבן מיר אַריבערגעפירט אין דידאָזיקע לאַגערן בריוו און פּופּציק טויזנט זלאָטעס.

אין מזרח־גאַליציע געפינען זיך נאָך די לאַגער־רעשטן אין באָריסלאַוו און אין דראָהאָביטש. הויפּטזאַכלעך זיינען דאָרט באַשעפטיקט ביי דער אַרבעט נאַפט־פּאַכ־לייט. אויך יענע לאַגערן עוואַקואירן די דייטשן — צוליב דער דערנעענטערונג פון פראָנט — אין קראָקעווער און ראַדאָם־קיעלצער קהייזן. אין פּאָדליאַשע[14] איז פאַראַן איין לאַגער אין ביאַלאַ פּאָדלאַסקאַ. אינם געביט פון די אַעראָפּלאַן־ווערק אַרבעטן ביי 1000 אידן. דער לאַגער איז הערמעטיש פאַרמאַכט און אָפּגעשלאָסן און טראָץ אַלע אונזערע באַמיאונגען האָבן מיר נישט קיין צוטריט אַהין. אין זאַגלעמביע (דער קוילן־גרובן־געביט) האָבן ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק נאָך עקזיסטירט די רעשטן פון בענדינער און סאָסנאָווצער לאַגערן אין שראָדולאַ[15]. מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָט מען די דאָרט פאַרשפּאַרטע אַרויסגעפירט קיין אָשוויענטשים, ווייזט אויס, צום טויט. אין בענדין און אין סאָסנאָוויעץ באַהאַלטן זיך אויס אַ געוויסע צאָל אידן אין די אַרישע קוואַרטאַלן. מיר שטיצן זיי. אויסער די גרויסע לאַגערן זיינען אין גענעראַל־גוווער־נעמענט פאַראַן קלענערע קאָנצענטרירונגען, וואו עס געפינען זיך צו עטלעכע הונדערט אָדער נאָר צו עטלעכע צענדליק אידן. מען באַנוצט זיי צו „אָפּרוימונגס"־אַרבעטן אין

[12] אַ געבוירענער אין לאָדזש, אַ זון פון אַ באַקאַנטער ציוניסטישער פאַמיליע, דער פאָטער איז געווען אַ משכיל און חובב שפת־עבר. דוד וו. זייענדיק נאָך גאָר יונג, איז אַריינגעטרעטן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און איז געווען אַקטיוו מיט אַלע זיינע כוחות. אַ געטרייער חבר פון דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג אין פּוילן פון איר גרינדונג אָן, פון זשאַבאָטינסקיס הייסע אָנהענגער. ער האָט אָנגענומען זשאַבאָטינסקיס רוף צו זיינע אַקטיווע אָנהענגער אָפּצוגעבן זיך אינגאַנצן דער אַרבעט אין דער באַוועגונג. האָט פאַרלאָזט זיין אַרבעט אַלס מעדיצין־דאָקטאָר, איז אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און איז געווען טעטיק אין די יאָרן 1934—1937 אַלס פּאָרזיצער פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע (הצה"ר). אין וואַרשע האָט ער דערנאָך געאַרבעט אין אידישן שפּיטאָל אויף טשיסטע־גאַס. ער איז פאַרבליבן אין וואַרשע נאָכן אַריינקומען פון די נאַציס. איז געראַטעוועט געוואָרן און נאָך דער מלחמה געווען אין לאַגער מיטנוואַלד אין בייערן, אינדערשפּיץ פונם לאַגער־קאָמיטעט. סוף 1946 געקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

[13] ישראל פאַלק, אַ וואַרשעווער, דאַן 38 יאָר אַלט, אַ בוכהאַלטער לויט זיין פאַך. אין דער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע געווען טעטיק אַלס דזשאָינט־אינספּעקטאָר. צווישן די געראַטעוועטע. זעצט פאָר זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין פּוילן אַלס סעקרעטאַר פון „בונד". זיין פרוי מיט זייער 13־יאָריקן זון האָבן זיך געפונען אין דער אָקופּאַציע־צייט אין אַרישן טייל פון וואַרשע. אויך זיי זיינען געראַטעוועט.

[14] דער געביט פון דער שעדלעץ־בריסקער געגנט.

[15] שראָדולאַ — אַ וואוין־קוואַרטאַל צווישן סאָסנאָוויעץ און בענדין, וואו ס'איז געווען דער געטאָ פאַר די סאָסנאָווצער אידן.

די פריערדיקע געטאָ־געביטן, צו פאַרברענען טויטע קערפּערס, אָפּצורוימען חורבות־בּרוכוואַרג אָדער צו די שווערע אַרבעטן ביים בויען שאָסייען א.אַ.וו. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָבן די דייטשן בּלוטיק ליקווידירט איינעם אַזאַ לאַגער אין זאַמאָשטש און דערשאָסן 70 אידן. אינם געביט פונם פון־אונז לחלוטין אָפּגעזונדערטן „רייך״ געפינען זיך נאָך עטלעכע לאַגערן אין שלעזיע. אין קרולעווסקאַ־הוטאַ אַרבעטן עטלעכע טויזנט אידן ביי די שווערסטע אַרבעטן אין די קוילנגרובן. די שטערבלעכ־קייט צווישן זיי דערגייט ביז הונדערט טויט־פאַלן אַ וואָך. נעבן מיסלאָוויץ (אַמאָליקע עסטרייכיש־דייטשע גרעניץ־שטאָט) אַרבעטן אַ פּאָר טויזנט אידן ביי די עפּנטלעכע אַרבעטן. אין די לאַגערן ביי טשעבין (אויפן וועג קיין קראָקע), ביי קאַטאָוויץ און ביי וואַדאָוויץ (נישט ווייט פון קראָקע, אויפן וועג צו די בעסקידן־בערג) געפינען זיך עטלעכע טויזנט אידן פון האָלאַנד, בולגאַריע און אונגאַרן. זייער דערנערונג און באַשפּייזונג איז אַ שרעקלעכע און זיי אַרבעטן 15 שעה אַ מעת־לעת. זיי שטאַרבן אויס אין אַ שנעלן טעמפּאָ. טאָגטעגלעך קומען פאָר זעלבסטמאָרד־פאַלן. עס זיינען אויך געוועזן געשעענישן, ווען גאַנצע באַראַקן זיינען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ זעלבסט־מאָרד־טירוף.

פאַרשטייט זיך, אַז ביי אונזערע באַדינגונגען איז שווער פעסטצושטעלן די גענויע צאָל פון די אידן, וועלכע וועגעטירן נאָך אין די פאַרשידענע לאַגערן אין לאַנד. מיר זיינען משער, אַז אין אַלגעמיין געפינען זיך נאָך 80 טויזנט אידן אין די לאַגערן. צוזאַמען מיט די 80 טויזנט אין לאָדזשער געטאָ דערגרייכט די אַלגעמיינע צאָל אידן, וועלכע וועגעטירן „לעגאַל״ אין לאַנד ביז 160 טויזנט. די ציפער איז אַ זייער פליסיקע. זי ווערט קלענער טאָגטעגלעך דורך דער כסדרדיקער אויסמאָרדונג. אָבער זי פאַרגרעסערט זיך אַביסל מיטן אָנקום פון דער קליינער צאָל אידן, וואָס ווערן געבראַכט פון אויסלאַנד, — און דער גרעסטער טייל זייערער גייט גלייך צום טויט, אין „קעסל״. מיר דאַרפן באַצייכענען, אַז אין די לעצטע עטלעכע חדשים זיינען די פאַלן פון מאַסן־שחיטות אין די לאַגערן געוועזן ווייניקער ווי אין פריערדיקן יאָר; דאַגעגן איז דער רעזשים געוואָרן אומעטום נאָך אַ שאַרפערער און אכזריותדיקער. כמעט אַלע אידן־לאַגערן האָבן אַ כאַראַקטער פון שטראָפלעכע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וועלכע ווערן וואָס ווייטער אַלץ הערמעטישער אָפּגעשלאָסן. דער קאָנטאַקט מיט זיי ווערט דעריבער וואָס־אַ־מאָל שווערער און ער פאַרלאַנגט אומגעהויער פיל אַרבעט, ענערגיע און המצאות. טראָץ דעם האַלטן מיר אויף אַ קאָנטאַקט מיט אַ צוואַנ־ציק לאַגערן און מיר העלפן זיי מיט וואָס מיר קענען. צי דער טיילווייזער אָפּשטעל פון די מאַסן־שחיטות איז אַ רעזולטאַט פונם מאַנגל אין אַרבעטס־כוחות אָדער ער איז אויסן איבערצולאָזן אַ געוויסע צאָל אידן כדי אָנצוגרייטן עפּעס אַן אַליבי — ווייסן מיר נישט. אָבער — אויפן יסוד פון אונזער ביזאיצטיקער דערפאַרונג מיינען מיר, אַז דער גורל פון די אידן אין די לאַגערן אָדער אין לאָדזשער געטאָ איז שוין

אַ געחתמעטער, פריער אָדער שפּעטער וועלן די היטלעריסטן זיי אויסמאָרדן.

נאָך שווערער איז פעסטצושטעלן די צאָל „אומלעגאַלע", אויסבאַהאַלטענע אידן. אויפן סמך פון פאַרשידענע צוזאַמענשטעלונגען האַלטן מיר, אַז אין די שטעט באַהאַלטן זיך אויס אַרום 25 ביז 30 טויזנט אידן, דערפון — 15 טויזנט אין וואַרשע; פון 10 ביז 15 טויזנט אין אַלע אַנדערע שטעט. אין די דערפער און אין די וועלדער איבערן גאַנצן לאַנד באַהאַלטן־זיך־אויס נישט מער ווי נאָך 10—15 טויזנט אידן. אַ פאַרבינדונג מיט זיי איז אויסערגעוויינלעך שווער. מיר האָבן אָבער דורך די פּוילישע אונטערערד־אָרגאַניזאַציעס אַ באַריר מיט אַ געוויסע צאָל אידן, וועלכע געפינען זיך צווישן פּויערים אין שעדלעצער, קראָקעווער און אַנדערע געגנטן. מיר האַלטן אויס פולשטענדיק אַ פּאָר גרופּעס אידישע קעמפער, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס אין די דערפער אין וואַרשעווער און טשענסטאָכאָווער קרייזן. אין אַלגעמיין שאַצן מיר די צאָל זיך־אויסבאַהאַלטענדע אידן אויף 40 טוזנט בערך. דאָס הייסט, אַז די צאָל אידן בכלל אין לאַנד שטייגט נישט אַריבער 200 טויזנט. אין פאַרלויף פון לעצן האַלביאָר האָט די צאָל אידן אין פּוילן זיך פאַרקלענערט אויף אַ הונדערט טויזנט נפשות[16].

אייער אַנקעטע — 28 פּונקטן, פון 26־טן יוני 1943 האָבן מיר דערהאַלטן. די ענטפערס אויף אייערע פראַגן האָבן מיר צוגעגרייט, אָבער ווען מיר האָבן זיי געזאָלט איבערשיקן צו אייך, האָבן מיר אַדורכגעלעבט אונזער שווערן קריזיס, די צייט פון די שרעקלעכע פאַרפאַלגונגען. היינט האָבן יענע ענטפערס אונזערע פאַרלוירן זייער אַקטועלקייט. אויף די הויפּט־פראַגעס פון דער אַנקעטע ענטפערן מיר אין דעם איצטיקן בריוו און אין די צוגאָבן צו אים. די אַנקעטע איז פאַר אונז געווען אַ באַווייז ווי וויט אויסלאַנד האָט נאָך אין יוני 1943 — ד. ה. שוין נאָך דער ליקווידירונג פון וואַרשעווער געטאָ, נישט אָפּגעגעבן זיך קיין דין־וחשבון פון דער גוואַלדיקער קאַטאַסטראָפע פון די פּוילישע אידן. די אַנקעטע פרעגט וועגן שולן — פּונקט 26, בעת כמעט אלע אידישע קינדער זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן. אין די לאַגערן פירן די דאָרט־פאַראַנענע קליינע הייפלעך קינדער אַן אומלעגאַל לעבן, ווייל לויט די היטלערישע באַנדיטן האָבן אידישע קינדער נישט קיין רעכט צו לעבן. ווען עס באַווייזט זיך צווישן די וואויך־באַראַקן אין לאַגער אַן ס.ס.־מאַן אָדער אַ לאַגער־וועכטער, כאַפּן די עלטערן אין גרויס בהלה די קינדער און באַהאַלטן זיי אונטער די נאַרעס, אין שוך־קעלערן א.א.וו. ביי כלעראליי סעלעקציעס אין די לאַגערן זיינען די ערשטע קרבנות — די פרויען און די געכאַפּטע קינדער, קודם כל שיקט מען זיי אָפּ אין „קעסל" אָדער אויף דערשיסונג.

די אַנקעטע פרעגט וועגן רעליגיעזן לעבן און וועגן שולן — פּונקט 19, בעת אַלע אידישע סינאַגאָגעס, שולן און בתי־מדרשים זיינען פאַרברענט און פאַרניכטעט געוואָרן, בעת די מצבות פון אידישע בית־עלמין'ס דינען אַלס ברוקיר־שטיינער פאַר

[16] דאָ ווערט, מן הסתם, געמיינט די צייט פון־ווען ס'איז געשריבן געוואָרן זייער פריער־דיקער איבערבליק, דעם 15־טן נאָוועמבער 1943.

די גאַסן. אין געוויסע שטעט זיינען בשעתו געצוווּנגען געוואָרן די אידישע קהלות צו באַצאָלן די הוצאות פון באַנוצטן בענזיןביים פאַרברענען די שולן... בנוגע געוויסע אַנדערע אויספּירלעכע פראַגן קלערן מיר אויף, אַז נאָך דער ליקווידירונג פונם געטאָ אין קראָקע, האָט נישט עקזיסטירט און עס עקזיסטירט נישט עד היום קיין קראָקעווער סעניאָרן־ראַט. אין מזרח־גאַליציע איז די אידישע לאַגע געווען אַזוי קאַטאַסטראָפאַל ווי אין גאַנצן לאַנד; לעצטנס אָבער, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דערנעענטערונג פונם פראָנט צו יענע געביטן, איז די לאַגע פון די דאָרטיקע אידן נאָך אַסך אַן ערגערע ווי אין אַנדערע געגנטן פון פּוילן. די צאָל אידישע מקומות און די צאָל אידן אין זיי איז דאָרט אַ מינימאַלע. די דייטשע פאַראָרדנונג פון נאָוועמבער 1942 וועגן דער „קאָנ־צענטראַציע" פון דער אידישער באַפעלקערונג אין 55 פּלעצער איז געווען איינע פון די ציניסטע היטלערישע טריקן, דאָס איז געווען אַ פאַנג־נעץ. יענע אַלע „נייע געטאָס" זיינען שוין פונלאַנג בלוטיק ליקווידירט.

אַן אַנאַלאָגישע שרעקלעכע פאַנג־נעץ איז געווען דער „לאַגער פאַר אויסלענדער" נעבן האַנאָווער [17]. די דייטשן האָבן מיט דער הילף פון אידישע געסטאַפּאָ־לייט געכאַפּט קאַנדידאַטן אויף אַרויספאָרן אַהין פונצווישן די אידן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט. זיי האָבן „גאַראַנטירט", אַז דערדאָזיקער לאַגער שטייט אונטער דער השגחה פון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ און יעדערער וואָס פאָרט אַהין ראַטעוועט זיך ממש א.אַ.וו. מיר אַלס אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָבן צו אָט דער גאַנצער אונטערנעמונג געהאַט אַן אַנטשלאָסן־קריטישע באַציאונג, מיר האָבן נישט צוגעלייגט קיין האַנט צו איר, מיר האָבן אַלעמען אָפּגעראָטן פון פאָרן. אָבער עטלעכע טויזנט אידן — צווישן זיי, נאַאיווע און פאַרהיפּנאָטיזירטע פון דער אילוזיע פונם „אַמעריקאַנער" פּאַספּאָרט, און אויך אַזעלכע, וואָס זייערע וואָוינערטער האָבן „אָפּגעברענט" און זיי זיינען געבליבן אינדרויסן, אין אַנבליק פון טויט האָבן זיך געלאָזט אַריינציען אין דער אַפּערע. דער ערשטער טראַנספּאָרט איז טאַקי אַוועק קיין האַנאָווער, און שפּעטער איז ער אויף אומוועגן אויסגעקירעוועט געוואָרן קיין טרעבלינקע, גלייך אין די גאַז־קאַמערן! דער גאַנצער לאַגער נעבן האַנאָווער האָט דערביי עקזיסטירט נישט לאַנג. נאָך אַ געוויסער צייט האָט מען אַרויסגעשיקט פון דאָרט די מערהייט אידן קיין... אַשוויענטשים. צי זיי זיינען אומגעקומען אין די דאָרטיקע גאַז־קאַמערן אָדער זיי וועגיטירן נאָך אין לאַגער ווייסן מיר נישט. אַ קליינעם טייל האָט מען אַרויסגעשיקט אין לאַגער בערגאַו [18] ביי דרעזדען. אַ קנאַפּע צאָל איז פאַרבליבן אין לאַגער ביי

[17] דאָ ווערט געמיינט דער לאַגער בערגן־בעלזן.

[18] עס איז בכלל אַ ספק, צו אַזאַ לאַגער האָט איבערהויפּט עקזיסטירט. די פאַרשפּאַרטע אין בערגן־בעלזן פלעגט מען טאַקי אָנזאָגן, אַז מען שיקט זיי קיין בערגאַו — און די ידיעה איז, ווייזט אויס, אָנגעקומען אויך קיין וואַרשע — אָבער קיין מענטש האָט נישט באַקומען קיין שום ידיעות פון די, וועלכע זיינען אַהין מכלומרשט געשיקט געוואָרן: זיי זיינען, מן הסתם, געשיקט געוואָרן צום טויט אין איינעם פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן אַשוויענטשים אָדער בירקענאַו.

האַנאָווער. דער אַדרעס פונם לאַגער איז: בערגן קרייז צעללע ביי האַנאָווער, אויפנט־האַלטס־לאַגער פיר זיד־אַמעריקאַנער.

קיין דירעקטע פאַרבינדונג מיט דעם לאַגער האָבן מיר נישט. אפשר האָט איר אַ פאַרבינדונג? וואָס ווייסט איר וועגן דעם גורל פון די אַרויסגעפירטע קיין אָשוויענ־טשים און אין לאַגער ביי דרעזדען? וואָס ווייסט איר וועגן גורל פון פערלע (יהושע) און בוקסבוים (נתן) (ביידע לפ״ג) און אַנדערע? ווי זעט אויס די לאַגע אין וויטעל? צו האָט איר ידיעות פון יצחק קאַצענעלסאָן (לפ״ג)? שטרענגט אָן אַלע כוחות כדי זיי צו ראַטעווען! אַלאַרמירט דעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ! דעפעשירט אונז וועגן די ענינים.

מיט אַ געוויסער צייט צוריק האָבן מיר דורך דער רעגירונגס־דעלעגאַטור באַקומען פון אייך אַ דעפעשע מיט אַ צעטל נעמען פון פערזאָנען, וועלכע וואָלטן מיט דער הילף פון דער דעלעגאַטור געהאַט די מעגלעכקייט אַריבערצופאָרן קיין אונגאַרן. פון די 19 מענטשן, וועלכע זיינען געווען אויסגערעכנט אין דער דעפעשע, זיינען בעת איר אָנקומען געווען ביים לעבן בלויז דריי. די דריי האָבן זיך געפונען אין וואַרשע און וואָלטן געקענט אויסנוצן די פאָרגעשלאָגענע מעגלעכקייט: ד״ר בערמאַן, ד״ר רינגעלבלום און לייזער לעווין[19]. זיי זיינען אייך געווען זייער דאַנקבאַר פאַרן געדענקען וועגן זיי, אָבער דעם פאָרשלאַג האָבן זיי נישט אָנגענומען און די מעגלעכקייט נישט אויסגענוצט, האַלטנדיק, אַז זיי מוזן אויספילן זייער געזעל־שאַפטלעכע אויפגאַבע אין לאַנד ביזן לעצטן מאָמענט. פאַר־קורצן האָבן מיר געהאַט בדעה אַרויסצושיקן אונזערע אַ דעלעגאַציע קיין אונגאַרן: די דעלעגאַציע איז שוין געווען פאַרטיק צום אָפּפאָר. עטלעכע טעג פאַרן באַשטימטן טערמין צום אַרויספאָרן, איז געשען די אונגאַרישע קאַטאַסטראָפע (דעם 19־טן מערץ 1944 האָבן די דייטשן פאַרכאַפּט די מאַכט), וועלכע האָט אונז אויפגעטרייסלט צומטיפסטן. די ערשטע טראַנספּאָרטן מיט אונגאַרישע אידן זיינען שוין אָנגעקומען קיין אָשוויענטשים און אין אַנדערע טויט־לאַגערן אין פוילן.

אַ פּאָר ווערטער וועגן אונזערע אינערלעכע און צווישנאָרגאַניזאַציאָנעלע באַציאונגען. אונזערע באַציאונגען מיט די פוילישע אונטערערד־אָרגאַניזאַציעס זיינען ווייטער זייער גאָענטע און האַרציקע. די אַטמאָספער אין אידישן נאַציאָנאַלן־קאָמיטעט גופא איז אַ ברידערלעכע און די צוזאַמענאַרבעט — אַ האַרמאָנישע. די באַציאונגען מיטן „בונד" זיינען נאָרמאַלע און אפילו פריינטלעכע. מיר אַרבעטן צוזאַמען אין ראַט פאַר הילף פאַר די אידן[20], אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און אין דער

[19] זע באַמערקונגען 8 און 17 צום קאַפּיטל „די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע", זייטן 131 און 137.

[20] אינם באַריכט, וועגן דער אַרבעט אויף דער אַרישער זייט (זייט 208), ווערט דערציילט, אַז אין דעצעמבער 1942 איז דורך דער פוילישער רעגירונגס־דעלעגאַטור געשאַפן געוואָרן אַ ראַט־פאַר־הילף־די־אידן; אינם ראַט האָבן זיך באַטייליקט 3 פּאָליאַקן — פאָרשטייער פון דער סאָ־

קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע (פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון „בונד"). אָבער למען האמת ווילן מיר באַרירן עטלעכע מאָמענטן. אופן סמך פון אויסלענדישע ידיעות האָבן מיר דעם איינדרוק, אַז דער „בונד" אין אויסלאַנד באַמיט זיך צו פאַרשרייבן אויף זיין רעכענונג דעם קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ און ער שרייבט־זיך־צו, אויב נישט דעם גאַנצן איז לכל־הפחות דעם הויפּט־פאַרדינסט אין געטאָ־אויפשטאַנד. מיר זיינען אייך דעריבער מודיע מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט, אַז דאָס איז אין געגנזאַץ צום אמת. אין נאָמען פון היסטאָרישן אמת מוזט איר מאַכן אַ סוף צו אָט דער פאַלשער, אומפאַרדינטער לעגענדע. דער קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ, ווי אַלע קאַמפן אין די אַנדערע געטאָס און אין די לאַגערן, איז געווען איניצירט, אָרגאַניזירט און אַדורכגעפירט דורך אונזערע אָרגאַניזאַציעס, קודם־כל דורך די פּראָ־ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: החלוץ, דרור (פרייהייט־החלוץ־הצעיר, די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון דער פועלי ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי), השומר הצעיר, פועלי ציון (צ.ס.) און לינקע פּועלי ציון. דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגעפירט די קאַמפן, זיי האָבן צוגעשטעלט די איבערוועגנדיקע צאָל קעמפער און זיי האָבן געבראַכט דעם גרעסטן בלוט־קרבן.

דער קאָמענדאַנט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז געווען אונזער העלדישער חבר מרדכי אַניעליעוויטש (לפ"ג), אַ פירער פון השומר־הצעיר. אין קאָמאַנדיר־שטאַב האָבן מיר געהאַט 4 פאָרשטייער, דער בונד — איינעם. פון די

ציאַליסטישער, פּויערישער און דעמאָקראַטישער פּאַרטייען — און 2 אידישע פאָרשטייער — פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון „בונד". אויך די אידן האָבן אַריינגעטראָגן געלטער אין דער קאַסע פון ראַט. לויט ווי ער גיט איבער ב. מאַרק אין זיין בוך „חורבות דערציילן" האָבן זיך אינם ראַט באַטייליקט מער ווי 3 פּאַליאַקן. נעמלעך: דער פּויערים טוער — טאַדעאוש רעק; דער דעמאָקראַטישער טוער — מאַרעק אַרטשינסקי (געווען קאַסירער פונם ראַט); פון די לינקע פּ.פּ.ס. — סטעפאַן סענדלאַק און פּיאָטר גאַיעווסקי; פון די רעכטע פּ.פּ.ס. — טראַבלעני און אַ פאָרשטייער פונם קאַטוילשן פראָנט — וולאַדיסלאַוו באַרטאָשעוויטש. כדאי נאָך צוצוגעבן, אַז מיעטשיסלאַוו ניעדזיאַלקאָווסקי, דער פירער פון פּ.פּ.ס. וועלכן די דייטשן האָבן דער־מאָרדעט, מיט וועמען די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אָנגעהאַלטן אַ סך יאָרן אַ נאָענטן קאָנטאַקט, סיי אין פּוילן און סיי אויף אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע צוזאַמענפאָרן, איז געווען פון די ערשטע, וועלכער האָט נאָך לאַנג פאַרן גרויסן גירוש, געפאָדערט אין פּוילישע קרייזן הילף פאַר אידן אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, זעענדיק קלאָר, אַז די דאָזיקע אַנטיסעמי־טישע העצע וועט שפּעטער אויסגיין צום קאָפּ פון פּוילישן פאָלק.

אין מערץ 1943 איז אין קראָקע געשאַפן געוואָרן אַן ענלעכער ראַט, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פון פאַרשידענע פּוילישע פּאַרטייען. פריער נאָך האָט די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זיך פאַרנומען מיט די ענינים, באַזונדערס דאַרף דערמאָנט ווערן די טעטיקייט פון יוזעף ציראַנקיעוויטש (פּוילישער פּרעמיער — פון 1947). דער דאָזיקער ראַט האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דער טעטיקייט אין קראָקע אַליין און ער האָט אַסך מיטגעהאָלפן אַרויסשמוגלען אידן פונם גרויזאַמען לאַגער אין לעמבערג אויף יאַנאָווסקע־גאַס. תחילת האָט דער קראָקעווער ראַט באַקומען פונם ראַט אין וואַרשע נאָר 50.000 זלאָטעס אַ חודש, אָבער אין דער לעצטער תקופה פאַרן צוזאַמענברוך פון די נאַציס, האָט זיין בודזשעט דערגרייכט ביז אַ מיליאָן זלאָטעס אַ חודש (לויט דער באַשרייבונג פון טאַדעאוש סעוועריין אינם זאַמלבוך וועגן דער פאַרניכטונג פון די אידן אין קראָקע, אַרויסגעגעבן אין פּויליש דורך דער צענטראַלער אידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן).

22 קאַמף־אָפּטיילונגען אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע זיינען 18 געווען פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס[21] און 4 — פון „בונד". אין דער אַלגעמיינער צאָל קעמפער האָט דער „בונד" געהאַט נישט מער פון 18 פּראָצענט. די בונדיסטישע גרופּעס אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָבן מוטיק געקעמפט, ווי אַלע איבריקע קאַמף־גרופּעס, אָן אויסנאַם, אָבער זיי זיינען נישט געווען די טאָן־געבער און אַנטשיידונגס־פאַקטאָרן אין די קאַמפן. אויך איצטער שטייען אינדערשפּיץ פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אונזערע חברים. אונז האָט פאַרוואונדערט דער פאַקט, וואָס דער אויס־צייכנונגס־אָרדן „ווירטוטי מיליטאַרי" (העכסטער פּוילישער מיליטערישער אָרדן) איז אָנערקענט געוואָרן נאָר פאַר מיכאל קלעפּפיש (לפ"ג), אַ מיטגליד פון „בונד". דער קעמפער קלעפּפיש האָט מוטיק געקעמפט, אָבער ער איז געווען איינער פון הונדערטער מוטיקע קעמפער. אויב די אָרדן־אָנערקענונג איז אויסן געווען סימבאָ־ליש פעסטצושטעלן די אויסצייכנונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אָדער פונם אַלגעמיינעם קאָלעקטיוו העלדישע קעמפער, האַלטן מיר, אַז דער אויסצייכנונגס־אָרדן האָט גיכער געדאַרפט אָנערקענט ווערן פאַרן קאָמענדאַנט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. עס איז אונז אויך שמערצלעך דער פאַקט — סיידן מיר האָבן אַ טעות — וואָס אין אויסלאַנד האָט דער „בונד" מאָנאָפּאָליזירט די פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, באַזונדערס אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע. אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט דער „בונד" דעראָבערט דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. פירן דען נישט די רעכטע און לינקע פּועלי ציון־פּאַרטייען קיין אויפקלערונגס־אַקציע אין יענע אַרבעטער־קרייזן? זאָלן־זשע די אָרגאַניזאַציעס פון דער אַרבעטערשאַפט אין גאָר דער וועלט וויסן, אַז אָנגעפירט און אָרגאַניזירט דעם קאַמף פון וואַרשעווער געטאָ האָט די פּראָ־ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג, אַז הונדערטער קעמפער האָבן געקעמפט און זיינען געפאַלן מיטן געדאַנק, אַז זייער טויט וועט זיין איינער פון די פונדאַמענטן פאַר דער סאָציאַליסטישער צוקונפט פון די אידישע מאַסן אין ארץ־ישראל.

און איצטער לאָמיר אַריבערגיין צו פינאַנץ־ענינים. מיר זיינען געווען דערשטוינט און אויפגעטרייסלט פון די ידיעות אין אייערע בריוו, אַז די גרעסטע געלט־סומעס צו העלפן די אידן אין פּוילן שיקט איר דורך דעם „אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ" קיין קראָקע פאַר „יוס"[22] צו וויכערטן![23] מיר האָבן דאָך שוין אַ פּאָר מאָל טעלע־

---

[21] דערמיט ווערן געמיינט די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיטן אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין פּוילן. צווישן די 18 קאַמף־גרופּן זיינען 4 געווען פון די אידישע קאָמוניסטן.

[22] Jus — יודישע אונטערשטיצונגס־שטעלע פיר דאַס גענעראַל־גוווערנעמענט.

[23] ד"ר מיכאל וויכערט, געווען פאַר דער מלחמה אַ טעאַטער־קריטיקער און רעזשיסער אין וואַרשע, דער גרינדער און אָנפירער פון „יונג־טעאַטער".

גראַפירט צו אייך און אייך געוואָרנט, אַז „יוס" איז אַ דייטשע אַגענטור! האָט דען דאָס זשענעווער ביוראָ פון אידישן וועלט־קאָנגרעס אַרויסגעשיקט מעדיקאַמענטן און שפייז־פּראָדוקטן קיין קראָקע און האָט זיך נישט פאַרשטענדיקט מיט אייך וועגן דעם?! מיר פאַרשטייען נישט וויאַזוי האָט דאָס געקענט געשען. איר זייט אונז מודיע, אַז אין יאָר 1943 האָט איר אויסגעגעבן 70 טויזנט פונט, דערפון האָט איר צו אונז געשיקט דורך דער רעגירונגס־דעלעגאַטור נאָר 15 טויזנט פונט, — הייסט דאָך דאָס, אַז איבער 50 טויזנט פונט אין סחורות, זיינען אַריינגעפאַלן אין די דייטשע הענט! איצטער שרייבט איר ווייטער, אַז איר האָט באַקומען די הסכמה פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג אַרויסצושיקן 3 מיליאָן דאָלאַר ווידער דורך זשענעוו, און אַז אַדאַנק אייערע באַמיאונגען האָבן די אַמעריקאַנישע און ענגלישע רעגירונגען מסכים געווען צו אַסיגנירן 10 מיליאָן דאָלאַר אויף מעדיצינישע הילף און שפייז־פּראָדוקטן און ווידער שיקן דאָס געלט דורך דעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ!! דאָס איז אַ נייע, גראַנד־יעזע מתנה די דייטשן! אומגלויבלעך!

עטלעכע ווערטער וועגן „יוס" און וועגן ווייכערטן. ווייכערטס טעטיקייט האָט נאָך פאַר די ליקווידירונגס־אַקציעס אַרויסגערופן ביי אונז אַלעמען דעם שרעקלעכסטן עקל־געפיל. אַדאַנק זיין „בויגעוודיקייט" און זיין גרויסער בקיאות אין דער דייטשער שפּראַך און פונם דייטשן „סטיל" האָט ער געמאַכט אַ „קאַריערע". ער איז נ א ָ מ י נ י ר ט ג ע ו ו א ָ ר ן ד ו ר ך די דייטשן אַלס פאָרזיצער פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכער זעלבסהילף, דאָס הייסט, פון דער דורך די דייטשן קאָנטראָלירטער צענטראַלער אידישער הילפס־אָרגאַניזאַציע, וואָס איר הויפּט־אַמט האָט זיך געפונען אין קראָקע אונטער דער אויפזיכט פון דער דייטשער מאַכט. ווילנדיק־נישטווילנדיק האָבן מיר טאָלערירט דעמדאָזיקן אַמט אַזוי ווי די פוילישע געזעלשאַפט טאָלערירט אַן אַנאַלאָגישן ראַט, דעם הויפּט־הילפס־ראַט. מיר האָבן זיך באַצויגן רעזערווירט און קריטיש. ווייכערטס מעטאָדן זיינען געוואָרן וואָס אַמאָל מער „דייטש". מיט ענערגיע, וועלכע וואָלט זיך געפּאַסט פאַר אַ בעסערער אונטערנעמונג, האָט ער קאָנסעקווענט אַדורכגעפירט די „גלייכשאַלטונג" פון די פריערדיקע צענטראַלע אידישע הילף־אָרגאַניזאַציעס, ווי „צענטאָס" (די צענטראַלע פאַר קינדער־און יתומים־הילף), „טאָז" (געזעלשאַפט צו פאַרהיטן דאָס געזונט פון אידן) און אַנדערע. ער האָט געוועלטיקט דיקטאַטאָריש, געגן דעם ווילן פון דער גאַנצער אומאָפּהענגיקער אידישער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, וועלכע איז געווען פאַראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ פון די צענטראַלע אינסטיטוציעס, וואָס אונטער זייער דעקמאַנטל האָט זיך קאָנצענטרירט כמעט דאָס גאַנצע אומהאָפּהענגיקע לעבן פון די אידן, — סיי די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע און סיי די קולטורעלע טעטיקייט. ער האָט אַרויפגעצוואונגען אויף דער אידישער געזעלשאַפט דעם דייטשן ווילן. אַלע פּאַרטייען, פון דער „אגודה" ביז איינשליסלעך „בונד" און פועלי ציון האָבן צומשאַרפסטן באַקעמפט ווייכערטס „פּאָלי־

טיק". עס איז דערגאַנגען צו שטורמישע קאָנפליקטן. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גירוש־אַקציעס איז די צענטראַלע פון זש.ס.ס.[24] אין קראָקע אָפּגעשטאָרבן. ערשט נאָך אַ לענגערער צייט, אינמיטן 1943, שוין נאָך די וואַרשעווער געטאָ־קאַמפן, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז די דייטשן האָבן געשאַפן אַ נייע אינסטיטוציע צו... העלפן אידן, די „יודישע אונטערשטיצונגס־שטעלע" — „יוס" — מיט דעמזעלבן ווייכערט אינדערשפּיץ!.. דאָס איז געווען אין די סאַמע יענע טעג, ווען זיי האָבן אַדורכגעפירט די גרויל־שחיטות פון הונדערטער טויזנטער אידן אין גאַנצן לאַנד!!

דעם עצם פאַקט, וואָס אין אַזאַ מאָמענט האָט אַ איד געקענט נעמען אויף זיך צו שטיין אינדערשפּיץ פון אַ דייטשער אַגענטור, האָבן מיר אויפגענומען אַלס שרעק־לעכע שאַנד! די דייטשע אויסרעכענונג איז אַ קלאָרע. זיי ווילן אָפּשוואַכן אין אויסלאַנד דעם איינדרוק פון זייערע שחיטות און דערביי איינשאַפן זיך אַן „אַליבי", באַזונדערס פאַרן „אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ". פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נאָר אַ היטלע־ריסטישער פּראָפּאַגאַנדע־קונץ. אָבער גלייכצייטיק איז עס אַ שאַנטאַזש! מיר שטעלן פעסט מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט, אַז דער גאָר־גרעסטער טייל פון די מעדי־קאַמענטן קומט נישט אָן אין די לאַגערן! די בעסטע הייל־מיטלען נעמען צו די דייטשן פאַר זיך. אויך די שפּייז־פּעקלעך קומען נישט אָן צו די אידן. ווייכערט גיט זיין נאָמען פאַר דעמדאָזיקן דייטשן שאַנטאַזש. דורך זיין פאַרצווייגטער „אָפיציעלער" קאָרעס־פּאָנדענץ מיט אויסלאַנד, האָט ער פאַרשפּרייט צווישן די אידן אין אייראָפּע די פאַלשע אילוזיע, אַז ווי ס'וויזט־אויס איז די אידן אין פּוילן נאָך נישט אַזוי שלעכט, ווייל אָט האָבן זיי דאָך אַן אייגענע הילף־אָרגאַניזאַציע[25]. פאַר אויסלאַנד באַנוצט זיך וואַר־

[24] Ż.S.S. — אויף פּויליש: „זשידאָווסקאַ סאַמאָפּאָמאָץ ספּאָלעטשנאַ" (אידישע געזעל־שאַפטלעכע זעלבסטהילף).

[25] עס זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן, אַז דאָס וואָס עס זאָגט זיך אינם בריוו פון אידישן נאַציאָ־נאַלן קאָמיטעט אין פּוילן, וועגן דעם רושם וואָס די ווענדונגען פון ד"ר ווייכערט האָבן געמאַכט אין אויסלאַנד, איז לחלוטין ריכטיק. די מענטשן אין די נייטראַלע לענדער, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען אין די מלחמה־יאָרן מיט דער הילף־אַרבעט פאַר אידן אין פּוילן האָבן זיך שטאַרק גערעכנט מיט די בריוו פון ד"ר ווייכערט. פאַר דעם שרייבער פון די שורות, למשל, איז דאָס געווען אַ גענוגנדער יסוד צו פאָדערן גרעסערע געלט־סומעס פון די הילף־אינסטאַנצן. בפרט, אַז אין זיינע בריוו האָט ער מיט אַזאַ זיכערקייט און דעטאַלירטקייט געשריבן, וועגן אופן פון פאַרטיילן די הילף. אָט למשל שרייבט ער אינם בריוו פונם 15־טן יולי 1943: „פונם 2־טן מאַי ביז היינט האָבן מיר פונאַנדערגעשיקט 56 טראַנספּאָרטן פון מעדיקאַמענטן, פאַרבאַנדס־שטאָפן און נאַרונגסמיטל אין 29 אַרבעטס־לאַגערן, וואוין־קוואַרטאַלן און פאַבריקן; דערפון 28 טראַנספּאָרטן נאָר אין דער ערשטער העלפט יולי... אין געגנזאַץ צום יאָר 1942 שטויסן מיר זיך איצט נישט אָן אין קיין שום טראַנספּאָרט־שוועריקייטן... אַלע זענדונגען זיינען שנעל און נישט באַשעדיקט אָנגעקומען..." אין אַ פריערדיקן בריוו — פונם 6־טן יוני 1943 שרייבט ד"ר ווייכערט, וועגן דער באַנייאונג פון דער הילף־טעטיקייט און מעלדעט אַז פון די אַלגעמיינע הילף־זענדונגען פון הוועריש אַמעריקאַנער קאָמיטעט און די שווייצער הילף־זענדונגען האָט ער פאַר אידישער הילף־טעטיקייט באַקומען 7402 קילאָ און אַ חוץ דעם 466 קילאָ פאַרבאַנדס־מאַטעריאַלן. אין זיינע בריוו — פונם 29־טן יולי קיין גענף און אַ צווייטן בריוו קיין בראַטיסלאַווא, עצהט ד"ר ווייכערט נישט צו שיקן לעת עתה קיין איינצל־פּעקלעך,

שיינלעך ווייכערט מיט די נעמען פון ד״ר ה י ל פ ש ט י י ן (חיים) און ד״ר ט י ש (אליהו)[26], די פריערדיקע פרעזידיום־מיטגלידער פון דער זש.ס.ס. (די אידישע געזעל־שאַפטלעכע זעלבסטהילף). זייט־זשע וויסן, אַז ביידע טוען עס אונטער אַ צוואַנגס־דרוק, זיי געפינען זיך אינם הערמעטיש־אָפּגעשלאָסענעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין פּלאַשאָוו ביי קראָקע; זיי זיינען אָפּגעריסן פון אונז און פון גאָר־דער־וועלט און זיינען צעבראָכן פיזיש און גייסטיק. מיר אונטערשטיצן זיי פינאַנציעל אַלס ציוניסטישע עסקנים, אָבער אונזערע בריוו דערגייען נישט צו זיי און מיר האָבן נישט מיט זיי קיין שום קאָנטאַקט. וועגן ווייכערטס איצטיקער טעטיקייט און וועגן דער באַציאונג פון דער קראָקעווער געזעלשאַפטלעכער מיינונג צו אים שרייבט אייך אויספירלעכער אַדוואָקאַט ש מ ע ו ן ג אָ ט ע ס מ אַ ן פון קראָקע[27] וועלכער קען גוט די דאָרטיקע באַדינגונגען. מיר ווילן אונטערשטרייכן, אַז אונזערע און די בונדישע שטעלונג צום „יוס״ איז אין פולסטן איינקלאַנג מיט דער מיינונג פון די פּוילישע אונטערערד־פאַקטאָרן און פונם ראַט־פאַר־הילף־די־אידן. אַן אויסדרוק פון אָט דער איינהייטלעכער שטעלונג איז געגעבן געוואָרן אין זייער טעלעגראַמע קיין לאָנדאָן, וועלכע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן געמיינזאַם מיט דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע. מיר פאָדערן תיכף אָפּצושטעלן און אויפהערן וועלכע־עס־איז שיקונג פון מעדיצינישע הילפמיטלען און שפּייז־פּראָדוקטן קיין קראָקע דורך זשענעוו און דורך דער פאַרמיטלונג פון „אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ״. מיר פאַר־לאַנגען, אַז אַלע־אָן־אויסנאַם געלטער זאָלן געשיקט ווערן דורך דער רעגירונג נאָר און אויסשליסלעך קיין וואַרשע. מיר האָבן אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיט דער פּראָווינץ און מיט די לאַגערן. איר דאַרפט איבערצייגן די רעגירונגען פון ענגלאַנד און פון אַמעריקע, אַז די געשיקטע מעדיקאַמענטן און שפּייז־פּעקלעך פאַלן אַריין אין די דייטשע הענט. די אַסיגנירונגען פון די רעגירונגען דאַרפן אויסגעצאָלט ווערן אייך אין מזומן, כדי איר זאָלט קענען איבערשיקן די געלטער דירעקט אַהער צו אונז. געדענקט, אַז אונזער טעטיקייט פאַרלאַנגט ריזיקע געלט־סומעס, סיי פאַר די לאַגערן און סיי פאַר די אידן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס.

נאָר קאָלעקטיוו־זענדונגען אויפן אַדרעס פון זיין קאָמיטעט. גאָר גרויסע באַמיאונגען זיינען געמאַכט געוואָרן צו טון ווי ער האָט געשריבן. מען האָט דאָך געזוכט מיט ליכט יעטוועדע מעג־לעכקייט צו העלפן. און ס'איז קיינעמען נישט איינגעפאַלן, אַז נאָך אַזעלכע בריוו און פון אַ באַקאַנטן מענטשן קען נאָך זיין אַ ספק, אויב די הילף קומט אָן צו אידן. סוף 1945 איז פאָרגעקומען אין קראָקעווער ספּעציעלן קרימינאַל־געריכט אַ פּראָצעס געגן ד״ר ווייכערט און ער איז פריי־געשפּראָכן געוואָרן פון דער באַשולדיקונג אין צוזאַמענאַרבעט מיט די דייטשן. ב. מ אַ ר ק דערציילט אין דער מאָסקווער אויסגאַבע פון זיין בוך „דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ״ (מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס״, מאָסקווע 1947), אַז ד״ר ווייכערט איז געווען אַן אוניווערזיטעט־קאָלעגע פונם נאַצישן תלין אין פּוילן האַנס פראַנק, און דער לעצטער: „וועלכער האָט אונטער־געחתמעט דעם גזר אויף מיליאָנען אידן, האָט זיין פולע „מענטשלעכקייט״ אויסגעגאָסן אויף זיין אַלטן שול־חבר. און ד״ר מיכאל ווייכערט האָט זיך גענומען צו „כלל־אַרבעט״.

[26] זע באַמערקונגען 12 און 13, זייט 177. [27] זע זיין בריוו, זייטן 236 און ווייטער.

אין דער צייט פון 1־טן נאָוועמבער 1943 ביז דעם 20־טן מאַי 1944 האָבן מיר באַקומען פון אייך פאָלגנדע סומעס:

1) אין אָנהויב נאָוועמבער 1943 אַלס פערטע ראַטע פון די 10 טויזנט פונט, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן פאַרן אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט	10.000	דאָלאַר
2) אין סוף נאָוועמבער 1943 אַלס ערשטע ראַטע פון די 9000 פונט, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן פאַרן אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט	10.000	„
3) אין דעצעמבער 1943 אַלס צווייטע ראַטע פון דער דערמאָנטער סומע	14.000	„
4) אין יאַנואַר 1944 אַלס דריטע ראַטע פון דער דערמאָנטער סומע	12.000	„
5) אין אַפּריל 1944 אַ סומע געשיקט דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל—בודאַפּעשט — מיט בריוו פון וועניא און באַרלאַס [28] פון סעפּטעמבער 1943	20.000	„
6) אין מאַי 1944 אַלס ערשטע ראַטע אויפן חשבון פון די 120 טויזנט דאָלאַר — 100 טויזנט דאָלאַר פון „דזשאָינט" און 20 טויזנט דאָלאַר פון קאָנגרעס — די סומע געפינט זיך אין רשות פון דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון „בונד"	60.000	„
בסך־הכל	126.000	דאָלאַר

די סומע פון 15 טויזנט פונט, וועלכע איר האָט געשיקט צו אונז (דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט) איז על־פי־טעות אויסגעצאָלט געוואָרן דעם „בונד". מיר זיינען געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג וועגן דעם ענין: דער „בונד" האָט זיך פאַרפליכטעט אויסצוצאָלן אונז די סומע אין דער נאָענטסטער צייט.

די סומעס, וועלכע זיינען אָנגעקומען צום אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, זיינען באַנוצט געוואָרן אויף פאָלגנדיקן אופן:

אַלע אידישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס — אויסער דעם „בונד", וועלכער האָט זיינע אייגענע פאָנדן, זיינען אויסגעצאָלט געוואָרן אויף דער פולער אויסהאַלטונג פון זייערע מיטגלידער און די פאַמיליעס, ווי אויך פאַרן געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן אַקטיוו — שרייבער, קינסטלער א. אַ.וו. ביי 15% פון די סומעס

[28] פאַרשטייער פונם ועד ההצלה פון דער אידישער אַגענץ אין ארץ־ישראל, וועלכער האָט איבערגעשיקט דעם דאָזיקן סכום און אויך אַנדערע סכומים.

פאַר די צילן פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע זיינען			
אויסגעגעבן געוואָרן	ביי	10%	פון די סומעס
פאַר דער אַלגעמיינער הילף־אַקציע פאַר די אידן אין			
וואַרשע, אין די לאַגערן און אין דער גאַנצער פּראָווינץ	איבער	75%	„ „
צוזאַמען		100%	פון די סומעס

די לעצטע סומע — פון דזשאָינט און פון קאָנגרעס — איז אויסגעגעבן געוואָרן אויסשליסלעך פאַר דער אַלגעמיינער הילפס־אַקציע פאַר די אידן און פאַר די באַדערפענישן פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. די דריי מיליאָן זלאָטעס, וועגן וועלכע אַנזעלם (א. רייס) האָט אונז טעלעגראַפיש מודיע געווען דעם 6־טן מערץ ה. י. האָבן מיר נאָך נישט באַקומען. מיר וואַרטן אומגעדולדיק אויף ווייטערדיקע געלט־סומעס.

זאָגט־אָן ד״ר פּעקערן[29], אז זיין טאָכטער לעבט, זי געפינט זיך אונטער אונזער אופזיכט און באַקומט פון אונז אַ רעגולערע פינאַנציעלע אונטערשטיצונג. פרוי ד״ר פּ אָ ל מ אַ ן (פּ אָ ל אַ, לפּ״ג) לעבט נישט. אויך ד״ר מ י כ א ל ב ר אַ נ ד ש ט ע ט ע ר (לפּ״ג) איז געפאַלן.

זאָגט־אָן דעם רעדאַקטאָר ח י י ם פ י נ ק ע ל ש ט י י ן (געפינט זיך איצטער אין אַמעריקע), אז ד״ר א. ב ע ר מ אַ ן גריסט אים האַרציק און איז אים מודיע, אז די אייגע־נע טאָכטער לעבט און איז געזונט און געפינט זיך אונטער זיין אופזיכט. וועגן זיין פרוי און עלטערע טאָכטער האָבן מיר נישט קיין שום ידיעות.

צום איצטיקן בריוו לייגן מיר צו: בריוו צו די באַזונדערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, ראַפּאָרטן און באַריכטן וועגן קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ, רעפּאָרטאַזשן, אַ ליסטע פון דעם אויסגעמאָרדעטן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן אַקטיוו און אויך עטלעכע לידער פון פּוילישע און אידישע דיכטער, געווידמעט דער מאַרטיראָלאָגיע און דעם קאַמף פון די פּוילישע אידן.

מיר בעטן אייך, איר זאָלט דעם בריוו און די צוגעלייגטע מאַטעריאַלן איבערשיקן צו די צענטראַל־קאָמיטעטן פון אַלע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע נעמען

[29] עס רעדט זיך וועגן ד״ר מאיר פּ ע ק ע ר, אַן אַקטיווער טוער פון דער פּועלי ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי אין פּוילן. — אין אָנהויב 1940 איז ער אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. זיין טאָכטער א ס ת ר (ערנאַ, 19 יאָר אַלט בעתן מלחמה־אויסברוך) איז געלונגען, דעם 3־טן מאַי 1943, ביים סוף פון די געטאָ־קאַמפן, אַריבערצוקומען אויף דער אַרישער זייט. אַ שטיקל צייט שפּעטער איז זי געווען געצוואונגען אויסצובאַהאַלטן זיך אין אַ דאָרף; במשך חדשים האָט זי זיך געפונען אויף אַ בוידעם איבער אַ שטאַל, וואו דער פּויער האָט זי געהאַלטן פאַרן פרייז פון געלטער, וואָס דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט איר איבערגעשיקט. דערנאָך האָט זי זיך אָנגע־שלאָסן אין אַ פּאַרטיזאַנישע וואַלד־גרופּע, וואו זי איז אַפּגעווען כמעט אַ יאָר. זי איז דערגאַנגען צו אַ הויכער שטופע אַלס אָפיצער און זי האָט קאָמאַנדירט מיט אַ קאַמף־איינהייט. אין יוני 1944 איז זי אָנגעקומען קיין לובלין און איז באַשטימט געוואָרן אַלס אָנזאָגערין אין ראַדיאָ. אין פאַרבינדונג מיט איר אַמט, האָט זי עטלעכע מאָל אויך באַזוכט מאָסקווע. איצטער איז זי אין פּוילן.

אַנטייל אין אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און אויך צו די אידישע הויפּט־פירער און טוער אין גאָר דער וועלט.

טעלעגראַפירט צו אונז וואָס אָפטער. שיקט אָפטער קאָרעספּאָנדענץ. יעדע ידיעה פון אייך גיט אונז צו כוחות צום קאַמף און שטאַרקט דעם גלויבן, אַז מיר וועלן אויסהאַלטן. אינפאָרמירט אונז אויספירלעכער וועגן דער לאַגע אין ארץ־ישראל.

זייט געגריסט!

גיט איבער אונזערע הייסע גרוסן אַלע ברידערלעכע אָרגאַניזאַציעס.

וואַרשע, 24־טער מאַי 1944.

אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט

ד״ר א. בערמאַן—באָראָווסקי, יצחק צוקערמאַן,

אדוו. שמעון גאָטעסמאַן, דניאל בפתור (גוזשיק) — דזשיאָנט, יוסף סאַק.

פון די בילדער, וואָס מען האָט געפונען ביי דייטשע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געווען אין וואַרשע בשעת די געטאָ־קאַמפן און זיינען שפּעטער געפאַנגענשאַפט (אויך אינם בילדער־אַלבאָם פונם ס.ס. גענעראַל סטראָאָפּ). די אויפשריפט אין דייטש הייסט — „דיזע באַנדיטן פערטיידיקן זיך מיט דער וואַפע״. דאָס מיינט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אידישע קעמפער, וועלכע זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשע רוצחים.

4. באַריכט פון דער פאַרשטייערשאַפט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אויף דער „אַרישער" זייט

(אַרויסגעשיקט פון וואַרשע, דעם 24־טן מאַי 1944).

פאַר דער ערשטער „אויסזידלונגס"־אַקציע אין וואַרשע איז דער קאָנטאַקט צווישן דער אידישער געזעלשאַפט און דער אַרישער זייט געווען זייער אַ שוואַכער. די קהילה — דער סעניאָרן־ראַט — פלעגט דורך אירע פאַרשידענע אָפּטיילונגען האָבן פאַרבינדונגען מיט די אַנטשפּרעכנדיקע אָפּטיילונגען פונם מאַגיסטראַט, און די אידישע הילפס־אינסטיטוציעס האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט די נאָענט־שטייענדיקע פּוילישע אינסטיטוציעס. אַזוי, למשל, האָט „צענטאָס" (צענטראַלע פאַר יתומים־און קינדער־הילף) אויפגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט דער סעקציע פאַר קינדער־פאַרזאָרגונג ביי דער ר.ג.אָ. (R.G.O. —Rada Główna Opiekuńcza — הויפּט הילפס־ראַט). געוויסע אידישע אַרבעטער־פּאַרטייען פלעגן זיך פאַרשטענדיקן מיט זייַ־נאָענטע פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטייען. אָבער אַט די אַלע פאַרבינדונגען זיינען געווען צופעליקע און פון־מאָל־צו־מאָל. ערשט אין פאַרלויף פון דער ערשטער אַרויסשיקונג־אַקציע און באַלד נאָך איר, ווען ס'איז קלאָר געוואָרן די גוואַלדיקע גרויס פון דער קאַטאַסטראָפע איז כמעט ספּאָנטאַן אויפגעקומען די באַדערפניש איינצושטעלן אַן ענגערן קאָנטאַקט מיט די פאַרשטייער פון דער פּוילישער געזעלשאַפט. אין יענער צייט איז דורך די קאַמף־גרופּעס פון „החלוץ" און „השומר" אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף דער אַרישער זייט אריה ווילנער־יורעק (לפ"ג), כדי צו פאַרשטענדיקן זיך מיט פאַרשטייער פון די מיליטערישע פאַקטאָרן (פּוילישע) וועגן דער מעגלעכקייט צו באַקומען הילף פונם מיליטער פאַר דער אידישער קאַמף־אַקציע. אין דערזעלבער צייט, אָקטאָבער—נאָוועמבער 1943[1], ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַריבערקריגן אויף דער אַרישער זייט גרעסערע גרופּעס אידן און זיי האָבן זיך דאָרט געפונען אין שרעקלעכע באַדינגונגען, האָט זיך אין אַ געוויסער טייל פון דער פּוילישער געזעלשאַפט ספּאָנטאַן אויפגעוועקט אַ ווילן צו העלפן. לויט דער איניציאַטיוו פון עטלעכע גרופּעס — קאַטאָליקן, דעמאָקראַטן און אַנדערע — האָט זיך אויסגעבילדעט אַ געזעלשאַפטלעכער הילפס־קאָמיטעט, וועלכער האָט באַקומען די ערשטע, תחילת נישט־גרויסע, סובווענץ פון דער (פּוילישער אונטערערדישער) רעגירונגס־דעלעגאַטור און ער האָט אָנגעהויבן אַדורכצופירן אַ הילפס־אַקציע.

דידאָזיקע איניציאַטיוו איז צונויפגעפאַלן אין איין צייט מיט די ערשטע באַמיאונגען פון די אידן אָנצוהויבן אַ הילפס־טעטיקייט. ווען די דייטשן האָבן שוין געהאַט חרוב־געמאַכט אַלע אידישע קינדער־אינסטיטוציעס און כמעט אינגאַנצן „ליקווידירט"

[1] דאָס איז אַ שרייב־טעות, — עס דאַרף זיין: 1942.

די קינדער, איז ד"ר א. ב ע ר מ אַ ן, דער דירעקטאָר פון דער „צענטאָס"־צענטראַלע, אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, וועלכער איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער אָרגאַניזירטער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין געטאָ, אַריבער אויף דער אַרישער זייט, לויט אַ פאַרשטענדיקונג מיט זיינע חברים. פריער איז אים געלונגען דריי מאָל אַרויסצוראַטעווען זיך פון די דייטשע הענט. נאָך אַ קורצער צייט האָט ער אָנגעקניפּט באַציאונגען מיט אַ ריי פּוילישע געזעלשאַפטלעכע טוער און אינטעלעקטועלע, מיט וועלכע ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג פריער אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין וויסנשאַפטלעכער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. איצטער האָט ער דערוועקט די פראַגע פון הילף. גלייכ־צייטיק האָט ער אָנגעהויבן אויסבילדן דעם קערן פאַר אַ אידישער הילפס־גרופּע, אַריינ־ציענדיק אין דערדאָזיקער אַרבעט עטלעכע אידישע אינטעלעקטועלע, וועלכע האָבן שוין פון לאַנג זיך געפונען אויף דער אַרישער זייט. וועגן זיינע באַמיאונגען האָט ער צו־וויסן־געגעבן די געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן אין געטאָ. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער פּוילישער הילפס־קאָמיטעט זיך דערוואוסט וועגן זיינע באַמיאונגען און אים איינגעלאַדן ער זאָל צוזאַמענאַרבעטן און ער זאָל זיין אין פּוילישן קאָמיטעט דער פאַרטרעטער פון די באַדערפנישן און וואונטשן פון דער אידישער געזעלשאַפט. דאַן איז אויסגעאַרבעט און באַהאַנדלט געוואָרן אַ געמיינזאַמער טעטיקייט־פּלאַן, וועלכער איז דורך די קאָמיטעט־פאַרשטייער באַשטעטיקט געוואָרן.

אין סוף נאָוועמבער און אין דעצעמבער 1942 איז פאָרגעקומען אַ רעאָרגאַניזירונג פונם קאָמיטעט און זיין צוזאַמענשטעל איז אויסגעברייטערט געוואָרן. נאָך אַ ריי באַראַטונגען איז געשאַפן געוואָרן אַ ראַט־פאַר־הילף־די־אידן ביי דער רעגירונגס־דעלעגאַטור. אין ראַט זיינען אַריין פאַרשטייער פון אַ ריי פּוילישע גרופּירונגען און אָרגאַניזאַציעס און 2 פאַרשטייער פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט [2]. דער אידי־שער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט, וועלכער האָט אין יענער צייט פונאַנדערגעוויקלט זיין טעטיקייט אין געטאָ, האָט דעלעגירט אינם הילף־ראַט דעם ד"ר בערמאַן. אויסערדעם איז אַריין אין ראַט אַ פאַרשטייער פון „בונד". דער פאַרשטייער פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט האָט איבערגענומען דעם סעקרעטאַריאַט פון ראַט. נישט לאַנג נאָך דער נייער קאָנסטיטואירונג איז די טעטיקייט פונם ראַט געוואָרן אינטענסיוו און איז זיך כסדר צעוואַקסן, אַרומנעמענדיק וואָס ווייטער אַלץ־ברייטערע קרייזן פון אונטער־שטיצטע. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ „לעגאַליזאַציע"־ביוראָ, וואָס האָט באַזאָרגט דאָקו־מענטן פאַר וועמען ס'איז געווען נויטיק. אין דערזעלבער צייט איז רייף געוואָרן די באַדערפניש צו פאַרשטאַרקן די פאַרשטייערשאַפט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט לגבי די מיליטערישע פאַקטאָרן. די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס האָבן געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָל די אָרגאַניזאַציעס פונם אידישן נאַציאָנאַלן

---

[2] זע באַמ. 20 צום באַריכט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון 24־טן מאַי 1944, זייט 198.

קאָמיטעט, האָט פאַרשטאַרקט איר קאָנטאַקט מיט דער אָפּטיילונג פאַר אידישע ענינים ביים Z.W.Z.[3] דורך דעם אָפּיציעלן פאַרטרעטער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע ווילנער (אריה) און אויך דורך ד״ר א. בערמאַן. די צווייטע אַרויסשיקונגס־אַקציע אין יאַנואַר 1943, בעת וועלכער די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט צום ערשטן מאָל אָרגאַניזירט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, האָט נאָך קלאָרער געמאַכט די נויטווענדיקייט פון אַ שטענדיקן און ענגן קאָנטאַקט.

ווען עס איז געשאַפן געוואָרן די אָפּטיילונג פאַר אידישע ענינים ביי דער רעגי־רונגס־דעלעגאַטור, איז ד״ר אַ. בערמאַן געוואָרן דער פאַרטרעטער פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט לגבי די ציווילע מאַכט־אָרגאַנען פון אונטערערדישן פוילן. אין פאַרשטענדיקונג מיטן פאַרטרעטער פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, האָט די אידישע אָפּטיילונג ביי דער רעגירונגס־דעלעגאַטור באַשטימט אַלס באַאַמטן פון דער אָפּטיילונג עמיצן פון דער אידישער זייט. לויטן פאָרשלאָג פונם פאַרטרעטער פון אידישן נאַציאָ־נאַלן קאָמיטעט, איז באַשטימט געוואָרן אויף דעמדאָזיקן פּאָסטן דער עקאָנאָמיסט ד״ר אַלפרעד באָרנשטיין (לפ״ג), דער סעקרעטאַר פון אידישן הילפס־קאָמיטעט אין וואַרשע. ד״ר באָרנשטיין האָט איבערגענומען די אַמטירונג, אָבער קורץ נאָך זיין נאָמינאַציע, איז ער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ און איז דערשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט זיין פרוי.

ד״ר אַ. בערמאַן האָט במשך פון דער גאַנצער צייט אויפגעהאַלטן אַ רעגולערן קאָנטאַקט מיטן געטאָ דורך בריוו, טעלעפאָן־געשפּרעכן און דורך פּערזענלעכע באַזוכן. עטלעכע מאָל זיינען פאָרגעקומען אויסערסט־געפערלעכע טרעפונגען מיט פאַרשטייער פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון געטאָ. די טרעפונגען זיינען פאָרגעקומען אויף דער אַרישער זייט, הויפּטזאַכלעך אויפן אָרט פון די אַזויגערופענע „אַרבעטס־בערזעס״, וואו עס האָט שטענדיק געווימלט מיט לייט פון דער אונטערוועלט און שאַנטאַזשיסטן. צווייטמאָל האָבן אויך די פאַרשטייער פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פונם „בונד״ אויף דער אַרישער זייט אָפּגעהאַלטן קאָנפערענצן מיט דעלעגאַטן פון דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פונם „בונד״ אין געטאָ, וועגן פאַראייַנהייטלעכן די אַרבעטס־וועגן אויף די געביטן פון דער קאַמף־און־הילף־טעטיקייט. עטלעכע מאָל האָט דער פאַרטרעטער פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט באַקומען אין ראַט־פאַר־הילף געלטער נישט נאָר פאַר דער הילפס־אַקציע אויף דער אַרישער זייט נאָר אויך פאַר הילף אין געטאָ, באַזונדערס פאַר דער רעטונג פון קינדער און פונם קולטורעלן אַקטיוו. דידאָזיקע געלט־סומעס זיינען צוגעשטעלט געוואָרן דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין געטאָ.

[3] די איניציאַלן פון Związek Walki Zbrojnej (פאַרבאַנד פאַר באַוואָפנטן קאַמף), — דער ערשטער נאָמען פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״ — די אונטערערדישע אַרמיי פון דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן.

אין דעם פּעריאָד צווישן דער צווייטער און דער דריטער אַקציע[4] האָט אַ ריי טוער פון די אָרגאַניזאַציעס פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אַריבערגעטראָגן זיך אויף דער אַרישער זייט. אַ טייל פון זיי איז אומגעקומען — צווישן אַט די איז אויך געווען קירשענבוים (מנחם, לפ"ג) — און די מערסטע פון זיי האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן פון פרייער באַוועגונג. אין יענער צייט האָט אָנגעהויבן צוזאַמענאַרבעטן מיט די פאָרשטייער פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט דניאל כפתור (גוזשיק) פון „דזשאָינט". די סאַמע ענגסטע צוזאַמענאַרבעט האָט פאַרבונדן דעם פאַרטרעטער פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט מיט די פאַרטרעטער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע ווילנער (אריה) און טאָסיאַ אַלטמאַן (לפ"ג). אינצווישן איז די לאַגע אין געטאָ געוואָרן שאַרפער און געשפּאַנטער. די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט געמאַכט פיבערהאַפטע צוגרייטונגען צו אַ באַוואָפנטן קאַמף. אויף אַלערליי וועגן און אופנים איז איינגעקויפט געוואָרן געווער. בשעת איינער פון אַזעלכע טראַנזאַקציעס, איז אַרעסטירט געוואָרן ווילנער (אריה)[5]. עפּעס מיט אַ נס האָט ער זיך אַרויס־געגליטשט פון „פּאַוויאַק"[6], ער האָט אָבער געמוזט פאַרשווינדן פון דער אַרישער זייט און אומקערן זיך אין געטאָ. נאָך אַ געוויסער צייט האָט די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע דעלעגירט אויף זיין אָרט איר וויצע־קאָמענדאַנט, יצחק צוקערמאַן. צווישן אים און דעם פאַרטרעטער פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט האָט זיך איינגעשטעלט אַ זייער ענגע טאָג־טעגלעכע צוזאַמענאַרבעט.

דערווייל האָט די הילפס־אַרבעט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט זיך אַנט־וויקלט אַלץ מער און מער. נישט פאַרמאָגנדיק קיין אייגענע געלט־פאָנדן, האָט דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פונאַנדערגעטיילט צווישן די הונדערטער שטיצע־באַדערפטיקע אַ טייל פון די געלטער, וועלכע ער האָט באַקומען פונם ראַט־פאַר־הילף[7]. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט געשאַפן אַן אייגענעם, געזעלשאַפטלעכן פאַרבינדונגס־אַפּאַראַט; ער האָט אָרגאַניזירט, — הויפּטזאַכלעך, מיט דער הילף פון פּוילישע אינטעלעקטועלע, — אַ ריי הילף־קעמערלעך, און עס איז אים אויך געלונגען צו מאָביליזירן פאַר דער אַרבעט יונגע, מוטיקע אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער.

ס'איז אויסגעבראָכן די אַפּריל־אַקציע און צוזאַמען מיט איר דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. די פאַרטרעטערשאַפט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע מאַכט פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען צו העלפן דעם קעמפנדן געטאָ מיט טראַנספּאָרטן פון געווער און

[4] דאָס הייסט — צווישן 18־טן יאַנואַר און 19־טן אַפּריל 1943.

[5] זע אויך באַמערקונגען 21 און 58 צום קאַפּיטל —— די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע זייטן 139 און 163.

[6] אַ באַוואוסטע טורמע אין וואַרשע. פּרטים, וועגן זיין אַנטלויפן פון טורמע זע אין דער אזכרה פאַרצייכעניש.

[7] פון דער פּוילישער רעגירונג; זע אָנהויב פון דעם קאַפּיטל און אויך זייט 198, באַמ. 20.

אַמוניציע. עס זיינען אויסגעפרווט געוואָרן אַלע מעגלעכע וועגן פון השפּעה. גלייכ־צייטיק איז דער פאַרטרעטער פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט געשטאַנען אין אַ טאָג־טעגלעכער פאַרבינדונג מיט דער רעגירונגס־דעלעגאַטור: צוגעשטעלט באַריכטן פון שלאַכט־געביט, צוזאַמען מיטן פאַרטרעטער פון „בונד" צונויפגעשטעלט טעלעגראַמעס פאַר אויסלאַנד, אַלאַרמירט אַלע פאַראַנענע פאַקטאָרן וועגן דער דרינגענדער נויטווענדיקייט צו געבן הילף דעם קעמפּענדיקן געטאָ און דערנאָך — צו ראַטעווען די קעמפער, ווען דער געטאָ איז שוין געשטאַנען אין פלאַמען. דער פאַרטרעטער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע י צ ח ק צ וק ע ר מ אַ ן, און זיין גרופּע מוטיקע מיט־אַרבעטער האָבן געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען כדי צו העלפן זייערע חברים. עס איז אים געלונגען צו אָרגאַניזירן אַ רעטונגס־אַקציע. דידאָזיקע ריזיקאַנטיש־אַדורכגעפירטע אַקציע האָט אַרויסגעראַטעוועט פונצווישן די געטאָ־צייַן 80 קעמפער. אין דער רעטוגס־אַקציע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אויסערגעוויינטלעכן מוט דער יונגער קעמפער ש מ ח ה ר אַ ט ה י י ז ע ר — קאַזשיק. דאַן זיינען אַנטשטאַנען גרויזאַמע שוועריקייטן ביים געפינען אַן אָרט פאַר די געראַטעוועטע קעמפער — טיילווייז אין די וועלדער און טיילווייז אין וואַרשע[8]. צוזאַמען מיט די קעמפער זיינען אַריבערגע־קומען אויף דער אַרישער זייט טוער פון די פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, און אין דער אַטמאָספער פון טעראָר־הערשאַפט איבער דער צעשראָקענער באַפעלקערונג, האָט מען געדאַרפט געפינען פאַר זיי זיכערע ערטער. דורך פאַרשידענע לעכער און קאַנאַלן האָבן זיך אַרויסבאַקומען פון געטאָ־גיהנום אויך „ציווילע", פאַר וועלכע מען האָט געדאַרפט זאָרגן: אויסגעפינען פאַר זיי דירות, באַזאָרגן מיט דאָקומענטן, באַקומען קליידונג און געבן זיי געלט אויף לעבן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ תקופה פון פיבערהאַפטער און ענערגיש־אָנגעשטרענגטער הילפס־אַרבעט. די אַרבעט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן פון טאָג צו טאָג. דער מאַנגל אין געלט־מיטלען האָט געדראָט מיט אַ קאַטאַסטראָפע פאַר הונדערטער מענטשן. אין שטויסונג צוליבן נישט אָנקומען פון ידיעות און געלטער פון אויסלאַנד, האָט דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט געשטורמט מיט טעלעגראַ־מעס די אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד. ענדלעך זיינען אין יוני 1943 אָנגעקומען די ערשטע גרעסערע געלט־סומעס[9]. עס האָט זיך באַלד ווידער אָנגעהויבן אַ שנעלער אויפשטייג פון דער הילפס־אַרבעט, אַן אויסברייטערונג פון די הילף־קעמערלעך. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט אויסגעקליבן אַ פּרעזידיום, אין וועלכן עס

---

[8] וועגן דעם קאַפּיטל דערציילט דער קעמפער שמחה ראַטהייזער, איינער פון די איניציאַ־טאָרן אין הויפּט־אויספירער פון דער אַקציע אויף אַרויסצוראַטעווען די לעבנפאַרבליבענע קעמפער דורך די קאַנאַליזאַציע רערן, אין זיין טאָגבוך, זייט 278 און ווייטער. זע אויך זייט 187, באַמערקונג 2; זייט 244, באַמערקונג 5 און זייט 270, באַמ. 13.

[9] אויספירלעכער וועגן די אָנגעקומענע געלט־סומעס זע זייטן 182 און 204.

זיינען אַריין: ד"ר אַ. בערמאַן, יצחק צוקערמאַן, דניאל כפתור (גוזשיק), זיי האָבן רעפּרעזענטירט די אידעאישע הויפּט־גרופּירונגען אינם קאָמיטעט. אויסער־דעם האָט דער פּרעזידיום צוגעצויגן צו נאָענטער מיטאַרבעט אַ ריי טוער פון פאַרשי־דענע ריכטונגען: אַדוואָקאַט שמעון גאָטעסמאַן פון קראָקע — אַלגעמיינער־ציוניסט, אברהם וואַרמאַן (לפּ"ג) פון לעמבערג — אַ מיטגליד פון השומר הצעיר א.א. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פונם „בונד" אויף דער אַרישער זייט, פאַר סיסטעמאַטישער צוזאַמענאַרבעט אין דער הילפס־און קאַמף־טעטיקייט.

דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט אַ ריי פּראָווינץ־ערטער און לאַגערן; ער אָרגאַניזירט אייגענע קאַדרן פוילישע און אידישע פּראָווינץ־שליחים, וועלכע באַדינען די מערהייט לאַגערן; ער קאָאָרדינירט די הילפס־טעטיקייט פאַר דער פּראָווינץ מיט דעם ראַט־פאַר־הילף; ער גיט אין ראַט די איניציאַטיוו צו שאַפן קרייז־אָפּטיילונגען און אויך אַנדערע, ווי למשל די באַזונדערע אָפּטיילונג פאַר קינדער־הילף. אַ באַזונדערס ענגע פאַרבינדונג האַלטן־אויף דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט און די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע מיט די צוויי גרויסע לאַגערן: פּאָניאַטאָווא און טראַווניקי. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט שיקט אַהין גרעסערע געלט־סומעס און ער האָט אַרויסגעראַטעוועט פון דאָרטן עטלעכע געזעלשאַפטלעכע טוער. די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע אָרגאַניזירט איןביידע לאַגערן קאַמף־אָפּטיילונגען, זי שיקט אַהין אינסטרוקציעס, געלט אויף געווער, רוי־מאַטעריאַל אויף אויסאַרבעטן באָמבעס א.אַ.וו. ממש ביז דער בלוטיקער ליקווידירונג פון די ביידע לאַגערן האָט דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט זיי צוגעשטעלט די ווייט־מעג־לעכסטע הילף; ער איז געווען פאַר די לאַגערן דער איינציקער פאַרבינדונגס־פּונקט מיט דער וועלט. אויך מיט אַ ריי אַנדערע לאַגערן האָבן דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט און די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע איינגעשטעלט אַ רעגולערן קאָנטאַקט און זיי אויפגעמונטערט צו ווידערשטאַנד און זעלבסטהילף.

דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אָרגאַניזירט אַן אַרכיוו, וועלכער איז אַ המשך פונם צענטראַלן אַרכיוו אין געטאָ, ער זאַמלט מאַטעריאַלן און דאָקומענטן. אין מאַי 1944 האָבן זיך געפונען אין אַרכיוו פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אַרום 100 טאָגביכער, רעפּאָרטאַזשן, כראָניקעס, באַריכטן און דאָקומענט־זאַמלונגען פון פאַרשידענע סאָרטן. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט באַווירקט מיט פאַרשידענע מיטלען די אונטערשטיצע, זיי זאָלן באַשרייבן זייערע איבערלעבונגען. אויף אַזאַ אופן זיינען שוין באַקומען געוואָרן אַסך ווערטפולע, אויטענטישע זכרונות־פאַרשרייבונגען. די מאַטעריאַלן פון דעם מין מערן זיך פון טאָג צו טאָג.

אין דער צייט פון יאַנואַר ביז אַפּריל 1944 האָט דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אַדורכגעלעבט אַן אויסערסט־שווערן פּעריאָד צוליב די פאַרפאָלגונגען,

וועלכע האָבן אָנגעריִרט די הויפּט־אָנפירער פונם קאָמיטעט און פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, און די דערשיסונגען פון עטלעכע באַדייטנדיקע מיטאַרבעטער פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. אָבער אפילו אין יענער צייט, ווען דער גאַנצער פּרעזידיום פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט איז געווען פּאַראַליזירט אין זיין אַקטיוויטעט, איז די אַרבעט נישט איבערגעריסן געוואָרן אויף קיין איין טאָג. דאָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען קודם כל דעם שטאַב קרבן־גרייטע און מוטיקע מיטאַרבעטער. צו דעמדאָזיקן הויפּט־קאָדער געהערן: בתיה בערמאַן[10], שמחה ראַטהייזער[11], בעלאַ עלסטער[12], קלימא פוסווערק[13], אַנאַ גאָטעסמאַן[14], אירענאַ געלבלום[15], העלענאַ מערנהאָלץ[16] ד״ר לאָטאַ וועגמייסטער (לפ״ג), יעקב ראָט (לפ״ג), יוסף זיסמאַן[17], ד״ר נינאַ אסאראדאברייי[18] (עשרא דבריא), אַנאַטאָל (מנשה)

---

[10] ד״ר בתיה בערמאַן־טעמקין, די פרוי פון ד״ר אַדאָלף בערמאַן, אַ וויכטיקע טוערין פון די לינקע פּועלי ציון. זי איז געווען זייער אַקטיוו אין אַלע יאָרן פון אידישן אונטערערד. אָנגעפירט איינעם פון די גרעסטע הילפס־צענטערען און אויפגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט די פּוילישע הילפס־קרייזן. זי איז געראַטעוועט, זעצט פאָר איר טעטיקייט אין וואַרשע.

[11] זע זיין טאָגבוך וועגן פאַרלויף פון די שלאַכטן אינם אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, און דאָס אַרויסראַטעווען די לעצטפאַרבליבענע קעמפער, זייט 272 און ווייטער.

[12] אַ טוערין פון די לינקע פּועלי ציון, אַ אינגערע שוועסטער פון פאַלע עלסטער (לפ״ג), געווען שטאַרק טעטיק אין די אונטערערד־יאָרן אַלס וויכטיקע מוטיקע און פאַרדינסטפולע פאַרבינדלערין צווישן דער צענטראַלע און די אָרט־גרופּעס. זי האָט אַקטיוו געאַרבעט אונטערן נאָמען „וואַנדאַ״. צווישן די געראַטעוועטע. זעצט פאָר איר טעטיקייט אין פוילן.

[13] איר ריכטיקער נאָמען איז בלומע, אין דער אונטערערד־צייט האָט זי באַנוצט דעם פּסעוודאָנים „באָגושיאַ״. פאַר דער מלחמה אַ גימנאַזיע־לערערין. אין דער מלחמה־צייט האָט זי געאַרבעט אין „צענטאָס״, אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג פאַר קינדער־פאַרשטעלונגען. זי איז געראַטעוועט און זעצט פאָר איר טעטיקייט אין פוילן, צוערשט אינם צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּוילישע אידן און שפּעטער אַלס לייטערין פון אַ פּוילישן קינדער־טעאַטער אין וואַרשע. זע אויך ד״ר עמנואל רינגעלבלומס בריוו וועגן דער קולטור־טעטיקייט אין וואַרשעווער געטאָ, זייט 311, באַמערקונג 15.

[14] פון דערהיים לאַנדוי, פון קראָקע, די פרוי פון אַדוואָקאַט שמעון גאָטעסמאַן (זע זיין בריוו זייט 236). צווישן די געראַטעוועטע.

[15] פון אַן אַסימילירטער היים. אירע עלטערן גוט־באַזיצער אין מלאַווער געגנט. באַזוכט אַ אידיש־פּוילישע גימנאַזיע אין וואַרשע. אַרום 15 יאָר אַלט ביים אויסברוך פון קריג. אַ מיטגליד פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אַ פאַרבינדלערין צווישן די שטעט. צווישן די געראַטעוועטע. געקומען קיין ארץ־ישראל מיט די מעפּילים אין דער צווייטער העלפט 1946.

[16] זי איז געווען טעטיק אונטער דעם נאָמען סטאַשיאַ קרוליקאָווסקאַ. פון די קרייזן פון דער וואַרשעווער אידישער אינטעליגענץ. איר איז איבערגעגעבן געוואָרן די זאָרג פאַר עטלעכע הונדערט אידן, פון צווישן די, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע און דער אומגעגנט. זי האָט דערפילט איר אויפגאַבע מיט גרויס מסירות־נפש. צווישן די געראַטעוועטע. אַרבעט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון אידן אין פוילן אַלס לייטערין פון דער סטאַטיסטישער אָפּטיילונג.

[17] אַ מיטגליד פון „השומר הצעיר״. פון די בעסטע און נוצלעכסטע פאַרבינדלער פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין דער הילפס־טעטיקייט אויף דער אַרישער זייט. צווישן די געראַטעוועטע.

[18] אַ סאָציאָלאָגיע־אַסיסטענטין אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט. אַ קאָמוניסטין. אָנפירערין פון אַ קעמערל פאַר סאָציאַלער הילף. צווישן די געראַטעוועטע.

מאַטיוויעצקי (נאַסטעק, לפ״ג)[19], האַלינאַ גערטנער[20], פּאַלאַ בוגייסקאַ[21], ריווע (רבקה) מאַשקאָוויטש (לפ״ג), פּרוי פּאָלמאַן (יאַדוויגאַ)[22] — די מוטער פון מאַרעק (לפ״ג), סאָפיאַ קימעלמאַן[23], יאַאַננאַ טיקאָטשינסקאַ[24], יעקב וויערניק[25] עמילקא קאָסאָוער[26]. עטלעכע פון די דאָ־אויבן־אויסגערעכנטע דערפילן אַן אויסערגעווייגטלעך־געפערלעכע דינסט אַלס דעלעגאַטן פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אויף דער פּראָווינץ. אַדאַנק אַט דעם מיטאַרבעטער־שטאַב געלינגט עס דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט צו באַהערשן די כסדרדיקע, טאָגטעגלעכע קריזיסן צווישן זיינע אונטערשטיצטע, וואָס די טויט־סכנה הענגט שטענדיק איבער זייערע קעפּ; שטענדיק געשעען דורכפאַלן מיט זייערע דירות אָדער מיט די דאָקומענטן, און מען מוז זיי דעריבער, נישט געקוקט אויף לעבנס־געפאַר, אַריבערפירן פון אָרט צו אָרט, באַקומען נייע דאָקומענטן, צושטעלן רעגולערע שטיצע, אויסגעפינען פאַרטרוילעכע דאָקטוירים, באַקומען קליידונג א.אַ.וו.

אין מאַי 1944 באַשעפטיקט זיך דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט מיט אַ 5 טויזנט אונטערשטיצטע אין וואַרשע אַליין, אויסער דער פּראָווינץ. ער פירט זיין אַרבעט דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ הונדערט אויפזיכט־קעמערלעך. ער איז געוואָרן די גרעסטע הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַר אידן אינם געביט פון דער הויפּט־שטאָט.

וואַרשע, 24־טן מאַי 1944.

---

[19] אין דער צייטונג „דאָס נייע לעבן”, לאָדזש (19־טער אַפּריל 1945) איז זיין נאָמען געשריבן מאַטיוויעצקי, און אַזוי האָבן מיר אויך געשריבן אין דער אזכרה־פאַרצייכעניש.

[20] זי איז געראַטעוועט. זעצט פאָר איר אַרבעט אַלס סעקרעטאַריאַט־לייטערין אינם צענ־טראַל־קאָמיטעט פון די אידן אין פּוילן.

[21] אַ קאָמוניסטין. צווישן די געראַטעוועטע.

[22] זע זייט 220, באַמ. 6 צום צווייטן בריוו פון החלוץ אין פּוילן צו דער הסתדרות אין ארץ־ישראל.

[23] פון דערהיים לאַנדוי — אין לעמבערג. איר מאַן, ד״ר אָסוואַלד קימעלמאַן, איז געווען אַ באַקאַנטער ציוניסטישער טוער אין לעמבערג, אַ מיטגליד פונם לעמבערגער אידן־ראַט אין דער צווייטער העלפט 1941. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די 320 דערמאָרדעטע אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער, וואָס זייערע נעמען זיינען אין מאַי 1944 אַריבערגעשיקט געוואָרן דורכן אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט קיין לאָנדאָן. וועגן איר גורל האָבן מיר נישט קיין ידיעות.

[24] מיר האָבן נישט באַקומען קיין ידיעות וועגן איר און וועגן איר גורל.

[25] זע זייט 166, באַמ. 65 צום קאַפּיטל — די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

[26] אַ זייער ענערגישע מיידל, געווען אַקטיוו אַלס פאַרבינדלערין, אויך ביים ראַטעווען פון די לאַגערן. צווישן די געראַטעוועטע. איר ברודער מענדל קאָסאָווער — פון די אַלגעמיין־ציוניסטישע טוער אין פּוילן.

אינם דאָקומענט זיינען אויסגערעכנט נאָר די אידישע מיטאַרבעטער. אויך עטלעכע פּוילישע פרויען האָבן אָנטיילגענומען אין דער אַרבעט.

ג. בריוו פון אָרגאַניזאַציעס

1. בריוו פון החלוץ אין פוילן צו דער הסתדרות אין ארץ־ישראל

א. (וואַרשע 15־טער נאָוועמבער, 1943)

צו (י.) טאַבענקין, (מ.) יערי, (א.) דאָבקין — הסתדרות העובדים

שרייבנדיק דידאָזיקע ווערטער, גלויבן מיר נישט, אַז מיר וועלן נאָך ווען־עס־איז זען זיך.ביים היינטיקן טאָג זיינען פון די דריי און אַ האַלב מיליאָן פוילישע אידן איבערגעבליבן קוים צוויי הונדערט טויזנט. ווען איר וועט באַקומען אָט דעם בריוו, וועט מן־הסתם פאַרבלייבן ביים לעבן נישט מער ווי אַ העלפט פון זיי. אין דער לעצטער וואָך אַליין זיינען ליקווידירט געוואָרן די לאַגערן: אין טראַווניקי, פּאָניאַטאָווע, און לובלין. אַ פערציק טויזנט אידן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן.

אונזערע ליידן וועט איר נישט פאַרשטיין, אָדער איר וועט נישט גלויבן, אַז דאָס געשעט טאַקי אַזוי, — כדי צו פאַרשטיין אַזוינס זייענדיק אין לאָנדאָן אָדער אין תל־אביב, מוז מען האָבן אַ קרענקלעכע פאַנטאַזיע. אַלע אידישע לעבנס־געמיינשאַפטן זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד־פלאַך. זייערע איינוואוינער זיינען אומגעקומען אין די מאָרד־לאַגערן אין טרעבלינקע, סאָביבאָר, בעלזשעץ און אָשוויענטשים.

כדי עס זאָל פאַרבלייבן אַן אָנדענק פון די, וועלכע האָבן מיט געווער אין האַנט געקעמפט געגן שונא, שרייבן מיר אייך וועגן די לעצטע טעג פון פוילישן החלוץ און פון זייערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס — דרור (פרייהייט־החלוץ הצעיר), השומר הצעיר, עקיבא, גורדוניה. די געשיכטע פון החלוץ אין אָט דער תקופה איז אין אַ גרויסער מאָס אויך די געשיכטע פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אין דער ערשטער צייט פון דער פאַרניכטונגס־אַקציע האָבן עקזיסטירט הונדערטער אונזערע אָרגאַניזאַציע־קעמערלעך אין די אידישע ישובים.

פינף קיבוצים זיינען געווען אין וואַרשע — צוויי פון זיי, אויף דער אַרישער זייט — „גראָכאָוו" און „טשערניאַקאָוו"; דריי — אין טשענסטאָכאָוו; צוויי — אין ביאַליסטאָק. עס זיינען אויך געווען קיבוצים אין ווילנע, זשאַרקי, אָסטראָוויעץ, הרוביעשאָוו און בענדין [1]. אויסערדעם האָבן מיר געהאַט אַ גרעסערע צאָל לאַנדווירט־שאַפטלעכע פונקטן פאַר סעזאָן־אַרבעטן.

---

[1] די חברים פונם קיבוץ אין זשאַרקי זיינען שפּעטער אַריבערגעפירט געוואָרן, טיילווייז אין טשענסטאָכאָווער קיבוץ און טיילווייז אין בענדינער קיבוץ. די חברים פון קיבוץ אין אָסטראָוויעץ זיינען אַריבער — איין טייל אַלס קאַמף־גרופּע פון „דרור" צו דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין קראָקע, און אַ צווייטער טייל, אונטער דער אָנפירונג פון בערל ב ר ו י ד ע, צו דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע. די חברים פון קיבוץ אין הרוביעשאָוו האָבן

אונזערע קיבוצים זיינען שפּעטער געוואָרן די נעסטן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד אין אַלע שטעט. אויב דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד בעת דער ערשטער ליקווי־דירונגס־אַקציע אין געטאָ — אין יולי—סעפּטעמבער 1942 — איז געווען אַזאַ קנאַפּער, טראָגן מיר די ווינציקסטע שולד דערפאַר. עס האָבן געווירקט פאַרשידענע פאַקטאָרן: אויסערלעכע און אינערלעכע.

אויב די צווייטע „אַרויסשיקונגס״־אַקציע, אין יאַנואַר 1943, און באַזונדערס די ענדגילטיקע ליקווידירונגס־אַקציע אין וואַרשע, אין אַפּריל 1943, און אויך די ווייטער־דיקע אַקציעס אין ביאַליסטאָק און אין ווילנע און אין טשענסטאָכאָוו זיינען אַריין אין אונזער לעגענדאַרישן פרייהייטס־קאַמף — איז דער פונדאַמענט געווען דער האָפנונגס־לאָז־העלדישער קאַמף פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, פאַר וועלכן אונזער באַוועגונג האָט באַצאָלט מיטן בלוט פון כמעט אַלע אונזערע מענטשן — קאָמענדאַנטן און זעלנער פון דער קאַמף־אַקציע.

פון וואַרשע האָבן מיר אָרגאַניזירט די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין די אַנדערע שטעט. אונזערע שליחים האָבן אומעטום אָרגאַניזירט די יוגנט צום באַוואָפנטן קאַמף און זיי אַליין זיינען געפאַלן אין דידאָזיקע קאַמפן. אין דער ליסטע, וואָס מיר שיקן אייך דאָ, געפינען זיך נאָר נעמען פון אונזער צענטראַלן אַקטיוו, וועלכער איז אומגעקומען אין קאַמף מיטן אָקופּאַנט. אברהם געוועלבער[2] וועט אייך העלפן פונאַנדערקלייבן זיך אין די נעמען פון די אויסגערעכנטע מענטשן.

ביאַליסטאָק: מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף, צבי מערסיק, חנה (חנוך) זשעלאַזנאַגוראַ, צבי ראָזענטאַל, רופּטשאַק פון סוכאָוואָליע (ראובן ראָזענבערג), זרח (זילבערבערג), חיה׳קע[3].

בענדין: הערש שפּרינגער, פרומקע פּלאָטניצקא, צבי בראַנדעס.

וואָלין: עדעק (יצחק) גאָלאָוונער, פיש לאה, שוואַרץ שיינדל, רחל פאָגעלמאַן, אייזענבערג דוד, הירש פּלאָטניצקי.

ווילנע: אבא קאָוונער[4].

דערנאָך געבילדעט די „ערשטע פּאַרטיזאַנקע״ (אַזוי האָט מען אין פּוילישן דיאַלעקט גערופן די פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונג) אין די הרובישאָווער וועלדער, און אַלע ווי איינער זיינען זיי אומגעקומען צוזאַמען מיט דער גרויסער גרופּע „דרור״־קעמפער פון וואַרשע, וועלכע זיינען געקומען צו זיי אויף פאַרשטאַרקונג. וועגן דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע זע אויך באַמ. 27 צום קאַפּיטל „די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע״ זייט 142; וועגן קיבוץ אין טשערניאַקאָוו זע די אזכרה־פאַרצייכניש וועגן לאה פערלשטיין; דער קיבוץ אין גראָכאָוו (אַ 7 קילאָמעטער פון וואַרשע) איז באַנייט געוואָרן אָנהויב 1940, האָט אָבער שפּעטער געמוזט ליקווידירט ווערן.

[2] אַן אַקטיווער החלוץ־טוער, וועלכער איז אין אָנהויב פון דער מלחמה אַנגעקומען קיין ארץ־ישראל. איצטער געפינט ער זיך אין קיבוץ משמר־הים.

[3] דאָס ווערט געמיינט חיה׳קע גראָסמאַן (זע באַמ. 4 צום קאַפּיטל „די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע״, זייט 129). זי איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער ליסטע, ווייל די שליחים האָבן זי דאַמאָלסט נישט געפונען און זיי האָבן געמיינט, אַז זי לעבט נישט.

[4] זע זייט 145, באַמ. 30 צום קאַפּיטל „די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע״.

טשענסטאָכאָוו: רבקה גלאַנץ, מאַניעק וויניצקי, סלאָמניצקי נטע, גליקמאַן יהודה (געמיינט: גליקשטיין יהודה).

קראָקע: דאָלעק (אהרן) ליבעסקינד, לאָבאַן לייבאָוויטש (אברהם לייב), שימעק (שמשון) דרענגער, יצחק סימפּלאַק.

אין אָשוויענטשים געפינען זיך: בעלאַ פון ראָזשישטש[5] — בענדינער קיבוץ, חוה׳קע פּאַלמאַן[6], לאָנקאַ קאָזשיבראָדזקאַ — לעבט נישט.

אין וואַרשע: חנה׳טשע פּלאָטניצקאַ, גדליה גרשוני, יוסף קאַפּלאַן, ישראל זעלצער, ליוטעק (לייב) ראָטבלאַט, מרדכי אַניעלעוויטש, לאה פּערלשטיין, בערל ברוידע, שאול דאָבוכנאַ, מאַרעק (מאָטל) פּאַלמאַן, שרה גראַנאַטשטיין, ברעסלער (בראַסלאַוו) שמואל, רובענטשיק משה, טעמע שניידערמאַן, גוטקאָווסקי (אליהו), רייכגעווירץ מאַניעק, צאַמערעט חדוה (וואַכנהויזער צמרת), מרים היינסדאָרף, מיראַ פּירער (מיראַ פּוכרער), יהודה וועגגראָווער, טאָסיאַ אַלטמאַן, אריה ווילנער, שעלובאָווסקאַ שרה[7], שמעון העלער[8].

די ליסטע איז נישט קיין פולע. היט זייער אָנדענק.

ביז צום היינטיקן טאָג פירן מיר אַן אַקטיווע צוזאַמענאַרבעט מיטן אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און מיט דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פונם „בונד", וואָס מיר זיינען געווען זייערע שעפער און איניציאַטאָרן אין דער אַקציע פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און אויך אין דער הילף־אַקציע.

אין 1942 זיינען אַרויסגעפאָרן קיין סלאָוואַקיע אַ 50—60 אונזערע מענטשן[9]. דאָרטן האָט זיי אָנגעטראָפן אַ ליקווידירונגס־אַקציע. אַ טייל פון זיי האָט זיך אַדורכגעשמוגלט קיין אונגאַרן. ווער פון זיי האָט זיך דערשלאָגן קיין ארץ־ישראל? מיר באַמיען זיך ווידער אַרויסצושיקן אַ געוויסע צאָל אידן קיין אונגאַרן. ד״ר שוואַרצבאַרט האָט אונז געשריבן וועגן פאַרבינדונגען מיט בודאַפּעשט. צי דאַרפן מיר דערוואַרטן קאָנקרעטע הילף פון דאָרטן?

[5] בעלאַ (בראָניאַ) חזן פון ווילנע, זי האָט אַדורכגעפירט אונטערערד־שליחותן אין די ערשטע יאָרן פון דער נאַצישער אָקופּאַציע אין גראָדנע, ביאַליסטאָק א.אַ. ערטער. דעם 12־טן יולי 1942 איז זי אַרעסטירט געוואָרן אין מאַלקיניאַ, ביי ביאַליסטאָק, און זי איז געווען אַרעסטירט, אַלס אַריערין, פריער אין דער „פּאַוויאַק"־טורמע אין וואַרשע און דערנאָך — אין אָשוויענטשים. זי איז געראַטעוועט, געקומען קיין ארץ־ישראל

[6] זע זייט 221, באַמערקונג 8, צום בריוו ב׳ פון החלוץ.

[7] על־פּי־טעות איז זי אַריינגענומען געוואָרן אין דער ליסטע פון געפאַלענע. זי איז געראַטעוועט. זע אויך זייט 326, אין אַריינפיר צו די אזכרה־פאַרצייכנישן.

[8] וועגן אַלע דערמאָנטע אין דעם בריוו, אַחוץ יענע אויף וועלכע עס באַציען זיך די באַמערקונגען 3—7, זע ליסטע פון געפאַלענע (לפ״ג).

[9] פון דערדאָזיקער צאָל חברים, וועלכע זיינען דאַמאָלסט אַרויסגעפאָרן פון פוילן (אגב, נישט אין יאָר 1942 נאָר הויפּטזאַכלעך אין יאָר 1941), איז נישט אַלעמען געלונגען אָנצוקומען קיין סלאָוואַקיע. פונצווישן זיי זיינען אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל נאָר 12 חברים פון די פאַרשידענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

לייענענדיק אונזער בריוו זאָלט איר נישט מיינען, אַז מיר האָבן זיך גייסטיק איינגעבראָכן אָדער מיר זיינען אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג. מיר קוקן נאָר ניכטער אויף דעם אומפאַרמיידלעכן גורל. מיר ווייסן, אַז איר וואָלט געטון אַלץ כדי צו ראַטעווען אונז. מיר ווייסן אויך, אַז איר זייט מאַכטלאָז. עס איז אונז לייכטער צו שטאַרבן ויסנדיק, אַז עס וועט זיין אַ פרייע וועלט און גלויבנדיק, אַז ארץ־ישראל וועט ווערן דאָס היימלאַנד פון אידישן פאָלק.

אײַערע צביה (לובעטקין), יצחק (צוקערמאַן)

פ. ס. אליעזר געלער (לפ"ג) איז אַרויסגעפאָרן אינם לאַגער פאַר אויסלענדישע אידן אין בערגען ביי האַנאָווער (בערגען־בעלזען). מיר האָבן נישט פון דאָרטן קיין שום ידיעות. גיט־צו־וויסן אהובה לובעטקין אין בן־שמן און שרה צוקערמאַן אין רמת־הכובש, אַז מיר לעבן [10].

וואַרשע, דעם 15־טן נאָוועמבער 1943

ב. (וואַרשע, 24־טער מאַי, 1944)

צו (א.) דאָבקין, (י.) טאַבענקין, (מ.) יערי, (י.) באַראַץ — תל־אביב.

טייערע חברים,

עס איז שוין פאַרביי אַ יאָר נאָך דעם העלדישן פאַרטיידיקונגס־קאַמף פון וואַרשעווער געטאָ. צוזאַמען מיט דער גאַנצער וועלט האָבן מיר געפייערט אינם אונטער־ערד דעם יאָרטאָג און באַערט דעם אָנדענק פון די געפאַלענע. און געפאַלן זיינען כמעט אַלע. פון אונזער גרויסער משפחה זיינען נאָר איינצלנע לעבנגעבליבן. אין אַלע ערטער וואו עס זיינען פאָרגעקומען די קאַמפן, צי אין וואַרשע און ביאַליסטאָק, וואו זיי האָבן דערגרייכט דעם הויכפונקט און זיינען געווען לאַנגדויערנדיקע, צי אין טשענסטאָכאָוו און בענדין, וואו די קאַמף־גרופעס האָבן זיך פאַרטיידיקט ווי ווייט זיי האָבן געקענט מיט די פאָר פיסטאָלעטן זייערע, אָדער אין קראָקע און אין טאַרנע, וואו אונזערע גרופעס האָבן דורך שווערע פאַרטיזאַנישע קאַמפן געהויבן דעם כבוד פון פאָלק — אומעטום זיינען מיר געשטאַנען אינדערשפיץ פונם ווידערשטאַנד־קאַמף. 60 פראָצענט פון די קעמפער אין וואַרשע זיינען געווען אונזערע חברים. די עלף גרעסטע קאַמף־גרופעס — פון דער אַלגעמיינער צאָל 22 — זיינען געווען חלוצישע. דער קאָמענ־דאַנט פון דער וואַרשעווער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכער איז געפאַלן אויף זיין פאָסטן, איז געווען אונזער חבר מרדכי אַניעליעוויטש — מאַריאַן (לפ"ג). אין די איבעריקע שטעט האָבן מיר געקעמפט כמעט אַליין.

דעם 17־טן אויגוסט ה.י. (1944) ווערט אַ יאָר נאָך די קאַמפן אין ביאַליסטאָק.

---

[10] שוועסטער פון די צוויי געהתמעטע אויפן בריוו.

וואָס אין הינזיכט פון פאַרביסנקייט, דויערהאַפטיקייט און פאַרנעם זיינען זיי נישט געווען קלענער פון די קאַמפן אין וואַרשע. אינדערשפּיץ פונם אויפשטאַנד אין ביאַ־ליסטאָק איז געשטאַנען מרדכי ט ע נ ע נ ב ו י ם — טאַמאַראָף (לפ״ג). עס זיינען געווען קלאַנגען, אַז די דייטשן האָבן אים אַוועקגעפירט אין לובלינער קאָנצענטראַציע־לאַגער. אָבער די קלאַנגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס פאַלשע. אויב ביי די קומענדיקע דורות וועט פאַרבלייבן אַן אָנדענק פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, גלויבן מיר, אַז דער פּוילישער „החלוץ״ וועט נישט פאַרגעסן ווערן. מיר זאָגן אָן איבערטרייבונג: אין די טעג פון אומקום און טויט האָט דער החלוץ מאַרשירט בראש פון די אידישע מאַסן אין פּוילן. ער איז געווען סיי די האַנט און סיי דער מוח ביי אַלע אידישע אונטער־נעמונגען. אין די גרויזאַמסטע מאָמענטן האָט ער דערפילט זיין אויפגאַבע ביים פאַר־טיידיקן זיין פאָלק. מיר זיינען געווען די עדות דערפון. דאָס ביסל נאָך־לעבנגעבליבענע חברים אונזערע ווערט קלענער פון טאָג צו טאָג. וו אַ ר מ אַ ן (אברהם, לפ״ג) איז אַרויס אין גאַס און איז מער נישט צוריקגעקומען. יעקב פ י י ג ע נ ב ל אַ ט (לפ״ג) און גוטאַ ק אָ וו ע נ אָ ק י (קב־ונקי, לפ״ג) זיינען געכאַפּט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ. מיט געוועהר אין האַנט זיינען זיי געפאַלן[1]. אין טשענסטאָכאָווער קרייז איז צעקלאַפּט געוואָרן אונזערע אַ פאַרטיזאַנער־גרופּע און נאָר איינצלנע האָבן זיך געראַטעוועט. אין אַ ריי לאַגערן געפינען זיך קלענערע גרופּעס אונזערע חברים — אין טשענסטאָכאָוו, אין סקאַרזשיסק. לעצטנס איז אונז געלונגען אַנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט סטאַראַ־

---

[1] זיי זיינען געקומען פון דער פאַרטיזאַנער־גרופּע אין די ווישקאָווער וועלדער, ווייל גוטאַ ק אָ וו ע נ אָ ק י איז קראַנק געוואָרן און יעקב פ י י ג נ ב ל אַ ט האָט זי באַגלייט. צו זיי איז צוגעשטאַנען זיגמונט א י ג ל אַ (אַלע דריי —— לפ״ג), וועלכער האָט געדינט אַלס פאַרבינדלער פונם „בונד״. אין וואַרשע האָבן זיי זיך געפינען אין דער דירה פונם פאָליאַק יאַבלאָנסקי, דער הויזוועכטער פונם הויף אויף פּרוזשנע גאַס 14. די געסטאַפּאָ האָט אויסגעפונען זייער באַהעלטניש און איז געקומען זיי אַרעסטירן. עס איז אויסגעבראָכן אַ פאַרביטערטע שלאַכט און אַלע דריי האָבן זיך העלדיש פאַרטיידיקט. די געסטאַפּאָ האָט געמוזט אַרויסרופן הילף — זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט אַ מאַשינגעווער קעגן די דריי אידישע קעמפער, וואָס האָבן געשאָסן ביזן לעצטן קויל איידער זיי זיינען געפאַלן. יענער באַהעלטעניש־אָרט, וועלכער האָט אַ לאַנגע צייט געדינט ווי אַ שוץ־אָרט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, איז אַנטדעקט געוואָרן, ווייזט אויס, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַרעסטירונג פון איינעם מיטן נאָמען נאַטעק — וועלכן מען האָט אויך גערופן יוזעק לאַנטשניק („לאַנטשניק״ — פּויליש אַ פאַרבינדלער; נאַטעק — אַ איד פון דער פּוילישער סקויטן־אָרגאַניזאַציע „האַרצעזש״), וועלכער האָט מיטגעהאָלפן דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ער איז אַרעסטירט געוואָרן, ווייל מען האָט אים געמסרט, און די געסטאַפּאָ־לייט האָבן אים שרעקלעך געפייניקט; עס קען זיין, אַז ער האָט זיי איבערגעגעבן אַדרעסן אָדער זיי האָבן ביי אים געפינען אַזאַ ליסטע, — די געסטאַפּאָ איז געקומען צוזאַמען מיט אים אויף פּרוזשנע 14. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דערמאָנטן נאַטעקס אַרעסט, זיינען אַדורכגעפאַלן אַרום 40 מענטשן פון אידישן אונטערערד. דער דערמאָנטער פאָליאַק יאַבלאָנסקי איז געפייניקט געוואָרן פון געסטאַפּאָ, און הגם ער האָט געוואוסט וועגן אייניקע דירות פון אידישן אונטערערד, האָט ער קיינעמען נישט אויסגעגעבן. ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין טשעכאָסלאָוואַקיע און עס זיינען נישטאָ קיין ידיעות וועגן זיין ווייטערדיקן גורל. זע אויך: זייט 279, באַמ. 10, טאָגבוך פון שמחה ראַטהייזער.

כאָוויצע[2], וואו עס געפינט זיך, צוזאַמען מיט אַ קליינער גרופּע, קלמן ט ש ע ר נ י אַ ק אָ ו ו ס ק י[3]. קיין לעמבערג האָבן מיר עטלעכע מאָל אַרויסגעשיקט געלטער, אָבער די פאַרבינדונג איז זייער אַ שוואַכע. מיר ווייסן, אַז אין ווילנע געפינט זיך אבא ק אָ ו ו נ ע ר[4]. אונזערע פּרוּוון צו פאַרשטענדיקן זיך מיט אים זיינען ביז איצט געבליבן אָן רעזולטאַטן. פאַראַיאָרן זיינען אליעזר ג ע ל ע ר און ישראל ק אַ נ אַ ל (ביידע לפ״ג), צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים, אַרויסגעפאָרן אויפן גרונט פון אויסלענדישע דאָקומענטן אינם לאַגער בערגען (בערגען־בעלזען) ביי האַנאָווער. מיר האָבן נישט פון זיי קיין שום ידיעות. מיר זיינען זייער באַאומרואיקט וועגן זייער גורל. אינטערוועניִרט פאַר זיי. עד־היום באַטייליקן מיר זיך אַקטיוו אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע שטעלט צו געווער אין די אידישע לאַגערן און דערפילט אויך אויפגאַבן פון סאָציאַלער הילף. אינדערשפּיץ פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע שטייט אונזער אַ חבר[5]. מיר ווילן איצטער נישט אויסרעכענען די נעמען פון הונדערטער אונזערע חברים, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפן, און פון די אַלע, וועלכע אַרבעטן נאָך ביז איצט אומאויפהערלעך ביי די שרעקלעכסטע באַדינגונגען, דערפילנדיק זייער פליכט פאַר דער באַוועגונג און פאַרן פאָלק.

מיר ווילן נאָר דערמאָנען די מוטער פ אָ ל מ אַ ן — יאַדוויגאַ[6], וועלכע אַרבעט צוזאַמען מיט אונז: אירע דריי קינדער האָט זי געבראַכט אַ קרבן אויפן מזבח פון אונזער נאַציאָנאַלן כבוד. דעם עלטסטן זון וו אָ ל ף (לפ״ג) האָט זי פאַרלוירן אין אַ פּאַרטיזאַנער־קאַמף געגן די דייטשן אין טשענסטאָכאָוו[7]. דער אינגערער מ אַ ר ק (לפ״ג), וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט אינם ווידערשטאַנד־קאַמף פון טשענסטאָכאָווער געטאָ, איז אומגעקומען שפּעטער ביי אונזער אונטערערדישער אַרבעט. און די אינגסטע,

---

[2] 17 קילאָמעטער פון סקאַרזשיסק.

[3] פון אָפּאַטאָוו־קיעלעצקי, 17 יאָר אַלט אין אָנהויב פון דער מלחמה, אַן אַקטיווער חבר פון „פרייהייט—החלוץ הצעיר״. ער איז געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אין זיין שטעטל, און פון אָקטאָבער 1942 — אינם אַרבעטס־לאַגער סטאַראַכאָוויצע. ער איז געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן און אַקטיווער פירער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין יענעם לאַגער. סוף יולי 1944 האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אַריבערפירן די אין לאַגער־פאַרשפּאַרטע צו מערב־צו. אַ 300 פון זיי האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און האָבן אין קליינע גרופּעס אַדורכגעשלאָגן זיך אַ וועג אין די וועלדער אַריין. ער אָבער איז געווען צווישן די 1500 לאַגעריסטן, וועלכע זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן קיין אָשוויענטשים און פון דאָרט קיין דייטשלאַנד. האָט זיך געראַטעוועט און איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל.

[4] זע זייט 145, באַמ. 30 צום קאַפּיטל „די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע״.

[5] יצחק צ וּ ק ע ר מ אַ ן.

[6] איר נאָמען ווערט אַסך מאָל דערמאָנט צווישן די אַקטיווע טוער אין וואַרשעווער אידישן אונטערערד. אַ פרוי פון שטאַרקן מוט און גוטן כאַראַקטער, אַ דרייסטע און באַגייסטערטע. איר הויז איז אַ לאַנגע צייט געווען דער צונויפקום־אָרט פאַר דעד אונטערערדישער באַוועגונג. זי איז געראַטעוועט און אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל.

[7] וואָלף איז געפאַלן אין ראַדאָם־קיעלצער געגנט; זיין אינגערער ברודער מאַרק (מאָטל) אין טשענסטאָכאָוו, וועגן ביידע זע ליסטע פון געפאַלענע (לפ״ג).

די 17־יעריקע בת־יחידה, חוה׳קע [8], וועלכע האָט אָנטיילגענומען אין דער נקמה־אַקציע אין קראָקע, געפינט זיך איצט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין אַשוויענטשים. די מוטער זעצט־פאָר שטאָלץ די צוזאַמענאַרבעט מיט אונז און ברענגט הילף הונדערטער אידן אין זייער אונטערערדישן לעבן.

און נאָך איינעם ווילן מיר דערמאָנען: אונזער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן (לפ״ג). בשעת דער צווייטער ליקווידירונג־אַקציע אין געטאָ און דעם ערשטן ווידער־שטאַנד־קאַמף פון וואַרשעווער געטאָ — 18—21 יאַנואַר 1943 — האָט ער נישט מסכים געווען אויסצובאַהאַלטן זיך און צוזאַמען מיט זיין זון דוב [9] — די פרוי (חנה, פון דער היים ראָזענבערג) און די אינגערע קינדער (בן־ציון און בנימין) האָט ער פאַרלוירן בשעת דער ערשטער ליקווידירונגס־אַקציע — האָט ער מיטגעקעמפט מיט אונזערע קאַמף־גרופּעס און פאַרטיידיקט דעם כבוד פון פאָלק צוזאַמען מיט אונז.

פאַראַיאָרן איז ער צוזאַמען מיט זיין זון דוב (צבי) אַרויסגעפאָרן אינם לאַגער פאַר אויסלענדער אין וויטעל. מיר האָבן נישט פון אים קיין שום ידיעה. זעט, זאָרגט פאַר אים.

איינצלהייטן וועגן אונזער לעבן און אַרבעט וועט איר געפינען אין די אַלגעמיינע בריוו און באַריכטן, וואָס מיר שיקן אייך איבער.

שרייבט אונז אויספירלעך וועגן אייער לעבן. ביז איצט האָבן מיר נישט דער־האַלטן קיין שום בריוו פון אייך.

אין די מאָמענטן, ווען עס איז גאָר נישטאָ אַזאַ גרויסע נאַציאָנאַלע טראַגעדיע און אפשר האָבן אויך אונזערע היסטאָרישע פּערספּעקטיוון צו זיך קיין גלייכן נישט, זיינען מיר, די פון־היימלאַנד־אָפּגעריסענע און אונטערערדיש־פאַרשטעקטע, אַדורכגע־דרונגען מיט דער האָפנונג און מיטן גלויבן, אַז אין רעזולטאַט פון דידאָזיקע בלוטיקע געראַנגלען פון דער מענטשהייט וועלן אונזערע אָנשטרענגונגען און אונזער פאַרגאָסן בלוט נישט זיין אומזיסט.

---

[8] געבוירן אין וואַרשע. אין דער אונטערערד־תקופה איז זי געווען אַ סעקרעטאַריאַט־מיט־גלידערין פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון „פרייהייט—החלוץ הצעיר״. חוה׳קע האָט אויס־געפירט די גע‍פערלעכע אויפגאַבע פון אַ פאַרבינדלערין צווישן די געטאָס. זי איז געווען פון די וויכטיקע פאַרבינדלערינס פון דער באַוועגונג און פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. זי איז געווען צוזאַמען מיט יצחק צוקערמאַן אין קראָקע דעם 23־טן דעצעמבער 1942, ווען די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אַדורכגעפירט איר געוואַגטן איבערפאַל אויף די דייטשן אין קראָקע. זי איז דאַן אַרעסטירט געוואָרן, און פון דאַמאָלסט אָן געהאַלטן געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. זי האָט זיך געראַטעוועט אַדאַנק אירע אַרישע דאָקומענטן און איר אַר׳ישן אויסזען. ביז נאָוועמבער 1944 האָט זי, טראָץ איר געפינען זיך אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, אויפגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט דעם אידישן אונטערערד. נאָכן צוזאַמענבראָך פון דייטשלאַנד, איז זי אָנגעקומען צוזאַמען מיט די געראַטעוועטע פון די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן קיין שוועדן. שפּעטער צוריק אַוועק קיין פּוילן און פאָרגעזעצט איר אַקטיווע געזעלשאַפט־לעכע טעטיקייט ביז צו איר עליה קיין ארץ־ישראל אין הערבסט 1947.

[9] עס איז אַ טעות, עס דאַרף זיין: צבי (לפ״ג).

אין נאָמען פון די לעבנגעבליבענע שיקן מיר ברידערלעכע גרוסן דעם ישוב, דער הסתדרות העובדים, די קיבוצישע באַוועגונגען און אַלע ברידער און שוועסטער. די קעמפער שיקן אַ גרוס אַלע אידישע קאַמף־סאָלדאַטן, וועלכע קעמפן אויף אַלע פראָנטן געגן געמיינזאַמען שונא. דעם „אף על פי כן" האָבן מיר נאָך נישט פאַרגעסן.

אייערע

צביה (לובעטקין), יצחק (צוקערמאַן), טוביה באָזשיקאָווסקי [10]

שמחה ראַטהייזער גריסט פייגע פאָזנאַנסקאַ, נחמה (נחמן) אַנקער און מאָטעק (מרדכי) שטיין [11].

[10] זע זיין „טאָגבוך" אין דעם בוך, זייט 286.

[11] זיינע יוגנט־פריינט פון וואַרשע, וועלכע געפינען זיך אין ארץ־ישראל. אונז איז בשעתו געלונגען צו פאַרבינדן זיך נאָר מיט די לעצטע צוויי.



דאָס אָרט וואו עס איז געווען דער הויפּט־בונקער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף מילע 18, אין וועלכן עס זיינען געפאַלן דעם 8־טן מאַי 1943 (שבת, ג׳ באייר תש"ג) מרדכי אַ נ י על י ע ווי ט ש און נאָך צענדליקער מוטיקע קעמפער, דער שטאָלץ פון דער אידישער קאַמף אָרגאַניזאַציע (פאָטאָגראַפירט אין 1946).

2. בריוו צום איחוד־עולמי פועלי־ציון (צ.ס.) — התאחדות פון דער פּאַרטיי אין פּוילן

א. (וואַרשע, 15־טער נאָוועמבער 1943)

צו (ב.) לאָקער, (א.) רייס, (מ.) ניישטאַדט
לאָנדאָן—תל־אביב

טייערע,

די טעלעגראַמעס פון לאָקערן און פון שוואַרצבאַרטן און אויך פונם ישוב־קאָמיטעט (ועד ההצלה פון דער אידישער אַגענץ אין ארץ־ישראל) האָבן מיר דער־האַלטן. עס מונטערט אונז זייער אויף די ידיעה וועגן דער אַנטוויקלונג פונם ארץ־ישראל־אויפבוי, וועגן דער קאַמף־באַטייליקונג פון אידישע מיליטערישע איינהייטן אויף אַלע פראָנטן, וועגן דער האָפנונג צו באַקומען אינגיכן פולע אומאָפּהענגיקייט. הלואי זאָלן אונזערע טרוימען מקויים ווערן אין דער נאָענטער צוקונפט, כאָטש די באַפרייאונג וועט קומען אַ פאַרשפּעטיקטע, נאָכן בלוטיקן פאַרלירן קרוב אַ דריטל פון אונזער פאָלק.

ווייניק זיינען מיר פאַרבליבן. עס זיינען אומגעקומען כמעט אַלע אונזערע עסקנים און אַקטיווע מיטהעלפער, — צווישן זיי[1]: יוחנן מאָרגענשטערן, ראַ־דונסקי (דוד), פישלזאָן (אברהם מרדכי), ליכטשיין (משה), אַדוואָקאַט קאַץ (לייב), סיטנער (יעקב דוד), רחל שטיין און איר מאַן (אַריה), אינ־זשיניער פייגענבוים (לעאָן), ד״ר שענקער (שמואל), פּשעפּיורקא (אברהם), גוטקאָווסקי (אליהו), פּאַזשענטשעווסקי (אברהם), אָפּאָ־טשינסקי (פרץ), העכטקאָפּ (שיינדל), מאיראָוויטש (מאיר־מאַרעק), מאַרק (מאָטל) פּאָלמאַן, לאופער (שמאי).

פון די נאָך־לעבנגעבליבענע געפינען זיך אייניקע אין אָפּגעשלאָסענע לאַגערן און זייער גורל איז אַ געחתמטער: סערייסקי (פסח, לפ״ג), שמידט (אברהם, באָרוכאָוויטש (מיכאל מ. באָרוויטש)[2] פון קראָקע.

[1] וועגן אַלע ווייטער־דערמאָנטע זע — ליסטע פון געפאַלענע (לפ״ג).

[2] אַן אַקטיווער טוער פון פועלי ציון (צ.ס.) אין מערב גאַליציע. אין דער יוגנט איז ער געווען טעטיק צווישן די פוילישע סאָציאַליסטן און דערנאָך אַריבער צו דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אויפן 21־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין זשענעוו, אין יאָר 1939, געווען אַ דעלעגאַט פון דער פועלי ציון (צ.ס.) פאַרטיי אין קראָקע. איינער פון די באַגאַבסטע אידיש־פוילישע שרייבער. פאַרן קריג רעדאַגירט אַ ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע וואָכנשריפט און פאַרעפנטלעכט (פויליש) אייניקע ליטעראַרישע ווערק: „בזשאָזאָווסקי און מאַלעראָ״, „די פיזיאָלאָגיע פון פאַרצווייפלונג און ניהיליזם״, „ליבע און ראַסע״ און אַנדערע. בעתן קריג איז ער אַ יאָר צייט געווען אין טויט־לאַגער אין לעמבערג אויף יאַנאָווער־גאַס (זע זייט 170, באַמ. 1). אויך אינם לאַגער איז ער געווען טעטיק. ס׳איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון דער תליה, ווען דער שטריק איז שוין געווען אויף זיין האַלז. שפּעטער געווען קאָמענדאַנט פון די פאַרטיזאַנער

עס לעבט ד״ר פעקערס טאָכטער [3], מיר העלפן איר.

אונזערע איבריקע לעצטפאַרבליבענע לעבן אין שוידערלעכע באַדינגונגען, דער טויט דראָט אָן אויפהער.

יעדן אַדורכגעלעבטן טאָג באַטראַכטן מיר נאָר אַלס צופאַל. אָבער דער טויט איז אונז געוואָרן צו היימיש, אַז מיר זאָלן פאַר אים מורא האָבן. אונזערע לעבנס־באַדינגונגען אין לעצטן יאָר, וואָס לגבי זיי איז דער דאַנטישער גיהנום אַן אידיליע, האָבן ביי אונז אויסגעבילדעט אַ נייע מענטאַליטעט, אַ נייע פּסיכישע איינשטעלונג. אויב מיר האָבן אַ פאַרדינסט באַשטייט ער אין דעם, וואָס נישט געקוקט אויף אַלץ און טראָץ אַלעם, האָבן מיר איינגעהיט דעם מאָראַלישן־אידעאישן כוח, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אַלע אונזערע מעשים. אגב, איז דער פאַרדינסט נישט אונזערער, נאָר אַ רעזולטאַט פון די ווערטן, וועלכע זיינען איינגעזאַפּט געוואָרן אין אונזער בלוט.

אָט־די ווערטן האָבן געווירקט דערויף, וואָס פון אונז, פונם לאַגער פון אַרבעטענדן ארץ־ישראל איז אַרויס די איניציאַטיוו פון ווידערשטאַנד און קאַמף.

מיר שיקן „חזק־ואמץ״־גרוסן אונזערע ברידער, וועלכע קעמפן און טוען פאַר אַ געמיינזאַמען בעסערן מאָרגן אין אויפגעלעבטן ארץ־ישראל.

אין אונזער תהום געפינען מיר שטאַרקונג אינם געדאַנק און אין גלויבן, אַז דאָרטן בויט איר אין אומאויפהערלעכער מי אונזער פרייע, סאָציאַליסטישע ארץ־ישראל.

וואַרשע, 15־טער נאָוועמבער 1943

יוסף סאַק, לייזער לעווין, שלום גראַיעק
צביה (לובעטקין), יצחק (צוקערמאַן)

פ. ס. מיר גריסן אריה׳ן (טאַרטאַקאָווער) און די חברים און אויך אַלע פריינט. גראַיעק גריסט.... (די פאַמיליע־מיטגלידער פון א. רייס און ח. העניג [4]).

אָפּטיילונגען פון פ.פּ.ס. אין דער געגנט פון קראָקע, און אַלס מאַיאָר, קאָמענדאַנט פון 10 אונטערערדישע קאַמף־גרופּן. ער ווערט דערמאָנט אינם בריוו פון ד״ר ע. רינגעלבלום (לפ״ג) — פאַרעפנטלעכט אין דעם בוך — אַלס איינער פון די געטאָ־שרייבער. פון די גערעטעוועטע. זעצט פאָר זיין געזעלשאַפטלעכע און שריפטשטעלערישע טעטיקייט אין פוילן, שטעלפאַרטרעטער פון דעם דירעקטאָר פון דער צענטראַלער אידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פוילן. אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פון אירע אויסגאַבן. האָט פאַרעפנטלעכט אונטערן נאָמען מיכאל באָרוויטש אייניקע ליטעראַרישע אַרבעטן אין פויליש וועגן געטאָ און לאַגער־לעבן פון די אידן, צווישן זיי: „דער אוניווערזיטעט פון די רויבער״, „ליטעראַטור אין לאַגער״, „אָרגאַניזירט ווילדעוועון״, אַ זאַמלונג לידער „אויג אויף אויג מיטן טויט״ און אַנדערע.

[3] זע באַמערקונג 29, זייט 205 צום קאַפּיטל באַריכט פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט.

[4] אַ מיטגליד פון צ.ק. פון פועלי ציון (צ.ס.) אין פוילן, וועלכער איז אַרויס פון וואַרשע אין מאַי 1940 און איז דאַמאָלסט אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל.

ב. (וואַרשע, 24־טן מאַי 1944)

טייערער אַנזעלם (א. רייס),

מיר האָבן דערהאַלטן ביידע טעלעגראַמעס פון 29־טן פעברואַר און פון 6־טן מערץ (1944), וואָס איינע פון זיי איז געווען געווענדעט צו וואַרמאַנסקין (אברהם וואַרמאַן, לפ״ג), וועלכער איז אינצווישן געפאַלן, און אויך ביידע בריוו פון 15־טן פעברואַר, — איינער צו אונז און דער צווייטער צום אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. זיי זיינען אונז איבערגעגעבן געוואָרן צוזאַמען מיטן באַריכט־בריוו פון אריה (טאַר־טאַקאָווער) און איגנאַצי (יצחק שוואַרצבאַרט). מיט גרויס צופרידנהייט האָבן מיר אויפגענומען די ידיעה, אַז איר האָט זיך אַריבערגעקליבן אויף אַ לענגערע צייט קיין לאָנדאָן. מיר זעען אין דעם אַ גאַראַנטיע, אַז די הילפס־אַקציע פאַר אונז וועט פאַר־בעסערט ווערן אין טעמפּאָ, אין רעגולערקייט און אין פאַרנעם, וואָס דאָס זיינען גרונט־באַדינגונגען פאַר דעם נוצן פון אַלע שריט, וואָס איר נעמט אונטער אויף דעם געביט. פון אריה׳ס באַריכט דרינגען מיר אַרויס, אַז ער אָריענטירט זיך נישט באַזונדערס אין אונזערע באַדינגונגען, און דערמיט דערקלערן מיר דעם פאַקט, וואָס ער האָט אַרויפגעפירט די אַקציע אויף אַ נישט־ריכטיקער ליניע, לויט אונזער מיינונג, דאָס קען אפילו אָפּרופן זיך שלעכט אויף דער גאַנצער אַרבעט. מיר האַלטן דעריבער פאַר נויטיק אויפצוקלערן אייך די פאָלגנדיקע זאַכן:

1) אַ טייל פון די לעצטפאַרבליבענע באַשטייט פון מענטשן, וואָס זיי באַהאַלטן זיך אויס פאַר דער אָקופּאַציע־מאַכט, וועלכע זוכט זיי אומאויפהערלעך און די וואָס זי כאַפּט, ווערן דערמאָרדעט אין אומפאַרשטעלבאַר־גרויזאַמע פּייניקונגען. די איינציק־פאַראַנענע האָפנונג ביי אַזאַ לאַגע איז פאַרבונדן מיט פינאַנץ־מיטלען. ווי אַ מאָס פאַר דער גרויס פון די נויטיקע געלט־מיטלען זאָלן דינען די פאָלגנדיקע ציפערן: דער פּרייז פון אויסהאַלטן איין פּערזאָן באַטרעפט דורכשניטלעך 5 טויזנט זלאָטעס אַ חודש. די צאָל אידן אין וואַרשע דערגרייכט ביז 15 טויזנט. פון זיי האָבן אין חודש אַפּריל געמוזט אָנקומען צו דער הילף פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, פון דער אידישער קאָאָרדי־נאַציע־קאָמיסיע און פון ראַט[1] אַרום 10 טויזנט פּערזאָן, און זייער צאָל וואַקסט פון חודש צו חודש. די הויך פון די אַרויסגעגעבענע אונטערשטיצונגען דערגייט נאָר ביז 25 פּראָצענט פון די אמתדיקע באַדערפענישן. דער רעזולטאַט דערפון איז — דער סאַמע שרעקלעכסטער הונגער, דאָס פאַרקויפן דאָס לעצטע העמד פון לייב און די דורכפאַלן. נאָך ערגער איז די לאַגע פון די אידן, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס אויף דער פּראָווינץ.

2) אַלע ברייט־פאַרמאָסטענע אַקציעס, וועלכע ווערן אַדורכגעפירט אין די ראַמען פון דער טעטיקייט פונם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ זיינען אַ דורכפאַל; די אין זיי אַריינגעלייגטע קאַפּיטאַלן וועלן אַריינפאַלן אין דייטשע קאַסעס. קיין שום

[1] ראַט־פאַר־הילף־די־אידן, פון דער פּוילישער רעגירונגס־דעלעגאַטור. זע באַם, 20 אינם באַריכט פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פונם 24־טן מאַי 1944, זייט 198.

מעדיקאַמענטן און שפּייז־אַרטיקלען וועלן אין די לאַגערן נישט אָנקומען, און צו די זיך־אויסבאַהאַלטנדיקע אידן וועלן זיי אודאי־און־אודאי נישט דערגיין.

3) אַלע ידיעות און באַשטעטיקונגען פון „יוס״ [2] — דעם ווילנלאַזן, דורך טעראָר געשאַפענעם ווערקצייג פון די דייטשן, — און פון ה׳ ווייכערט, — דעם געסטאַפּאָ־קנעכט, — זיינען לכתחילה־ליגנעריש צוזאַמענגעשטעלטע שרייבענישן, וואָס זייער צוועק איז צו פאַרבלענדן די אויגן פון אויסלאַנד און צו באַקומען די פון דעם קוואַל פליסנדיקע מיטלען.

4) די איינציקע פאַקטישע רעפּרעזענטאַנץ פונם רעשט פון פּוילישן אידנטום איז דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט (Ż.K.N.), אָדער די אידישע קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע (Ż.K.K.), וואָס נישט געקוקט אויף די אומגעוויינטלעך־שווערע באַדינגונגען, דערגרייכן זיי אומעטום. געלטער זאָלט איר שיקן נאָר אויפן אַדרעס... אויב אין אונזער בריוו צו אייך, טייערער אַנזעלם, האָבן מיר די דערמאָנטע פראַגן אָפּגע־געבן דעם ערשטן אָרט, איז דאָס דערפאַר, ווייל מיר באַטראַכטן עס פאַר אונזער קאַרדינאַלסטע פליכט. אָבער אומאָפּהענגיק פון דעם, שטרייכן מיר אונטער, אַז עס איז אומבאַדינגט נויטיק צו שיקן אונז כסדר און רעגולער גרעסערע סומעס פאַר אונזערע באַדערפנישן. דער ענין־בודאַפּעשט איז שוין נישט אַקטועל. שלום גראַיעק האָט געזאָלט אַהינפאָרן, כדי צו פאַרשטענדיקן זיך מיט אייך און אָרגאַניזירן מענטשן־טראַנספּאָרטן, אָבער אינצווישן איז אויך אונגאַרן אָקופּירט געוואָרן (דעם 19־טן מערץ 1944) און פון אַלע אונזערע פּלענער האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט.

פון דעם בייגעלייגטן באַריכט וועגן די געטאָ־קאַמפן, כאָטש ער איז געצוואונ־גענערהייט פראַגמענטאַריש און נישט־פולקאָם, וועט איר קענען שאַפן זיך אַ ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן דער זאַך. מיר ווילן נאָר נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן, אַז די איני־ציאַטיוו און דער רוף צום קאַמף זיינען אַרויס נאָר פון אונזערע רייען, אַז די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז די שאַפונג פון החלוץ און אַז די קאָמענדאַנטן פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע זיינען געווען מרדכי אַניעליעוויטש (לפ״ג), וועלכער איז געפאַלן אין קאַמף, און יצחק צוקערמאַן. מיר ברענגען נאָר פאַקטן. דאָס באַרימען זיך פון געוויסע עלעמענטן, צוליב ענג־פּאַרטייאישע צילן, מיט פרעמדע אויפטוען זעט אויס אין אונזערע אויגן אַזוי גראָטעסק און דערביי אויך אַזוי שוידערהאַפט אין אָנבליק פון אונזער גרויסער טראַגעדיע, אַז יעדע פּאָלעמיק וועגן דעם ענין וואָלט פאַר אונז געווען ווי אַ פאַרשוועכונג פון דער ערנסטקייט און גרויסקייט פון דער גאַנצער זאַך. מיט אַ פונדאַסניי־בלוטנדיק האַרץ מוזן מיר אייך מודיע זיין, אַז פון די אַלע מענטשן, אויף וועלכע איר פרעגט זיך נאָך, זיינען לעבנגעבליבן נאָר פעקערס טאָכטער [3] און איידעם, וואָס מיר זאָרגן פאַר זיי.

---

[2] זע באַמערקונגען 22 ביז 25 אינם באַריכט פונם אידישן נאַצ. קאָמיטעט פונם 24־טן מאַי 1944, זייטן 200 און 202.

[3] זע זייט 205, באַמערקונג 29.

אין אייער קאָרעספּאָנדענץ מיט אונז גיט נישט אָן קיין שום אַדרעסן פון וואַרשעווער גאַסן. פאַרשפּעטיקטע ערשטער־מאַי־גרוסן שיקן מיר דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי (מפלגת פועלי ארץ־ישראל), דעם קיבוץ המאוחד, דער הסתדרות, אונזערע פּאַרטייען אין אַלע לענדער פון דער וועלט, דער גאַנצער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג, און קודם־כל — די קעמפער און טוער פונם סאָציאַליזם, וועלכע פירן זייער גראַנגל אין די אונטערערדן פון די פאַשיסטישע לענדער.

אַ „חזקו ואמצו״־גרוס די בויער און קעמפער פון סאָציאַליסטישן ארץ־ישראל. אייך, טייערער אַנזעלם, שיקן מיר אַ ברידערלעכן, האַרציקסטן האַנט־דרוק.

אייערע

יוסף סאַק, שלום גראַיעק, לייזער לעווין

(מיטגלידער פונם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי)



אַן אָפּשניט פון דער גענשע־גאַס, אינם האַרץ פונם אידישן קוואַרטאַל אין וואַרשע. אינם הויז נומער 14 איז געווען די „באַראַכאַוו־היים״ פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון (צ.ס.), די צענטראַלע פונם החלוץ און אַנדערע אינסטיטוציעס פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פּוילן (פאָטאָגראַפירט אין אָקטאָבער 1945).

3. בריוו פון דער פאַרטיי לינקע פועלי ציון צו אירע חברים אין ארץ-ישראל

א. (וואַרשע, 15־טער נאָוועמבער 1943)

זרובבל (י.), ערעם (מ.), מוליע (שמואל עדעלמאַן)

תל־אביב.

טייערע חברים,

אייער טעלעגראַמע פון 23־טן סעפטעמבער האָבן מיר דערהאַלטן. מיר באַקומען אַ טייל פון די אַלגעמיינע סומעס, וועלכע ווערן געשיקט פאַרן אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. מיר דאַנקען פאַר דער הילף. מיר נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין קאַמף און אין דער הילפס־אַקציע. מיר זיינען טעטיק אין דער לייטונג פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פונם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און דעם „בונד”. אין אונזער גאַנצער טעטיקייט לייכטן אונז די אידעאַלן פון אונזער באַוועגונג מיט וועלכער מיר פילן זיך פאַרבונדן אויף לעבן און טויט. גיט אונז צו וויסן ווי איז די לאַגע אין ארץ־ישראל און ווי אַנטוויקלט זיך אונזער באַוועגונג אין פאַרשידענע לענדער.

ווייניק זיינען מיר געבליבן. די מערהייט איז געפאַלן. אַנטאָני (נתן בוקסבוים) האָבן מיר אַרויסגעראַטעוועט פון לעמבערג. ער איז אַרויסגעפאָרן מיט זיין משפחה אינם לאַגער פאַר אויסלענדער אין בערגען ביי האַנאָווער. לעצטנס קומען אָן פון דעם לאַגער שרעקלעכע ידיעות. פאַרשט דאָס אויס. זאָרגט פאַר אַנטאָנין. עמנואלן (רינגעלבלום) האָבן מיר אַרויסגעראַטעוועט פונם לאַגער אין טראַווניקי, וואו ס׳איז פאָרגעקומען אין אָנהויב נאָוועמבער אַ שרעקלעכע שחיטה. ער איז מיט אונז, ער אַרבעט אַלס היסטאָריקער. מיר האָבן אויך געראַטעוועט די חברים: פאַליא (עלסטער), בערלינסקי (הערש), וואַסער* (הערש), ערליך (אליהו), סילקעס* (העניע) און אַנדערע. זיי זיינען מיט אונז. בתיה (בערמאַן)* איז אַקטיוו טעטיק. מלך (פיינקינד), לאַזער (אליעזר סטאָלאַר־ריכטער), לענט (הירש), בלומשטיין (אברהם), טענצער (יחיאל), פשעדעטש (מאיר), שאַפּיראָ (ברוך) און אַנדערע געפינען זיך אין לאַגערן. מיר טוען אַלץ וואָס מיר קענען כדי זיי צו ראַטעווען, אָבער די האָפנונג איז אַ קנאַפּע. די דייטשן פאַרניכטן די לעצטפאַרבליבענע אידן אין די לאַגערן, וועלכע זיי האָבן הערמעטיש אָפגעשלאָסן.

---

* די דריי באַצייכנטע מיט אַ שטערנדל זיינען געראַטעוועט. זיי זעצן פאָר זייער טעטיקייט אין פוילן. אַלע אַנדערע זע ליסטע פון געפאַלענע (לפ״ג). הערש וואַסער זע זייט 293; בתיה בערמאַן, זייט 213, באַמ. 10; העניע סילקעס, אַ לערערין. אין געטאָ האָט זי אָנגעפירט מיט אַ קינדער־קיך — אַ מין האַלב־אינטערנאַט פאַר קינדער, אויף נאָוואָליפּקי 35. דאָס וואונדערלעכע פון דעמדאָזיקן אַנשטאַלט איז באַשטאַנען דערין, וואָס דאָרטן איז געווען אַ סעדל ביימער און בייטן מיט גרינוואַרג, איז מען אין זומער געקומען אַהינצו שעפּן לופט.

מיר גלויבן אין אַ נאָענטער, אַלגעמיינער באַפרייאונג, אָבער זייער ווייניקע פון אונז וועלן דערלעבן דעמדאָזיקן מאָמענט. גיט איבער דעם אוואַנגאַרד פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין ארץ־ישראל און אין גאַר דער וועלט, אַז אויך איצטער, אין אָנבליק פון טויט און אומקום, זיינען מיר מיטן גאַנצן האַרצן באַטייליקט אין זיין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג.

אַדאָלף (ד״ר א. בערמאַן)

וואַרשע, דעם 15־טן נאָוועמבער 1943.

ב. (וואַרשע, 24־טער מאַי, 1944)

זרובבל (י.), ערעם (מ.), מוליע (שמואל עדעלמאַן), אַבראַמאָוויטש (ז.), יצחקי (י.)
תל־אביב

טייערע חברים!

דעם ערשטן מאַי האָבן מיר היי־יאָר געפייערט אַנדערש ווי געוויינלעך. אין איינער פון אונזערע אונטערערדישע באַהעלטנישן האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַ גאַנץ־טאָגיקע קאָנפערענץ פון אונזער לעבנגעבליבענעם אַקטיוו. אויף דער קאָנפערענץ האָבן מיר אַרומגערעדט אַלע פּראָבלעמען פון אונזער באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט, אירע ווייטערע פּערספּעקטיוון און אירע מעגלעכקייטן ביי דער איצטיקער לאַגע. מיר האָבן אויך באַהאַנדלט די הויפּט־פּראָבלעמען פונם טראַגישן לעבן פון די אין פּוילן געראַטעוועטע אידן און אונזערע אַקטועלע אויפגאַבעס. מיר האָבן אין דעם טאָג, אַזוי ווי אין יאָרטאָג פון די געטאָ־קאַמפן, וועלכן מיר האָבן ווירדיק געפייערט, דערפילט נאָך שטאַרקער ווי תמיד אונזער פאַרבונדנקייט מיט אייך, חברים, און מיט די אידישע אַרבעטער אין אַלע לענדער.

מיר ווייסן נישט צי וועט עמיצער פון אונז איבערלעבן דידאָזיקע שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע און ווער וועט זיין דער לעבנגעבליבענער, דעריבער שיקן מיר אייך שוין איצטער אַ בינטל ידיעות וועגן אונזער ביזאיצטיקער אַרבעט און אונזער קאַמף. אין וואַרשעווער געטאָ האָבן מיר געפירט אַ פאַרצווייגטע, אינטענסיווע טעטיקייט אויף אַלע געביטן. אויף דעם הויפּט־געביט אין געטאָ־לעבן, אין דער זעלבסטהילף־טעטיקייט, איז די ראָל פון אונזערע חברים געווען אַ באַדייטנדיקע. שכנא (זאַגאַן, לפ״ג) איז געוואָרן איינער פון די אָנערקענטע הויפּט־פירער פון געטאָ. ער איז געווען אונזער פאָרשטייער אין „דזשאָינט״־ראַט און אין די אָנפירנדיקע זעלבסטהילף־אינסטיטוציעס. אַדאָלף (ד״ר בערמאַן) און עמנואל (רינגעלבלום) זיינען געשטאַנען בראָש פון צענטראַלע הילף־אינסטיטוציעס. מיר האָבן געשאַפן 4 פאָלקס־קיכן, אין וועלכע עס האָבן זיך דערנערט עטלעכע טויזנט אַרבעטער און אַרבעטס־מענטשן, און איין גרויסע קינדער־קיך. די לייטער פון די קיכן זיינען געווען די חברים פּאָלאַ עלסטער,

געניאַ בער, שוואַרצבאַרד (מרדכי), ווײַדע (משה) און פעלאַ הערצליך־בליט (אַלע לפ״ג).

אונזער שול אויפן נאָמען פון באָראָכאָוו, וועלכע האָט אַ לאַנגע צײַט געפירט איר אַרבעט קאָנספּיראַטיוו, איז געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ. אָנגעפירט מיט איר האָט סמאָליאַר (נתן, לפ״ג). אין עטלעכע קינדערהיימען פון „צענטאָס״ (צענטראַלע פאַר יתומים־און קינדער־הילף) זײַנען געווען די אָנפירערינס אונזערע חברטעס: סילקעס (העניאַ)[1], פרײַמאַן[2] און מורזשאַן (לפ״ג) פון פלאָנסק, וועלכע האָבן דערצויגן די קינדער אין אונזער גייסט. אַ געוויסע צײַט האָט עקזיסטירט אין ראַדאָשטש[3] אַ פאַרהיטונגס־אַנשטאַלט פאַר קינדער אויפן נאָמען פון באָראָכאָוו אונטער דער אָנפירונג פון ליכטנשטיין (ישראל, לפ״ג) און הערצליך (פעלע). אונזערע חברים האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אונטערערדישער קולטור־אַרבעט פון „איקאָר״ — „אידישע קולטור אָרגאַניזאַציע״[4].

אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צײַט האָבן מיר געפירט אַ לעבהאַפטע פּרעסע־טעטיקייט. מיר האָבן אַרויסגעגעבן די צײַטשריפטן: „פּראָלעטאַרישער געדאַנק״, „יוגנט־רוף״, „אַוואַנגאַרדאַ״ און „נאַשע האַסלאַ״[5].

דאָס אינערלעך־אָרגאַניזאַציאָנעלע לעבן האָט געפלאָסן אין אַ לעבעדיקן שטראָם. קאָנספּיראַטיווע פאַרזאַמלונגען פונם אַקטיוו, פאַרזאַמלונגען פון גרופּעס און קעמערלעך און קאָמיטעט־זיצונגען זײַנען געווען אָפטע און לעבהאַפטע. די פײַערונגען פון אַרבעטער־יום־טובים און יאָרטאָגן זײַנען פאַרגעקומען נישט געקוקט אויף די שטערונגען. באַזונדערס פײַערלעך האָבן מיר אַדורכגעפירט די באָראָכאָוו־יאָרצײַטן.

---

[1] צווישן די געראַטעוועטע. זעצט פאָר איר טעטיקייט אין פוילן. זע באַמערקונג זייט 228.

[2] בעת דער מלחמה־אויסברוך איז זי אַלט געווען אַ יאָר 30. פון אַן אָרימער שטוב. פון קינדווייז־אָן האָט זי פאַרזוכט דעם טעם פון מאַטערניש, אָבער זי איז געווען באַהערשט פון אַ שטאַרקן ווילן צו בילדונג, — זייענדיק זייער אַ באַגאַבטע. נישט געקוקט אויף דער נויט אין איר היים, האָט זי באַזוכט אַ גימנאַזיע און האָט זיך אויסגעהאַלטן דורך פּריוואַטע לעקציעס. נאָכן פאַרענדיקן די לימודים האָט זי פאַרגעזעצט איר בילדונג אויף פּעדאַגאָגישע קורסן. שפּעטער איז זי געווען אַ לערערין אין די שולן פון די לינקע פועלי ציון. איר גאַנצע ענערגיע און אַלע אירע כוחות האָט זי אָפּגעגעבן דער דערציאונג פון אָרימע אידישע קינדער. עס זײַנען נישטאָ קיין ידיעות וועגן איר גורל.

[3] נאָענט צו וואַרשע.

[4] דער גרינדער און אינספּיראַטאָר פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען מנחם לינדער (לפ״ג). אין דער פאַרוואַלטונג זײַנען געווען: שכנא זאַגאַן, ד״ר ע. רינגעלבלום, סאָניע נאָוואָ־גרודזקאַ, יצחק גיטערמאַן, ישראל ליכטענשטיין (אַלע לפ״ג), בנימין וויראַווסקי, ד״ר ליפּאָווסקי, שיע ראַבינאָוויטש. זי האָט עקזיסטירט פון סוף 1940 ביז דער דערמאָרדונג פון מנחם לינדער (אַפּריל 1942). „איקאָר״ האָט אַנגעפירט אַ פילזייטיקע טעטיקייט: איינגעאָרדנט עפנטלעכע פאָרטראָגן, פײַערונגען, דיסקוסיע־אָוונטן, געפירט אַ קולטור־טעטיקייט צווישן קינדער, געגרינדעט אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט (צווישן די לעקטאָרן אַ טייל פון די אויבן דערמאָנטע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער און אויך ד״ר י. שיפּער, רחל אויערבאַך, מזאה פון ווילנע), אַרויסגעגעבן אידישע לערן־ביכער פאַר פאָלקס־שולן. ד״ר ע. רינגעלבלום אין זײַן בריוו (זע ווייטער) שטרייכט אונטער באַזונדערס די טעטיקייט פון „איקאָר״.

[5] די לעצטע צוויי — אויף פויליש: „אַוואַנגאַרד״ און „אונזערע לאָזונגען״.

אין אָנהויב 1942 איז לויט אונזער איניציאַטיוו געשאַפן געוואָרן דער אַנטיפאַ־שיסטישער בלאָק[6], וועלכער האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך אַלע אַרבעטער־און יוגנט־גרופּירונגען אויסער דעם „בונד". דער בלאָק האָט געשטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן געמיינזאַמע פּאָליטישע אַקציעס און אַ געמיינזאַמע פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייט, אָבער קודם כל צו שאַפן אַ געמיינזאַמע קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אין דער אָנפירונג פונם בלאָק זיינען אריין: שכנא (ז אַ ג אַ ן), אַדאָלף (ד״ר ב ע ר מ אַ ן), ל ע װ אַ ר ט אָ װ ס ק י (יוסף פינקעלשטיין, לפ״ג) און דער צוקונפטיקער קאָמענ־דאַנט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע מרדכי אַ נ י ע ל י ע װ י ט ש[7]. מיט דער אָרגאַניזירונג פון די קאַמף־אָפּטיילונגען האָבן זיך באַשעפטיקט אין אונזער נאָמען, הערש ל ע נ ט (לפ״ג) און ק ר אַ מ אַ ז ש (מאיר, לפ״ג). אינדערשפּיץ פון דעם גע־מיינזאַמען קאָמיטעט צו העלפן די קרבנות פונם קאַמף געגן פאַשיזם איז געשטאַנען אַדאָלף (ד״ר א. ב ע ר מ אַ ן). די קאַמף־גרופּעס פונם בלאָק, וועלכע האָבן אַרומגענומען עטלעכע הונדערט אַרבעטער און יוגנטלעכע — אָרגאַניזירטע אין פינפטלעך — זיינען געווען די גרונט־קאַדרען, וואָס פון זיי איז שפּעטער געשאַפן געוואָרן די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע. טראָץ דעם פעלן פון געווער האָבן די קאַמף־גרופּעס אַדורכגעפירט אַ מיליטערישע אויסשולונג, וואָס אירע רעזולטאַטן האָבן זיך געלאָזט דערקענען אין די געטאָ־קאַמפן.

די ערשטע שוידערלעכע ליקווידירונג־אַקציע פון וואַרשעווער געטאָ האָט חרוב געמאַכט אין אַ גרויסער מאָס אויך אונזער פּאַרטיי. צוזאַמען מיט שכנא׳ן (זאַגאַן) איז דאַמאָלסט געפאַלן די מערהייט פון אונזערע חברים. אָבער אויך צעשלאָגענע אויף ברעקלעך זיינען מיר נישט אָפּגעשטאַנען אין אונזער אַרבעט. צוזאַמען מיט אַנדערע אַקטיווע אָרגאַניזאַציעס האָבן מיר זיך באַמיט ווידעראויפצובויען דאָס געזעלשאַפט־לעכע לעבן. דער באַנייטער פּאַרטיי־קאָמיטעט בראש מיט פאַלע ע ל ס ט ע ר און ב ע ר ל י נ ס ק י (הערש) האָט רעאָרגאַניזירט די רייען, ער האָט געשאַפן נייע פּאַרטיי־גרופּעס און באַנייט די הילפס־אַקציע פאַר די חברים. מיר האָבן אָנטיילגענומען אין דער אָרגאַניזירונג פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט; אין אונזער נאָמען האָט זיך באַטייליקט אין אים מלך פ ײ נ ק י נ ד, וועלכער האָט געגעסן פון אַן ערנסטער און אַכטונגספולער באַציאונג. מיר זיינען דערנאָך אַריבער פון פּאָליטישער און הילפס־טעטיקייט אויף דער ליניע פון באַוואָפנטן קאַמף. מיר זיינען אַקטיוו געווען באַטייליקט אין דער שאַפונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. צום באַשטאַנד פון איר קאָ־מאַנדיר־שטאַב האָט געהערט ב ע ר ל י נ ס ק י (הערש).

אויף דער אַרישער זייט האָט אַדאָלף (ד״ר ב ע ר מ אַ ן) צוזאַמען מיט די דעלע־גאַטן פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אָרגאַניזירט אַ הילפס־אַקציע פאַרן געטאָ.

[6] זע באַמ. 11 צום קאַפּיטל „די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע", זייט 133.
[7] עס פעלן דאָ די נעמען פון צביה ל ו ב ע ט ק י ן און יוסף ס אַ ק.

באַזונדערס פאַר די קעמפער; טראָץ די אויסערגעוויינלעכע שוועריקייטן און סכנות, האָט ער אויפגעהאַלטן אַ שטענדיקן, פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט אין געטאָ.

עס איז אויסגעבראָכן דעם קאַמף פון 19־טן אַפּריל. אונזער פּרעכטיקע קאַמף־אָפּטיילונג מיט הערש בערלינסקין אינדערשפּיץ האָט געקעמפט העלדיש. מיט באַזונדער מוט און העלדישקייט האָבן זיך אויסגעצייכנט די חברים: אברהם דיאַמאַנט—קאָרפּאָראַל (לפ״ג), שאנן לענט (לפ״ג) און סטאָלאַק (אברהם, לפ״ג). דער גרעסטער טייל קעמפער איז געפאַלן אין קאַמף. אַדאָלף (ד״ר בערמאַן) צוזאַמען מיט בתיה׳ן (זיין פרוי) האָבן געראַטעוועט די נאָענטסטע פונם ברענענדיקן געטאָ און דערנאָך — פון די לאַגערן. דאָס זיינען געווען איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען. נאָך אַ ריי פאַנטאַסטישע, אויסטערלישע מעשים איז זיי געלונגען צו קאָנצענטרירן אויף דער אַרישער זייט אַ גרופּע חברים, צווישן זיי, אַנטאָנין (נתן בוקסבוים) און עמנואלן (רינגעלבלום) מיט די פאַמיליעס, פאָלע עלסטער, בערלינסקין (הערש), וואַסערן (הערש), ערליכן (אליהו) און נאָך אַנדערע.

מיר קענען נישט אויסרעכענען ביי די נעמען אַלע חברים, וועלכע זיינען געפאַלן אין אַ העלדישן אָדער אַ מאַרטירערישן טויט. מיר וועלן אָנרופן נאָר די נעמען פון די, וועלכע האָבן אַקטיוו מיטגעאַרבעט ביז דער לעצטער מינוט פון זייער לעבן, אָנטיילנעמענדיק אין דער אָרגאַניזירונג פונם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אָדער קעמפנדיק ביזן פאַלן אין קאַמף: דיאַמאַנט אברהם, גורני יחיאל, ליטמאַן יוסף, לענט שאנן, מאַנעלאַק בראָנקאַ, פּאַפּיער זיגמונט (זישע), ראָזען סטעפאַן (סטעפאַ), וויכטער יצחק, סטאָלאַק אברהם, רובינשטיין שמואל[8], אַלטערמאַן מאַניאַ (מלכה), גרינשטיין אברהם, ויכטמאַן יחיאל, אובפאַל נאַטעק[9], ליכטענשטיין ישראל, לענט הערש, בלומשטיין אברהם, קראַמאַזש מאיר, סמאָליאַר נתן, פיינקינד מלך, צוקער משה, פרוינד עמוס, טענצער יחיאל, וורזאָנסקי הערש, שטענגעל שיע (ישעיה), גיפּש (יצחק), בעאַטוס, מאַרקעוויטש באָליעק, פּשעדעטש מאיר, קירשנבוים רוזשע, שוואַרצבאַרד מרדכי, פעלע הערצליך, געניע בער, שפּיגעל משה, שלמה (וועגן זיי אַלע זע ליסטע פון געפאַלענע, לפ״ג).

[8] אַ חבר פון דער יוגנט־באַוועגונג פון די לינקע פועלי ציון. געבוירן אין וואַרשע אין 1920. אַ טישלער לויטן פאַך. לויט אַ ידיעה וואָס מיר האָבן באַקומען פון זיינע קרובים אין ארץ־ישראל, איז אים געלונגען צו אַנטלויפן קיין רוסלאַנד — און ער איז געראַטעוועט. אַדוואָקאַט ש. גאָטעסמאַן שרייבט — אין זיין איבערבליק אין דער „איחוד"־אויסגאַבע פון נאָוועמבער 1945 — אַז דער סאָלדאַט סלאָמטשינסקי, וועלכער איז געפאַלן בעת דעם אַלגעמיינעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, דאָס איז רובינשטיין שמואל. עס האַנדלט זיך געוויס וועגן צוויי פאַרשידענע מענטשן מיט דיזעלבע נעמען.

[9] על־פּי־טעות איז ער דאָ אַריינגענומען אין דער ליסטע פון געפאַלענע.

נאָך דער צעשטערונג פונם געטאָ האָבן מיר אָנגעהויבן פירן אַ שווערע און געפערלעכע הילף־אַקציע פאַר די אָפּגעראַטעוועטע אידן. מיר האָבן ברייט פונאַנ־דערגעוויקלט דידאַזיקע טעטיקייט. אין דער ערשטער ריי האָבן מיר זיך באַמיט העלפן אַרבעטער — געבליבן זיינען זייער וויניק, אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ, מענטשן פונם געזעלשאַפטלעכן אָדער קולטורעלן אַקטיוו, יוגנט און קינדער. מיר שטייען צוזאַמען מיטן „החלוץ" אינדערשפיץ פון דער גאַנצער אידישער טעטיקייט. מיר זיינען אַקטיוו באַטייליקט אין פרעזידיום פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און אין דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און דעם „בונד". בתיה (בערמאַן) פירט אָן דעם הויפּט־געביט פון דער הילפס־אַרבעט פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. מיר האָבן אונטער אונזער אייגענער אויפזיכט עטלעכע טויזנט מענטשן, וועלכע ווערן באַדינט דורך עטלעכע צענדליק פוילישע און אידישע פאַרזאָרגונגס־קעמערלעך. בתיה׳ן (בערמאַן) העלפט־מיט טיכטיק בעלאַ ע ל ס ט ע ר[10] פּאַלעס שוועסטער. מיר פירן אַ סיסטעמאַטישע אַרכיוו־אַרבעט, מיר האָבן אַסך מאַטעריאַלן און דאָקומענטן. דערמיט פאַרנעמט זיך וואַסער (הערש). אין געוויסע אַרבעטס־געביטן רעפּרעזענטירט אונז פּאַלאַ (עלסטער). אונזערע טוער זיינען אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער אַרבעט שוין געווען אַסך מאָל נאָענט צום טויט. מיר זיינען אַ פעסט־געשלאָסענע גרופּע. דער קערן פון אונזער גרופּע איז צילבאַוואוסט קאָנצענטרירט אין איין באַהעלטניש, כדי מען זאָל זיך קענען פאַרשטענדיקן און באַראָטן. פון צייט צו צייט האַלטן מיר אָפּ גאַנץ־טאָגיקע אָדער גאַנץ־נאַכטיקע קאָנפערענצן. אין אונזער גאַנצער טעטיקייט פירן מיר דורך די גענעראַלע ליניע פון אונזער באַוועגונג, מיר זיינען טריי די טראַדיציעס פון דער פוילישער פּאַרטיי. צופּאַסנדיק זיך צו די נייע באַדינגונגען רעאַליזירן מיר קאָנסעק־ווענט אירע באַשטימונגען, אינזינען־האַבנדיק די אַנטוויקלונגס־פּערספּעקטיוון פון אַ סאָציאַליסטישער ארץ־ישראל און די צוקונפט פונם אידישן אַרבעטער־קלאַס אין גאַר דער וועלט.

לעצטנס האָבן מיר אַדורכגעלעבט אַ שרעקלעכן אומגליק. עס איז אומגעקומען עמנואל (רינגעלבלום) צוזאַמען מיט יהודית (זיין פרוי, לפ״ג) און אוריה (זייער זון). צוויי מאָל האָבן מיר אים געראַטעוועט. איין מאָל פון וואַרשעווער געטאָ, אַ צווייט מאָל — פון לאַגער אין טראַווניקי. ער האָט זיך איינגלאָקירט צוזאַמען מיט זיין משפּחה אין אַן אונטערערדישן שוצאָרט. ער האָט געאַרבעט אינטענסיוו. אַסך געשריבן, אַלע זיינע אַרבעטן האָבן מיר. דעם 7־טן מערץ היי־יאָר (1944) האָט די געסטאַפּאָ אַנטדעקט דעם שוצאָרט. זי האָט אַרעסטירט 37 מענטשן. אַלעמען האָט מען שרעקלעך געפּייניקט און דערשאָסן. עמנואלס טויט איז די גרעסטע אבידה פון דער אידישער געזעלשאַפט־לעכקייט נאָך דער צעשטערונג פונם געטאָ. ביזן לעצטן מאָמענט האָט ער אויפגעהאַלטן

[10] זע באַמ. 12 צום קאַפּיטל „דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אויף דער אַרישער זייט", זייט 213.

דעם קאָנטאַקט מיט אונז. מיר האָבן זיך אָפט געזען, געשמועסט וועגן אייך. ער האָט געבעטן גריסן רפאלן[11]. ער האָט נישט דערלעבט דעם באַפרייאונגס־מאָמענט. די גאַנצע צייט פון זיין געפינען זיך אין געטאָ, איז ער געשטאַנען אויף דער נויטיקער הויך, געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער סאָציאַלער הילף, האָט געשאַפן אַ נעץ פון אַ צוויי טויזנט הויז־קאָמיטעטן, האָט געשאַפן אַ גרויסן אַרכיוו, ער איז געווען אַן אומדער־מידלעכער, פלאַמיקער טוער, איינער פון די סאַמע פּאָפּולערסטע פערזענלעכקייטן אין געטאָ. אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין טראַווניקי איז ער געשטאַנען אינדערשפּיץ פון דער זעלבסטהילף־אַקציע און פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, ער איז געווען דער לעבעדיקער גייסט פון דער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט אין לאַגער. זיין נאָמען וועט זיין פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון געטאָ, מיט דער מאַרטיראָלאָגיע און מיטן קאַמף פון פּוילישן אידנטום.

לעצטנס האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה, אז אין סאָסנאָוויעץ איז דערשאָסן געוואָרן ד״ר ל י ב ע ר מ אַ ן (הערש, לפּ״ג)[12] און אין לאַגער סקאַרזשיסק איז געשטאָרבן פון טיפוס ברוך ש אַ פ י ר אָ (לפּ״ג). פון אַ נ ט אָ נ י ן (נתן בוקסבוים) האָבן מיר נישט קיין שום ידיעות. מיר ווייסן נישט צי ער לעבט נאָך.

נישט געקוקט אויף אַלע קלעפּ, וועט אונזער עולם גרעסער. צווישן די אונטער־שטיצטע אין וואַרשע און אין דער פּראָווינץ האָבן מיר אויסגעפונען אַ ריי חברים, צווישן זיי, בעלאַ וואַכלער־מאָנטראָל[13], גאָלדצווייגן[14] און אַנדערע. מיר שטייען אין כסדרדיקן און נאָענטן קאָנטאַקט מיט שאול לעוואַרטאָווסקיס משפחה, זי איז געזונט און פילט זיך גוט. זי גריסט אייך. מיר העלפן זיך אַרויס געגנזייטיק. זעט איר זיך מיט שאולס קרובים?[15] האָט איר אַ פאַרבינדונג מיט דער משפחה פון...?[16]

---

[11] דער היסטאָריקער ד״ר רפאל מאַהלער, אַ באַקאַנטער טוער פון „ייוואָ״, געווען אַן עסקן פון די לינקע פּועלי ציון אין פּוילן, וועלכער געפינט זיך זינט 1938 אין די פאַרייניקטע שטאַטן. אין 1946 איז דערשינען אין ארץ־ישראל, אין פאַרלאַג פון ספרית פּועלים, זיין בוך „די געשיכטע פון די אידן אין פּוילן (ביזן 19־טן יאָרהונדערט)״.

[12] אין יענער תקופה האָט ד״ר ל י ב ע ר מ אַ ן נאָך געלעבט, אין אַ לאַגער אין דייטשלאַנד, אָבער אין וואַרשע האָט מען, ווייזט אויס, נישט געוואוסט דערפון.

[13] אַ געבוירענע אין וואַרשע. בעתן מלחמה־אויסברוך איז זי אַלט געווען אַ יאָר 35. זי האָט געענדיקט דעם כעמישן פאַקולטעט אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט. געאַרבעט אין דער מלוכהשער קראַנקנקאַסע. נאָך אַלס סטודענטין, האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אינם אַקאַדעמישן קרייז פון די לינקע פּועלי ציון און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר אַקטיוויטעט און מיט איר טרייהייט דער באַוועגונג. איר מאַן — אויך אַ פּאַרטיי־חבר — געפינט זיך אין ראַטנפאַרבאַנד. וועגן איר גורל זיינען נישטאָ קיין ידיעות.

[14] אַ געבוירענער אין זשעלעכאָוו, בעתן מלחמה־אויסברוך איז ער אַלט געווען אַ יאָר עטלעכע־און־דרייסיק. אַן אַקטיווער חבר אין דער פּאַרטיי לינקע פּועלי ציון. ער איז אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, וואו ער האָט געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער. געווען אַקטיוו אין אָנגעשטעלטע־פאַריין. וועגן זיין גורל זיינען נישטאָ קיין ידיעות.

[15] דאָ ווערט געמיינט די קאָמוניסטישע באַוועגונג (שאול אַ מ ס ט ע ר ד אַ ם און יוסף ל ע וו אַ ר ט אָ וו ס ק י ־ פ י נ ק ע ל ש ט י י ן זיינען אין די ערשטע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אַריבער פון דער פּועלי ציון־באַוועגונג צו די קאָמוניסטן).

[16] נעמען פון צוויי וועטעראַנען פון פּועלי־ציון אין ראַטן־פאַרבאַנד.

באַמיט זיך אומבאַדינגט אָנצובינדן מיט זיי אַ קאָנטאַקט און גריסט זיי האַרציק אין אונזער נאָמען. מיר שיקן הייסע גרוסן די אַרבעטער פון תל־אביב, ירושלים, חיפה און פון אַלע שטעט און דערפער אין ארץ־ישראל. גריסט אונזער באַוועגונג אין ארץ־ישראל און אין דער גאַרער וועלט. גיט איבער אונזערע גרוסן די חברים פון „השומר הצעיר״, וואָס אין דער תקופה פון לייד און קאַמף האָט אונז פאַרבונדן אַ וואָפן־ברידערשאַפט. די שומרישע באַוועגונג אין פוילן האָט אין דער מלחמה־צייט אַדורכגעמאַכט אַן ערנסטע עוואָלוציע, זי האָט זיך דערנענטערט צו אונז, דערהויפּט אין אַלגעמיינע פראַגן. זי האָט אינם קאַמף געהאַט אַ שיינע, אָנפירנדיקע ראָל, צוזאַמען מיט דער גאַנצער פראָ־ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט אָרגאַניזירט די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע און אָנגעפירט דעם קאַמף אין וואַרשע און אין אַלע אַנדערע ערטער. די לעגענדע, וואָס דער „בונד״ באַמיט זיך שאַפן אין אויסלאַנד וועגן זיין הויפּט־ראָל אינם קאַמף, איז אַ היסטאָרישע פעלשונג! מיט דעם הויפּט־אָנפירער פון „השומר הצעיר״, דעם העלדישן קאָמענדאַנט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אַ נ י ע ל י ע וו י ט ש (מרדכי, לפ״ג) זיינען מיר געווען פאַרבונדן אין אַ האַרציקער פריינטשאַפט.

מיר גריסן פערזענלעך ראָזענען (יוסף), פעטערזיילן (יעקב), שמעונין (ל. חיפה). שיקט איבער אַ האַרציקן גרוס רפאלן (מאָהלער), זיין שוועגערין לעבט און געפינט זיך אין וואַרשע.

פאַרוואָס טעלעגראַפירט איר נישט און שרייבט נישט צו אונז? מיר בעטן פון אייך אויספירלעכע ידיעות וועגן אייך, וועגן אונזער באַוועגונג, וועגן דער לאַגע אין ארץ־ישראל, וועגן אונזער טעטיקייט אין אַמעריקע. שרייבט דורך לאָנדאָן.

טראָץ דעם קאָשמאַר פון אונזער לעבן, פאַרלירן מיר נישט די האָפנונג, אַז די שעה פון באַפרייאונג איז נאָענט!

אייער

אַדאָלף (ד״ר א. בערמאַן)

4. בריוו פון אַדוואָקאַט שמעון גאַטעסמאַן צום פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן

(געשריבן אין וואַרשע, דעם 17־טן מאַי 1944; אַרויסגעשיקט דעם 24־טן מאַי 1944)

דער שרייבער פונם בריוו, איינער פון די אָנגעזעענע אַדוואָקאַטן אין קראָקע, — אַן אַלטער ציוניסט, פון ד״ר יהושע טהאָנס תלמידים און חברים, אַ מיטגליד פון אַלגעמיין־ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מערב־גאַליציע און פון צענטראַלע ציוניסטישע אינסטיטוציעס. אַ פּרעזידיום־מיטגליד פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. אין וואַרשע איז ער געווען די לעצטע דריי אָקופּאַציע־יאָרן. בעת ער האָט געשריבן דעם בריוו איז ער אַלט געווען אַ יאָר 60. צווישן די געראַטעוועטע.

טייערער הער איגנאַצי (ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט),

מיר דאַנקען פון טיפן האַרצן פאַר דער ידיעה וועגן אונזער זון און וועגן מיין שוואָגער. וועגן לעאָן ס אַ ל פ. (סאַלפעטער)[1] האָב איך געהערט, אַז ער אַרבעט אין קראָקע אין עפּעס אַ פאַבריק פון עמאַיל־געשיר, וואו עס אַרבעטן אַ צוויי טויזנט מענטשן. חיים (ד״ר הילפשטיין)[2], יהודה (צימערמאַן, לפ״ג)[3] און אליהו (טיש)[4] געפינען זיך אין אַ שטראָף־לאַגער אין פּלאַשאָוו. דער לאַגער געפינט זיך אויפן נייעם אידישן בית־עולם[5]. איך האָב געשריבן צו זיי, אָבער צום באַדויערן האָב איך נישט באַקומען

[1] מאַגיסטער לעאָן סאַלפעטער, געבוירן אין יאַראָסלאַוו אין יאָר 1895; געענדיקט זיין שטודיום אין קראָקע. ער איז געווען אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג פון זיין יוגנט אָן שפּעטער — איינער פון די אַלגעמיין־ציוניסטישע פירער אין מערב־גאַליציע במשך אַסך יאָרן. געווען דעלעגאַט אויף עטלעכע ציוניסטישע קאָנגרעסן. אַ ריי יאָרן געווען פאַרזיצער פון דער לייטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פאַרזיצער פונם ארץ־ישראל־אַמט אין קראָקע. ער איז געראַטעוועט און זעצט פאָר זיין טעטיקייט אין קראָקע.

[2] זע באַמ. 12 צום קאַפּיטל „דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט" — באַריכט פון 15־טן נאָוועמבער 1943, זייט 177.

[3] ער האָט שוין דאַמאָלסט נישט געלעבט — ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דעם 14־טן מאַי 1944 — אָבער אין וואַרשע האָט מען נאָך נישט געוואוסט וועגן דעם.

[4] זע באַמ. 13 צום קאַפּיטל „דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט" — באַריכט פון 15־טן נאָוועמבער 1943, זייט 177.

[5] אין דער קראָקעווער פאָרשטאָט פּאָדגוזשע, אויף יעראָזאָלימסקאַ־גאַס, דערביי ווערט ער אַמאָל אָנגערופן אויך דער יעראָזאָלימסקאַ־לאַגער. דער לאַגער איז אויפגעבויט געוואָרן אין מערץ 1943 אויפן פּלאַץ פון אידישן בית־עולם, וועלכער איז גרינטלעך צעשטערט געוואָרן. צוערשט האָט דער לאַגער געטראָגן דעם נאָמען „יולאַג" — 1 (יודען־לאַגער) און נאָענט פון אים, אין פּראָקאָטשין, איז אויפגעבויט געוואָרן „יולאַג" 2 און אין ביעזשאַנאָוו — „יולאַג" 3. די צוויי לעצטע לאַגערן, וועלכע זיינען געווען אַסך קלענערע פונם ערשטן, זיינען מיט דער צייט ליקווידירט געוואָרן און ס'איז פאַרבליבן נאָר דער ערשטער, וואָס מען האָט אים שפּעטער אַ נאָמען געגעבן „קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער K. L. פּלאַשאָוו". דאָס איז געווען איינער פון די אכזריותדיקסטע לאַגערן (וועגן זיין קאָמענדאַנט געט, זע באַמ. 6, באַלד ווייטער). תחילת זיינען אין אים איינגעשפּאַרט געוואָרן קראָקעווער אידן, שפּעטער — אויך אידן פון אַנדערע לאַגערן און איין מאָל זיינען אַהין אויך געבראַכט געוואָרן 6000 פרויען פון אונגאַרן. טויזנטער מענטשן זיינען דאָרטן אויסגעמאָרדעט געוואָרן און אַסך טויזנטער זיינען פון דאָרטן אַוועקגעשיקט געוואָרן אין פאַרניכטונגס־לאַגער אין אָשוויענטשים. אין געוויסע צייטן האָבן זיך אין פּלאַשאָווער לאַגער געפינען 15—20 טויזנט מענטשן. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט עטלעכע

קיין ענטפער. עס איז זייער שווער אַרויסצושיקן ידיעות פון דאָרטן. דער לאַגער איז אַרומגערינגלט מיט אַן עלעקטריזירטער דראָט־פאַרצוימונג. די וואַך־לייט זיינען אוקראַינישע אויסוואורפן, וועלכע האָבן זיך באַקאַנט געמאַכט מיט זייער אומבאַ־גרעניצטער אכזריות, און דער לאַגער־קאָמענדאַנט איז באַראַן געט, — אַ ווינער, אַ גרויזאַמער סאַדיסט, — וועלכער מאָרדעט מענטשן מיט די אייגענע הענט פאַר יעדן עובר זיין אויף דער פעסטגעשטעלטער אָרדנונג אין לאַגער [6]. אָבער נישט געקוקט

דראָט־פאַרצוימונגען, באַוואַכט דורך פערציק אויסקוק־טורעמס אַרום און אַרום. בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן דערנעענטערן די רוסישע אַרמיי, האָבן די דייטשן מאָביליזירט אידן אויף אויסצו־גראָבן די קערפּערס פון די דערמאָרדעטע, און צענדליקער טויזנטער קערפּערס זיינען פאַר־ברענט געוואָרן אין די פינף וואָכן פון 8־טן סעפּטעמבער ביזן 18־טן אָקטאָבער 1944; אַזוי האָבן די דייטשע מערדער געפּרוּווט צו פאַרווישן די שפּורן פון זייערע נידערטרעכטיקע מערדערייען.

[6] איינער פון געטס פריינט, אַ סודעטן־דייטש אינזשיניער שינדלער, האָט אויפגעבויט אין קראָקע, אין דער פאָרשטאָט זאַבלאָטשע, נאָענט צום פלאַשאָווער לאַגער, אַ פאַבריק פון עמאַיל־אויסאַרבעטונגען פאַרן מיליטערישן געברויך. אין דער פאַבריק זיינען באַשעפטיקט געוואָרן אַ צוויי טויזנט אידן. אונזערע מענטשן, וועלכע האָבן געפירט אַן אונטערערדישע אַרבעט אין בודאַפּעשט, האָבן זיך באַמיט און אים געבראַכט צו זיך כדי צו פּרוּוון דורך אים ווירקן אויף דער פאַרלייכטערונג פון דער לאַגע פון די אידן אין פלאַשאָווער לאַגער. אינם שמועס מיט זיי האָט ער געשילדערט דעם פאַרשוין געט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „דאָס איז זייער אַ טייער־קאָסטנדיקע פּריינטשאַפט און ס'איז שווער לאַנג אויסצוהאַלטן אין איר. ער איז אַ גרויסער בעלן אויף פראַנצויזישן קאָניאַק. ווען איך קום צו אים אויף אַ באַזוך, מוז איך מיטברענגען לכל־הפּחות 5—6 פלאַשן קאָניאַק, און יעדער פלאַש קאָסט 2—3 טויזנט זלאָטעס. דערדאָזיקער מענטש האָט אומגעבראַכט מינדעסטנס דריי הונדערט טויזנט אידן. איך בין אַמאָל אַוועק צוזאַמען מיט אים אויף יאַגד און מיר האָבן צוזאַמען געטרונקען. צווישן איין שנאַפּס און דעם אַנדערן האָב איך אים געפּרוּווט אויפקלערן, אַז די אידן־מאָרדונג איז פּאַקטיש איבעריק און איז אַבסאָלוט זינלאָז. איך גלויב, אַז איך האָב אויף אים געווירקט. איך בין זיכער, אַז פון־ווען איך האָב אָנגעקניפּט מיט אים פאַרבינדונגען, ווערן אויסגעמאָרדעט נאָר 10 פּראָצענט אידן פון דער צאָל וואָס פלעגט פריער אויסגעמאָרדעט ווערן אין די לאַגערן אונטער זיין אָנפירונג. עס איז מיר געלונגען אַרויסצובאַקומען פון אים אַ דערלויבניש איינצולאַדן אידן צו דער אַרבעט אין מיין פאַבריק. איך מעג אויסקלייבן וועמען איך וויל. דאָס איז אַ גרויסע דערגרייכונג...״

אַט דער ס.ס.־קאָמענדאַנט געט איז געווען באַרימט דערמיט, וואָס ער האָט קיין איד נישט אַרויסגעלאָזט אַ לעבעדיקן פון זיינע הענט. לויט דער שילדערונג פון די געראַטעוועטע פונם לאַגער, איז דאָס אַ ווינער, געבוירן 1908, אַ הויכער, אַ בעל־גוף, ער איז תמיד אַרומגעגאַנגען אין דער באַגלייטונג פון צוויי גרויסע הינט, וועלכע זיינען געווען אויסדרעסירט צו הרגענען מענטשן און ער פלעגט זיך באַנוצן מיט זיי גאַנץ אָפט. איידער ער איז אָנגעקומען קיין קראָקע, סוף 1942, האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט זיין מערדערישער אַרבעט אין לובלין, בעלזשעץ, סאָביבאָר און אַנדערע לאַגערן. נאָכן צוזאַמענברוך פון די נאַציס, האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אַלס פּשוטער סאָלדאַט אין אַ לאַגער נעבן פראַנקפורט. אַדאַנק זיין אויסטערלישן נאָמען, אַמאָן לעאָפּאָלד געט, איז ער אַנטדעקט געוואָרן דורך ד״ר פיליפּ פרידמאַן, דעם לייטער פון דער צענטראַלער אידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן, וועלכער האָט בעתן נירנבערגער פּראָצעס אַדורכגעקאָנטראָלירט די ליסטעס פון די ס.ס.־לייט אין די לאַגערן. ער איז געווען צווישן די 12 מלחמה־פאַרברעכער, וועלכע זיינען דורך דער אַמעריקאַנישער באַזעצונגס־מאַכט אין דייטשלאַנד איבערגעגעבן געוואָרן דער פּוילישער רעגירונג אין אָנהויב יוני 1946. ער איז געמשפּט געוואָרן אין קראָקע פונם 27־טן אויגוסט ביזן 6־טן סעפּטעמבער 1946. פאַרמשפּעט געוואָרן צום טויט און איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אין קראָקע דעם 13־טן סעפּטעמבער 1946. אין פאַרלאַג פון דער אידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין קראָקע איז דערשינען (אין פּויליש, 510 זייטן) דער פולער פּראָטאָקאָל פונם משפּט פונם דאָזיקן מאַסן־מערדער.

אויף דעם אלעם, געלינגט אונז צוצושטעלן הילף די מענטשן דאָרט און מיר האָבן באַוויזן, אַז די הילף קומט אָן צו זיי...

איך און מיין פרוי געפינען זיך דאָ אַ דריטהאַלבן יאָר. איך אַרבעט אויף אונזער פראָנט־טייל. איר קענט אייך פאָרשטעלן ווי שווער און ווי געפערלעך אונזער אַרבעט איז. אויך די מענטשן, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס און גייען אינגאַנצן נישט אַרויס אין גאַס, זיינען אין אַ שטענדיקער סכנה. היינט־וואָס פאַר אַ געפאַר דראָט כסדר די מענטשן, וועלכע מוזן גיין אין גאַס, טרעפן זיך איינער מיטן אַנדערן, אָפּהאַלטן זיצונגען א.אַ.וו.! אָבער לאָמיר אָפּלאָזן פערזענלעכע ענינים.

מיט גרויס אינטערעס האָבן מיר געלייענט אייער בריוו פון 15־טן פעברואר (1944) און די בריוו פון אַנזעלם (א. רייס) און אריה (טאַרטאַקאָווער). איר טוט טאַקי זייער אַסך פאַר אונז, אָבער צום אומגליק דערגייט דאָס נישט צו אונז מיט דער נויטיקער שנעלקייט. מיר בעטן אייך, איר זאָלט אונז שיקן קאָרעספּאָנדענץ אָפטער ווי ביז־איצט און זיך באַמיען, אַז עס זאָל אָנקומען צו אונז וואָס־פריער, און אַז אויך מיר זאָלן קענען אייך איבערגעבן ידיעות און באַריכטן ווי־ווייט־מעגלעך אָפטער. ווייניק זיינען מיר פאַרבליבן, אפשר 200 טויזנט מענטשן, שוין מיט די, וועלכע געפינען זיך אין די שטראָף־לאַגערן און אין לאָדזש, וואָס זייער צאָל דערגייט אפשר ביז הונדערט און פופציק טויזנט, — אַלע איבעריקע, ביי אַ פופציק טויזנט, באַהאַלטן זיך אויס אויף דער אַרישער זייט אין די סאַמע שווערסטע באַדינגונגען אין אַלע הינזיכטן. די לעבנסבאַדינגונגען אין די לאַגערן זיינען שוידערלעכע. לאַגער — באַדייט: הונגער, קאַטאָרגע־אַרבעט, פייני־קונגען, מאַטערניש, קרענקען און טויט.

זייער שמערצלעך האָט אונז באַרירט די ידיעה וועגן דער שטיצע, וואָס עס באַ־קומט ד״ר וויכערטס אַקציע אין קראָקע. מיר האָבן דאָך געבעטן איבערייסן מיט זיין אימפּרעזע. זיין טעטיקייט איז נאָר לטובת די תליינים אונזערע, און אין דער וועלט שאַפט זיך אָן איינדרוק, ווי די דייטשן וואָלטן דערלויבט צו אָרגאַניזירן אַ אידישע זעלבסטהילף. אָט האָב איך היינט באַקומען אַ ידיעה פון איינעם, וואָס אים איז געלונגען צו אַנטלויפן פון פּלאַשאָווער לאַגער, און ס׳איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז קיין שום זאַך פון די געשיקטע פּראָדוקטן קומט נישט אָן אין לאַגער, ווייל די דייטשן נעמען צו כמעט

וואָס שייך דער פריער־דערמאָנטער צאָל פון 300 טויזנט אידן, וואָס געט זאָל האָבן אויסגעמאָרדעט, דאַרף מען באַמערקן, אַז די נאַצישע מערדער פלעגן זיך באַרימען איינער פאַרן אַנדערן און יעדערער האָט זיך באַמיט איבערצושטייגן דעם צווייטן אין די דורך־אים אויסגע־פירטע מערדערייען. אין דעם דערמאָנטן געשפּרעך זאָגט דערזעלבער שינדלער: „די ס.ס.־פירערריידן וועגן פיר — פיר מיט אַ האַלבן מיליאָן אידן, וואָס זיי האָבן אויסגעמאָרדעט (דער שמועס איז פאָרגעקומען אין נאָוועמבער 1943), אָבער איך האַלט די דאָזיקע צאָל פאַר אַ גוזמא. זיי באַרימען זיך מיט אַזעלכע צאָלן. איינער טענהט, אַז אַמאָל אין אַ נאָכמיטאָג האָט ער אומגעבראַכט 18 טויזנט אידן, און דער אַנדערער באַרימט זיך באַלד, אַז ער האָט נאָך עפּעס גרעסערס אויפ־געטון“. (וועגן שינדלערן זע אויף באַם. 12 צום באַריכט פון „אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט“, פון 15־טן נאָוועמבער 1943, זייט 177).

אַלץ פאַר זיך. פון צייט צו צייט שטעלט־צו ד״ר ווייכערט אין לאַגער־שפּיטאָל אַריין עפּעס איבערבלייבן פון מעדיקאַמענטן, ווי אַספּירין א.ד.ג. וועגן דעזינפעקצירונגס־מיטלען אָדער אינסולין א.א.וו. קען מען אפילו נישט חלומען. זיי שטעלן אויך נישט צו קיין שום שפּייז־פּראָדוקטן, ווייל לויט דער לאַגער־אָרדנונג איז דאָס פאַרבאָטן. וועגן ווייכערטן זעלבסט האָט ער דערציילט, אַז ער איז אַן אָפטער גאַסט אינם אַמט פון לאַגער־קאָמענדאַנט, דעם באַראָן געט, און אויך ביים פּאָליציי־און ס.ס.־שעף, וועלכער זיצט אין אָלעאַנדרי[7]. די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין לאַגער האַלט אים פשוט פאַר שולדיק אין צוזאַמענאַרבעט מיט די נאַצישע „גדולים״.

די איינציקע הילף, וועלכע קומט אָן אַהין — כאָטש מיט זייער גרויסע שוועריקייטן — איז אונזער הילף[8]. פאַרשטייט זיך, אַז זי דערגייט אַהין אויף אַן אומלעגאַלן וועג, און פאַר אַזאַ „אומלעגאַלקייט״ וואָלט ד״ר ווייכערט זיך נישט מוסר־נפש געווען. פון אייער שרייבן האָבן מיר זיך דערוואוסט וועגן די גרויסע געלט־סובסידיעס, וועלכע די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן באַשטעטיקט פאַר הילף־צוועקן, און אַז דידאָזיקע סומעס האָבן געזאָלט געשיקט ווערן דורך קראָקע. אויב עס איז טאַקי אַזוי, איז אַ שאָד אויף יעדן גראָשן, ווייל די דייטשן וועלן באַשטימט אַלץ צורויבן.

איך רעכן, אַז אונזער באַריכט וועט אייך קלאָר מאַכן אונזער מצב. אונזער טיפסטער וואונטש איז, אַז איר זאָלט פאַרשטיין אונזער מצב אין זיין גאַנצער טיף. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אויסערגעוויינטלעך שווער, ווייל די וועלט האָט נאָך נישט געזען ווי אַ בלוטיקער אכזריות־פּלאַן ווערט אַדורכגעפירט מיט אַזאַ באַשטענדיקייט און אויסגעהאַלטנקייט.

צום באַדויערן האָבן מיר נישט קיין ידיעות וועגן אונזער אָרץ־ישראל. פון צייט צו צייט ברומען די באַנדיטן וועגן דעם און באַוואָרפן מיט שמוציקע רייד חיימען (ווייצמאַן). מיר זיינען צופרידן דערפון, ווייל דאָס איז פאַר אונז אַ סימן, אַז אונזער זאַך אַנטוויקלט זיך צום גוטן. אויב איר קענט — שרייבט אונז אַביסל מערער וועגן ארץ־ישראל.

מיט אַ האַרציקן האַנט־דרוק פאַר אייך און אייער פרוי און מיט אַ האַרציקן גרוס פון מיין פרוי

אייער

שמעון גאָטעסמאַן

---

[7] אַ פּראָכטפּולער קלוב אין קראָקע, וועלכער איז בשעתו איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר פּילסודסקיס לעגיאָנערן. וועגן ד״ר ווייכערט זע באַמערקונגען 23 און 25, זייטן 200 און 202, צום באַריכט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט״ פונם 24־טן מאַי 1944.

[8] ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט ביי פריערע געלעגנהייטן, איז קיין קראָקע געשיקט געוואָרן הילף פונם ועד ההצלה וואָס ביי דער אידישער אַגענץ אין ארץ־ישראל, דורך זיינע פאַרשטייער, וועלכע זיינען געווען טעטיק אין נייטראַלע לענדער; זיי האָבן זיך אויך באַנוצט מיט דירעקטע שליחים (נישט־אידן), וועלכע זיינען געקומען קיין קראָקע.

5. באַריכטן פונם אונטערערד פון „בונד" אין פוילן

אין די פאָלגנדיקע פראַגמענטן, וועלכע מיר ברענגען דאָ פון די באַריכטן פונם „בונד"־ישן אונטערערד אין פוילן, זיינען אָנגעגעבן געוויסע נייע איינצלהייטן און אָפּט אויך אַ ספּעציעלע באַלייכטונג פונם פאַרלויף פון די קאַמפן. די מערסטע זאַכן, וואָס ווערן דאָ דערציילט, זיינען פאַראַן אין די באַריכטן פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע ווי אויך אין די טאָגביכער פון די קעמפער, — דערביי איז די שילדערונג פונם פאַרלויף פון די קאַמפן פולשטענדיק אידענטיש. די פראַגמענטן, קאַפּיטל א'—זיינען אַרויסגענומען פונם איבערבליק, וועלכער איז געשריבן געוואָרן אין וואַרשע, דעם 22־טן יוני 1943 און איז אָנגעקומען קיין אויסלאַנד מיט זייער אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג. דערדאָזיקער איבערבליק איז אין מאַי 1944 אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „אונזער צייט" — דעם חודש־זשורנאַל פון דער בונדישער דעלעגאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די פראַגמענטן, קאַפּיטל ב' זיינען פונם אַריינפיר צום באַריכט, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין וואַרשע אין מאַי 1944 (פאַרעפנטלעכט אין „אונזער צייט", נאָוועמבער 1944). אין קאַפּיטל ג' ווערן געבראַכט פראַגמענטן פונם באַריכט גופא, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", פון 26־טן סעפּטעמבער 1944.

די באַמערקונגען אין קלאַמערן אינם טעקסט און אויך די פּעטיט־באַמרערקונגען אונטערן שטריך זיינען, ווי ביי אַלע אַנדערע דאָקומענטן, נישטאָ אינם אָריגינאַל. כדי אָפּצוהיטן אַן איינהייטלעכן סטיל אינם גאַנצן בוך, האָבן מיר אויך דידאָזיקע פראַגמענטן דערצו צוגעפּאַסט.

א

— — — דער ערשטער צוזאַמענשטויס אין וואַרשעווער געטאָ איז פאָרגעקומען דעם 19־טן יאַנואַר און דער קאַמף האָט געדויערט ביזן 23־טן יאַנואַר 1943. די דאַמאָלסטיקע קאַמפן צווישן דער באַוואָפנטער דייטשער זשאַנדאַרמעריע און ס. ס.־לייט און דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אויפגעטרעטן צום ערשטן מאָל, האָבן שוין געהאַט אין זיך דעם אָנזאָג פאַרן גרויסן שוואונג פון די אידישע קאַמף־גרופּעס אין דער צוקונפט און זיינען געווען אַ קאָמפּראָמיטירנדיקער סיורפּריז פאַר די דייטשן. דער מאַנגל אין פּלאַץ גיט אונז נישט די מעגלעכקייט צו שילדערן דעם פאַרלויף פון די געשעענישן אין זייער גאַנצן פאַרנעם און צונויפשטעלן דעם באַריכט אין אַזאַ פאָרם, וועלכער זאָל אַנטשפּרעכן זייער גאַנצער ערנסטקייט. דאָס וועט אַמאָל געטון ווערן, דאָס מוז געטון ווערן. דאָ, אין דעם באַריכט, ווילן מיר נאָר מאַכן עטלעכע באַמערקונגען.

דאָס וואָס איז געשען אין אַפּריל און מאַי היי־יאָר (1943) אין וואַרשע, דידאָזיקע אידיש־דייטשע מלחמה אָדער — ווי מען האָט עס גערופן דאָ — דער קריג פון געטאָ־גראַד אָדער פון אידן־גראַד (ענלעך צו סטאַלינגראַד) מיטן דייטשן רייך, דאָס שטייגט באמת איבער אַלע פאַרגלייכן אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק און אויך פון אַנדערע פעלקער. אין דעמדאָזיקן קריג זיינען געווען פאַרשידענע עטאַפּן, שיטות און פאָרמען, וועלכע זיינען אונז אויפגעצוואונגען געוואָרן דורך די ספּעציפישע קאַמף־באַדינגונגען.

צוגעפּאַסט צו דידאָזיקע באַדינגונגען זיינען אַדורכגעפירט געוואָרן אָנגריף־און פאַרטיידיקונגס־אַקציעס און אויך פּאַרטיזאַנישע קאַמפן. דער געטאָ האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אויפטרייסלענדיקע און אומפאַרגעסלעכע בילדער: ער איז געווען אַרומגענומען מיטן פלאַמען־ליכט פון שׂרפות, רויך־וואָלקנס האָבן זיך געקנוילט איבער אים, אין דער לופט האָבן זיך געטראָגן געקנאַל פון מאַשינגעווערן, געדונער פון האַרמאַטן־עכאָס פון שווערער אַרטילעריע, אויפרייסן פון מינעס, געקראַך פון איינפאַלנדיקע הייזער, — און צווישן דעם אַלעם, ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָבן געלעבט אונזערע מענטשן. עס דוכט זיך, אַז קיין שום מייסטער פון פעדער, פון פּינזל אָדער קלאַנג, וועט נישט זיין בכוח צו שאַפן אַן אויסדרוק פון דעם וואָס מיר האָבן צוגעזען מיט אונזערע אייגענע אויגן. עס קען גאָר נישט דערציילט ווערן און נישט געשילדערט ווערן דאָס וואָס מיר האָבן אַדורכגעמאַכט אין יענע גרויזאַמע טעג, וועלכע זיינען אָבער אויך געווען גרויסע און דערהויבענע.

די הויפּט־קאַמפן האָבן געדויערט אַרום אַ חודש, אָנהויבנדיק פון 19־טן אַפּריל (1943). אָבער אויך נאָך דעם חודש זיינען נאָך פאַרבליבן געוויסע ווידערשטאַנד־פונקטן און דער ווידערשטאַנד האָט זיך געצויגן ביז סוף מאַי.

מיט דעם ווידערשטאַנד האָט אָנגעפירט און איז געווען זיין קערן — די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע. די קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז געווען דער אויספירער־אָרגאַן פון דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע, וועלכע איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון „בונד" און פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. די רעוויזיאָניסטן און די „אגודה" האָבן נישט געהערט צו איר. די רעוויזיאָניסטן האָבן געשאַפן זייערע אַן אייגענע קליינע אָרגאַניזאַציע „נקמה"[1], וועלכע

[1] די רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציע „נקמה" האָט געטראָגן דעם פּוילישן נאָמען Żydowski Związek Zemsty (אידישער נקמה־פאַרבאַנד). די אָנפירונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט געמאַכט באַמיאונגען אַריינצונעמען זי אין איר ראַם — אָבער אָן דערפאָלג. זיי האָבן געשטעלט באַדינגונגען, וואָס מען האָט זיי נישט געקענט אַדורכפירן. אין רעזולטאַט פון די פאַרהאַנדלונגען איז פאַרבליבן נאָר אַ געוויסער קאָנטאַקט. די רעוויזיאָניסטישע גרופּע איז געווען פאַרבונדן מיט פּוילישע קרייזן, וואָס די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט זיך צו זיי באַצויגן מיט אומצוטרוי (דידאָזיקע פאַרבינדונגען האָבן זיי טאַקי פאַרפירט אין אַ אומגליק). ביים אויסברוך פונם געטאָ־אויפשטאַנד האָט די רעוויזיאָניסטישע גרופּע (אַ 60 מענטשן), געקעמפט אין די ערשטע צוויי טעג אַרום מוראַנאָווער פּלאַץ און גאַס. דערנאָך זיינען זיי דורך אַ פונפריער־צוגעגרייטן טונעל, פונם הויף מוראַנאָווער גאַס 7—9 אַריבער אויף מוראַנאָווער־גאַס 8, וואָס איז שוין געווען אויף דער אַרישער זייט, מיט דער האָפנונג צו באַקומען שוץ ביי די פּאָליאַקן, מיט וועלכע זיי זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג. די פּאָליאַקן האָבן זיי נישט אָפּגעוואָרט ביים אַרויסגיין, אָבער זיי האָבן אָנגעטראָפן אַ באַוואָפנטן דייטשן פּאַטרול. עס איז אויסגעבראָכן אַ קאַמף אין וועלכן עס זיינען אומגעקומען אַרום פערציק אידישע קעמפער. נאָר אַכצן פון זיי האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן קיין מיכאַלין, אַ דאַטשע אָרט נעבן וואַרשע, דאָרט איז געווען צוגעגרייט פאַר זיי דורך די דערמאָנטע פּאָליאַקן, אַ וואוין־הויז. אָבער עטלעכע שעה שפּעטער האָט די געסטאַפּאָ אַרומגערינגלט דעם אָרט און די 18 געראַטעוועטע האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן אין דער ריכטונג קיין שווידער. ביים איבערגאַנג איבערן טייכל שווידערעק (לויטן נאָמען פון אָרט) האָבן זיי די דייטשן דערגרייכט און נאָר 2—3 פון די אידן זיינען געבליבן לעבן. אינם טעבענס־שולץ־

האָט איבערגעריסן איר טעטיקייט נאָך צוויי קאַמף־טעג. די מיטגלידער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע זיינען מערסטנס געווען יונגע אַרבעטס־מענטשן. דער אינגסטער צווישן זיי איז געווען דער 13־יעריקער — ל י ו ש ע ק פון יוגנט־בונד (אליעזר ב ל אָ נ ע ס, לפ״ג) און דער עלטסטער — איז אַלט געווען 40 יאָר.

אַלע אָנטיילנעמער אינם אויפשטאַנד זיינען געווען אידייאישע מענטשן פון פאַרשידענע ריכטונגען. עס האָט געהערשט אַ מוסטערהאַפטע קאַמף־ברודערשאַפט צווישן בונדיסטן, חלוצים, שומרים א.אַ.וו. די אַלגעמיינע האַלטונג פון דער באַפעל־קערונג איז געווען אַ פונקט־פאַרקערטע ווי מיט אַ יאָר פריער. דער געדאַנק, אַז דאָס עלדנטום און די העראָישע געוואַגטקייט פון די קעמפער זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון פאַרצווייפלונג, איז זייער אַ פאַלשער און אומגערעכטער. אַסך פונצווישן די קעמפער האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט אַרויסצובאַקומען זיך פון געטאָ און אַוועקצוגיין פון קאַמף, זיי האָבן עס אָבער נישט געטון, ווייל עס האָט זיי באַוואויגן אַ שטאַרקער ווילן צו דערפילן די פליכט פון עטישער דערהויבנקייט, פון אינערלעכן דראַנג נקמה צו נעמען אין שונא, — עס האָט זיי באַוואויגן דער ווילן צו שיצן דעם כבוד פון פאָלק און צו קעמפן מיטן פאַשיזם, דעם שונא פון דער גאַנצער מענטשהייט און פון אייגענעם פאָלק.

די דייטשן האָבן אַרויסגעוויזן פאַרזיכטיקייט, וואָס גרעניצט מיט פחדנות. וואָס לענגער עס האָבן געדויערט די קאַמפן, איז אַלץ בלאַסער געוואָרן דער גלאַנץ־רום פון אומבאַזיגבאַרקייט פון דער דייטשער אַרמיי.

...די הויפטשטאָט און דאָס גאַנצע לאַנד זיינען עלעקטריזירט געוואָרן. דער־הערנדיק וועגן געטאָ־קאַמף. בעת די קאַמפן האָבן מיר אַרויסגעגעבן אין נאָמען פון דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פון „בונד" און דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, — כמעט טעגלעך, רעגולערע מעלדונגען פון קאַמף־פעלד, וועלכע זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אויך דורך דער ראַדיאָ־סטאַציע „שוויט"[2].

...וואַרשעווער געטאָ איז ביים היינטיקן טאָג איין גרויסער בית־הקברות. אין אונטערערדישע באַהעלטנישן און איינגעראַבונגען בלאָנקען נאָך זיכער אַרום הונדער־טער און, אפשר, טויזנטער מענטשן, וואָס זייער לעבן צאַנקט און לעשט זיך אויס ביסלעכווייז. אָט איז מיט צוויי טעג צוריק דערשינען פון דאָרט אַ 13־יעריקער אינגל, וועלכער האָט געהאַט אויף זיך אַ צעטל פון 10־טן יוני; דאָס איז דאָך אַ סימן, אַז עס איז נאָך פאַראַן „לעבן" אין די קאַטאַקאָמבעס פון אונזער צייט.

געביט איז געווען קאָנצענטרירט. אַ רעוויזיאָניסטישע קאַמף־גרופּע אינם בונקער אויף קאַרמע־ליצקע 5. די דייטשן האָבן אַנטדעקט דעם בונקער. ביי וועלכע אומשטענדן דאָס איז פאָרגעקומען און וואָס מיט די מענטשן איז געשען ווייסט מען נישט. מען האָט שפּעטער געפונען דעם בונקער אַ צעשטערטן, אָן מענטשן.

[2] „באַגינען" — די געהיימע ראַדיאָ־סטאַציע פונם פוילישן אונטערערד אין וואַרשע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן.

די באָמבאַרדירונג פון וואַרשע אין יאָר 1939 האָט חרוב געמאַכט 75,000 צימערן; דער קאַמף אין געטאָ האָט געבראַכט צו דער צעשטערונג פון איבער 100,000 צימערן. די דייטשן האָבן געהאַט אַ פאַרלוסט פון טויזנט געהרגעטע און פאַרוואונדעטע און אויך זייער גרויסע שאָדנס אין די פאַבריקן, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר דער דייטשער מלחמה־אינדוסטריע און זיינען צעשטערט אָדער פאַרברענט געוואָרן דורך דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

די קאַמפן האָבן בולט דערוויזן דער פוילישער געזעלשאַפט, אַז מען קען מיט דערפאָלג מלחמה־האַלטן געגן דעם אָקופּאַנט, און האָבן דערוועקט ביי איר נייע האָפנונגען. די אידיש־דייטשע מלחמה האָט געשטאַרקט און אויפגעמונטערט דעם ווידערשטאַנד־גייסט פונם פוילישן אונטערערד.

און די דייטשן האָבן אַנטפּלעקט זייער גאַנצע משוגעת און ווילדקייט, בעת זיי האָבן פאַרוואַנדלט דעם גאַנצן געטאָ אין חורבות און אַש.

אויפן פינפטן טאָג פון קאַמף האָבן מיר, אין נאָמען פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, פאַרעפנטלעכט אַן איינדרוק־שטאַרקן אויפרוף (זע זייט 168), אין וועלכן די קעמפער האָבן געשיקט אַ שלאַכט־גרוס דעם פוילישן אונטערערד און דער הויפּט־שטאָט. פאַרשידענע צווייגן פון דער פוילישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן געענטפערט מיט אויסדרוקן פון סאָלידאַריטעט און באַוואונדערונג. דער פוילישער אונטערערד, אומאָפּהענגיק פון דער שטעלונג פון זיינע פאַרשידענע גרופּירונגען אין דער אידנ־פראַגע, האָט אין אַלגעמיין זיך באַצויגן מיט דרך־ארץ צו די אידישע קעמפער און מיט אָנערקענונגס־געפילן צו זייער קאַמף.

פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע זיינען אין די קאַמפן געפאַלן עטלעכע פון אירע העלדישע אָנפירער, מיטן קאָמענדאַנט מ. א ר ד כ ע[3] — השומר — אין דער־שפּיץ; אינזשיניער ק ל ע פ פ י ש (מיכאל, לפ״ג), דער זייל פון איר באַוואָפנונג, ב ע ר ע ק (שניידמיל אברהם שמואל, לפ״ג) — אַ מיטגליד פון אונזער צענטראַל־קאָמיטעט און אַנדערע.

ווען פאַרשידענע קאַמף־גרופּעס פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זיינען אָפּגעריסן געוואָרן איינע פון די אַנדערע און איזאָלירט געוואָרן אין די קאַמפן, האָבן שוין מער נישט געקענט פאַרזעצן זייער קאַמף, אָפט אויך צוליבן מאַנגל אין באַוואָפנונג, האָבן זיי דאַן אָנגעהויבן מאַכן אָנשטרענגונגען אַדורכצושלאָגן פאַר זיך אַ וועג כדי אַרויסצורייסן זיך פונם גיהנום. אַ צוויי הונדערט מענטשן פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע זיינען געבליבן לעבן. די ערשטע שוואַלב, וועלכע האָט געבראַכט קאַמף־ידיעות פונם שלאַכטפעלד איז געווען פ ר י ד ר י ך פון „בונד״ (פרידריך זלמן, לפ״ג),

[3] דאָ ווערט געמיינט מ ר ד כ י אַ נ י ע ל י ע וו י ט ש (לפ״ג). די קאָמענדאַנטן פון אַלע 22 קאַמף־גרופּעס פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע זיינען צווישן די געפאַלענע אין די געטאָ־קאַמפן, סיי בעת די שלאַכטן אינם געטאָ און סיי דערנאָך, אין שפּעטערע קאַמפן.

אַ טוער פון דער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „מאָרגנשטערן”, אַ געוועזענער זעלנער אין דער פּוילישער אַרמיי, אַן אויסערגעוויינלעך מוטיקער און דרייסטער מענטש. ער איז אָבער גאָר אינגיכן געכאַפּט געוואָרן דורכן שונא און דערשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט אַ גרופּע קעמפער אויסער די געטאָ־מויערן [4].

אין דראַמאַטישע באַדינגונגען האָט ער זיך אַדורכגעשלאָגן אַ וועג און איז אָנגעקומען צו אונז צו דערפילן די אויף אים אַרויפגעלייגטע שליחות. דער פּרוּוו פון די לעבנגעבליבענע מיטגלידער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אַרויסצובאַקומען זיך פונם געטאָ־גיהנום דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן איז געווען פאַרבונדן מיט שוועריקייטן און סכנות, וואָס שטייגן איבער יעדע גרעניץ פון מענטשלעכער פאַנטאַזיע. צוויי גרופּעס — 70 מענטשן, האָבן באַוויזן, ביי סענסאַציאָנעלע אומשטענדן, צו אַנטלויפן אין די וועלדער. עטלעכע אַנדערע גרופּעס זיינען מיט געווער אין האַנט געפאַלן אין קאַמף באַלד נאָכן אַרויסקומען פון די קאַנאַלן אָדער אַ שטיקל צייט שפּעטער. נאָך אַ 60 מענטשן, אומגעפער, זיינען אומגעקומען, ווייזט אויס, אין די קאַנאַלן נאָכדעם ווי דייטש מיליטער האָט פאַרצוימט אַלע אַרויסגאַנגען [5].

---

[4] זלמן פרידריך איז געשיקט געוואָרן אין דערדאָזיקער שליחות נישט איינער אַליין נאָר צוזאַמען מיט שמחה ראַטהייזער, ווי עס ווערט דערציילט אינם טאָגבוך פון לעצטן. אַ געוויסע צייט איז אויך געווען אַ טאָג־טעגלעכע טעלעפאָנישע פאַרבינדונג — אין אַ באַשטימטער שעה (איבאָוונט) און פון אַ געוויסן אָרט אין געטאָ — מיט דעם קאָמענדאַנט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט. אַזוי האָט מען יעדן טאָג באַקומען אויף דער אַרישער זייט אויספירלעכע באַריכטן וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין געטאָ, און מען פלעגט אויך אָנזאָגן דעם געטאָ וויאַזוי צו קאָאָרדינירן די טעטיקייט. וועגן טויט פון פרידריך זע ווייטער באַם. 20 און אויך לפ״ג.

[5] דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן זיינען אַרויס צוויי גרעסערע גרופּעס קעמפער: איינע דעם 29־טן אַפּריל, פון טעבענס־שולץ־געביט, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען אַ 40 קעמפער און אַקטיווע טוער פון אידישן אונטערערד. איינצלהייטן זע טאָגבוך פון ש. גראַיעק באַם. 13, זייט 270. די צווייטע גרויסע גרופּע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין די קאַנאַליזאַציע־רערן דעם 8־טן מאַי, פונם בונקער פון די מיסט־פירער אין געטאָ, אויף פראַנציסקאַנער גאַס 22, און זי איז אַרויס דעם 10־טן מאַי, אויף פּראָסטע־גאַס. אַראָפּגעלאָזט האָבן זיך אַ 60 מענטשן אָבער אַרויסגעקומען זיינען נאָר 32. די איבעריקע זיינען אומגעקומען אינם קאַנאַל אָדער זיינען געפאַלן ביים אַרויסקומען אינם צוזאַמענשטויס מיט די דייטשן, וועלכע האָבן אָפּגעוואַרט ביים קאַנאַל־אַרויסגאַנג. די אַרויסגעקומענע 32 זיינען גלייך פון דער קאַנאַל־עפענונג אַוועקגעפירט געוואָרן אין וועלדל אַריין נעבן לאָמיאַנקי. במשך דער גאַנצער צייט זיינען דורך די קאַנאַלן אַרויס נאָך עטלעכע קלענערע גרופּעס אָדער יחידים. שפּעטער האָבן די דייטשן אָנגעשלאָסן מינעס צו די קאַנאַל־אַרויסגאַנגען, וועלכע פלעגן זיך אויפרייסן ביים עפענען די פאַרדעקן (אויפן נירנבערגער פּראָצעס איז פאָרגעלייענט געוואָרן אַ דייטשער ראַפּאָרט פון יענער צייט, לויט וועלכן די דייטשן האָבן געעפנט 183 פאַרדעקן פון די קאַנאַליזאַציע־עפענונגען און אַריינגעוואָרפן אַהין רויך־באָמבעס. זייער אַסך אידן זיינען אומגעקומען אין די קאַנאַלן, בעת די אויפרייסן פון דידאָזיקע באָמבעס). די אַרויסגעראַטעוועטע קעמפער זיינען אין זייער גרעסטן טייל געפאַלן שפּעטער אין די פּאַרטיזאַנישע קאַמפן אין די וישקאָווער וועלדער ביי די ברעגן פון טייך בוג, אָדער אין אַרישן טייל וואַרשע. ווי עס גיבן איבער קיין ארץ־ישראל געקומענע מיטגלידער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, זיינען געבליבן לעבן ווייניקער ווי צוויי צענדליק פון די מיטגלידער פון די קאַמף־גרופּעס פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ.

וועגן דער קאָנצענטרירונג פון די געראַטעוועטע קעמפער אין לאָמיאַנקי און וועגן די

וואַרשעווער געטאָ, ווי אַלע אַנדערע געטאָס האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן אויך אָפיציעל. אין אַ דייטשער פאַראָרדנונג, וועלכע דראָט מיט טויט־שטראָף אַלע אידן און אַלעמען, ווער עס וועט זיי אויסבאַהאַלטן, רעדט זיך וועגן „געוועזענעם" אידישן באַצירק.

אין דער צייט ווען מען ליקווידירט דעם געטאָ — אין צווייטן עטאַפּ, דעם איצטיקן, קומען אָן פון אַלע זייטן פאָדערונגען צוצושטעלן געווער, אָבער געווער איז פאַראַן זייער ווייניק, אָדער ריכטיקער — ס'איז אינגאַנצן נישטאָ. נאָר דעריבער קומען מער נישט פאָר קיין קאַמפן אין נוסח־וואַרשע, עס קומען אָבער פאָר מער ווידער־שטאַנד־פּרוּוון אין פאַרשידענע ערטער. וואַרשעווער בײַשפּיל האָט געהאַט אַן אויפ־מונטערנדיקע ווירקונג. צום באַדויערן האָבן די באַדינגונגען לחלוטין נישט דערמעג־לעכט צוצוגרייטן זיך צו אַזאַ מלחמה...

ב

...אַרטור (זיגלבוים לפ"ג) דערמאָנט אין זיין בריוו, אַז דאָרטן, אין די דע־מאָקראַטישע לענדער, האָט מען נישט געגלויבט אין אַלץ וואָס מען האָט אָנגעזאָגט פונדאַנען וועגן די נאַצישע מערדערייען. מען האָט זיך דאָרטן באַצויגן צו די ידיעות ווי צו געוויינלעכער מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע, און אַז עס איז נויטיק געווען צו פאַרווענדן אַסך מי און אַרבעט כדי צו איבערצייגן די וועלט אין דער אמתדיקייט פון אונזערע באַריכטן. די לעצטע ראַדיאָ־מעלדונגען דערמאָנען, אַז ערשט נאָך אונזערן באַריכט פון 15־טן נאָוועמבער 1943 האָט די וועלט אָנגעהויבן גלויבן אין די גרויזאַמע נאַצישע מערדערייען. יאָ, עס איז טאַקי שווער צו גלויבן אין די ידיעות, וואָס מיר האָבן איבער־געגעבן. יאָ, עס איז טאַקי אמת, אַז די נאַצישע מערדער האָבן זיך דערלויבט און דערלויבן זיך אויך איצטער אַזעלכע שוידערהאַפטע גרויזאַמקייטן, וועלכע האָבן צו זיך קיינמאָל קיין גלייכן נישט געהאַט אין דער וועלט און וואָס קיין שום נאָרמאַלער מענטש האָט נישט געקענט גלויבן אין זיי.

אָבער וועגן די מערדערייען האָבן דאָך אָנגעזאָגט מענטשן און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען נישט משוגע געוואָרן און טראָגן דאָך פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלץ וואָס זיי שרייבן. אין מיינע טעלעגראַמעס האָב איך אָפט אונטערגעשטראָכן דוקא אָט דעם מאָמענט פון אומוואַרשיינלעכקייט, ווען עס רעדט זיך וועגן דער דייטשער אכזריות. איך האָב ספּעציעל געצויגן אויפמערקזאַמקייט צו דער אומבאַדינגטער נויטווענדיקייט, אַז די וועלט זאָל גלויבן אין די איבערגעגעבענע פאַקטן, וועלכע זיינען אַזוי אומ־גלויבלעך. איך האָב געוואָלט, אַז מען זאָל עס נישט באַטראַכטן אַלס גרויל־פּראָפּאַגאַנדע.

פאַרטיזאַנישע קאַמפן אין די ווישקאָווער וועלדער זע באַמערקונגען 2 און 3 צום באַריכט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, זייט 187. מער איינצלהייטן וועגן דעם אַרויסקום פון די קאַנאַלן — זע זייטן 280 א. וו., — אין טאָגבוך פון שמחה ראַטהייזער און די באַמערקונגען 13, 16, צום אים.

איך האָב געשטרעבט דערצו, מען זאָל גלויבן אין אונזערע ידיעות, כדי מיר זאָלן דער־גרייכן דורך זיי פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. מען האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז די פאַרבינדעטע מלוכות האָבן דאָ זייערן אַן אינפאָרמאַציע־דינסט, און די אָפיציעלע פּוילישע קרייזן האָבן דאָך מיר פאַרזיכערט, אַז זיי שיקן באַריכטן וועגן אונזער טראַגישער לאַגע און אַז אין די ספּעציעלע חודש־ראַפּאָרטן שילדערן זיי כסדר אונזער לאַגע. און אויב נישט געקוקט אויף אַלץ, האָט מען נישט געגלויבט — פאַלט די גאַנצע אַחריות דערפאַר אויף די נישט־גלויבער. ווייל וויאַזוי האָבן זיי געקענט נישט גלויבן ווען עס זיינען צו זיי אָנגעקומען אַזעלכע שוידערלעכע ידיעות און צוזאַמען מיט זיי שטאַרקע רופן און אַפּעלירונגען, מען זאָל גלויבן און גלויבן, כאָטש די ידיעות זעען אויס אַזוי אומ־גלויבלעך. האָט זיך דען נישט געמוזט דערוועקן כאָטש עפּעס אַ ספק אין דער אייגענער נישט־גלויביקייט? האָט זיך דען נישט געדאַרפט דערוועקן עפּעס אַ געדאַנק, אפילו נאָר צוליב פאַרזיכטיקייט: אפשר איז פאָרט ריכטיק וואָס זיי מעלדן אונז, אפשר איז עס כאָטש טיילווייז אמת? האָט עס דען פונדעסטוועגן נישט פאַרפליכטעט אָנצוהייבן וועלכע עס איז אַקציע, ווייל אַז נישט — קען שוין זיין צו שפּעט און עס וועט זיך גאַרנישט לאָזן דערגרייכן.

און אויב עס איז געשען ווי עס איז געשען, איז עס נאָר דערפאַר ווייל אָט דער נישט־גלויבן שטאַמט דערפון, וואָס עס איז באַקוועמער פאַר די מעכטיקע פון דער וועלט נישט צו גלויבן אין דעם. וואָלטן זיי אויפגענומען די פאַקטן אַזוי ווי זיי זיינען איינדערהאַמתן, וואָלט דאָס דאָך זיי פאַרפליכטעט עפּעס אויפצוטון, — און אויפטון האָבן זיי נישט געוואָלט אָדער נישט געקענט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאַרישער היטלער! ווען ער וואָלט פּראָקלאַמירט, אַז ער גיט איבער אין רשות פון די פאַרבינדעטע מלוכות די אידישע מאַסן און ער וואָלט דאָך מן־הסתם באַקומען אַ נעגאַטיוון ענטפער, — וואָס פאַר אַן אויסגעצייכנטן פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל וואָלט ער דאַן באַקומען אין זיינע הענט. ער וואָלט דאָך דאַן דערשינען ווי אַ „דזשענטלמען" ווייזט אויס, אַז ער און זיין גאַנצע באַנדע האָבן נישט דערשאַצט ווי געהעריק דעם כאַראַקטער פון די פירער פון ענגלישן און אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם.

און אפשר איז דאָס טאַקי געווען די סיבה פונם כלומרשטן מאַנגל אין גלויבן, וואָס די פאַרבינדעטע מלוכות האָבן אַרויסגעוויזן צו די ידיעות וועגן די נאַצישע אידן־מאָרדונגען? אפשר איז דאָס אויך די סיבה פון פאַרשוויגן די שחיטות־כוואַליע אין מאָמענט פון איר טראַגישסטן אויפשטייג? אפשר האָבן זיי טאַקי דאַן געשראָקן זיך פאַר אַ שאַכצוג פון היטלערס זייט — אַ פאַרשלאַג איבערצוגעבן זיי די מיליאָנען אידן?

אָט די אַטמאָספער דערמעגלעכט אונז צו פאַרשטיין אַ ר ט ו ר ס גרויסע העלדנ־טאַט. און כאָטש אינם מאָמענט, ווען עס איז צו אונז אָנגעקומען די טראַגישע ידיעה וועגן זיין זעלבסטמאָרד, האָבן מיר נישט געוואוסט קיין פּרטים וועגן דער אַטמאָספער

פון בערמודאַ [5]א, האָבן מיר אינסטינקטיוו אָפּגעשאַצט ווי געהעריק די העלדישקייט פון אַ ר ט ו ר ס טראַגישן פּראָטעסט. מיר האָבן אויסגעדריקט אונזערע געפילן אין אַ טרויער־טעלעגראַמע צום פּוילישן נאַציאָנאַלן ראַט. מיר האָבן זיך זייער אויפגערעגט פאַרוואָס מען פּרוווט צו פאַרקלענערן דעם באַדייט פון זיין טאַט. עס האָט זיך דאַמאָלסט פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז אַ ר ט ו ר איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווייל ער האָט פאַר־לוירן זיין פרוי און אַ זון. דאָס איז נישט געווען אמת. ווי אונז איז באַקאַנט, האָט נאָך זיין פאַמיליע געלעבט אין יענער צייט[6]. איך וויל דאָ קלאָרמאַכן נאָך איין מיספאַר־שטענדניש וועגן אַ ר ט ו ר ס טויט. אין זיין לעצטן בריוו צו אונז — פון 1־טן אַפּריל 1943 — דערמאָנט אַ ר ט ו ר, אַז אונזער טעלעגראַמע צו אים זאָל זיך האָבן געענדיקט מיט אַ דערקלערונג, אַז די היסטאָרישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וועט פאַלן אויף אים. ער האָט אָפּגעווענדעט דידאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו דער וועלט. זיכער איז נישט געווען קיין מיין צו ווענדן די טענה אויף זיין פּערזענלעכן אַדרעס. ער האָט דאָס פאַרשטאַנען ווי געהעריק, און זיכער האָט ער גוט געטון וואָס ער האָט זי אָפּגעווענדעט צו דער וועלט.

אָבער אויב די אָפיציעלע קרייזן פון די פאַרבינדעטע מלוכות האָבן זיך באַצויגן צו אונזער טראַגעדיע אַזוי ציניש און אכזריותדיק — מוזן מיר זיך דאָך שטאַרק וואונדערן אויף דער האַלטונג פונם אַרבעטער־קלאַס, און אין דער ערשטער ריי — אויף דער ענגלישער אַרבעטער־באַוועגונג. ביי אַלע אירע שאַרפע פּראָטעסטן האָט זי דאָך נישט געמאַכט אויף דער רעגירונג קיין ממשותדיקן און ווירקזאַמען דרוק, אַז עס זאָל עפּעס אויפגעטון ווערן מכוח אָט דעם טראַגישן ענין. און מער פאַר אַלץ רופט אַרויס ביי אונז שטוינונג אָט וואָס: אויב זיי האָבן נישט אַרויסגעוויזן גענוג אַקטיוויטעט אָפּצושטעלן די אויסמאָרדונג פון מיליאָנען אידן — פאַרוואָס האָבן זיי נישט געווירקט, אַז עס זאָל לכל הפּחות געשיקט ווערן אַנטשפּרעכנדיקע מ אַ ט ע ר י ע ל ע הילף? עס איז דאָך גוואַלד־צו־שרייען! — דאָס איז דאָך יאָ געווען מעגלעך! מען האָט דאָך לכל הפּחות געדאַרפט זאָרגן דערפאַר, אַז עס זאָלן געשיקט ווערן געלטער אַנט־שפּרעכנדיק צו דער גרויס פון די דרינגנדע באַדערפנישן פון דער־אָ גוואַלדיקער

---

[5] א צווישן 19־טן און 29־טן אַפּריל 1943 איז אויף דער אינזל בערמודאַ (אין אַטלאַנטישן אָקעאַן) פאָרגעקומען אַן ענגליש־אַמעריקאַנישע קאָנפערענץ, וועגן הילף פאַר דער ציווילער באַ־פעלקערונג אין אייראָפּע, וועלכער עס דראָט אומקום אין די פון די דייטשן באַזעצטע לענדער. די קאָנפערענץ האָט נישט געבראַכט קיין שום רעזולטאַטן. די נאַציס האָבן אין זייער פּראָפּאַגאַנדע שטאַרק אויסגענוצט דעם פאַקט, וואָס די פאַרבינדעטע ווילן פאַקטיש גאָר נישט טון פאַר די אידן.

[6] זיין פרוי מ אַ נ י ע (מאַניע ראָזען), אַ אידישע שוישפּילערין. זי האָט געשפּילט אין דער באַנייטער ווילנער טרופּע, און זייער זון (אַרטור טוביה) זיינען אומגעקומען בעת די געטאָ־קאַמפּן, אין די ערשטע טעג פון חודש מאַי 1943, אינם שפּיטאָל־שוצאָרט, אויף גענשע 6. זע באַמ. 19 ווייטער. אגב, הגם עס איז קלאָר, אַז זי איז אומגעקומען פאַר זיין זעלבסטמאָרד, אַרום 10־טן מאַי אָדער עטלעכע טעג פריער, איז אָבער כמעט זיכער, אַז זיגעלבוים האָט עס אין לאָנדאָן נאָך נישט געקענט וויסן פאַר זיין באַגיין זעלבסטמאָרד.

טראַגעדיע. און אויך איצטער ווערט עס דאָך נאָך נישט געטון, כאָטש מיר הערן נישט אויף צו אַלאַרמירן! ווייסט איר דען וויפל ווערטפולע מענטשן זיינען אומגעקומען און ווערן נאָך איצטער אומגעבראַכט נאָר צוליבן מאַנגל אין מיטלען? ווייסט איר דען, אַז עס זיינען נישט פאַראַן געווען און עס זיינען נישטאָ גענוג געלט־מיטלען איינצוקויפן געווער? ווען זיי וואָלטן יאָ געווען, — וואָלטן אויך אונזערע קאַמפן זיך פאַרענדיקט מיט מער דערפאָלג! מען וואָלט דאָך געקענט אויפטון אַזויפיל, ווען מען וואָלט נישט געדאַרפט שפּאָרן יעדן גראָשן! איך וועל דאָ ברענגען איין ביישפּיל: פון קראָקע האָט מען אונז אָנגעזאָגט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, אַז פון פּלאַשאָווער לאַגער (ביי קראָקע) קען מען אַרויסראַטעווען 230 קינדער, וועלכע זיינען נאָך נישט פאַרעגיסטרירט געוואָרן דורך דער לאַגער־ליטונג. דערצו איז געווען נויטיק אַ סומע פון 10 טויזנט דאָלאַר. צו אונזער ווייטאָג האָבן מיר נישט פאַרמאָגט די געלט־סומע. דערווייל זיינען די קינדער שוין רעגיסטרירט געוואָרן אין די לאַגער־ליסטעס — זיכער וועלן זיי אומגעבראַכט ווערן אין געהעריקן מאָמענט. אַזעלכע ביישפּילן זיינען פאַראַן אַסך. עס זיינען אויך פאַראַן „קלענערע" ענינים, ווען עס רעדט זיך וועגן לעבן פון מענטשן, וואָס מען דאַרף זיי אַרויסראַטעווען פון טורמעס, פון לאַגערן, פון שאַנטאַזש — און דראָונגס־נעצן און פון אַנדערע אומגליקן! דאָס אַלץ איז פאַרבונדן מיט סומעס, וועלכע דערגרייכן אָפט ביז צענדליקער טויזנטער זלאָטעס. אָבער וויאַזוי קענען מיר אויסגעבן אַזעלכע סומעס, ווען די מאַטעריעלע הילף וואָס מיר זיינען בכוח צו געבן אַ „געוויינלעכן" מענטש איז נישט מער ווי 500 זלאָטעס אַ חודש, און אָפטמאָל — אויך ווייניקער. לויט דעם איצטיקן ווערט פונם געלט — זיינען דאָס גראָשנס. עס רעדט זיך דאָ וועגן אַלגעמיינער שטיצע, וועלכע ווערט געגעבן אַלעמען. אין דערדאָזיקער הילפס־טעטיקייט זיינען מיר אַריינ־געטון מיט לייב און לעבן. ערשט איצט האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אין לאָנדאָן איז געגרינדעט געוואָרן אַ „קאָמיטעט צו העלפן אידן" (ביי דער פּוילישער רעגירונג). מיט 18 חדשים צוריק האָבן מיר פאָרגעלייגט צו שאַפן אַזאַ קאָמיטעט, מיר האָבן עס געפאָדערט דורך טעלעגראַמעס. פאַרוואָס האָט זיך דאָס אַזוי לאַנג פאַרצויגן?...

ג

...ווען זלמן פ ר י ד ר י ך איז אויפן זעקסטן טאָג פונם גירוש [7] צוריקגעקומען פונם באַגלייטן אַ טראַנספּאָרט וואַרשעווער אידן און מיר האָבן פאַרעפנטלעכט אויס־פירלעכע ידיעות וועגן טרעבלינקע און אויך אַנדערע אונטערערדישע אידישע אָרגאַ־ניזאַציעס האָבן אָנגעהויבן פונאַנדערשיקן צו די הויז־קאָמיטעטן בריוו, אין וועלכע זיי האָבן באַשטעטיקט די פאַקטן — ערשט דאַן האָט אַ טייל פון דער אידישער יוגנט אָנגעהויבן צו גלויבן אינם ביטערן אמת. אָבער די מערהייט פון דער אידישער באַפעל־

[7] דאָס איז, ווייזט אויס, געווען דעם 27־טן אָדער 28־טן יולי 1942. ער האָט זיי באַגלייט אויפן וועג קיין טרעבלינקע.

קערונג, באַזונדערס דער עלטער דור, האָט נאָך אַלץ נישט געגלויבט. ווען מען האָט געפּרוּווט רעדן וועגן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד האָבן אידן געענטפערט: „אַזאַ זאַך וועט אויף אונז ברענגען אַן אומגליק. מען וועט אונז אַלעמען אַרויסטרייבן. איר קענט דאָך דעם דייטשן פּרינציפּ פון קאָלעקטיווער אחריות. זיי פירן אים דורך זייער גענוי". אַ וואָך נאָכן גירוש זיינען געוואָרן אומגילטיק אַלע דאָקומענטן, וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דייטשע פאַבריקן און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. די אידישע פּאָליציי אַליין איז נאָר געבליבן נישט־באַרירט.

אונזערע שוץ־גרופּעס זיינען דאַן געווען מאָביליזירט און אין אַ גרייטקייט־צושטאַנד און זיי האָבן געוואַרט יעדן מאָמענט, עס זאָל אָנקומען אַ געווער־טראַנספּאָרט. מיר האָבן מאָביליזירט אויך די מיטגלידער פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס „צוקונפט" און „סקיף". אויך אונזערע פּאַרטיי־חברים, וועלכע זיינען געווען אָרגאַניזירט אין ספּעציעלע גרופּעס, האָבן געוואַרט. אָבער דער געווער־טראַנספּאָרט איז נאָך אַלץ נישט אָנגעקומען. מיר זיינען געווען געצוואונגען צו דעמאָביליזירן די חברים. מיר האָבן זיך באַמיט מיט אַלע כוחות אָפּצוהיטן דאָס לעבן פון די חברים, טאָמער וועלן מיר נאָך ווען־עס־איז קענען אַרויס צום קאַמף. מיר האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט אַ גרופּע פּוילישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אונז אַסך מיטגעהאָלפן. אַ פיר־פינף מאָל האָט מען אָפּגעראַטעוועט אונזערע מענטשן פונם קאָנצענטריר־פּלאַץ ביים דאַנציגער וואָקזאַל (איינער פון די וואַרשעווער וואָקזאַלן), וואָס פון דאָרט האָט מען אַוועקגעשיקט באַנען פול מיט אידן.

נאָך אַ ריי קאַמפן[8], אין וועלכע עס זיינען געפאַלן אַסך פון אונזערע חברים, האָט מען אַ געוויסע צייט אויפגעהערט צו שיקן אידן־טראַנספּאָרטן. מיר האָבן אויסגענוצט דעם צייטווייליקן „שטיל־שטאַנד" כדי ווידער צו אָרגאַניזירן אונזער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אינצווישן האָבן מיר אָנגעהויבן באַהאַנדלען מיטן אידישן נאַצאָנאַלן קאָמיטעט די פראַגע וועגן שאַפן אַ געמיינזאַמע קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

סוף אָקטאָבער, 1942, איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע, — אַן אַלגעמיינער קאָמיטעט פון אָרגאַניזאַציעס־פאָרשטייער, צו איינעם פון יעדער אָרגאַניזאַציע. אונזער פאָרטרעטער איז געווען אונזער חבר אינזשיניער א. ב ל ו ם (לפ"ג) אין קאָמיטעט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָבן מיר דעלעגירט מאַרעקן (עדעלמאַן)[9].

מיר האָבן שוין דאַמאָלסט געהאַט אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע, אָבער געווער איז געווען ווייניק. דער קאָמענדאַנט פונם בערשטער־געביט — די געגנט, וואו עס האָבן

---

[8] געמיינט ווייזט אויס די פאַלן פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד. זע באַמערקונג צו דער טאַבעלע: די צאָל געפאַלענע אינם וואַרשעווער געטאָ אין די חדשים פון גירוש, זייט 75 און אויך באַמערקונג 24, זייט 141, אינם קאַפּיטל די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

[9] זע באַמ. 33 קאַפּיטל די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, זייט 146.

געוואוינט די אידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן אויסגעאַרבעט בערשטן פּאַר די דייטשן — איז געווען ג ר י ל אַ ק (ישראל, לפ״ג). דער קאָמענדאַנט פונם געביט, וואו עס האָבן געוואוינט די אַרבעטער פון דער דייטשער פאַבריק „שולץ און טעבענס״, איז געווען שלמה פּ א ו ו (לפ״ג)[10]. אין אַלע געביטן האָבן מיר געהאַט גרופּעס, אָבער צום באַדויערן — נישט באַוואָפנטע. דער ערשטער קליינער געווער־טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען פונם פּוילישן אונטערערד אין דעצעמבער 1942. אָבער דער טראַנספּאָרט האָט נישט באַפרידיקט אפילו אַ הונדערט־חלק פון די באַדערפענישן...[11]

דער אַזויגערופענער צווייטער גירוש איז פאָרגעקומען אין סאַמע ברען פון אונזער אָרגאַניזירונגס־אַרבעט. מיר האָבן נאָך נישט געהאַט באַוויזן אַרויסצונעמען דאָס געווער פון צענטראַלן מאַגאַזין. בעת דעמדאָזיקן גירוש האָבן געקעמפט נאָר די גרופּעס, וועלכע האָבן געוואוינט אין שכנות צום צענטראַלן מאַגאַזין[12]. אין יענע קאַמפן איז, צווישן אַנדערע חברים, געפאַלן אַברהם פ ײ נ ע ר (לפ״ג), דאָס איז געווען אין יאַנואַר 1943.

כאָטש דער יאַנואַר ווידערשטאַנד איז געווען נישט קיין גרויסער, איז זיין חשיבות געווען פונדעסטוועגן זייער אַ באַדייטנדיקע. דאָס איז געווען דער ערשטער באַוואָפנטער צוזאַמענשטויס מיט די דייטשן. עס איז צעשטערט געוואָרן די לעגענדע וועגן דעם „אומבאַזיגבאַרן דייטש״, וועלכער באַשטימט דעם גורל פון הונדערטער טויזנטער אידן אויף לעבן און טויט. די קעמפער זיינען געווען קאָנצענטרירט אין פינף פּונקטן. פון דאָרטן האָבן זיי אַדורכגעפירט באַוועגלעכע פּאַרטיזאַנישע אָנגריפן אויף די דייטשן. עס זיינען פאָרגעקומען עטלעכע באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן. איין שטאַר־קער קאַמף איז פאָרגעקומען אין ווינקל פון די גאַסן זאַמענהאָף און סטאַווקי. די

[10] די אָנפירונג פון די קאָמענדאַנטן אין די צוויי געביטן שטימט נישט מיטן באַריכט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכער דערמאָנט זיי נישט אַלס קאָמענדאַנטן פון די ערטער. דער קאָמענדאַנט פונם בערשטער־געביט איז געווען מאַרעק ע ד ע ל מ אַ ן און דער קאָמענדאַנט פונם „שולץ־טעבענס״־געביט איז געווען אליעזר ג ע ל ע ר (לפ״ג).

[11] עס זיינען געווען 10 קליינע רעוואָלווערן. זע באַמ. 45, צום באַריכט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, זייט 153.

[12] דער צווייטער גירוש דאָס איז דער גירוש, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן דעם 18־טן יאַנואַר 1943. די קאַמפן האָבן דאַמאָלסט געהאַט אַסך אַ ברייטערן פאַרנעם און זיי זיינען פאָרגעקומען אויך אין אַסך ערטער אינם צענטראַלן געטאָ. אַזוי ווערט איבערגעגעבן אינם באַריכט פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אין דידאָזיקע קאַמפן האָבן נאָר באַוויזן אָנטייל צו נעמען די אָפּטיי־לונגען, וואָס זייערע מיטגלידער האָבן געלעבט צוזאַמען אין קאָמונעס. אין יענעם מאָמענט זיינען עס נאָר געווען די גרופּן פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, וואָס זייערע מיטגלידער האָבן געלעבט און געוואוינט צוזאַמען אין קאָמונעס. די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט טאַקע געלערנט פון דעראָזיקער דערפאַרונג און פון דאַמאָלסט אָן האָבן אַלע מיטגלידער פון די קאַמף־אָפּטיילונגען געמוזט וואוינען צוזאַמען אין קאָמונעס, איינגעטיילט לויט די אָפּטיילונגען. ווייזט אויס, אַז די „בונד״ישע קאַמף־אָפּטיילונגען האָבן בעת די יאַנואַר־קאַמפן געוואוינט צוזאַמען נאָר אין יענער געגנט, אַרום די מאַגאַזינען פון דעם דייטשן פאַבריקאַנט שולץ אויף נאָוואָליפּיע־גאַס 44—46 (וואו עס האָבן זיך געפונען לאַגערן פון לעדער, שטיוול און אוניפאָרמען), אינם געביט פון די טעבענס־און שולץ־וואַרשטאַטן (אין דער געטאָ־מאַפּע באַצייכנט מיטן אות „ב״).

דייטשן זײַנען איבעראַשט געוואָרן פונם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד מצד די אידן. נאָך צוויי טעג האָבן זיי איבערגעריסן דאָס אַרויסשיקן די איבערגעבליבענע געטאָ־באַפעל־קערונג.

די אמתע הערשאַפט אין געטאָ איז דאַמאָלסט פאַקטיש געווען אין די הענט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע...

די דייטשן האָבן זיך איבערצייגט, אַז דאָס מאָל וועלן זיי נישט קענען אַדורכפירן די אַרויסשיקונגען אויפן וועג פון שווינדל און אָפנאַרערײַ, האָבן זיי דעריבער באַשלאָסן עס צו טון מיט געוואַלט. צוויי אַזייגער אין דער נאַכט אויפן 19־טן אַפּריל האָבן די דייטשן פונאַנדערגעשטעלט אין די געטאָ־איינגענג דייטשע, אוקראַינישע און לעטישע וואַך־פּאָסטנס. איינציקווייז און זאַלבעצווייט און זאַלבעדריט זײַנען די דייטשן דאַן אַרײַן אין געטאָ. 4 אַזייגער פאַרטאָג זײַנען שוין אַלע גרופּעס פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויך געווען אויף דער וואַך — גרייט צו דער אַקציע. זיי האָבן באַשלאָסן אויפצונעמען דעם אַרײַנקומענדיקן שונא מיט קאַמף־טאַטן. אין „צענטראַלן געטאָ" האָבן זיך געפונען 8 קאַמף־גרופּעס, אין ברעשטער־געביט — 5 קאַמף־גרופּעס און אינם געביט פון די דייטשע „שולץ און טעבענס"־פאַבריקן — 7 גרופּעס [13].

6 אַזייגער אינדערפרי האָבן אַרײַנמאַרשירט אין „צענטראַלן געטאָ" צוויי טויזנט ס.ס.־לייט מיט טאַנקען, האַרמאַטן, דריי וואָגנס פול מיט געווער און אַן אַמבולאַנס. צוזאַמען מיט די ס.ס.־לייט זײַנען אויך געקומען די נאַציס, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען אַדורכפירן דעם גירוש פון די אידן, — דאָס זײַנען געווען די ס.ס.־אָפיצערן און געסטאַפּאָ־לייט: מיכעלסאָן, האַנטקע, העפלע, מירעטשקאָ, באַרטעטשקאָ, בראַנד און מענדע [14]. די אידישע באַפעלקערונג איז פאַרשוואונדן פון די גאַסן. די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע אַליין איז געבליבן אויף דער וואַך. די קעמפער האָבן פאַרנומען דריי פּאָזיציעס אין געטאָ, דערמיט האָבן זיי פאַרצוימט דעם צוטריט צו די הויפּט־גאַסן. דער ערשטער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען אויף נאַלעווקי־גאַס, וואו עס האָבן זיך פאַרפעסטיקט הינטער באַריקאַדעס צוויי קאַמף־גרופּעס און געשיצט די גאַס. די שלאַכט

---

[13] דאָ איז, ווייזט אויס, אַרײַנגעפאַלן אַ טעות. פאַקטיש זײַנען 9 אָפּטיילונגען קאָנצענטרירט געוואָרן אין צענטראַלן געטאָ (אין דער געטאָ־מאַפּע אות „ד") און 8 — אינם געביט פון די שולץ־און טעבענס־וואַרשטאַטן (אין דער געטאָ־מאַפּע באַצייכנט מיטן אות „ב").

[14] מיכעלסאָן — געסטאַפּאָ־שעף; האַנטקע — שפּעטערער קאָמענדאַנט פון בודזינער לאַגער; העפלע — אָבערשטורם־פירער, איינער פון די שעפן פון דער וואַרשעווער פּאָליציי. געקומען פון לובלין אַלס ספּעציאַליסט אין אידן־מאָרדונג; באַרטעטשקאָ — שפּעטערער קאָמענדאַנט פונם לאַגער אין קראַשניק; בראַנד איז געווען דער רעפערענט פאַר אידישע ענינים אין געסטאַפּאָ. דער טרויעריק־פּאָפּולערער נאָמען צווישן די תליינים פון גירוש. אַ באַוואוסטער סאַדיסט. האָט שוידערלעך געפּייניקט די אַרעסטירטע אידן (זע אזכרה פאַרצייכעניש פאַר שמעון לעווענטאַל און יהודה קאַנסקי). איינער פון די אָנפירער פון דער דייטשער „בעפעלס־שטעלע" אויף זשעלאַזנע־גאַס 103, וועלכע האָט אַדורכגעפירט דעם גרויסן גירוש אין די חדשים יולי—סעפּטעמבער 1942. נאָכן דאָזיקן גירוש האָט ער פאַקטיש איבערגענומען די ממשלה איבער די אידן אין געטאָ; מענדע — שעף פון וואַרשעווער זיכערהייטס־דינסט.

האָט געדויערט אַ 6 שעה און האָט זיך פאַרענדיקט מיטן זיג פון די אידישע קעמפער. די דייטשן זיינען אָפּגעטרעטן און איבערגעלאָזט אַסך געהרגעטע. אין דערזעלבער צייט איז ביי דער קרייצונג פון די גאַסן מילע און זאַמענהאָף פאָרגעקומען דער הויפּט־קאַמף. די קעמפער, וועלכע האָבן אויך דאָרט זיך פאַרבאַריקאַדירט און פאַרנומען פּאָזיציעס אין אַלע פיר גאַס־ווינקלען האָבן אָנגעגריפן די דייטשן ביי זייער אַריינמאַרש אין געטאָ. נאָכדעם ווי עס זיינען געפאַלען די ערשטע שאָסן פון אויטאָמאַטישע רעוואָלווערן און די אידישע קעמפער האָבן באַהאָגלט די נאַציס מיט האַנט־גראַנאַטן, זיינען די גאַסן געוואָרן פוסט, די גרינע דייטשע אוניפאָרמען זיינען פאַרשוואונדן. די נאַציס האָבן זיך באַהאַלטן אין געשעפטן, אין די מויערן פון נאָענטע הייזער. עס האָבן זיך נאָר געהערט איינצלנע שיסערייען. 15 מינוט שפּעטער זיינען דערשינען טאַנקען. זיי האָבן זיך דערנענטערט צו די פּאָזיציעס פון די קעמפער. מיט אַ רואיקער פּינקטלעכקייט זיינען אויף זיי געשליידערט געוואָרן אויפרייסנדיקע צינד־פלעשער. זיי האָבן אָנגעטראָפן אינם טאַנק, עס ברעכט אויס אַ פייער, עס הערט זיך אַן אויפרייס־דונער און דער טאַנק איז פאַרניכטעט. די קליינע טאַנקען טרעטן באַלד אָפּ צוריק און די באַהאַלטענע דייטשן מאַכן פּליטה אין צעטומלעניש, — רעוואָלווער־שאָסן און האַנט־גראַנאַטן האָבן זיי באַגלייט אינם לויפן. אין יענער שלאַכט האָבן די דייטשן פאַרלוירן 200 מאַן, געהרגעטע און פאַרוואונדעטע. פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז געפאַלן נאָר איינער. אין צוויי שעה אַרום האָבן די דייטשן אויסגעשטעלט אינם שטח צווישן איין געטאָ און דעם אַנדערן קליינע האַרמאַטן און זיי האָבן אָנגעגריפן אונזערע פּאָזיציעס מיט אַ שטאַרקן פייער. דער צוגאַנג איז אָפּגערוימט געוואָרן, די פּאָזיציעס פאַרנומען. פּלוצים איז פון די פענסטער וואָס אַנטקעגנאיבער זאַמענהאָף־גאַס 29 אַראָפּ אַ גראַנאַטן־האָגל. דאָס האָט איין קאַמף־גרופּע, וועלכע האָט זיך ביז איצט נישט באַטייליקט אין די קאַמפן כדי נישט צו אַנטדעקן איר באַהעלטניש־אָרט, אָנגעהויבן איר אָנגריף אויף די דייטשן צום צווייטן מאָל אויפן זעלבן אָרט: פון די דייטשן זיינען דאַן געהרגעט געוואָרן אַ 50 מאַן, אומגעפער. אונזער גרופּע האָט זיך צוריקגעצויגן אָן קרבנות. אַזייגער פינף נאָכמיטאָג זיינען שוין נישט געווען קיין דייטשן אין געטאָ. דער זיג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ שנעלן איבעראַשונגס־אָנגריף, אַדורכגעפירט פון גוט־פאַרמאַסקירטע פּאָזיציעס.

אויף־צומאָרגנס זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן גרעסערע ס.ס.־אָפּטיילונגען אין די ערטער צווישן איין געטאָ און דעם אַנדערן און אינם אַרישן טייל אויפן קראַשינסקי־פּלאַץ. דאָרט איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן די אַרטילעריע. אָבער דער גרעסטער טייל פון די דייטשע קרעפטן איז נישט אַריין אין געטאָ. ערשט דריי אַזייגער נאָכמיטאָג איז אַן ס.ס.־אָפּטיילונג פון 300 מאַן צוגעקומען נאָענט צום טויער פונם געביט, וואו עס האָבן געוואוינט די אידישע בערשטער־אַרבעטער. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אַ מינוט. אַט די מינוט איז גענוג געווען פאַר די אידישע קעמפער: זיי האָבן אַ דריק געטון דעם

פון־פריער צוגעגרייטן עלעקטרישן קאָנטאַקט — און אונטער די פיס פון די ס.ס.־לייט האָבן זיך אָנגעהויבן אויפרייסן מינעס. די דייטשן זיינען זיך צעלאָפן און איבערגעלאָזט אויפן אָרט פון 80 ביז 100 געהרגעטע און פאַרוואונדעטע.

אין צוויי שעה אַרום זיינען די דייטשן ווידער געקומען. איינציקווייז זיינען זיי אַריין, פאָרזיכטיק, אין פולער קריגס־גרייטקייט. די אידישע קעמפער האָבן זיי אָפּגעוואַרט אין זייערע פּאָזיציעס. 30 דייטשן זיינען אַריין און נאָר צוויי זיינען אַרויס לעבעדיקע. זיי זיינען אָנגעגריפן געוואָרן מיט האַנט־גראַנאַטן און צינד־פלאַשן. ווער עס איז נישט אומגעקומען פון אַ גראַנאַט, איז פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. דאַן האָבן די דייטשן אַריינגעבראַכט אַרטילעריע. די האַרמאַטן האָבן אָנגעהויבן באָמבאַרדירן דעם הייזער־בלאָק פון אַלע פיר זייטן.

פון דער צווייטער זייט בלאָק, פון פראַנציסקאַנער גאַס, האָט דערווייל אַריינמאַרשירט נאָך אַן ס.ס.־אָפּטיילונג, זי איז אָבער ווייט נישט דערגאַנגען, — עס האָט זי באַגעגנט אַ שטאַרקער פייער פון קוילנוואַרפערס. די דייטשן זיינען ווידער אָפּגעטרעטן און פאַרשוואונדן פונם געטאָ־געביט. דאָס איז געווען דער צווייטער פולשטענדיקער זיג פון די אידישע קעמפער.

אינם געביט פון די דייטשע „שולץ און טעבענס"־פאַבריקן האָבן די דייטשן אין יענעם טאָג זיך געווענדעט צו די אידן מיט אַ פאָרשלאַג צו פאַרשרייבן זיך אויף אַרויסצופאָרן אין איינעם פון די אַרבעטס־פונקטן, אָבער קיין איד האָט דעם פאָרשלאַג נישט אָנגענומען. עס זיינען נישט געווען קיין בעלנים. אַלע איינוואוינער אין יענעם טייל שטאָט זיינען, אַזוי ווי אין „צענטראַלן געטאָ", אַראָפּ אין אונטערערדישע שוץ־באַהעלטנישן. די לייטונג פון די דייטשע וואַרשטאַטן האָט פון מאָל צו מאָל פאַרלענגערט דעם „אָפּפאָר"־טערמין פון די „פרייווייליקע", אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. דאַן האָבן די דייטשן געמאָלדן, אַז אויך אין דעם טייל שטאָט וועלן זיי זיין געצוואונגען צו באַנוצן זיך מיט דיזעלבע מעטאָדן, מיט וועלכע זיי באַנוצן זיך אין „צענטראַלן געטאָ". די קאַמף־גרופּעס פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן זיך געפונען אין ספּעציעלע קאַזאַרמעס, האָבן דאַן אָנגעהויבן צו אַטאַקירן די ס.ס.־אָפּטיילונגען אויף דער אַרישער זייט מיט גראַנאַטן און באָמבעס.

לויטן באַפעל פונם לובלינער פּאָליציי־פירער גלאָבאָצניק[15], וועלכער איז ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין וואַרשע אויף דער גירוש־אַקציע, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אונטערצינדן דעם געטאָ. צוערשט האָבן זיי אונטערגעצונדן די הייזער ביי וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אין אַ ווידערשטאַנד: נאַלעווקי 35 און 39, מילע 28 און 29, זאַמענהאָף 28 און דער גאַנצער בערשטער־געביט. דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע שרפה. אין די פייער־פלאַמען זיינען אומגעקומען טויזנטער מענטשן.

---

[15] זע זייט 161, באַמ. 54 צום קאַפּיטל „די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע".

זיי זיינען פאַרברענט געוואָרן וואו נאָר זיי האָבן זיך דאַמאָלסט געפונען: אין די באַהעלטענישן, אויף בוידימער, אין די וואוינונגען. מערסטנס האָבן די אידן אַ סוף געמאַכט צו זייער לעבן דורך אַראָפּשפּרינגען פון דריטן אָדער פערטן שטאָק. ווער ס׳איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון פייער, אין דערהרגעט געוואָרן פון דייטשע קוילן. אין אַסך ערטער זיינען געפונען געוואָרן טויטע קערפּערס אין אַ זיצנדיקן צושטאַנד. זיי זיינען דערהרגעט געוואָרן אין שלאָף. עס זיינען אויך געפונען געוואָרן אַסך קערפּערס פון געהרגעטע פרויען מיט קינדערלעך אין זייערע אָרעמס.

די אידישע קעמפער זיינען דאַמאָלסט אַריבער פון אָנגריף צו פאַרטיידיקונג. זיי האָבן געוואָלט ראַטעווען ווי־ווייט־מעגלעך די מענטשן אין די שוץ־באַהעלטנישן. עס זיינען איבערגרופּירט געוואָרן די כוחות. די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַרפעסטיקט אין די הייזער, אויף די בוידימער, און זי האָט נישט דערלאָזט די דייטשן צוצוקומען צו די שוץ־באַהעלטנישן... די אָנגריף־און פאַרטיידיקונגס־קאַמפן האָבן געדויערט 10 טעג.

דער אָרימער רעזערוו פון וואָפן האָט אָבער אָנגעהויבן אויסגיין. עס איז פאַרבליבן אַ קליינער קוואַנטום, וואָס האָט קוים געקלעקט אויף וואַך־פּאָסטנס און זעלבסט־שוץ. לויט די אַדורכגעפירטע אויסרעכנונגען זיינען געפאַלן 1200 דייטשן, געהרגעטע און שווער־פאַרוואונדעטע. איינצלנע צוזאַמענשטויסן צווישן די אידישע קעמפער און די דייטשן זיינען נאָך פאָרגעקומען אַ לאַנגע צייט, באַזונדערס אין די נעכט. די פאַרברענונג פון געטאָ האָט זיך געצויגן אָן אויפהער. נאָך צוויי וואָכן איז פולשטענדיק פאַרברענט געוואָרן דער געטאָ און צוזאַמען מיט אים אויך דער נישט־באַפעלקערטער געביט. דאָס פעלן פון וואַסער און שפּייז האָט זייער געפּייניקט. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אויפרייסן די פאַרברענטע הייזער. דערמיט האָבן זיי געוואָלט אויסרייסן מיטן וואָרצל די קעמפער־נעסטן און אויך די אונטערערדישע פאַרשטעקן. די דייטשן זיינען אויסן געווען איינצוברעכן פולשטענדיק דעם ווידערשטאַנד. זיי האָבן אָנגעהויבן באַנוצן זיך מיט גאַז־באָמבעס. די מערהייט קעמפער איז געפאַלן אין קאַמף מיט די דייטשן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעריסן אין די בונקערס, אָדער אומגעקומען פון גאַז־באָמבעס.

אַסך קעמפער, וועלכע זיינען געווען פאַרזאַמלט אינם שוץ־קעלער פון דעם קאָמאַנדיר, האָבן זעלבסט אַ סוף געמאַכט צו זייער לעבן[16], ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט אַריינפאַלן לעבעדיקערהייט צום שונא אין די הענט אַריין. געציילטע פונצווישן זיי איז געלונגען אַדורכצורייסן זיך דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. פיר קאַמף־גרופּעס, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין געטאָ, האָבן פאַרגעזעצט אַ פּאַרטיזאַנישן קאַמף געגן די דייטשן מער ווי אַ חודש צייט. אין דידאָזיקע קאַמפן זיינען זיי געפאַלן אַלע ווי איינער.

דער געטאָ־קאַמף האָט אין אַלגעמיין געדויערט איבער זיבן וואָכן. אַ האַלב

[16] זע זייט 164, באַמערקונג 60.

יאָר צייט האָט אונזער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ געאַרבעט אין די ראַמען פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, פון אָקטאָבער 1942 ביז מאַי 1943. מיר האָבן צוזאַמענ־געאַרבעט מיט אַלע נאַציאָנאַל־ציוניסטישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס. אונזערע חברים האָבן געלעבט מיט זיי אין גוטע באַציאונגען. מיר האָבן געאַרבעט צוזאַמען, אין איין ברידערלעכער משפחה. אַלע זיינען געווען פאַראייניקט אין איין געמיינזאַמען ציל. במשך דעם גאַנצן האַלב־יאָר זיינען נישט געווען קיין שום סכסוכים אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אַלע אירע מיטגלידער האָבן געאַרבעט אָננשטרענ־גענדיק אַלע כוחות, כדי צו פאַרטיידיקן אונזער ווירדע.

די מערהייט פון אונזערע קעמפער איז געפאַלן אין די געטאָ־קאַמפן, אָדער באַלד נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אַרויסבאַקומען אויף דער „אַרישער" זייט.

י ו ר ע ק ב ל אָ נ ע ס (לפ"ג), דער קאָמענדאַנט פון אונזער גרופּע אין בערשטער־געביט איז געווען איינער פון די מוטיקסטע און געוואַגטסטע קעמפער. צוויי מאָל האָט ער אָפּגעראַטעוועט די בערשטער־גרופּע פון אַן אומפאַרמיידלעכן טויט, אָפּהאַלטנדיק איינער אַליין אַן אָנגריף פון איבער צען דייטשן. מ ל ך פ ע ר ל מ אַ ן (לפ"ג) איז פאַרוואונדעט געוואָרן מיט דריי קוילן, בעת ער האָט געהאַלטן וואַך ביי די געטאָ־מויערן. אַ לאַנגע צייט האָט ער געשיצט די אָפּטרעטנדיקע חברים. ווען ער האָט שוין נישט געקענט שטיין אויף די פיס, האָט ער איבערגעגעבן זיינע חברים דעם מאַשינגעווער, כדי עס זאָל נישט אַריינפאַלן צום שונא אין די הענט אַריין. די חברים האָבן אים אַוועקגענומען אין אַ פאַרחלשטן צושטאַנד אינם הויף, וואו עס האָט זיך געפונען דער „בונקער" פון זיין גרופּע. מען האָט אים שוין נישט געקענט אַראָפּטראָגן אין שויך־קעלער, האָט מען אים אַוועקגעלייגט אין הויז. ווען דער חבר אויף דער וואַך איז צוגעגאַנגען צו אים פרעגן ווי ער פילט זיך, האָט ער אים נישט דערלויבט צו פאַרבלייבן לעבן אים. ער האָט אים איבערגעגעבן דעם רעוואָלווער, זאָגנדיק: „מיר וועט ער שוין נישט נוצן — איר דאַרפט אים אָבער אויסנוצן ווי געהעריק". אויפצו־מאָרגנס האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן דאָס הויז און ער איז פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט [17].

ט אָ ב ט ש ע ד אַ ו ו י ד אָ ו י ט ש (לפ"ג) איז געווען די פאַרבינדלערין פון אונזער קאַמף־גרופּע אינם געביט פון די „שולץ און טעבענס"־פאַבריקן. אַ פאַר־

---

[17] ער איז געשיקט געוואָרן, צוזאַמען מיט נאָך צוויי חברים, אין נייטראַלן געביט, כדי צו קומען אין פאַרבינדונג מיט פּייערלעשער וועגן ראַטעווען מענטשן. אויספירנדיק דידאָזיקע שליחות, איז ער, אויף גענשע גאַס, שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין בויך. נישט קוקנדיק אויף די וואונדן, איז ער צוגעקומען קריכנדיק ביז מילע 18, אָבער דער דורכגאַנג אין בונקער אַריין איז געווען אַ שווערער און זיין צושטאַנד האָט אים נישט דערמעגלעכט אַריינצוקומען אינ־ווייניק. די חברים האָבן אים אַריינגעטראָגן אין הויז אויף מוראַנאָווסקע גאַס 37. עס איז צו אים אויך געבראַכט געוואָרן אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט אים באַהאַנדלט. דערנאָך איז דאָס הויז אונטער־געצונדן געוואָרן דורך די דייטשן, זע אויך לפ"ג.

וואַנדערטע אין פוס האָט זי אַרויסגעפירט איר גרופּע ביז צום קאַנאַל־אַרויסגאַנג, אָבער זי האָט נישט געוואָלט מיטגיין כדי נישט שווער צו מאַכן זייער וועג. זי איז פאַרבליבן אין געטאָ.

ד ו ד ה אָ כ ב ע ר ג (לפּ״ג) איז געווען אַ גרופּע־קאָמענדאַנט אין געטאָ. ווען די דייטשן האָבן אַנטדעקט דאָס אָרט פונם בונקער פון זיין גרופּע, האָט ער איבערגעגעבן די חברים דאָס געווער און ער אַליין האָט מיט זיין קערפּער געשיצט דעם אַריינגאַנג. ער איז דערהרגעט געוואָרן. די מענטשן פון דער ציווילער באַפעלקערונג און אַלע קעמפער האָבן באַוויזן אַרויסצוקומען פונם בונקער דורך דעם צווייטן אַרויסגאַנג. עס איז פאַרביי אַ פערטל שעה ביז מען האָט באַזייטיקט זיין קערפּער פונם אַריינגאַנג אין בונקער [18].

[18] עס רעדט זיך וועגן בונקער אויף מילע־גאַס 29. דאָס איז געווען איינער פון די צענטראַלע בונקערס פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע,—פון דאָרטן פלעגן די קעמפער אַרויס צו די קאַמף־אַקציעס און שפּעטער אומקערן זיך אַהין. דאָרטן האָבן זיך קאָנצענטרירט די קאַמף־גרופּעס פון לוי (לייב) ג ר ו ז אַ ל ץ, ל י ו ט ע ק (לייב) ר אָ ט ב ל אַ ט און פּ אַ ו ו ע ל (אַלע דריי — לפּ״ג) און נאָך קעמפער. דאָרט האָט זיך אויך געפונען אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט און אַ פּולווער־מאַגאַזין פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. דעם 24־טן אַפּריל 1943 איז אונטערגעצונדן געוואָרן דאָס הויז, וואָס אינם קעלער האָט זיך געפונען דערדאָזיקער בונקער. די פלאַמען האָבן אָנגעהויבן אַריינ־רייסן זיך אין בונקער אַריין דורך אַ שפּאַלט און די ווענט זיינען אָנגעגליט געוואָרן פון היץ. עס איז געוואָרן דרינגנד־נויטווענדיק אַרויסצופירן אין איילעניש די ציווילע מענטשן און אַפילו אינמיטן העלן טאָג אַריבערצופירן זיי ערגעץ־אַנדערט (דאָס ווערט דערציילט אויספירלעך אינם טאָגבוך פון ט. ב אַ ז ש י ק אָ ו ו ס ק י, זייט 290). ביינאַכט זיינען געשיקט געוואָרן צוויי קעמפער אויסצושפּירן דאָס אָרט און ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז דער בונקער גופא איז נישט צעשטערט געוואָרן. די קאַמף־גרופּע פון ל. ג ר ו ז אַ ל ץ, אַ גרופּע פון „דרור״־מיטגלידער און אַנדערע קעמפער האָבן נאָך אַ צוויי־דריי טעג אומגעקערט זיך אין דעם בונקער. די שלאַכט, אין וועלכער ס׳איז געפאַלן דוד ה אָ כ ב ע ר ג, איז פאָרגעקומען דעם 27־טן אַפּריל. דעם בונקער האָט, ווייזט אויס, אַנטדעקט אַ איד, וועלכער האָט געדינט ביי די דייטשן. ער איז אַריין אינ־ווייניק און אויפגעפאָדערט די קעמפער, זיי זאָלן זיך שטעלן צו אַרבעט, צוזאָגנדיק זיי, אַז עס וועט זיי נישט געשען קיין בייז. די קעמפער האָבן אים געלאָזט אַרויסגיין, ווייל ס׳איז געווען אַ באַפעל נישט צו שיסן. ווען דערנאָך איז אַריין דער ערשטער דייטש — האָבן שוין די קעמפער אים געשאָסן. די דייטשן האָבן אויפגעריסן מיט אַ מינע דעם באַלקן און זיי האָבן אָנגעהויבן אַריינוואַרפן דורך דער באַלקן־עפענונג גראַנאַטן אין בונקער אַריין שרייענדיק צו די קעמפער, זיי זאָלן אַרויס. ביי אַזאַ געפערלעכער לאַגע האָבן די קעמפער באַשלאָסן, אַז ס׳איז בעסער אַרויסצוגיין אין דרויסן אַרויס דורך דער באַלקן־עפענונג, כלומרשט־פאָלגנדיק דעם דייטשן באַפעל, און אָנצוהויבן דעם קאַמף ווען זיי וועלן זיין אין דרויסן. דער ערשטער האָט געפּרוווט אַרויסגיין דורך דער באַלקן־עפענונג לוי ג ר ו ז אַ ל ץ, אָבער ווי ער האָט נאָר אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ האָט אים געטראָפן אַ קויל. איינזעענדיק, אַז דער רוף פון די דייטשן איז נישט מער ווי אַ שווינדל, האָבן די קעמפער אָנגעהויבן אַרויסשיסן דורך דערזעלבער באַלקן־עפענונג און די דייטשן האָבן אין איר ווייטער אַריינגעשליידערט גראַנאַטן און באָמבעס. גלייכצייטיק האָבן די קעמפער אָנגעהויבן אָפּרוימען דעם בונקער און זיך אַרויסגעלאָזט דורך אַ טונעל אויף דער צווייטער זייט. אין יענער שלאַכט זיינען געפאַלן ל ו י ג ר ו ז אַ ל ץ, ד ו ד ה אָ כ ב ע ר ג (זיין געווער האָט ער באַוויזן איבערצוגעבן זיין חבר בערל ט אַ ס נ ק ר ו י ט (זע באַמ. 3 צום באַריכט פון אידיש נאַצ. קאָמ. פון 24־טן מאַי, זייט 188), לאה ש י פּ מ אַ ן (לפּ״ג) און נאָך צוויי קעמפער פון פּ.פּ.ר. אין יענער שלאַכט האָט זיך אויך באַטייליקט חיים פ ר י מ ע ר, פון דער קאַמף־גרופּע „עקיבא״, וועלכער געפינט זיך איצטער אין ארץ־ישראל.

מיר וואָלטן געקענט אויסרעכענען נאָך אַסך נעמען פון חברים, וועלכע האָבן געקעמפט און זיינען געפאַלן ווי העלדן. אין דער צייט פונם לעצטן גירוש (בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד), זיינען געפאַלן אין געטאָ אונזערע חברים, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע: אליעזר קלאָג[19], רעניאַ פיזשיץ, גרילאַק (ישראל), קערש (לייב), בלומע קלאָג[20] (אַלע לפ״ג) און אַסך־אַסך אַנדערע. די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע פירט ווייטער איר אַרבעט.

די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט נאָך איצטער אויך עטלעכע גרופּעס. איינע

---

[19] אליעזר קלאָג און זיין פרוי, לייב קערש, ישראל גרילאַק (אַלע — לפ״ג) און זיין פרוי און אויך מאַניע זיגעלבוים, די פרוי פון שמואל (אַרטור) און איר זון האָבן זיך געפונען בעת די קאַמפן אינם בונקער פון דעם באַזאָרגונגס־אַנשטאַלט אויף פראַנציסקאַנער גאַס 30. צוליב דער שרעקלעכער ענגשאַפט אין יענעם בונקער, האָט זיי מאַרעק עדעלמאַן אַריבערגעפירט אין שפּיטאָל־בונקער אויף גענשע־גאַס 6. דער בונקער איז אַנטדעקט געוואָרן און אַלע מענטשן דאָרט זיינען אומגעקומען אַרום דעם 10־טן מאַי 1943, אָדער עטלעכע טעג פריער.

[24] דאָ איז אַריינגעפאַלן אַ טעות. בלומע, אליעזר קלאָגס אינגערע טאָכטער האָט נאָך דאַמאָלסט געלעבט — לויט די אינפאָרמאַציעס פון די לעבנגעבליבענע קעמפער — און זי האָט זיך געפונען אין לאַגער אין סקאַרזשיסק, וואו זי איז דערנאָך דערמאָרדעט געוואָרן, דאָ ווערט, מסתמא געמיינט רוזשע קלאָג, די עלטערע טאָכטער (פאַרהייראַט מיט ל. וואַסערמאַנען, אַ בונדיסטישער טוער אין וואַרשע). זי האָט געלעבט אונטער אַן אַרישן נאָמען אין דאָרף פלודי, ביי וואַרשע. נאָכן אַרויסקומען פון די קאַנאַליזאַציע־רערן, זיינען פונם וואַלד נעבן לאָמיאַנקי געפאָרן צו איר יורעק (וועלכער איז געווען קראַנק), גוטאַ און ליושעק בלאָנעס, פייגעלע גאָלדשטיין (אַ בונדיסטן , יורעקס חברטע) און צמרת (צאַמערעט וואַכנהויזער (אלע — לפ״ג). געפירט האָט זיי זלמן פרידריך (לפ״ג). אָנקומענדיק אין דאָרף אַריין, זיינען זיי אַנטדעקט געוואָרן און אַלע זיינען אומגעקומען. איידער מען האָט זיי דערמאָרדעט, האָבן די דייטשן זיי אַרומגעפירט איבערן דאָרף און די פוירן האָבן זיי געמאַטערט. געראַטעוועט געוואָרן איז נאָר רוזשע קלאָגס קליין טעכטערל, באַשע, וואָס די פויערטע האָט געזאָגט אויף איר, אז ס׳איז איר קינד. דאָס מיידעלע האָט זיך שפּעטער געפונען אין וואַרשע, אויף קראָכמאַלנע גאַס 23, אינם הויז פון אַ פּאָליאַק, יאַנעק, אַ פּ.פּ.ס.־מיטגליד, וועלכער האָט געהאָלפן אידן. דאָס קינד איז געראַטעוועט, זע אזכרה פאַרצייכניש וועגן רוזשע קלאָג.

אַדאַנק דער באַמיאונג פון בונדישן צענטראַל־קאָמיטעט אין פוילן, זיינען די ביינער פון פינף געפאַלענע — חברים פון „בונד" — פונצווישן די זעקס מיטגלידער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וואָס זייער קבורה־אָרט איז געווען באַוווּסט, — געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל אויפן אידישן בית עולם אויף גענשע־גאַס אין וואַרשע. די לוויה איז פאָרגעקומען, ביי אַ גרויסן באַטייליקטן עולם, דעם 11־טן יאַנואַר 1946. צוזאַמען מיט זיי איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה נאָך איינער פון די בונדיסטישע קעמפער, גאַבריש (גבריאל) פרישדאָרף, וועלכער איז געפאַלן אין מאַי 1944 אין די פּאַרטיזאַנישע קאַמפן אין די ווישקאָווער וועלדער. ווי געזאָגט זיינען דאַמאָלסט, אין פלודי, אומגעקומען זעקס מענטשן פון די געטאָ־קעמפער, פון זיי פינף מיטגלידער פון „בונד" און איין חברטע פון „השומר הצעיר", צמרת (צאַמערעט) וואַכנהויזער, אָבער דער בונדישער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אַריבערגעפירט די ביינער נאָר פון זיינע פינף חברים. אין דער ברייטער באַשרייבונג אין ערשטן נומער פון דער „בונד"־צייטונג אין פוילן — „פאָלקסצייטונג", וועלכע איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין ניו־יאָרקער „אונזער צייט", איז מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט געוואָרן, אַז צווישן די דאַמאָלסט־דערמאָרדעטע איז געווען נאָך אַ קעמפערין. ערשט עטוואָס שפּעטער האָבן די חברים פון „השומר הצעיר" אין וואַרשע זי געבראַכט צו קבורה אויפן אידישן בית־עולם אויף גענשע־גאַס אין וואַרשע.

געפינט זיך אין וואַרשע, די איבעריקע — אין פאַרשידענע ערטער אין דער פּראָווינץ. אונזערע חברים, וואָס מיר האָבן זיי קאָמאַנדירט אין רשות פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האַלטן אויף אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די קאַמף־גרופּעס. אונזערע חברים פאָרן אָפּט אַרויס צו די קאַמף־גרופּעס אויף דער פּראָווינץ און באַזאָרגן זיי מיט געלט, קליידונג, מעדיצינישע הילף, בריוו און געווער. פאַרשטייט זיך, אַז די באַדינגונגען זיינען זייער שווערע און קאָמפּליצירטע. ליידער זיינען די רייען פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע זייער שיטער געוואָרן. דאָס גאַנצע פּראָבלעם איז זייער שווער און ס׳איז גאָר נישט פּשוט צו געפינען אַ לעזונג...

נאָך פאַרן גרויסן גירוש צום טויט, אין די חדשים יולי—סעפּטעמבער 1942, האָבן די דייטשן צעשניטן מאַנכע גאַסן אין וואַרשעווער געטאָ אויף אַ אידישן טייל און אויף אַן אַרישן טייל. אין אַנדערע גאַסן ווידער, איז דער גאַס־דורכגאַנג געוואָרן אַריש און די אידן האָבן געמוזט באַנוצן אַ ספּעציעל־געבויטע האָלצערנע בריק, כדי אַריבערצוגיין פון איין זייט צו דער צווייטער. געראַטעוועטע אידן שילדערן, ווי גרויס עס איז געווען זייער דערשלאָגנקייט און אַנטוישונג, צוזעענדיק ווי די פּאָליאַקן זיינען אונטן געגאַנגען רואיק און גלייכגילטיק, נישט שענקענדיק די אידן, וואָס זיינען געגאַנגען דורכן בריק, אפילו אַ בליק פון סימפּאַטיע און מיטגעפיל.

6. דער לעצטער בריוו

דערדאָזיקער בריוו, געשריבן אין בענדין, דעם 17־טן יולי 1943, איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ שליח (אַ נישט־איד), וועלכער איז אַהין געשיקט געוואָרן פון בודאַפעשט, לויט די אָנווייזונגען פון די חברים, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער הילפס־און רעטונגס־אַרבעט אין אַ נייטראַל לאַנד. אַלע פינף געחתמעטע אויפן בריוו, טוער פון החלוץ און פון די יוגנט־באַוועגונגען, זיינען אומגעקומען אין צוויי וואָכן, אַן ערך, נאָכן שרייבן דעם בריוו. איינצלהייטן וועגן זיי — זע אין די אזכרה־פאַרצייכענונגען. דער בריוו איז דיקטירט געוואָרן אין אידיש דורך פרומקע פלאָטניצקא און איז גלייך געשריבן געוואָרן אין דייטש דורך מאַרקוס פּאָהאָרילע, אַ חבר פון דייטשלאַנד, אַ מיטגליד פון בענדינער קיבוץ (געבוירן אין 1912, דערמאָרדעט געוואָרן אין אָקטאָבער 1943, ביים ראַטעווען זיינע חברים).

„לוניה, מנדל אונד זאב וכל החברים באשר הם־שם".

(צו וואַניא, מענדל און זאב [1] און צו אַלע חברים אומעטום).

ליבע חברים,

נאָך לאַנגן וואַרטן האָבן מיר ערשט היינט אויפגענומען מיט גוואַלדיקער פרייד אייער שליח מיט דעם בריוו. אייער שליח איז ליידער געקומען אַביסל צו־שפּעט. יאָרן האָבן מיר געטרוימט וועגן געפינען אַ געלעגנהייט צו דערציילן אייך וועגן אונזער לעבן און קאַמף [2].

אין די ערשטע אַנדערטהאַלבן יאָר פון דער מלחמה האָבן מיר אויסגעבויט אַ זייער גרויסע הכשרה־נעץ און צו־דעם אויך שטאַרקע יוגנט־באַוועגונגען, אַסך שטאַרקערע און שענערע ווי אין נאָרמאַלע צייטן. אָבער מיט אַן אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק איז, ליידער, איבערגעריסן געוואָרן יעדע נאָרמאַלע אַרבעט. נאָך דער תקופה, ווען עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן די געטאָס האָט זיך אָנגעהויבן די פּלאַנמעסיקע פאַרניכטונג. דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן אין וואַרטעגאַו (לאָדזשער און פּויזנער קרייז). אַרום 80 טויזנט אידן זיינען דאָרט אומגעבראַכט געוואָרן דורך גאַז — פאָרמעל הייסט דאָס אויסזידלונג. אין לאָדזש גופא איז פאַרבליבן אַ קליינער, הערמעטיש אָפּגעשלאָסענער אידישער קיבוץ, פון אַ 40 טויזנט נפשות [3], וועלכע שטאַרבן אָן אַ שום ספק

[1] שליחים פון ארץ־ישראל, וועלכע זיינען געווען טעטיק אין אויפטראָג פונם ועד ההצלה פון דער אידישער אַגענץ און פון דער הסתדרות העובדים און האָבן זיך פאַרנומען מיט הילף־און רעטונגס־אַרבעט אין אַ נייטראַלער מדינה.

[2] אויך פריער זיינען געשיקט געוואָרן שליחים קיין בענדין, אָבער עס איז נישט געלונגען צו פאַרבינדן זיך מיט זיי. אָפטע ידיעות זיינען פון זיי אָנגעקומען דורך פּאָסט קיין זשענעוו.

[3] די שרייבערין פונם בריוו האָט געהאַט אַ טעות. אין לאָדזש האָבן דאַמאָלסט נאָך געלעבט 85 טויזנט אידן, צווישן זיי 48 טויזנט פרויען. עס קען זיין, אַז די שרייבערין האָט געמיינט 40 טויזנט אָרטיקע אידן. אין לאָדזשער געטאָ זיינען, כידוע, געווען פאַרשפּאַרט אויך אַסך אויסלענדישע אידן. וועגן לאָדזשער געטאָ זע באַמ. 8, זייט 191, צום באַריכט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פונם 24־טן מאַי 1944.

אויס פון הונגער און שווינדזוכט. אין איצטיקן מאָמענט האָבן מיר נישט פון דאָרטן קיין שום ידיעות. דער פאַרניכטונגס־אָרט הייסט כעלמנאָ (זע מאַפּע פון די דייטשע פאַרניכטונגס־לאַגערן אין פוילן).

דערנאָך איז געקומען די פאַרניכטונג פון ליטווישן אידנטום, וואָס איז געוואָרן אויסגעשאָסן אין פּאָנאַר[4]; אין ווילנע, קאָוונע און שאַוולי צוזאַמען זיינען געבליבן אַ 20 טויזנט אידן. שוין עטלעכע חדשים האָבן מיר אויך פון דאָרטן קיין ידיעות נישט. אויך דאָרט איז שוין, כמעט זיכער, יודענריין. מיר האָבן געמאַכט צוגרייטונגען צו הגנה, אָבער אָן הצלחה. אין אַזויגערופענעם גוווערנעמענט — וואַרשע, לובלין, טשענ־סטאָכאָוו, קראָקע און אומגעגנט — זיינען שוין נישטאָ מער קיין אידן. די פאַרניכטונג איז אַדורכגעפירט געוואָרן מיט גאַזן אין טרעבלינקע ביי מאַלקיניאַ. דאָס איז אַ באַרימ־טער פאַרניכטונגס־אָרט נישט נאָר פאַרן פוילישן אידנטום נאָר אויך פאַר אידן פון האָלאַנד, בעלגיע א.אַ.וו.

דאָס שענסטע קאַפּיטל אין אונזער קאַמף איז געווען אין וואַרשע; דעם ווידער־שטאַנד האָבן מיר אָרגאַניזירט — צביה און יוסף ק. (קאַפּלאַן, לפ״ג) מיט די קינדער —. אין געטאָ זיינען פאַרגעקומען פאַרביטערטע קאַמפן, ליידער זיינען נאָר עטלעכע הונדערט שונאים געפאַלן — אַרום אַכט הונדערט. דער רעזולטאַט איז געווען: אַלע אידן פאַרניכטעט און דער געטאָ אינגאַנצן חרוב.

אין גוווערנעמענט עקזיסטירט שוין נישט קיין אידישער ישוב אויסער דריי צוואַנגס־לאַגערן — טראַווניקי, פּאָניאַטאָוואָ ביי וואַרשע[5] און פּראָקאָטשין ביי קראָקע[6] — וועלכע ציילן צוזאַמען אַ 30 טויזנט אידן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועט אויך פון זיי גאָרנישט פאַרבלייבן.

אין וואַרשע זיינען פאַרבליבן צווישן די גויים, אומלעגאַל, אויף דער אַרישער זייט, עטלעכע טויזנט אידן, צווישן זיי: צביה (לובעטקין), יצחק (צוקערמאַן), געלער (אליעזר, לפ״ג), פון יערי׳ס משפחה (השומר הצעיר) איז קיינער נישט פאַר־בליבן. טאָסיאַ (אַלטמאַן), חניה[7], לאה פערלשטיין, יוסף קאַפּלאַן, מרדכי אַניעליעוויטש (אַלע — לפ״ג) און הונדערטער פון אונזערע מענטשן זיינען טויט. פון דער משפחה רייס (פועלי ציון — צ.ס.) זיינען פאַרבליבן נאָר סאַק (יוסף), גראַיעק (שלום), לעווין (לייזער). פון סאַמעק (שמואל) קאַפּלאַנס (לפ״ג)

[4] אַ דאַטשע־אָרט, בערך 10 קילאָמעטער הינטער ווילנע. זע מאַפּע פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן, באַמערקונג 10.

[5] עס געפינט זיך אויך אַ פּאָניאַטאָוו 27 קילאָמעטער פון וואַרשע, אָבער די שרייבערין פונם בריוו האָט אַ טעות געהאַט, ווייל דער פאַרניכטונגס־לאַגער פּאָניאַטאָוואָ איז געווען אין לובלינער קרייז, זע מאַפּע פון די דייטשע פאַרניכטונגס־לאַגערן אין פוילן, באַמערקונג 5.

[6] עס ווערט געמיינט דער פּלאַשאָווער לאַגער ביי קראָקע. אויך אין דער קראָקעווער פאָרשטאָט פּראָקאָטשין, נעבן פּלאַשאָווער לאַגער, איז געווען אַ נישט גרויסער קאָנצענטראַציע־לאַגער. זע באַמערקונג 5, זייט 236.

[7] חנטשע, פרומקע פּלאָטניצקעס שוועסטער.

משפחה (הנוער הציוני) זיינען פאַרבליבן נאָך ב ל אָ ך אליעזר ליפּא, לפ״ג) — אין אַן אַרבעטסלאַגער — און ק י ר ש ע נ ב ו י ם (מנחם, לפ״ג). פון אַלטערס משפחה („בונד״) זיינען נאָר איינצלנע פאַרבליבן. זייערע אַדרעסן קען איך נישט אָנגעבן.

אוקראַינע און פּאָלעסיע זיינען יודענריין.

אין ביאַליסטאָק זיינען נאָך געבליבן, אין פאַרהעלטנישמעסיק בעסערע באַדינ־גונגען, אַ 20 טויזנט אידן [8]. לובלינער קרייז איז פאַרניכטעט געוואָרן דורך גאַנץ אין בעלזשעץ און אין סאָביבאָר.

דער לעצטער אידישער ישוב, וועלכער האָט ביז איצט געלעבט אין פאַרהעלטניש־מעסיק־בעסערע באַדינגונגען, איז געווען מזרח־אויבערשלעזיע. מיט דריי וואָכן צוריק זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן 7000 אידן. מען פאַרניכטעט זיי אין אָשוויענטשים. זיי ווערן דאָרט אומגעבראַכט דורך דערשיסן און פאַרברענען. אין די גאַר־נאָענטע וואָכן וועט אויך אונזער היגער געביט זיין יודענריין. בעת איר וועט דערהאַלטן אָט דעם בריוו, וועט שוין קיינער פון אונז נישט לעבן. פון אַלע פעסער, וואָס מיר האָבן באַקומען דורך דער שווייץ זיינען נאָר עטלעכע געציילטע מענטשן אינטערנירט [9] געוואָרן, דערביי קיין איינער נישט פון אונז. הייגט מאַכן די מאַכט־אָרגאַנען גרויסע שוועריקייטן און קיין שום אינטערנירונגען קומען נישט פאָר. דער לעצטער טראַנספּאָרט איז אַוועק און מיר האָבן עד היום פון קיינעם נישט באַקומען קיין ידיעה, אדרבה, מיר ווייסן איצטער באַשטימט, אַז ער איז אָנגעקומען קיין אָשוויענטשים. אַ תיכפדיקע אינטער־ווענץ ביי דער שווייץ־מאַכט איז אַ דרינגענדסטע נויטווענדיקייט. איך שיק נישט דעם פאַר־לאַנגטן מאַטעריאַל, ווייל דו קענסט באַקומען די בילדער און אַלע דאַטן פון נתנען און פון זילבן [10].

איך בין פערזענלעך געווען אין אַלע געביטן, וועגן וועלכע איך האָב דיר אָפּגעגעבן דעם באַריכט און בין אַליין געווען אַן עדות פון אַלע פאַרניכטונגס־געשעענישן. דערוויל געפינט זיך נאָך דאָ הערשל (שפּרינגער, לפ״ג), אָבער שרייבט נישט אויף זיין אַדרעס, ווייל ער איז ברוגז מיט שילטאָנאָוויטשן [11]. איך זעלבסט לעב אויך נישט איבריק גוט מיט אים. מיר זוכן אַ וועג קיין אונגאַרן און בעטן אייך אונז דעריבער צו העלפן ווי ווייט מעגלעך.

[8] ווען דער בריוו איז געשריבן געוואָרן איז די צאָל אידן אין ביאַליסטאָק געווען גרעסער, זע זייט 166, באַמערקונג 64.

[9] גענומען אין אַן אינטערנירונגס־אָדער אין אַן אויסטויש־לאַגער פאַר אויסלענדער און נישט פאַרשיקט אין אַ פאַרניכטונגס־לאַגער, ווייל ער האָט געהאַט אַן אויסלענדישן פּאַס. אין אַ שפּעטערן טערמין האָבן די דייטשן אויך זיי דערמאָרדעט — זע יצחק קאַצענעלסאָן און זיין זון, נתן בוקסבוים און אַסך אַנדערע.

[10] חבר נתן ש ו ו אַ ל ב פון דער קבוצה חולדה און ד״ר אברהם ז י ל ב ע ר ש ט י י ן, וועלכע האָבן געטון רעטונגס־אַרבעט אין דער שווייץ. אויך חבר ד״ר חיים פּאָזנער איז געווען טעטיק אין דער שווייץ אין דער הילף־אַרבעט.

[11] נאָכדעם ווי הערשל שפּרינגער איז אַנטלאָפן פון דער באַן, וועלכע האָט אים געפירט קיין אָשוויענטשים, און ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין בענדין. זע אזכרה־פאַרצייכניש וועגן אים.

טוט אַלץ וואָס איר קענט, אָבער איך צווייפל צי איר וועט אונז נאָך קענען העלפן איידער עס וועט ווערן צו־שפּעט, ווייל מיר דערנעענטערן זיך צו אונזערע לעצטע טעג. אַלע יוגנט־באַוועגונגען ציילן היינט צוזאַמען נישט מער ווי עטלעכע הונדערט מענטשן[12], שוין אַריינגערעכנט אונזער קיבוץ און דעם קינדער־קיבוץ — די נישט־אָפיציעלע קיבוצים.

אונזער האָפנונג צו טרעפן זיך מיט מאָלעדעט (מולדת — ארץ־ישראל) וועט ליידער נישט פאַרווירקלעכט ווערן. האַרציקע גרוסן פאַר טאַבאַן (טאַבענקין), אליעזר (גראַוויצקי), בענדערסקי (פּ. בנדורי), יערי (מאיר), קאָלאָדני (משה), גאָלדשטיין (יצחק), פּנחס (לוביאַניקער)[13] און אַלע קרובים.

מיר שרייבן דעם בריוו אין גרויס איילעניש, ווייל דער שליח האָט קיין צייט נישט. מיר האָבן שוין נישט קיין קראַפט און קיין געדולד צו שרייבן אייך אַלץ וואָס איז אומבאַדינגט נויטיק און וואָס מיר וואָלטן זייער געוואָלט.

מיר גריסן אייך אַלעמען פון גאַנצן האַרצן.

פרומקע (פּלאָטניצקאַ), הערשל (שפּרינגער), צבי (בראַנדעס), קאָזשוך (ישראל), שלמה ל. (לערנער)

באַשטעטיקונג

די אונטערגעשריבענע באַשטעטיקן דערמיט דאָס באַקומען די סומע פון 50.000 (פופציק טויזנט) מאַרק.

הערש שפּרינגער, פרומקע פּלאָטניצקאַ, שלמה לערנער, צבי בראַנדעס, ישראל קאָזשוך

בענדין, 1943, 17.7.

[12] נאָר אין בענדין און אומגעגנט.

[13] נעמען פון פירער פון פאַרשידענע שאַטירונגען פון דער קבוצישער באַוועגונג אין ארץ־ישראל.


Unsere Hoffnung sich mit Moledet zu treffen, wird leider
nicht verwirklicht werden. [illegible] Tabon, Eliezer
[illegible], Jaari, Kolodny, Goldstein, Pinchas und alle Verwand-
te. Wir schreiben den Brief in grosser Eile, da der Schliach keine
Zeit hat. Wir haben schon keine Kraft und Geduld Euch alles zu schrei-
ben was unbedingt nötig und unser Wunsch wäre.
Wir grüssen Euch alle herzlich [illegible] Frumka Hershel
Zwi Kozuch Shlomo L.

אַ פאָטאָ־קאָפּיע פון די לעצטע שורות פונם דאָ אָפּגעדרוקטן בריוו פון בענדין מיט די אייגנהענטיקע אונטערשריפטן פון די חברים.

7. גרוס פון די לעצטפארבליבענע

בריִדער־גרוס צו דער הסתדרות העובדים אין ארץ־ישראל

צו דער הסתדרות העובדים,
תל־אביב

אָפּגעשיידטע און דערוויטערטע דורך ימען בלוט און דורך מיט בערג טויטע קערפּערס פאַרדעקטע יבשות שיקן מיר אייך אונזערע ברידערלעכע ברכה.

ווייניק זיינען מיר פאַרבליבן. מיר לעבן, אַרבעטן און קעמפן אונטער דער אומאויפהערלעכער דראָונג פון טויט. אין אונזער לאַגע, ווען יעדער מאָמענט קען אונז אַרויסרייסן פון לעבן, ווילן מיר, אַז איר זאָלט וויסן און געבן־צו־וויסן די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער, אַז די אידישע אַרבעטער אין פּוילן האָבן פּולקאָם דערפילט זייער חוב. זיי האָבן געקעמפט מיט געווער אין האַנט פאַרן כבוד פון אידישן פאָלק און זיינען געפאַלן אין אומגלייכן קאַמף. געמוטיקט האָט זיי דער גלויבן אין דער צוקונפט פון אַ אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־ארץ־ישראל.

אין נאָמען פון די לעבגעבליבענע אַרבעטער און פון דער העלדישער אידישער יוגנט, וועלכע האָט געגעבן דעם גרעסטן בלוט־שטייער — פאַרבינדן מיר זיך מיט אייך אינם קאַמף פאַר פרייהייט און דערלייזונג.

אדאָלף (ד״ר אברהם בערמאַן), צביה (לובעטקין),
יצחק (צוקערמאַן), יוסף (סאַק)
(די אָנפירער פון דער באַוועגונג פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל אין פּוילן)

וואַרשע, 24־טער מאַי 1944.

ד. טאָגביכער פון קעמפער

1. באַריכט פון שלום גראַיעק

וועגן די קאַמפן אינם געביט פון די טעבענס און שולץ־וואַרשטאַטן

(דער געביט איז באַצייכנט אין דער געטאָ־מאַפּע מיטן אות „ב״).

דער שרייבער פונם טאָגבוך — איינער פון די יונגע אַקטיווע טוער פון פּועלי ציון (צ.ס.) אין פּוילן פאַר דער מלחמה. פריער אַ באַשיידענער און טרייער חבר האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אין מלחמה־צייט אַלס איינער פון די וויכטיקע כּוחות אינם אונטערערד — אַלס פּראַקטישער טוער אויפן געביט פון סאָציאַלער הילף, פּאַרטיי־סעקרעטאַר און אויך טעטיק אין אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. פון די מוטיקע קעמפער אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד האָט ער פאָרגעזעצט אויף דער אַרישער זייט זיין טעטיקייט אין דער באַוועגונג, נאָך דער אונ־טערדריקונג פונם וואַרשעווער אויפשטאַנד — אויגוסט־סעפּטעמבער 1944 — איז ער אַוועק אין קיעלצער געגנט און דאָרטן, צוזאַמען מיט יוסף סאַק, ווייטער געפירט אונטערערדישע אַרבעט. ער איז געראַ־טעוועט. ער זעצט פאָר זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין וואַרשע. דער דאָ־פאַרעפנטלעכטער איבערבליק איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע דעם 24־טן מאַי 1944. צוליב טעכנישע טעמים איז ער דאַמאָלסט שטאַרק געקירצט געוואָרן דורך די אַריבערשיקער; געטריי אונזער אָנגענומע־נעם כּלל נישט צו מאַכן קיין שום ענדערונגען אין די אָריגינאַל־טעקסטן, פאַרעפנטלעכן מיר דעם טאָגבוך, אַזוי ווי ער איז דאַמאָלסט געשיקט געוואָרן.

די גאַנצע נאַכט פון 19־טן אַפּריל (1943) האָט געהערשט גרויסע אומרואיקייט. מענטשן האָבן נישט געשלאָפן: אויטאָס זיינען געפאָרן, מיליטער האָט מאַרשירט, עס האָבן זיך געהערט כסדרדיקע אָפּקלאַנגען פון שיסעריי. וואָס באַדייט דאָס? נישט שוין־זשע האָלט מען ווידער ערב אַן אַרויסשיקונגס־אַקציע? דאָס קען דאָך נישט זיין מעגלעך. מען האָט דאָך אָקאָרשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אָנגעהויבן אַ נייע ווערבירונג פון פאַבלייט. ערשט פריער מיט דריי טעג האָבן זיך דאָך באַוויזן פּלאַקאַטן, אַז מען הערט־אויף אַרויסצושיקן אין די אַרבעטס־לאַגערן; זיי האָבן דאָך אויפגעפאָדערט טיכטיק צו אַרבעטן, ווייל די באַשטעלונגען פון דער באַוואָפנונגס־קאָמאַנדע זיינען זייער דרינגענד.

באַגינען האָט די גאַס געהאַט אַ מוראדיקן אויסזען. די געטאָ־מויערן זיינען אַרומגעשטעלט מיט זשאַנדאַרמעריע, די געטאָ־פּאַטרולן האָבן באַקומען אַ פאַרשטאַר־קונג פון ס.ס. מענער. פון געטאָ לאָזט מען קיינעם נישט אַרויס. אַלע דורכגאַנג־דער־לויבנישן זיינען בטל געוואָרן. מענטשן לויפן אַרום איבער די גאַסן ווי מטורפים. איך

פרווו פאַרבינדן זיך טעלעפאָניש מיטן צענטראַלן געטאָ[1], — דער טעלעפאָן פונקציאָנירט נישט. אויסער דעם מיט־זשאַנדאַרמען אַרומגערינגלטן געטאָ און צום־שיסן־גרייטע ביקסן, זעט מען מער גאָרנישט. פון דערווייטנס דערטראָגן זיך צו אונז עכאָס פון שיסערייען און אויפרייסן. עס קומט פאָר די אַרויסשיקונגס־אַקציע אין צענטראַלן געטאָ. אין אונזער געביט באַווייזן זיך די דייטשע שאָפּ־לייטערס, אונזערע „ברויטגעבערס", — זיי פאַרזיכערן אונז, אַז די אַקציע האָט נישט קיין שייכות צו די „פּראָדוקטיווע" עלעמענטן און זי איז געווענדעט נאָר קעגן די „ווילדע" אין געטאָ. אָבער קיינער באַציט זיך נישט ערנסט צו די דאָזיקע רייד. אונזער ערשטע אויפגאַבע איז: מאָביליזירן די קאַמף־גרופּעס און פאַרנעמען אָפּעריר־פּאָזיציעס. די קאַמף־גרופּע אין אונזער וואַרשטאַט, — לעשנע 76[2], — אונטער דער קאָמאַנדירונג פון אליעזר געלער (לפ"ג) פאַרנעמט איר פּאָזיציע ביי די פראָנט־פענסטער פון דריטן שטאָק. דורכן בוידעם האָבן מיר אַ פאַרבינדונג מיט דער גרופּע פון דוד'ן (נאָוואָדוואָרסקי, לפ"ג) אויף נאָוואָליפּיע 67 און מיט דער גרופּע פון העניעק (העניק, הערשל קאַווע, לפ"ג) אויף לעשנע 74 (די טעבענס־וואַרשטאַטן). לילית[3] איז די פאַרבינדלערין צווישן די גרופּעס. פון אונזער פּאָזיציע זעט מען גענוי די באַוועגונג פונם מיליטער, וואָס מאַרשירט דורך זשעלאַזנע־גאַס צום צענטראַלן געטאָ. שוואַרץ[4], דער פאַרבינדלער פונם געביט־קאָמענדאַנט, באַקומט אָנווייזונגען פאַר אַלע איבעריקע גרופּעס: פאַר דער גרופּע אונטער דער קאָמאַנדירונג פון שלמה'ן (ווינאָגראָן, לפ"ג) — נאָוואָליפּקי 41, שילינג־געביט; פאַר דער גרופּע פון ראָזאָווסקי (וועלוול, לפ"ג) — סמאָטשע 6—8, רעריך־געביט; פאַר בנימינס (וואַלד, לפ"ג) גרופּע — לעשנע 36, טעבענס־געביט; פאַר מאיראָוויטשעס (מאַרעק, לפ"ג) גרופּע — נאָוואָליפּיע 31, שולץ־געביט; און פאַר יולעקס[5] גרופּע, — נאָוואָליפּיע 66, שולץ־געביט. נאָך אַ קורצער צייט קומט

[1] דער שרייבער פונם טאָגבוך האָט זיך געפונען אינם געביט, וואָס איז באַצייכנט אין דער געטאָ־מאַפּע דאָ אין בוך מיטן אות „ב". ער האָט זיך געוואָלט פאַרבינדן מיטן געביט פון „צענטראַלן געטאָ", דער פאַרקלענערטער געטאָ, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אין סעפּטעמבער 1942, נאָכן גרויסן גירוש, באַצייכנט אין דער געטאָ־מאַפּע מיטן אות „ד".

[2] דאָס איז געווען נאָענט פון דער זשעלאַזנע־גאַס. עס ווערן געמיינט די וואַרשטאַטן פון ק. ג. שולץ — דער געביט, וואָס מען האָט אים אָפט אויך גערופן „פּראָדוקטיווער געטאָ". דאָס איז געווען דער „קליינער שאָפּ"; עס זיינען אויך געווען וואַרשטאַטן פון אַן אַנדער שולץ, וועלכע מען האָט גערופן — דער „גרויסער שאָפּ".

[3] עס ווערט געמיינט רבקה פּודען — לפ"ג, וועלכע האָט אין וואַרשעווער קן פון „השומר הצעיר" באַקומען דעם צונאָמען לילית.

[4] עס רעדט זיך וועגן דעם מיטגליד פון „בונד" שוואַרץ מאיר (לפ"ג), וועלכער האָט לויט די אָנווייזונגען פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע געדינט אַלס „ווערקשוץ" (די אויפזעער אין די וואַרשטאַטן); דערפאַר האָט ער געטראָגן אַ ספּעציעל היטל און דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט פון אַ פרייערע באַוועגונג. די פאַרבינדלער פלעגן אויספירן זייערע שליחותן פאָרנדיק אויף ראָווערן.

[5] פון די פּ.פּ.ר. — קאָמוניסטן. עס איז אונז נישט געלונגען צו באַקומען מער פּרטים וועגן אים. ב. מאַרק אין זיין בוך „חורבות דערציילן" מיינט, אַז דאָס באַציט זיך אויף יאַנעק שוואַרצפוס (לפ"ג).

שוואַרץ צוריק מיט אַ מעלדונג, אַז ער האָט אויסגעפירט דעם באַפעל, און אַז ער האָט מיטגעבראַכט עטלעכע פראַגעס פון די גרופּע־קאָמענדאַנטן. איינע פון די פראַגעס איז וועגן צוויי מענטשן, וועלכע געפינען זיך אין אונזער אַרעסט. ווערנדיק באַשולדיקט אין מיטאַרבעט מיט דער געסטאַפּאָ. קיין טויט־אורטייל איז נאָך נישטאָ אויף זיי. צוליב דער פאַרשאַרפטער סיטואַציע באַפעלט דער געביט־קאָמענדאַנט צו דערשיסן זיי טאַקי באַלד. נאָך אַ האַלבער שעה קומט צוריק שוואַרץ מיט אַ מעלדונג: דער באַפעל איז אויסגעפירט[6].

אַרום 12 אַזייגער מיטאָגצייט דערגייען צו אונז די ערשטע ידיעות פונם שלאַכטפעלד אין צענטראַלן געטאָ. די ידיעות שטאַמען פון אַ דייטשער קוועלע. דער שאָפאייגנטימער ק. ג. שולץ דערציילט, אַז די אידן פירן זיך נישט אויף ווי געהעריק. די פון געטאָ־צוריקגעקומענע זשאַנדאַרמען האָבן אים דערציילט, אַז זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקן אידישן ווידערשטאַנד און זיי האָבן אַ פאַרלוסט פון אַ צוויי הונדערט קרבנות. פאַרנאַכטלעך, נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן פאַרלאָזט דעם צענטראַלן געטאָ, האָבן מיר איינגעשטעלט אַ טעלעפאָנישן קאָנטאַקט מיט אונזערע גרופּעס, וועלכע געפינען זיך דאָרטן. מיר האָבן זיך דערוואוסט וועגן זייערע גרויסע נצחונות אין די ערשטע קאַמפן. אויפצומאַרגנס באַגינען האָט דער געביט־קאָמענדאַנט געגעבן אַ באַפעל אָנצוהויבן דעם קאַמף. דאָס איז געווען אַ סאָלידאַריטעט־אַקציע מיט די קעמפנדיקע גרופּעס אין צענטראַלן געטאָ. אַרום 10 אַזייגער האָבן מיר אָנגעהויבן דעם ערשטן אָנגריף. עס האָט דאַן פאַרביימאַרשירט אויף לעשנע־גאַס אַ זשאַנדאַרמעריע־אָפּטיילונג אויפן וועג צום געטאָ. ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט צום וואַך־פּאָסטן ביים גאַסן־ווינקל לעשנע־זשעלאַזנע, האָט אויף זיי אַ פייער געטון די גרופּע, וועלכע האָט זיך געפונען אינם הויז אויף לעשנע 94[7]. גוט־געשליידערטע צוויי שווערע

---

[6] איינער פון די אַרעסטירטע, וועלכע זיינען דערשאָסן געוואָרן, איז געווען מישאָ וואַלד. מען האָט אים חושד געווען אין מיטאַרבעט מיט דער געסטאַפּאָ.

[7] דאָ איז ווייזט אויס, אַריינגעפאַלן אַ טעות און עס דאַרף זיין לעשנע 76 (דאָס הויז נומער 94 איז געווען אויסער די גרעניצן פון געטאָ). די קאַמף־גרופּע האָט זיך געפונען אויפן דריטן שטאָק אין דעם הויז; — אין איר זיינען געווען, צווישן אַנדערע, אהרן כמיעלניצקי און יעקב פּוטערמילך, וועלכע געפינען זיך איצטער אין ארץ־ישראל. די צוויי באָמבעס האָט געשליידערט אליעזר געלער (לפ״ג), דער קאָמענדאַנט פון דער גרופּע. אויסערדעם זיינען נאָך אָפּגעגעבן געוואָרן עטלעכע צענדליק שאָסן אויף דער דייטשער אָפּטיילונג, וועלכע האָט מאַרשירט אין דער ריכטונג צום „צענטראַלן געטאָ״. צען דייטשן זיינען דערהרגעט געוואָרן. די דייטשן האָבן באַלד אַרומגערינגלט דאָס הויז און די קעמפער האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן די צימערן, וואו זיי האָבן זיך געפונען, און זיינען אַרויף אויפן בוידעם, ווייל פון דאָרטן איז געווען דורך די דעכער אַ דורכגאַנג צו אַ הויז אויף נאָוואָליפּיע־גאַס 67, וואו עס האָט זיך געפונען אַ שוצקעלער פון די קעמפער. פונם הויף האָבן דריי לעטן געפרוווט אַרויף אויפן בוידעם. איינער אַ קעמפער — קובאַ (אפשר באַציט זיך עס אויף קובאַ גוטריימאַן — לפ״ג — אויב אַזוי, איז ער געפאַלן זומער 1943 אין אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע נעבן לאָמזשע) — האָט איינעם פון זיי דערהרגעט און די אַנדערע צוויי זיינען אַנטלאָפן. אַלע קעמפער האָבן באַוויזן אַריבערצוקומען אויסער איינעם

באַמבעס האָבן צעקלאַפּט די אָפּטיילונג. די דייטשן זיינען אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק אויפן גאַסן־ברוק איבער אַ צענדליק געהרגעטע. די גרופּע פון נאַוואָליפּיע 67 האָט נאָך מיט עטלעכע וואָכן פאַר דער אַקציע פאַרלייגט אַ מינע אונטערן וואַך־פּאָסטן וואָס נעבן סמאָטשע־גאַס. ווען די דייטשע אָפּטיילונג איז איצטער אָנגעקומען אַהין, האָבן די קעמפער איינגעשאַלטעט דעם עלעקטרישן קאָנטאַקט, ווי גרויס איז אָבער געווען זייער פאַרצווייפלונג דערזעענדיק, אַז די מינע האָט נישט אויפגעריסן. די בחורים האָבן געקריצט מיט די ציין, די מיידלעך האָבן געהאַט טרערן אין די אויגן. וואָס האָט מען געקענט מאַכן, די באַטעריעס זיינען געווען גרייט אָבער קיין עלעקטרישער שטראָם איז נישט געווען[8]. אין גרויס צאָרן האָט די גרופּע אַ וואָרף געטון באַמבעס. דער רעזולטאַט איז געווען אַן אומדערוואַרטענער: צוויי באַמבעס — דרייסיק דייטשע הרוגים. ווען די דייטשן האָבן דערזען, אַז אויף דער אַרישער זייט, אין די נייטראַלע געביטן, דראָט זיי אויך אַ סכנה מצד דעם „פּראָדוקטיוון געטאָ״ — האָבן זיי אָנגעהויבן טראַנספּאָרטירן דאָס מיליטער מיט אויטאָס.

אַרום פיר אַזייגער ווערט אויפגעקלערט די לאַגע פון די אידן אין די שאָפּ־געביטן. די וואַרשטאַטן־אייגנטימער האָבן אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף אין וועלכן זיי זאָגן־אָן, אַז כדי צו דערמעגלעכן אַ רואיקע און אומגעשטערטע אַרבעט פאַר דער דייטשער אינ־דוסטריע וועלן די אידישע אַרבעטער אַריבערגעפירט ווערן אין די אַרבעטס־לאַגערן אין טראַווניקי און אין פּאָניאַטאָווע. נאָכדעם ווי עס האָט זיך באַוויזן דער אויפרוף איז מעגלעך געוואָרן אַ פאַרהעלטנישמעסיק־פרייערע באַוועגונג אין די גאַסן, כדי צוצוגרייטן זיך צום אָפּפאָר. די געביט־קאָמענדאַנטור האָט דאָס אויסגענוצט און אַדורכ־קאָנטראָלירט אַלע גרופּעס[9]. פאַרנאַכט האָבן זיך באַוויזן אין אונזער געביט דייטשן און לעטן, וועלכע זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן צו איינעם ביי יעדן טויער, כדי

— איזשאָ ל ע ו ו ס ק י (לפ״ג — געפאַלן דערנאָך אין די ווישקאָווער וועלדער). ער איז פאַרבליבן אַרומגערינגלט דורך זעקס דייטשע זשאַנדאַרמען. זיי האָבן געוואָרפן אויף אים אַ גראַנאַט, אָבער ער האָט אים מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פלינקייט געכאַפּט אין האַנט, צוריקגעוואָרפן אויף די דייטשן און ס׳איז אים נאָך געלונגען מיטצוקומען מיט זיינע חברים אין שוצקעלער אַריין אויף נאַוואָליפּיע גאַס.

[8] עטלעכע וואָכן פאַרן אָנהויב פון די קאַמפן האָבן די קעמפער אָנגעהויבן גראָבן פונם קעלער אויף נאַוואָליפּיע 67 אַ טונעל צו דער „באַפעל־שטעלע״ אויף עק זשעלאַזנע און סמאָטשע. מען האָט אינסטאַלירט אַן עלעקטרישן קאָנטאַקט און געלעגט אויפרייס־מינעס. צוליב דער פייכט־קייט פונם באָדן איז די אינסטאַלאַציע במשך פון די וואָכן קאַליע געוואָרן און האָט אין אַנט־שיידנדיקן מאָמענט נישט פונקציאָנירט.

[9] דידאָזיקע הפסקה איז אויך אויסגענוצט געוואָרן אויף אַריבערצופירן אויף דער אַרישער זייט חנה׳טשע פ ל אָ ט נ י צ ק אַ (לפ״ג). אין דעם האָבן אָנטיילגענומען אַדעק ה י מ ע ל פ אַ ר ב, העניעק ק ל יי נ וו יי ס און מאיר ש וו אַ ר ץ (אַלע לפ״ג). איינצלהייטן זע אין דער אזכרה־פאַר־צייכעניש וועגן חנה׳טשע פלאָטניצקאַ. געראַטעוועטע קעמפער פון דעם געביט, וועלכע זיינען אין ארץ־ישראל, מיינען, אַז דאָס איז געווען אַרום 20־טן אַפּריל. אָבער שלום גראַיעק אין זיין דער־געגנצטן טאָגבוך, פאַרעפנטלעכט אַפּריל 1947 אין לאָדזשער „נאַשע סלאָוואָ״, שרייבט, אַז דאָס איז געווען דעם 25־טן אַפּריל.

אַכטונג צו געבן, אַז דער מאָרגנדיקער טראַנספּאָרט זאָל אַדורכגעפירט ווערן מיט דערפאָלג. היות ווי מיר האָבן געהאַט ווייניק ביקסן זיינען עטלעכע קאַמף־גרופּעס אַרויס צוזונעמען געווער ביי לעטן. די אָנפאַלן זיינען געלונגען. מיר האָבן דערלאַנגט 5 ביקסן. די דייטשן און לעטן האָבן נישט רעאַגירט דערויף, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט פּראָוואָצירן קיין גרעסערע קאַמפן. מיטוואָך (דעם 21־טן אַפּריל) 6 אַזייגער אינדערפרי האָבן די קאַמף־גרופּעס פאַרנומען זייערע פּאָזיציעס, אַפּוואַרטנדיק דעם אָנקום פון די דייטשן. אַרום 7 אַזייגער זיינען שוין געווען פאַרמירט די רייען פון די פרייוויליק־אָפּפאָרנדיקע. אַלע אידן, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין וואַרשטאַטן־געביט, זיינען געוואָרן אומלעגאַל. די קאַמף־גרופּעס זיינען געווען אויף־דער־וואַך. נאָך אַ קורצער צייט איז אָנגעקומען די ערשטע דייטשע אָפּטיילונג; זי איז אַטאַקירט געוואָרן מיט גראַנאַטן. עס זיינען פאַרבליבן אויפן אָרט אַסך געהרגעטע און פאַרוואונדעטע. די דייטשן האָבן נישט געענטפערט אויף אונזער אָנגריף. זיי האָבן דאָך געוואָלט ווייטער אַדורכפירן די פרייוויליקע ווערבירונג אין די לאַגערן.

אין דערזעלבער צייט האָבן אַנדערע קאַמף־גרופּעס אַטאַקירט קלענערע גרופּעס דייטשן און לעטן. דריי קאַמף־גרופּעס זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן ביי די גאַסן נאָוואָליפּיע־זשעלאַזנע, כדי געמיינזאַם צו אַטאַקירן די דייטשן, וועלכע וועלן גיין דורכן נייטראַלן געביט. אַרום 10 אַזייגער אינדערפרי האָט אַ גרעסערע דייטשע אָפּטיי־לונג מאַרשירט אין דער ריכטונג צום צענטראַלן געטאָ. זי איז אַטאַקירט געוואָרן דורך אַלע דריי גרופּעס. אונזער פייער איז געווען אויסערגעוויינלעך שטאַרק און ציל־טרעפנדיק. די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט אַסך הרוגים און פאַרוואונדעטע. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט שמעון העלער (לפ״ג), דער בעסטער שיסער אינם געביט. אין די שפּעטערדיקע שעהן זיינען נאָך דערשאָסן געוואָרן איבער אַ צענדליק דייטשן פון די, וועלכע האָבן פּאַטרולירט אויפן וועג צום „אומשלאַגפּלאַץ" (אָפּשיקונגס־פּלאַץ). אָט די אַקציע אונזערע איז געווען באַשווערט דערמיט, וואָס מיר האָבן נישט געקענט נוצן קיין גראַנאַטן און נישט קיין באָמבעס, כדי נישט צו שטעלן אין אַ געפאַר געפירטע אידן, און אונזער אַמוניציע פאַר די ביקסן און רעוואָלווערן איז געווען זייער אַ קנאַפּע.

נאָכמיטאָג האָבן די דייטשן אָנגעהויבן מאַכן בלאָקאַדעס אויף באַזונדערע הייזער, און פאַר יעדער בלאָקאַדע האָבן זיי געעפנט אַ שיסעריי אין די פענסטער אַריין[10]. אַ קאַמף האָבן זיי אָבער נישט געקענט אויסמיידן. די קאַמף־גרופּעס, וועלכע

[10] אין איינעם פון די לעצטע טעג, איידער אַ טייל קעמפער איז אַריבער אויף דער אַרישער זייט, האָט מען פון אַ הויף אויף נאָוואָליפּיע גאַס 67 אַריינגעשאָסן אין פענסטער פונם צימער (אַ אידישער פּאָליציסט האָט אָנגעוויזן, אַז דאָרט זיינען פאַראַן אידן), וואו עס האָט זיך געפונען (אויפן זעקסטן שטאָק) די קאַמף־גרופּע פון לעשנע 76 (ווי דערמאָנט אין דער באַמערקונג 7). חנה גראַומאַן (הגר) און שלום סופּיט —ביידע לפ״ג — זיינען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין די פיס בעת זיי האָבן געפרווט צוזאַמען מיט אַלע קעמפער אַריבער דורך די בוידעמער און דעכער אין אַן אַנדער אָרט. די פאַרוואונדעטע זיינען געבליבן. די דייטשן האָבן מורא געהאַט

זיינען געווען פֿאַרבאַריקאַדירט אין די הייזער, האָבן אַ לענגערע צייט נישט צוגעלאָזט די דייטשן. די קעמפער האָבן די גאַנצע צייט זיך געפונען אונטערן פייער פון אַ שטאַרקער שיסעריי, אָבער זיי אַליין האָבן געמוזט קאַרגן יעדע קויל. ווען די דייטשן האָבן זיך אַריינגעריסן אין עטלעכע הייזער און האָבן אָפּגעשניטן דעם צוריקוועג פֿאַר אַ גרופּע קעמפער, זיינען שולמית[11] און שמעון (העלער) אַראָפּגעשפּרונגען פון צווייטן שטאָק און זיינען דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט. שמעון האָט פֿאַר דעם מקיים געווען זיין פֿאַרזיכערונג, אַז ער וועט נישט שטאַרבן איידער ער וועט דערהרגענען פינף דייטשן. צוויי פון די קעמפער איז געלונגען אַדורכצורייסן זיך דורך דעם דייטשן קאָרדאָן, ווערנדיק שווער פֿאַרוואונדערט.

מיר האָבן נישט געקענט אויסרעכנען די דייטשע אבידות, אָבער זיי זיינען געווען שווערע. דער קאַמף האָט געדויערט עטלעכע שעה. נאָך די לעצטע צוזאַמענשטויסן האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן אונזער געביט. דאַן האָבן מיר באַקומען אַ באַפֿעל איינצואָרדנען אונזערע אָפּעריר־באַזעס אין די שוצקעלערס. די צאָל דייטשן אין אונזער געביט איז געווען אַ קליינע. מיר האָבן געוואוסט, אַז דער שטילשטאַנד וועט לאַנג נישט דויערן און די דייטשן וועלן אָנהויבן אויסזוכן די אידן אין די שוצקעלערס, און זיי ליקווידירן. די צייט פון פֿאַרהעלטנישמעסיקער רו האָט די געביט־קאָמענדאַנטור אויסגענוצט אויף אָנצוקניפּן אַ פֿאַרבינדונג מיט די איבעריקע גרופּעס און באַזונדערס מיט דער גרופּע פון שלמה (ווינאָגראָן), וועלכע האָט אָפּערירט אינם געביט פון שילינגס וואַרשטאַטן. די צוויי פֿאַרבינדלער שוואַרץ (מאיר, לפ״ג) און לילית (פּודען רבקה, לפ״ג) זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אינמיטן נאַכט. אין צוויי טעג אַרום האָבן זיי זיך אומגעקערט; אויפן וועג האָבן זיי געהאַט עטלעכע צוזאַמענשטויסן מיט דייטשן.

דריי קאַמף־גרופּעס, אונטער שלמה׳ס אָנפֿירונג, האָבן פונם ערשטן טאָג אָן, ווען די אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן, אַטאַקירט די פֿאַרביימאַרשירנדיקע דייטשן. ווען אַ דייטשע אָפּטיילונג האָט געוואָלט אַריין אין שילינגס וואַרשטאַט, כדי אַרויסצופֿירן

אַרויפֿצוקומען אויף די אויבערשטע שטאָקן. שפּעטער איז געשיקט געוואָרן אַ ספּעציעלע גרופּע אידישע קעמפער צוצונעמען זיי. די גרופּע איז באַשטאַנען פון: אהרן כמיעלניצקי (איצטער אין ארץ־ישראל), גנעיעק פינגערהוט (פון „גורדוניה״ פון לאָדזש, שפּעטער געפֿאַלן אין די וועלדער) און יעקב פייגנבלאַט (לפ״ג). אויפן וועג האָבן זיי זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט פינף דייטשן, זיי האָבן דערהרגעט אַלע פינף און געבראַכט די פֿאַרוואונדעטע אין שוצקעלער פֿאַר קראַנקע.

[11] מען קען נישט פעסשטעלן מיט זיכערקייט, וועגן וועלכער שולמית רעדט זיך דאָ. צוערשט האָט מען אַראָפּגעלאָזט די קעמפער פון אַ הויז אויף לעשנע־גאַס מיט אַ שטריק, אָבער דער שטריק האָט זיך איבערגעריסן. די אַנדערע זיינען דעריבער געצוואונגען געווען צו שפּרינגען פונם באַלקאָן, צווישן זיי אויך אליעזר געלער (לפ״ג), וועלכער איז פֿאַרוואונדעט געוואָרן אין אָרעם, אָבער ער האָט באַוויזן צו אַנטלויפֿן. שמעון העלער (לפ״ג) איז נישט דערהרגעט געוואָרן אַראָפּשפּרינגענדיק, נאָר פון אַ דייטשער קויל, וועלכע האָט אים געטראָפֿן בעת זיין אַראָפּלאָזן זיך, — די אידישע קעמפער האָבן נאָך באַוויזן צוצונעמען זיין געווער.

מיט צוואַנג די אידן, האָבן די קאַמף־גרופּעס זי אָפּגעהאַלטן, פאַרשאַפנדיק איר שווערע פאַרלוסטן. די אַ פּאָר־מאָל איבערגעחזרטע דייטשע אָנגריפן זיינען געוואָרן אָפּגעשטויסן. דערנאָך האָבן די קעמפער אונטערגעצונדן אַ גרויסן האָלץ־מאַגאַזין און דערמיט נישט דערמעגלעכט די דייטשן צוצוקומען צום שוצקעלער פון דער ציווילער באַפעלקערונג. אין די ווייטערדיקע טעג האָבן די דייטשן מורא געהאַט אַריינצוגיין אין די הייזער. ווי גרויס איז געווען די שמחה ביי די קעמפער, ווען זיי האָבן דורך די פענסטער געזען, ווי די ס.ס.־לייט מוזן צוליב דעם אַדורכמאַכן שטראָף־איבונגען, לויטן באַפעל פון זייערע אָפיצערן. טאָג און נאַכט האָט געברענט דער געטאָ. דער רויך און די פלאַמען האָבן געיאָגט און געטריבן די קעמפער פון אָרט צו אָרט. זייער זעלטן איז געלונגען צו געפינען אַ פּאַסיקע אָפּעריר־באַזע.

אָט אין דעם לעצטן קאַמף־פעריאָד האָבן מיר פאַרשאַפט און אויך געליטן גרויסע פאַרלוסטן. דער הונגער [12] און די האָפנונגסלאָזיקייט האָבן אונז געצוואונגען צו זוכן אַ וועג אַריבערצוקומען אויף דער אַרישער זייט. נאָך עטלעכע־טאָגיקע שווערע באַמיאונגען איז מיר געלונגען אויסצופירן דעם באַפעל פונם געביט־קאָמענדאַנט — אָנצוקומען אויף דער אַרישער זייט און געפינען אַ פאַרבינדונג מיט אַנטעקן (יצחק צוקערמאַן). אין דערזעלבער נאַכט האָבן מיר אַרויסגעפירט דורכן קאַנאַל 40 מענטשן [13].

[12] אינם הויף פון הויז 76 אויף לעשנע־גאַס איז אויך געווען אַ בעקעריי. אין איינער אַ נאַכט איז אַריין אין דער בעקעריי אַ גרופּע קעמפער און דאָרטן געפונען אַ צוויי טאָנעס מעל; זיי האָבן אָנגעהויבן באַקן ברויט (צווישן זיי איז געווען אהרן כמיעלניצקי, אַ בעקער לויטן פאַך). כאָטש די דייטשן האָבן געזען דעם רויך וואָס איז אַרויס פון בעקעריי־קוימען, האָבן זיי ביינאַכט נישט געוואַגט צוצוקומען און ערשט אינדערפרי האָבן זיי אַריינגעשיקט זייערע אָן אָפּטיילונג. די קעמפער האָבן דערוויַיל שוין באַוויזן אַרויסצונעמען דאָס גאַנצע אָפּגעבאַקטע ברויט און אין אויוון איז פאַרבליבן נאָר דער לעצטער שיכט. די דייטשן האָבן אַריינגעלייגט אין אויוון צייט־באָמבעס און אים אויפגעריסן.

[13] דאָס איז געווען דעם 29־טן אַפּריל. זיי זיינען אַריין אין קאַנאַל אויף לעשנע־גאַס ביי נומער 56 (פריער האָט מען אויסגעגראָבן אַ דורכגאַנג פונם קעלער צו די קאַנאַליזאַציע־רערן) און זיינען אַרויס אויף אָגראָדאָווע ביים ווינקל זשעלאַזנע. זיי האָבן זיך געפונען אין קאַנאַל פון ניין אינדערפרי ביז אויפצומאָרגנס פיר פאַרטאָג. אַרויסגייענדיק פון קאַנאַל, זיינען זיי אַריין אינם הויף אָגראָדאָווע 27 און האָבן זיך באַהאַלטן אויפן בוידעם. צווישן די אַרויסגעקומענע זיינען געווען יוחנן מאָרגענשטערן, דוד נאָוואָדוואָרסקי, אליעזר געלער, רבקה סאַפּירשטיין (יוליע), מאיר שוואַרץ (אַלע לפ״ג), מאַניע גראַיעק (די פרוי פון שלום גראַיעק), לייזער לעווין, א.אַ. באַגינען איז אָנגעקומען אַן אויטאָ באַוואַכט דורך באַוואָפנטע פּ.פּ.ר.־חברים און אַ דרייסיק מענטשן פון די אַרויסגעקומענע זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן אין וואַלד ביי לאָמיאַנקי. אַנדערע זיינען געבראַכט געוואָרן אין שוצקעלער אויף אָגראָדאָווע 29. בעתן דורכגיין פון קאַנאַל, איז לילית (רבקה פודען, לפ״ג) געווען די פאַרבינדלערין (זי איז אַ טאָג פריער, צוזאַמען מיט שלום גראַיעק, דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן וועג אין די קאַנאַל־רערן, כדי צו זען אויב מען קען אַרויס) און זי האָט אַרויסגעוויזן וואונדערלעכע איבערגעגעבנקייט און העלדישן מוט זאָרגנדיק דערפאַר, אַז די חברים זאָלן נישט פאַרלירן איינער דעם אַנדערן. נאָכן אַרויסבאַקומען פון קאַנאַל, האָט זי זיך נאָכאַמאָל אומגעקערט צוזאַמען מיט שלמה באַטשינסקי (לפ״ג), כדי אַרויסצופירן די קעמפער וועלכע זיינען נאָך פאַרבליבן אין

דער וועג דורכן קאַנאַל איז אַנטדעקט געוואָרן. די איבעריקע גרופּעס, וועלכע האָבן געפּרוווט אַדורכרייסן זיך דורכן דייטשן קאָרדאָן זיינען אַלע מוראדיק אומגעקומען אין אַן אָפענער גאַסן־שלאַכט [14].

אַ לענגערע צייט שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך צוגעהערט צו עכאָס פון שיסן פונם געטאָ, האָבן מיר געוואוסט, אַז אַרומגעריגלטע דורך דייטשן קעמפן נאָך דאָרטן אונזערע גרופּעס.

טעבענס־שולץ־געביט, זיי זיינען שוין אָבער מער נישט צוריקגעקומען. דוד שטיין דערמאָנט אין זיין אַרטיקל אין דער צייטונג „משמר" (19־טער אַפּריל 1946), אַז צווישן די צוריקגייענדיקע מיט ל י ל י ת, איז געווען אברהם ה א ר א ו י ץ, אַ 19 יאָריקער פון די „השומר הצעיר"־חברים אין אָסטראָוויעץ קיעלעצקי, וועלכע זיינען אין דער מלחמה צייט אַריבער קיין וואַרשע.

[14] נאָך קעמפער פון טעבענס־שולץ־געביט האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף לעשנע 56 אין אַ שוך־קעלער ביי אַ בעקעריי. דאָס זיינען געווען הויפּטזאַכלעך קעמפער פון בנימין וו אַ ל ד ס (לפּ"ג) גרופּע און אַנדערע, וועלכע האָבן עטלעכע טעג שפּעטער געפּרוווט אַרויסגיין פון דאָרטן אויף דער אַרישער זייט אַריבער דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן. די דייטשן האָבן שוין אָבער געוואוסט וועגן דעם און דידאָזיקע גרופּע איז אומגעקומען — טיילווייז אינם קאַנאַל און טיילווייז אין אַ שלאַכט מיט די דייטשן נאָכן אַרויסגיין פון קאַנאַל.

אין טעבענס־שולץ־געביט אויף לעשנע 76 זיינען אויך פאַרבליבן זיבן פאַרוואונדעטע, דאָרטן האָט מען פריער געהאַט איינגעאָרדנעט אַ מין שפּיטאָל פאַר די קעמפער, און צווישן זיי שלום ס ו פ י ט, חנה ג ר א ו מ א ן (הגר) און טאָבטשע ד א ו י ד א ו י ט ש — לפּ"ג, וואָס מען האָט זיי נישט געקענט אַרויסנעמען דורכן קאַנאַל, און אויך לאה ק א ר ן (לפּ"ג), וועלכע האָט פרייוויליק באַשלאָסן צו פאַרבלייבן מיט זיי און באַזאָרגן די פאַרוואונדעטע קעמפער. צוויי טעג שפּעטער האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן דאָס הויז און מען קען זיך משער זיין דעם טראַגישן גורל פון די דאָרט פאַרבליבענע פאַרוואונדעטע קעמפער.

אַ טייל פון דער נאָוואָליפּקי־גאַס, אינם צענטער פונם אַמאָליקן אידישן וואַרשע. פאָטאָגראַפירט אין אָקטאָבער 1945.

2. באַריכט פונם קעמפער שמחה ראַטהייזער (קאַזשיק)

וועגן דער פאַרטיידיקונג פונם וואַרשעווער געטאָ

דער שרייבער פונם טאָגבוך איז איינער פון די יונגע קעמפער, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַסך העלדנמוט. ער ווערט אַסך מאָל דערמאָנט אין דעם בוך און אויך אין אַנדערע פאַרעפנטלעכונגען, וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. געבוירן אין וואַרשע אין פעברואַר 1924, ביי פרומע עלטערן, ציוניסטן, אייגנטימער פון אַ נאַפט־און זייף קראָם אויף דער פאָדהאָראַנזשיך גאַס וואָס נעבן טשערניאַקאָווסקע־גאַס (יענע סביבה האָט אויף וואַרשעווער אידיש־לשון געהייסן: שעלץ). דאָרטן איז ער אויפגעוואַקסן. געענדיקט זיבן קלאַסן פון דער קהילה־פאָלקס־שול און שפּעטער ווייטער געלערנט אין דער האַנדלס־שול און אין דער פאַך־שול פון דער קהילה אויף גזשיבאָווסקע 26.

פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ מיטגליד פון „הנוער הציוני", בעת דער מלחמה איז ער, צוזאַמען מיט אַנדערע חברים, אַריבער אין דער „עקיבא"־באַוועגונג, האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער אונטערערד־באַוועגונג און זיך איר איבערגעגעבן מיטן גאַנצן ברען. געווען גאָר אַקטיוו אין די געטאָ־קאַמפן און אויך שפּעטער אויף דער אַרישער זייט וואַרשע, באַזונדערס אַקטיוו טעטיק, מיט ביישפּיללאָזן מוט. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין אַלגעמיינעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, אויגוסט—סעפּטעמבער 1944. נאָך זיין אונטערדריקונג איז ער אַוועק מיט אַ גרופּע חברים אין קיעלצער געגנט און אַ קורצע צייט שפּעטער קיין קראָקע. דאָרט זיך באַמיט, מיט נאָך חברים, צו באַניען די אונטערערד־פאַרבינדונגען, וועלכע זיינען איבערגעריסן געוואָרן בעת דעם וואַרשעווער אַלגעמיינעם אויפשטאַנד. ער איז געראַטעוועט. אינמיטן 1946 איז ער אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל (אויך זיינע עלטערן זיינען געראַטעוועט און זיינען סוף 1947 אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל).

דער באַריכט איז געשיקט געוואָרן פון וואַרשע דעם 24־טן מאַי 1944.

א. די פאַרטיידיקונג פון בערשטער־געביט [1] (באַצייכנט אין דער געטאָ־מאַפּע מיטן אות „א"):

זונטאָג דעם 18־טן אַפּריל (1943) צוועלף אַזייגער ביינאַכט וועקט אונז פּלוצלינג דער אַלאַרם־גלאָק פונם וואַך־פּונקט. מיר כאַפּן זיך אַלע אויף פון די געלעגערס. מיר טוען זיך זיך אָן און פאַרנעמען אונזערע פּאָזיציעס. מיר זיינען אַ קאַמף־גרופּע אונטער דער קאָמאַנדירונג פון חנוך גוטמאַן, אויף וואַלאָווע גאַס נומער 6. צו אונזער גרופּע געהערן: צבי עדעלשטיין, שלאַמעק (שלמה) שוסטער, דבורה באַראָן, צפּורה לערער, פייטשע (צפּורה) ראַבאָוו, אַדאָלף האָכבערג, יוסף אָבערשטין, יאַשינסקי (לייב), באַשע סילמאַן, שלאַמעק (שלמה) אַלטערמאַן, אברהם אייגער [2] און איך. הייסט דאָס, אַז דאָס, צו וואָס מיר האָבן

[1] אינם געביט פון דער בערשטן־אינדוסטריע, וואָס די דייטשן האָבן דאָרט געשאַפן, זיינען געווען באַשעפטיקט אַרום 3500 אידישע אַרבעטער. די וואַרשטאַטן האָבן זיך געפונען אין אַן אָפּגעשלאָסענעם בלאָק אויף די זיך־גרעניצדיקע גאַסן וואַלאָווע־שווינטאָיערסקע. זיי האָבן אויסגעאַרבעט בערשטן פון אַלע סאָרטן פאַרן געברויך פון דער אַרמיי — צאָן־בערשטלעך, קליידער־בערשטלעך, הויז־בערשטן א.אַ.וו.

[2] אַלע דאָ־דערמאָנטע האָבן געהערט צו די קאַמף־גרופּעס פון „דרור"; וועגן אַלעמען זע אזכרה־פאַרצייכנישן אין דער אָפּטיילונג: „דעם אָנדענק פון די געפאַלענע אויף דער וואַך".

זיך געגרייט, איז טאַקי אָנגעקומען. דער בערשטער־געביט איז אַרומגעשטעלט געוואָרן דורך דער זשאַנדאַרמעריע און דורך געדונגענע אוקראַינישע באַנדיטן. מיין פּאָזיציע איז אַ באַלקאָן, וואָס גייט אַרויס אויף וואַלאָווע גאַס. אויף דער אַנדערער זייט געטאָ־מויער זעט מען דייטשן און אוקראַינער, וואָס פון צייט צו צייט שיסן זיי אין אונזערע פענסטער אַריין, סתם־אַזוי, צו פאַרוויילן זיך. מיר האָבן אַ באַפעל — נישט צו פּראָוואָצירן.

4 אַזייגער פאַרטאָג זעען מיר, ווי דורכן נאַלעווקי־ווינקל הויבט זיך אָן אַ מאַרש פון היטלעריסטן אין צענטראַלן געטאָ אַריין. זיי גייען און גייען — אָן אַ סוף. עטלעכע טויזנט זיינען זיי. הינטער זיי קומען־נאָך עטלעכע טאַנקען, פּאַנצער־אויטאָס, לייכטע האַרמאַטן. און צום סוף — עטלעכע הונדערט וואַפן־ס.ס. אויף ראָווערן. „זיי גייען ווי אויף אַ מלחמה״ — זאָג איך צו מיין פּאָזיציע־חברטע צפורה (לערער, לפ״ג). און פּלוצלינג דוכט מיר זיך אויס, אַז מיר זיינען זייער שוואַך: וואָס קענען מיר שוין אויפטון קעגן אַ גוט־באַוואָפנטער אַרמיי, קעגן טאַנקען און פּאַנצער־אויטאָס. בעת מיר האָבן אין האַנט נאָר אַ רעוואָלווער, און אין בעסטן פאַל — אַ גראַנאַט. מיר פאַרלירן אָבער נישט דעם מוט. מיר וואַרטן אָפּ אונזערע מערדער, כדי מיר זאָלן סוף־כל־סוף זיך אָפּרעכענען מיט זיי. פון צענטראַלן געטאָ דערטראָגן זיך שוין צו אונז — געקנאַל פון מאַשינגעווערן, אויפרייסן פון גראַנאַטן, זאַלפּן פון ביקסן. מיר אונטערשיידן יעדן שאָס: דאָס איז אַ דייטשער, דאָס איז אונזערער, אָט איז אונזערע אַ מינע, אונזערער אַ גראַנאַט. אין אונזער געביט גייט דער טאָג דורך רואיק. פאַרנאַכט קומט אָן אַ בריוו פון טעבענסן [3], אין וועלכן ער פאָדערט אויף אַלעמען זיך צו שטעלן צו דער אַרבעט, ווייל אין בערשטער־געביט וועט נישט אַדורכגעפירט ווערן קיין שום אַקציע. צו־אָוונט־צו פאַרלאָזן מיר אונזערע פּאָזיציעס, איבערלאָזנדיק וואַך־פּונקטן און מיר גייען צום וואוינאָרט פון דער גרופּע. מיר געפינען זיך אין גרייטקייט־צושטאַנד שוין עטלעכע טעג, אָבער היינט איז אויסנאַם־צושטאַנד. יעדערער האַלט ביי זיך די אים צוגעטיילטע געווער און אַמוניציע.

ב. דינסטאָג (20 אַפּריל, ערשטער טאָג פסח תש״ג):

דריי אַזייגער נאָכמיטאָג. גראָד שטיי איך אויף דער וואַך אין אַן אויסקוק־פּונקט, וואו עס געפינט זיך אַ קאָנטאַקטער איינצושליסן אַ מינע. פון דער זייט פון פּראַנ־צישקאַנער־גאַס פאַרקירעוועט זיך און קומט אַריין אין וואַלאָווע גאַס, אין אונזער געביט, אַן אָפּטיילונג פון אַ 300 דייטשן. איך גיב שנעל אַ כאַפּ מיט איין האַנט דעם קאָנטאַקטער און מיט דער צווייטער דריק איך אויפן אַלאַרם־גלאָק. עס פאַלט אַריין צו

[3] וואַלטער צעזאַר טעבענס, דער נאַצישער באַפולמעכטיקטער צום אַרויספירן די אינ־דוסטריע־ווערק פון וואַרשעווער געטאָ. אין אַ באַריכט פון 20־טן אַפּריל נאָטירט דער נאַצישער גענעראַל סטראָפּ, אַז פון די 4000 אידישע אַרבעטער אין דער בערשטערי־פּראָדוקציע האָבן זיך אָפּגערופן אויף דער ווענדונג נישט מער ווי 28.

מיר דער קאָמענדאַנט. די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט, זיי זיינען שוין ביים איינ־גאַנג־טויער. פּלוצלינג דערהערט זיך אַ שרעקלעכער אויפרייס: איך זע אינדערלופטן־פליענדיקע קערפּערס, הענט און פיס באַזונדער. עס זיינען פאַראַן אַן 80 ביז 100 דער־הרגעטע, די איבעריקע דייטשן טרעטן אָפּ אין צעטומלעניש[4]. מיר פאַרנעמען דערוויילע אונזערע פּאָזיציעס. מיר וואַרטן. עס גייט דורך אַ שעה. עס גייען דורך צוויי. די דייטשן זאַמלען זיך צונויף, זיי באַראַטן זיך: עס זיינען געקומען צופאַרן טעלעכע העכערע אָפיצערן. פּלוצלינג דערהערן מיר שטימען נעבן טויער. די דייטשן שיטן זיך אַריין אין הויף. זיי גייען געזנזן־טריט, זיי האָבן אָנגעשראָקענע פּנימער און די ביקסן זיינען גרייט צום שיסן. נישט זיי גייען, נאָר זיי לויפן, אייגנטלעך, האַרט ביי די ווענט פון די הייזער. איך און מיין חבר לאָזן אַדורך די ערשטע זעקס, ווייל ס'איז אַ שאָד אַ גראַנאַט פאַר אַזאַ קליין הייפל. נאָך זיי קומט אַ גאַנצע באַנדע. מיר האָבן צוויי גראַנאַטן פון אייגענער אויסאַרבעטונג, צען צינדפלעשער און קורצגעווער. „שלאַמעק, צינד אָן" (שלמה שוסטער, לפ"ג) — רוף איך צו מיין חבר און איך גיב אַ שליידער אַ גראַנאַט אין סאַמע־מיט פון דער גאַנצער באַנדע. אַן אויפרייס... טעלעכע טויטע. מיר וואַרפן צינדפלעשער און טעלעכע דייטשן שטייען אין פלאַמען. זיי באַשיסן אונז מיט אַ האָגל קוילן. פאַרמאָגנדיק נאָר נאָך איין גראַנאַט, וועלכן מיר ווילן אָפּשפּאָרן אויף שפּעטער, ציען מיר זיך צוריק. מיר גייען אַרויף העכער און פאַרנעמען די פּאָזיציע צוזאַמען מיט די איבעריקע קעמפער. מיטאַמאָל ווערט אַלץ שטיל. די דייטשן זיינען אַנטלאָפן. אין אַ האַלבער שעה אַרום באַווייזן זיי זיך ווידער. זיי ווערן ווידער אויפגענומען מיט צינדפלעשער און גראַנאַטן. זיי שיסן געדיכט און ציען זיך צוריק, איבערלאָזנדיק אַסך געהרגעטע און פאַרוואונדעטע. איינער פון די דייטשן האָט דערזען אונזערס אַ מיידל אויף דער פּאָזיציע: „האַנס, אַ פרוי!" האָט ער אַ געשריי געטון צו זיינע חברים און זיי האָבן אָנגעהויבן שיסן אויף איר, אָבער זי האָט זיך נישט צוריקגעצויגן. זי האָט זיי מקבל־פּנים געווען ווי עס באַדאַרף צו זיין[5]. דער קעמפער, וואָס זיין פּאָזיציע איז געווען אויפן בוידעם, האָט באַשאָסן די וואַך פון די דייטשן נעבן די ווענט. נישט קוקנדיק אויף זייער געדיכטן פייער, האָט ער דערהרגעט זעקס פון זיי. אין הויף פונם בלאָק שוויענטאָיערסקע 32 — וואַלאָווע 6 באַווייזט זיך איינער פון די דירעקטאָרן פון דער בערשטער־פירמע, ד"ר לאוס מיט צוויי מונדירטע דייטשן. מיט די ביקסן מאַכן זיי צייכנס פון זייערע פרידלעכע כוונות. ד"ר לאוס פאָדערט אויף די קאַמף־אָרגאַניזאַציע צו לייגן דאָס געווער במשך 15 מינוט.

[4] דידאָזיקע מינע איז צוגעגרייט געוואָרן נאָך אַ צוויי חדשים פאַרן אויסברוך פון די קאַמפן. דער פּלאַן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך מיכאל קלעפּפיש (לפ"ג) און מיט דער אַדורכפירונג האָבן זיך באַשעפטיקט: די קאַמף־גרופּע פון „גורדוניה" אונטער דער קאָמאַנדירונג פון אליעזר געלער (לפ"ג), די קאַמף־גרופּע פון „הנוער הציוני" אונטער דער קאָמאַנדירונג פון יעקב פראַשקער (לפ"ג) און אויך אַנדערע קעמפער. ביי דערדאָזיקער אַרבעט האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט העניעק קליינוויס (לפ"ג).

[5] עס רעדט זיך דאָ וועגן צפורה לערער.

מיר ענטפערן מיט שאָסן. איין דייטש איז דערהרגעט. ד"ר לאוס אַנטלויפט. עס הויבט זיך אָן ממש אַ בלאָקאַדע.

ג. די בלאָקאַדע:

עס קלאַפּן די האַרמאַטן, עס קנאַלן מאַשינגעווערן און גראַנאַטן־וואַרפערס. קוילן שיטן זיך ווי אַ האָגל פון הימל. מיר שטייען אַלע אויף אונזערע פּאָזיציעס און דער שונא איז נישטאָ. פשוט נישטאָ. מיר זיינען פאַרצווייפלט. נישטאָ געגן וועמען מלחמה צו האַלטן. די דייטשן האָבן פאַרנומען פּאָזיציעס אויף דער דרויסנדיקער זייט פון די מויערן און זיי פאַרשיטן אונז מיט אַ האָגל פון קוילן און גראַנאַטן. פּלוצלינג ווערט אונזער הויז אַרומגעכאַפּט פון פלאַמען. געשטויסן דורך רויך און פייער זיינען מיר געצוואונגען צו פאַרלאָזן אונזערע פּאָזיציעס. אונזער צוריקטריט שיצן דריי בחורים. מיר טרעטן אָפּ צו שוויענטאָיערסקע 34 אין שוצקעלער אַריין [6]. דאָרטן איז דער זאַמל־פּונקט פאַר אַלע קאַמף־גרופּעס, וועלכע אָפּערירן אינם בערשטער־געביט. מיר געפינען שוין דאָרט איין גרופּע. צוויי גרופּעס פעלן. עס קומט פאַר אַ צונויפקום פוןביידע גרופּעס און איך ווער באַשטימט אַלס וואַך־קאָמענדאַנט. איך באַשטים תיכף די בוידעם מענטשן כאָטש איך מוז עס נישט טון, ווייל מען מעלדעט זיך פרייוויליק, און מיר לאָזן זיך גלייך אַרויס כדי אויפצוזוכן אונזערע חברים. אויפן וועג האָבן מיר צוזאַמענ־שטויסן מיט דייטשן, אָבער עס געלינגט אונז נישט אַנצובינדן מיט זיי אַן אמתן קאַמף. מיר באַנייען עטלעכע מאָל די פּרוון צו געפינען אַ פאַרבינדונג מיט די דערמאָנטע גרופּעס, אָבער אָן רעזולטאַט. 11 אַזייגער ביינאַכט זיינען מיר אַרויס זאַלבעדריט: דער קאָמענדאַנט פונם בערשטער־געביט מאַרעק (עדעלמאַן)[7], דער קאָמענדאַנט פון מיין גרופּע העניעק (חנוך) גוטמאַן (לפ"ג) און איך. אויפן בוידעם געפינען מיר דעם טויטן קערפּער פון אונזער חבר מיכאל קלעפּפיש (לפ"ג), וועלכער איז דערשאָסן געוואָרן פון אַ גאַנצער סעריע קוילן פון אַן אויטאָמאַטישער ביקס. מיר האָבן ביי אים געזוכט, אָבער דעם רעוואָלווער האָבן מיר ביי אים שוין נישט געפונען. מן הסתם האָבן די דייטשן אים צוגענומען. מיר גייען ווייטער און טרעפן אָן אַ פּאַטרול פון אונזערע צוויי גרופּעס, וועלכע זיינען שוין אַרויס אונז זוכן. מיר נעמען מיט אַלעמען אין שוצקעלער אויף שוויענטאָיערסקע 34. די באַוואוינער פונם שוצקעלער נעמען אונז אויף זייער האַרציק. אַלע ווענדען זיך צו אונז — זיי ווילן אַריינטרעטן אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ליידער האָבן מיר נישט גענוג געווער אפילו נאָר פאַר אַלע קעמפער. אַלע זיינען אַדורכגעדרונגען מיטן ווילן צו קאַמף. אין שוצקעלער דער־

---

[6] אַט דער אונטערערדישער שוצקעלער איז שוין אויפגעבויט געוואָרן דורך דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע עטלעכע חדשים פאַרן אָנהויב פון די קאַמפן.

[7] זע זייט 146, באַמ. 33 צום קאַפּיטל „די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע".

טראָגן זיך די קלאַנגען פון אויפרייסנדיקע גראַנאַטן און די אומאויפהערלעכע קאַנאָנאַדע פון שווערע אויטאָמאַטישע מאַשינגעווערן. מיר זיינען באַשעפטיקט אַ גאַנצע נאַכט מיט אויספוצן דאָס געווער; מיט קאָנטראָלירן די אַמוניציע און די קנויטן ביי די גראַנאַטן פון אונזער אייגענער אויסאַרבעטונג. צום סוף רוען מיר אָפּ אַביסל.

ד. מיטוואָך (21־טער אַפּריל, צווייטער טאָג פּסח):

דעם גאַנצן טאָג פּאַטראָלירן די קעמפער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע דעם גאַנצן געביט, אָבער די דייטשן באַווייזן זיך נישט. פאַרנאַכט קומען־אָן צו אונז מענטשן פונם געביט, — זייערע שוצקעלער זיינען פאַרברענט געוואָרן. עס זיינען שוין פאַראַן קרבנות, — פאַרברענטע לעבעדיקערהייט. דער גאַנצער געביט איז אַרומגע־נומען מיט פלאַמען. מיר האָבן באַשלאָסן אַדורכצורייסן זיך אין צענטראַלן געטאָ אַריין. אַ צונויפקום. מיר שטעלן זיך אויס און גייען אַרויס אויפן הויף. דאָס וואָס איך האָב דערזען וועל איך אין מיין גאַנצן לעבן נישט פאַרגעסן. די נאַכט איז פינצטער אָבער דאָ איז זי ליכטיק ווי אינמיטן העלן טאָג; עס הערט זיך נאָר דער געפּלאַץ פון ברענענדיקע באַלקנס און צוזאַמענפאַלנדיקע הייזער. מיר זיינען איינגעטונקט אין פלאַמען. מיר גייען־דורך ברענענדיקע קראָמען. עס שלאָגט אָן אומבאַשרייבלעכע היץ. דאָס צעשטויבטע גלאָז שמעלצט זיך איבערן גאַנצן הויף. מיר לויפן דורך דעם הויף איינער הינטער דעם צווייטן מיט נאַסע טיכלעך אין די מיילער. ענדלעך האָבן מיר זיך אַדורכגעריסן צום שטח פונם הויז אויף פראַנציסקאַנער גאַס 21. אונזער ציל איז — אַדורכצורייסן זיך צום הויף אויף פראַנציסקאַנער 20. מען דאַרף נאָר אַריבערגיין די גאַס. דוכט זיך, — זייער אַ גרינגע אויפגאַבע. מוז איך אָבער דערמאָנען, אַז די מויער לענגאויס באַניפראַטן־גאַס איז ביי דער קרייצונג מיט פראַנציסקאַנער גאַס צעשטערט; די מויער, וועלכע טיילט אָפּ דעם ברעשטער־געביט פון דער נייטראַלן שטח, איז אויך צעשטערט, און צווישן די צעשטערטע מויערן האַלטן־וואַך לעטישע, אוקראַאינישע און דייטשע פּאַטרולן און די בלויע (פוילישע) פּאָליציי. איין גרופּע פּרוווט אַדורכגיין. זי קומט צוריק מיט אַ ידיעה, אַז אין די צעשטערטע ערטער זיינען איינגעשטעלט שווערע מאַשינגעווערן. די קאָמענדאַנטן האָבן דעריבער באַשלאָסן פונאַנדערצוּוואַרפן די גרו־פעס. די גרופּע פון פראַשקער (יעקב, לפּ״ג) גייט צוריק אין ברעשטער־געביט. און מיר מוזן זיך אַדורכרייסן. די ערשטע גייט גוטמאַנס (חנוך) גרופּע. מיר צעטיילן די גרופּע אויף צוויי פינפטלעך. אויף אויסשפּיר גייען אַרויס שלאַמעק (שלמה שוס־טער) און איך. שלאַמעק בלייבט פאַרן טויער, איך פאַרגנבע זיך צו דעם צעשטערטן מויער, איך קוק זיך אַרום אויף אַלע זייטן, איך גיב אים אַ צייכן — און דאָס ערשטע פינפטל גייט אַדורך בשלום. איך וואַרט אָפּ אַ פּאָר מינוט, איך גיב ווידער אַ צייכן — דאָס צווייטע פינפטל גייט אַדורך, און איך נאָך זיי. דערנאָך זיינען אַדורך די גרופּעס פון מאַרעקן (עדעלמאַן) און פון בערלינסקי׳ן (הערש, לפּ״ג). דער געטאָ זעט

אויס מער־ווייניקער ווי דער ברעשטער־געביט. מיר זיינען אַוועק אין שוצקעלער פונם פאַרזאָרגונגס־אַמט [8] אויף פראַנצישקאַנער גאַס 30.

ה. דאָנערשטאָג (22־טער אַפּריל) און די ווייטערדיקע טעג:

דעם גאַנצן דאָנעשטאָג רוען מיר, אין דער נאַכט פון דאָנעשטאָג אויף פרייטאָג לאָזט זיך אַרויס אַ פּאַטרול כדי צו פאַרבינדן זיך מיט די גרופּעס, וועלכע אָפּערירן אויפן שטח פון צענטראַלן געטאָ. צוויי מענטשן גייען אַוועק אין דער ריכטונג פון גענשע גאַס, יורעק (בלאָנעס, לפ״ג) און איך פאַרנעמען זיך צו דער נאַלעווקי־זייט. די גאַנצע גאַס איז פאַרלייגט מיט טויטע קערפּער. כדי נישט צו טרעטן אויף זיי, שפּרינגען מיר פון אָרט צו אָרט. ביי נאַלעווקי 36 האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ קאַמף־גרופּע מיט ליוטעק (לייב) ראָטבלאַט (לפ״ג) אינדערשפּיץ. פון דעם מאָמענט אָן האָבן מיר שוין אַ כסרדיקע פאַרבינדונג מיט דעם קאָמאַנדיר־שטאַב פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און מיט אַלע גרופּעס. קיין גרעסערע קאַמף־אַקציעס קומען נישט פאָר, עס מאַכן זיך קליינע צוזאַמענשטויסן מיט פּאַטרולן. אויפן דריטן טאָג פון אונזער געפינען זיך אין פאַרזאָרגונגס־אַנשטאַלט מוזן מיר פאַרלאָזן דעם דאָרטיקן שוצקעלער, וועלכער האָט אונז געדינט אַלס אָפּעריר־באַזע. מיר טראָגן זיך אַריבער אין נייטראַלן שטח. אָבער אויך דאָ מוזן מיר באַלד פאַרלאָזן דעם שוצקעלער, מיר ווערן אַרויסגעשטויסן דורך רויך און פייער. די לאַגע אין די שוצקעלערס איז אַ פאַרצווייפלטע און האָפנונגסלאָזע. עס שפּירט זיך שטאַרק דער מאַנגל אין לופט, וואַסער און שפּייז. דערוויל גייען די טעג; עס איז שוין דער צענטער טאָג פון דער אַקציע. דער געטאָ איז פאַרברענט. אומעטום וואַלגערן זיך צו־קויל־פאַרברענטע קערפּערס, — אין די גאַסן, אויף די הויפן און אין די קעלערס. מענטשן זיינען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. די לאַגע איז שרעקלעך, עס איז אויך נישטאָ קיין מעגלעכקייט ווייטער צו פירן דעם קאַמף; מיר זעען איין: 1) עס איז אַ שטאַרקער מאַנגל פון אַמוניציע; 2) עס פעלן וואַסער און שפּייז; 3) עס איז נישט מעגלעך צונויפצוטרעפן זיך אין קאַמף מיטן שונא, וועלכער געפינט זיך גאָר נישט אינעם געביט פון געטאָ, נאָר ער טוט זיין פאַרניכטונגס־אַרבעט פון דרויסן, — צוליב דעם אַלעם זיינען מיר געצוואונגען אָנצוהויבן טראַכטן וועגן אַרויספירן אונזערע מענטשן אין וואַלד אַריין, כדי מיר זאָלן קענען ווייטער פירן אונזער קאַמף.

---

[8] דאָס זיינען געווען די פאַרזאָרגונגס־מאַגאַזינען, וועלכע עס האָט אָנגעפירט אברהם געפּנער (לפ״ג). דאָרטן זיינען געוויינטלעך די קעמפער גוט אויפגענומען געוואָרן און מען האָט זיי געהאָלפן לויט די מעגלעכקייטן. ראַטהייזער דערציילט ווייטער, אַז אַרום 25־טן אַפּריל האָבן די קעמפער געמוזט פאַרלאָזן דעם דאָזיקן שוצקעלער. זיי זיינען אָבער שפּעטער ווידער אַהין צוריקגעקומען. אין די ערשטע טעג פון חודש מאַי איז דאָרטן פאָרגעקומען אַ שווערער קאַמף. זע זייטן 295 און 296, באַמ. 1 און 2.

ו. מיר זוכן אַ פאַרבינדונג מיט דער אַרישער זייט:

דעם 29־טן אַפּריל (דאָנעשטאָג) האָט דער קאָמאַנדיר־שטאַב — מרדכי (אַניע־ליעוויטש, לפ"ג), צביה (לובעטקין), מאַרעק (עדעלמאַן), מיכאל (ראָ־זענפעלד, לפ"ג) און בערלינסקי (הערש) — באַשלאָסן אַרויסצושיקן זיגמונטן (פרידריך, לפ"ג) און מיך כדי אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיטן קאָמענדאַנט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט, אַנטעק (פּסעוו־דאָנים פון יצחק צוקערמאַן). אין דער נאַכט פון 29־טן אויפן 30־טן אַפּריל האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט אויף מוראַנאָווסקע־גאַס און פון דאָרטן דורך אַ טונעל צו דער אַרישער זייט. עס האָבן אונז באַגלייט אַדאָלף (האָכבערג, לפ"ג) און ליאָלעק[9]. מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט פון די חברים און זיינען אַרויף אויף אַ בוידעם כדי איבער־צוואַרטן ביז אינדערפרי. פאַרטאָג קוקן מיר זיך אַרום און דערזען אויפן שכנותדיקן דאַך טויטע קערפּערס. מיר לויפן אַרויס אויפן הויף, די שויבן זיינען אויסגעשלאָגן און אַרום איז פול מיט קוילן־גילזן פון ביקסן און רעוואָלווערן. מיר באַקומען דעם איינדרוק, אַז דאָס הויז איז נישט באַוואוינט, מיר ווייסן בכלל נישט וואו מיר געפינען זיך, מיר באַשליסן אַרויסצוגיין און כאַפּן אַ קוק אין גאַס אַריין. ערשט מיר טרעפן־אָן אַ טראַמוויי־קאָנדוקטאָר, אַ פּאָליאַק. אין שמועס מיט אים דערוויסן מיר זיך, אַז אין דעם הויז האָט מען אַנטדעקט אַ באַהעלטניש פון 60 אידן. אַרויסגיין אין גאַס איז נישט מעגלעך. מיר הויבן אָן אים דערציילן אַ בבא־מעשה, אַז זונטאָג אינאָוונט זיינען מיר אַוועק אין געטאָ נאָך קליידער־אַלטוואַרג און זיינען דאָרט געבליבן שטעקן און ערשט איצטער איז אונז געלונגען אַרויסצובאַקומען זיך פון דאָרטן. וויבאַלד אַזוי — הויבט

[9] אַ יונגער, 19־יאָריקער קעמפער. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער יוגנט, וועלכער איז בעת דער מלחמה אַריבער צום „השומר הצעיר" — עס איז אונז נישט געלונגען פעסטצושטעלן זיין אמתן נאָמען. — אויך אַנדערע דעלעגאַציעס זיינען אין יענע טעג אַרויסגעשיקט געוואָרן פון „צענטראַלן געטאָ" (און פריער פון טעבענס־שולץ געביט) אויף דער אַרישער זייט, כדי אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיט די פאָרשטייער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און צוזאַמלען הילף. דעם 7־טן מאַי איז אַ דעלעגאַציע פון 11 קעמפער איבערגעגעבן געוואָרן אַדורכצושלאָגן אַ וועג צו דער אַרישער זייט. אין דער דעלעגאַציע זיינען צווישן אַנדערע געווען: פּאַוועל, יצחק סוקניק („קאַזאַ"), וואַנדאַ אָכראָן, לילקאַ זשימאַק, זיגפרידאַ סימסאָן (אַלע — לפ"ג) און אויך העלאַ שיפּער (געראַטעוועט — איצטער אין ארץ־ישראל). נאָך אַסך מאַטערנישן איז די דעלעגאַציע אָנגעקומען דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן צו אַ געוויסן אָרט אויף דער אַרישער זייט, אַנטקעגן קראַשינסקי־גאָרטן, אָבער עטלעכע פון אירע מיטגלידער זיינען אומגעקומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט פּוילישע און דייטשע פּאָלי־ציאַנטן. יענע נאַכט איז אַרויסגעשיקט געוואָרן נאָך אַ דעלעגאַציע: טוביה באָזשיקאָווסקי (זע זיין טאָגבוך), ישראל קאַנאַל, מרדכי גראָוואַס, מנחם ביגעלמאַן (די לעצטע דריי — לפ"ג) און נאָך זעקס קעמפער. אויפן וועג האָבן זיי זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט דייטשן. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף, אין וועלכן עס זיינען געהרגעט געוואָרן עטלעכע דייטשן. 7 פון די קעמפער, און צווישן זיי — 4 פאַרוואונדעטע, האָבן באַוויזן אַדורכצורייסן זיך צוריק צו די פּאָזיציעס פון די קעמפער; 3 פון זיי, וואָס דאָס איז זיי נישט געלונגען, האָבן אויסגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט אַ געראַנגל מיט אַסך גרעסערע דייטשע כוחות — און די דייטשן זיינען זיי נישט בייגעקומען.

ער אונז אַן צו גראַטולירן, גיט אונז די האַנט און זאָגט, אַז מיר וועלן קענען אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך וועגן דעם. ער באַווייזט אונז עפּעס אַ לאָך, וואָס פירט אַרויס אויף שעראַקאָווסקע־גאַס. עס איז אונז געלונגען אַרויסצוקומען בשלום אין גאַס אַרויס.

אין גאַס האָט אונז דערקענט אַ „שמאַלצאָווניק" (אַ שאַנטאַזשיסט — אַן אויס־פּרעסער), וועלכער איז אונז נאָכגעגאַנגען. מיר זיינען אים אָבער פאַרשוואונדן פון אונטער דער נאָז. דעמזעלבן טאָג האָבן מיר שוין באַקומען אַ פאַרבינדונג מיט אַנטעקן (יצחק צוקערמאַן), מיט זיין פאַרבינדלערין פּראַניאַ בעאַטוס (לפ"ג) און מיט טאַדעקן (טוביה שיינגוט, לפ"ג). מיר האָבן אים אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער לאַגע אין געטאָ און אַרומגערעדט די פראַגע וועגן אַ הילף־אַקציע. איך דערוויס זיך, אַז מיר האָבן נישט צו דערוואַרטן קיין שום הילף. מיר זיינען אָנגעוויזן אויף אונזערע אייגענע כוחות. יעדערער פון אונז הויבט דאַן אָן זוכן פאַרבינדונגען. עס האָבן זיך געמאָלדן צו מיטאַרבעט — סטעפאַן (סאַוויצקי, לפ"ג), קאָסטעק[10] (קשאַטשעק, לפ"ג) אַננאַ (וואָנכאַלסקאַ)[11], סטעפאַן פּ. (פּאָקראָפּעק, לפ"ג). די הילף פון די־דאָזיקע מענטשן איז אונז אומבאַדינגט נויטיק און מיר האָבן זיי אַסך צו פאַרדאַנקען. נאָך אַ לויפעניש במשך עטלעכע טעג איז אונז געלונגען צו באַקומען אַ פאַרבינדונג מיט שמוגלערס פון קאָזשלע גאַס. זייער אויפגאַבע דאַרף זיין — פאַרגרינגערן אונז אַראָפּצולאָזן זיך אין קאַנאַל. אין לעצטן מאָמענט האָבן זיי זיך אָבער אָפּגעזאָגט. מיר זיינען פאַרבליבן אין גאַס נאָך דער „פּאָליצייַ־שטונדע", נישט האָבנדיק וואו איבער־צונעכטיקן. ערשט מיט אַן 8 טעג שפּעטער האָט קאָסטעק אָפּגעזוכט קאַנאַליזאַטאָרן.

---

[10] מיטגליד פון פּ.פּ.ר. (קאָמוניסטישע באַוועגונג). אַ פּאָליאַק, וועלכער איז געווען טעטיק אונטערן נאָמען „קשאַטשעק". די שרייבער האָבן מיט־אַ־כיוון אים אָנגערופן „קאָסטעק", כדי די אַריבערפירער פונם באַריכט — פּוילישע אונטערערדלער פון דער לאָנדאָנער עמיגראַציע־רעגירונג — זאָלן נישט ווייסן וועגן דער צוזאַמענאַרבעט מיט די קאָמוניסטן. ער האָט אויך אין אַ סך אַנדערע פאַלן אַרויסגעהאָלפן דעם אידישן אונטערערד. אין אָנהויב 1944, ווען יעקב פייגענבלאַט, גוטאַ קאַוועןאָקי און זיגמונט איגלאַ (אַלע לפ"ג) זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אין באַהעלטניש אויף פּרוזשנע 14 (זע ז. 219, באַמ. 1), האָט זיך קשאַטשעק באַזאָרגט מיט אַ פאַלשן דאָקומענט אַלס מיטגליד פון דער נאַצישער פּאַרטיי און איז אַוועק אין געסטאַפּאָ־אַמט, כדי אויפצוקלערן די סיבה פונם דורכפאַל, און געפאַלן אַ קרבן. מער איינצלהייטן וועגן אים זע די אזכרה־פאַרצייכנישן וועגן אים און ז. איגלאַ.

[11] אַ פּוילישע פרוי פון אַ יאָר 60. אַ מיטגלידערין פון פּ.פּ.ס. איינע פון די חסידי אומות העולם. איר מאַן איז געווען אַן אַלטער סאָציאַליסטישער קעמפער, אַ מיטגליד פון דער פּ.פּ.ס.־ישער „באָיוווקע" (קאַמף־גרופּע) אין יאָר 1905. במשך דער גאַנצער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט זי אויסבאַהאַלטן אידן. זי האָט אויסגעהאַלטן אין איר היים איינע פון די שילערינס פון דער אונטערערדישער „דרור" גימנאַזיע. איר וואוינונג אויף וואָליע (אַרישע זייט) האָט געדינט אַלס טרעף־פּונקט פאַר דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אויך איר אינגערע שוועסטער, מאַרישאַ סאַוויצקאַ, אויך אַ מיטגלידערין פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַ שניידערין, אַ טוערין אויפן געביט פון אַרבעטער־ספּאָרט. אַ גוטע באַקאַנטע פון מיכאל קלעפּפיש (לפ"ג), האָט אַרויסגעוויזן אַסך טרייהייט און איבערגעגעבנקייט אין איר הילף דער אידישער אונטערערד־באַוועגונג. דערלאַנגענדיק די הילף זייערע, האָבן זיי יעדן מאָמענט געשטעלט אין געפאַר זייער לעבן. אויך סטעפאַן סאַוויצקי (לפ"ג) איז פון דערזעלבער משפּחה.

ז. עקספּעדיציע אין געטאָ אַריין:

אין דער נאַכט פון 7־טן אויפן 8־טן מאַי האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין אַן עקספּעדיציע צום געטאָ, אין איר זיינען געווען רישעק [12] און צוויי קאַנאַליזאַטאָרן. דער עקספּעדיציע איז נישט געלונגען אַנצוקומען צו איר ציל. זיי האָבן געמוזט אומקערן זיך צוריק. אויפצומאָרגנס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ צווייטע עקספּעדיציע. עס זיינען געגאַנגען — צוויי קאַנאַליזאַטאָרן, רישעק און איך. טאַדעק (שיינגוט) און קאַסטעק (קשאַטשעק) זיינען געבליבן אויבן, אויף דער ערד. מען מוז נאָך צוגעבן, אַז כדי צו דערמעגלעכן די עקספּעדיציע האָבן מיר געמוזט שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיטן קעניג פון די „שמאַלצאָווניקעס" אויפן קאַזימיעזש־פּלאַץ און מיט זיינע צוהעלפער. אין דער נאַכט פון 8־טן אויפן 9־טן מאַי, אַזייגער 10 מיט אַהאַלב, זיינען מיר אַראָפּ אין קאַנאַל. די קאַנאַליזאַטאָרן פירן, מיר גייען הינטער זיי. נאָכן אָפּגיין עטלעכע צענדליק מעטער בלייבן זיי שטיין און דערקלערן, אַז ווייטער גייען זיי נישט. זיי זיינען שיכור ווי לוט. אויף זייער דערקלערונג ענטפער איך גלייך מיט אַ קאַטעגאָרישן טאָן: „איר דאַרפט פאָלגן מיינע באַפעלן, מאַרש פאָרויס!" איך בין נישט בכוח צו באַשרייבן דעם וועג מיט זיי. יעדע פאָר מינוט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און פאַר־לאַנגט בראָנפן, קוואַס און עסן. קיין שום טענות האָבן נישט געהאָלפן. נאָך דער רעוואָלווער מיינער האָט געהאַט אַ ווירקונג. איך בין אַרויס פון קאַנאַל צוויי ביינאַכט דורכן פּאַרדעק, וואָס אויפן ווינקל פון די גאַסן סטאַווקי און זאַמענהאָף [13]. רישעק איז געבליבן מיט די קאַנאַליזאַטאָרן. די זאַמענהאָף־גאַס איז באַלויכטן מיט אַ רעפלעקטאָר פון דער זייט פון דזשיקע־גאַס. איך מוז קריכן אויפן בויך אַזש ביז מוראַנאָווסקע גאַס. איך האָב עטלעכע אַדרעסן פון אונזערע קאַמף־גרופּעס. קודם כל פאַרנעם איך זיך צום שוצקעלער פון פאַרזאָרגונגס־אַנשטאַלט אויף פראַנציִשקאַנער 30. דעם שוצקעלער האָב איך פאַרלאָזט ווען איך בין אַוועק אויף דער אַרישער זייט. איך קום אַריין אין הויף, אָבער איך געפין שוין נאָר חורבות־איבערבלייבן פונם שוצקעלער — מען האָט

---

[12] עס איז מעגלעך, אַז דאָ ווערט געמיינט רישעק מאַסלמאַן (לפ"ג); אויך ש. ראַט־הייזער מיט נאָך חברים האָבן מיט אַ פאָר טעג פריער געפּרוווט גיין צום געטאָ מיט דעמזעלבן וועג מיט וועלכן זיי זיינען מיט 8 טעג צוריק אַרויסגעקומען אויף דער אַרישער זייט, אָבער דאָס איז זיי נישט געלונגען און זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק.

[13] אין יענער נאַכט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין די קאַנאַליזאַציע רערן (צוערשט אַ גרופּע פון 10 קעמפער פון פראַנציִשקאַנער גאַס 22 און עטלעכע צענדליק קעמפער זיינען פאַרבליבן אין בונקער וואַרטנדיק. אויף אַ ידיעה פון אַט דער גרופּע. ראַטהייזער און זיינע באַגלייטער זיינען, ווייזט אויס, געגאַנגען מיט אַן אַנדערן וועג און זיי האָבן זיך נישט צוזאַמענגעטראָפן איידער ער איז אַרויס פונם קאַנאַל, נאָר ערשט אויפן וועג צוריק פונם געטאָ. ווייטער דערציילט ראַטהייזער, אַז ער איז געווען אין הויף פון יענעם שוצקעלער — פראַנציִשקאַנער 22, אָבער ער האָט נישט געוואוסט, וויאַזוי מען קומט אין אים אַריין און ער האָט די קעמפער נישט געפונען (זע באַמערקונג 15 ווייטער). ווען ראַטהייזער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן אין קאַנאַל מיט דער גרופּע פון 10, זיינען 2 קעמפער אַוועק צוריק צום שוצקעלער אויף פראַנציִשקאַנער 22 און אַלע דאָרט פאַרבליבענע קעמפער זיינען דאַן אַריין אין קאַנאַל.

אים ווייזט אויס, אַנטדעקט. אין צווייטן הויף טרעף איך צווישן די חורבות דריי מענטשן, דאָס זיינען שוין אָבער נישט קיין מענטשן נאָר געשפּענסטער, רוחות פון יענער וועלט. אינם ברוכוואַרג ליגן: צוויי מענער און אַ פרוי. די פרוי קרעכצט, זי האָט אַ צעבראָכענעם פוס. איך וויל זיי מיטנעמען מיט זיך אויף דער אַרישער זייט, אָבער זיי האָבן קיין כוח נישט אפילו אויפצושטיין פון אָרט. ריידנדיק מיט זיי דערוויס איך זיך, אַז דער שוצקעלער איז אַנטדעקט געוואָרן מיט עטלעכע טעג צוריק. די קעמפער האָבן דאָ אַדורכגעקעמפט איינעם פון די שענסטע קאַמפן, זיי האָבן דאָ געקעמפט מיט עטלעכע צענדליק דייטשן. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז דער קעמפער אברהם א י י ג ע ר (לפ״ג) האָט ליגנדיק אַ פאַרוואונדעטער — גערופן צו זיך די דייטשן, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט צוצוגיין. ווען די כוחות זיינען אים אויסגעגאַנגען און ער האָט אויפגעהערט שיסן, האָט אים אַ דייטש דערשטאָכן מיט דער שפּיז פון ביקס[14]. שלאָמעק (שלמה ש ו ס ט ע ר, לפ״ג) האָט ·נישט קוקנדיק אויף זיין 17־יעריקן עלטער, אַרויסגעוויזן אומפאַרשטעלבאַרע העלדישקייט און ער האָט געקעמפט ווי אַ לייב. ער איז געפאַלן שפּעטער, אויף דער אַרישער זייט (זע באַמערקונג 25 ווייטער).

איך האָב די דריי אומגליקלעכע איבערגעלאָזט אויף זייער אייגענעם באַראָט און בין אַוועק צו פראַנציסקאַנער 22. די שוצקעלערס אין דעם הויף קען איך נישט. איך סיגנאַליזיר מיטן לאַמטערנדל און רוף־אויס אונזער פּאַראָל. פלוצלינג לאָזט זיך הערן עפּעס אַ שטימע פונצווישן די חורבות אַרויס, וועלכע וויל מיך פירן צום שוצ־קעלער, וואו עס געפינען זיך אונזערע קעמפער. לויט דער שטימע האָב איך דערקענט, אַז דאָס איז אַ פרוי. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט אַ צעבראָכענעם פוס און איך זאָל זי אָפּזוכן צווישן די חורבות. איך האָב געזוכט אַ האַלבע שעה און זי נישט געפונען. איך האָב געמוזט איבעררייסן די זוכעניש[15]. אַ פאַרצווייפלטער לויף איך נאָך צו אויף נאַלעווקי 33 און 35, אויף מילאַ 19, אויף זאַמענהאָף 29, אָבער אין די אַלע ערטער געפין איך קיינעם נישט. דער געטאָ איז גרינטלעך פאַרברענט. עס וואַלגערן זיך טויטע קערפּער קופּעסווייז — אין די גאַסן, אין די הויפן, צווישן די חורבות.

איך הויב אָן טראַכטן: צו־וואָס גיי איך צוריק פונדאַנען? און פלוצלינג דערפיל איך מיך אַזוי גוט צווישן אָט די אַזוי טייער געוואָרענע חורבות און טויטע קערפּערס. עס דערוועקט זיך אין מיר אַ ווילן, — נקמה צו נעמען און אומקומען. אָבער איך גיב

[14] אין הערש וואַסערס פאַרצייכנונגען, זייט 296 — „די לעצטע רעדע״, ווערט דערציילט אויספירלעכער וועגן דעם פאַל. זע אויך באַמערקונגען 1 און 2, זייטן 295 און 296.

[15] דאָרטן איז טאַקי יאָ געווען דער שוצקעלער, וואו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די פאַרבליבענע קעמפער און פונדאָרטן זיינען זיי אַרויס דורך די קאַנאַלן צו דער אַרישער זייט. זיי האָבן אויך געהערט ש מ ח ה׳ ס רופן, אָבער זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס דוכט זיך נאָר זיי אויס און זיי זיינען נישט אַרויס נאָכצוקאָנטראָלירן. עס איז זיי נישט איינגעפאַלן, אַז עמיצער פון זייערע חברים געפינט זיך אויבן. ווי מען גיט איבער האָט אויך שפּעטער דערדאָזיקער שוצקעלער (פון די מיסט־פירער אין געטאָ) געדינט פאַר די אידן אַלס אַ פאַרשטעק. אינמיטן חודש יוני 1943, האָבן די דייטשן דאָרט פאַרסמט אידישע קעמפער מיט פאַסגען־גאַז.

זיך נישט אונטער דער שוואַכקייט. די פליכט רופט צוריק. 4 אַזייגער בין איך צוריק אַריין אין קאַנאַל. איך האָב פאַרהאַקט הינטער זיך דעם אייזערנעם־צודעק. „לאָמיר גיין" — האָב איך מיט אַ נישט־מענטשלעכער שטימע אויסגעשריען צו רישעקן און צו די קאַנאַליזאַטאָרן. — „ס'איז קיינער נישטאָ". עס האָט זיך אָנגעהויבן דער וועג צוריק. מיר זיינען אַדורכגעגנעצט דורך־און־דורך, — אַלע פאַרדעקן און שלוזן זיינען פאַרשלאָסן. דאָס וואַסער דערגרייכט ביזן גאַרטל. מיר גייען און איך סיגנאַליזיר מיטן לאַמטערנדעל, טראַכטנדיק אָן אויפהער, — אפשר וועט זיך דאָך עמיצער געפינען. איך רוף „יאַן! יאַן!" — דער פאַראָל פון די קעמפער — און פלוצלינג שפרינגט אַרויס פון אַ זייטן־קאַנאַל אַ גרופּע פון 10 קעמפער[16]. מיט טרערן אין די אויגן באַגריסן מיר זיך. פון עטלעכע ווערטער דערוויס איך זיך אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט, וואָס איך בין נישט געווען דאָרט. די הילף איז געקומען צו שפּעט מיט איין טאָג! פאַרפאַלן, מען דאַרף ראַטעווען די איבעריקע. צוויי קעמפער קערן זיך אום אין געטאָ מיטצונעמען פון דאָרטן די פאַרבליבענע. מיר גייען דערווייל פּאַמעלעך פאָרויס אין דער זייט פון פּראָסטע־גאַס. יעדע עטלעכע צענדליק מעטער שטעלן מיר אויס וואַך־פּאָסטנס. גייענדיק, שמועס איך מיט שלאַמעק ש ו ס ט ע ר; פון אים דערוויס איך זיך איינצלהייטן. דער שוצקעלער אויף מילע 18 איז אַנטדעקט געוואָרן ערשט דעם 8־טן מאַי בייטאָג. דער גרעסטער טייל דאָרטן איז אין לעצטן מאָמענט באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד. איך פאַרשטיי דאָס זייער גוט: הונגעריקע, אויסגעמאַטערטע, אַ לאַגע אָן אַן אויסוועג און קיין הילף איז פון ערגעץ נישטאָ. איך האָב צוגעפירט די מענטשן ביז אונטערן קאַנאַל־צודעק אויף פּראָסטע־גאַס און איך בין ווידער אַרויס אויף דער אַרישער זייט. איך גיי אַריין צום „שמאַלצאָווניק" (דער אויספּרעסער), ביי וועמען איך האָב איבערגעלאָזט מיינע בגדים פאַרן אַראָפּלאָזן זיך אין קאַנאַל. עס וואַרטן שוין אויף מיר ט אַ ד ע ק און ק אָ ס ט ע ק. איך האָב זיי דערציילט אַלץ ווי עס איז. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז אויפצומאָרגנס 5 פאַרטאָג וועלן מיר אַרויסנעמען די מענטשן פון קאַנאַל און אַוועקפירן זיי אין וואַלד אַריין. ק אָ ס ט ע ק דאַרף צושטעלן אויטאָס. 5 פאַרנאַכט גיי איך מיט טאַדעקן צום קאַנאַל־צודעק און מיר באַקומען אַ בריוו פון די קעמפער, אַז 5 פאַרטאָג וועלן זיי אַלע זיין אונטערן צודעק.

[16] דאָס זיינען געווען שלאַמעק ש ו ס ט ע ר, ג ו ט אַ, אליעזר און יורעק ב ל אָ נ ע ס, אבראַשאַ ב ל ו ם, אברהם ס ט אָ ל אַ ק, בראָנקאַ מ אַ נ ע ל אַ ק (אַלע — לפ"ג), יאַנעק ב י ל אַ ק (אַ בונדיסט, אַ צאָן־טעכניקער. בעת דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד אין הערבסט 1944 איז ער געווען צוזאַמען מיט חנה קרישטאַל — —די פרוי פון גבריאל פרישדאָרף, — פנינה פּאַפּיער און דב שניפּער (אַ חבר פון השומר הצעיר) אין אַ באַהעלטניש אויף ראַקאָוויעצקע־גאַס. ווען מען האָט געזאָלט אונטערצינדן דאָס הויז, זיינען זיי אַרויס אין גאַס, מיט זייערע וואָפן. על־פּי טעות זיינען זיי צוגעקומען נאָענט צום געסטאַפּאָ־בנין און מען האָט זיי אַרעסטירט. ביי דער אונטערזוכונג האָט דב שניפּער אָנגעהויבן שיסן. מען האָט אים און בילאַקן תיכף דערמאָרדעט. ביידע פרויען זיינען געראַטעוועט), פייגעלע ג אָ ל ד ש ט י י ן (אַ בונדיסטין, די חברטע פון יורעק ב ל אָ נ ע ס, געפאַלן אין דאָרף פלודי, צוזאַמען מיט זלמן פ ר י ד ר י ך און דריי פון דער משפּחה בלאָנעס) און פנינה

ח. מאָנטאָג, דעם 10־טן מאַי:

פֿינף אַזייגער פֿאַרטאָג זיינען מיר שוין ביים קאַנאַל־צודעק. איך וואַרט אויף טאַדעקן און אויף די אויטאָס, וואָס קאָסטעק האָט געדאַרפֿט צושטעלן. אַ האַלבע שעה שפּעטער קומט־אָן טאַדעק. מיר גייען זיך דורך אויף פּראָסטע־גאַס. עס גייט דורך אַ שעה, צוויי, קאָסטעק איז אַלץ נישטאָ. מיר זיינען שרעקלעך דענערווירט. מיר האָבן באַשלאָסן מיט אייגענע כוחות אויסצוקאָמבינירן אויטאָס[17]. טאַדעק האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַקומען אויטאָס — איז ער אַוועק און איך בין געבליבן אַליין. עס איז שוין 9 אַזייגער אינדערפֿרי און מען זעט נישט קיינעם פֿון זיי. עס איז צו שפּעט, אַז מען זאָל ריזיקירן איצטער אַרויסציען די מענטשן פֿון אונטן. אָבער פֿון דער אַנדערער זייט איז מיר קלאָר: נישט אַרויסנעמען די מענטשן היינט הייסט פֿאַר זיי — אומקום אין קאַנאַל. איך באַשליס דעריבער מיט מיר זעלבסט: ווען עס זאָל נישט זיין די געלעגנהייט — היינט מוזן מיר די מענטשן אַרויספֿירן. עס וואָלט גוט געווען צו האָבן אַ וואַך ביים אַרויסנעמען זיי. ליידער האָבן מיר קיינעם נישט. עס גייען ווייטער פֿאַרביי שעהן. פּלוצלינג קומט־אָן אַן אויטאָ. עס זיינען אָנגעקומען אויך קאָסטעק און אַנדערע גוט־אויסזעענדיקע בחורים: יורעק[18], רישעק און וואַצעק[19]. מיר שטעלן אַרום דעם קאַנאַל־צודעק מיט פֿונפֿריער צוגערייטע פּלאַטפֿאָרמעס, ווייל אין ווינקל זשעלאַזנע־גאַס שטייט אַ דייטש־אוקראַיִנישער וואַך־פּאָסטן, — די באַוואַכונג פֿון קליינעם געטאָ[20]. מיר עפֿענען דעם צודעק. עס הויבט זיך אָן דאָס אַרויסגיין פֿון קאַנאַל. איך דערקען קיינעם נישט. הגם איך האָב אַלעמען גוט געקענט. ווייל דאָס זיינען נישט קיין מענטשן נאָר אויסגעמוטשעטע געשפּענסטער, וועלכע האַלטן זיך קוים אויף די פֿיס. אַרום האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַ מאַסע מענטשן,

---

פֿאַפּיער (געראַטעוועטע, איצטער אין ארץ־ישראל). דאָס איז געווען די ערשטע גרופּע, וועלכע איז אַרויס אין דער נאַכט פֿון 8־טן מאַי פֿונם שוצקעלער אויף פֿראַנציסקאַנער גאַס 22 און אַוועק אין די קאַנאַליזאַציע־רערן (זע באַמערקונג 13 פֿריער).

[17] זיי האָבן טעלעפֿאָנירט צו אַ טראַנספּאָרט־געזעלשאַפֿט און געבעטן מען זאָל אַרויסשיקן אַ לאַסט־אויטאָ צו פֿירן האָלץ־שיך. ווען דער אויטאָ איז אָנגעקומען אויפֿן אָרט, האָבן זיי מיט געוועער אין האַנט געצוואונגען די שאָפֿערן, זיי זאָלן אַוועקפֿירן די קעמפּערס.

[18] אַ מיטגליד פֿון פּ.פּ.ר. — אונז איז נישט געלונגען צו אידענטיפֿיצירן זיין פּערזאָן; קען זיין, אַז דאָס רעדט זיך וועגן זאָלאָטאָוון (לפ"ג).

[19] אַ חבר פֿון „השומר הצעיר". ער איז אַוועק מיט דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וועלכע איז סוף מאַי 1943 געשיקט געוואָרן דורך דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין די ווישקאָווער וועלדער. אין דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע האָט מען זומער 1943 אַרויסגעשיקט אים און טאָליע, אַ קעמפּערין פֿון די פּ.פּ.ר.־קאַמף־גרופּעס (ווייזט אויס — די טאָכטער פֿון הרב יחיאל מאיר בלומענפֿעלד אין וואַרשע), וועלכע האָט פֿאַר די געטאָ־קאַמפֿן דערפֿילט אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אַ וויכטיקע אַרבעט ביים אויסשפּירן יענע, וועלכע האָבן אין געהיים מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן — זיי זאָלן אויסשפּירן אַ האָלץ־זעגעריי אין דער סביבה, וואָס דייטש מיליטער האָט זי באַוואַכט און די פּאַרטיזאַנער האָבן זי געזאָלט אונטערצינדן. זיי האָבן דערפֿילט זייער שליחות, אָבער אויפֿן וועג צוריק זיינען זיי אַנטדעקט געוואָרן און זיינען אומגעקומען. אונז איז נישט געלונגען צו אידענטיפֿיצירן זיין פּערזאָן; קען זיין, אַז אין דער ליסטע פֿון געפֿאַלענע דערשיינט זיין אמתער נאָמען.

[20] דער שטח איז אין דער געטאָ־מאַפּע באַצייכנט מיטן אות „ג".

וועלכע קוקט זיך צו און זאָגט: „די קעץ קומען אַרויס”. פּלוצלינג באַמערק איך, דער צודעק איז אָפן אָבער קיינער קומט נישט אַרויס. קאָסטעק איז דענערווירט, דער אויטאָ איז שוין פול. אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען אַ צווייטער אויטאָ. איך בין צוגעלאָפן צו קאָסטעקן און ער זאָגט מיר, אַז דער צווייטער אויטאָ איז נישט אונזערער. „דער אויטאָ איז פול”, זאָג איך צו אים, „און קיינער קומט שוין נישט אַרויס, אויף וואָס וואַרטן מיר?” איך גיב אַ באַפעל צו פאַרמאַכן דעם צודעק און אַוועקפאָרן. אין אויטאָ דערוויס איך זיך, אַז אין קאַנאַל זיינען פאַרבליבן 15 קעמפער; זיי זיינען געווען אין אַ זייטן־קאַנאַל. דאָס אַרויסגיין פונם קאַנאַל האָט געדויערט אַ האַלבע שעה. די דאָרט־געבליבענע גרופּע איז געווען ווייט פונם צודעק אַ 15 מינוט גאַנג אין איין זייט. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז נאָכן איבערטראַנספּאָרטירן די איצטיקע גרופּע וועט דער אויטאָ זיך אומקערן צוצונעמען די איבעריקע. מיר זיינען געפאָרן צום וועלדל נעבן ×[21]. איך בין געבליבן כדי צוצופירן די מענטשן צו דער גרופּע קעמפער פונם טעבענס־געביט, וואָס מיר האָבן זיי מיט צוויי וואָכן צוריק אַרויסגענומען פון אַגראַדאָווע־גאַס[22]. רישעק, וואַצעק און יורעק זיינען צוריק געפאָרן מיטן אויטאָ קיין וואַרשע. פאַרנאַכט, זעענדיק, אַז זיי קומען נישט צוריק, בין איך אַוועק קיין וואַרשע[23]. אַדורכפאָרנדיק דעם באַנק־פּלאַץ האָב איך באַמערקט אַ צונויפגעלאָף. געשטויסן פון עפּעס אַ פאָרגעפיל בין איך אַרויסגעשפּרונגען פון טראַמוויי. איך גיי צו נעענטער. פאַר מיינע אויגן ליגט רישעק, אַ דערהרגעטער, אַביסל ווייטער — יורעק. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט: זיי זיינען געקומען צופאָרן קיין וואַרשע און אַוועק אויף פּראָסטע־גאַס צום קאַנאַל־צודעק. אָבער דער אָרט איז שוין געווען אַרומגעשטעלט מיט זשאַנדאַרמעריע. עפּעס אַ פּרווו האָט זיי ביידן דערקענט און געמסרט, אַז זיי האָבן אָנטיילגענומען אין אַרויסציען די מענטשן פון קאַנאַל[24]. די אין

[21] מלאָטשין — אַ 7 קילאָמעטער פון וואַרשע. דידאָזיקע רייזע איז געווען איינע פון די געוואַגסטע אַדורכפירונגען פון די אידישע קעמפער. עטלעכע צענדליק אידישע קעמפער מיט זייערע וואָפן זיינען אינמיטן העלן טאָג אַדורכגעפאָרן די גאַנצע שטאָט, וועלכע איז געווען פול מיט באַוואָפנטע דייטשן. די אידישע קעמפער האָבן זיך אויסגעלייגט אויף דער דיל פון אויטאָ, און נאָר נעבן שאָפער איז געזעסן דער פּאָליאַק קאָסטעק (קשאטשעק) און האָט געוויזן דעם וועג. אין אויטאָ איז געשטאַנען אַ באַוואָפנטער שמחה ראַטהייזער — און אַזוי זיינען זיי געפאָרן איבער אַ שעה. אַ פּאָר מאָל, ווען עס האָבן זיך באַוויזן דייטשן צו־נאָענט איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל „געווער־גרייט”; אַזוי זיינען זיי אויך דורכגעפאָרן די ווייסל־בריק, וואו ס'איז געווען אַ ספּעציעלע וואַך.

[22] זע זייט 270, באַמ. 13 צום „באַריכט פון ש. גראַיעק”.

[23] דאָס באַדייט: פונם וועלדל ביי לאָמיאַנקי קיין וואַרשע.

[24] אַ קורצע צייט פאַר דעם זיינען די צוויי דערמאָרדעטע צוזאַמען מיט אָנפירער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע געזעסן אין אַ קאַפעהויז נאָענט צום אָרט פון זייער דערמאָרדונג. דאָרט האָבן זיי אינפאָרמירט וועגן וואָס עס טוט זיך און זיך באַראָטן וועגן די שריט, וואָס מען דאַרף ווייטער אָנעמען. דערנאָך איז קלאָר געוואָרן, אַז די אינם באַריכט דערמאָנטע פרווו איז געזעסן אין דעמזעלבן קאַפעהויז און ווען זיי זיינען אַרויס האָט זי זיי נאָכגעשפּירט, און זי האָט איבערגעגעבן זיי צו די זשאַנדאַרמען.

קאַנאַל־פאַרבליבענע זיינען אַרויס דורכן געעפנטן צודעק. אינם קאַמף, וואָס איז אויסגעבראָכן, זיינען זיי אַלע אומגעקומען [25].

---

[25] אַ טייל איז אומגעקומען אין צוזאַמענשטויס מיט די דייטשן נאָכן אַרויסגיין פון קאַנאַל, און אַ טייל — אין קאַנאַל. צוזאַמען זיינען דאַמאָלסט געפאַלן אַ 30 קעמפער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, און צווישן זיי: סעוועק דונסקי, לייבעלע ראָזאָווסקי, מנחם ביגעלמאַן, בראָנקא מאַנעלאַק, שלאַמעק שוסטער, יחיאל גורני (אַלע לפ״ג), פנינה זאַנדמאַן און אַנדערע, און אויך אַדאָלף האָכבערג (לפ״ג), וועלכער איז געווען צוזאַמען מיט דער גרופּע פון די 32, וואָס איר איז געלונגען אַרויסצוקומען, דעם 10־טן מאַי, אָבער ער איז געשיקט געוואָרן כדי צו מאַכן אַ פּרווו צונויפצוזאַמלען די קעמפער, וועלכע זיינען פאַרלוירן געגאַנגען אין וועג — און ער איז מער נישט צוריקגעקומען. מער איינצלהייטן וועגן דעם אַרויסגאַנג פון די קאַנאַלן זע זייט 244, באַמ. 5 צום באַריכט פון „בונד״ און זייט 270, באַמ. 13 צום באַריכט פון שלום גראַיעק.

דער פאַקט, וואָס מען האָט נאָך די קאַמפן נאָר באַוויזן אַרויסצוראַטעווען פונם געטאָ־געביט אַזאַ קליינע צאָל קעמפער, נעמט זיך טיילוויז אויך דערפון, וואָס איידער די קאַמפן זיינען אויסגעבראָכן האָט מען לחלוטין נישט געמאַכט קיין שום צוגרייטונגען אויף צו ראַטעווען די עווענטועל לעבנגעבליבענע קעמפער. און דאָס איז נישט געווען קיין צופאַל אָדער פאַרנאַכלעסיקונג. זייער ווילן צו קעמפן איז ביי זיי געווען גאָר שטאַרק; זיי האָבן מורא געהאַט, אַז אַזעלכע מיני רעטונגס־צוגרייטונגען זיינען עלול אָפּצושוואַכן די זיכערקייט, אַז עס וועט אומבאַדינגט קומען צו אַ באַוואָפנטן קאַמף, ביי אַלע תנאים.



וואַרשעווער געטאָ גייט אונטער אין פלאַמען

פאָטאָגראַפירט פון דער אַרישער זייט אין די טעג פונם געטאָ אויפשטאַנד.

3. באַריכט פונם קעמפער טוביה באָזשיקאָווסקי

וועגן די שלאַכטן אין צענטראַלן געטאָ

(באַצייכנט אין דער מאַפּע פונם געטאָ מיטן אות „ד")

דער שרייבער פונם באַריכט איז געבוירן אין ראַדאָמסק, אין אַן אָרימער פאַמיליע. נאָך קינדווייז האָט ער געהאָלפן אויסהאַלטן די משפחה. צו 15 יאָר אַריין אין „פרייהייט". אַ טרייער איבערגעגעבענער חבר אויך אין החלוץ און שפּעטער — אין דער פּאַרטיי פּועלי־ציון (צ.ס.) און אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. אַ דעלעגאַט, אויף אַלע קאָנפערענצן פון „פרייהייט" און פון החלוץ. בעת דער מלחמה צווישן די אַקטיווע טוער אינם אידישן אונטערערד. טעטיק אינם מרכז החלוץ און אין דער קאַמף־אָרגאַ־ניזאַציע. אַן אינסטרוקטאָר אין די אונטערערד־סעמינאַרן און געשריבן אין דער אונטערערדישער פּרעסע. איינער פון די מוטיקע קעמפער אין געטאָ־אויפשטאַנד און אויך אינם אַלגעמיינעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, אין אויגוסט־סעפּטעמבער 1944.

דער דאָ געבראַכטער איבערבליק איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע דעם 24־טן מאַי 1944, אַ קיצור פון אַ גרעסערע אַרבעט, וואָס צוליב טעכנישע טעמים האָט מען זי נישט געקענט איבערשיקן אינגאַנצן. דער אָריגינעלער כתב־יד איז פאַרלוירן געוואָרן. דער שרייבער — בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד איז אַלט געווען 32 יאָר — ער איז געראַטעוועט און זעצט פאָר זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין פוילן.

19־טער אַפּריל 1943 (ערב פסח תש״ג). אַ שיינער פרילינגס־טאָג. די בחורים געפינען זיך אויף זייערע פּאָזיציעס און באַדויערן זייער, וואָס די נאַטור האָט זיי אָפּגעטון אַזאַ שפּיצל. מיר האָבן דערוואַרט, אַז אונזער לעצטע שלאַכט וועט פאָרקומען אונטער אַ שוואַרץ־בלייענעם הימל אין שטורם און וויכער. אַזייגער 6 אינדערפרי קומט צולויפן צום קאָמענדאַנט פון אונזער גרופּע יוסף (פאַרבער, לפ״ג) מיט אַ צעשוי־בערטער שוואַרצער טשופּרינע און שוואַרצע גלאַנצנדיקע אויגן. ער ברענגט פונם קאָמענדאַנט אַ באַפעל אָנצוהויבן דעם אָנגריף. די דייטשן געפינען זיך שוין ביי אונזערע פּאָזיציעס, אין ווינקל פון די גאַסן נאַלעווקי און גענשע (די קאַמף־גרופּע איז געווען אויפן באַלקאָן פונם הויז נאַלעווקי 33־ווינקל־גענשע). עס האָט זיך דערהערט דער באַפעל: „פייער!" אַ קאַנאָנאַדע פון קוילן און גראַנאַטן צעקלינגט זיך איבער די קעפּ פון די דייטשן. דער אויפרייס פון די באָמבעס דערטראָגט זיך מיט עכאָס איבערן גאַנצן געטאָ. אויף אַלע דריי פּאָזיציעס פון אונזער אָפּטיילונג ברויזט דער קאַמף. די פאַר־בינדלער לויפן פון פּאָזיציע צו פּאָזיציע מיט באַפעלן פונם קאָמענדאַנט. יעקב (גוטערמאַן, לפ״ג), אַ יונגער, הויכער און פעסטער ריז, שיסט מיט אַ ביקס פון פראָנט־באַלקאָן. פּייוול (שוואַרצשטיין, לפ״ג) איז ביים פענסטער און שיסט פון אַן אויטאָמאַטישן רעוואָלווער. אברהם (דרייער, לפ״ג) און משה (רובין, לפ״ג) פירן־אָן דעם אָנגריף אויף די אַנדערע צוויי פּאָזיציעס. דער קאָמענדאַנט זכריה (אַרטשטיין, לפ״ג) איז אומעטום, ער גיט אינסטרוקציעס, ער באַגייסטערט צו אַ

פאַרשאַרפטן קאַמף. די טיכטיקע צביה (לובעטקין) מיט איר באַטראַכטקייט און זעלבסטבאַהערשטקייט שטעלט־אָפּ די סאַמע קלענסטע אַרויסווייזן פון דענערווירונג. רבקה[1], וועלכע האָט די פונקציע פון אַן אויסקוקערין, קומט צולויפן מיט אַ ידיעה, אַז די דייטשן זיינען אָפּגעטרעטן און מען זעט שוין נישט קיין איין דייטש אין גאַס. דער קאָמענדאַנט מאַכט אַן איבערזיכט איבער אונזער שלאַכט־אָפּשניט און זאָגט־אָן אַלעמען, אַז די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט עטלעכע־און־פערציק הרוגים. מיר האָבן נישט געליטן קיין שום פאַרלוסט.

אין דער אָפּטיילונג איז אַן אומבאַשרייבלעכע פרייד. מיר אַלע פאַרשטייען גאַנץ גוט, אַז עס מוז נאָך דערגיין צו אַן אַנטשיידנדיקן קאַמף און אַז נישט־קוקנדיק אויף די דייטשע פאַרלוסטן — וועט דער קאַמף זיך פאַרענדיקן מיט אונזער טויט. אונזער איינציקע פרייד פאַרן טויט איז — צו זען דערהרגעטע דייטשן ליגן אויסגעצויגן אין גאַס. דערווייל איז אַ הפסקה. אַ טייל קעמפער זעצט־זיך־צו אָפּרוען, מען איז מיד און נישט אויסגעשלאָפן נאָך אַ גאַנצער וואָך־נאַכט, אַנדערע דערציילן צווישן זיך איינדרוקן, איבערלעבונגען. אין אַ געוויסן מאָמענט דערמאָנען מיר זיך, אַז כל זמן מען לעבט, דאַרף מען עסן. מיר בייסן־צו מיט אַפּעטיט. אין ערשטן טאָג פון די קאַמפן האָבן מיר נאָך געענוג שפּייז. נאָכן אָפּעסן שלעפּט אַרויס משה (רובין) זיין אַקאָרד־יאָנדל, וואָס איז תמיד מיט אים, און ער באַמיט זיך און ווי־עס־איז אויסצושפּילן מעלאָדיעס פון שובערט און בעטהאָווען. די שעהן גייען רואיק פאַרביי. די קעמפער פאַרווילן די צייט און פרווון צונעמען דאָס געווער ביי די פון־שלאָף־באַזיגטע חברים. אָבער די מערסטע פון זיי האַלטן די האַנט אויפן צינגל אויך שלאָפנדיק. די „גנבים” האָבן מורא אַנצורירן זיי, מען זאָל צופעליק נישט באַקומען אַ כיבוד פון אַ פאַרציעלע בליי, וועלכע איז דאָך באַשטימט פאַר עמיצן אַנדערש...

פלוצלינג קומט צולויפן די אוסקוקערין און מעלדעט דעם קאָמענדאַנט, אַז פון דער זייט פון מוראַנאָווסקע־גאַס קומען אָן טאַנקען און פונם דרייעק גענשע־נאַלעווקי־פראַנציסקאַנער דערנעענטערן זיך דייטשע אָפּטיילונגען. די דייטשן גייען צעשפּרייט און שיצן זיך ביי די ווענט פון די הייזער. דער קאָמענדאַנט זכריה (אַרטשטיין) גיט אַ באַפעל צוצוגרייטן זיך צום אַנטשיידנדיקן קאַמף און ער זאָגט־אָן, אַז די וואָס וועלן בלייבן לעבן זאָלן זיך צוריקציען צו איינער פון די באַזעס פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אויף גענשע 6. עס זיינען קוים פאַרקלונגען די לעצטע ווערטער פונם באַפעל און מיר זיינען שוין פאַרטויבט געוואָרן פון אַ שרעקלע־כער קאַנאָנאַדע, וועלכע איז געקומען אויף אונז פון אַלע זייטן. אין ווינקל פון די גאַסן נאַלעווקי און פראַנציסקאַנער האָבן די דייטשן אויפגעשטעלט אַ באַריקאַדע, פון וועלכער זיי באַשיסן אונזערע פּאָזיציעס. נאָך אַן אומאויפהערלעך פייער במשך

[1] עס איז אונז נישט געלונגען פעסטצושטעלן מיט זיכערקייט ווער דאָס איז געווען.

אַ האַלבע שעה האָבן מיר פעסטגעשטעלט מיט פרייד, אַז פון אונזערע קוילן און גראַנאַטן זיינען ווידער געפאַלן עטלעכע צענדליק געהרגעטע און פאַרוואונדעטע דייטשן. פון די קעמפער איז קיינער נישט געפאַלן. די דייטשן האָבן געשאָסן כמעט בלינד, זיי האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון הינטער דער באַריקאַדע. מיר האָבן אָבער געשאָסן צילנדיק. מיר האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז קיין איין קויל זאָל נישט אַוועק אומזיסט. דער ערשטער טאָג פון די קאַמפן האָט זיך פאַרענדיקט מיט אונזער נצחון. אינאָווונט האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל אַריבערצוטראָגן זיך אויף אַנדערע פאָזיציעס. מיר האָבן פאַרלאָזן אונזער געביט נאָכדעם ווי מיר האָבן אונטערגעצונדן דעם דייטשן „ווערט־ערפאַסונג״[2]־מאַגאַזין, אויף נאַלעווקי 33. מיר זיינען אַוועק דורך בוידימער, וועלכע זיינען איצטער געוואָרן די הויפט־אַרטעריע פון אונזער קאָמוני־קאַציע אין געטאָ.

שוין זייענדיק אין וועג, האָט זיך אונזער פּאַטרול אומגעקערט מיט דער ידיעה, אַז גענשע 6 איז באַלאַגערט דורך די דייטשן. קיין וועג צוריק האָבן מיר נישט, ווייל אונזערע פאָזיציעס אויף די נאַלעווקיס זיינען שוין געשטאַנען אין פלאַמען. מיר זיינען אָפּגעשלאָסן פון צוויי זייטן. ערגער איז אָבער וואָס עס ברענט אויך אונטער אונז. עס שטיקט אונז דער רויך. די סיטואַציע איז געוואָרן אַ שווערע. מיר האָבן זיך אָבער נישט פאַרלוירן. אַ צווייטער פּאַטרול, מיט דער העלדישער מירא (פוכרער, לפ״ג) איינ־דערשפּיץ האָט זיך אַוועקגעלאָזט זוכן אַן אַרויסוועג פון דער אַרומרינגלונג. אַ לאַנגע צייט איז דער פּאַטרול נישט צוריקגעקומען. דערווייל האָבן דייטשן זיך אַרויפבאַקומען אויפן בוידעם. מיר האָבן געעפנט אויף זיי אַ שיסעריי. מאַנפרעד (לפ״ג) האָט דערהרגעט דעם ערשטן דייטש און צוגענומען ביי אים דאָס געווער, די איבעריקע זיינען אַנטלאָפן. אין צוויי שעה אַרום איז צוריקגעקומען אונזער פּאַטרול און מיר זיינען אַוועק אויף אַ נייעם וועג, איבערלאָזנדיק הינטער זיך ברענענדיקע הייזער.

מיר זיינען אָנגעקומען אויף מייזעלס־גאַס נומער 3. דאָרטן האָבן מיר געדאַרפט וואַרטן אויף אַ ווייטערדיקע אינסטרוקציע פון דער קאָמענדאַנטור.

מיר זיינען געוואָרן איינגעשלאָסן אין די קאַמף־גרופּעס אויף זאַמענהאָף־גאַס[3], דאָרט זיינען פאָרגעקומען די פאַרביטערסטע קאַמפן. דאָרטן זיינען געווען קאָנצענטרירט באַדייטנדיקע דייטשע כוחות און די שטאַרקסטע אָפּטיילונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. די קעמפער־גרופּעס האָבן פאַרנומען פאָזיציעס אין דריי פונקטן: זאַמענ־האָף 29, זאַמענהאָף 50 און מילע 28. נאָך זייער מפּלה אויף נאַלעווקי־גאַס זיינען די דייטשן אַריין אין דער זאַמענהאָף־גאַס זייער פאַרזיכטיק. זיי זיינען געגאַנגען צע־

---

[2] א קאָנצענטרירונג־אָרט פאַר דעם אידישן פאַרמעגן, וואָס די נאַצים האָבן צוגערויבט.

[3] די גרופּעס פון זכריה אַרטשטיין, יצחק בלוישטיין און יוסף פאַרבער האָבן דאָן זיך פאַראייניקט. אין אַן אַנדערער שילדערונג, וועגן די קאַמפן פון דער גרופּע, דערציילט טוביה ב., אַז נאָך פריער האָט זי געקעמפט פון אירער אַ באַזע אויף אַ צווייטער גאַס און דעם 26־טן אַפּריל פון אַ באַזע אויף מילע 5.

שפּרייט, איינציקווייז, שיצענדיק זיך האַרט ביי די מויערן. מיר האָבן זיי נישט אַטאַקירט, מיר האָבן זיי געוואָלט אַריינציען וואָס מער. זיי זיינען אַדורך די גאַנצע זאַמענהאָף־גאַס. ערשט ביים ווינקל זאַמענהאָף־גאַס און מילע־גאַס זיינען זיי באַהאָגלט געוואָרן מיט קוילן און גראַנאַטן. ווען זיי האָבן זיך געוואָלט צוריקציען פון דאָרטן, זיינען זיי פאַרהאַלטן געוואָרן פונהינטן דורך דער גרופּע אויף זאַמענהאָף־גאַס 29. די דייטשן זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ „קעסל", נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט אָפּצוטרעטן צוריק. די גאַנצע גאַס איז געווען פאַרלייגט מיט טויטע און פאַרוואונדעטע דייטשן. נישט קיין סך פון זיי האָבן זיך געראַטעוועט. איין דייטש איז אַרומגעלאָפן אין גאַס ווי אַ משוגענער, זוכנדיק אַ וועג צום אַנטלויפן. מען האָט אים אַ וואָרף געטון אַ צינד־פלאַש אויפן העלם, אין איין מינוט איז ער געווען אַרומגענומען מיט פלאַמען.

דער קאַמף אויף זאַמענהאָף־גאַס איז געווען אַ גרויסער נצחון פון די קעמפערס. אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה איז נישט געווען קיין איין דייטש אין געטאָ. אַזייגער 12 האָבן די דייטשן אַריינגעפירט טאַנקען. אויך דאָס מאָל האָט מען זיי געלאָזט צוקומען זייער נאָענט צו אונזערע פּאָזיציעס און ערשט דאַן האָבן מיר זיי אַטאַקירט מיט צינד־פלעשער. צוויי טאַנקען זיינען געוואָרן אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען. די דייטשע אינפאַנטעריע־אָפּטיילונגען, וועלכע זיינען נאָכגעגאַנגען האַרט נאָך די טאַנקען, זיינען אויפגייך אָפּגעטרעטן צוריק. מיר האָבן זיי פאַרשאָטן מיט אַ האָגל קוילן. יענעם טאָג זיינען די דייטשן מער נישט אַריינגעקומען אין געטאָ[4].

נאָך די ערשטע שלאַכטן און צוזאַמענשטויסן, וועלכע האָבן זיך פאַרענדיקט מיטן נצחון פון די קעמפערס, האָבן די דייטשן אָנגעווענדעט אַ נייע־קריגס־טאַקטיק, — ברענען און חרוב־מאַכן אַלץ וואָס זיי טרעפן־אָן אויפן וועג. זיי האָבן אַריינגעפירט אין קאַמף שטאַרקע אָפּטיילונגען פון פאַרשידענע געווער־פאָרמאַציעס. אויך די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט צוליב דעם געמוזט ענדערן אירע קאַמף־מעטאָדן. אָנשטאָט קאָנצענטראַציע, גרעסערע אָנגריפן האָבן קלענערע קאַמף־גרופּעס אַדורכגעפירט אָפּטע, כמעט־אומאויפהערלעכע אָנפאַלן אויף דייטשע פּאַטרולן און קלענערע אָפּטיילונגען. דער שוצקעלער, אויף מילע גאַס 29, איז געווען איינע פון די גרעסטע באַזעס פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, פונוואַנען די גרופּעס זיינען אַרויס צו זייערע קאַמף־האַנדלונגען. נישט־איין־מאָל האָט געטראָפן, אַז זיי זיינען צוריקגעקומען שטאַרק דעקאָמפּלעטירט. דער קאַמף־גייסט איז אָבער נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. יעדערער האָט זיך געריסן אויסצופירן די סאַמע געפערלעכסטע אויפגאַבן.

יענער שוצקעלער איז געווען גוט איינגעאָרדנט אינעווייניק, אפילו אַ ראַדיאָ איז דאָרטן געווען. אין מינוטן פון רו האָבן מיר זיך צוגעהערט צו ראַדיאָ־זענדונגען פון

[4] אויף אַן אַנדער אָרט דערציילט טוביה באָזשיקאָווסקי, אַז אין דעם קאַמף איז געפאַלן דער קעמפער י ח י א ל, אַ חבר פון השומר הצעיר. מיר האָבן נישט באַוויזן פעסטצושטעלן ווער דאָס איז געווען.

דער גאַנצער וועלט. מיר האָבן געהערט וועגן די געטאָ־קאַמפן. דאַן האָבן מיר געפילט אַ פאַרבינדונג מיט דער וועלט. אָבער אַ מינוט שפּעטער האָט מען געגעבן שיינע מוזיק. מיר האָבן פאַרשטאַנען אונזער איינזאַמקייט און די האָפנונגסלאָזיקייט פון אונזער לאַגע. שבת, דעם 24־טן אַפּריל, האָבן אָנגעהויבן אַריינרייסן זיך פלאַמען אין שוצקעלער דורך די דורכריסן אין די ווענט. מיר האָבן אים געמוזט פאַרלאָזן בליץ־שנעל. די לאַגע איז געוואָרן זייער אַן ערנסטע. אינמיטן העלן טאָג האָבן מיר געמוזט אַדורכגיין די גאַנצע־גאַס מיט אַ גרופּע פון ציווילער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך געפונען אין שוצקעלער. אַ גרופּע פון 40 קעמפער, אונטער דער קאָמאַנדירונג פון ליוטעק (לייב ראָטבלאַט, לפ״ג) און פּאַוועל (אהרן ברוסקין, לפ״ג) האָט געשיצט דעם אַדורכגאַנג פון די ציווילע[5]. מיר האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן נישט אויסמיידן אַן אָפענעם גאַסן־קאַמף. מיר האָבן אָבער נישט אָנגעטראָפן קיין דייטשן אויפן וועג און זיינען בשלום אָנגעקומען אויף מילע 9. דאָרטן האָבן מיר דערזען אַ שווידערלעכן מצב. דריי גרויסע הויפן זיינען געווען איבערגעפולט מיט אַנטלאָפענע פון די ברענענדיקע הייזער. די ענגשאַפט איז געווען אַ שרעקלעכע. אינדערלופט האָט זיך געטראָגן אַ געוויין פון פרויען און קינדער. מאַמעס האָבן געזוכט זייערע קינדער, מענער — זייערע פרויען. הונדערטער מענטשן האָבן זיך אַדורכגעריסן דורך דעם איינגאַנגס־לאָך, הונדערטער זיינען אַדורך צוריק. אָט אין דעם מענטשן־מוראַשניק האָבן זיך געפונען אונזערע קאַמף־גרופּעס. אויך מיר האָבן נישט געהאַט קיין שוואַרט און קיין דאַך איבערן קאָפּ; אַ גאַנצן מעת־לעת זיינען מיר פאַרבליבן אונטערן פרייען הימל, גרייט אָפּצושטויסן יעדן דייטשן אָנגריף.

די גרופּע, וועלכע האָט געהאַלטן וואַך ביים אַדורכגאַנג אויף מייזעלס־גאַס 4, האָט אונז אַלאַרמירט אין עטלעכע שעה אַרום וועגן אָנקום פון די דייטשן. מיר האָבן אַרויסגעשיקט פאַרשטאַרקונגען. עס איז פאָרגעקומען אַ קורצער קאַמף. פיר דייטשן זיינען דערהרגעט געוואָרן. די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן די מייזעלס־גאַס, דאָס פייער האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף מילע 9. טויזנטער היימלאָזע האָבן געזוכט שוץ אין די שכנותדיקע הייזער, און מיר — צוזאַמען מיט זיי. אַ מאַסע מענטשן האָט ביי אונז געבעטן געווער, זיי האָבן געוואָלט אַריין אין אונזערע רייען. צום באַדויערן האָבן מיר זיי ניט געקענט אויפנעמען; עס האָט אויסגעפעלט געווער אפילו פאַר די קאַמף־אָפּטיילונגען זעלבסט. אונזערע קאַמף־גרופּעס זיינען אָנגעקומען אין שוצקעלער אויף מילע 18, וואו עס האָט זיך געפונען דער צענטראַל־פּונקט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. דאָרטן איז געווען די קוואַרטיר פון דער קאָמענדאַנטור. כאָטש דער שוצקעלער איז געווען זייער אַ גרויסער האָט געהערשט אין אים אַ שרעקלעכע ענגשאַפט, ווייל אויסער די קעמפער האָבן זיך דאָרט געפונען עטלעכע הונדערט מענטשן פון דער ציווילער באַפעלקערונג.[6]

[5] מער פּרטים וועגן בונקער אויף מילע־גאַס 29 און די דאָרט פאָרגעקומענע קאַמפן זע זייט 256, באַמערקונג 18 צום באַריכט פון „בונד״.

[6] מער פּרטים וועגן דעם בונקער אויף מילע־גאַס 18 זע ווייטער, זייט 292, באַמערקונג 8.

די קאַמפן און צוזאַמענשטויסן פלעגן ווייטער פאָרקומען הויפּטזאַכלעך ביינאַכט, כמעט יעדע נאַכט האָבן זיך געהערט אין געטאָ אויפרייסן פון באָמבעס און גראַנאַטן, ביקסן־זאַלפן און געקנאַל פון מאַשינגעווערן. דאָס האָבן די אידישע קעמפער געפירט אַ קאַמף מיט דייטשן. די קאַמף־גרופּעס פלעגן ביינאַכט אַרומגיין איבער די אויסגע־שטאָרבענע גאַסן פון געטאָ. מערסטנס האָבן די קעמפער געהאַט דייטשע העלמען אויף די קעפּ און ביקסן אין די הענט. דער אויסזען האָט אָפט דעזאָריענטירט די דייטשן. אין דער צייט פון די שריפות פלעגן די דייטשן מיט אַ כיוון פאַרבאַהאַלטן זיך אין די פינצטערע געסלעך, אין שאָטן פון די מויערן, און לויערן אויף אונז בעת מיר זיינען געגאַנגען צווישן די פלאַמען. זיי פלעגן שיסן אויף אונז און מיר האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו פאַרטיידיקן זיך, ווייל מיר האָבן זיי נישט געזען.

ווען דער געטאָ האָט שוין אָפּגעברענט און די שריפות האָבן אויפגעהערט, זיינען די נעכט געוואָרן אַזעלכע פינצטערע, אַז מען האָט נישט געקענט דערזען קיין מענטשלעכן סילועט. סיי די דייטשן און סיי די אידישע קעמפער פלעגן אַרומהילן די שטיוול מיט שמאַטעס, כדי עס זאָל זיך נישט דערהערן דער אָפּהילך פון זייערע טריט. אָפט האָט מען זיך צוזאַמענגעשטויסן און ווער עס האָט באַוויזן צו שיסן דער ערשטער — דער איז געוואָרן דער זיגער. שפּעטער האָבן די דייטשן מורא געהאַט צו גיין ביינאַכט אין די געטאָ־געסלעך. זיי זיינען געשטאַנען אין פאַרבאַרגעניש און געשאָסן צו יעדן, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו זיי. אַזוי זיינען געפאַלן עטלעכע מוטיקע קעמפער, וועלכע האָבן פּאַטרולירט אין די געטאָ־גאַסן. דעם טאָג פון אַרבעטער־יום־טוב, דעם ערשטן מאַי, האָבן מיר באַשלאָסן צו פייערן אויף גאָר אַ באַזונדערן אופן. דאָס מאָל זיינען מיר אַרויס צום ערשטער־מאַי־אָנגריף נישט ביינאַכט נאָר בייטאָג. עטלעכע קאַמף־גרופּעס האָבן געלויערט אויף די דייטשן אין די גאַסן און אין די הייזער. אונזער יאָגד איז אָבער נישט געווען קיין פאַנגרייכער. אין געטאָ זיינען געווען זייער ווייניק דייטשן. פונדעסטוועגן איז אין יענעם טאָג אומגעקומען אַ געוויסע צאָל דייטשן פון די הענט פון אידישע קעמפער. באַזונדערס האָט זיך דאַן אויסגעצייכנט דער בעסטער שיסער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע — „קאָזאַ" (יצחק סוקניק, לפ"ג). ער האָט דערשאָסן 4 דייטשן.

און ס'איז געקומען אַ טאָג, ווען דער טויט האָט זיך אָנגערוקט אויך אויף דער צענטראַלע פון די קעמפער. שבת, דעם 8־טן מאַי, האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דאָס הויז און אָנגעהויבן אַ קאָנצענטרירטן שטורם־אָנגריף אויפן שוצקעלער. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין אַלע פינף איינגאַנגען, וועלכע האָבן געפירט צום שוצקעלער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נישט־געאָרדנטע שיסעריי פון ביידע זייטן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן די דייטשן אַריינגעוואָרפן אין אַלע איינגאַנגען גאַז־באָמבעס. ווען ס'איז געקומען דער לעצטער מאָמענט, האָט יורעק, איינער פון די קאָמענדאַנטן [7] פון דער אידישער

[7] אריה ווילנער, ווי עס ווערט אויפגעקלערט אין דער אזכרה־פאַרצייכניש וועגן אים איז זיין אמתער נאָמען געווען: ישראל חיים ווילנער.

קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אויפגעפּאָדערט די קעמפער, זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן לעבעדי־קערהייט אין די הענט פון די דייטשע רוצחים. צענדליקער קעמפער האָבן אָפּגעגעבן דעם לעצטן שאָס — זיך אין אייגענעם שלייף. אינם מאַסן־קבר אויף מילע 18 איז ליגן־געבליבן דאָס שענסטע פון דער חלוצישער יוגנט [8]. ווייניק זיינען מיר פאַרבליבן לעבן. פאַר אונז, די לעצטפאַרבליבענע, איז אַלץ געווען פאַרענדיקט. נישט קענענדיק ווייטער קעמפן האָבן מיר געזוכט אַן אויסוועג. דערשלאָגענע דורך דער שרעקלעכקייט פון דער טראַגעדיע האָבן מיר במשך לאַנגע שעה׳ן אָפּגעוואַרט דאָס אָנקומען פון דער נאַכט. די נאַכט האָט געבראַכט די לעזונג. עס איז אָנגעקומען אונזער פאַרבינדלער פון דער אַרישער זייט מיט דער ידיעה: „די אויטאָס צום קאַנאַל־אויסגאַנג וואַרטן״ [9].

---

[8] אָט דער לעצטער גערנגל ווערט געשילדערט אויך אינם באַריכט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. מער פּרטים זע ז. 164 באַמ. 60 צום דערמאָנטן באַריכט.

צביה לובעטקין אין אירע פאַרצייכענונגען דערציילט, אַז אָט דעם בונקער, אויף מילע 18, האָבן איינגעאָרדנט פאַר זיך די וואַרשעווער אונטערוועלט־לייט, צווישן זיי באַקאַנטע גנבים און מערדער. אונטער די חורבות פון דריי גרויסע בנינים האָבן זיי צוגעגרייט אַ באַקוועמען און גוט איינגעריכטעטן בונקער מיט אַסך צימערן, עלעקטרישע־ליכט, אַ וואַסער־ברונעם, אַ קיך, א. א. וו. זייער פירער איז געווען איינער אַ ריז שמואל אשר אָדער שמואל יששכר. ער האָט דאָרטן געוועלטיקט איבער אַלעמען — מיט דער באַשפּייזונג, מיטן שלאָפן, מיט גיין אין גאַס בעטלען וכו׳. זייערע קאָלעגן פון דער אַרישער זייט פלעגן זיי אין דער ערשטער צייט צושטעלן מכל טוב. זיי האָבן אויפגענומען ביי זיך די אידישע קעמפער גאָר פיין און זיך באַצויגן צו זיי מיט יראת הכבוד. בעת די קאַמפן אין געטאָ פלעגן זיי העלפן די קעמפער. זיי האָבן אויסגע־שפּיאָנירט די דייטשע פּאָזיציעס און בעת די שרפות, ווען דער געטאָ איז כמעט אינגאַנצן פאַר־ברענט געוואָרן און עס איז שווער געווען צו דערקענען די גאַסן — האָבן זיי געדינט די קעמפער אַלס וועגפירער. אין דער לעצטער צייט זיינען אינם בונקער געזעסן אַרום 300 מענטשן, צווישן זיי מער ווי 100 קעמפער.

[9] די קעמפער זיינען דאָ געווען קאָנצענטרירט אינם שוצקעלער אויף פראַנצישקאַנער גאַס 22, — דער אזוי גערופענער „שוצקעלער פון די מיסט־פירער״, ווייל אין אים האָבן געוואוינט די מיסטפירער פון געטאָ. פון דעם דאָזיקן שוצקעלער האָט געפירט אַן אַראָפּגאַנג צו די קאַנאַליזאַציע־רערן. ערשט אין קאַנאַל האָבן זיי זיך געטראָפן מיט שמחה ראַטהייזער און זיינע חברים; ער איז געקומען פון דער אַרישער זייט און זיי ארומגעזוכט אין אַ גאַנצער ריי שוצקעלערן און נישט געפונען זיי, ווי עס ווערט דערציילט אין זיין דאָ־פאַרעפנטלעכטן טאָגבוך. זע אויך ז. 244 באַמ. 5 צום באַריכט פון „בונד״ און זייטן 280 ביז 282, באַמערקונגען 13, 15, 16 צום דערמאָנטן טאָגבוך פון שמחה ראַטהייזער.

4. סילועטן פון קעמפער

דער מחבר פון די צוויי באַשרייבונגען — „סילועטן פון קעמפער" און „סאָלדאַטן אָן גטווער" — הערש וואַסער, איז אַ געבוירענער אין וואַרשע, אין יאָר 1907. געענדיקט אַ העכערע האַנדלס־שולע. טעטיק פון זיין יוגנט אָן אין דער באַוועגונג פון לינקע פועלי־ציון (אויך זיין פאָטער — פון די אַקטיווע וועטעראַנען פון דער באַוועגונג). פאַרן קריג האָט ער געאַרבעט אין שליחות פון דער באַוועגונג אין דער באָראָכאָוו־ביבליאָטעק אין לאָדזש און אויך געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער יוגנט־באַוועגונג פון זיין פאַרטיי. אין דער מלחמה־צייט איז ער געווען אַקטיוו טעטיק אין דער באַוועגונג אין וואַרשעווער אונטערערד. ער האָט מיט־געאַרבעט אין דער קאָמיסיע פונם אונטערערדישן אַרכיוו, וואָס עס האָט געשאַפן דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אין פוילן, אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר עמנואל רינגעלבלום. די דאָ פאַרעפנטלעכטע באַשרייבונגען זיינען געשיקט געוואָרן פון וואַרשע דעם 24־טן מאַי 1944. לובלינער ראַדיאָ האָט דעם 20־טן פעברואַר 1945 געמאָלדן, אַז הערש וואַסער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן האַרט פאַר זייער פאַרלאָזן וואַרשע. אָבער אַ וואָך שפּעטער, אין אַ זענדונג פון 27־טן פעברואַר 1945, איז איבערגעגעבן געוואָרן, אַז ער איז צווישן די געראַטע־וועטע. ער זעצט פאָר זיין טעטיקייט אין פוילן.

1) דער „קאָרפּאָראַל"

איינער פון די ווייניקע געטאָ־סאָלדאַטן, וועלכער האָט אַלס אויסצייכענונג באַקומען אין זיין אייגענעם רשות דעם זעלטענעם אוצר ביי די קעמפער, — אַ ביקס, איז געווען דער קעמפער אברהם דיאַמאַנט, אַ 42־יאָריקער אַרבעטער, אַ הויכער און ברייט־פּלייציקער מיט אַן אויסדרוק, וואָס איז גלייכצייטיק סיי קראַפטפול און סיי מילד. אַן ערנסטער, קאָנצענטרירטער מענטש, אַן אידעאַלער חבר, וועלכער איז גרייט טיילן מיט די נאָענטע זיין לעצטן ביסן ברויט אָדער דאָס לעפל געקעכץ, האָט ער פאַרמאָגט אין זיך פעסטקייט, ווילנסקראַפט, מוט און פאַראַכטונג צום טויט, ווי עס פאַרמאָגן נאָר זייער ווייניק מענטשן.

פון קינדווייז־אָן איז ער געווען צונויפגעוואַקסן מיט דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז געווען אַ טוער פון די „לינקע פועלי ציון" אין קאַליש. זיין וועג פון געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טעטיקייט צו קאַמף אין די רייען פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אים געפירט דורך אַלע עטאַפּן פון היטלערישן גיהנום. ווען ער איז אין נאָוועמבער 1939 אַרויסגעשיקט געוואָרן, צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד, פון קאַליש קיין וואַרשע און זיין האָב איז באַשטאַנען פון 20 זלאָטעס אין קעשענע און אַ קליין פּעקל אין האַנט, איז ער אַריין וואוינען אינם טויט־נעסט, אינם פּליטים־פּונקט. ער האָט באַלד פאַרזוכט דעם טעם פון די קלעפּ פון דער דייטשער בייטש, — מוראדיקן הונגער, נויט און דעם בושעוועדיקן טיפוס. בעת דער „אַרויסשיקונג" קיין טרעבלינקע האָט מען באַלד דעם ערשטן טאָג, 22־טן יולי 1942, צוגענומען ביי אים זיין

פרוי (עטקע) און זייער טעכטערל (יוכבד) און אַוועקגעשיקט צום טויט. טראָץ די אומגליקן און קלעפּ, וועלכע האָבן איינגעבראָכן אַ סך טויזנטער מענטשן, האָט זיך אברהם דיאַמאַנט נישט איינגעבראָכן. ער האָט זיך נאָך מער איינגעשלאָסן אין זיך זעלבסט, די קנייטשן אויפן שטערן האָבן זיך מער פאַרטיפט, דער בליק איז געוואָרן שאַרפער און די הענט האָבן זיך צונויפגעביילט אין פויסטן.

ער איז געוואָרן אַ פאַנאַטישער אַנהענגער פונם געדאַנק וועגן באַוואָפנטן ווידער־שטאַנד און אקטיוון קאַמף מיט דער היטלערישער בעסטיע. פונם ערשטן מאָמענט אָן, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסבילדן די קאַמף־גרופּעס, איז אברהם ד י אַ מ אַ נ ט צונויפגעבונדן געוואָרן מיט זיי מיט לייב און לעבן. דער קאַרפּאָראַל פון דער פּוילישער אַרמיי, דער מוטיקער סאָלדאַט, האָט ווידער גענומען די ביקס אין האַנט.

ער האָט נישט געזוכט קיין לויב און כבוד. צווישן פריינט פלעגט ער אָפט זאָגן, אַז דער קאַמף און אפילו דער טויט פון די אידישע קעמפער וועלן נישט זיין קיין אומזיסטער קרבן און וועלן נישט פאַרפאַלן ווערן סתם. דער קאַמף פון די געטאָ־זעלנער וועט זיין אַ טייל פונם גרעסערן ראַנגל פון די פרייהייטלעכע כוחות מיטן פאַשיזם און ער וועט ווערן אַ פונדאַמענט פון א בעסערער צוקונפט פון די אידישע מאסן אין גאַר דער וועלט. די געטאָ־קעמפער וועלן זיין די בויער פונם מאָרגן.

ווען ס׳איז געקומען דער טאָג פון טאַט, האָט דער קעמפער דיאַמאַנט פאַרנומען די אים באַשטימטע פּאָזיציע אויפן בוידעם פונם הויז שוויענטאָיערסקע 32. דאָס איז געווען דעם 20־טן אפּריל 1943. יענעם טאָג האָט ער מיט זיין ביקס דערהרגעט 7 דייטשן און שטיל־געמאַכט אַ נעסט פון דייטשע מאַשינגעווערן. ער האָט געהאַלטן וואַך טאָג און נאַכט. מיט דער ביקס האָט ער זיך נישט צעשיידט אויף קיין איין מינוט. מיט שטורמדיקן צאָרן האָט ער אָפּגעשטויסן די דייטשע אָנגריפן. ווען די ס. ס.־מענער האָבן שוין אַרומגערינגלט דאָס הויז און זיך אַרויפבאַקומען אויף די אויבערשטע שטאָקן האָט דער קעמפער ד י אַ מ אַ נ ט נישט פאַרלאָזט זיין פּאָסטן און געהאָגלט מיט פייער. ערשט ווען די דייטשן זיינען שוין אַרויף אויפן בוידעם, האָט ער, צוזאַמען מיט אַ גרופּע קעמפער, אַדורכגעריסן זיך אין אַן אַנדער געביט.

פון דאַמאָלסט־אָן איז ער געווען כסדר אין באַוועגונג — אויף אויסשפּירונגען, פּאַטרולן, אָנגריפן, אַליין אָדער צוזאַמען מיט נאָך קעמפער. ער האָט זיך נישט געשוינט, האָט קיינמאָל נישט געצווייפלט, ער האָט תמיד געקוקט דעם טויט אין די אויגן אַריין.

דעם ערשטן מאַי האָט ער געקעמפט צווישן די חורבות און די ברענענדיקע הויפנס פונם הויז פראַנציסקאַנער 30. אין יענעם הויז האָט זיך געפונען אַ גרויסער שוצקעלער פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג. אַן אָפּטיילונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט געשיצט דעם אַריינגאַנג צום שוצקעלער. פּלוצלינג איז באַוואוסט געוואָרן, אַז די דייטשן האָבן אויסגעפונען עפּעס אַ זייטיקן אַריינגאַנג אין שוצקעלער און זיי רייסן זיך שוין אריין. די קעמפער האָבן געעפנט אויף זיי אַ שיסעריי. די דייטשן

האָבן אָפּגעענטפערט מיט גראַנאַטן. אַ דרייליגנג קעמפער מיט אברהם דיאַמאַנט אין דערשפּיץ האָט זיך אַריינבאַקומען דורך אַן אַנדער אַריינגאַנג אין שוצקעלער אַריין און אָנגעהויבן אַטאַקירן די דייטשן פון הינטן־אַרום. צוויי דייטשן זייען געפאַלן טויט און די איבעריקע זיינען זיך צעלאָפן. דער ציל איז לעת־עתה דערגרייכט געוואָרן. די קעמפער האָבן פאַרנומען פּאָזיציעס אויף די חורבות פון שכנותדיקן הויז. עס איז אָנגעקומען אַ נייע אָפּטיילונג ס.ס.־מענער. עס האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אַ מאָרדונגס־שלאַכט. אברהם דיאַמאַנטס שאָסן זיינען גוט געצילטע און תמיד־טרעפנדיקע. די דייטשן האָבן נישט געוואַגט צוצורוקן זיך נעענטער צום וואַך פּאָסטן פון די קעמפער. זיי האָבן געשאָסן פונדערווייטנס, מיט אויטאָמאַטיש געווער. פּלוצלינג האָט דער קעמפער דיאַמאַנט זיך אַ נויג געטון, עס האָט אים געטראָפן אַ קויל אין האַרץ אַריין, ער האָט נאָך געוואָלט איבערגעבן די ביקס דעם קאָמענדאַנט פון זיין גרופּע, הערש בערלינסקין, ער האָט עס שוין אָבער נישט באַוויזן צו טון. צוזאַמען מיט דער ביקס איז ער אַראָפּגעפאַלן פון די חורבות אין ברענענדיקן קעלער אַריין. זיין קערפּער האָט מען נישט געפונען, ער איז פאַרברענט געוואָרן [1].

2) דער יונגער פּאַרטיזאַן

דער 16־יעריקער שאנן לענט, א זון פון איינעם פון די געציילטע אידישע טראַמוויי־פירער, אַ טוער פון די וואַרשעווער „לינקע פּועלי ציון", האָט ממש מיט דער מוטערס מילך איינגעזאַפּט אין זיך די אַטמאָספער פון געזעלשאַפטלעכן בונט און נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס קאַמף. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז ער נאָך געווען אַ שילער פון אַ אידיש־וועלטלעכער פאָלקס־שול. אַ פייערדיקער אינגל מיט אַ שטורמישן, אומגעצוימטן טעמפּעראַמענט און מיט אַ טיפן געפיל פון מענטשלעכער און נאַציאָנאַלער ווירדע, האָט ער נישט געקענט פאַרטראָגן די אומאויפהערלעכקייט פון די היטלערישע פייניקונגען, יעדע דערנידעריקונג, יעדע רדיפה און באַליידיקונג לגבי

---

[1] מער פּרטים וועגן אברהם דיאַמאַנט און די ווייטער דערמאָנטע שאנן לענט און אברהם אייגער, זע אזכרה־פאַרצייכנישן וועגן זיי. אין דער שלאַכט אַרום דעם שוצקעלער פונם פאַרזאָרגונגס־אַמט אויף פראַנציסקאַנער גאַס 30 (Zakład Zaopatrywania), וועלכער איז פּלוצלינג אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ סך באַוואָפנטע דייטשן, האָבן זיך באַטייליקט עטלעכע אָפּטיילונגען, די מייסטע קעמפער וועלכע זיינען אַוועק פון בערשטער־געביט און אויך אַנדערע. די קעמפער האָבן אָפּגערירט פון די קעלערן פונם גרויסן פיר־שטאָקיקן הויז, וואָס האָט נאָך געברענט. עס האָבן זיך דאַן אויסגעצייכנט אין קאַמף דבורה באַראַן און צפּורה לערער (ביידע — לפ"ג) וועלכע זיינען אַרויס די ערשטע פונם שוצקעלער און געוואָרפן גראַנאַטן אויף די דייטשן, די בהלה פון די ערשטע מינוטן ביי די דייטשן האָבן אויסגענוצט עטלעכע צענדליק קעמפער און זיינען אַרויס פונם שוצקעלער. דאַמאָלסט זיינען אויך אומגעקומען אברהם אייגער, סטאַשעק ברילאַנטשטיין און בערעק שניידמיל. עס זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן יורעק גרינשפּאַן, חנוך גוטמאַן, ליושעק בלאָנעס און זיגמונט פאַפּיער — אַלע לפ"ג. צוויי קעמפער, וועלכע זיינען בשעת־מעשה געוועזן דאָרט און האָבן זיך געראַטעוועט, מיינען, אַז די שלאַכט איז פאָרגעקומען דעם 2־טן מאַי.

דער אידישער באַפעלקערונג האָט ער אַדורכגעלעבט ווי אַ פּערזענלעכן אומגליק. ער האָט געטרוימט וועגן נקמה. ער האָט זיך געריסן צום קאַמף.

ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט ער מיט אַלע כוחות געשטרעבט צו ווערן אַ קעמפער. נישט געקוקט אויף זיין יונגן עלטער האָט ער אויסגעקעמפט דאָס רעכט אַריינצוטרעטן אין אַ קאַמף־אָפּטיילונג.

ווען דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן האָט ער מיט ענטוזיאַסטישער פאַרביסנקייט זיך אַריינגעוואָרפן אין געדיכטן געראַנגל. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס מורא באַדייט. פון זיין יוגנטלעכן פנים האָט אַרויסגעשטראַלט דאָס גליק פון טאַט. פון אַ יונגן אינגל איז ער מיטאַמאָל געוואָרן אַ רייפער קעמפער, וועלכער ווייסט זיין שליחות. פאַר די חברים אין די אויגן איז ער גייסטיק געוואַקסן. עס האָט געווייעט פון אים ברענענדיקער קאַמף־פּאַטאָס.

דער דריטער מאַי 1943 איז געווען דער שענסטער טאָג אין זיין לעבן. אין דעם טאָג האָט ער דערהרגעט אַ ס.ס.־אָפיצער און צוויי ס.ס.־מענער [2]. דעם זעלבן טאָג האָט אויך אים געטראָפן אַ דייטשע קויל. ער איז געוואָרן שווער פאַרוואונדעט און נישט געוואָלט זיין אַ באַלאַסט פאַר זיין קאַמף־גרופּע. ער האָט אָבער נישט געוואָלט אַריינ־פאַלן לעבעדיקערהייט צום שונא אין די הענט אריין, האָט ער באַפוילן זיין קאַמף־חבר, ער זאָל אים פאַרשנעלערן דעם טויט און צוריקגעבן זיין רעוואָלווער דעם קאָ־מענדאַנט פון דער אָפּטיילונג.

אין די הערצער פון די לעבנגעבליבענע קעמפער וועט ער פאַרבלייבן אויף תמיד ווי אַ סימבאָל פון דער אויפגעלעבטער אידישער יוגנט.

3) די לעצטע רעדע

טויט־פייערלעך און גלייכצייטיק גרויזאַם־שטורמדיק איז געווען דער אויסזען פונם קעמפער אברהם א י י ג ע ר — פון (חנוך) גוטמאַנס „דרור״־אָפּטיילונג, וועלכע האָט אָפּעריט אין „בערשטער געביט״ — ווען ער האָט בעת די שלאַכטן דעם ערשטן מאַי געהאַלטן זיין רעדע פונם ערשטן שטאָק פון הויז פראַנציסקאַנער 30 צו די אָנגרייפנדיקע ס.ס.־זעלנער. אָט דער אין בויך־שווער־פאַרוואונדעטער פּאַרטיזאַן האָט

[2] זע באַמ. 1 פריער. די קעמפער זיינען פאַרבליבן אין זעלבן שוצקעלער ווייל זיי האָבן אין מאָמענט נישט געקענט געפינען אַ בעסערן שוץ־אָרט, אויפצומאָרגנס נאָך דער שלאַכט אַרום דעם שוצקעלער אויף פראַנציסקאַנער 30, איז אהין אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ דייטשע שטראָף־אָפּטיילונג. די קעמפער, וועלכע האָבן געהאַט אַ פאַרבינדונג פון זייער שוצקעלער מיט אַנדערע שוצקעלערס דורך טונעלן האָבן אָנגעהויבן אַריבערגיין אין אַן אַנדער שוצקעלער. אויפן וועג האָבן זיי באַמערקט פון אונטן דייטשן אין גאַס און שאַנן ל ע נ ט האָט אָנגעהויבן שיסן אויף זיי. די דייטשן האָבן אָפּגעענטפערט מיט אַ האָגל פון גאַז־באָמבעס. עס זיינען דאַן אומגעקומען אויסער שאַנן ל ע נ ט, זיגמונט פ אַ פּ י ע ר, סטעפא ר אָ ז ע ן, מאַיאָרעק ש ע ר מ אַ ן, ישראל מ י ט ל־מ אַ ן, צפורה ל ע ר ע ר, דבורה ב אַ ר אַ ן, איגנאַץ פּ ו ט ע ר מ אַ ן (אלע — לפ״ג) און נאָך צוויי קעמפער.

שוין געהאַלטן ביים סוף פון זיינע פיזישע כוחות. דער רעוואָלווער האָט דערפילט זיין אויפגאַבע. די קוילן זיינען געווען אויסגעשאָסן ביז דער סאַמע לעצטער. אינם מאָמענט, ווען די דייטשן האָבן אים אויפגעפאָדערט אונטערצוגעבן זיך און זיי האָבן אים צוגעזאָגט דאָס לעבן, אויב ער וועט לייגן דאָס געווער, האָט ער זיי געענטפערט מיט ווערטער פון פלאַמיקן פראָטעסט. ער האָט געהאַלטן אַ רעדע צו די רוצחים. אויף דער גרעניץ פון לעבן און טויט, אין יסורים, וועלכע האָבן צעריסן די אינעווייניקייטן, מיט אַ געפיל פון באַלד זיכער־אָנקומענדיקן טויט האָט ער גערעדט, און זיינע ווערטער־אויפרייסן האָבן געקלונגען נביאיש. ער האָט זיי געשמיסן אין פנים אַריין דעם אמת וועגן די היטלערישע פאַרברעכנס, וועגן דער אומזיניקייט פון זייער קאַמף, וועגן זייער אומפאַרמיידלעכער, שענדלעכער מפלה, וועגן דער אומפאַרגענגלעכקייט פון אידישן פאָלק, וועגן דער שרעקלעכער נקמה, וועלכע דערוואַרט זיי פאַר דער ווילדער אכזריות פון אויסמאָרדן מיליאָנען פרויען, קינדער און זקנים.

די דייטשן זענען לכתחילה צעטומלט געוואָרן פונם שטאַרקן איינדרוק. אַ מעכטיקער עכאָ האָט צעטראָגן די רייד פונם שטאַרבנדיקן קעמפער אויף די ברענענדיקע חורבות.

ווען אברהם א י י ג ע ר האָט אָנגעהויבן וואַקלען זיך אויף די פיס, זיינען די ס.ס.־לייט געקומען צו־זיך פון צעטומלעניש, זיי זיינען צוגעלאָפן צו אים און מיט חיה'שער צעררייצטקייט האָבן זיי אים דערשלאָגן מיט די שפיזן. אַ פורפור־מאַנטל פון פייער־פלאַמען האָט אַרומגעהילט דעם יונגן גבור. אַ נעפּל פון געדיכטן, בייסיקן רויך האָט פאַרדעקט די בלויקייט פון די הימלען [3].

[3] זע באַמערקונג 1 פריער און אויך זייט 281 — באַריכט פונם קעמפער שמחה ר א ט ־ ה י י ז ע ר (קאַזשיק).

5. זעלנער אָן געווער

דער פּלאַן פון דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ האָט אַרומגענומען צוויי צווישן־זיך ענג־פאַרבונדענע טיילן: אַ מיליטערישן און א ציווילן. די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אין איר אויפבלי־תקופה — יאַנואַר־אַפּריל 1943 — געהאַט ממש אַ דיקטאַטאָרישע הערשאַפט אין געטאָ, האָט קודם־כל צוגעגרייט די באַוואָפנטע אַקציעס. זי האָט אויף אַלערליי אופנים באַקומען געווער און אַמוניציע, זי האָט מיליטעריש אויסגעבילדעט די קאַמף־גרופּעס, זי האָט אויסגעאַרבעט סטראַטעגיש־טאַקטישע פּלענער. אָבער גלייכצייטיק האָבן סיי די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע און סיי די געזעלשאַפטלעך פּאָליטישע קאָנספּיראַטיווע פאַרשטייערשאַפט פון געטאָ קלאָר פאַרשטאַנען, אַז דער קאַמף פון געטאָ וועט זיין אָפּהענגיק נישט נאָר פון דער מיליטערישער אַקציע נאָר אויך פון דער האַלטונג און פונם גייסט פון דער באַפעלקערונג.

די אָביעקטיווע תנאים, וועלכע האָבן שטופּנווייז צונישט־געמאַכט אַלע אילוזיעס, און אויך די פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָבן איבערגעאַנדערשט די האַלטונג פון די אידישע מאַסן. די ברייטע מאַסן האָבן דערזען די לאַגע ווי זי איז אינדערעמתן. זיי האָבן זיך אָפּגעזעגנט פונם דעמאָראַליזירנדיקן אָפּטימיזם, פון די אומאויפהערלעכע אילוזיעס און גלויבן, אַז „אונז וועט מען שוין נישט רירן" און אַז „מיר וועלן שוין אַדורכקומען ווי־עס־איז". עס זיינען שענדלעך בולט געוואָרן די דייטשע פּלענער פון כיטרער „פּאַציפיקאַציע" פונם געטאָ דורך ארויסשיקן די באַפעלקערונג אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין פּאָניאַטאָוואָ, טראַווניקי און לובלין. די וועכנטלעכע אַרויסשיקונגען פון די „שאָפּן"־אַרבעטער און זייערע פאַמיליעס זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נעבעכדיקן פאַרס. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט צום אַרויספאָר פונם בערשטער „שאָפּ" — איבער 3000 מענטשן — זיך נישט צוגעשטעלט קיין איין מענטש. אַלע קונצן פון דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָט זשאָנגלירט מיט צוזאָגענישן און מיט דראָאונגען, זיינען געבליבן אָן רעזולטאַטן. פלוגבלעטער, פּלאַקאַטן און מינדלעכע פּראָפּאַגאַנדע פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און פון די אונטערערדישע פּאַרטייען האָבן גערופן צו אַקטיוון און פּאַסיוון ווידערשטאַנד און זיי האָבן געהויבן דעם גייסט.

די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז געוואָרן אַן אָפּשרעק פאַר די בלוטזויגערס און אויסוואורפן אין דער אידישער געזעלשאַפט און דער שיצער און באַהיטער פאַר די ברייטע מאַסן. יעדער טויטאורטייל, וואָס די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אויסגעפירט אויף פאַרעטער און געסטאַפּאָ־אַגענטן איז באַקאַנט־געמאַכט געוואָרן דער עפנטלעכקייט דורך פּלאַקאַטן. דאָס זיינען נישט געווען קיין קליקע־געריכט־מאָרדן, די שטראָף איז באַשטימט געוואָרן דורכן אָרגאַן פון געזעלשאַפטלעכער גערעכטיקייט. אפילו די דייטשן האָבן דערפילט, אַז זיי זיינען געצוואונגען צו פּאַלעמיזירן מיט דער

אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אין דער פאָרם פון פלוגבלעטער און אָפענע בריוו. די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט דעראָבערט דאָס האַרץ פון די אידישע מאַסן, זי איז געוואָרן זייער איינציקע האָפענונג.

די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אָרגאַניזירט נישט נאָר אַן אַקטיוון ווידער־שטאַנד נאָר זי האָט געוועקט די מאַסן מיט אַלע כוחות און זיי גערופן אויך צו אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד. די פאָרמען פון פאַסיוון ווידערשטאַנד — דאָס זיינען די פאַרמאַסקירטע אונטערערדישע בונקערס און אויף־ערדישע שוצערטער. דער מויערן־גאַרטל, וועלכער האָט אַרומגענומען דעם געטאָ און האָט געהאַט 16 קילאָמעטער די לענג און דריי מעטער די הויך, האָט אָפּגעצוימט די אידן פון דער וועלט בעסער ווי מיט מינירטע שטחים. אינעווייניק האָבן גרעניצן פונאַנדערגעטיילט פאַרשידענע קוואַרטאַלן און אפילו פאַבריק־בלאָקן, — דאָס האָט געמאַכט פאַר נישט־מעגלעך צו פאַרשטענדיקן זיך קעגנ־זייטיק. טאָגטעגלעך האָט דער געטאָ געצאָלט אַ בלוט־שטייער, מענטשן זיינען געהרגעט געוואָרן פאַר דער העזה צו באַוועגן זיך איבער די אינמיטן־טאָג־אויסגעשטאָרבענע געטאָ־גאַסן. די אידישע מאַסן האָבן נישט געהאַט הינטער זיך קיין שוץ פון דערפער און וועלדער און קיין מעגלעכקייט צו רירן זיך פון אָרט און אַריבערפאָרן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, נאָר זיי זיינען געווען פאַרשפאַרט ווי אין אַ שטייג. פונדעסטוועגן זיינען זיי אָבער נישט אַריינגעפאַלן אין קיין שגעון פון שרעק און דעפעטיזם, נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן איינצוגראָבן זיך און פאַרפעסטיקן אינעווייניק. אין דער ערד, אונטער מויערן, אונטערן גאַסן ברוק, אין וויסטע ערטער און צווישן חורבות זיינען געשאַפן געוואָרן „בונקערס". די אין זיי זיך אויסבאַהאַלטנדע ציווילע באַפעלקערונג האָט מערסטנס נישט געהאַט קיין געווער, זי איז אָבער געווען אַנטשלאָסן צו קעמפן קעגן מערדערישן שונא, זי איז געווען אַנטשלאָסן נישט אונטערצוגעבן זיך אין קיין שום פאַל.

צוליב דעם האָבן די דייטשן שוין מער נישט געקענט אַרויספירן די באַפעלקערונג אויף פאַרניכטונג און טויט געהיים און פאַרבאָרגן. זיי זיינען געצוואונגען געווען צו קעמפן ממש פאַר יעדן שפאַן ערד.

נאָך פאַרן 19־טן אַפּריל האָבן די דייטשן אָנגערופן דעם וואַרשעווער געטאָ „מעקסיקאָ", און „באַנדיטנשטאַט". אַזוינס צו הערן פון די היטלעריסטן האָט געקלונגען ווי אַ קאָמפּלימענט פאַר דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אָבער ערשט נאָכן 19־טן אַפּריל האָבן די היטלעריסטן זיך איבערצייגט אין דער פסיכישער ענדערונג, אין דעם נייעם גייסט פון דער גאַנצער אידישער געטאָ־באַפעלקערונג.

צווישן טויזנטער מענער און פרויען, אַלטע לייט און יונגע קינדער, איז אַנטשטאַ־נען דער ווילן צום ווידערשטאַנד־קאַמף און דאָס האָט נייטראַליזירט די נאַטירלעכע שרעק, דעם פחד פאַר טויט און יסורים. ברייטע שיכטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיטן נישט אונטערגעבן זיך גופא קעמפן זיי אויך אויף זייער אופן געגן שונא און פאַרשווערן אים אַדורכצופירן זיין פאַרניכטונגס־ווערק. די דייטשן האָבן זיך אַ נעם־געטון צו עקסטרעמע

מיטלען, — זיי האָבן אונטערגעצונדן דעם געטאָ. די אונטערצינדונג איז פאָרגעקומען פּלאַנמעסיק, סיסטעמאַטיש, בלאָק נאָך בלאָק, הויז נאָך הויז. זיי באַנוצן דערצו צינד־באָמבעס, צייט־באָמבעס, דינאַמיט־לאַדונגען. עס ווערט אָפּגעשטעלט דער צושטראָם פון גאַז, פון עלעקטריע, פון וואַסער. טויזנטער קומען אום אין די פלאַמען, טויזנטער פאַרגאַזירטע האָבן אויסגעשפּיגן דאָס לעבן צוזאַמען מיט די לונגען, טויזנטער ווערן דערשאָסן דורך די דייטשן אויפן אָרט, וואו זיי געפינען זיי, טויזנטער אַרויסגעטריבענע דורך פייער און גאַז פון די בונקערס וואַנדערן אַוועק אויפן „אומשלאַגפּלאַץ" און פון דאָרטן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וועלכע זיינען אין אַ גאַנץ קורצער צייט געוואָרן טויט־לאַגערן. דאָס לעבן אינם ברענענדיקן געטאָ־קעסל האָט אָבער טראָץ אַלעס נישט אויפגעהערט. נישט געקוקט אויף די פּילמאַליקע דייטשע אויפפאָדערונגען צו קאַפּיטולירן און אונטערגעבן זיך — איז דאָס קיינעם אפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען. יעדן שוצאָרט, יעדן בונקער האָבן די דייטשן געמוזט דעראָבערן מיט געוואַלט. דאָ און דאָרט וואַקסן אויס, ווי פון אונטער דער ערד, נייע קעמפערס. נישט אומזיסט הילכן נאָך אָפּ במשך חדשים געדיכטע שיסערייען אינם געטאָ, — די לעצטע מאָהיקאַנער פון קעמפנדיקן געטאָ פאַרטיידיקן זייערע בונקערס און שוצערטער.

עס זיינען פאַרביי חדשים. די ווינציקע אידן, וועלכע זיינען פאַרבליבן לעבן אונטער דער געטאָ־ערד, קעמפן נאָך אַלץ פאַר זייער לעבן, דער געטאָ גייט־אָפּ אומאויפהערלעך מיט בלוט, די דייטשן רייסן־אויף מויערן און גאַסן־ברוקן, זיי פאַרגאַזירן די קאַנאַלן, זיי מאַכן חרוב שפּאַן נאָך שפּאַן. עס אַנטשטייען אָבער נייע געהיימע דורכגאַנגען, נייע טונעלן. די פראָנט ליניע ווערט כסדר קירצער און קירצער, אָבער זי עקזיסטירט.

הונגער, עפּידעמיע, שטיקנדיקער מתים גערוך, פעלן פון וואַסער און ברויט, — דאָס אַלץ מאַטערט און פּייניקט די לעצטע געטאָ־באַוואוינער — די היינטצייטיקע היילן־מענטשן. טאָגטעגלעך ווערט קלענער זייער צאָל. קיינער גיט זיך נישט אונטער. נאָך אַ יאָר פון אויסטערלישע יסורים, פון אין דער געשיכטע־אומבאַקאַנטע קאַמפן, לעבן זיי נאָך אַלץ. עס איז פאַרביי אַ יאָר און וואַרשעווער געטאָ האָט ווייטער אַן אויסזען פון אַ באַלאַגערטער פעסטונג [4].

[4] ווי שוין באַמערקט, זיינען דידאָזיקע שורות געשריבן געוואָרן אין פרילינג 1944.

6. טאָגבוך פון אַ אינגל *

אַרויסגעשיקט דעם 24־טן מאַי 1944 פון וואַרשע קיין לאָנדאָן
דורכן אונטערערד צוזאַמען מיטן איבעריקן מאַטעריאַל.

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 איז אויסגעבראָכן די פּויליש־דייטשע מלחמה. דעם 28־טן סעפּטעמבער זיינען די דייטשן אַריין אין וואַרשע. ווי נאָר די דייטשן זיינען אַריין אין וואַרשע האָבן זיי באַלד אויפּצומאַרגנס גערויבעוועט ביי אידישע הענדלערס און זיי האָבן געכאַפּט מענער אויף שווארצע אַרבעטן. צווישן אַנדערע אידן האָבן זיי געכאַפּט מיין טאַטן. די דייטשן האָבן געשלאָגן די אידן ווי הינט, מיין טאַטע האָט געאַרבעט פון 6 אינדערפרי ביז 10 אינאָוונט. נאָך דער אַרבעט איז דער טאַטע צוריק־געקומען אַהיים אינגאַנצן אַ צעבראָכענער, די ביינער האָבן אים ווי געטון פון דער אַרבעט און פון די קלעפּ, דריי טעג האָט ער נישט געקענט שלאָפן.

מיר זיינען געווען אינדערהיים זאַלבעפינפט, מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען זיבן מענטשן. דער עלטסטער ברודער איז אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר די דייטשן. בעת דער רייזע האָבן די דייטשן געכאַפּט מיין ברודער אויף אַרבעט צונעמענדיק דערביי די דאָקומענטן און דעם מאַנטל. סוף־כל־סוף איז ער אָנגע־קומען קיין ביאַליסטאָק, וואו עס איז געווען סאָוועטיש מיליטער. אין ביאַליסטאָק האָט ער זיך פאַרשריבן אויף אַרבעט קיין מינסק דאָרט האָט ער געאַרבעט אַ יאָר צייט, באַקומען אורלויב און אַוועקגעפאָרן קיין טאַשקענט צום פעטער וועוועק. דעם 3־טן דעצעמבער 1940 אינדערפרי איז געקומען דער בריוטרעגער און אונז געבראַכט אַ בריוו און שפּייז־פּעקל פונם ברודער אין רוסלאַנד, מיר האָבן זיך זייער דערפרייט, וואָס מיר האָבן עפּעס ידיעות פונם ברודער. דאָס פּעקל איז געווען נוצלעך פאַר אונז, אָבער די מאַמע האָט דאָס פּעקל פאַרקויפט פאַרוואָס זי האָט באַקומען עטלעכע צענדליק זלאָטעס נויטיקע צום האַנדל.

דעם 15־טן נאָוועמבער 1940 האָבן די דייטשן אַריינגענומען די אידן אין געטאָ וועלכן זיי האָבן אַרומגערינגלט מיט הויכע מויערווענט. שפּייז איז באַלד טייער געוואָרן דעריבער האָבן מיין ברודער און איך אַריבערגעגנבעט זיך דורך די מויער־ווענט אויף דער אַרישער זייט איינצוקויפן קאַרטאָפל און ברויט כדי אויף אַזאַ אופן צו פאַרדינען אויף אונזער און די עלטערנס אויסהאַלטונג. אַדורכגיין דורך די מויער־ווענט איז געווען זייער געפערלעך ווייל יעדן אינגל וואָס די דייטשן האָבן דערביי געכאַפּט האָבן זיי דערשאָסן. פונדעסטוועגן האָבן דער ברודער און איך געמוזט אַדורכ־

* דעם טאָגבוך פון אַ דרייצן־יאָריקן אינגל, געשריבן אין אַפּריל 1944, גיבן מיר איבער אָן קיין שום ענדערונגען און אויסבעסערונגען. — די דאָזיקע באַמערקונג ווערט געבראַכט אינם דאָקומענט גופא. (די איבערזעצונג אין אידיש האַלט זיך ביי די זעלבע כללים פונם פּוילישן אָריגינאַל, צוגעבנדיק נאָר אין געוויסע ערטער פּונקטן און קאָמאַס).

גנבענען זיך ווייל אין שטוב איז נישט געווען וואָס צו עסן און פאַרדינען האָט דער טאַטע נישט געקענט ווייל מענער האָט מען כסדר געכאַפּט אויף אַרבעט און אַרויס־געשיקט אין לאַגערן. האָבן מיר דעריבער ליבער געוואָלט ריזיקירן איידער אומצוקומען פון הונגער. האָבן מיר טאַקי אַזוי געלעבט אַ פּאָר וואָכן.

נאָך אַ פּאָר וואָכן האָט אַ פּאָליציאַנט געכאַפּט מיין ברודער און ביי אים צוגעגע־נומען די גאַנצע סחורה, האָבן מיר דאָך נישט געהאַט פונוואַנען צו לעבן זיינען מיר אַריבער אויף דער אַרישער זייט אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס צו קריגן סאַכאַרין וואָס ביי דעם האָב איך געקענט פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן. ליידער האָבן מיך אין דער קראָם אויף מאַרשאַלקאָווסקע פאַרהאַלטן צוויי זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבן מיר געדראָט, אַז זיי וועלן מיך דערשיסן ווייל איך בין אַ איד אָבער זיי האָבן מיך נאָר אָפּגעפירט אין 11־טן קאָמיסאַריאַט אויף פּאָזנאַנסקע גאַס 13. איך בין געזעסן 48 שעה. נאָך דער צייט האָט מען מיך ארויסגעלאָזט און אָנגעזאָגט אומצוקערן זיך אין געטאָ. איך האָב צונויפ־געקליבן אויפן וועג 3 זלאָטעס און אַביסל ברויט און איך בין צוריקגעקומען אין געטאָ אַריין. אין עטלעכע טעג אַרום בין איך ווידער אַרויס פון געטאָ און בין אַוועק אויפן מאַרק אויף קאָשיקאָווע־גאַס. דאָרטן האָט מיך ליידער ווידער געכאַפּט אַן ס.ס.־אָפיצער, וועלכער האָט מיך אָפּגעפירט אין 11־טן קאָמיסאַריאַט אויף פּאָזנאַנסקע גאַס. דאָרטן בין איך דורך אים שרעקלעך געשלאָגן געוואָרן מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. דערנאָך האָט ער באַפוילן אַ פּוילישן פּאָליציאַנט אָפּצופירן מיך אין דייטשן זשאַנדאַרמעריע־פּאָסטן כדי מען זאָל מיך דאָרט דערשיסן; צו מיין גליק איז געשטאַנען אויף דער וואַך נעבן געטאָ־טויער אַ גוטער זשאַנדאַרם האָט ער מיר נאָר געגעבן אַ פּאָר קלעפּ איבערן קאָפּ און מיך געהייסן אַנטלויפן אין געטאָ־אַריין. נאָכן אומקערן זיך אַהיים האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מיין ברודער זיצט שוין דריי טעג אין קאָמיסאַריאַט פאַר אַריבערגיין אויף דער אַרישער זייט און ער קען נישט אומקערן זיך אַהיים, ווייל ער האָט אָפּגע־פרוירענע פיס, בין איך אַוועקגעפאָרן מיט אַ ריקשע אין קאָמיסאַריאַט און כ׳האָב אַהיימגעבראַכט דעם ברודער האָט ער געמוזט בלייבן ליגן עטלעכע וואָכן אין בעט כדי אויסצוהיילן זיך. נאָכן אויסהיילן זיך, זיינען מיר איך און דער ברודער אַוועק אויף דער אַרישער זייט כדי צו פאַרדינען אויף ברויט.

אַזוי האָבן מיר געלעבט ביזן 22־טן יולי 1942 דאָס הייסט ביז דעם טאָג ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַרויסשיקן אידן אויפן מזרח, וואָס עס האָט זיך אין עטלעכע טעג אַרום אַרויסגעוויזן ווי אַ ליגן, ווייל מען האָט די אידן אַנשטאָט אויפן מזרח אַרויסגעשיקט קיין טרעבלינקע צום טויט.

היות ווי עסנוואַרג איז אין געטאָ באַלד שרעקלעך טייער געוואָרן און אַרי־בערגיין אויף דער אַרישער זייט איז געווען נישט מעגלעך, ווייל די מויערוועגט זיינען געווען באַוואַכט דורך אוקראַינער און לעטן וועלכע האָבן געשאָסן אָן רחמנות אין יעדערן, איז אַ פּאָר טעג פאַר די אַרויסשיקונגען־בלאָקאַדעס דער אינגסטער ברודערל

לעאָן אַוועק אין געטאָ אַריין כדי מיטצוהעלפן די עלטערן. אין ערשטן טאָג פון דער אַרויסשיקונג האָט מען אַרויסגעשיקט קיין טרעבלינקע דעם ברודערל, די מאַמען, דעם טאַטן און די שוועסטער וועלכע זיינען דאָרטן אומגעקומען. איך בין איבערגעבליבן אַליין מיטן ברודער. פאַרלאָזן פון אַלעמען האָבן מיר זיך געמוזט באַמיען צו פאַרדינען אויפן לעבן — אין יענער צייט האָבן די דייטשן און די פוילישע פּאָליציי איינגע־אָרדנט יאַגדן אין אַרישן קוואַרטאַל אויף אידן, זיי האָבן געכאַפּט אַסך פון אונזערע קאָלעגן, נאָך יענער יאַגד.

אין געטאָ האָט מען ווייטער אָן אויפהער אַרויסגעפירט אידן קיין טרעבלינקע. דעריבער האָבן איך און מיין ברודער אָפּגערעדט אומצוקערן זיך אין געטאָ כדי אין די דורך די אידן פאַרלאָזענע דירות אויפצוזוכן פאַר זיך בגדים אָדער שיך, ווייל דער ווינטער האָט זיך אָנגערוקט און מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום קליידונג. מיין ברודער איז אַליין צוריקגעקומען אין געטאָ אַריין וואו ער האָט זיך באַקענט מיט הער קאָהען וועלכער האָט אים גענומען צו זיך. אין עטלעכע טעג אַרום איז דער ברודער געקומען נאָך מיר, זיינען מיר אַוועק צו קאָהענען וואו מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן עטלעכע חדשים.

דעם 15־טן יאַנואַר 1943 האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אַ ווייטערדיקע אַקציע זיי האָבן ווידער אַרומגערינגלט דעם געטאָ מיט אוקראַאינער און אָנגעהויבן אַרויסצושלעפּן פון די הייזער אויף אַוועקצושיקן קיין טרעבלינקע. ווער עס האָט געקענט האָט זיך באַהאַלטן אין אַ שוצאָרט; ליידער האָבן די דייטשן אַנטדעקט אַסך שוצערטער און די אידן וועלכע זיי האָבן געפונען האָבן זיי דערשאָסן אויפן אָרט. איך מיט מיין ברודער האָבן זיך אויך באַהאַלטן. צום גליק האָט מען אונז נישט געפונען, מיר זיינען ווייטער פאַרבליבן ביים הער קאָהען אויף מילע־גאַס 49 וואוינונג 25.

אין מערץ 1943 האָב איך זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ אויף דער אַרישער זייט ווייל עס האָט ווידער געהאַלטן ביי אַרויסשיקונגען און פאַקטיש האָבן דעם 19־טן אַפּריל די דייטשן אָנגעהויבן די לעצטע אַרויסשיקונג פון די אידן. עטלעכע טעג פאַר יענער אַקציע איז מיין ברודער אויך אַנטלאָפן פון געטאָ און מיר זיינען געווען צוזאַמען אויף דער אַרישער זייט. ס'איז אונז געווען גוט ווייל אַסך באַרמהערציקע מענטשן האָבן אונז אונטערשטיצט. די לעצטע אַקציע האָבן די דייטשן אַדורכגעפירט זייער בלוטיק ווייל אַסך מענטשן האָבן זיי דערשאָסן אויפן אָרט און די הייזער האָבן זיי פאַרברענט צוזאַמען מיט די מענטשן אין די שוצערטער. אונזער פאַרזאָרגער צוזאַמען מיט זיין זון האָט מען אַרויסגעשיקט צוזאַמען מיט אַ טראַנספּאָרט קיין לובלין. אויפן וועג איז געלונגען קאָהענס זון אַרויסצושפּרינגען פון וואַגאָן אין אָטוואָצק ער האָט טאַקי באַקומען אַ שאָס אין פוס אָבער ער האָט זיך דערשלעפּט קיין וואַרשע האָט אָפּגעזוכט מיך מיטן ברודער און מיר האָבן געמוזט זאָרגן פאַר אים. אומקערן זיך אין געטאָ איז געווען נישט מעגלעך ווייל אַלע הייזער וואו אידן האָבן געוואוינט זיינען

פאַרברענט געוואָרן. זיינען מיר אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער וואו באַרמהאַרציקע מענטשן האָבן אונז געגעבן אַ פּאָר גראָשן פאַרוואָס מיר האָבן געקויפט קודם כל רפואות און באַנדאַזשן פאַר אונזער קאָלעגע.

צוזאַמען מיט אונזער קאָלעגע זאַלבעדריט זיינען מיר געווען נאָר 6 טעג ווייל עמיצער האָט אונז געמסרט אין דער פּאָליציי וועלכע האָט אַרומגערינגלט אונזער באַהעלטעניש אין דרעשערס גאָרטן אויף דער אַדיניעץ גאַס. מיין ברודער און דעם זון פון ה׳ קאָהען האָט מען געכאַפּט און אָפּגעפירט אין קאָמיסאַריאַט אויף אַדאָלאַנסקע־גאַס פונוואַנען מען האָט זיי איבערגעגעבן אין די דייטשע הענט מיך האָט אויך פאַר־האַלטן אַ פּאָליציאַנט אָבער איך האָב זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט און אַדאַנק דעם האָב איך זיך געראַטעוועט. מיין ברודער און דער קאָלעגע האָבן עס נישט געקענט טון ווייל דער קאָלעגע איז געווען פאַרוואונדעט אין פוס און ער האָט נישט געקענט אַנטלויפן און מיין ברודער האָבן די פּאָליציאַנטן נאָך מיין אַנטלויפן געהאַלטן פעסט. איבערהויפּט האָט זיך אין דעם אויסגעצייכנט דער פּוילישער פּאָליציאַנט וועלכער וואוינט אויף וויקטאָרסקע גאַס 3 אין פּאַרטער.

נאָכן צונעמען דעם קאָלעגע און דעם ברודער בין איך ווידער געבליבן איינער אַליין, פאַרלאָזן פון אַלעמען. אין געטאָ האָב איך שוין אויך נישט געקענט אומקערן זיך ווייל די דייטשן האָבן אַרויסגעפירט אַלע אידן פון וואַרשעווער געטאָ צום טויט קיין לובלין, פּאָניאַטאָוואָ, טרעבלינקע און טראַווניקי. בין איך אַזוי געווען איינער אַליין אויף דער אַרישער זייט. איינמאָל גיי איך דורך דעם אוניאַ ליובעלסקאַ פּלאַץ האָט מיך פאַרהאַלטן אַ פּאָלקסדויטש מיט אַן אויסגעשריי איד!! איך וועל דיך אָפּפירן צו די דייטשן און ער האָט אָנגעהויבן מיט אַלע כוחות רופן פּאָליציי. צו מיין גליק איז אין דער נאָענט נישט געווען קיין פּאָליציאַנט און איך האָב אים שטאַרק אַ ביס געטון אין האַנט האָב איך געקענט אַזויאַרום אַנטלויפן, אמת ער האָט מיך נאָכגעיאָגט גענוג לאַנג, אָבער צום גליק איז אים נישט געלונגען מיך צו כאַפּן, דערדאָזיקער פּאָלקסדויטש וואוינט אויף כאָטשימסקע־גאַס 13 אין פראָנט אויפן 4־טן שטאָק.

אין מיין אַרומוואָגלען האָב איך אויך געטראָפן אַסך באַרמהאַרציקע מענטשן אַדאַנק וואָס איך האָב זיך געקענט דערהאַלטן ביים לעבן. אַזוי איז נאָכן צונעמען דעם ברודער מיינעם, ווען איך בין וויינענדיק געשטאַנען אין גאָרטן צוגעגאַנגען צו מיר מאַדאַם ד. וועלכע האָט מיך באַרואיקט און אַריינגענומען אין איר וואוינונג געגעבן מיר פרישטיק און 30 זלאָטעס און געהייסן קומען צו איר אָפט.

צוויי טעג נאָכן צונעמען דעם ברודער מיינעם, האָב איך געטראָפן אויף ראַקאָ־וויעצקע גאַס אַ אידישן אינגל חיים בורשטיין, וועלכער איז אַלט 12 יאָר איך בין אויך אַלט 13 יאָר. ער איז אויך געבליבן אַליין אַזוי ווי איך, האָבן מיר באַשלאָסן זיך האַלטן צוזאַמען און מיר האָבן זיך געמאַכט אַ באַהעלטעניש אויף טשעטשאָט גאַס וואו מיר האָבן איינגעאָרדנט אונזער וואוינונג. נאָך עטלעכע טעג האָבן מיר אָנגעטראָפן מאַדאַם

עוואַ ר. אויף טיניעצקע גאַס, וועלכע האָט אונז געהייסן קומען יעדע פּאָר טעג אויף מיטאָג און האָט אונז אפילו געגעבן מלבושים און האָט אונז געגעבן געלט אויף אַ גאַנצע וואָך עסן, און אַזוי איז אונז אַוועק די צייט צוזאַמען מיט חיימקען, בייטאָג זיינען מיר אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן אַכטונג געבנדיק אומעטום אַז עמיצער פון די דורכגייער זאָל אונז נישט אָפּגעבן אין די הענט פון דער פּאָליציי אָדער זשאַנדאַרמעריע.

אויף ראַקאָוויעצקע גאַס איז אונז געווען צומבעסטן, ווייל די איינוואוינער פון דערדאָזיקער גאַס זיינען געווען גוט געשטימט צו אונז מיר האָבן אפילו געקענט קויפן אַ קראַקינעט און אַ גאַנצן טאָג פאָרן אויף אים דאָרט אין גאַס. ליידער האָט אויף פּיליצקע גאַס דער דאָרטיקער איינוואוינער סטאַניסלאַוו זוכמאַנאָוויטש פון פּיליצקע 23 אונז פאַרמסרט אין דער פּאָליציי, אַז אידן פאָרן אַרום אויף אַ קראַקינעט און שטערן אים די רו, איז געקומען די פּאָליציי כדי צוצונעמען אונז צוזאַמען מיטן קראַקינעט, צום גליק האָט זיך דאָס געענדיקט נאָר מיטן צונעמען דעם קראַקינעט דורך דער פּאָליציי, אָבער אונז איז צום גליק געלונגען צו אַנטלויפן. צו אונזער גרויסער פרייד האָבן מיר אויפצומאַרגנס אָפּגעקויפט דעם קראַקינעט פון איינעם וועלכער האָט אים געקויפט ביי אַ פּאָליציאַנט און אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעחזרט דריי מאָל. דאָס לעצטע מאָל, ווען מען האָט אונז צוגענומען דעם קראַקינעט איז מיט גרויסע שוועריקייטן אונז געלונגען צו אַנטלויפן, אָבער דעם קראַקינעט האָבן מיר שוין נישט באַקומען.

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָב איך זיך אַנגעשטויסן אין דריי סאָלדאַטן אויף פּיליצקע גאַס, ווייל ס׳איז שוין געווען פינצטער האָב איך נישט דערזען די אַנקומענדיקע סכנה און ערשט ווען זייער לאַמטערנדל האָט מיר אַ לויכט געטון אין די אויגן אַריין, האָב איך אַנגעהויבן מיט אַלע כוחות אַנטלויפן. איין פּאָליציאַנט האָט מיך אַנגעכאַפּט פאַר דער האַנט, אָבער איך האָב זיך אַרויסגעריסן און אַדאַנק דעם וואָס ס׳איז געווען פינצטער, איז מיר אויפסניי געלונגען אָפּצוראַטעווען דאָס לעבן. אויף ראַקאָוויעצקע גאַס האָבן מיך אַרומגערינגלט פּוילישע און דייטשע אינגלעך וועלכע האָבן געוואוינט אויף נאַרבוט גאַס 52, האָבן מיך אַנגעהויבן שלאָגן און איינער פון זיי איז אַוועקגעלאָפן טעלעפאָנירן צו דער זשאַנדאַרמעריע, זי זאָל מיך צונעמען צום טויט. צו מיין גליק האָט זיך פאַר מיר איינגעשטעלט איינער אַ פּרוכטן־הענדלער וועלכער האָט נאָענט פון דעם אָרט געהאַט זיין ביידל. ער האָט אַ קלאַפּ געטון איינעם פון די אינגלעך אין פּנים אַריין און מיר איז געלונגען צו אַנטלויפן דורכן הויף אין אַ הויז אויף אַספּאַלטאָווע גאַס און פון דאָרטן אויף אַפּאַטשינסקע גאַס. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז דאָס הויז אויף אַספּאַלטאָווע גאַס אַרומגערינגלט געוואָרן מיט זשאַנדאַרמען ווייל די אינגלעך האָבן אַנגעוויזן אַז אין דעם הויז האָב איך זיך באַהאַלטן און היות ווי זיי האָבן מיך נישט געפונען ווייל איך בין דאָך שוין פונלאַנג אַנטלאָפן איבערן פּלויט האָבן זיי פון כעס צוגענומען ביי מיין באַשיצער אַלע פּרוכטן.

נאָכדעם ווי איך בין אויף אַזאַ אופן געראַטעוועט געוואָרן, האָב איך ווידער

אַנגעהויבן מיין וואַנדערלעבן. איך פלעג גיין צו איינער אַ מאַדאַם אויף מאַלטשעווסקי־גאַס, דאָרטן האָב איך אָפט באַקומען מיטאָגן און איך האָב אפילו באַקומען אַ מלבוש פאַר מיר און פאַר מיין קאָלעגע חיים, ביז מיר זיינען אין איינעם אַ טאָג געקומען צו אַ געוויסער מאַדאַם אויף פּיליצקע גאַס און דאָרטן האָבן מיר זיך דערוואוסט אַז אונז זוכט אַרום עפּעס אַ מאַדאַם וועלכע וויל אונז באַקענען מיט איינע אַ מאַדאַם וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט איינאָרדנען היימלאָזע אידן. מיר האָבן זיך זייער דערפרייט פון דער זאַך, ווייל אונז איז שוין געווען זייער שווער צו וואַלגערן זיך ווייטער באַזונדערס ווייל אונזער באַהעלטעניש איז שוין געווען שטאַרק אַדורכגעפאַלן און מיר האָבן געמוזט נעכטיקן אין קאָרידאָרן אויף די טרעפּ וואָס דאָס איז געווען זייער געפערלעך.

נאָך עטלעכע טעג זיין אויף פּיליצקע גאַס ביי אונזער באַקאַנטער מאַדאַם מאַרישאַ [1] וועלכע האָט אונז צוגעזאָגט אין אַ וואָך אַרום אויסצוגעפינען אַ וואוינונג האָבן מיר זיך זייער געמאַטערט יענע וואָך ביז ס׳איז אָנגעקומען פאַר אונז די גליקלעכע מינוט ווען מען האָט אונז איינגעאָרדנט אין אַ ריינער און וואַרימער וואוינונג *.

* פאַר די אינגלעך האָט אָנגעהויבן זאָרגן אַ הילף־קאָמערל פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. — (די באַמערקונג געפינט זיך אין אָריגינאַל גופא).

---

[1] דאָ רעדט זיך וועגן ברכה פ י י נ מ ע ס ע ר, וועלכע האָט אין אָנהויב מלחמה געאַרבעט מיט אַסך איבערגעגעבנקייט און טרייהייט אַלס שוועסטער אין אַ אידישן קינדער־שפּיטאַל. דערנאָך האָט זי זיך דערנענטערט צו די אונטערערד־קרייזן פון „בונד״ און זי האָט אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע דרייסטקייט און העלדישן מוט ביים אויסגעפינען און אויסהאַלטן וואוינונגען און באַהעלטעניש־ערטער פאַר אידן און פאַר דעם אידישן אונטערערד אויף דער אַרישער זייט. זי איז געראַטעוועט. זעצט פאַר איר טעטיקייט אין וואַרשע.

די קולטור טעטיקייט אין ווארשעווער געטא

דער באַריכט איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דורכן אונטערערד פון וואַרשע קיין לאָנדאָן פאַרן „ייוואָ" אין ניו־יאָרק. ער איז געשריבן געוואָרן אין וואַרשע, דעם 1־טן מערץ 1944, מיט די חתימות פון ד"ר אַ. בערמאַן און ד"ר עמנואל רינגעלבלום, און אָפּגע־שיקט געוואָרן סוף מאַי 1944.

צום אידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט „ייוואָ",
צום אידישן פען־קלוב,
צו שלום אַש, ה. לייוויק, י. אָפּאַטאָשו, דר. רפאל מאַהלער,
ניו־יאָרק.

טייערע פריינט!

מיר שרייבן צו אייך אין אַ מאָמענט ווען 95 פּראָצענט פון די פּוילישע אידן זיינען שוין אומגעקומען אין די גרויזאַמע פּייניקונגען, אין די גאַז־קאַמערן פון די שעכט־הייזער טרעבלינקע, סאָביבאָר, כעלמנאָ און אָשוויענטשים אָדער זיי זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן בשעת די אומציילבאַרע „ליקווידיר"־אַקציעס אין די געטאָס און לאַגערן. דער גורל פונם קליינעם טייל אידן, וואָס מאַטערט זיך נאָך און גייט־אויס אין די געציילטע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, איז אויך שוין אַ געחתמעטער. אפשר וועט לעבן־בלייבן אַ קלייניקער הייפל פון די אידן, וועלכע פירן אַן אומלעגאַל לעבן אין די „אַרישע קוואַרטאַלן" אין כסדרדיקער טויט־געפאַר, אָדער פון יענע אידן, וועלכע וואָגלען אַרום אין די וועלדער, ווי געיאָגטע חיות. צי וועט ווער־עס־איז פון אונז, די געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע אַרבעטן אין באַדינגונגען פון טאָפּלטער קאָנספּי־ראַציע, איבערלעבן די מלחמה? — מיר צווייפלען אין דעם. דעריבער ווילן מיר אויף דעם וועג דערציילן אייך אין קורצע ווערטער וועגן די אַרבעטן, וועלכע פאַרבינדן אונז מיט אייך צומשטאַרקסטן.

אינם מאָמענט, ווען די פּוילישע אידן זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטערן גרויל־יאָך פון היטלעריזם, האָט דער אידישער אומאָפּהענגיקער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוו אָנגעהויבן אַ ברייט־פאַרמאָסטענע טעטיקייט אונטערן לאָזונג פון זעלבסטהילף און קאַמף. מיט דער אַקטיווער און באַדייטנדיקער מיטהילף פונם „דזשאָינט" איז געגרינדעט געוואָרן אין וואַרשע און אויף דער פּראָווינץ אַ זייער גרויסע נעץ פון סאָציאַלע הילף־אַנשטאַלטן, וועלכע זיינען געפירט געוואָרן דורך *Ż.T.O.S.* — אידישע געזעלשאַפט פאַר סאָציאַלע הילף [1], „צענטאָס" — צענטראַלע פאַר יתומים און קינדער־הילף, און „טאָז" — געזעלשאַפט אָפּצוהיטן דאָס געזונט פון דער אידישער באַפעלקערונג. אויך „אָרט" (געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן אַרבעט און פאַך־בילדונג צווישן אידן) האָט אַנטוויקלט אַ באַדייטנדיקע טעטיקייט.

צענדליקער טויזנטער אידן, דערוואַקסענע און קינדער, האָבן געקענט אַ לענגערע צייט דערהאַלטן זיך ביים לעבן נאָר אַדאַנק דער הילף פון די אַנשטאַלטן און דער פאַרצווייגטער נעץ פון הויז־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן מיט זיי צוזאַמענגעאַרבעט. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן געפירט זייער אָפּפערווייליקע טעטיקייט ביזן לעצטן מאָמענט, ביז וואַנען עס האָט נאָך געטליעט דער סאַמע קלענסטער פונק פון לעבן אין דער אידישער געמיינזאַמקייט. אונטער זייער מאַנטל האָבן אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען און אידעאישע שטרעמונגען געפירט זייער קאָנספּיראַטיווע טעטיקייט. אונטער זייער פירמע זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן כמעט אַלע קולטור־אַרבעטן.

דער לאָזונג פונם אידישן געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו איז געווען: „לעבן מיט ווירדע און שטאַרבן מיט ווירדע!"

מיר האָבן זיך באַמיט אין די געטאָס און אין די לאַגערן צו פאַרווירקלעכן אָט דעם לאָזונג. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער ברייט־פאַרנעמיקער קולטור־אַרבעט, וואָס נישט געקוקט אויף דעם אויסטערלישן טעראָר און הונגער און נויט האָט זי זיך אַנטוויקלט און געוואַקסן אין־דער־ברייט און אין־דער־טיף האַרט ביז דעם מאַרטירערישן טויט פון פּוילישן אידנטום. אינם מאָמענט, ווען דער וואַרשעווער געטאָ איז הערמעטיש אָפּגעשלאָסן געוואָרן האָט זיך געשאַפן די קאָנספּיראַטיווע קולטור־אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „איקאָר" — אידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע — וועלכע האָט געפירט אַ פאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייט; זי האָט אָרגאַניזירט ציקלען פון וויסנשאַפטלעכע לעקציעס, יובליי־פייערונגען — י. ל. פּרץ, שלום־עליכם, מענדעלע, באָראָכאָוו א. אַ. — און אויך ליטעראַרישע און קינסטלערישע אונטערנעמונגען. דער לעבעדיקער גייסט פון „איקאָר" איז געווען דער יונגער וויסנשאַפטלער־עקאָנאָמיסט

[1] Żydowskie Towarzystwo Opieki Społecznej — דאָס איז געווען די קאָאָרדינאַציע פון אַלע עקזיסטירנדיקע הילף־אינסטיטוציעס, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אין זומער 1940. דידאָזיקע אינסטיטוציע ווערט אַסך מאָל דערמאָנט אין די דאָקומענטן און אזכרה־פאַרצייכענונגען אַלס די אידישע געזעלשאַפט פאַר סאָציאַלער הילף *Ż.T.O.S.* זש. ט. אָ. ס.

מאַגיסטער מנחם לינדער (לפ״ג), וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן אין אַפּריל 1942 [2].

אונטערן מאַנטל פון די קינדער־קיכן און קינדער־היימען פון „צענטאָס" איז געשאַפן געוואָרן אַ ריי אומלעגאַלע שולן פון פאַרשידענע ריכטונגען — „ציִשאָ", „תרבות", „שול־קולט", „יבנה", „חורב", „בית־יעקב" און אַנדערע [3]. אַ באַזונדערע אַקטיוויטעט האָבן אַרויסגעוויזן די וועלטלעכע שולן מיט דער אידישער שפּראַך. זיי זיינען געבויט געוואָרן דורך די אומפאַרגעסלעכע טוער שכנא זאַגאַן (לפ״ג) און סאָניאַ נאָוואָגרודזקי (לפ״ג), וועלכע זיינען ביידע אַרויסגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע צום טויט.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָנספּיראַטיווער צענטראַלער אידישער אַרכיוו, מיט דעם אומשולדיקן נאָמען „עונג שבת", אונטער דער אָנפירונג פון דר. עמנואל רינגעלבלום (לפ״ג), דער שעפער פון אַרכיוו, און ביי דער אַקטיווער מיטאַרבעט פון ה. וואַסער (צווישן די געראַטעוועטע), מאַגיסטער גוטקאָווסקי (אליהו), הרב ש. הובערבאַנד, ש. ווינטער, מנחם קאָן, אברהם לעווין (אַלע לפ״ג) א. אַ. דער אַרכיוו האָט געזאַמלט מאַטעריאַלן און דאָקומענטן אין שייכות מיט דער מאַרטיראָלאָגיע פון די אידן אין פוילן. אַדאַנק דער אינטענסיווער אַרבעט פונם גאַנצן מיטאַרבעטער־שטאַב איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן איבער אַ צענדליק קאַסטנס מיט באַזונדערס ווערטפולע דאָקומענטן, כראָניקעס, טאָגביכער, רעפּאָרטאַזשן, פּאָטאָ־

[2] נאָך פּרטים וועגן „איקאָר" זע זייט 230, באַמערקונג 4. אין בריוו ווערט נישט דערמאָנט די אידיש־העבראישע קולטור־אינסטיטוציע „תקומה", וועלכע האָט גלייכבאַרעכטיקט ביידע שפּראַכן — אידיש און העבראיש — אין דער קולטור אַרבעט. „תקומה" האָט, צווישן אַנדערע איינגעאָרדנט די געדענק־אָוונטן פאַר ר׳ יהודה הלוי, ח. נ. ביאַליק און נאָך, וועלכע האָבן געוויינטלעך צוגעצויגן אַ גרויסן עולם. אירע לעקציעס און אָוונטן פלעגן פאָרקומען אין דער ביבליאָטעק־געביידע ביי דער קהלה. די לעקטאָרן זיינען געווען דר. נתן עק (צווישן די געראַטעוועטע, איצטער אין אַמעריקע), אלחנן צייטלין (דער זון פון הלל צייטלין — אומגעקומען אין געטאָ), א. ל. בלאָך, ד״ר טולאָ (נפתלי) נוסנבלאַט, יצחק קאַצענעלסאָן, ד״ר יצחק שיפּער, דר. מנחם (עדמונד) שטיין (אַלע לפ״ג).

[3] דאָ איז כדאי צו דערמאָנען די גימנאַזיע און דעם ליצעאום געגרינדעט דורך „דרור", וועלכע זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט „תרבות" און „שול־קולט". וועגן זייער גרינדונג איז באַשלאָסן געוואָרן אויף דער באַראַטונג פון דער באַוועגונג אין יוני 1940 און זיי האָבן אָנגעהויבן זייער טעטיקייט אין אויגוסט 1940. דאָס ערשטע לערניאָר האָט זיך פאַרענדיקט מיט 72 תלמידים און 11 לערער. דאָס צווייטע לערניאָר האָט זיך אָנגעהויבן מיט 120 תלמידים און 13 לערער. צווישן די לערער זיינען געווען — יצחק קאַצענעלסאָן, מאַרק פאָלמאַן, יוסף סאַק, חיים זעלמאַנאָווסקי און אַנדערע. פון די 120 שילער זיינען געבליבן לעבן נאָר 4, פון די 13 לערער — נאָר די לעצט־אויסגערעכנטע 2. אין אַ שפּעטערדיקער תקופה איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ גימנאַזיע פון „תרבות", אָבער נאָר די ערשטע קלאַסן.

די זאָרג און אַקטיוויטעט אויפן געביט פון גרינדן דערציאונגס־אַנשטאַלטן און אַנטוויקלען דאָס קולטורעלע לעבן אין וואַרשעווער געטאָ־אונטערערד איז געווען גרויס סיי אין די וועלטלעכע און סיי אין די רעליגיעזע קרייזן. הלל זיידמאַן, אין זיינע שילדערונגען פון געטאָ־לעבן, דערציילט, אַז אין יאָר 1941 האָבן עקזיסטירט 46 חדרים מיט 182 דערציער, 4 „בית־יעקב" אַנשטאַלטן מיט 16 דערציערינס, 6 ישיבות קטנות און 2 ישיבות. אין די אַלע אַנשטאַלטן האָבן געלערנט 3500 קינדער און יוגנטלעכע.

גראַפּיעס א.אַ.וו. די אַלע מאַטעריאַלן זיינען פאַרגראָבן געוואָרן אין שטח פון געטאָ. מיר קענען איצטער נישט צוקומען צו זיי[4]. די מערסטע מאַטעריאַלן, וועלכע זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד, שטאַמען פון אונזער אַרכיוו. מיר האָבן אַלאַר־מירט די וועלט מיט גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן דעם גרעסטן פאַרברעכן אין דער געשיכטע. די אַרכיוו־אַרבעט פירן מיר ווייטער. טראָץ די שרעקלעכסטע באַדינגונגען זאַמלען מיר פאַרצייכענונגען און דאָקומענטן, וועלכע האָבן אַ שייכות מיט דער מאַר־טיראָלאָגיע, מיטן קאַמף און מיט די איצטיקע לעבנס־באַדינגונגען פונם איבערבלייב פון די פוילישע אידן. אין די יאָרן 1941 און 1942 זיינען מיר געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט ז. קאַלמאַנאָוויטש (לפ״ג) אין ווילנע, וועלכער האָט אונטער אַ קאָנטראָל פון די דייטשן סיסטעמאַטיזירט די „ייוואָ״־מאַטעריאַלן, און אַ באַדייטנדן טייל פון זיי האָט ער באַהאַלטן. אין איצטיקן מאָמענט זיינען שוין מער נישטאָ קיין אידן אין ווילנע. אַ גרויסער צענטער פון אידישער קולטור און פון מאָדערנער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט איז חרוב געוואָרן פולשטענדיק.

אַ לעבהאַפטע אומלעגאַלע קולטור־אַרבעט האָבן געפירט כמעט אַלע אידישע פאַרטייען און ריכטונגען, באַזונדערס — די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. כמעט די גאַנצע צייט וואָס עס האָט עקזיסטירט דער געטאָ איז דערשינען אַן אונטערערדישע פרעסע, עס זיינען דערשינען צייטשריפטן און זאַמלהעפטן. אַ באַזונדערס־לעבהאַפטע פרעסע־טעטיקייט האָבן געפירט די פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס: „בונד״ — „ביולעטין״, „צייט־פראַגן״, „יוגנט־שטימע״, Za Naszą i Waszą Wolność („פאַר אונזער און אייער פרייהייט״ — אין פויליש); Nowa Młodzież („די נייע יוגנט״ — אין פויליש)[5]; „לינקע פועלי ציון״ — „פראָלעטאַרישער געדאַנק״, „יוגנט־רוף״, „אַוואַנגאַרד״, Nasze Hasło („אונזער לאָזונג״ — אין פויליש); „השומר הצעיר״ — Przed wiośnie („ערב פרילינג״ — אין פויליש), Jutrznia („מאָרגנשטערן״ — אין פויליש), „אויפברויז״[6] און אַ ריי זאַמלהעפטן; „דרור״ (החלוץ און פרייהייט־החלוץ הצעיר, די יוגנט־באַוועגונג פון דער פועלי ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי) — „דרור״[7], „ידיעות״[8],

---

[4] איצט איז קלאָר געוואָרן, אַז די קאַסטנס זיינען פאַרגראָבן געוואָרן אין די הויפן נאָוואָ־ליפּקי 68 און שווינטאָיערסקע 34 (אַ טייל איז פאַרגראָבן געוואָרן אינמיטן גרויסן גירוש — דעם 14־טן אויגוסט 1942). דעם מאַטעריאַל, וואָס איז פאַרגראָבן געוואָרן אינם הויף אויף נאָוואָליפּקי 68 איז, נאָך אַסך באַמיאונגען, געלונגען צו געפינען אין סעפּטעמבער 1946 (10 קאַסטנס).

[5] עס איז אויך דערשינען אַ וואָכנבלאַט „דער גלאָק״, וואָס דער נאָמען איז אָפט געענדערט געוואָרן אויף „דער וועקער״, „אויף דער וואַך״, „שטורעם״ א.א. „ביולעטין״ איז געווען דער צענטראַל־אָרגאַן פון „בונד״; „צייט־פראַגן״ — פאַר דיסקוסיע־פראַגן און טעאָרעטישע פּראָב־לעמען; „יוגנט־שטימע״ — אָרגאַן פון „צוקונפט״.

[6] אַ וואָכנבלאַט.

[7] עס זיינען דערשינען ביי 20 נומערן אויף אידיש און ביי 10 אויף פויליש. דער רע־דאַקטאָר פון דער פוילישער אויסגאַבע איז געווען מאַרק פאָלמאַן.

[8] דערשינען אַלס וואָכנבלאַט, כסדר, פון מערץ 1942 ביזן אָנהויב פון גרויסן גירוש, דעם 22־טן יולי 1942. די צייטונג איז געדרוקט געוואָרן אין אַ קליינער צאָל עגזעמפּלאַרן (העקטאָ־גראַפּירט) — 100, האָט אָבער געהאַט אַרום דריי טויזנט לייענער.

„המדריך״ [9], „גבורה און פיין״ [10]; פועלי ציון (צ.ס.) — „באַפרייאונג״ [11]; דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק — „דער רוף״ [12]; די קאָמוניסטן — מאָרגן־פרייהייט״ און אַנדערע. אַ טייל פון די דאָזיקע אויסגאַבן, וועלכע זיינען דערשינען אין וואַרשע, איז פאַרשפּרייט געוואָרן כמעט אין אַלע געטאָס, נישט געקוקט אויף די קאָלאָסאַלע שוועריקייטן פון פאַרבינדונג און קאָמוניקאַציע [13].

אַ פאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייט צווישן ברייטע שיכטן פון קינדער און יוגנט האָט געפירט די צענטראַלע פאַר קינדער־הילף „צענטאָס״ אונטער דער אָנפירונג פון דר. אַ. בערמאַן און פון דער אומפאַרגעסלעכער טוערין ראָזאַ סימכאָוויטש (לפ״ג), — זי איז געשטאָרבן פון טיפוס, אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער קראַנקהייט ביי דער אַרבעט צווישן קינדער פון גאַס [14]. מיט דער הילף פון אַ שטאַב אידישע לערער, דערציער און אַרטיסטן זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן הונדערטער קינדער־פאָרשטעלונגען אין אינטערנאַטן, קינדערהיימען און קלובן, עס זיינען געשאַפן געוואָרן אַ צענטראַלע ביבליאָטעק פאַר קינדער אונטער דער אָנפירונג פון בתיה טעמקין־בערמאַן, אַ טעאַטער אונטער דער אָנפירונג פון בלומע פוסווערק [15] מיט דער באַטייליקונג פון א. סאַמ־

[9] אַ פעריאָדישע אויסגאַבע, געזאַמלטע מאַטעריאַלן פאַר די מדריכים אין דער פראָווינץ. אין אַלע אויסגאַבעס פון „דרור״ און פועלי ציון (צ.ס.) האָבן זיך סטאַביל באַטייליקט, אויסער אויסגעשפּראָכענע פאַרטיי־טוער, אויך יצחק קאַצענעלסאָן, יחיאל לערער, מאַגיסטער מנחם לינדער, דער קריטיקער בערנשטיין, דער קאָמפּאָזיטאָר גלאַטשטיין און אַנדערע.

[10] דער ריכטיקער נאָמען פון דער זאַמלונג איז געווען „פיין און גבורה אין דער אידישער געשיכטע״, — אַ זאַמלונג וועגן דער מאַרטיראָלאָגיע פון אונזער פאָלק פון זינט דעם חורבן בית המקדש. די זאַמלונג איז געדרוקט געוואָרן אויפן העקטאָגראַף, 120 זייטן, דערשינען אין 400 עקזעמפּלאַרן. דער רעדאַקטאָר און הויפּט שרייבער איז געווען — אליהו גוטקאָווסקי (לפ״ג).

[11] עס איז אויך דערשינען די פאַרטיי־צייטונג אין פויליש „נאָווע טאָרי״ — און אויף אידיש: „אונזער וועג״.

[12] פון דער צייטשריפט זיינען דערשינען נאָר דריי נומערן. דער רעדאַקטאָר איז געווען מרדכי טענענבוים, אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע שכנא זאַגאַן און יוסף לעוואַר־טאָווסקי־פינקעלשטיין.

[13] צווישן די פריער דערמאָנטע מאַטעריאַלן (זע באַמ. 4), וועלכע זיינען דאַן פאַרגראָבן געוואָרן און דעם 18־טן סעפּטעמבער 1946 זיינען זיי ווידער אויסגעגראָבן געוואָרן, האָט מען אויך געפונען אויסגאַבעס, וואָס ווערן נישט דערמאָנט אין דר. ע. רינגעלבלומס בריוו: עקזעמפּלאַרן פון דער אויסגאַבע פון הנוער הציוני — „שביב״; די „המדינה״ פון די רעוויזיאָ־ניסטן, געווידמעט דעם אָנדענק פון וו. זשאַבאָטינסקי (אגב, די איינציקע אידישע אונטערערד־אויסגאַבע וואָס איז געווען געדרוקט, אַלע אַנדערע אויסגאַבן זיינען געווען העקטאָגראַ־פירט); 6 נומערן פון דער „גורדוניה״־צייטונג „סלאָוואָ מלאָדיך״ (דאָס וואָרט פון די יונגע); די זאַמלונג — 111 זייטן — „עתון התנועה״ (וועלכע איז, ווייזט אויס, די באַקאַנטע זאַמלונג מיטן מאַסקירטן נאָמען „לוח חקלאי״) און „נגד הזרם״ פון „השומר הצעיר״, — די לעצטע 3 אויסגאַבעס זיינען שוין דערמאָנט געוואָרן אין דער ערשטער — העברעאישער — אויפלאַגע פון דעם בוך (אָנהויב 1946) אין די אָנדענק פאַרצייכנישן פאַר די געפאַלענע חברים, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט זייער אַרויסגעבן.

[14] אין דער הילף־אַרבעט פאַר קינדער איז געווען זייער אַקטיוו אויך רחל שטיין (לפ״ג).

[15] דאָ ווערט געמיינט דער מאַריאָנעטן טעאַטער פאַר קינדער, וועלכער האָט געשפּילט

בערג (לפ"ג), חנה בראַז (לפ"ג) א. קורץ (לפ"ג), מיכאל זניטש[16] און אַנדערע[17], און אויך קורסן פאַר אידיש און אידישער ליטעראַטור. באַזונדערס זיינען בשעת די גרויסע געזעלשאַפטלעכע אַקציעס פונם „חודש פון קינד" פאָרגעקומען אימ־פּאָזאַנטע קולטור־קינסטלערישע פאַראַנשטאַלטונגען, צו וועלכע עס פלעגן קומען טויזנטער צוהערער כדי אָפּצורייסן זיך אויף אַ פּאָר שעה פון דער קאָשמאַרנער ווירקלעכקייט און פאַרברענגען זאָרגלאָז צוזאַמען מיט די קינדער. אין אָט די פאַר־אַנשטאַלטונגען, וואָס זייער קינסטלערישער ניוואָ איז געווען אַ הויכער, האָבן אָנטייל־גענומען הונדערטער קינדער פון די „צענטאָס"־אַנשטאַלטן און פון די שולן. הייַנט זיינען שוין מער נישטאָ קיין אידישע קינדער אין פּוילן. כמעט הונדערט פּראָצענט פון די אידישע קינדער האָבן די היטלערישע פאַרברעכער דערמאָרדעט.

אין געטאָ־געביט איז געווען טעטיק אַ סימפאָנישער אָרקעסטער מיטן אויסגע־צייכנטן דיריגענט שמעון פולמאַן (לפ"ג) אינדערשפּיץ. די שיינע סימפאָנישע און קאַמעראַלע קאָנצערטן האָבן געשאַפן קנאַפּע מאָמענטן פון אָפּרו און פאַרגעסונג; פולמאַן און כמעט אַלע אָרקעסטער־מיטגלידער מיטן פידלער לודוויק האָלצמאַן (לפ"ג) אינדערשפּיץ זיינען אומגעקומען אין טרעבלינקע. דער יונגער קאַפּעלמייסטער מאַריאַן נויטייך (לפ"ג) איז אומגעקומען אין לאַגער אין טראַווניקי. אין געטאָ זיינען אויך אויפגעקומען יונגע, נייע טאַלאַנטן. ווי אַ מעטעאָר האָט אויפגעלויכטן די פענאָמענאַלע יונגע זינגערין מאַרישאַ אייזענשטאַט (לפ"ג), — דער „געטאָ־נאַכטיגאַל" — די טאָכטער פונם דיריגענט פון ווארשעווער סינאַגאָגע־כאָר[18]. זי איז דערהרגעט געוואָרן דורך ס.ס.־מענער בשעת אַ ליקווידיר־אַקציע. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן כאָרן, אויף אַ באַזונדערס־הויכן ניוואָ זיינען געווען די קינדער־כאָרן[19]

אין אידיש און פּויליש. מער פּרטים וועגן בלומע פּאָסוועָרק, זע ז. 213, באַמ. 13. באַריכט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אויף דער אַרישער זייט.

[16] אַ באַקאַנטער, אָנגעזעענער אַרטיסט פונם פּוילישן טעאַטער, פריער אין לאָדזש און דערנאָך אין וואַרשע.

[17] עס האָט אויך פונקציאָנירט אַ דראַמאַטישער קרייז פון „דרור", אָנגעפירט דורך יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכער האָט אויפגעפירט ביבלישע שאַפּונגען אָדער שאַפונגען אויף ביבלישע טעמעס. דער קרייז האָט אייַנגעאָרדנט ביי אַ 20 אויפטרעטונגען אין געטאָ, און אַלע זיינען אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. מאַרעק עדעלמאַן דערציילט אין „גלאָס בונדו" (די שטימע פון בונד) פונם 15־טן יוני 1947, אַז דער „סקיף", די קינדער אָרגאַניזאַציע פונם „בונד", האָט אָרגאַניזירט אין געטאָ אַ קינדער טעאַטער, וואָס האָט געשפּילט אויף קראָכ־מאַלנע 36. דעם 1־טן מאַי 1941 איז פאָרגעקומען די 80־טע פאָרשטעלונג, ביי דער אָנוועזנהייט פון 2000 קינדער. דאָס איז אָבער אויך געווען די לעצטע פאָרשטעלונג, צוליבן פאַרבאָט פון די דייטשן.

[18] די צענטראַלע סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע גאַס. זי איז אויפגעריסן געוואָרן דורך די דייטשן דעם 16־טן מאַי 1943, נאָך דער אונטערדריקונג פונם געטאָ־אויפשטאַנד.

[19] גאָר באַזונדערס דאַרף דערמאָנט ווערן דער שול־כאָר פון „שול־קולט", וואָס איז באַשטאַנען פון קינדער פונם אינגערן שיכט אין „דרור". אָט דער כאָר האָט באַקומען דעם ערשטן פּרייז אינם קאָנקורס פון קינדער־כאָרן אין געטאָ.

אונטער דער לייטונג פון י. פ י י ו ו י ש י ס (לפ״ג). פייווישיס איז אומגעקומען אין לאַגער אין פּאָניאַטאָוואָ. אַנדערע כאַר־אָנפירערס, ווי ג ל אַ ט ש ט י י ן (יעקב, לפ״ג), ז אַ ק ס (לפ״ג) און אַנדערע זיינען אומגעקומען אין טרעבלינקע. די אידישע מאָלערס און סקולפּטאָרן, וועלכע האָבן געלעבט אין דער שרעקלעכסטער נויט האָבן פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט אויסשטעלונגען פון זייערע שאַפונגען. צווישן אָט די אָרגאַ־ניזאַטאָרן איז געווען פ ע ל י ק ס (פ י ש ל) פ ר י ד מ אַ ן (לפ״ג). אַלע אידישע פּלאַסטיקער זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן צום טויט קיין טרעבלינקע.

אפילו אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון ס.ס., וואוהין עס איז אַרויסגעפירט געוואָרן אַ טייל אידן פון וואַרשע און פון אַנדערע שטעט, האָט אונזער געזעלשאַפט־לעכער און קולטור־אַקטיוו נישט אויפגעהערט די טעטיקייט, ער האָט זיך נישט איינגעבראָכן און איז ווייטער פאַרבליבן אויפן פּאָסטן פון געזעלשאַפטלעכער דינסט. אין פּאָניאַטאָוואָ, אין טראַווניקי ווי אויך אין אַנדערע לאַגערן האָט זיך געשאַפן אַ קאָנספּיראַטיווע געזעלשאַפטלעכע זעלבסטהילף; פון צייט צו צייט זיינען אפילו פאָר־געקומען אומלעגאַלע קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען, פייערונגען א.אַ.וו. דער קוואַל פון געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אַרבעט האָט געשלאָגן אַזוי לאַנג ביז וואַנען עס האָט נאָך פּולסירט אַ לעבן אין די אידישע צונויפזאַמלונגען. זייט וויסן, אַז די לעצטע, ביים־לעבן־פאַרבליבענע טוער זיינען ביזן לעצטן מאָמענט טריי געווען די אידעאַלן פון אונזער קולטור. די פאָן פון קולטור און קאַמף געגן באַרבאַריזם האָבן זיי געהאַלטן אין זייערע הענט ביזן טויט.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון די מערדערישע „אַרויסשיקונג־אַקציעס״ האָט די אידעע פון קאַמף פאַרנומען דעם אָרט פון דער זעלבסטשוץ־אידעע. אויפן אויבנאָן האָט זיך אַרויסגערוקט אונזער העלדישע יוגנט פון אַלע ריכטונגען צוזאַמען מיטן אַרבעטער־אַקטיוו, און קודם כל פון די ארץ־ישראל־טרייע אָרגאַני־זאַציעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן די הערלעכע עפּאָפּיי פונם אידישן באַוואָפנטן קאַמף אין פּוילן: דער העלדישער ווידערשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, דער הערלעכער קאַמף אין ביאַליסטאָק, די פאַרניכטונג וואָס אידן האָבן אַדורכגעפירט אין די שחיטה־ערטער טרעבלינקע און סאָביבאָר, די קאַמפן אין טאַרנע, בענדין, טשענסטאָכאָוו און אין אַנדערע ערטער. די אידן האָבן דערוויזן דער וועלט, אַז זיי קענען קעמפן מיט געווער אין האַנט, אַז זיי קענען שטאַרבן מיט ווירדע אין קאַמף געגן דעם בלוט־שונא פון אידישן פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט.

דאָס איז אַלץ וואָס מיר האָבן אייך געוואָלט זאָגן, טייערע פריינט. נישט קיין סך זיינען מיר, די לעבנגעבליבענע. פונצווישן די שרייבער לעבט, שרייבט און אַרבעט מיט אונז רחל א ו י ע ר ב אַ ך[20], עס לעבט דער יונגער דיכטער נחמן ב ל י ץ[21]; עס

[20] זע ז. 174, באַמ. 10 צום באַריכט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון 15־טן נאָוועמבער.

[21] אַ יונגער פּראָזאאיקער, וועלכער פלעגט זיך באַטייליקן אין דער ליטעראַרישער וואָכנשריפט „ליטעראַרישע בלעטער״. ער איז געראַטעוועט.

לעבט אַ ריי פּויליש־אידישע שרייבער: רודניצקי[22], יאַסטרון[23] לעץ[24], מאַקסימיליאַן באָראַכאָוויטש[25] און אַנדערע. עס לעבן און געפינען זיך אונטער אונזער אויפזיכט די אַקטיאָרן יאָנאַס טורקאָוו און דיאַנאַ־בלומענפעלד[26] מיט זייער טאָכטער. עס לעבט דער מאָלער נאַכט[27], יצחק קאַצענעלסאָן (לפ״ג) געפינט זיך, ווי איר ווייסט אַוודאי, אין אויסלענדער־לאַגער אין וויטעל. י. פּערלע (לפ״ג), ג. בוקסבוים (לפ״ג) און אויך עטלעכע אַנדערע טוער זיינען אַרויסגעפאָרן אין לאַגער פאַר אויסלענדער אין בערגען ביי צעלע ביי האַנאָווער (בערגען־בעלזען). צי זיי לעבן, ווייסן מיר נישט. טוט עפּעס פאַר זיי דורכן אינטער־נאַציאָנאַלן רויטן קרייץ. אַ ליסטע פונם אויסגעמאָרדעטן קולטור־אַקטיוו לייגן מיר ביי[28].

צי וועט אונז נאָך אויסקומען זיך זען מיט אייך, — צווייפלען מיר. גיט איבער אונזערע הייסע גרוסן אַלע אידישע קולטור־טוער, ליטעראַטן, זשורנאַליסטן, מוזיקער, פּלאַסטיקער, אַלע בויערס פון דער נייצייטיקער אידישער קולטור און די קעמפער פאַר אַ נאַציאָנאַלער און אַלמענטשלעכער באַפרייאונג.

דר. עמנואל רינגעלבלום, דר. א. בערמאַן

וואַרשע, 1־טער מערץ 1944

באַמערקונג (אינם באַריכט גופא):

דער בריוו איז געשריבן געוואָרן דעם 1־טן מערץ. אַ וואָך שפּעטער, דעם 7־טן מערץ 1944, האָט די געסטאַפּאָ אַנטדעקט דעם אונטערערדישן שוצאָרט אין אידישן

---

[22] אַדאָלף הירשהאָרן, געבוירן אין גאַליציע, אַ שריפטשטעלער־ראָמאַניסט אין פּויליש. עס זיינען באַקאַנט זיינע ראָמאַנען „שטשורעס", „זומער", „סאָלדאַטן". אין זיינע שאַפונגען (אונטערן נאָמען הענריק רודניצקי) באַהאַנדעלט ער אידישע טעמעס. ער איז געראַטעוועט. ער זעצט פאָר זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט אין פּוילן. אין 1946 איז אין לאָדזש דערשינען (אין פּויליש) זיינס אַ ביכל „די מאַרטיראָלאָגיע און פאַרטיליקונג פון די וואַרשעווער אידן".

[23] מיעטשיסלאַוו אַגאַטשטיין, אַ געבוירענער אין טאַרנע, אַ פּוילישער דיכטער פון דער גרופּע „אַוואַנגאַרד", וועלכע האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך יונגע שרייבער. געראַטעוועט. היינט געהערט ער צו פּ.פּ.ר. — קאָמוניסטן. אַ מיטרעדאַקטאָר פון „קוזשניצאַ", אַ וואָכנבלאַט פאַר פּובליציסטיק און ליטעראַטור.

[24] לעץ סטאַניסלאַוו יעזשי, געבוירן אין מזרח־גאַליציע. געענדיקט זיינע שטודיעס אין לעמבערג. אַ פּוילישער דיכטער און סאַטיריקער. געווען אַ מיטרעדאַקטאָר פון דער לינקער הומאָריסטישער צייטשריפט „שפּילקי". ער איז געראַטעוועט.

[25] זע זייט 223, באַמ. 2 צום בריוו פון 15־טן נאָוועמבער 1943, צום איחוד־עולמי פּועלי ציון (צ.ס.)—התאחדות.

[26] באַקאַנטע וואַרשעווער אידישע אַקטיאָרן; זיי זיינען געראַטעוועט.

[27] נאַכט יוסף, אַ קראָקעווער, פון די באַגאַבטע יונגע מאָלערס.

[28] עס ווערט געמיינט די ליסטע פון 320 דערמאָרדעטע דורך די דייטשן — פון די אָנגע־זעענסטע אידן אין פּוילן: רבנים, געלערטע, שריפטשטעלער, זשורנאַליסטן, לערער, קינסטלער און געזעלשאַפטלעכע טוער פון אַלע פּאַרטייען און שיכטן; דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט איבערגעשיקט די ליסטע קיין לאָנדאָן אין מאַי 1944.

קוואַרטאַל [29], אין וועלכן עס האָט זיך אויסבאַהאַלטן דר. ע. רינגעלבלום. ער און זיין פרוי יהודית (לפ״ג) און זייער זון (אוריה) און נאָך פינף און דרייסיק מענטשן, הויפּטזאַכלעך פון דער אינטעליגענץ, זיינען דורך די דייטשן שרעקלעך צעפּייניקט און דערשאָסן געוואָרן אויף די חורבות פון געטאָ. אַזוי מאַרטירעריש האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אַ באַקאַנטער היסטאָריקער, אַ פלאַמיקער געזעלשאַפטלעכער טוער, אַן ענטוזיאַסט פון דער נייצייטיקער אידישער קולטור.

20 מאַי 1944

[29] דאָ איז, ווייזט אויס, אַריינגעפאַלן אַ טעות ביים איבערשרייבן דעם דאָקומענט און עס דאַרף זיין אין אַרישן קוואַרטאַל, ווייל צו יענער צייט האָט שוין דער אידישער קוואַרטאַל נישט עקזיסטירט. דער דערמאָנטער בונקער איז געווען אויף גרויעצקע גאַס אין מאָקאָטאָווער קוואַרטאַל וואָס אויף דער אַרישער זייט, אינם הויז פונם פּאָליאַק מיעטשיסלאַוו וואָלסקי; דער בונקער איז געווען געבויט אונטער דער ערד, אין אַ גערטל, פאַרדעקט מיט אַן אָראַנזשעריע. די אידן זיינען געבראַכט געוואָרן אין דער באַקאַנטער טורמע „פּאַוויאַק״ (וועלכע האָט זיך געפונען אינם געטאָ־געביט אויף פּאַוויע גאַס פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט — אויף דזשעלנע־גאַס) און דאָרטן זיינען זיי דערמאָרדעט געוואָרן. ווייזט אויס, אַז מען האָט געבראַכט די אַרעסטירטע אין די חרובע הייזער אויף דזשעלנע־גאַס און דאָרט האָט מען זיי דערמאָרדעט.



אַ מויערן־גאַרטל פון 16 קילאָמעטער די לענג און דריי מעטער די הויך האָט אָפּגעצוימט די אידן אינם וואַרשעווער געטאָ פון דער אַרומיקער וועלט.

לידער פון געטא

צווישן די באַריכטן און בריוו, וואָס דער אידישער־אונטערערד אין וואַרשע האָט געשיקט קיין לאָנדאָן דעם 24־טן מאַי 1944, איז אויך געווען אַ בינטל לידער, וועלכע דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט אין 1944 אַרויסגעגעבן אומלעגאַל אין וואַרשע אין אַ קליין ביכל (פּויליש, „פונם אָפּגרונד”, 22 זייטלעך). אין דער העברעאישער אויסגאַבע פון דעם בוך ברענגען מיר די לידער (איבערגעזעצט פון א. לעווינסאָן). דאָ ברענגען מיר נאָר די צוויי אידיש־געשריבענע לידער (מיט לאַטיינישע אותיות), וואָס זיינען געווען אין יענעם בינטל (אין דעם אין וואַרשע אַרויסגעגעבענעם ביכל זיינען די צוויי לידער נישטאָ). די מיינסטע פון דעם בינטל לידער האָט דער דיכטער א. ל ע י ע ל ע ס איבערגעזעצט אין אידיש און אַריינגענומען אין זיין באַנד לידער און פּאָעמען „אַ איד אויפן ים” („ציקא”־פאַרלאַג, ניו־יאָרק 1947).

***

מיר זיצןביים זאַמדבאַרג צו די פיסנס
און טרינקען לחיים מיטן טויט.
מיר לאַכן פון פעלקערס גרויסן יחוס
און אַרבעטן אויך אין חול־המועד.

די נאָענטע האָבן מיר שוין פאַרלוירן,
מיר דריקן די בילדער צו דער בריסט.
מיר לעבן, ווי אויפסנייע געבוירן,
אַזוי ווי ס׳קאָן אַ לאַגעריסט.

מיר טרינקען מיטן טויט לחיים
און בייסן צו פאַרשימלט ברויט.
מיר ציילן ספירה צום באַפרייען
ביים טויער פון פאַרמאַכטן פלויט.

ה. ג.[1]

***

טרעבלינקע! דאָרט
פאַר אַלע יידן דאָס הייליקע אָרט,
ווער ס׳קומט, פאַרבלייבט שוין דאָרט.
דאָ איז די ענדע...

פראַגמענט פון אַ פאָלקס־ליד
געזונגען פון די אַרבעטער אין די וואַרשטאַטן
נאָך דער ערשטער „אויסזידלונג״ אַקציע [2].

[1] דער מחבר פונם ערשטן ליד איז הענלעאַ גרין, פון דער היים ניימאַן, די פרוי פון ירחמיאל גרין. דאָס ליד איז אין יאָר 1943 געווען זייער פּאָפּולער אינם יאַנאָווער אכזריותדיקן לאַגער אין לעמבערג (וועגן דעם לאַגער זע זייט 170, באַמערקונג 1). מען האָט עס געזונגען מיטן ניגן פון „מיין טאַטע איז אַ סמאַראָוואָזניק״.

הענלעאַ גרין איז געבוירן אין לאָדזש. אַ שילערין פון יצחק קאַצענעלסאָנס גימנאַזיע. שפּעטער שטודירט אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט. פאַרן קריג האָט זי פאַרעפנטלעכט לידער אין אידיש אין די „ליטעראַרישע בלעטער״ און אויך לידער אין פּויליש — געחתמעט הענלעאַ ניימאַן. איר מאַן ירחמיאל גרין, געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער וואָכנשריפט פון „בונד״ אין לעמבערג, האָט בשעתו אָנגעשריבן אַ ראָמאַן „די וועבער פון קאָלאָמיי״ (געדרוקט אין וואַר־שעווער „היינט״). בעת דער מלחמה האָט הענלעאַ גרין אים איבערגעאַרבעט אַלס שוישפּיל. גרין האָט זייענדיק אין לאַגער געשריבן אַ ראָמאַן פון לאַגער־לעבן. קאַפּיטלעך פונם ראָמאַן האָט ער פאָרגעלייענט אויף די „ליטעראַרישע אָוונטן״ אין לאַגער. דער פאָטער פון הענלעאַ גרין — ר׳ אברהם יצחק ניימאַן, איז אין ארץ־ישראל. מיכאל מ. באָרוויטש (באָראָכאָוויטש) אין זיין ביכל „ליטעראַטור אין לאַגער״ (פּויליש, קראָקע, 1946), דערציילט אויספירלעכער די געשעענישן ביי וועלכע דאָס ליד איז אַנטשטאַנען און ווי שנעל עס איז גאָר שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן אין לאַגער. הענלעאַ גרין און איר מאַן זיינען געווען צוזאַמען מיט מ. באָרוויטשן אינם יאַנאָווער לאַגער.

[2] די באַמערקונג איז פאַראַן אין די בשעתו באַקומענע דאָקומענטן פון וואַרשע.

די דייטשע באַרבאַרן האָבן דעם 16־טן מאַי 1943 אויפגעריסן דעם הערלעכן בנין פון דער צענטראַלער סינאַגאָגע אין וואַרשע אויף טלאָמאַצקע־גאַס.

לעצט פאַרבליבענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער (חברים פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע), וועלכע זיינען אַנגעקומען קיין ארץ־ישראל אין די יאָרן 1945—1947.

יצחק צוקערמאַן (אַנטעק)


צביה לובעטקין

שמחה ראָטהייזער (קאַזשיק)

פנינה פּאַפּיער (פּראַנקאַ)


חיים פרימער (העניק)

העלאַ שיפּער

יעקב פּוטערמילך (יאַנעק)

מאַשע גליטמאַן (מאַרישאַ)

אהרן כמיעלניצקי (קוציק)

אירענאַ געלבלום (האַלינאַ)

חוה'קע פאַלמאַן

שרה בידערמאַן (קרישיאַ)

עס פעלן די בילדער פון שרה (סויקע) ערליכמאַן און דוד שטיין.



אַ גאַס אינם וואַרשעווער געטאָ אין די טעג פונם אויפשטאַנד



אויפן וועג אינם פאַרניכטונגס־לאַגער

די פויליִשע באַפעלקערונג אויף דער אַרישער זייט וואַרשע קוקט זיך צו ווי דער געטאָ גייט
אונטער אין פייער און בלוט.


מאפע פון פוילן
לויט די גרעניצן פון 1-טן סעפטעמבער 1939
מאסשטאב 1:4.000.000
פרייסן
דייטשלאנד
דייטשלאנד
טשעכאסלאוואקיי
דאנציג
גדיניע
קעניגסבערג
קאוונע
בידגאשטש
פויזן
וואַרשע
לאדזש
קראקע
לובלין
ביאליסטאק
טרעבלינקע
כעלמנא
אשוויענטשים
בירקענאו
(בזשעזשינקא)
שעבניע
פאניאטאווא
מאידאנעק
סאביבאר
טראווניק
בעלזשעץ
קעלץ
ראדאם
טשענסטאכאוו
בענדין
סאסנאוויעץ
פשעמישל
לאמזשע
שאוועל
גרויסע אידישע קהילות
שטעט און שטעטלעך מיט א אידישן ישוב
פארניכטונגס-לאגער
הויפט באן-ליניע
טייכן
דער שטח פון ביידע זייטן בוג, וואו עס זיינען טעטיק געווען נאך דעם חורבן פון געטא. די פארטיזאנער גרופן פון די לעצט-פארבליבענע קעמפער פונם ווארשעווער געטא.
לאמיאנקי — קאמפינאסער וועלדל: דער שטח וואו אהין עס זיינען אריבערגעפירט געווארן די געטא-קעמפער, וועלכע האבן זיך ארויסגע-ראטעוועט אויף דער ארישער זייט ווארשע דורך די קאנאליזאציע-רערן.

וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד

פון "יודן־ראט" אויף זאמענהאָף־גאס 19; אינמיטן
יי, לויטן באפעל פון די דייטשן, אהין אריבער־
נר קהלה־געביידע אויף גזשיבאָבסקע־גאס 26—28.
ציאָנירט ביזן אויסברוך פון אויפשטאנד. אויפן
.עווען די פּאָסט (זע בילד זייט 98).

אַץ" — ארומגערינגלט מיט א הייזער־בלאָק
זחוץ פונם געטאָ־געביט; פון דאָרטן האָט מען
אין די פארניכטונגס־לאגערן, — אויף א זייטיקער
גער וואָקזאל); צום "אומשלאגפלאץ" האָט מען
ן געטאָ־טויער וואָס אויף שטשענשליווע־גאס
און 181).

טעלע" אויף זשעלאזנע גאס 103 — דער דייטשער
סשיקונגען, פון דאָרטן פלעגן די דייטשע מערדער
"אקציעס" אין געטאָ. בשעת דעם גרויסן גירוש
ו אויפרייסן דאָס הויז, אונטערגראָבנדיק אַ טונעל
ייזער, אָבער דאָס איז זיי נישט געלונגען.

ן די ערשטע קאַמפן, דעם 18 יאנואר 1943, אונטער
מרדכי אניעליעוויטש. אין דערזעלבער
אָרן א פּארטיזאנישער קאמף אויך אין אנדערע
געטאָ" (באצייכנט מיט אות („ד"). זע זייטן 149

קטיוון געטאָ" (באצייכנט מיטן אות („ב") האָבן
געפירט קאמפן אונטער דער קאָמאנדירונג פון
נען געטראָפן געוואָרן 50 דייטשן און דעראָבערט
קסן און רעוואָלווערן.

נג פון די קאמף־גרופּעס פון דער אידישער
די קאמפן פון 19־טן אַפּריל 1943:

ביט („א") — 5 אָפּטיילונגען; אין "פּראָדוקטיוון
פּטיילונגען; אין "צענטראלן געטאָ" („ד") — 9

ונגען אין "צענטראלן געטאָ" („ד"), זיינען געווען
ם גאסן־בלאָק גענשע־זאמענהאָף — מילע־נאלעווקי,
סן־ווינקל מילע־זאמענהאָף.

צענטרירונגס־ערטער פון די 8 אָפּטיילונגען אין
ער ווי מען האָט עס גערופן "פּראָדוקטיוון געטאָ"
אָפּטיילונג, לעשנע 76; 8. קאוועס אָפּטיילונג,
ס אָפּטיילונג, לעשנע 36; 10. נאָוואָדוואָר־
וואָליפּיע 7; 11. מאַיראָוויטשעס אָפּטיילונג
יולעקס אָפּטיילונג נאָוואָליפּיע 66; 13.
ילונג, סמאטשע 68; 14. ווינאָגראנס אָפּטיי־

ן זיינען דעם 19־טן אַפּריל 1943 אריינגעדרונגען
ל־שיסנדיקע הארמאטן אין געטאָ דורכן טויער
; זיי האָבן מאַרשירט לענגאויס זאמענהאָף־גאס
מוראנאָווער־פּלאַץ דורך מילע־גאס; זייער ציל איז
דעם בלאָק וואָס איז דאָ באצייכנט מיט נומער 6.
געלאָזט דערגיין ביז ווינקל מילע־גאס, וואו זיי
ט הינטער באריקאדן אין אלע פיר ווינקלען פון
ע־זאמענהאָף; דאָרטן האָבן זיי אוועקגעלייגט 200
איבעריקע. ווען די דייטשן האָבן זיך אומגעקערט
בן די קעמפער ווידער דערהרגעט 50 פון זיי
ונג 53).

אַפּריל 1943 האָט אַן ס. ס.־אָפּטיילונג פון 300
כן אן אָנגריף אויפן בערשטער־געביט. זיי זיינען
נער־גאס אויף וואָלאָווע־גאס; די אידישע קעמפער
מינע דערהרגעט אַ 100 דייטשן. אין א שטיקל
יטשן באנייט זייער אָנגריף און זיי זיינען ווידער
איבערלאָזנדיק אויפן אָרט אַ 30 נהרגים...

17. א גרויסע אָפּטיילונג זשאנדארמעריע האָט ארויסמארשירט פונם שטאב אויף זשעלאזנע 103, דורך לעשנע, אין דער ריכטונג צום „צענטראלן געטאָ". די קעמפער, וועלכע זיינען געווען קאָנצענטרירט אויף לעשנע 76, אויפן דריטן שטאָק, האָבן זיי באגעגנט מיט צוויי שווערע באָמבעס און מיט א שיסעריי. די דייטשן זיינען זיך צעלאָפן איבערלאָזנדיק אויפן אָרט געהרגעטע (זע זייט 266, באמערקונג 7).

18—21. שטעלונגען פון שווערע הארמאַטן אויסער די געטאָ־מויערן, וואָס די דייטשן האָבן באָמבארדירט מיט זיי דעם געטאָ: 18. קראשינסקי פלאץ; 19. שוויענטאָיערסקע־גאס; 20. מוראנאָווסקע־גאס; 21. באָניפראַטן־גאס. (זע בילדער ביים אָנהויב פונם בוך).

22. די הויפּט־מאגאזינען פון דער „ווערט־ערפאסונג" (די זאמל־ערטער פארן אידישן פארמעגן, וואָס די דייטשן האָבן צוגערויבט), אויף ניזקע־גאס 18—20; אין די הייזער 12—14—16 האָבן געוואוינט די אידן, וועלכע האָבן געארבעט אין די דאָזיקע מאגאזינען. פון די פענסטער פון זייערע וואוינונגען און ארבעטס־ערטער אויף די העכערע שטאָקן האָבן די אידן צוגעזען אלץ וואָס קומט פאָר אויפן „אומשלאגפלאץ". בעת דעם אויפשטאנד האָבן די קעמפער אונטערגעצינדן די מאגאזינען און פאַרניכטעט א פארמעגן פון צענדליקער מיליאָנען זלאָטעס. די קעמפער האָבן אויך פארברענט דעם מאָגאזין פון דער „ווערט־ערפאסונג" אויף נאלעווקי 33.

23. אַ צענטראלער שוצאָרט פון דער אידישער קאמף־אָרגאניזאציע אויף מילע־גאס 29, (אין גאסנווינקל מילע־זאמענהאָף, געווען אן ארייַנגאנג אויך פון זאמענהאָף־גאס), פון דאָרטן פלעגן ארויס־גיין און אהין פלעגן זיך אומקערן די קאָמף־גרופּעס; ער איז צעשטערט געוואָרן דעם 27־טן אַפּריל 1943 בעת א שווערער שלאכט (זע זייט 256, באמערקונג 18).

24. דער שוצאָרט פונם „פארזאָרגונגס־אנשטאַלט" אויף פראנ־ציסקאנער גאס 30, דאָרטן האָבן די קעמפער זיך אויסבאהאלטן אין קריטישע מאָמענטן. דעם 1־טן אָדער דעם 2־טן און אויך דעם 3־טן מאי 1943 האָט זיך דאָרטן פונאַנדערגעפלאקערט א שווערע שלאכט (זע זייטן 295 און 296, באמערקונג 1 און 2).

25. דער שוצאָרט פונם שטאב פון דער אידישער קאמף־אָרגאַ־ניזאציע אויף מילע־גאס נומ. 18, דאָרטן איז דעם 8־טן מאי 1943 אומגעקומען א גרויסע צאָל קעמפער און צווישן זיי — מרדכי אניעליעוויטש, אריה ווילנער, לייב ראָטבלאט און אנדע־רע (זע זייט 164, באמערקונג 60 און זייט 292, באמערקונג 8).

26. שוצאָרט פון די מיסטפירער פונם געטאָ, אויף פראנציסקאַ־נער־גאס נומ. 22, דורך־וואנען די קעמפער זיינען אין דער נאכט פון 8־טן מאי 1943 אַראָפּ אין די קאַנאליזאציע־רערן, (זע זייט 280, באמ. 13).

27. אויף פראָסטע־גאס זיינען די דערמאָנטע קעמפער ארויס דעם 10־טן מאי אינדערפרי אויף דער ארישער זייט (זע ז. 244, באמערקונג 5 און אויך ש. ראטהייזערס באריכט, זייטן 283 ביז 285 און באַמערקונגען 17 ביז 25).

28. אויף לעשנע גאס נומ. 56 זיינען דעם 29־טן אַפּריל אַראָפּ אין די קאנאליזאציע־רערן 40 קעמפער פון טעבענס־שולץ־געביט (באצייכנט אין דער מאַפּע מיטן אות („ב"), זע זייט 270, באמערקונג 13).

29. דאָס אָרט דורך־וואנען די פריער־דערמאָנטע גרופּע איז ארויס פון די קאנאליזאציע־רערן אויף דער ארישער זייט.

30. די טורמע „פּאַוויאַק" צווישן די גאסן דזשעלנע און פּאַוויע.

31. די געגנט אָקאָפּאָווע־פּאָוואָנזעק. די אין־געטאָ־פארבליבענע קעמפער האָבן געפּרווט אויסנוצן די באָמבארדירונג פון ווארשע דורך דער רוסישער אוויאציע, דעם 15־טן מאי 1943, און ארויסרייסן זיך פון געטאָ דורכן קריסטלעכן בית־הקברות, אָבער דאָס איז זיי נישט געלונגען.

32. דאָס אָרט וואוהין עס איז אָנגעקומען די דעלעגאציע פון דער ארישער זייט, וועלכע איז אוועק פון פראָסטע גאס און אריין אין געטאָ־געביט, דעם 8־טן מאי 1943, דורך די קאנאליזאציע־רערן, כדי צו העלפן ארויספירן די קעמפער, אָבער די האָט זיי שוין נישט געפונען.

---

* דער געטאָ־געביט האָט לויט דער ערשטער פאראָרדנונג פון די דייטשן, אין אָקטאָבער 1940, פאַרנומען עטוואָס אַ גרעסערן שטח, ווי ער איז דאָ אָנגעצייכנט אין דער מאָפּע. אָבער אין לויף פונם יאָר 1941 האָבן די דייטשן געוויסע גאָסן (אָדער טיילן פון גאָסן) ארויסגענומען פונם געטאָ־געביט, בפרט אין דער מערב־דרום זייט (ווראָניע, לעשנע, אַנדאַווע, בלאַדנע, פּראָסטע א. אַזוו.)



ווייסל
צענטראל געטא
זאקסישער גארטן
קראשינסקיס גארטן
טעאטער פלאץ
באנק פלאץ
פילסודסקי פלאץ
אייזערנער טויער
גזשיבאוו פלאץ
קאפי טאלנע
דאנציגער באנהויף
לעשנע
נאוואליפקי
נאוואליפיע
דזשעלנע
גענשע
מילע
זאמענהאפ
כלאדנע
זשעלאזנע
גזשיבאווסקע
ירושלימער אליי
מאַרשאַלקאָווסקע
מאראנאווסקע
פראנציסקאנער
צעגלאנע
קרולעווסקע
סענאטאָרסקע
בעלאנסקע
מיאדאווע
פאוויע
דזשיקע
סמאטשע
פראסטע
שליסקע
פאנסקע
זלאטע
כמיעלנע
טווארדע